STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00235

TSVISHN HURBN UN OYFBOY

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Drs. Henry W. Rosenberg & Katherine M. Hicks
in memory of
Hermann Rosner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

צווישן חורבן און אויפבוי

באגעגענישן, איינדרוקן
און באטראכטונגען
פון א רייזע איבער
אייראפע און ארץ ישראל

איקוף פארלאג

ZWISHN CHURBN UN OIFBOI

Between Devastation and Reconstruction

Impressions and Observations During My Trip Through Europe and Palestine

By NACHMAN MAJZEL

Copyright 1947 by
YKUF
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

הילע געצייכנט דורך י. זעלדין

געדרוקט אין 2500 עקזעמפלאַרן

אין דער „פראָמפט פרעס“, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

Printed in U.S.A.

209

דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מיין ברודער י ע ק ב,
זיין פרוי א י ד ו ס י ע
און זייערע צוויי זין
ל י י ב ע ל ע א ו ן מ ו ל י נ ק ע,

וואָס זיינען פאַרפייניקט געוואָרן
דורך די דייטשישע בעסטיעס
אין באָרשטאָוו, גאַליציע,

דאָס בוך געהייליקט

כל זמן כ׳וועל לעבן,
וועל טראָגן זייער געדעכעניש
אין מיין האַרץ און נשמה.
זאָל עס זיין אַ מצבה
אויף זייערע קברים.

פונעם זעלבן מחבר:

דוד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" (קיעוו, 1913), 48 ז"ז.
חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1921), 64 ז"ז.
נאָענטע און ווייטע, ב' 1 (וואַרשע, 1924), 240 ז"ז.
נאָענטע און ווייטע, ב' 2 (וואַרשע, 1926), 260 ז"ז.
שלום אַש, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1929), 64 ז"ז.
פרצעס בריוו און רעדעס (וואַרשע, 1929), 302 ז"ז.
י. ל. פרץ, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1931), 240 ז"ז.
אהרן ליבערמאַן (וואַרשע, 1934), 64 ז"ז.
חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1934), 64 ז"ז.
אויף אונדזער קולטור־פראָנט (וואַרשע, 1936), 336 ז"ז.
יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1937), 192 ז"ז.
טעג און נעכט אין עמק (וואַרשע, 1938), 128 ז"ז.
דער כוח פון יידיש (ניו־יאָרק, 1939), 32 ז"ז.
אברהם גאָלדפאַדען (ניו־יאָרק, 1939), 44 ז"ז.
שלום־עליכם (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז"ז.
דוד בערגעלסאָן (ניו־יאָרק, 1940), 48 ז"ז.
אוריאל אַקאָסטאַ (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז"ז.
פרץ מאַרקיש (טאָראָנטאָ, 1942), 24 ז"ז.
דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור (ניו־יאָרק, 1942), 96 ז"ז.
אייזיק מאיר דיק (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז"ז.
דר. חיים זשיטלאָווסקי (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז"ז.
בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ (ניו־יאָרק, 1944), 416 ז"ז.
י. ל. פרץ, לעבן און שאַפן (ניו־יאָרק, 1945), 368 ז"ז.
פאָרגייער און מיטצייטלער (ניו־יאָרק, 1946), 432 ז"ז.

אינהאַלט

קאַפּיטל		זייט
	צום לייענער	7
1.	קיין אייראָפּע	9
2.	צווישן הימל און וואַסער	15
3.	אין פּאַריז	22
4.	נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן	28
5.	ווי און פרייד ביי ווידעראויפלעבונג	37
6.	דער 14טער יולי	43
7.	צוויי שיפן—צוויי וועלטן	50
8.	מיר דערנענטערן זיך צו ארץ־ישראל	56
9.	אין קלעם און געראַנגל	60
10.	פיר טעג אינעם באַלאַגערטן תל־אביב	66
11.	אינעם יונגן קיבוץ אלונים	73
12.	יגור—דער גרעסטער קיבוץ	82
13.	אין חיפה	90
14.	אין ירושלים	97
15.	אין „טעג פון שטילשטאַנד"	105
16.	דאָס קולטור־שאַפערישע לעבן אין ארץ־ישראל	111
17.	ווידער אונטערזוכונגען און פאַגראָמלעך	134
18.	די געשיכטע מיט דעם אויפרייס פון „קעניג דוד"־האָטעל	139
19.	דאָס האָרעפּאַשנע לעבן	144
20.	וואָס איז אַזוינס אַ קבוצה ?	152
21.	עין־חרוד—די מעקאַ פון די עמק־קבוצות	164
22.	עס בעטן זיך פאַרגלייכן	172
23.	וואָס מען לייענט אַלץ אין ארץ־ישראל	191
24.	טעאַטער אין ארץ־ישראל	197

25. דאָס ביאַליק־הויז — 205
26. באַגעגענישן מיט שרייבער — 211
27. צי קענט איר דאָס לאַנד? — 219
28. די פירנדיקע יידישע אָרגאַנען — 229
29. יידן און אַראַבער — 236
30. דער טעראָר און די טעראָריסטן — 243
31. לעצטע באַגעגענישן און איינדרוקן — 247
32. פון חיפה קיין מאַרסעל — 261
33. געקומען קיין באַזעל — 268
34. ערשטער טאָג אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס — 275
35. דאָס גרויסע פאָלקס־שפּיל — 282
36. געראַנגל פאַר וועגן און מעטאָדן — 288
37. שטילשטאַנד נאָכן שטורעם — 294
38. באַראַטונג פון פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — 300
39. דער שרייבער און די ליטעראַטור אין ארץ־ישראל — 306
40. שווייץ, פראַנקרייך און בעלגיע — 326
41. אַ טאָג אין אַנטווערפּען — 334
42. ביי די בעלגישע יידן — 341
43. דער פאַריזער יידישער ישוב — 349
44. דער יזכור־בוך — 355
45. ווי האַלט עס מיט יידיש אין דער וועלט? — 361
46. צווישן חורבן און אויפבוי — 376

צו דעם לייענער

אין דעם בוך קומען אַריין די אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן אויף מיין רייזע פון ניו־יאָרק דורך פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל און דערנאָך — אויף צוריקוועגס קיין אַמעריקע — דורך דער שווייץ, בעלגיע און פראַנקרייך. די רייזע האָט געדויערט איבער זיבן חדשים, זינט יוני 1946 ביז סוף יאַנואַר 1947. די אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, זיינען — ווי איך באַצייכן זיי — באַגעגענישן, איינדרוקן און באַטראַכטונגען, אַרויסגעטראָגן פון מיין רייזע בעת איך האָב באַזוכט לענדער און שטעט, קיבוצים און אינסטיטוציעס.

איך האָב די רייזע פּירגענומען צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן און נישט געהאַט קיין אַפריערדיקע כוונה און צוועק צו שילדערן באַגעגענישן, צו באַשרייבן איינדרוקן. איך האָב דעריבער נישט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן ביים שרייבן די אַלע עטלעכע און פערציק אַרטיקלען. זיי זיינען אויפגעקומען אונטער די פרישע איינדרוקן פון דעם געזעענעם און געהערטן, אַדורכגעפילטן און אַדורכגעלעבטן במשך פון די זיבן חדשים. זיי זיינען דעריבער נישט אויסגעגאָסן פון איין שטיק, — זיי טראָגן אָפט דעם כאַראַקטער פון אייליקע פאַרנאָטירונגען, וואָס ברענגען צום אויסדרוק דאָס איבערגעלעבטע. איך האָב געגעבן די אַרטיקלען אין דעם בוך לויטן סדר, ווי זיי זיינען אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איך האָב פאַרהיט דעם כאַראַקטער פון די שילדערונגען און באַשרייבונגען, נישט געוואָלט זיי איבערמאַכן און פאַרליטעראַרישן. זאָל דער הייסער אָטעם און דער צאַפּל פאַרבלייבן אין זיי. עס איז מיין כוונה, אַז דער לייענער, וואָס וועט איצט לייענען דאָס גאַנצע בוך, זאָל מיטמאַכן מיט מיר די רייזע ווי איך האָב זי געמאַכט. דאָס וועט אים מער דערנעענטערן צו אַלץ דאָס, וואָס איך דערצייל וועגן מיינע באַזוכן אין די שטעט און אויף די ערטער.

איך האָב, ווי דער שטייגער איז מיט לויפיקע איינדרוקן, כסדר אויפגעכאַפּט „קלייניקייטן", זיך אָפּגעשטעלט אויף איינצלנע בילדער, אויף צופעליקע באַגעגענישן און דאָס אַלץ פאַרנאָטירט און פאַרפיקסירט אין מיינע דערציילונגען און שילדערונגען. מיר דוכט, אַז גראָד אָט די „קלייניקייטן" און „צופעליקייטן" שאַפן אַ גאַנץ בילד וועגן דער איצטיקער צייט, וועגן דער סביבה, וועגן די אומשטענדן אין דער יידישער וועלט. איך האָב אומעטום געגעבן מיינע אייגענע איינדרוקן,—איך האַלט, אַז אָט די סוביעקטיווע איבערלעבענישן זיינען שטענדיק נעענטער צום אמת, צו דער וואָר. קומט ממילא אַרויס

דאָס לעבן, קומען אַרויס די אַלע באַזוכטע ערטער, די פאַרשיידענע דערשיינונגען אין בוך ווי איך האָב זיי געזען, ווי זיי האָבן מיך באַווירקט. און אין סך־הכל איז עס נישט קיין שטודיע, נאָר באַגעגענישן און איינדרוקן פון אַ רייזע.

איך האָב מיך נישט געוואָלט צוימען אין מײַנע געפילן, אין מײַן באַגייסטערונג, און שטאַרק קאָנטראָלירן מײַנע כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען. ס׳איז אָפּטמאָל געווען דער ווילן זיך אַראָפּצורעדן פונעם האַרצן, ברענגען צום אויסדרוק די סענטימענטאַלע איבערלעבענישן. זיי רייסן זיך אַרויס דאָ און דאָרטן ביים איבערגעבן פאַרשיידנאַרטיקע באַגעגענישן און צונויפטרעפן. מ׳איז דאָך סוף כל סוף נישט מער ווי אַ מענטש.

ארץ־ישראל פאַרנעמט אין דעם בוך דעם ווייט־גרעסטן אָרט, סיי דאָס לאַנד גופא און סיי די באַדינגונגען, אין וועלכע דעם יידישן ישוב קומט אויס צו לעבן און צו פירן זיין קאַמף מיט דער אָקופּאַנטן־מאַכט. מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט דאָס בויענדיקע און שאַפנדיקע אין ארץ־ישראל, און איך האָב זיך באַמיט עס צו געבן אויפן סמך פון מײַנע פּערזענלעכע איינדרוקן. דאָ און דאָרטן האָב איך געמאַכט אויספירן, וואָס די באַגעגענישן, איינדרוקן און באַטראַכטונגען האָבן מיר דיקטירט.

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצוגעבן אין בוך די עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס דערציילן און שילדערן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. איך האָב זיך באַמיט בקיצור אַרויסצוברענגען דעם געראַנגל און די שטימונגען אויפן קאָנגרעס. לויט מײַן מיינונג, האָט עס אַ טיפע שייכות צו דעם, וואָס קומט פאָר אין ארץ־ישראל, און עס איז אויך אַ צוגאָב צו דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון חורבן און אויפבוי, וואָס איז די ריכטליניע אין מײַן אויפנעמען און איבערגעבן אַלדאָס, וואָס איך האָב פאַרפיקסירט און אַרויסגעבראַכט אין מײַנע אַלע אַרטיקלען.

איך פאַרענדיק מײַן בוך מיט די עטלעכע קאַפּיטלען וועגן בעלגיע און פראַנקרייך, וואָס איך האָב באַזוכט אויף מײַן צוריקוועגס, כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד פון דעם אויפבוי און ווידעראויפבוי פונעם יידישן לעבן אין אייראָפּע.

איך האַלט פאַר מײַן חוב צו באַדאַנקען דעם ח׳ יעקב מעסטל פאַר זיין באַמיאונג דורכצוקוקן די קאָרעקטור, און די פריינט באָריס קאָהען, י. בוראַקאָוו, מיכל כהן און מאָריס אונטערמאַן פון „פּראָמפּט פּרעס” פאַר דער מיטהילף, דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס־פיינער. אַ דאַנק אויך די אייניקע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיר אויסגעליען די בילדער פאַרן בוך.

ניו־יאָרק, 5 אָקטאָבער 1947.

1

קיין אייראָפּע

און אַט ווידעראַמאָל קיין אייראָפּע, אָדער ווי מען זאָגט אין אַמעריקע — קיין „יוראָפּ״.

איך בין איצט אויף דער פראַנצויזישער שיף „איל דע פראַנס״, וואָס פירט מיך פון די אַמעריקאַנער ברעגן צו די ברעגן פון אייראָפּע.

איך בין שוין אַן אַמעריקאַנער בירגער, מיט אַן אַמעריקאַנער פּאַס אין טאַש, אָפּגעוועזן איבער אַכט יאָר אין לאַנד, ליב געקראָגן אַמעריקע, אָבער דאָך טוט אַ טיאָכקע אין האַרצן יעדעס מאָל, ווען איך הער דאָס וואָרט אייראָפּע און ווען איך ברענג אַרויף אַט דאָס וואָרט אויף די ליפּן אָדער אין מוח. דאָס וואָרט רופט אַרויס לעצטנס די פאַרשיידנסטע געפילן און טראַכטענישן, — טרויעריקע און שווערע, און דאָך וועקנדיקע, צוזאָגנדיקע און גלויבנדיקע.

שווערע און טרויעריקע, ווייל עס איז דאָך פאַרשניטן, פאַרטיליקט און אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד אַזאַ רייך און קאָלירפול און פיל־דורותדיק אַלגעמיין און יידיש לעבן. און פון דער צווייטער זייט — וועקנדיקע און צוזאָגנדיקע געפילן, ווייל מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק האָבן מיר דאָך שוין געמיינט, אַז עס איז פאַרפאַלן, אַלץ און אויף אייביק פאַרפאַלן.

איצט הויבט זיך דאָרט אָן ווידעראַמאָל איינצושטעלן אַ לעבן, אַ ניי לעבן אויף די חורבות און חורבונות נאָך דער גרויזאַמער היטלעריסטישער קאַטאַסטראָפּע. און מיט אַ שטאַרקן ווילן וואָס־גיכער צו פאַרהיילן די וואונדן און אויפצוריכטן דאָס צעשטערטע לעבן.

און אַ באַווייז איז דאָך דאָס ניי־איינגעשטעלטע הין־און־צוריק פאָרן, פון אייראָפּע און קיין אייראָפּע. און אַ באַווייז זיינען אויך די שיפן, אָט די פאַרבינד־קאַנאַלן, וואָס זיינען אין משך פון די זעקס־זיבן מלחמה־יאָרן געווען בלויז מיליטער־באַזעס, מיליטער־טראַנספּאָרט־מיטלען: געזונטע, לעבעדיק־צאַפּלענדיקע מענטשן זיינען געפאָרן פון אַמעריקע אַהין, און צוריק — פאַרוואונדעטע, צעבראָכענע, אויסגעשעפּטע און מידע.

איז מען איצט ווידעראַמאָל אויף אַ ציווילער שיף, וואָס, ווי די מענטש־

הייט, הויבט זי אָן פּאַמעלעך, בהדרגה אומצוקערן זיך צו אַ נאָרמאַל, נאַטירלעך, פּאַר־מלחמהדיק לעבן. אַ שיף איז ווי אַ לעבעדיק ווען, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם. די קריגס־יאָרן האָבן זיך טיף, טיף אַריינגעשניטן אין איר וועזן. אויף שריט און טריט זעט מען אויף איר קריגס־סימנים. די אַמאָליקע פראַנצויזישע לוקסוס־שיף „איל דע פראַנס" זעט איצט אויס, נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן, גאָר אַנדערש: זי איז צעשעדיקט, אָפּגעריבן, מיט טיפע קאַרבן און קנייטשן אויף איר יעדן טייל. נישטאָ דער אַמאָליקער פּוץ, נישטאָ דער אַמאָליקער בלענד. אַ קליינינקייט — אַזעלכע מוראדיקע זיבן יאָר! די שיף האָט אַדורכגעמאַכט די אַלע שווערינקייטן און פּלאָגן פון דער מענטשהייט און פון איר פראַנצויזישן פאָלק...

און וויפיל די שיף־פירער באַמיען זיך ניט אַריינצוברענגען נאָרמע, סיסטעם, אָרדענונג אין דעם לעבן פון דער שיף, — גיט זיך עס ניט איין. די שיף איז ווי נאָך שווערע שלאַכטן און חורבונות. פּונקט ווי דאָס אַלגעמיינע לעבן איבער דער וועלט, אין יעדן לאַנד: — דוכט זיך, שוין שלום, שוין לאַנג פרידן אויף דער וועלט, אָבער די אָפענע וואונדן יאַטערן נאָך, די וואונדן זיינען נאָך ווייט ניט פאַרהיילט...

איז פאָרט מען ווידעראַמאָל קיין אייראָפּע. ווידער אַ שיף, ווידער — דער ים־הגדול, דער אָקעאַן. און, צי מען וויל צי מען וויל נישט, גייט אויף אין זכרון די רייזע, די לעצטע רייזע פון דאָרטן, פון אייראָפּע קיין אַמעריקע.

דאָס איז געווען ערשט מיט אַכט און האַלב יאָר צוריק, סוף נאָוועמבער, 1937.

איך בין דאַן אָפּגעפאָרן פון גדיניאַ, דעם פּוילישן האַפן, אויף דער פּוילישער שיף „באַטאָרי", אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע. געפאָרן בין איך בלויז אויף אַ קורצן באַזוך, אויף אַ 3־4 הדשים, געפאָרן צו זען אַמעריקע, די יידישע אַמעריקע, און טאַקע מיט דער דעה צו פאָרן צוריק קיין פּוילן, צום יידישן פּוילן, קיין וואַרשע, וואָס איז געווען נאָך רוסלאַנד, נאָך מיין היימשטאָט קיעוו — מיין צווייטע היים, און בעיקר מיין יידישע היים.

עס געדענקט זיך גוט, עס האָט זיך טיף איינגעשניטן און איינגעביסן אין מיין וועזן, אין מיינע געהירן יענע נאַכט פון אונדזער אָפּפאָר פון גדיניאַ. עס איז געווען אַ טונקעלע, פינצטערע נאַכט פון סוף נאָוועמבער. די שיף איז אָפּגעגאַנגען פונעם ברעג נאָך צוועלף ביינאַכט. ווי דער שטייגער, איז דער עולם געשטאַנען צוגעקלעפּט אויפן אויבערשטן דעק ביי די פּאַרענטשעס. און ווי נאָר די שיף האָט זיך צעטרייסלט, זיך אָנגענומען מיט לעבן כדי צו גיין און צו פאָרן, האָט פון די הערצער פון די פּאַליאַקן־רייזנדער זיך אַרויסגעריסן אַ געזאַנג, פריער אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער, און דערנאָך — אַן אַלץ הילכיקערער און שטאַרקערער. דאָס האָבן די

פּאָליאַקן אַרויסגעזונגען פון זייערע הערצער לידער פון בענקשאַפט און פון טרויער, לידער פון פאַרבינדונג צום לאַנד, צו ערד, וואָס זיי פאַרלאָזן איצט. איך בין זיך מודה: איך האָב די לידער ניט מיטגעזונגען, ווייל אין תוך איז דאָס אַלגעמיינע פוילן ניט געווען קיין היימלאַנד פאַר מיר. דאָס האַלב־ אָדער דריי־פערטל פאַשיסטישע פוילן האָט נישט געקאָנט זיין און ווערן די אַלע יאָרן פון מיין לעבן אין דער פוילישער רעפובליק אַ היימלאַנד פאַר מיר.

פאַר מיר, אַ רוסיש־ אָדער אוקראַיניש־געבוירענעם, איז דער דניעפּער געווען און פאַרבליבן אַלץ־נעענטער פון דער ווייסל, און דאָס רוסלענדישע שאַפן — אייגענער, היימישער, לייבלעכער ווי דאָס פּוילישע. אַזוי איז עס. מען קאָן קיין היימלאַנד ניט איינאייגענען זיך, פּונקט ווי מען קאָן ניט איינ־אייגענען זיך אַ מאַמע, אַ טאַטן. האָבן די פּאָליאַקן דאָ, אין דער נאַכט פון אָפּפאָר, געזונגען און אַרויסגעוויינט זייער בענקשאַפט צום לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט, דורך די נאַציאָנאַלע לידער און געזאַנגען, און איך האָב מיר אַליין, פאַר זיך געצויגן מיינעם אַן אייגענעם ניגון, פון האַרץ אַרויס, אַ ניגון, וואָס איז ניט געווען קיין אויסדרוק פון בענקשאַפט צום לאַנד, צו דער ערד, וואָס איך האָב דאָן פאַרלאָזט, נאָר אַ ניגון פון אַן אייגענעם חשבון־הנפש און פון גאָר אַן אייגענעם געמיט־צושטאַנד.

איך האָב שוין שפּעטער גוט איינגעזען, אַז איך האָב דאָן ניט באַגריפן גאָר דעם באַטייט, גאָר דעם כח פון דעם יידישן ישוב, פונעם יידישן קיבוץ, וואָס איז געווען טיף און שטאַרק פאַרבונדן מיט דער פּוילישער ערד, מיטן פּוילישן באָדן. איצט, נאָך דעם ווי דער ווייט־גרעסטער טייל פונעם יידישן פּוילישן ישוב איז אויף שטענדיק פאַרשניטן; איצט, ווען עס זיינען אומ־געקומען מיליאָנען יידן אויף דער פּוילישער ערד, — איצט באַגרייפט מען אין גאָר דער גרויס און אין גאָר דער ברייט און טיף וואָס דאָס יידישע פּוילן איז געווען פאַר אונדז, פאַר מיר, פאַר אונדז אַלעמען.

און אויף דער שיף, וואָס פירט מיך איצט פון אַמעריקע קיין אייראָפּע, פיל איך ווידעראַמאָל, פיל ביז האַרץ־קלעם, ביז פיזישן ווייטיק די גרויסע טראַגעדיע פון דעם חורבן, פון דער קאַטאַסטראָפע. עס איז שוין גראָד יאָ געווען וואָס צו קלאָגן, וואָס צו וויינען, וואָס אַרויסצוזינגען אין יענער פינצטערער האַרבסט־נאַכט סוף נאָוועמבער, 1937, ווען איך האָב פאַרלאָזט אַ גרויסע יידישע מדינה, אַ גרויסן לעבעדיקן יידישן ישוב, אַ דריי־פיר־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן און אַרום פּוילן... און איך קניפּ אַזוי אָן, ניט ווילנדיק, דאָס איצטיקע פילן, די איצטיקע שטימונג מיט דעם אַמאָל, מיטן אַמאָל פון צוריק מיט אַן אַכט יאָר. סאַר אַ ווייטער מהלך, כאַר אַ מוראדיקער פאַרגלייך!

און זאָל אַ מענטשן, וואָס האָלט כסדר אין שרייבן וועגן אַנדערע שרייבער, וועגן אַנדערע מענטשן, ביכער און דערשיינונגען, זאָל, זאָג איך, אַ מענטשן ווי איך דערלויבט זיין אַמאָל אויך רעדן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך, וועגן אייגענע איבערלעבענישן און שטימונגען.

און אַ לענגערע רייזע, און איבערהויפּט איבער ימען און אָקעאַנען, איז דאָך אַלעמאָל אַ מין וווענד־פּונקט אינעם לעבן פון אַ מענטש, אַ ווענד־צייכן, אַ וויכטיקע דאַטע אינעם גאַנג פון אַ מענטש.

ווי ביי יעדן איינעם, וואָס האָט אין זיין לעבן אַדורכגעמאַכט פאַר־שיידענע עיקרדיקע פּעריאָדן, אַזעלכע מיני הויפּט־צייט־אָפּשניטן, וואָס טיילן שאַרף אָפּ איין שטיק לעבן פון אַן אַנדערן, — אַזוי אויך זיינען אין מיין אייגן לעבן פאַראַן אַזעלכע פּעריאָדן, וואָס ווערן ווי אָפּגעטיילט און אויסגעטיילט מיט אַ לענגערער רייזע. אַזוי איז געווען אין 1915, ווען דער ערשטער וועלט־קריג האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין היימשטאָט, קיעוו, און פאַרוואָרפן אַזש קיין פּערם, ביי דעם טייך קאַמע, אויף דער וואָלגע. און אַ רייזע צוריק, פון טשעליאַבינסק, יעקאַטערינבורג, ביים אָנהויב סיביר, צוריק קיין קיעוו אין די ברויזנדיקע חדשים פון 1917. און נאָך און נאָך רייזעס, וואָס זיינען אַ מין נייער ווענד־פּונקט אין מיין לעבן... און די רייזעס פון פּוילן קיין פּאַריז, צום פּען־קאָנגרעס און קולטור־קאָנגרעס אין דעם דענקווערדיקן יאָר 1937. און דאָס פּאָרן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און די אַלע יאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער נישט וועגן דעם ווילט זיך איצט רעדן. ווי פאַרשיידן די אַלע צייט־אָפּשניטן זיינען נישט, אָבער אין תוך איז עס דאָך, אין רעטראָ־ספּעקטיוו פון אָפּגעגאַנגענע יאָרן, איין גאַנץ לעבן, איין ציל־אָנגעווענדט לעבן. דער צענטער, די טרייב־קראַפט איז דאָס יידישע שאַפן, יידישע קולטור, יידישע שפּראַך, — און אַלץ איז־נאָ־איינעם איז פאַרבונדן מיטן פּראָ־גרעסיוון יידישן קולטור־לעבן. אַוודאי זיינען געווען אָפּנויגן, זייטיקע סטעזשקעס ביים ברייטן שליאַך, אָבער אַלץ איז געווען געריכטעט צום איין פּונקט — וואָס־שאַרפער אַרויסברענגען דאָס שעפערישע יידישע לעבן, דעם שאַפערישן געדאַנק, און דער עיקר — פון די מיטצייטלער, פון די שרייבער־קינסטלער פונעם אייגענעם יידישן פאָלק און פון די נאָענטע פעלקער און ליטעראַטורן, מיט וועלכע מ'איז אָפּט פאַרבונדן נישט ווייניקער ווי מיט די אייגענע יידישע שאַפער און דענקער.

האָב איך עס געפּרוּווט צו טאָן סיי דורך מיין שרייבן, סיי דורך מיינע אויפטריטן, און נאָך מער — דורך די פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויס־גאַבעס, וואָס איך האָב אָרגאַניזירט, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן. גאָר אַמאָל — אין קיעוו, דורך די זאַמלביכער „פון צייט צו צייט", „ביכער־

וועלט״; שפּעטער אין וואַרשע — דורך די „ליטעראַרישע בלעטער״ און אַנדערע, און לעצטנס — דורך דעם איקופּישן זשורנאַל „יידישע קולטור״. אויב איר ווילט, איז יעדע דערמאָנטע אויסגאַבע גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער און שניט, אַרויסגעגעבן ביי גאָר אַנדערע אומגעבונגען און סיטואַציעס, ביי גאָר אַן אַנדערער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע. און אויב איר ווילט — איז עס איינס און דאָס זעלבע, — אין תוך איין אויסגאַבע, נאָר געענדערט לויט די באַזונדערע אומשטענדן און פּעריאָדן, עס זיינען ריגגען פון איין קייט, עס איז איין גאַנג פאַראויס, געטריבן כסדר פון איין דראַנג, פון איין ווילן, ביי אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס און כוחות־פאַרהעלטענישן.

מיין ערשטע גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען מיטן נאָמען „נאָטיצן פון אַ לעזער״ — אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען וועגן דוד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״, פאַרעפנטלעכט אין „יידישן אַלמאַנאַך״, קיעוו, 1910; שפּעטער קומען נאָך און נאָך הונדערטער ליטעראַריש־קריטישע און פאַרשעדישע אַרבעטן, טיילווייז אויפגעזאַמלט אין צוויי בענד „נאָענטע און וייטע״, אין „אויף אונדזער קולטור־פראָנט״ (דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1934), „דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור״ א. אַ. און לסוף מיין בוך „פאַרגייער און מיטצייטלער״, וואָס איז לעצטנס דערשינען אין ניו־יאָרק.

מען קאָן עפּעס אַרויסדרינגען פון די נעמען: נאָטיצן פון אַ לעזער, — איך בין געווען און פאַרבליבן אַ לייענער, אַ געטרייער, פאַרגאַפטער און באַגייסטערטער לייענער. און אין דער ליטעראַרישער וועלט זיינען געווען און פאַרבליבן פאַר מיר נאָענטע און אייגענע, אין האַרץ־איינגעבאַקענע שרייבער, און אויך וייטע, זייטיקע. און מיין שרייבן איז פאַר מיר שטענדיק אַ קולטור־פראָנט, אַ פראָנט פון שטרייטן, פון אַנגרייפן און פון פאַרטיידיקן וויכטיקע קולטור־שאַפערישע פּאָזיציעס. און אין דער ליטעראַטור זע איך נישט גלאַט שרייבער, נאָר דורות און תקופות, פאַרגייער און מיטצייטלער. נישטאָ פאַר מיר קיין פאַרעווע, סתם בלאָנדזשענדיקע קינסטלער, נאָר עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס גייען, וואָס פירן, וואָס לעבן מיט דער צייט, ווערן פון איר געפירט און פירן אַן מיטן לייענער. בין איך אַזוי אַריינגעפלאָכטן אין דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און אינעם יידישן שאַפן, אינעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור שוין אַ מעשה פון אַ פערציק יאָר. און לעבן און שאַפן איז איין זאַך, נישט צום אָפּטיילן.

ווען איך האָב באַטראַכטן די שוועל פון דעם יידישן שאַפן, האָב איך גלייך תופס געווען, אַז עס איז שווער און אוממעגלעך צו זיין בלויז אַ צו־שויער, אַ מיטגייער, עס איז שווער זיך אַרויסכאַפּן אויף פרעמדע וואַגנס,

מיטצופאָרן און אַראָפּ. איך האָב באַגריפן, אַז מען מוז שטענדיק אַליין אויך בויען, בויען און בויען געזעלשאַפטלעך און קאָלעקטיוו. נישט זיך באַגנוגענען מיטן אייגענעם שרייבן, נאָר שאַפן שטענדיק און כסדר די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טריבונע, די קולטור־בנינים, די אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואו יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע וואָרט איז אַ דער־גאַנצונג, אַ דערפולונג, אַ גליד אין אַ גרויסער קולטור־געזעלשאַפטלעכער משפחה. אַזוי איז געווען אין קיעוו, אַזוי אין וואַרשע־ווילנע, אַזוי אויך אין ניו־יאָרק. בין איך דעריבער אַלעמאָל געווען און פאַרבליבן נישט קיין „חד־בדרא״, נישט איינער אַליין פאַר זיך, נאָר איינער פון אַ קאָלעקטיוו.

איז דעריבער מיין אייגענע שרייבערישע אַרבעט ענג פאַרבונדן מיט מיין רעדאַקטאָרישער און אַרויסגעבערישער טעטיקייט. איך ווייס נישט, וואָס בין איך מער: שרייבער אָדער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. די פרייד פון אַרויסרוקן און אַרויספירן אַ צווייטן שרייבער, איז ביי מיר זייער גרויס, אָפטמאָל — ווי איך וואָלט זיך אַליין אַרויסגערוקט. און אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק פון אַנדערע — איז מיר טייער ווי דרוקן און פאַרעפנטלעכן אַן אייגן בוך...

און אָט די שוואַכקייט, אָט די אייגנשאַפט איז פאַרבליבן ביי מיר ביז היינט צו טאָג.

איך האָב זיך אַביסל פאַררעדט וועגן זיך.

זאָל דער לייענער מיר מוחל זיין אָט דעם פּערזענלעכן, צו־פּערזענלעכן אָפּנויג... אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, כאָטש און אַפילו אַ שרייבער.

אַז מען איז אַליין אויף אַ שיף, וואָס פירט דיך פון אַ לאַנד, וואו געלעבט און געאַרבעט איבער אַכט יאָר און ביי דעם קאָלעקטיוון מיט־אַרבעטן און מיטשאַפן פון פריינט, קאָלעגן, טוער — מעג מען דאָך זיין אַביסל פּערזענלעך און אָפּשיידן זיך פון זיי מיט אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דיר גופא, מיט אייגענע טראַכטענישן און געפילן.

און אַז איך האָב זיך אַביסל, אַ קליין־קליין ביסעלע אַראָפּגערעדט פון האַרצן, וועט מען קאָנען דערנאָך, אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען פון וועג, שוין זיין מער ניכטער, מער אָביעקטיוו, און ברענגען צום אויסדרוק און דערציילן וואָס מען וועט זען און הערן און פילן אויף דער רייזע.

דערווייל גייט די שיף פון איין קאָנטינענט צום צווייטן, פון אַמעריקע קיין אייראָפּע. און די שיף אַליין מיט אירע פּאַסאַזשירן איז ווי אַ קליינע וועלט, אַן „עולם קטן״. אַלץ וואָס עס איז דאָ אויף דער גרויסער וועלט — באַמערקט מען אויך דאָ, אין דעם קליין וועלטל. די שיף גופא האָט נאָך אויף זיך די אַלע אויפשריפטן, רופן, וואָרנונגען, וואָס זיינען פאַרבליבן

אויף איר פון די גרויזאַמע, מוראדיקע קריגס־טעג. עס איז נאָך נישט געווען קיין צייט אַלץ איבערצופאַרבן און איבערצומאַכן, פונקט ווי עס האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט די גרויסע וועלט, מיט די מיליאָנען מענטשן, מיט די פירער און אונטערפירער, איבערצומאַכן און אַרויפצופירן דאָס אַלגעמיינע לעבן אויף נייע, פרידלעכע און נאָרמאַלע וועגן.

צו וואָס לאַנג ברייען?

ווען מען זאָל נישט וויסן, אַז נאָך פאַראַיאָרן איז געשלאָסן געוואָרן שלום און פרידן אויף דער וועלט, וואָלט מען לויט די אויפשריפטן אויף דער שיף געקאָנט מיינען, אַז די שלאַכטן, די קאַמפן, די גרעאַנגלעגישן גייען נאָך אָן אין דער וועלט אין פולער קראַפט...

אויף דער שיף „איל דע פראַנס״,
דעם 27טן יוני 1946.

2

צווישן הימל און וואַסער

דאָס לעבן אויף דער שיף איז אייגנטלעך אַ וועלט אין אַ מיניאַטור: אַ וועלטעלע אין אַ גרויסער וועלט. עס איז, קען מען ציען דעם געדאַנק ווייטער: אַ מין נחס תיבה — עמעץ האָט אויפגעזאַמלט אויף איין שיף פאַרשיידענערליי מענטשן־חיות, צו צוויי און צוויי אָדער צו זיבן און זיבן פון יעדן מין — אומריינע און ריינע.

און מען קאָן זיך אַלץ נישט באַפרייען פון אַ געדאַנק, וואָס עגבערט דיך כסדר, ווען דו שפּאַצירסט איבער די אַלע שטאָקן, צימערן, זאַלן פון דער גרויסער שיף:

עס איז שוין איבער אַ יאָר, ווי די אָפיציעלע מלחמה האָט אויפגעהערט. עס הייסט, אַז עס הערשט שוין פרידן אויף דער גרויסער וועלט. אָבער אויף די שיפן, וואָס זיינען אין לויף פון עטלעכע יאָר געווען איינגעשפּאַנט אינעם קריג, אין דעם גרויסן קריגס־וואָגן — אויף אַזאַ מין שיף זעט מען נאָך די אַלע סימנים פון דער קריגס־צייט. „איל דע פראַנס״, ווי פיל אַנדערע שיפן, האָט געפירט זעלנער און קריגס־מאַטעריאַלן הין און צוריק, פון דער גרויסער אַמעריקע קיין איירָאָפּע און פון איירָאָפּע קיין אַמעריקע. אַ שיף, וואָס דער נאָרמאַלער גאַנג איז געווען מיט אַ 1,000 אָדער 1,200 פּאַסאַזשירן, האָט אין קריגס־צייט געפירט 4 און 5 טויזנט. צוליב דעם

צוועק איז זי אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט געוואָרן, איבערגעבויט געוואָרן אינעווייניק, אַז דאָרטן, וואו עס האָט געקאָנט פאָרן איין מענטש, זאָלן קאָנען אַריינגעשפּאַרט ווערן פינף. האָט מען טאַקע אַלע צימערן און זאַלן פאַרוואַנדלט אין קאַזאַרמעס, אויפגעהאַנגען און אַנגעשטעקט מיט בעטלעך און הענג־בעטלעך איבער אַלע ברעגעס. אויף די ווענט טרעפן מיר כסדר אויפצייכענונגען, באַטיצן און וואָרנונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו יענער מוראדיקער און געפערלעכער צייט, ווען די רייזע איבערן ים איז געווען סכנת־נפשות. און עס זיינען אויך דאָ געגוג שפּיטאָל־בעטלעך, אויף וועלכע מען האָט צוריקגעפירט די פאַרוואונדעטע זעלנער, צוריק פון די אייראָפּייאישע פראָנטן אַהיים, קיין אַמעריקע.

ס'איז שוין איבער אַ יאָר נאָכדעם ווי די האַרמאַטן האָבן אויפגעהערט צו קנאַלן און די עראָפּלאַנען האָבן אויפגעהערט צו שיטן פּעך און שוועבל אויף פרידלעכע שטעט און לענדער, — עס איז שוין איבער אַ יאָר, ווי מ'האָט ערגעץ־וואו געשלאָסן פרידן, אָבער די שיף איז נאָך נישט אַריבערגעבראַכט צו איר אַמאָליקן פרידלעכן און נאָרמאַלן צושטאַנד, און אַזוי אויך די לעבעדיקע מענטשן, וואָס פאָרן איצט אויף דער שיף.

זאָגט טאַקע איינער אַ דערפאַרענער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געפאָרן מיט „איל דע פראַנס״ אין די גוטע פאַר־מלחמה־צייטן, אַז אַ חוץ דעם נאָמען פון דער שיף איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן פון איר אַמאָליקער פּראַכט און גלאַנץ, פון איר לוקסוס און באַקוועמלעכקייטן.

„איל דע פראַנס״ איז אָפּגעגאַנגען פון באָסטאָן, אַנשטאָט פון ניו־יאָרק, און אויך דאָס איז אַן איבערבלייב פון דער אומרואיקער קריגס־צייט. דאָן האָט מען געוואָלט פאַרהוילן דאָס אָפּפאָר פון דעם מיליטער קיין אייראָפּע, עס זאָל ניט שאַטן קיין „עין־הרע״. איז די שיף געגאַנגען פון אַ זייטיקן באָסטאָנער האַפן. עס איז דאָך נישט אַזוי בפרהסיא ווי פון ניו־יאָרקער ברעג. גייט נאָך אַלץ אָפּ די שיף פון באָסטאָן. און דאָס איז זייער נישט באַקוועם פאַרן רוב פּאַסאַזשירן, וואָס קומט פון ניו־יאָרק אָדער פאָרט צו ניו־יאָרק פון אַנדערע שטעט און געגנטן.

די שיף האָט לויטן שטרענגן פּלאַן געזאָלט אָפּגיין פּינקטלעך אַכט אָוונט. אָבער דער געדראַנג איז געווען אַזוי גרויס, און יעדער פון די פּאַסאַזשירן האָט אַזוי פיל פּעק מיט טראָנקס, מיט פּעקלעך און קלייניקייטן, אַז דאָס אָנלאָדן די מענטשן מיט די פּעק האָט געדויערט ביז שפּעט ביי־נאַכט. די שיף איז אָפּגעגאַנגען אַרום צוועלף ביינאַכט, און דאָס רוב פּעק און פּעקלעך זיינען געווען אַריינגעוואָרפן אין שיף, פון אויבן און פון אונטן אָן אַ סדר, אָן אַ טאָלק. און אַ גאַנצע נאַכט איז געווען ביי אַ טייל פאַרער אַ „ליל־שימורים״, אַ וואַך־נאַכט. מען האָט געהאַלטן אין איין זוכן און

נישטערן די בערג פּעקלעך כדי צו געפינען אַ רענצל. עס האָבן נישט געהאָלפן די אַרויפגעקלעפּטע, אָנגעבונדענע, אויסגעקריצטע און אָנגעשריבענע סימנים און נעמען און מאָנאָגראַמעס פון די אייגנטימער פון די זאַכן. אויך איצט, דעם פינפטן טאָג אויף דער שיף, האַלטן נאָך די פּאַסאַזשירן אין איין נאָכזוכן זייערע זאַכן. מען לויפט אין אַפּיס, מען פאָרשט, מען זוכט. אַ סברא, אַז אַ גרויסער טייל פּעקלעך איז פאַרבליבן גאָר אין באָסטאָן, און עס וועט אָפּגעשיקט ווערן מיט אַ צווייטער שיף.

דער ערשטער איינדרוק, אַז מען איז אַריין אין די קאַבינעס, איז געווען זייער נישט קיין געהויבענער. אויסער אַ קליינער צאָל קאַבינעס פון מדרגה א, וואו עס זיינען דאָ בלויז אַ 2, 4 בעטלעך, זיינען אין דעם רוב קאַבינעס דאָ בעטלעך, געדיכט־אָנגעזעצטע און אָנגעהאָנגענע ביי 24 און אויך 36. אַז מען פאַלט אַריין נאָך אַ טומלדיקן, הייסן און צערודערטן טאָג, נאָך די פאַרשיידענע לאַנגע „עקן" (רייען) ביי יעדן פענצטערל און באַאַמטן, אַז מען לאָזט זיך אַראָפּ אין דער בויך פון דער שיף און מען טרעפט אַזאַ מין „קאַבינע", מיט געדיכט־אָנהענגענדיקע אייזערנע בעטלעך, ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן און שטילערהייט הויבסטו אָן זיך אַליין „עסן" און שטראָפן:

„צו וואָס, אין אַלדי רוחות, זיך לאָזן אין אַזאַ צייט אין די מרחקים? איז עס נישט קיין לייכטזין? איז דען נישט געווען בעסער צו מאַכן די רייזע דירעקט קיין ארץ־ישראל, און דעם באַזוך קיין אייראָפּע אָפּלייגן אויף בעסערע און נאָרמאַלערע צייטן?"

אָבער דאָס איז בלויז זעלבסט־קריטיק, וואָס מען שטילט איין גלייך אין זיך. מען מוסרט זיך גוט אויס, וואָס מען איז אין אַזעלכע צייטן נאָך אַלץ אַ מפונק, איידל־געפּאַטשקעט, משטיינס געזאָגט.

סוף־כל־סוף איז עס גאָר נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט עס!

נאָך לאַנגע שעהען פון קאָנטראָלירן די פּאַפּירן, פון שלעפּן די פּעקלעך פון איין אָרט אויפן צווייטן, נאָכן פאַרשרייבן זיך אין די ביכער און אַרויסבאַקומען עס־קאַרטלעך, האָט מען פאַרבעטן דעם ערשטן אָוונט אַזייגער 8 אין עס־צימער. מען צעזעצט זיך ווי מחותנים אויף אַ חתונה־וועטשערע אין אַ גרויסן חופה־„שאַלאַש". און אַז מען כאַפּט איבער, אַז מען לענט אונטער דאָס האַרץ מיט די פאַרשיידענע מאכלים, ווערט גרינגער אויף דער נשמה און פריילעכער אויפן געמיט. אמת, אויך דאָס עס־צימער איז נישט דאָס, וואָס איז געווען אויף פיינע שיפן אין די נאָרמאַלע צייטן. מען זיצט טאָקע צוואַנציק ביי איין לאַנגן טיש, גאַנץ ענגלעך, אַן אַ טישטוך, אויף לאַנגע, הילצערנע בענק. אָבער דאָס זיינען קלייניקייטן. מען געוויינט זיך צו. און אַ מענטש איז דאָך אַזאַ מין באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך צו

אַלץ צוגעווינען. דאָס עס־צימער איז נישט בכוח אויפצונעמען די איבער צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן מיט איין מאָל. זיינען דעריבער דאָ צוויי שיכטן עסערס. דריי מאָל אַ טאָג לאָזן זיך אַראָפּ די פּאַסאַזשירן ווי „מיינערס" (קוילן־גרעבער) אין דעם עס־צימער שיכטנווייז. איין שיכט פונעם צווייטן איז געררוקט אויף אַנדערטהאַלבן שעה. דערלאַנגט מען דאָס עסן טאַקע בחיפזון, כדי אויך דער צווייטער שיכט זאָל קאָנען באַווייזן צו עסן אין צייט.

אַט די רעגולאַציע איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע. וויסט שוין יעדער איינער זיין צייט און זיין טיש, און מיט דער צייט — האָט ער שוין זיין אָרט. עס גייט אַלץ ווי אַ מזמור. און אויך דאָס עסן איז נישט שלעכט, מען גיט געננוג, און עס בלייבט אויפן טיש פּוטער, צוקער, ברויט און פּרוכטן. עס איז דער בעסטער באַווייז, אַז פון הונגער שטאַרבט מען נישט. אמת, נישט אַלעמאָל זיינען די מאכלים הייס, עס איז שווער פאַר אַזאַ גרויסן עולם צוצוגרייטן אַלץ ווי אין דער היים, און בפרט אַז גלייכצייטיק מוז מען גרייטן פאַר דעם צווייטן שיכט עסערס. אָבער דער וואָס קלאָגט זיך איז פּראָסט אַ זולל־וסובא, אַ פּרעסער. און וועגן פרעסערס לאָמיר נישט רעדן, זיי קאָן מען דאָך אין דעם בעסטן רעסטאָראַן נישט צופרידנשטעלן.

ווער זיינען די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן איצט מיט אַ פּראָנצוויזישער שיף? דאָס רוב טאַקע פּראַנצויזן. זיי האָבן די „פּריאָריטי" ביים באַקומען פּלעצער. איז טאַקע אויף דער שיף אַרום אַ דריי־פערטל פאַרער פראַנצויזן. מען זעט עס און מען הערט עס. פראַנצויזיש איז די הערשנדיקע שפּראַך נישט נאָר אויף די נאָטיצן, אויף די רופן, אין דעם „הילכער", נאָר אויך אויף די אַלע דעקן און אין אַלע שטאָקן און ביי די טישן. עס איז באמת אַ רירנדיק בילד, ווי קינדער פון אַ פאָלק, פראַנצויזן, פאָרן זיך צוריק אויף זייער אייגענער שיף, אַהיים צו זייער היימלאַנד, צו זייערע הייזער און צו זייערע היימישע. אייניקע זיינען איבערגעווען די גרויזאַמע יאָרן, זיך אויסבאַהאַלטן און איבערגעוואַרט די היטלעריסטישע פּעסט, און איצט פאָרט מען פראַנק און פריי און אויפגעלייגט צוריק צו זיך אַהיים.

אָפטמאָל מאַכט מען נישט־ווילנדיק אַליין פאַר זיך פּאַראַלעלן און פאַרגלייכן מיט אונדזער יידישן צושטאַנד בעת דעם קריג און נאָך דעם קריג. און דאָס האַרץ טוט וויי, ווען מען דערמאָנט זיך אָן די אַלע פּורעניותן, וואָס די פאַרבליבענע יידן האָבן אויסצושטיין אומעטום אויף אַזאַ און אַנדערן אופן, ביים ווילן און דראַנג זיך איינצואָרדענען פונדאָסניי. און אויך פון אַלע מוראדיקע שטערונגען ביי די יידישע מאַסן, וואָס שטייען אויף דער פור צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, און ווי אַזוי די משגיחים, די איצטיקע באַלעבאַטים פון ארץ־ישראל, די בריטישע מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס דאַרף מכלומרשט העלפן בויען און שאַפן דאָס היימלאַנד פאַר יידן, ווי די

יושרדיקע ענגלענדער באַגייען זיך מיט די שיפן פון די „אומלעגאַלע" פאַרער.

מען טראַכט כסדר וועגן דעם אַלעמען און מען באַשליסט ווידער־אַמאָל, אַז אונדזער גורל אין דער גרויסער וועלט, אין אַ שטיק וועלט, איז נאָך ווייט־ווייט נישט קיין געזונטער און נאָרמאַלער.

יאָ, יאָג דאָס יידישע פּראָבלעם, די יידישע אַנגעווייטיקטע פראַגן און ווייטיקן דורך דער טיר, קריכן זיי צו דיר דורך דעם פענצטער. מען קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון זיי. עס יאָגט דיר נאָך אויף שריט און טריט. דו טאַפּסט עס אָן אומעטום, און פריער פון אַלץ אין דיר גופא, אין דיינע געהירן, וואָס ווילן און קאָנען זיך גאָרנישט איינשטילן. אין וואָר און אין חלום פאַרפאָלגן דיך די אומגערעכטע און גרויזאַמע פּאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן — אונדזער גאַנצע טראַגישע ווירקלעכקייט אין פיל לענדער. און אויך דאָ, צווישן הימל און ערד, פּילסטו דעם וואַקלדיקן באָדן פאַר אונדז, — דעם וואַקלדיקן באָדן אויב נישט פאַרן פיזישן קיום, איז פאַרן גייסטיקן, פאַרן גייסטיק־גאַנצן קיום פונעם יידישן פאָלק.

און אַ מערקווירדיקע זאַך, וואָס לאָזט זיך איצט שטאַרק פילן: יידן פאָרן איצט ווייניקער ווי אַמאָל, ווי מיט יאָרן אַפריער. אַנומלטן איז גרויס געווען די צאָל יידן אויף די באַנען, אויף די שיפן. יידן זיינען אַלעמאָל געווען אַן אומרואיק פאָלק, אַ ייד איז לייכטער געווען אויף דעם גאַנג. אַ ייד האָט מער פאַרבינדונגען און פריינט און קרובים אין דער וועלט. — פאַרט ער. איצט, אויף דער שיף, זיינען דאָ אַ קלענערע צאָל יידן. די פּראָפּאָרציע איז אַ קליינע. איך שטעל מיר פאָר, ווי גרויס עס וואָלט געווען די צאָל רייזנדע יידן איצט קיין אייראָפּע נאָך אַן איבעררייס פון אַכט־צען יאָר, ווען אין אייראָפּע, ווען אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד וואָלטן גע־בליבן מיליאָנען יידן. סאַר אַ גוואַלדיקע עמיגראַציע עס וואָלט געגאַנגען! יידן וואָלטן געפאָרן זיך זען מיט קרובים, מיט אייגענע, יידן וואָלטן געווען אַ בעלן אַנצוקוקן היימישע ערטער, פאָרן אויף „קבר אָבות" און אויף דעם קבר פון די אייגענע יונגע יאָרן. אָבער איצט איז „שבת כל משוש", — איז פאַרשטערט געוואָרן יעדע פרייד. יידן, אויסער דעלעגאַטן, האָבן נישט וואָס צו פאָרן, עס זיינען איבערגעריסן, איבערגעשניטן אַלע אָדערן. און ווער ווייסט, צי נישט אויף אייביקע צייטן.

עס פאָרן יאָ יידן, אָבער געציילטע. עס פאָרן אויף דער שיף יידן, וואָס האָבן געוואוינט עטלעכע יאָר אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, געהאַנדלט, געוואַנדלט דאָרטן, זיך צוגעבונדן צום לאַנד, צום דאָרטיקן שטייגער־לעבן. ווען די היטלערישע רשעים האָבן זיך גענומען רוקן אויף פראַנקרייך, זיינען זיי באַצייטנס געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. זיינען אייניקע

איבערגעוועזן די עטלעכע יאָר אין מעקסיקע, אָדער אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, אַ טייל אויך — אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, און איצט, אַז מען באַקומט ידיעות, אַז אין פראַנקרייך לאָזט זיך מאַכן אַ לעבן, פאָרט מען צוריק. אַנדערע מיט „הכל־בכל״, מיט פאַמיליע און מיט פעק און מיט זאַכן, אַנדערע — דערווייל אַליין. מ׳וועט זען אויפן אָרט, אויב עס לאָזט זיך — וועט מען ברענגען אויך די פאַמיליע. עס פאָרן אויך יידן סוחרים, דאָס רוב דיאַמאַנט־הענדלער. זיי פאָרן קויפן צי פאַרקויפן — איך ווייס נישט גענוי. מען פאָרט ווידער איינשטעלן אַ נאָרמאַלע פאַר־בינדונג צווישן לאַנד און לאַנד, מען וויל פּרובירן, אפשר, ווער ווייסט ?

עס פאָרן נאָך און נאָך פאַרשיידענע מענטשן. פאַראַן אויך אַ דעלעגאַט, אַ פּאַריזער יידישער טוער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. עס פאָרט אַ לאַנגער, אַ זעקס פוס דריי־אינטשעסדיקער יידישער בחור פון ניו־יאָרק. ער איז דער פּרעזידענט פון אַ בילדער־סירוויס קאָמפּאַני, וואָס שטעלט צו בילדער צו גרויסע מאַגאַזינען. און איך האָב געהאַט נחת — ער רעדט אַ פיינעם יידיש, הגם אַ געבוירענער אין ניו־יאָרק.

ווי אַנדערש עס איז אַזאַ ניו־יאָרקער „סאַברא״ (אַ פּרוכט, וואָס וואַקסט בלויז אין ארץ־ישראל ; מען רופט אַזוי אַ פּאַלעסטינער געבוירע־נעם !) פון אַ יידן, וואָס איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער „אַלטער היים״ און אין אַמעריקע. באמת, צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי באַזונדערע פעלקער !

אויך דאָס — די צוזאַמענהאַנגען און ווידערשפּרוכן צווישן אַ יידן אין אַמעריקע און אַ ייד פון אייראָפּע — איז אַ פּראָבלעם, וואָס יאָגט דיך כסדר נאָך, כסדר ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן... אָפּטמאָל איז עס אַ מין קאָמפּלעקס, און איבערהויפּט פאַר אַזאַ איינעם, וואָס וויפל ער זאָל נישט וואוינען אין אַמעריקע, איז ער און פאַרבלייבט אַלץ אַ „גרינער״, אַ גרינער אינעם געזונטן זין פון דעם וואָרט...

און עס פאָרן אויך מיט אויף דער שיף די סאָוועטישע דעלעגאַציע — איליאַ ערענבורג, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו און גענעראַל־מאַיאָר גאַלאַקטיאָ־נאָוו. זיי פאָרן איצט קיין פּאַריז, פון דאָרטן קיין מאָסקווע. די דעלעגאַציע — און מער פון אַלץ, איליאַ ערענבורג — רייצט און רעגט דעם עולם. מען איז נייגעריק אים צו זען, מיט אים זיך צו באַקענען, הערן פון אים אַ וואָרט. אַזוי איז גלייך אויפן צווייטן טאָג זיבערגעלאָפן איבער דער שיף די ידיעה, אַז ער איז דאָ, און דער נייגיר וואַקסט. אייניקע זיינען זייער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו מיר, זיך אַנטשולדיקט און געפרעגט : „איליאַ ערענבורג ?״ און אַז איך האָב געענטפערט, אַז נישט, האָט מען מיר נישט

געגלויבט, געמיינט, אַז איך, „ערענבורג״, וויל בלייבן אַליין, וויל נישט, מ׳זאָל מיר שטערן אין מיינע טראַכטענישן און שפּאַצירן. און אַז מען האָט מיך גענומען באַגעגענען מיט ערענבורגן און סימאָנאָוון, זיינען מיינע „אַקציעס״ שטאַרק געהויבן געוואָרן ביים עולם־פּאָרער...

דערווייל איז שוין היינט דינסטיק, מען איז שוין אויף דער שיף דעם זעקסטן טאָג. און די טעג ציען זיך אויף אַ באַזונדערן, אייגנאַרטיקן אופן. געווען שיינע, פּרעכטיקע זונען־טעג, איז מען געלעגן און געפּרעגלט זיך אויף דער זון, אויף שטולן און אויף דעם דעק, וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. און עס איז אויך געווען אַ כמאַרעדיקער קאַלטער נאַסער טאָג, האָט מען זיך געקוטעט אין די מאַנטלען און אין די וואַרעמע וואָלענע קאָצעס און קאָלדרעס. לייענט מען אַ בוך, נעמט מען אַ צווייטן, כאַפּט מען אַ שפּאַציר, פאַרפירט מען מיט אַ זייטיקן, צופעליקן פּאַסאַזשיר אַ שמועס, גייט מען שנעל אַרום און אַרום די שיף־וועגן, און מען קירצט אַזוי די טעג און אָוונטן. און דער ים פירט זיך זיין אייגן לעבן: אַט איז ער רואיק, און אַט שטורמיש; ער לאָזט אַדורך די שיף, וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ שפּענדל, צאַרנט אָפּט אויף מיט זיינע שוימיקע כוואַליעס, וואָס מען שטערט זיין רו, און זעצט פאָר וויטער זיין אייביק לעבן, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך אויפן לעבן אויף דער יבשה.

קוקט מען אַזוי אויפן ים, בליקט מען אַזוי אויף זיין טונקעלער בלוי־קייט, זעט מען זיין אומענדלעכקייט, ווערט מען ביי זיך געפאַלן, ווערט מען ביי זיך קליין, נישטיק. און ווי אַט דאָס קליין נישטיק מענטשעלע קערט עס אַ וועלט, רייסט זיך און בייסט, בויט וועלטן און מאַכט זיי חרוב, דערגרייכט די העכסטע הויכן און נידערט אין די טיפסטע, טונקלסטע אָפּגרונטן. און אַלץ איז אים ווייניק און אַלץ וויל ער פאַרכאַפּן, און מיינט טאַקע אויף דער אמתן, אַז אַלץ איז ער, נאָר ער, רק ער, בלויז ער!

און אַמאָל קוקט מען אַזוי אויף דעם מעכטיקן ים און ער זעט אויס ווי געפּאַנגען דורך דעם קליינעם מענטשעלע. אויך אים האָט דער מענטש באַצוואונגען, אויך אים האָט דער מענטש איינגעשפּאַנט פאַר זיין ווילן, פאַר זיינע עסקים, פאַר זיינע פאַרגעניגנס און נויטן. און דער ים זעט דאַן אויס אין דיינע אויגן גאַרנישט אַזוי וואַזשנעדיק, ווען דאָס קליינע מענ־טשעלע קאָן אים אַזוי באַהערשן און באַצווינגען און נוצט אים אַזוי אויס אויף פאַרשיידענע אופנים.

אַט האָט איר איך אַזאַ איילעקן גרוס פון דער שיף „איל דע פראַנס״, אַ גרוס פון איינעם פון די צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן, וועלכע לעבן אַ באַזונדער לעבן אויף דעם „נח־קאַסטן״ אינמיטן דעם גרויסן אָקעאַן.

און מיר מאַכן שוין אַלע הכנות, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר

קומען קיין שערבורג, צום ברעג פון דער אַלטער אייראָפּע, וואָס האָט זיך לעצטנס גאָרנישט אַזוי אויסגעפּיינט...

אויף דער שיף „איל דע פראַנס", דעם 2טן יולי 1946.

3

אין פּאַריז

„הזאת נעמי ?" — איז דאָס נעמי, — איז דאָס דער אַמאָליקער פּרעכ־טיקער, לוקסוסאַרטיקער און עלעגאַנטער פּאַריז ? — דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס מען פרעגט זיך אַליין און אַנדערע, ווען מען קומט אין פּאַריז, ווען מען גייט איבער די גאַסן, ווען מען באַגעגנט זיך מיט פלעצער, מיט מענטשן, ווען מען קוקט אַריין אין די שוי־פענצטער, ווען מען באַאָבאַכטעט פרויען און מענער אין די קאַפייען, אין טעאַטער, אויף פּאַרווייַלונגען.

איך האָב געזען פּאַריז מיט 9 יאָר צוריק, זומער 1937. איך האָב דאַן פאַרבראַכט איין מאָל און אַ צווייט מאָל אין אָט דער וועלט־שטאָט אין די האַניק־חדשים פון דעם פאָלקס־פראָנט, אין די הערלעכע וואָכן פון דער גרויסער בלענדנדיקער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, אין די יובעלדיקע חדשים פון די וועלט־קאָנגרעסן, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען אין אָט דער וועלט־שטאָט. איך אַליין האָב זיך דענסטמאָל באַטייליקט אין מאַי־חודש אויפן קאָנגרעס פון די פּען־קלובן, אין דעם קאָנגרעס צו פאַרטיידיקן די קולטור, און דערנאָך אין סעפּטעמבער־חודש — אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואו עס איז געבוירן געוואָרן דער איקוף. אָבער אויסער אַלדי טעטיקייטן און טואונגען אויף די קאָנגרעסן — איז פּאַריז גופא געווען אַ מין גרויסער מענטשלעכער אויפטו, אַ מין סימבאָל פון הערלעכער און שיינער עולם־הזה, אַ פּאָזיטיווע באַיאָאונג פון דעם שענערן, פרייערן און אידעלערן לעבן פון יענער צייט.

עס איז געווען דאַן ניט בלויז דער יום־טוב פון פּאַריז, נאָר גלייכ־צייטיק די פייערונג, דער יובל פון דעם שענערן מין מענטש, וואָס מיט זיין כסדרדיקן זוכן און שטרעבן האָט ער דערגרייכט אויף אַלע געביטן פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, געפיל און וויסן די העכסטע הויכן פון קולטור, פון קונסט, פון לעבנס־שיינקייט. די וועלט־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען קונציק אַריינגעפלאָכטן מיט אירע וואונדערלעכע קונסט־געביידעס

אין פּאַריז, איז געווען דער אויסדרוק פון דעם מענטשלעכן זשעני, וואָס מיט זיין „בזעת אפיך" (מיטן שווייס פון זיין פּנים) האָט ער גענומען אָנ־שפּאַרן אין די סאַמע הויכע שפּיצן פון מענטשלעכן גליק. די פאַרשיידנסטע פעלקער האָבן צו דער וועלט־אויסשטעלונג געבראַכט דאָס שענסטע, דער־הויבנסטע, געוויסנהאַפּטיקסטע און טיפסטע, וואָס זיי האָבן געשאַפן. עס איז געווען באמת אַ מין אָנהויב פון פאַראייניקונג פון דעם פרייען קול־טורעלן מענטש פון די פאַרשיידענע עקן וועלט.

אויף דער וועלט־אויסשטעלונג, אויף איר גרויסער טעריטאָריע אינ־מיטן דער וועלט־שטאָט פּאַריז, אין דער הויפּט־אַלייע, זיינען דאָן געשטאַנען צוויי גרויסע געביידעס־פּאַוויליאָנען: פון דער רעכטער זייט — דער סאָוועטישער פּרעכטיקער פּאַוויליאָן, מיט די צוויי פיגורן, אַ שלאַנקע פּאָר, אַ מיידל מיט אַ יינגל, וואָס האָבן געהאַלטן הויך דעם סערפּ און האַמער, דעם סימבאָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, און ווי גערופן די וועלט צו די גרויסע סאָציאַלע אידייען און אידעאַלן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט סערפּ און האַמער. און פּונקט אַנטקעגן, לינקס, איז געשטאַנען דער דייטש־נאַצישער פּאַוויליאָן מיטן דייטשישן אָדלער, מיט די טעמפּע, ברוטאַלע, באַלע־גופישע פיגורן, וואָס האָבן פרעך געקוקט אויף דעם קעגנאיבערדיקן סאָ־וועטישן בנין מיט די פינצטערע נאַצי־מחשבות צו פאַרמעסטן זיך אויף לעבן און טויט — מער טויט ווי לעבן — מיט אַל־דעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט די ליכטיקע אידייען פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער מענטשלעכער באַפרייאונג.

אין פּאַריז האָט מען דאַן דערציילט, אַז עס איז אָנגעגאַנגען, בעת דער בויאונג פון אָט די צוויי פּאַוויליאָנען — דעם סאָוועטישן און דייטשישן — אַ געראַנגל און אַ קאָנקורענץ: ווער פון אָט די צוויי בנינים זאָל זיין העכער, ווירדיקער און אימפּאָזאַנטער!

יאָ, אין דעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אָנהויב־טראַגעדיע פון דער וועלט. שוין דאָס אַליין, אָט די פּשרהדיקייט, דער „אַפּיזמענט", אַז אויף דער וועלט־אויסשטעלונג, וואָס האָט געזאָלט פאַר אַלעמען סימבאַליזירן דאָס שטרעבן פון דער מענטשהייט צו פרידן, צו פרידלעכן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעטן, — וואָס אויף דער וועלט־אויסשטעלונג האָט מען אָפּ־געגעבן אַ בכבודיקן אָרט דעם נאַצישן דייטשלאַנד, וואָס האָט שוין דאַן אָפן געשמידט קייטן פאַר דער מענטשהייט, געגאָסן האַרמאַטן פאַר דער אויסראָטונג פון די פעלקער און געשאַרפט מעסערס אויסצושעכטן און אויסצוקוילענען מיליאָנען אומשולדיקע מענער און פרויען, קינדער און זקנים.

דאָס איז געווען אַ שרייענדיקער מאָנונג־ און וואָרנונג־צייכן פאַר

אַלעמען, וואָס מ׳האָט צום באַדויערן נישט געגומען אין אַכט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך געגאָסן בלוט אין שפּאַניע, אין עטיאָפּיע; אין דער זעלבער צייט זיינען פאָרגעקומען קאָנגרעסן, וואו מ׳האָט געמאָנט, געוואָרנט קעגן דעם אַלץ־וואַקסנדיקן פאַשיזם און נאַציזם, און דאָ, אויף דער טעריטאָריע פון פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, האָט די נאַצישע שלאַנג זיך אַזוי צעלייגט און געשפּעט מיט גיפט...

פון אָט דער „אָביעקטיווקייט״, פון אָט דער פּשרהדיקייט איז גלייך געקומען דער טשעמבערליינישער מינכען, פאַרשנעלערט דעם אויסברוך פון דער גרויזאַמער וועלט־מלחמה און געשטעקט געווער און כח אין די הענט פון די היטלעריסטן און צוגעגעבן זיי מוט און חוצפּה.

און איצט, ווען מען קומט פון אַמעריקע קיין פּאַריז, לעבט מען איבער פונדאָסניי יענע דערהויבענע און משונהדיקע צייט, און עס ווערן קלאָרער און בוילעטער די גרויסע היסטאָרישע פאַרברעכנס פון די מאַכטהאָבער, וואָס האָבן אין זייער קורצזיכטיקייט און בלינדער שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרזען די גרויסע דראָענדיקע געפאַר און באַגאַנגען אייך טעות נאָכן צווייטן, און דערמיט דערפירט די וועלט צו דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, געלאָזט אויסראָטן און פאַרניכטן און דערלאָזט די אַלע ווילדע מעשים פון די נאַציש־דייטשישע בעסטיעס אויף די אייגענע ברידער און שוועסטער.

אָבער לאָמיר איצט איבערלאָזן די טראַכטענישן איבער אַלגעמיינע פּראָבלעמען און איבערגעבן די איינדרוקן און דערציילן וועגן דעם, וואָס מען זעט דאָ אויף שריט און טריט.

שוין ווען מען טרעט אַראָפּ פון דער שיף אין דער אַמאָליקער רייכער און שיינער האַפן־שטאָט שערבורג, דערקענט מען גלייך, אַז מען פאָרט אַריין אין אַ נייער אייראָפּע, ווייט־ווייט ניט אין דער אַמאָליקער. די איצטיקע אייראָפּע איז אַ דערשלאָגענע, צעשעדיקטע, אַ רואינירטע, אַ פאַראָרעמטע, אַ דערנידעריקטע — הכלל, אַ יורדטע. דער גרויסער שערבורג־פאָרט ליגט אין זיין גרעסטן טייל אין חורבות. דער האַפן גופא איז אַן אויסגעביסענער, מיט לאַטעס און שקראַבעס. די פרעכטיקע פּאָרט־געביידע איז אין פיל ערטער צעהאַקט, צעבראָכן פון די באָמבאַרדירונגען, לכתחילה פון די דייטשן און דערנאָך — בעת אונדזער אינוואַזיע, אין יוני 1944. און ווען מען קומט אַריין אויפן קליינעם שיפל, וואָס ברענגט פון דער גרויסער שיף צום האַפן, ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דו פאַלסט אַריין אין אַ וועלט, וואו מענטשן זיינען אויסגעהונגערט, זיינען להוט נאָך אַ פאַרדינסטל, קוקן דיר אין די אויגן ממש ווי בעטלער. מיט אַזאַ מין גרייטקייט צו העלפן דיר, טראָגן זיי אַ פּעקל און ווייזן אַרויס אַזאַ מין הכנעהדיקע העפלעכקייט.

דער דייטשער ימח־שמוניק וועט דאַרפֿן צאָלן פֿאַר אַלע גרויזאַמקייטן און אויך פֿאַר דעם, וואָס ער האָט דערנידעריקט און פֿאַראומווערדיקט דעם גאַנצן מין מענטש אין די טיילן פֿון אייראָפּע, וואו ער האָט געטראָטן מיט זיינע שטיוואַליעס און געהערשט און געמאָרדעוועט.

דער גאַנצער וועג מיט דער באַן פֿון שערבורג ביז פּאַריז איז אַ היס־טאָרישער. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק זיינען דאָ אומעטום פֿאָרגעקומען שלאַכטן מיט די דייטשישע באַנדעס. אונדזער אַליאירטע מיליטער האָט דאָ געמאַכט די גוואַלדיקסטע אָנשטרענגונגען ביים עפֿענען און אָרגאַניזירן ענדלעך דעם צווייטן פֿראָנט און דערמיט דערלאַנגט די היטלעריסטן אין רוקן אַריין. אונדזער צוג איז געגאַנגען איבער אָט די אַלע ערטער, וואו עס זיינען פֿאָרגעקומען די גרויסע שלאַכטן. פֿאַר מיינע אויגן האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט די אַלע גרעאַנגלעניש, וואָס מיר האָבן נאָכגעפֿאָלגט נאָך די ציטונגען, ראַדיאָס און מאַפּעס מיט צוויי יאָר צוריק. מען זעט נאָך די צעשטערונגען, די חורבות, וואָס מ׳האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַר־ריכטן אין דער נאָך־מלחמה־צייט.

פּאַריז איז אויסערלעך גאַנץ. מען זעט ניט קיין חורבות, קיין רואינען. אָבער אויף יעדן פּנים, אויף יעדן הילוך, אין יעדן געוועלבל, אין יעדן שפּייז־קראָם זעט מען באַשיינפּערלעך די פּאַרוויסטונגען, די פּאַראַרעמונג, דעם דחקות, די נויט.

קודם כל — דאָס אָנטועכץ. מילא, וואָס עס טוט זיך אין יעדער שטוב, איז שווער צו וויסן. ווי זאָגט דאָס גויאיש ווערטל: „כאַטאַ פּאָקרישקאָ!" וואָס עס טוט זיך אין הויז — איז אַ סוד. אָבער סאַר אַ פֿיינלעכן און וויטיק־דיקן איינדרוק עס מאַכן די אַמאָל־עלעגאַנטע פּאַריזער פֿרויען! כמעט אַלע אָן אויסנאָם גייען זיי באָרוועס, אָן זאָקן, מיט הילצערנע, פֿון לייוונט אָדער פֿון שטריק געמאַכטע שיך. אונדזערע פֿרויען אין אַמעריקע מעגן זיך פֿילן שלעכט, וואָס זיי פֿאַרמאָגן פֿיל פּאָר שיך, אמת־לעדערנע און געצאַצקעטע, אין זייערע „קלאָזעטס". מיר מעגן זיך אויך שעמען אין אונדזער וויטן האָלדז, וואָס מיר אין אַמעריקע האָבן ליגן גרויסע זאַפּאַסן כלערליי שיך אין די סקלאַדעס און אין די געשעפֿטן, ווען דאָ כליאָפּקעט מען אַרום אין אָט די הילצערנע, כ׳וויס אַליין נישט ווי אָנצורופֿן, שיך. זעלטן ווען באַ־געגנט איר אַ פֿרוי מיט אַ פּאָר זאָקן, — און אויב שוין יאָ, איז עס פֿון אַ מיתה־משונה קאָליר. און די קליידלעך: ציצענע, פֿון ביליקע שטאָפֿן, און די מאַנטלען — אָפּגעפּאָרענע, אָפּגעשאָסענע פֿון צייט, רעגן און זון. און אַזוי אויך זיינען אָנגעטאָן די מענער — אויב נישט נאָך ערגער: אין ביליקע שיך, אונטערגעקלאַפּט מיט בלעכענע פּאָדקאָווקעס, דער אָפּצאַס זאָל נישט אָפּגעריבן ווערן. און אַז איר גייט אין גאַס, הערט איר דאָס קלאַפּן

פון די הילצערנע פרויען־אָפּצאָסן און פון די מענערישע בלעכן אונטער די שיך. און אַזוי זעען אויס די מענערישע אָנצוגן: פאַרגעלבטע, גלאַנציקע, שוין פיל־מאָל אָפּגעוואַשענע, האָבן זיי אָנגעוואוירן זייער אור־אויסזען. און ווי די אָנצוגן, אַזוי אויך די העמדער און שניפּסן.

איך בין געווען אין דעם באַרימטן „פאָליעס־בערזשער״־טעאַטער, וואָס נעמט אַריין עטלעכע טויזנט מענטשן. ס׳איז געווען שבת אָוונט. דאָס פּראָגראַם — אַ הערלעכס, אַ פּרעכטיקס, — עס האָט געקאָסט 50 מיליאָן פראַנק (שרעקט זיך נישט פאַר די היגע מיליאָנען — עס מיינט לויטן קורס פון דער שוואַרצער בערזע אַ 20 טויזנט דאָלער!). אָבער דער עולם — סאַר אַן אָרעמקייט, סאַר אַ יורדישקייט עס קוקט אַראָפּ פון זיין אויסזען! אויך דאָרטן — דאָס רוב פרויען, יונגע און מיטליאָריקע — אָן זאָקן, מיט ביליקע קליידלעך און די שיך — מיט די הילצערנע אָפּצאָסן און פון שטריק געפלאָכטן.

און נאָך מער מאַכט אַ פּיינלעכן, ווייטיקדיקן איינדרוק, טאָקע ביז האַרץ־ווייטיק און געווויסנסביסן, דער שפּייז־צושטאַנד. איר דערקענט דעם שפּייז־מאַנגל גלייך ווי איר קומט אַריין אין שטאָט. נישטאָ קיין „גראַסעריס״, קיין „דעליקאַטעסן״־געשעפטן, קיין בעקערייען, קיין רעסטאָראַנען מיט כל־טוב, קיין קאָפּעטעריעס, קיין קאָנדיטערייען און קאַפייען מיט פּראָדוקטן צום קויפן און צום עסן. אין די קאַפייען גיט מען קאַווע, וואָס באַשטייט פון אַן אָפּקאָכעכץ פון עפּעס אַ מין פּרי, וואָס מען פלעגט רופן אין אוקראַינע — חזירים־ניסלעך. דאָס ברויט איז קלעפּיק און נאַסלעך, און די גרינסן און פּרוכטן, וואָס ליגן דאָ און דאָרטן אין אַלטע און אָפּגעשאָסענע קעסטלעך, זיינען נעבעכדיק אויפן אויסזען. און בכלל די שויפענצטער — זיי זעען אויס ווי בית־עלמינס מיט אַ פּאָר אָרעמע מצבות־זאַכן — און דערביי איז אָנגעוויזן דער פּרייז און די „פּונקטן״, וואָס מען דאַרף געבן כדי צו באַקומען זיי.

עס איז דאָ איצט אַ קאַרטן־סיסטעם, „רעשאַנינג״־קאַרטלעך אויף אַלץ, וואָס אַ מענטש באַדאַרף. אויף ברויט, פּוטער, קעז, ציגאַרעטן, זאָקן, שיך, העמדלעך, אַ קאָפּטל, אַן אָנצוג, און אויף וואָס נישט? עס פעלט אָן ממש אַ מורא. אַוודאי זיינען די באַשטימטע דורך דער רעגירונג פּרייזן נידעריקע, אָבער קיינער קאָן נישט אויסקומען און זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס מען קאָן באַקומען אויף די קאַרטלעך. מען מוז צוקויפן אויף דעם שוואַרצן מאַרק, וואָס האָט שוין פיל מער פּראָדוקטן, אָבער די פּרייזן אין פאַרגלייך מיט די פאַרדינסטן זיינען גאָר הויכע.

ס׳איז דאָ איצט דעריבער אַ מין צווייענדיק לעבן, ווי עס איז דאָ אַ צווייענדיקער קורס פון אויסלענדישער וואַליוטע. לויטן אָפיציעלן קורס

איז אַ דאָלער אַרום 120 פראַנק, אָבער אין גאַס, אויף דער „שוואַרצער" בערזע איז דער דאָלער ביי 250 פראַנק. און ווי איז צו דעם אַרבעטער און אָנגעשטעלטן, וואָס פאַרדינט זיינע מינימאַלע שכירות און דאַרף אָנקומען צו קויפן עפּעס אויף די שוואַרצע פּרייזן. דאַן קומט אויס, אַז אַ צוויי־דריי וואָכן שכירות קלעקן קוים אויף אַ נישטיקע פּאָר שיך, און אַ זעקס וואָכן אַרבעט — אויף אַ טאָנדעטן אָנצוג, — אַזאַ אָנצוג, וואָס איר קאָנט קריגן אין ניו־יאָרק פאַר אַ 20 דאָלער.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דעם גרינסן־ און פּראָדוקטן־מאַרק. אויף ברעטער, אויף וועגעלעך זיינען פּאַנאַנדערגעלייגט, משטיינס געזאָגט, גרינס, פּרוכט, שטיקלעך הערינג, מכלומרשטע „קענדיס", קאָנפעקטן, וואָס ביי אונדז וואָלט מען זיך צו דעם נישט צוגערירט. און פרויען און מענער שטייען דערביי, קויפן עס איין מיט אַ מין פּאַרכטיקייט און פּיעטעט, ווי זיי וואָלטן איינגעקויפט מי יודע וואָס. איך האָב געזען אַזייגער צוועלף ביי־נאַכט, ווען מען פּאַרמאַכט די קאַפּייען און מען רוקט צונויף די באַרימטע קיילעכדיקע טישלעך מיט די שטרויענע בענקלעך, וואָס זיינען אַרויס־געשטעלט אין די פּאַריזער גאַסן ביי די קאַפּייען, — איך האָב געזען ווי בכבודיקע מענער קלויבן די שטיקלעך איבערגעבליבענע פּאַפּיראָסן, ציגאַרעטן פון דער ערד. מען קלויבט עס, ווייל מען האָט נישט צו רויכערן. און איר דאַרפט וויסן, אַז איצט רויכערט אויס אַ פּאַריזער זיין ציגאַרעטל ביזן סוף כמעט...

אָט דאָס איז געוואָרן פון דעם אַמאָל שטאָלצן אייראָפּייאישן מענטש!

יאָ, מיר יידן וויסן אונדזערע גרויסע אומגליקן, אונדזערע מוראדיקע חורבנות, אָבער היטלער, די דייטשן, ימח שמם, האָבן אַ תל געמאַכט פון גאַנץ אייראָפּע, פון דער גאַנצער היגער וועלט.

און מען וועט ערשט נעמען שרייבן און מען וועט נאָך גענוג דערציילן פון אַלע די פּאַסירונגען, וואָס מען האָט דורכגעלעבט אין די גרויליקע יאָרן. ווייל יעדער מענטש איז דאָ דורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהנום — שבעה (זיבן) איז אַ קליינע צאָל, שבעים און שבעה, זיבן און זיבעציק גיהנומס. און אַוודאי זיינען דורכגעגאַנגען די אַלע גיהנומס יידן, אונדזערע שוועסטער און ברידער. פאַר די איבער צוויי וואָכן, זינט איך בין פון ניו־יאָרק, איז מיר אויסגעקומען פריער אויף דער שיף, און די פּאָר טעג אין פּאַריז, זיך צו טרעפן מיט פאַרשיידענע יידן, און יעדער ייד, דער גליקלעכער, דער אָפּגעראַטעוועטער, דער לעבן־פאַרבליבענער, איז אַ שטיק געשיכטע, אַ טראַגישע געשיכטע אין פיל טיילן, מיט נסי־נסים, ווי ער האָט זיך געראַטעוועט און ווי ער איז געבליבן לעבן.

און הגם אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן געטרונקען אין לויף פון די עטלעכע

יאָר דעם ביטערן כוס פון פּיין, און אַלע האָבן געליטן פיזיש און מאָראַליש, אַלע זיינען נישט איין מאָל געווען אַ מינוט פאַרן טויט, הגם אַלע האָבן אויף אייגענע לייבער און געמיטער אויפגענומען אַלדי דייטשישע אכזריותן, סיי זיי, סיי זייערע נאָענטע, ליבע, האַרציקע, אייגענע, — אָבער יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענע טראַגישע געשיכטע, זיינע אייגענע ספּעציפישע אי־בערלעבענישן. און נישט נאָר ער אַליין, אויך — זיין פרוי, זיין קינד, זיין פריינט, זיין ברודער אָדער שוועסטער. און עס ווילט זיך יעדן איינעם צו דערציילן. ווייזט אויס, אין דעם דערציילן איז עפּעס דאָ אַ שטיקל נחמה, אַ פאַרלייכטערונג.

דאָס לעבן פון יעדן איינעם איז איינגעטיילט אין ספּעציעלע „עפּאָכעס״, און יעדע עפּאָכע איז פאַרבונדן מיט בלוטיקע בעסטיאַלישע דייטשישע אויסמאָרד־ און פאַרניכטונג־אַקציעס, וואָס האָבן אַוועקגענומען טויזנטער, צענער טויזנטער לעבנס, טייערע אייגענע לעבנס.

יאָ, די קריגס־צייט, די גרויזאַמע לעצטע זעקס־זיבן יאָר זיינען געווען פיל מוראַדיקער, פיל גרויליקער, פיל בעסטיאַלישער, ווי מיר אַלע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקע.

און ווידעראַמאָל — דאָס טראַגישע איז, וואָס די ליידן און די פּיינען און די שווערע באַדינגונגען האָבן זיך נאָך פאַר פיל, פיל ווייט נישט געענדיקט. אויך וועגן דעם הערט מען אויף שריט און טריט דאָ אין פּאַריז, וואָס איז נעענטער צו די איצטיקע יאָמער־טאָלן ווי מיר, אין אַמעריקע.

די ערשטע איינדרוקן פון פּאַריז זיינען שווערע, אָבער דאָך...

אָבער דאָך איז פאַראַן דער גרויסער ווילן, דער דראַנג צו לעבן און אויפצושטעלן אַ ניי לעבן. און וועגן אָט דעם דראַנג און וועגן אָט די אָנשטרענגונגען, וואָס מען באַמערקט דאָ אין אונדזערע קרייזן — דאַרף מען רעדן גאָר באַזונדער.

פּאַריז, דעם 8טן יולי 1946.

4

נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן

מיר אַלע אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער אייראָפּע, מיר אַלע, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט נאָך דעם, וואָס עס האָט געטראָפן אונדזערע ברידער און שוועסטער, זיינען געווען זיכער, אַז מיר האָבן אַלץ געוואוסט, אַז מיר האָבן אויפגענומען אַלץ וואָס ס'איז דאָרט פאָרגעקומען.

אָבער ס׳איז גענוג זיך טרעפֿן מיט די איבערגעבליבענע ייִדן, ס׳איז גענוג אָנקוקן אַ „גליקלעכן״, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פֿונעם גיהנום, ס׳איז גענוג כאַפּן מיט אים עפּעס אַ שמועס, — און גלייך ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז מיר האָבן קיין שום אָנונג נישט געהאַט.

נייִן, ס׳איז גאָרנישט גלייך הערן און זען.

איך בין דאָ ערשט אַ פּאָר טעג אין פּאַריז, און מיט וועמען איך באַגעגן זיך נאָר פֿון אחינו בני ישראל, אַזוי גלייך הויבט זיך אָן פֿאַנאַנדערוויקלען די מוראדיקע טראַגישע מגילה פֿון פּייניקונגען און ליידן, וואָס קיין שום ווילדע מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע האָט עס גאָרנישט געקאָנט אויסטראַכטן. און יעדער מענטש איז אַזאַ מין אָפּענע גרויליקע מגילה, וואָס די פּאָר יאָר האָבן אַריינגעשריבן, אַריינגעקריצט דאָרט שרעקעוודיקע מעשיות און געשיכטעס, וועגן די בעסטיאַלישע נאַציס און זייערע אַרויסהעלפֿער, וואָס האָבן מיט אַזאַ ווילדקייט דאָ געהערשט.

אין דעם קולטור־הויז פֿונעם „פֿאַרבאַנד פֿאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף״ אין פּאַריז (אויף פּאַראַדיז גאַס נומ. 14), וואָס איז דאָ נישט לאַנג אָפּגעדונגען געוואָרן און וואָס ווערט איצט אײַנגעאָרדנט פֿאַר די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן צענטראַלן קולטור־ראַט, איז דאָ אַ ספּעציעלער „דאָקומענטאַציע־צענטער״. אָט דער דאָקומענטאַציע־צענטער האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע אָפּצוראַטעווען, פֿאַרהיטן און סיסטעמאַטיזירן די אַלע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די גרויליקע יאָרן פֿון דער וויסטער היטלעריסטישער הערשאַפֿט, צו די גרויזאַמע געשעענישן און צו דער הערלעכער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פֿון ייִדן אין פֿראַנקרייך.

אָבער עס איז איצט, אויף די הייסע טריט, גאָר נישט וויכטיק צו גיין קלעטערן אויף די שטיגן אַזש ביז דעם פֿערטן שטאָק, וואו עס געפֿינט זיך דער דאָקומענטאַציע־צענטער, און דאָרט זוכן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, רופֿן און פֿאַראָרדענונגען פֿון דער בעסטיאַלישער דײַטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, כדי צו דערגיין וואָס עס איז פֿאָרגעקומען דאָ אין פֿראַנקרייך און אין אַנדערע ערטער, וואוהין עס זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן פֿאַר אויסראָט און פֿאַר פּייניקונג די ייִדן פֿון אַרום און אַרום.

וואו איר גייט און שטייט אויף די מער־ייִדישע גאַסן פֿון פּאַריז, ווי עס איז אויך געווען דער פֿאַל נאָך אויף דער שיף, וואָס האָט געפֿירט מיך פֿון אַמעריקע קיין אייראָפּע, — וואו איר גייט און שטייט, טרעפֿט איר זיך אָן אויף לעבעדיקע עדות, אויף קרבנות, אויף מוראדיקע פֿאָלגן פֿון דער דײַטשישער אכזריותדיקער בעסטיע.

מיט וועמען נאָר עס קומט אייך אויס זיך צו באַקענען, ווערט גלייך

פון די ערשטע פּאָר ווערטער קלאָר, אַז דאָ שטייט פאַר אייך אַ געפּייניקטער, אַ דערנידעריקטער, וואָס איז אַליין אויסגעשטאַנען די אַלע גרויזאַמקייטן, אָדער האָט צוגעזען עס מיט זיינע אייגענע אויגן, אָדער וואָס זיינע נאָענטע זיינען געפאַלן קרבנות פון דער מערדערלעכער דייטשישער האַנט.

פאַר די טעג וואָס איך בין דאָ, איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַזוי־אַ גאָר צופעליק מיט מענער, פרויען, קינדער, וואָס יעדער איינער פון זיי איז אַ שטיק לעבעדיקע טראַגעדיע.

און רירט איר נאָר אָן די וואונד, טוט איר נאָר עפּעס אַ פרעג, און גלייך איז יענער וויליק צו דערציילן, זיך צו טיילן מיט דעם איבער־געלעבטן, און וואָס האָט זיך געטראָפן מיט דעם מענטשן גופא, מיט זיינע נאָענטע, מיט זיינע אָרומיקע, וואָס האָט געקאָסט די טייערע לעבנס. און גלייך פילן זיך אָן די אויגן מיט הייסע טרערן, עס שטיקט אין האַלדז, און דער, וואָס דערציילט, רוקט זיך אָפּ מיטן פנים, כדי איינצושטילן זיך. און דו אַליין שטיקסט זיך שוין אויך אין טרערן, וואָס דריקן אין האַלדז.

מען מוז זיין פאַרזיכטיק, מען טאָר זיך גאָר נישט דערפרעגן ביי אַ פריינט, ביי אַ באַקאַנטן וועגן זיין משפחה, וועגן זיינע נאָענטע. איר רירט אָן גלייך אַ טיף־וויי־טיקדיקע וואונד, וואָס איז אָפן, נאָך נישט גענומען זיך היילן. אַזוי פריש זיינען די אַלע איבערגעלעבטע שוידערלעכקייטן.

באַגעגנט די פרוי פון דעם טייערן דיכטער און טוער א. גאַליצין (מוני נאַדלער), וואָס איז דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן. און מיר האָבן געפּראוווט רעדן, אָבער ס'איז געווען שווער אָנבינדן אַ „פריינטלעכן" שמועס. מיר ביידע האָבן געטראַכט וועגן אים, דעם טייערן יונגערמאַן, דעם באַליבטן גאַליצין, וואָס אין 1937, ביי מיין זיין אַ פּאָר חדשים אין פּאַריז, האָבן מיר זיך כסדר געטראָפן און אַזוי גוט פאַרבראַכט און זיך נאָענט באַפריינדט.

און אָט טרעפט מען נאָך און נאָך חברים. אָט איז דער יונגער ג. קעניג פון וואַרשע. איצט איז ער דער רעדאַקטאָר פון דער „נייער פּרעסע", און וואָס ער האָט אָדורכגעמאַכט אין דער דייטשישער געפאַנגענ־שאַפט פאַר די עטלעכע יאָר! און אָט איז לייזער ווײַנאַפּעל (לייזערקע). ער האָט געאַרבעט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, געווען, ווי אַ קאָמוניסט, אַרעסטירט, געזעסן אין תפיסה, אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך. און אויך געגנוג אויסגעשטאַנען אין געפענגעניש ביי די דייטשן.

און אָט איז דער דיכטער משה שולשטיין. ער האָט אָדורכגעמאַכט אַזוי פיל שווערע איבערלעבענישן און קוים, מיט נסי־נסים און מיט טיפע קריצן אין זיין נשמה לעבן־געבליבן. און אַזוי נאָך און נאָך.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרנאַכט אינעם קולטור־הויז אין פּאַריז.

פרעגט זיך אויף מיר אַ פרוי, וואָס איז צוגעקומען מיט צווי יונגע קינדער. זי הייסט מאַריאַ יאַבקאַ, זי האָט באַקומען פון איר מומע רבקה נוימאַרק (פון פּאַסעיק) אַ בריוו, זי זאָל אָפּנעמען ביי מיר אַ גרוס פון איר, פון דער מומע. איך קום צו, די פרוי שטעלט זיך פאַר פאַר מיר, און אירעביידע יינגעלעך דערלאַנגען מיר די הענט. מיט מסירת־נפש און מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָט זי זיך מיט די קינדער אָפּגעראַטעוועט, אָבער דער פאָטער זייערער איז דעפּאָרטירט געוואָרן. די קינדער האָבן געוואוינט ביי נישט־יידן, און נישט איין מאָל איז זי מיט די קינדער שיער נישט אַריינ־געפאַלן אין די דייטשישע נעגל און געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די צוויי הונדערט טויזנט יידן אין פראַנקרייך. און זי דערציילט מיר איין עפּיזאָד און אַ צווייטן און קאָן מער נישט רעדן... דאָס יונגע איצט זעקס־יאָריק יינגל האָט דאָס איבערגעלעבטע שוין מער־ווייניקער פאַרגעסן, אָבער דאָס עלטערע 9־10־יאָריקע—ניין. עס האָט זיך איינגעקריצט אין אים אויף אייביק. און דערציילנדיק אַזוי און דערמאָנענדיק דעם דעפּאָרטירטן מאַן, ווערט זי פּלוצים אַנטשוויגן און קאָן מער נישט רעדן. איך פיל מיך שולדיק פאַר איר, פאַר די קינדער, און קאָן קיין טרייסט־וואָרט פון מיין מויל נישט אַרויסזאָגן. עס שטיקן טרערן אין האַלדז.

געוועזן בין איך נעכטן אויף אַ באַזוך אין א קינדער־קאָלאָניע פונעם צענטראַלן קולטור־ראַט, וואו עס וואוינען איבער 100 קינדער אין אַ גע־וועזענעם פּאַלאַץ, וואָס דער פּאָלקס־אָרדן העלפט איר אויסהאַלטונג. דער אַרום איז וואונדערלעך שיין, בערג, טאָלן, לאַנדשאַפטן, שלענגלדיקע טייכן, — עס פאַרכאַפּט ממש דאָס אויג. אָבער די 100 קינדערלעך, וואָס אַ צוויי־דריטל זיינען האַלבע אָדער גאַנצע יתומים, טרייסלען ממש אויף. הינטער יעדן קינדס יונג לעבן איז דאָ אַ לאַנגע טרויעריקע, טראַגישע אויפ־טרייסלענדיקע געשיכטע, וואָס די לערער ווייסן עס, און מען ווערט דער־שיטערט ווען מען הערט זי. פאַראַן דאָ אויך קינדער פון באַקאַנטע טוער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אין קאַמף, אין העראָאישן קאַמף מיט די נאַצישע מערדער. ווען מיר זיינען געקומען אין קינדער־הויז (עס איז אַ 35 קילאָמעטער פון פּאַריז) האָבן די קינדער געהאַלטן נאָכן מיטאָג; אייניקע האָבן געשריבן בריוו צו באַקאַנטע, צו פריינט; אייניקע, די מער־„גליקלעכערע” — צו אַ פאָטער אָדער מוטער אָדער צו אַ נאָענטן קרוב. די קינדערלעך זוכן נאָענטקייט, קרובהשאַפט, טאַטע־מאַמע־נאָענטקייט. אַנדערע, וואָס האָבן קיינעם נישט, שרייבן צו חברים־יינגלעך ערגעץ־וואו אין פּאַריז. אַרום די קינדערשע בעטעלעך אויף די טעלעכע שטאָק פונעם אַמאָליקן לוקסוס־אַרטיקן פּאַלאַץ זיינען אויפגעהאַנגען אָפּגעראַטעוועטע בילדלעך פון אַ טאַטן, אַ מאַמען, פון אַ שוועסטער אָדער ברודער. דאָס

איז זיי פֿאַרבליבן פֿון זייערע משפּחות, וואָס זיינען אין לויף פֿון די גיהנום־יאָרן אויסגעראָטן געוואָרן. און ווי די יונגעטשקע אָפּגעראַטעוועטע קינדערלעך קלאַמערן זיך אָן די בילדלעך פֿון נאָענטע!

ווען די קינדער האָבן געגעסן זייער גאַנץ־מאָגערן איבערבייס, האָב איך זיך צוגעזעצט צום טיש, און פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט אַ טייער ייִנגעלע פֿון אַ יאָר 8־9. ער רעדט גראַד ייִדיש, דזשעק הייסט ער, אויף ייִדיש — יאַנקל. ער האָט אַ מאַמע אין פּאַריז, אַ שוועסטערל. און זיין טאַטע? —

צווישן היימלאָזע קינדער אין אַ קינדער־קאָלאָניע ביי פּאַריז

„מיין טאַטע — ענטפֿערט מיר דאָס ייִנגעלע — איז דעפּאָרטירט געוואָרן!...‟ עס האָט מיך אַ שוידער געטאָן, און איך האָב זיך געשעמט פֿאַרן ייִנגעלע, נישט געוואָלט, ער זאָל זען, ווי מיינע אויגן זיינען אָנגעלאָפֿן מיט טרערן.

נאָך איצט, חדשים און חדשים נאָכן פֿאַרענדיקן דעם קריג, האָבן נאָך פֿיל קינדער נישט באַוויזן צו קומען צו פֿולער רו, צו אַ גלייכגעוויכט. די לערער דערציילן, ווי אינמיטן נאַכט וויינען, שרייען די קינדער פֿון שרעק, וואָס האָט זיך איינגעריסן אין זייערע געהירן. ס׳קומט אָן נישט גרינג זיי צו באַרואיקן. און ווי די קינדערלעך, וואָס האָבן פֿאַרלוירן טאַטע־מאַמע,

בענקען נאָך אַ וואַרעם וואָרט, נאָך אַ מוטערלעכן גלעט, און ווי זיי זיינען אויסגעבענקט נאָך רו, נאָך געמיטלעכקייט — נאָך די אַלע גרויליקע יאָרן אין שטענדיקן פּחד דערמאָרדעט צו ווערן, ווען ס'איז געווען אַזאַ ווילדער געיעג נאָך אַ ייד, נאָך אַ יידישער פֿרוי, נאָך אַ יידיש קינד. ס'איז אַ מורא!

איך בין אַרויס אויף דעם באַלקאָן, געוואָלט קומען אַביסל צו זיך. גייט צו צו מיר אַ מיידל, איינע פֿון די דערציערינס. זי גייט צו אַ פֿאַרשעמטע און צוריקגעהאַלטענע. זי פֿרעגט מיך: „איר זייט פֿון פּוילן? שוין לאַנג?" זי איז אַ ביאַליסטאָקער, זי איז אין פּאַריז ערשט עטלעכע חדשים. זי איז אין די לעצטע זעקס יאָר אויסגעווען אין אוישוויץ, בערגען־בעלזען, מאַי־דאַנעק, בליזשען. זי ווייסט נישט, ווי אַזוי פֿאַרוואָס זי איז לעבן געבליבן. מאָרגן, דעם 12טן יולי, ווערט פֿינף יאָר, ווי מ'האָט אין ביאַליסטאָק גע־הרגעט איר פֿאָטער באַריס אַפּענבאַך. דערנאָך, כסדר האָט מען אַלעמען, די גאַנצע פֿאַמיליע אויסגעמאָרדעט — די שוועסטער, די ברידער. אירער אַ פֿעטער, דר. יוכנאָוויצקי פֿון פּאַריז, האָט זי אַהער אַרויסגעראַטעוועט ערשט נישט לאַנג. אינגאַנצן איז מוסיאַ אַפּענבאַך אַלט 25 יאָר, צו 19 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן איר „אָדיסייע" איבער די דייטשישע פּייניקונגס־לאַגערן. זי גיט אַ הויב איר האַנט, עס איז אויסגעברענט אַ נומער פֿון 6־7 ציפֿערן. זאָל עס זיין אַ קין־צייכן פֿאַר דער דייטשישער נאַציע, וואָס האָט זיך געקאָנט דערטראַכטן צו אַזעלכע ווילדקייטן!

און אַז איך האָב דערמאָנט וועגן דעם קינדער־הויז, וויל איך דאָ אגב זאָגן, אַז אַרום 15 טויזנט יידישע קינדער זיינען איצט דאָ אין פֿראַנקרייך, קיילעכדיקע יתומים, האַלבע יתומים, קינדער אָרעמע, פֿון אויסגעשעפּטע עלטערן, וואָס נויטיקן זיך אין היילונג, אין אויסהאַלטונג. אַ טייל זיינען איצט אויף לענגערע און קירצערע טערמינען אין די פֿאַרשיידענע אַנשטאַלטן פֿון די היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס. עס איז דער הייליקער חוב פֿון יחידים און אָרגאַניזאַציעס און פֿון אַלע לאַנדסמאַנשאַפֿטן, גרויסע און קליינע, זיי זאָלן זיך גלייך פֿאַרבינדן מיטן קולטור־ראַט אין פּאַריז און העלפֿן, שיקן און שיקן וואָס עס לאָזט זיך, און טאַקע גלייך. דער אַדרעס איז:

U. Y. R. E., 14 Rue Paradis, Paris 10e, France.

און טאַקע נישט וואַרטן אויף שפּעטער, און געדענקען, אַז ווען מיר אין אַמעריקע באָדן זיך אין וואוילטאָג, עסן און לעבן אַזוי ברייט, אַזוי גוט, ליידן דאָ קינדער נויט, עסן ערזאַץ־זאַכן און עסן נישט צו זאָט. די קינדער נויטיקן זיך אין אַלץ — אין העמדעלעך, זעקעלעך, קליידעלעך, אָנצוגן, אין זייף, אין שיכעלעך, אין קאָלדרעלעך, — הכלל, זאָל אייער געוויסן, וואו איר זאָלט נישט זיין — אין ניו־יאָרק, אין אַן אַנדער שטאָט, ביים ים, אין די בערג, — זאָל אייער געוויסן אייך פּייניקן. רוט נישט און

העלפט שיקן פעקלעך דורך דער פּאָסט, און וואָס גיכער. אַ בריוו גייט אַהער דורך דער לופט־פּאָסט אַ 3־4 טעג, אַ פּאָסט־פּעקל — אַ פּאָר וואָכן. און ווי קינדער אַזוי אויך די עלטערן, די לערער, די דערציער, — אויך זיי דאַרפן האָבן אייער אויפמערקזאַמקייט, אייער מיטהילף, אייער דערמוטיקונג. עס וואָלט גוט געווען, ווען אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, ברענטשעס ווערן די אַפּטרופּסים פון איינער אַן אינסטיטוציע אָדער אַן אַנשטאַלט, קומען מיט איר אין ענגער פאַרבינדונג, אינטערעסירן זיך מיט די ספּעציעלע נויטן און באַדערפענישן און שטעלן שנעל צו. דאָס וואָלט פאַרשנעלערט די הילף. פאַרשטענדיקט זיך וועגן דעם מיט די פירער אין דעם קולטור־ראַט.

איך בין געווען אינעם זעלבן קולטור־הויז און באַזוכט די מעדי־ציניש אָפּטיילונג, וואו עס ווערן עקזאַמענירט די קינדער, וואָס דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן אויף אַ פּאָר וואָכן אויף דערהאָלונג, אויף אָפּרו. סאַר אַן אונטערשייד עס איז צווישן די היגע קינדער מיט די אַמעריקאַנער יידישע קינדער, וואָס פאָרן אין די קינדער־קעמפּס! לאָמיר אין אַמעריקע, און אין אַנדערע לענדער, פילן זיך שולדיק לגבי די היגע יידישע קינדער, וואָס ליידן נויט, מאַנגל פון פּראָדוקטן, מאַנגל פון פּאַסיקער קליידונג.

עס איז מיר אויסגעקומען נעכטן צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין הויז פון פריינט וואַגמאַן, אַ וואוילער האַרציקער ייד, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט זיך און זיין משפחה. אויסערלעך איז געווען גאַנץ לעבעדיק, אויב נישט — פריילעך. ניין, נישט דאָס וואָרט „לעבעדיק”, נישט דאָס וואָרט „פריילעך” פּאַסט זיך דאָ צו. נאָכן אָוונט־ברויט האָבן מיר געהאַט אַ מין היימישע „קאָנצערט־אָפּטיילונג”. דער פּרעכטיקער יונגער פידלער האָכבערג, גע־בוירן אין וואַרשע, דאָרטן יונגערהייט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די קאָנסערוואַטאָריע, דערנאָך שטודירט פידל אין פּאַריז און ווידער מיט אַ הויכער אויסצייכענונג, איז פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די מערדער־דייטשן אין אַ לאַגער. אויך אויף דער האַנט פון אָט דעם שוואַרץ־חנעוודיקן יונגנמאַן האָכבערג זיינען אויסגעקריצט אָדער אויסגעברענט אויף דער לינקער האַנט ציפערן — מיט אַ דייטשיש קרוינדל. די ציפערן זיינען שוין גרעסערע, געציקלטע; דער פּאַרפאַסער זייערער, ימח שמו, האָט געהאַט, ווייזט אויס, אַ „חוש” פאַר קונסט. די לינקע האַנט מיט די אויס־געברענטע ציפערן האָט וואונדערלעך אויסגעשפּילט איין זאַך נאָך דער צווייטער פון דעם גאוניאַלן בעטהאָווען און וואונדערלעכן בראַמס. די גרויסע מוזיקער האָבן זיך אַמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז זייערע מוזי־קאַלישע שאַפונגען וועלן מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער אויסגעשפּילט ווערן אין דער גרויסער וועלט־שטאָט דורך אַ יידישן מוזיק־מייסטער מיט הענט,

וואָס זיינען דורך זייערע קומענדיקע דייטשישע דורות געברענט געוואָרן און געשטעמפּלט געוואָרן... איך האָב געקוקט אויף דעם יונגן פידלער, געזען און געהערט וויפיל ווי און פּיין ער האָט אַריינגעלייגט אין די גרויסע שאַפונגען פון בעטהאָווען און בראַמס, און באַגריפן דעם גאַנצן אומזין פון דער וועלט, פון דעם מין מענטש, וואָס ווערט פאַרפירט פון ווילדע פאַשיסטן ביים גלייכגילט פון דעם איבעריקן טייל וועלט.

און עס איז געווען אַ מין אויסטייטשונג צו דעם אַלעמען, וואָס איינע אַ יידישע פרוי האָט דאָ ביים טיש דערציילט מיר וועגן איינעם אַ פיינעם

צווישן קליינע קינדערלעך אין אַ קינדער־היים ביי פּאַריז

פּראָנצויז, וועלכער האָט צוגעזען די אַלע גרויזאַמקייטן, מיטגעליטן און מיטגעוויטיקט, און האָט איר געזאָגט איין מאָל: „געניאַלקייט האָט אַ גרענעץ, אָבער געמיינהייט, ברוטאַליטעט ווייסט נישט פון קיין שום גרענעצן!...‟ איך האָב געקוקט אויפן פידלער, וואָס האָט אַרויסגעשפּילט די דינסטע ניואַנסן און איבערגאַנגען פון די מוזיקאַלישע שאַפונגען, און פאַר מיר האָבן אַלץ גערעדט מיט מער ווייטיק די אויסגעברענטע ציפערן, דער נומער פון דעם ייד, דער לאַגער־מענטש.

און די פּיאַניסטין, די יונגע מיידל פינקלשטיין, — אויך זי איז אַ קרבן

פון די נאַציִשע מערדער. איר פאָטער איז דעפּאָרטירט געוואָרן און פון דעם קלאַפּ קאָן זי צו זיך נישט קומען. און ווי זי, אַזוי אויך איר מוטער...

און אַזוי דער זינגער, וואָס האָט אויף דעם אינטימען אָוונט געזונגען — אויך אַ ייִד, וואָס איז אַדורך אַלע דייטשישע גיהנומס. געפאַנגענשאַפט, דייטשישע תפיסות, נישט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן, און על פּי נס געבליבן לעבן. טראָגט ער, איזי פינקלשטיין, טאַקע מיינער אַ קאַזין, זיין באַשערטן גורל אַ שטענדיק־אויפגערודערטער.

און דערביי איז געזעסן אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן אין די מוראדיקע יאָרן איר מאַן און זון. אירע צוויי קינדער, אַ 10־יאָריק און אַ 13־יאָריק קינד, זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין אַ קירכע. די גלחים האָבן זיי, כדי זיי צו ראַטעווען, אָפּגעקריסטלט. דער עלטערער דערמאָנט זיך, אַז עס איז געווען זייער קאַלט דאָס וואַסער, וואָס מען האָט אים באַשפּריצט... און די פרוי — אַ ים מיט טרויער שטראָמט פון די אויגן...

און נאָך אַ פרוי — די פרוי פון דעם באַקאַנטן היגן ייִדישן טוער — אהרן סקראַבעק (קוטנער), וואָס איז מערדערלעך דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ לאַגער. אהרן סקראַבעק איז געווען אַ טעטיקער טוער אינעם וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין. אין די „גוטע״ פאַשיסטישע יאָרן אין פוילן, איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין קאַרטוז־בערעזע און פאַר־ זוכט פאַשיזם אויף זיין אייגענעם לייב אינעם באַרימטן קאָנצענטראַציע־ לאַגער ערב דעם אמתן נאַציזם. דערנאָך איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז, וואו אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן די גרויזאַמקייטן אין פוילישן קאָנצענטראַציע־ לאַגער נאָך אין יאָר 1936, און אַרויסבאַוויזן פיל העראָאיזם בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווי דער רעדאַקטאָר פון דער אונטערערדישער „נייע פּרעסע״.

דאָס איז בלויז אַ צופעליקע גרופּע מענטשן אין איינעם אַ הויז אין פּאַריז. די איבעריקע זיינען „גליקלעכע״ — זיי זיינען בלויז געווען אין לאַגערן, בלויז אין געפאַנגענשאַפט, בלויז עטלעכע יאָר זיך אויסבאַהאַלטן, געווען אין פּאַרטיזאַנער־לאַגערן, געקעמפט אויף באַריקאַדעס אין פּאַריז, און זייערע פרויען — אויסגעשטאַנען עטלעכע יאָרן די גרעסטע געפאַרן...

יאָ, נאָר נישט פאַרגעסן, כדי נישט צו פאַרגעבן, — דאָס איז דאָס געפיל, דאָס איז דער פירנדיקער געדאַנק די גאַנצע צייט, וואָס מען איז דאָ צווישן ייִדן.

פּאַריז, דעם 12טן יולי 1946.

5

ווי און פרייד ביי ווידעראויפלעבונג

פּאַריז איז דאָך נאָך אַלץ די פּרעכטיקע שטאָט פון וואונדערלעכע אַלייען, פון מערקווירדיקע מוזייען, פון אויסטערלישע געגנטן, וואָס אַ גאַסט איז אַזוי נייגעריק צו זען דאָס אַלץ און אויפצונעמען עס. אָבער דעם אמת געזאָגט, ציט גאָר יעדן טאָג צו דער באַשיידענער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאַרבורג פּאָיססאָניערע", און צו דער דערבייאיקער גאַס „פּאַראַדיז", — די גאַסן, וואו עס געפינען זיך די רעדאַקציע פון דער יידישער פּראָגרעסיווער צייטונג „נייע פּרעסע" און דאָס קולטור-הויז, וואו עס איז דאָ די „אוניאָן", מיט אירע פריינטלעכע קולטור-אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואָס האַלטן זיך איצט אין שאַפן און אין בויען נאָכן גרויסן חורבן. ביי היינטיקן טאָג רעדן אָט די באַשיידענע, אָרעמע, נעבעכדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס מערער און שטאַרקער און ווירקעוודיקער צו דיר, צו דיין האַרץ און געמיט, ווי יענע באַרימטע געשיכטלעכע וועלט-פּאַנטעאָנען און קונסט-פּאַלאַצן און בילדער-טעמפּלען פונעם גייסטרייכן וועלט-פּאַריז.

ווייל דו פילסט זיך מיט לייב און לעבן געבונדן צו דעם אַלעמען און צו די אַלע, וואָס זיינען אַוועק און וואָס זייערע שאָטנס שפּאַצירן נאָך איבער אַלץ, און צו די אַלע, וואָס זיינען דאָ געבליבן און וואָס הויבן אָן, מיט נישט-אויסגעשעפּטע כוחות און מיט נייעם מוט און פאַרמעסט, פאַרלייגן פונדאַמענטן, טראָגן צונויף ציגל, שטעלן אויף ווענט און לייגן שטאָק אויף שטאָק פאַר ניי-בויענדיקע קולטור-בנינים.

און ווי נאָר מען ווערט פאַרטיק אינעם פאַריזער האָטעלכל מיט דעם גאָר-באַשיידענעם כמו-פרישטיק, וואָס באַשטייט פון דעם באַקאַנטן שמאָלן לאַנגן פאַריזער ברויטל, וועלכן מען באַקומט אויף ספּעציעלע ברויט-קאַרטלעך נישט אויף דער וואָג, נאָר אויפן מעטער, מיט עפּעס אַ געטראַנק, וואָס מען רופט עס קאַווע, און מיט אַ שטיקל קעז פון אַ שאַכטל, וואָס באַטטאַנער חברים האָבן מיר מיטגעגעבן אויף דער שיף, — ווי נאָר מען ווערט פאַרטיק מיטן אָנבייסן, לאָזט מען זיך אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טאָג-בלאַט, דערנאָך, אין די מוראדיקע יאָרן פון היטלעריסטישער אָקופּאַציע, איז עס אַרויס אַ פּאָר מאָל אַ חודש אומלעגאַל ביי די שווערסטע באַדינגונגען און ביי דעם גרעסטן מסירת-נפש פון חברים, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט דערפאַר מיט זייערע יונגע לעבנס. איצט דערשיינט די צייטונג „נייע פּרעסע" צוויי-דריי מאָל אַ וואָך, און דאָס

אויך — מיט נסי־נסים, ווייל עס פעלט יידישער זאַץ, עס פעלט פּאַפּיר, עס פעלט אַלץ. אָבער דאָך איז די אַמביציע פון די פאַרבליבענע און די צוגעקומענע חברים אָנצוהאַלטן די צייטונג, און נאָך מער — מען האָט גאָר די חוצפּה צו טראַכטן אַרויסצוגעבן זי אין גיכן יעדן טאָג. אין דער „נייער פּרעסע" טרעפט מען זיך מיט עטלעכע נייע חברים, וואָס פאַרטרעטן די עטלעכע גרויזאַם־פאַרשניטענע. מען באַגעגנט אייניקע רעדאַקציע־מיטגלידער, וואָס האָבן מיט 9 יאָר צוריק דאָ געאַרבעט. זיי זיינען יעדער איינער אויסגעווען אין לעכער, אין געפענגעניש, אין גרעסטע געפאַרן, און

פרוי קעניג, ב. שלעווין, נחמן מייזיל, איזי פינקלשטיין, משה שולשטיין, ג. קעניג אין ווערסאַלער פּאַרק, ביי פּאַריז

איצט זיינען זיי ווידער דאָ אויף די קולטור־פּאָזיציעס. און אַזוי ווי איך בין כמעט פון די ערשטע טריט פון דער „נייער פּרעסע" פאַרבונדן, נאָך פון די וואַרשעווער יאָרן, מיט דער צייטונג — פילט מען זיך ווי אַן אייגענער, ווי אַ מיטגליד פון איין משפּחה. אינמיטן זיינען געווען מוראַדיקע יאָרן, אייניקע פאַמיליע־מיטגלידער זיינען אומגעקומען, ווילט זיך זיין אַרום די פאַרבליבענע, כדי פעסטער פילן זייער נאָענטקייט, און כדי אויך זיי זאָלן פילן דיין אינעווייניקסטע קרובהשאַפט. נעמט מען אָפּ גריסן פון טראַגיש־פאַרשניטענע קרובים און מען איז גליקלעך צו פאַרברענגען מיט די איבערגעבליבענע. איז דאָ דער חבר י. ספּעראַ, און דער יינגערער

חבר ג. קעניג, וואָס איך קען אים ווי אַ יונג בחורל פון וואַרשע מיטן נאָמען מלך גראַמבּ, וועלכער האָט געמאַכט זיין ערשטן ליטעראַרישן דעביוט אין די „פילאָלאָגישע שריפטן", וואָס מיר, אין קלעצקין־פאַרלאַג, האָבן אַרויס־געגעבן צוזאַמען מיטן ייוו"אָ. איצט איז דאָס יונגע בחורל דער שעף־רעדאַקטאָר. מיר קאָנען נאָך אַלץ נישט איינשטעלן צווישן זיך קיין פעסטע באַציאונגען; זאָל איך, ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, האָבן פאַר אים דרך־ארץ ווי פאַרן שעף, אָדער ער דאַרף נאָך אַלץ קוקן אויף מיר אַרויף ווי אויף אַן עלטערן שרייבער... אָבער איך בין צופרידן צו זען פאַר זיך נאָכוואוקס, וואָס וואַקסט אַזוי ראַש און מיט טיפער קולטור־געזעל־שאַפטלעכער אחריות און מיט דער ספּעציעלער ערנסטער באַציאונג צום פּראָגרעסיוון יידישן שאַפן און צום יידישן וואָרט. צופרידן, וואָס די אַמאָליקע וואַרשעווער יאָרן האָבן אויפגעצויגן נאָכגייער, וואָס זיינען גאָר מיטגייער און פירגייער...

און אַזוי גייען טעג אין פּאַריז, אין דערוואַרטונג אויף דער שיף, וואָס דאַרף מיך פירן ווייטער, קיין ארץ־ישראל. דערווייל ווערט איינגעאָרדנט אין קולטור־הויז אויף פּאַראַדיז 14 אַ באַגעגעניש, וואו מען גיט אָפּ אַ גרוס פון אונדזער אַמעריקאַנער יידישן קולטור־לעבן, מען דערציילט וועגן די ליכט־ און שאָטן־זייטן פון אונדזערע פאַרשיידענע טעטיקייטן, און מען הערט אויך אויס גריסן־באַריכטן פון די חברים דר. ה. סלאָוועס, א. ראַיסקי, א. יודין, משה שולשטיין, ב. שלעווין א. אַ., גריסן־באַריכטן וועגן זייערע פאַרמעסטן און אויפטוען און וועגן די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון. און אָפּט פאַרלירן זיך די גרענעצן, און עס פאַרשווינדט דער ים אינמיטן, און עס קומט אויס, ווי מיר אַלע זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט די זעלבע ראַנגלענישן און די זעלבע טרוימען און די זעלבע צילן און אויפגאַבן. אין אונדזערע רעדעס, וואָס זיינען געמישט מיט טיפן טרויער און גליאיקער פרייד, הערן זיך די זעלבע טענער פון דעם גרויסן גלויבן אין בעסערער צוקונפט, אין די ליכטיקע אידעאַלן, וואָס באַלויכטן און דאַרפן באַלויכטן דעם ווייטערדיקן וועג אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט. ווערט מען ביי זיך פעסטער און שטאַרקער, מען דערפילט מיט־קעמפער, מיטשאַפער.

אינעם קליינעם נידעריקן זאַל, דעם באַשיידענעם עס־צימער פון דער „אוניאָן", פילט זיך נשמה־יתירה אויך אינמיטן וואָך. עס ווערט יום־טוב, און חברים פון כאָר זינגען לידער פון זייער רעפּערטואַר. דאָס איז דאָס איבערגעבליבענע פונעם גרויסן פאָלקס־כאָר. אַמאָל האָט ער געציילט איבער הונדערט מיטגלידער, איצט איז געבליבן פון אים אַ פּאָר צענדליק, אָבער „אויף צעפּיקעניש די שונאים" נעמט מען זיך צונויף אַ פּאָר מאָל

אין וואָך און, אונטער דער פירונג פון אַ דיריגענט, שטודירט מען ווידער לידער און מען שטעלט איין ווידער דעם כאָר. און אַזוי אויך די דראַמאַטישע סעקציע, וואָס הייסט איצט דער „ייקוט", וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דעם צענטראַלן פאַרבאַנד פון די געזעלשאַפטן אין פאַריז,—אַט די פאַראייניקונג פון פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין פאַריז און איז דערוויל אוממעגלעך אין דער יידישער אַמעריקע. דער פאַריזער טעאַטער־אַנסאַמבל, וואָס האָט הינטער זיך פּרעכטיקע אויפטוען (אונטערן נאָמען „פּיאַט") אונטער דער רעזשי פון יעקב מאַנסדאָרף, דוד ליכט, יעקב ראָטבוים, האָט שוין איצט

אויף אַן אָוונט אין קולטור־הויז — נ. מייזיל (רעדט), ג. קעניג, מ. שולשטיין

ווידער אַן אייגענעם אַנסאַמבל, מיט אַן אייגענעם רעזשיסער און מיט אַ צאָל גוטע איבערגעגעבענע קינסטלער־שוישפּילער. מען האָט שוין באַוויזן אויפצופירן דר. ח. סלאָוועסעס „המנס מפּלה", פּרץ הירשביינס „פאַרוואָרפן ווינקל", און איצט גרייט מען שלום־עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט". און סיי די פירער־טוער פונעם כאָר, סיי די פירער־טוער פונעם טעאַטער פירן מיך אָפּ אַן אַ זייט, באַשטעלן ספּעציעלע שמועסן. זיי ווילן אַן עצה, זיי נויטיקן זיך אין געזאַנג־נומערן, אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר, און זיי זיינען זיכער, אַז די יידישע אַמעריקע איז רייך און קאָן זיי העלפן, קאָן זיי געבן די נויטיקע ברידערלעכע הילף, לידער און דראַמאַטישן שטאָף... ווייל אַן דעם איז מען אין אַ שווערער לאַגע... איז גיי און אַנטוויש זיי. גיי דערצייל זיי, אַז מיר אין דער גרויסער רייכער יידישער אַמעריקע שטייען אַליין פאַר אַט די זעלבע פּראָבלעמען, פאַר דלות אין דער אויסערלעכער עשירות...

און די חברים, שרייבער, קינסטלער, מאָלער, שוישפּילער, פרעגן זיך אויף דעם און יענעם שרייבער, וואָס זיי געדענקען פון יענע האָניק־טעג און האָניק־וואָכן פון דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, און קענען זיי ווי די גרונטלייגער פונעם איקוף, ווי די פירזאָגער פון איינהייט. זיי פרעגן זיך מיט יראת־הכבוד, מיט פּיעטעט, און עס איז שווער צו דערציילן זיי דעם נאַקעטן אמת, אַז יענע עטלעכע זיינען נישט מיט אונדז, נישט מיטן איקוף, נישט מיט דעם פּראָגרעסיוון שאַפן, נאָר זיי שטעקן גאָר דאָרטן, ביי יענע, ביי די שפּאַלטער... און ווען זיי באַקומען אַ גרוס וועגן קינסטלער, פאַרשטייען נישט די נאַאיווע חברים, גלויבן נישט, אַז אַפילו אין אָט דער גרויסער גורלפולער שעה האָבן „יענע" נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, נישט פאַרבויגן די קליינלעכע חשבונות און זיך נישט דערהויבן צו די געבאָטן פון דער שעה און צו די הייליקע אויפגאַבן פון איין פאַראייניקטן פראָנט לטובת דער יידישער קולטור און פאַר איר באַפעסטיקונג אויך אין די איצטיקע טעג.

באין ברירה באַמיט מען זיך אַריבערפירן דעם שמועס אויף אַנדערע טעמעס. ווי זאָגט ערגעץ שלום־עליכם: „לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן; וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער כאָליערע אין אָדעס?"

יאָ, אין איינעם אַ מיטן פּרייטיק איז אַ שמחה אין „שטעטל", אויף פּאַראַדיז 14. מען האָט מיט גרויסע שוועריקייטן איינגעאָרדנט אינעם אונטערשטן שטאָק אַן אָרט פאַר אַ יידישער דרוקעריי, צונויפגעשלעפּט פון אַלע ווינקלען און זייטן יידישן שריפט, אויך אַ לינאָטיפּ, און אָט לאָזט מען אין גאַנג צום ערשטן מאָל די פלאַכע דרוק־מאַשין (די פּרעס). איז עס אַ זאַך פון גאָר גרויסן באַטייט פאַר אַלעמען. זאָגט מען אָן איינער דעם אַנדערן די שמחה, און מען גייט אַראָפּ און מען וואַרט אויף דער גליקלעכער מינוט, ווען די רעדער וועלן נעמען דרייען און די דרוק־מאַשין וועט זיך לאָזן אין גאַנג. און אַלע שטייען מיר שוין אונטן אין הויף, און פּנימער שיינען, און אויגן זיינען פייכט. מערקווירדיק, ווי מען איז געוואָרן „סענטימענטאַל"! ביי יעדער געלעגנהייט — אַ פיינלעכע, ווייטיקדיקע, אָדער אַ פריידיקע, מונטערע — שטיקן טרערן אין האַלדז. איך בין זיך מודה, אַז נישט איין מאָל האָט עס מיט מיר געטראָפן, — איך האָב געמוזט דערשטיקן די טרערן, וואָס האָבן געדריקט אין האַלדז, כדי ווייטער פאָרזעצן דאָס רעדן, און נישט אַרויסווייזן פאַר אַנדערע די אינעווייניקסטע צערודערטקייט און גערירטקייט.

און באמת, גיי זיי שטאַרקער פון אייזן, ווען דו טרעפסט אָן מענטשן און זאַכן, ווערטער און רייד, וואָס גיבן מיטאַמאָל אַ צעוויקל אַ גרויס שטיק יידיש לעבן, מיט לעבעדיקע טייערע פריינט און חברים, וואָס דו ביסט

געוועזן מיט זיי יאָרן פאַרבונדן ביי געהויבענע מאָמענטן פון קולטור־שאַפערישע יום־טובן און טואונגען. אָט זעסטו משה שאַליטס טאָכטער, — זי איז די איינציקע לויט אַ צופאַל פאַרבליבן פון איר גאַנצער פאַמיליע — משה שאַליט, זיין פרוי און טעכטער. און אָט זיינען גרשון פלודער־מאַכערס זון און טאָכטער, — גרשון פלודערמאַכער, איינער פון די עלטסטע יידישע לערער־דערציִער אין דער יידישער ווילנע, וואָס איז געוועזן אַליין אַ וויכטיקע אינסטיטוציע. און אָט איז יחיאל אַראָנסאָן, איינער פון דער וואַרשעווער יידישער קונסט־וועלט, — די קונסט־וועלט, וואָס האָט גע־שפּילט אַזאַ ראָלע אינעם יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן. און אָט — פרידע בלומענטאַל, אַ שפּענדל פון אַן אומגעקומענער שיף — די אַמאָליקע הער־לעכע „ווילנער טרופּע". און אַלע, אַלע אַרום, וואָס זיינען געבליבן. זיי האָבן גובר געווען די שרעק, די מוראדיקע דערינערונגען און זיי זיינען איצט איינגעשפּאַנט אין די אַלע אָנהויבן, פאַרמעסטן, וואָס דאַרפן באַ־פעסטיקן דעם נייעם יידישן ישוב, וואָס בויט זיך און שטרעבט צו ווידער־אויפלעבונג. וויפיל ווי און פרייד איז דאָ אין דעם אַלעמען!

און דערווייל איז שווער מיטן קריגן אַ פּלאַץ אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל. פּאַק איך אַן אָרט אויף אַן עראָפּלאַן, וואָס דאַרף אָפּפליען דעם 25סטן יולי. איך האָב דערווייל צייט, אַראַנזשירט מען פאַר מיר אויפ־טריטן אין פּאַריז און אין בריסל און אַנטווערפּן, — און אויך אין אַמסטער־דאַם, — עס ווילט זיך טרעפן מיט יידן פון פאַרשיידענע לענדער, זען און הערן, און אויך דערציילן וועגן די יידן פון אַמעריקע... גיי איך מיט מיין בילעט אויפן עראָפּלאַן צום עגיפּטישן קאָנסול, נעמען די טראַנזיט־וויזע איבער קאַירא. איך גיי מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ווי אַן אַמעריקאַנער בירגער וועל איך זיכער קריגן אַ דורכרייזע־וויזע פון איין עראָפּלאַן אויפן צווייטן. קום איך צום קאָנסול, לאָזט ער מיך איבערוואַרטן די אַנדערע באַזוכער, וואָס ער דערליידיקט שנעל. לסוף בעט מען מיך אַריין צום קאָנ־סול אין צימער, און דער אָדון אַליין אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר, וואָס ער קאָן מיר קיין טראַנזיט־וויזע נישט געבן. „סטייטש? עס איז דאָך בלויז אַ האַלבע שעה אויף דעם לופט־פּאָרט?!" אָבער עס העלפן נישט קיין טענות־מענות, און אויך נישט דאָס, וואָס איך בין אַ פּרעסע־מענטש, אַן „עדיטאָר" (אַ רעדאַקטאָר). זייער העפלעך זאָגט ער מיר אָפּ די וויזע. פאַרלאַנג איך צו געבן אַ טעלעגראַמע קיין קאַירא. ענטפערט ער מיר ווידער העפלעך מיט דעם „איי עם סאָרי", אַז ער איז גרייט עס צו טאָן, מער נישט, דער ענטפער קאָן קומען, ווער ווייסט, נישט פריער ווי אין אַ זעקס וואָכן אַרום...

יאָ, אונדזער אַלטער יידישער חשבון, אונדזער סכסוך מיט די מצריים, מיט פּרעה מלך מצרים, האָט זיך, ווייזט אויס, נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט:

אַמאָל האָט מען יידן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון מצרים, היינט לאָזט מען אַ יידן נישט אַדורך דורך מצרים.

און באין ברירה מוז איך אויפגעבן די אויפטריטן אין בעלגיע, אין פּאַריז, אין אַמסטערדאַם. איך קריג, אַדאַנק אַ ספּעציעלער באַקאַנטשאַפט, אַן אָרט אויף דער שיף „אַנדרע לעבאָן", וואָס גייט אָפּ דעם 15טן יולי פון מאַרסעיל. מוז איך איינפּאַקן די זאַכן און אָפּפאָרן פריער פון פּאַריז. ס'איז גוט נאָך, וואָס איך וועל כאָטש אַריינכאַפּן דעם 14טן יולי. זיין אין מיטן יולי אין פּאַריז און נישט בייזיין דעם גרויסן פאָלקס־יום־טוב, וואָלט באמת געווען אַ גרויסער פאַרדרוס.

איז מיר באַשערט צו בלייבן אין פּאַריז נאָך איין טאָג, דעם 14טן יולי.

פּאַריז, דעם 13טן יולי 1946.

6

דער 14טער יולי

נישט נאָר יעדער פּאַריזער — מאַן און פרוי, ניט־ייד און ייד — האָט געוואַרט אומגעדולדיק אויף דעם 14טן יולי, — דער היסטאָרישער באַסטיליע־טאָג, ווען מען קאָן ברענגען צום אויסדרוק פרייעלעכקייט, דער טאָג, ווען מען קאָן זיך לאָזן פריי וואוילגיין אויף די גאַסן פון דער שטאָט — נישט נאָר יעדער פּאַריזער תושב, וואָס פאַר די עטלעכע יאָר פון דער דייטשישער גרויליקער הערשאַפט איז ער באַרויבט געווען פון לעבן פראַנק און פריי ווי זיין האַרץ וויל, — אויך איך, דער גאַסט אויף אַ ווייל אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז, האָב אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג, וואָס איז פאַר־בונדן מיט אַזוי פיל היסטאָרישע פּאַסירונגען און איז דער סימבאָל פון דעם אייביקן קאַמף פאַר פרייהייט און וואוילזיין פונעם פאָלק, פון מענטשן־רעכט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

איך געדענק גוט דעם 14טן יולי אין פּאַריז אין יאָר 1937. עס איז געווען אין דער געשיכטע פון אייראָפּע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איינער פון די שענסטע און דערהויבנסטע טעג. די מענטשהייט, פון די סאַמע שפּיצן ביז צו די פּשוטע בירגער, פון די אינטעלעקטואַליסטן ביז צו דעם דורכשניטלעכן בירגער, האָט געגאַרט נאָך רו, נאָך באַקוועמלעכ־קייטן, נאָך וואוילזיין. עס זיינען דאָן געווען די דערהויבענע טעג פון דעם פאָלקס־פראָנט, פון די פרויען און פאַרמעסטן צו שאַפן האַרמאָניע און פאַרשטענדעניש צווישן אייגענע און פרעמדע. עס איז דאַן געווען די צייט

פון דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג און פון די פאַרשיידענערליי וועלט־קאָנגרעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּאַריז, אויף וועלכע מען איז פון פאַרשיידענע זייטן און פון פאַרשיידענע ריכטונגען געגאַנגען אָדער גע־פּרוואווט גיין אויף איין וועג, צו איין ענד־ציל, צו פעלקער־ברודערשאַפט, צו פרידן און צו נייע פאַרבעסערונגען פאַר דעם מין מענטש.

די נאַאיווע האָבן געמיינט, — און אַזעלכע נאַאיווע זיינען געווען צופיל, — אַז עס איז שוין באמת נישט ווייט די צייט פון דער אידיליע „וגר זאב עם כבש", דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ וואָלף מיט אַ שעפעלע. אין 1937 איז דער 14טער יולי געווען אויך אַ סימבאָלישער אויסדרוק פון דער גרויסער מאַסן־ענערגיע, וואָס האָט זיך געקליבן ביי די פעלקער בכלל און ביי יעדן פאָלק באַזונדער, לטובת דער מענטשהייט און לטובת די בעסטע און שענסטע אידעאַלן. די מער־וויטזעעוודיקע, די טיף־פאַרשטייענדיקע האָבן אויך דאַן שוין גוט באַגריפן און פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך פרי, צו־פרי צו זיין אַזוי זאָרגלאָז, און זיי האָבן געוואָרנט און געמאָנט וואַכזאַמקייט און אויפמערקזאַמקייט.

עס שטייט אין זכרון יענער דענקווערטיקער טאָג — דער 14טער יולי 1937 אין פּאַריז. צוזאַמען מיטן גרויסן פאַרוויל־יום־טוב, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דער זאָרגלאָזער פּאַריזער באַפעלקערונג, צוזאַמען מיט די גוטמוטיקע פראָסט־פּשוטע טענץ אויף די גאַסן פון פּאַריז, וואָס האָבן געדויערט גאַנצע דריי טעג כמעט אָן איבעררייס, צוזאַמען מיט די יום־טובדיקע פלאַטערנדיקע פאָנען איבער די קעפּ פון הונדערטער טויזנטער פּאַריזער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן שעהען־לאַנג מאַרשירט מיט רואיקייט, געמיטלעכקייט און זאָרגלאָזיקייט איבער די ברייטע אויסגעפּוצטע פּאַריזער גאַסן, פּלעצער און בולוואַרן, — צוזאַמען מיט דעם אַלעמען זיינען אויף פּלאַקאַטן און אויף לייוונטן געווען אויפ־געשריבן מיט גרויסע אותיות די מאָנענדיקע רופן — „קאַנאָנען קיין שפּאַניע!", „הילף די שפּאַנישע קעמפער!". איך בין דאַן, ווי אַ צייטונגס־פאַרשטייער, געזעסן אויף דער ספּעציעל־אויפגעבויטער הויכער טריבונע, צוזאַמען מיט די מלוכה־פירער פון דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג, מיט די פאָרשטייער און די פירנדיקע פערזענ־לעכקייטן פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען, און איך האָב געזען און אויפ־גענומען, אַז נישט פאַר אַלע די ריכטונגען איז געווען צום האַרצן אָט דער הילכיקער און מאָנענדיקער רוף צו העלפן דער ראַנגלענדיקער שפּאַניע, צו שיקן אַהין האַרמאַטן, כדי צו באַקעמפן די פרעכע פראַנקאָ־באַנדיטן.

מיר האָבן דאַן געאָנט, אַז מעשה־שפּאַניע איז דער ערשטער כחות־פּאַרמעסט פון די אַלץ־וואַקסנדיקע פאַשיסטן און נאַציסטן מיט דער וועלט,

דער ערשטער פּרוּוו זייערער צו פֿאַרכאַפּן טעריטאָריעס און פֿאַרלייגן נעצן פֿאַר ווייטערדיקע פֿאַרכאַפּונגען. מיר האָבן דאָס געאַנט, אָבער די דעמאָלטיקע וועלט־הערשער פֿון איראָפּע און פֿון אַמעריקע האָבן עס נישט געוואָלט תּופֿס זיין און, אדרבה, אייניקע פֿון זיי האָבן אַרויסגעקוקט, אַז דער פֿאַשיזם און נאַציזם וועט גאָר זיין אַ מזל־ברכה און אַז ער וועט פֿריער פֿון אַלץ „ראַטעווען די וועלט פֿון קאָמוניזם". אין די קאַמפֿן אין שפּאַניע האָבן זיי געזען אַן ענין בלויז פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און פֿון זיינע אָנהענגער.

און אַט שטייען מיר איצט אין יולי 1946, ניין יאָר נאָך יענעם פֿייער־לעכן טאָג אין פּאַריז — און סאַר אַ גוואַלדיקער אונטערשייד עס איז פֿון דאַן און איצט! עס איז איצט נישטאָ אין דעם אַמאָל־עלעגאַנטן און פֿאַר־פּוצטן פּאַריז יענע זאָרגלאָזיקייט, יענע פּיסט־און־פּאַסטקייט, יענע לייכט־זיניקייט, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פֿון יעדן געזיכט, פֿון יעדער פּרוי, פֿון יעדן פֿראַנצויזישן פּנים.

איך בין ערב זונטיק, דעם 14טן יולי — שבת, דעם 13טן — ספּעציעל אַראָפּגעפֿאָרן צום פּלאַץ, וואו עס איז געווען די וועלט־אויסשטעלונג אין יאָר 1937. איך האָב געטראָפֿן דאָ גאָר אַן אַנדער אויסזען. דער באַרימטער אייפֿל־טורעם, וואָס איז דאַן געווען אַריינגעפּלאָכטן צווישן די פֿאַרשיידענע גרויסע מלוכה־בנינים פֿון די מערסטע פֿעלקער אין דער וועלט, — דער אייפֿל־טורעם איז איצט געשטאַנען איינער אַליין, אַליין פֿאַר זיך. עס איז שוין, אמת, איבער אַ יאָר ווי עס איז שלום אויף דער וועלט, אָבער עס איז נאָך ווייט נישט געקומען יענע געגאַרטע גליקלעכע צייט, ווען עס וועט זיך ענדלעך איינשטעלן פֿולשטענדיקע רו און ברידערלעכקייט און קעגנ־זייטיקע פֿאַרשטענדעניש און צוטרוי פֿון איין פֿאָלק צום אַנדערן. עס זיינען נאָך דאָ אויך היינט גענוג גיפֿט־מישער, מענטשן־האַסער, וואָס רייצן און שטערן דעם אמתן שלום אויף דער וועלט.

איך האָב די טעג געהערט פֿון איינעם אַ יידן אַ גוט וואָרט וועגן דעם היינטיקן פֿרידן. ער האָט עס אָנגערופֿן: „זינט דער שלום איז אויסגעב־בראָכן". יאָ, דאָס לעבן איז דאָ גענוג שווער און האַרב. יאָ, עס איז נישט געקומען דער שלום, נאָר דער שלום איז דערווייל אין דער בחינה, אין דער מדרגה, ווי ער וואָלט, ווי עפּעס אַ סטיכייאישע זאַך, אויסגעבראָכן...

אויך דער היינטיקער 14טער יולי אין פּאַריז איז אַזאַ, וואָס לאָזט נישט צורו, ער ברענגט נאָך נישט די פֿולע האַרמאָניע, די אמתע פֿרייד.

שבת פֿאַרנאַכט, דעם 13טן, ווען לויט דער טראַדיציע הויבט זיך אָן דער גרויסער פֿאָלקס־יום־טוב, האָט פּלוצים דער הימל זיך שטאַרק אָנ־

געכמאַרעט און דערנאָך האָט גענומען גיסן ווי פון אַ צעבער. אויף די פּאַריזער גאַסן און געסלעך, ביי יעדער קאַפע און רעסטאָראַן, זיינען שוין געווען אויפגעבויט די טריבונעס פאַר די מוזיקאַנטן. עס זיינען געווען אָנ־געהאַנגען פאַרשיידענע פענער און אויך פיל־קאָלירנדיקע פּאַפּירלעך האָבן שעמערירט אויף דראָטן איבער די גאַסן. זיינען מיר אַזוי געגאַנגען איבער די גאַסן און צוגעזען ווי גאָט אַליין לאָזט זיך נישט פרייען. אין די קאַפייען, אין די טויערן, פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט די פּאַריזער איינ־וואוינער, יונג און אַלט, און געווען טרויעריק, וואָס מען קאָן נישט אָנהויבן דעם יום־טוב...

ערשט אַרום 9 אָוונט האָט דער גאַס־רעגן אויפגעהערט, און פון אַלע זייטן האָט מען זיך גענומען אַרויסשיטן אויף דער גאַס. מ'האָט אָפּגעווישט די אויפגעשטעלטע טריבונעס פאַר די מוזיקאַנטן, מ'האָט אָנגעשטעלט די כלים, אַרויפגעצויגן די פענער און גענומען שפּילן. און שוין האָבן פון עולם גענומען זיך אַרויסרוקן, לכתחילה ווי פאַרשעמט, די ערשטע פּאָרלעך, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טאַנצן אויף די גאַסן. עס האָבן גענומען זיך איבעררופן טענער און קלאַנגען, מאָטיוון און קולות פון פאַרשיידענע זייטן און עקן — און דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן, וואָס־ווייטער אָנגענומען אַלץ־ברייטערע פאָרמען און מאָסן, אָבער דאָך אָן דער אַמאָליקער באַגייסטערונג.

עס איז נישט געווען דאָס, וואָס עס איז געווען מיט 9 יאָר צוריק. די לעצטע 9 פאַרגאַנגענע יאָר זיינען געווען ביטערע, שווערע, גרויזאַמע פאַר פיל־פיל פראַנצויזישע איינוואוינער און בירגער. ביי פיל האָבן די יאָרן אָוועקגערויבט אַלדאָס בעסטע, טייערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — זייערע פאַמיליע־מיטגלידער, זייער האָב און גוטס, און עס איז שווער זיך צו פרייען, עס איז שווער צו פאַרגעסן די אַלע איבערגעלעבטע פיינען און וויען. און די קנאַפּע צוויי יאָר, זינט דער באַפרייאונג פון פאַריז, זיינען אויך גאַנץ שווערע. זיי לייגן זיך שווער אויפן געמיט, זיי גיבן נישט די מעגלעכקייט צו פאַרווישן אַלדי צרות און איבערלעבענישן.

אָבער מען וויל פאַרגעסן, מען וויל אַרויפציען אויף זיך פרייד, דער־מוטיקונג, — זאָל זיין אָפילו אויסערלעך, למראית־עין. שפּילן די מוזי־קאַנטן, און פּאָרלעך דרייען זיך, געזיכטער ווערן, דוכט זיך, אויפגעלייגטער, אָבער די זאָרג גייט נישט אַוועק פונעם פּנים, און דאָס האַרץ הערט נישט אויף צו ווייטיקן און צו קלעמען...

אויף מאָרגן, זונטיק, דעם 14טן יולי, האָט מען געזען די מאַסן, די פּאַריזער און די דערבייאיקע באַפעלקערונג צו קומען צום באַסטיליע־פּלאַץ, צו די אַרומיקע גאַסן, וואו אַזייגער 1 נאָכמיטאָג וועלן זיך נעמען

פאַרמירן די פאַרשיידענע גרופּעס, יעדער איינער אַרום זיין פּאַרטיי, אָר־גאַניזאַציע, אַנשטאַלט, געזעלשאַפט. וועגן דעם איז געמאָלדן געוואָרן אויף די גרויסע אַפישן, אין די אַלע צייטונגען און צייטשריפטן פון דעם גרויסן פּאַריז, ווי אויך האָט די ראַדיאָ וועגן דעם געהאַלטן אין איין מעלדן.

האָב איך אויסגענוצט די פרייע צייט ביז איינס בייטאָג און בין מיט אַ פריינט צוגעפאָרן צום באַרימטן בית־עלמין „פּער־לאַ־שעז". טויט און לעבן, העראָאישקייט און אידעאַלן, מסירת־נפש און צוקונפט־טרוימען זיינען דאָך אַזוי ענג דאָ צונויפגעבונדן! און וואו בינדט זיך אַזוי שטאַרק דער אַמאָל און היינט, די געשיכטע און צוקונפט, ווי אין דער אַלטער אייראָפּייאישער וועלט־שטאָט פּאַריז? און אַוודאי איז עס איצט, אין דער איצטיקער צייט, ווען חורבות שטייען נאָך נישט פאַרבויט, ווען וואונדן זיינען נאָך אָפן, ווען דער אָנדענק פון די אומגעקומענע איז נאָך אַזוי פריש.

מיט מיר גייט אַ יונגערמאַן, וואָס זיין פרוי איז אומגעקומען אין אוישוויץ (אָשוויענטשים). ביי אים, ביים פריינט אין הויז, הענגט דאָס בילד פון זיין יונגער פרוי, און ביים בילד — בלומען. „זי האָט ליב געהאַט בלומען!" — טוט ער מיר שטיל אַ זאָג, און זיין און מיין האַרץ ווערן פאַרקלעמט. ווען מיר קומען צו נאָענט צום בית־עולם, גייט אַריין דער פריינט אין אַ בלומען־געשעפט און קויפט לעבעדיקע בלומען צו לייגן זיי אויפן „קבר" פון זיין פרוי. קבר? צוריק מיט עטלעכע וואָכן האָט מען געבראַכט אַהער אַ קאַסטן אַש פון די פאַרברענטע 180 טויזנט מענטשן אין די אוישוויצער קאַלך־אויוונס, פון אַלט און יונג, מאַן און פרוי, ייד און נישט־ייד. מען שאַצט, אַז צווישן די 180 טויזנט פאַריזער זיינען געווען איבער 120 טויזנט יידן — צווישן די קרוב צו 180 טויזנט פאַרברענטע איז אויך געווען די פרוי פון מיין באַגלייטער. אויף דעם מוראדיקן מאַסן־„קבר" ליגט אַ דערוויליקער שטיין, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט עטלעכע געדענק־שורות. דער גרויסער דענקמאָל וועט נאָך געשטעלט ווערן.

דער „קבר" פון די 180 טויזנט קרבנות געפינט זיך אַנטקעגן דער באַרימטער „קאָמונאַרן־וואַנט" — דאָ האָט מען אין 1871, אין משך פון עטלעכע טעג אין מאַי־חודש, געשאָסן איינעם נאָך איינעם די קאָמונאַרן. דאָ באַלד געפינט זיך דער קבר פון אַנרי באַרביוס, וואָס האָט מיט קנאַפּע 30 יאָר צוריק אַרויסגעשריגן פאַר דער וועלט זיין רוף־מאָנונג דורך זיינע ווערק. עס זיינען דאָ אויך פאַראַן אייניקע קברים פון די געפאַלענע קעמפער אין שפּאַניע — די פאַרשפּיל פון דעם צווייטן וועלט־קריג, און אויך די קברים פון געפאַלענע, דערשאָסענע קעמפער־מאַרטירער פון דער לעצטער דייטשיש־נאַצישער בעסטיאַלישער הערשאַפט, — צווישן אַנדערע

— דער קבר פון די דריי דערשאָסענע, מוני נאַדלער און די צוויי בור־שטיינס...

אויך אויף די פּאַריזער גאַסן זיינען דאָ פיל צוגעקלאַפּטע טאָוולען אויף די הייזער פון פאַרשיידענע גאַסן, וואו עס זיינען געפאַלן העלדן אין דעם לעצטן געראַנגל מיט די נאַציִשע אַריינדרינגער ביים באַפרייען די שטאָט פּאַריז. היינט, דעם 14טן יולי, ליגן גרויסע קראַנצן בלומען מיט פאַר־שיידענע אויפשריפטן אויף די רויטע לענטעס. פון די קאָמונאַרן־העלדן ביז די לעצטע ליגט אַ צווישן פון אַ 75 יאָר, אָבער דאָך איז דער העראָאיזם דער זעלבער, — הייליקע קרבנות פאַר אַ ליכטיקער און בעסערער וועלט.

מיר לאָזן איבער דעם בית־עולם און לאָזן זיך צום באַסטיליע־פּלאַץ. אין אַ זייטיקער גאַס הויבט זיך אָן צו פאָרמירן די גרופּע איינס. אַ גרויסער פּלאַקאַט, אין דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך. אָט זיינען די פירער. זיי שטייען אין אַ קרייז. דאָ שטייט דער הויכער, פול־געפּאַקטער מאָריס טאָרעז, דער גענעראַל־סעק־רעטאַר פון דער פּאַרטיי און דער וויצע־פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. אַרום אים, פיל נידעריקער פון אים, שטייט דער באַוואוסטער זשאַק דוקלאָ, פּאַרטיי־סעקרעטאַר און וויצע־פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט, און דער דריטער מיט זיי — אַנדרע מאַרטי. מיר קוקן זיך איבער. אויף זייערע געזיכטער — דער באַקאַנטער גוטמוטיקער פראַנצויזישער שמייכל און אַ האַרציקער פינקל מיט די אויגן. און נאָך דעם קומען די פריינטלעכע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. אָט איז די פּאָפּולערע אין פראַנקרייך ק. א. ד. י. (צענטער פון פּאַרטיידיקונג פון איינגעוואַנדערטע פעלקער אין פראַנק־רייך), וואָס ציילט איצט איבער דריי מיליאָן מיטגלידער פון 18 פעלקער. אָט די וויכטיקע פעלקער־אָרגאַניזאַציע איז אַ באַשטאַנד־טייל פון נאַציאָ־נאַלן ווידערשטאַנד פון פראַנקרייך, באַקאַנט מיטן נאָמען ס. נ. ר. זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ק. א. ד. י. איז עדואַרד קאָוואַלסקי, אַ גוטער פריינט מיינער פון די פריערדיקע צייטן, — עס איז ב. טשאַרני, דער געוועזענער פּאַרוואַלטער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער צייטונג „נייע פּרעסע“ אין פּאַריז. פאַר די ניין יאָר, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, זיינען זיינע האָר געוואָרן גרויער, גרוי. אָבער דער זעלבער אויפגעהויבע־נער קאָפּ, און די זעלבע ענערגיע שטראָמט פון זיינע אויגן...

און ווייטער — נאָך און נאָך צענדליקער און הונדערטער אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס בילדן דאָס היינטיקע נאָך־מלחמהדיקע פראַנקרייך... איך באַ־געגן דאָ די סאָוועטישע שרייבער איליאַ ערענבורג, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, וואָס מיר זיינען אינאיינעם מיט זיי געפאָרן אויף דער שיף „איל דע פראַנס“

פון אַמעריקע קיין פראַנקרייך. מיר באַגריסן זיך גאָר היימיש, ווי אַלט־אַלטע פריינט, און זיינען צופרידן זיך צו טרעפן אויף דעם יום־טוב פון באַפרייאונג. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, און גלייך — צעשאַלן זיך די רופן, עס צעהילכן זיך די הויך־רעדער, זיי שפּילן אויס מאַרשן, פאָלקס־הימנען, געזאַנג פון קאַמף און פון אַרבעטער־אייניקייט...

און עס הויבט זיך אָן דער גאַנג. חברים ראָטן מיך זיך צו שטעלן אויפן באַסטיליע־פּלאַץ אויף אַ הויכן אָרט אויף אַ טריבונע. איך פאָלג זיי. און אַזוי שטייענדיק האָב איך באַגלייט די הונדערטער טויזנטער פּאַריזער אַרבעטער, אינטעלעקטואַלן, פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען אונטער די פאָנען און פּלאַקאַטן פון זייערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען, מיט פאַרשיידנסטע לאָזונגען און רופן, מיט דער־מאָנונגען און וואָרנונגען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די צייט, וואָס מען האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט, ווי אויך די פאָדערונגען אויף ווייטער. דאָ זיינען געווען מלחמה־וועטעראַנען, קריגס־געפאַנגענע, געבליבענע טיילן פון די דעפּאָרטירטע, מיטגלידער פון פאַרשיידענע אַנטי־פאַשיסטישע, אַנטי־ראַסיסטישע אָרגאַניזאַציעס, דערנאָך כלערליי יוגנט־חברות, קינדער־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קלובן, צייטונגען, כאָרן, קעמפּס, שולן און הויך־שולן, פעלקער־אָרגאַניזאַציעס, קאָאָפּעראַטיוון, פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און אַזוי ווייטער. הקיצור, דער גאַנצער פיל־קאָלירנ־דיקער פראַנצויזישער אָרגאַניזירטער עולם פון די סאַמע פאַרשיידנסטע ריכטונגען איז דאָ געווען פאַרטראָטן מיט זייערע זינגער, מיט זייערע אייגנ־אַרטיקע פענער, מיט פּאָרטרעטן פון העלדן, און אָנגעטאָן אין פאַרשיידענע קליידער און נאַציאָנאַלע טראַכטן.

עס איז געווען אַ הערלעך בילד, און אַ באַווייז, אַז דאָך, דאָך לעבט און וועט ווייטער לעבן דער דראַנג צו אַ פריי און גליקלעך לעבן.

פּאַריז האָט זיך פון צווישן דעם גרוי־וואָכעדיק לעבן ווידעראַמאָל אויסגעטשוכעט פאַר אַ נייעם פאַרמעסט און פאַר אַ נייעם גאַנג אין אַ גליקלעכער צוקונפט אַריין.

דער יום־טוב פון 14טן יולי איז געווען אַ פריידיקער אָנזאָג, אַז מיר גייען, — אפשר זייער פּאַמעלעך — צו אַ שענערן און פריידיקערן לעבן פאַר אַלע מענטשן און אויך פאַר אונדז יידן.

פּאַריז, דעם 14טן יולי 1946.

7

צוויי שיפן — צוויי וועלטן

צוויי שיפן — איינע „איל דע פראַנס״, וואָס איז געגאַנגען פון אַמעריקע קיין פראַנקרייך, און די צווייטע שיף „אַנדרע לעבאָן״, וואָס ציט איצט איר וועג פון פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל.

מיט קנאַפע דריי וואָכן צוריק האָב איך פאַרבראַכט אַ 8 טעג אויף דער ערשטער שיף, און איצט לעב איך עטלעכע טעג אויף דער צווייטער שיף.

צוויי שיפן, וואָס שווימען אויף די ברייטע וואַסערן פון אָקעאַנען און ים׳ען, כמעט אין איין צייט, אָבער סאַר אַ טיפער אונטערשייד עס איז צווישן די פּאָרער, צווישן די „איינוואוינער״ פון דער ערשטער און דער צווייטער שיף!

איך רעד בעיקר וועגן דעם יידישן טייל פון די רייזנדע. מיט זיי קומט מען אין אַן אַלץ־ענגערן קאָנטאַקט, מיט זיי קומט אויס צו רעדן אָפן, פון האַרץ צו האַרץ, און עס איז גענוג אָפט אַן אָנדייטונג, אַ בליק אין די אויגן, אַ קרעכץ און אַ זיפץ, מען זאָל זיך גוט פאַרשטיין.

אָפטמאָל ווייזט זיך אויס, אַז ווי עפּעס אויף אַ בכיוון, אומיסטן זיינען אין אַ שיף פאַראַן פון יעדן מין צוביסלעך. אַט ווי יעדע גרופּע זאָל מיט זיך סימבאָליזירן טיילן, שיכטן, באַוועגונגען אין דעם יידישן פאָלק, און יעדער איינער זאָל ווי ברענגען צום אויסדרוק אַלדאָס פאַראַנענע אין דעם היינטיקן יידישן לעבן.

האָט די ערשטע שיף, וואָס איז געגאַנגען פון אַמעריקע קיין אייראָפּע, געפירט מיט זיך, אַרויסגעבראַכט דורך אירע „פאַרשווינען״ ממש ווי אין אַ גוט־געפּאַסטן דראַמאַטישן ווערק, דעם טייל יידן, וואָס לעבט און ווירקט אין דער „זאָנע״ צווישן אַמעריקע און אייראָפּע. עס זיינען געווען דאָרטן יידן, וואָס, ווי די וואַנדער־פייגל, האָבן זיי מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען עס האָבן גענומען בלאָזן די קאַלטע ווילדע ווינטן פון די נאַציס, גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען מוז פאַרלאָזן די געשאַפענע נעסטן און מען דאַרף אויף־שנעל, כל־זמן דער בייזער ווינטער קומט נישט אָן, זיך לאָזן אין וואַרעמערע לענדער איבערצוואַרטן די ווינטער־צייט. און איצט, אַז דער פראָסט איז שוין פאַראיבער, לאָזן זיי זיך מיט „הכל־בכל״ צוריק. גייען איצט אַזעלכע „שיירות״ יידן צוריק קיין פראַנקרייך, קיין בעלגיע פון מעקסיקע, פון קובע, פון אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וואו מ׳האָט געלעבט עטלעכע יאָר און נישט באַוויזן דאָרטן מאַטעריעל און פסיכאָלאָגיש זיך איינצוואָרצלען און איינצובירגערן. אַנדערע ווידער האָבן אין

פראַנקרייך אָדער אין בעלגיע ערב דעם וויסטן היטלעריזם איבערגעלאָזט אַ הויז, אַ וואוינונג, מעבל, געשעפטן, קרובים — פּאָרט מען איצט אַהין זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן, זען צי וועט מען קאָנען צוריקבאַקומען וואָס מען האָט איבערגעלאָזט, און מען וויל אויך זען, צי עס וועט זיך איינגעבן דאָרטן צוריק אויפשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן, און זיך צוריקצונעמען צו די נאָרמאַלע באַשעפטיקונגען.

אויף דער שיף זיינען אויך געפאָרן אַמעריקאַנער יידישע סוחרים, וואָס ווילן פונדאַסניי אָנקניפּן געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די אייראָפּיי־אישע פלעצער און פירמעס, וואָס זיינען זיי באַקאַנט פון פריער. עס זיינען אויך געפאָרן אייניקע מיטן צוועק אויפצוזוכן פאַרבליבענע קרובים פון די אַמאָל־גרויסע פאַרצווייגטע משפחות אין די אַמאָליקע אייראָפּייאישע קיבוצים, און אויב מעגלעך זיי ברענגען קיין אַמעריקע אָדער דרום־אַמעריקע. עס איז געפאָרן אַ באַוואוסטער האָליוואודער יידישער רעזשיסער מיט ווייב און קינד, וואָס האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט מיט דערפאָלג אין דער האָליוואודער פילם־וועלט, אָבער עס ציט אים צוריק קיין פראַנקרייך, וואו ער האָט מיט אַן אַכט־צען יאָר צוריק געהאַט אַ גרויסן דערפאָלגרייכן נאָמען אין דער דאָרטיקער פילם־אינדוסטריע. עס זיינען אויך צוריק־געפאָרן קיין פראַנקרייך שטאַרק־אַסימילירטע פראַנצויזישע יידן, וואָס קערן זיך אום אַהיים, מיט גאָר דער ליבע און באַגייסטערונג פאַר זייער היימלאַנד. צווישן אַנדערע איז מיט מיר אין דער קאַבינע געוועזן דער 78־יאָריקער באַוואוסטער יידיש־פראַנצויזישער דיכטער אַנדרע ספּיר, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט עטלעכע יאָר אין דער פרעמד, אין גלות־אַמעריקע, און איצט קערט ער זיך אום צו זיין לאַנד, שפּראַך און קולטור. און עס זיינען אויך געוועזן יידן — אַמעריקאַנער, וואָס זיינען פאַרוועבט און פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן, פילן אויס די פאַרשיידענע פונקציעס פון דער פאַרשיידנאַרטיקער אַמעריקאַנער וועלט, פאָרן זיי קיין לאָנדאָן אָדער פּאַריז אין פאַרשיידענע שליחותן, מיט דער דעה גלייך צוריקצופאָרן אַהיים, קיין אַמעריקע.

הקיצור, דער נח־קאַסטן, וואָס האָט געהייסן „איל דע פראַנס”, האָט געהאַט אַ פּאָר הונדערט יידישע פאָרער פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, מין און עלעמענט. נישט געקוקט אויף די געמיינזאַמע אינטערעסן אינעם לעבן אויף איין שיף, ביי איין טיש, אויף איין דעק, מיט איין שטייגער־דיסציפּלין, — נישט געקוקט אויף דעם זיינען עס געוועזן יידן מכל המינים, פון פאַר־שיידענע וועלטן און קרייזן און מיט פאַרשיידענע צילן און אויפגאַבן, מיט פאַרשיידענע אויסבליקן אויף דער נאָענטער אָדער ווייטערער צוקונפט.

און ווי געוואַלדיק פאַרשיידן איז די שיף „אַנדרע לעבאָן” מיט אירע

יידישע פאָרער, מיט איר יידישער „באַפעלקערונג״! ממש ווי פון אַן אַנדער תקופה, ממש ווי פון אַן אַנדער וועלט.

די הערשנדיקע שפּראַכן אויף דער ערשטער שיף זיינען געווען ענגליש און פראַנצויזיש, מיט אַ קליין ביסל יידיש און רוסיש. די הערשנדיקע שפּראַכן אויף דער איצטיקער שיף, אויסער פראַנצויזיש — זיינען יידיש, העברייאיש און אַראַביש.

שוין אין דעם ספּעציעלן צוג, וואָס האָט געפירט די שיף־פּאַסאַזשירן פון פּאַריז קיין מאַרסעל, האָט זיך געלאָזט פילן, אַז עס פאָרן בעיקר און אפשר דורכאויס — מזרח־פעלקער: ארץ־ישראל יידן, אַראַבער, עגיפּטער, סיריער. און אַלע צו איין פּונקט — קיין אַלעקסאַנדריע (מצרים), און קיין חיפה; אַ קליינער טייל קיין ביירוט.

ווי עס טרעפט אַלעמאָל אויף אַ שיף, הערשט נאָך די ערשטע צוויי טעג אַ מין אויסמישונג, מען האָט נאָך נישט באַוויזן איינצוטיילן זיך אין נעענטערע, קרובהשע גרופּעס. פאַראַן נאָך אַ שטיקל אַנדרולומוסיא, ווי אין אַ טייך בעת אַ שטורעם. אָבער ווי נאָר עס גייט אַוועק אַ טאָג און צוויי, — און אויב נאָר מען וויל נישט בכיוון, באַוואוסטזיניק זיך אויס־באַהאַלטן און זיך פאַרקלייבן אין אַן אַנדער סביבה און קרייז, הויבט אָן זיך אויסבילדן אַ נאַטירלעכע קרובהשאַפט און עס שאַפט זיך איין קיבוץ און אַ צווייטער. און אַט איצט, נאָך די עטלעכע טעג פון פאָרן אינאיינעם, האָבן מיר זיך איינגעלעבט, און עס איז שוין קלאָר דער כאַראַקטער, דער עלעמענט, די וועלט, וואָס בילדעט זיך דאָ אויף דער שיף.

ווייזט זיך אַרויס, אַז עס פאָרט קודם־כל אַ געשלאָסענע גרופּע פון איבער 100 (געגנויער — 108 יונגעלייט, ייִנגלעך און מיידלעך, יונגע פּרויען און מענער) חלוצים, אָבער חלוצים פון אַן אַנדער שטאָף און מאַטעריאַל, וואָס איז מיר באַקאַנט און נאָענט פון פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, פון יענע גליקלעכע יאָרן פון פאַרן צווייטן וועלט־קריג. די חלוצים אויף דער שיף זיינען דאָס רוב פון בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך. זיי זיינען אויף־שנעל רעקרוטירט פון די יידישע קרייזן, וואָס זיינען פאַרבליבן לעבן על־פּי־נס נאָך דער היטלער־מגפה. עס פאָרן אויך יונגע ווייבלעך אויף די סערטיפּי־קאַטן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע יונגע מענער, די מיטגלידער פון דער יידישער בריגאַדע, וואָס האָט געלעבט אין בעלגיע און האָלאַנד, און דאָרט זיך באַקענט מיט מיידלעך, חתונה געהאַט מיט זיי, און איצט פאָרן די ווייבלעך צו זייערע מענער. און מערקווירדיק: צווישן אָט די ווייבלעך, וואָס פאָרן צו זייערע מענער קיין ארץ־ישראל, זיינען אויך דאָ אַכט נישט־יידישע יונגע פרויען, האָלענדערינס אָדער בעלגיערינס, — די נייע רותעס, וואָס פאָרן־מיט מיט די יידישע פרויען, אויך צו זייערע

מענער, און אייניקע שוין מיט ידישע נעמען — אַ צוגאָב צו די נישט־ידישע...

אויסער אָט דער געשלאָסענער חלוצים־גרופּע, וואָס טיילט זיך אויס זייער שטאַרק מיט איר אויסזען, מיט איר ספּעציעלן הילוך, מיטן אייגנאַרטיקן פּייערל אין די אויגן, מיט איר יונגן עלטער, זיינען אויף דער שיף אויך דאָ פאַרשיידענע טיפּן ידן פון ארץ־ישראל, אַזעלכע, וואָס זיינען שוין דאָרטן אַ 15, 20 און מער יאָרן, — זיי פאָרן איצט פון אויסלאַנד צוריק אַהיים, צום הימלאַנד. זיי האָבן פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען, זיי זיינען געפאָרן קויפן סחורות פאַר דעם ארץ־ישראל־מאַרק; פאַראַן אויך אייניקע מיט געזעלשאַפטלעכע שליחותן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצופילן אין די „גלות״־לענדער, און אַ קליינע צאָל — ידן, וואָס פאָרן פון אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד אויף אַ קורצן אָדער לענגערן באַזוך.

צווישן די ידישע ארץ־ישראל־איינוואוינער הערט מען אָפט די העברייאישע שפּראַך, אָפט — אַ נאַטירלעכע, אַ היימישע, און אָפט אויך — אַן אָנגעצויגענע, אַ געקינצלטע. נישט זעלטן הערט מען אַ גאַר גוטן העברייאיש פון אַ „סאַברא״ (אַן ארץ־ישראל־געבוירענעם), וואָס האָט זיך די ספּעציפישע ניואַנסן און חנדלעך פון דער נייער העברייאישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

אָבער די חלוצים — כמעט אַלע, אָדער דער ווייט־גרעסטער טייל זייערער — זיי קענען ווייניק, אָדער כמעט גאָרנישט קיין העברייאיש, רעדן זיי אויף פאַרשיידענע שפּראַכן: ידיש, פראַנצויזיש, האָלענדיש, דייטש אָדער דייטשמעריש, זעלטן אויך — אַביסל ענגליש. טרעפט מען צווישן די מער־פלייסיקערע יינגלעך און מיידלעך העברייאישע לערנביכער און העפטן מיט אָנגעשריבענע העברייאישע ווערטער, וואָס מען חזרט און חזרט־איין. מען טרעפט אויך, ווי אַ בחור, שוין אַ שטיקל „למדן״, קנעלט מיט אַ מיידל — „אני, אתה, הוא!״ אָדער „אחד, שנים, שלשה״. קוקנדיק אויף די שווערע באַמיאונגען פון די תלמידים, טראַכט זיך, ווי גוט און וואויל וואָלט געווען, ווען ידיש, דאָס פּראָסט־פּשוטע ידיש, וואָלט געווען אין ארץ־ישראל די אומגאַנג־שפּראַך, ווי שנעל און לייכט אָט די אַלע געקומענע וואָלטן געקאָנט זיך באַהעפטן צו דעם ידישן פאָלקס־לשון.

יאָ, דאָס זיינען מחשבות, וואָס זיינען שוין נישט ניי, און וואָס קומען דאָך שטענדיק אויף ווען מען טרעפט זיך אָן אויף דער נישט־נאָרמאַלער לאַגע פון אַ פאָלק, וואָס וויל דאָ און דאָרטן אויסמיידן זיין פאָלקס־שפּראַך, וועלכע האָט געקאָנט באמת דינען ווי אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר פון צונויפבינדן די סאַמע ווייטע טיילן פונעם פאָלק. און אָט נאָך אַ באַווייז: עס פאָרן אויף דער שיף עטלעכע יונגעלייט, געבוירן און אויפגעצויגן אין

אַלעקסאַנדריע און קאַירא, — און סאַר אַ גלענצנדיקן יידיש זיי רעדן! די יונגעלייט זיינען פֿון פֿאַרשיידענע קרייזן און שיכטן, אָבער דאָך איז יידיש לעבעדיק אין זייערע מיילער. יאָ, מיר פֿאַרטאַכלעווען אַליין אַזאַ גרויסן שפּראַך־אוצר, וואָס האָט געקאָנט אונדז פיל־פּיל אַרויסהעלפֿן אין אונדזער עקזיסטענץ און צעשפּרייטקייט איבער דער גרויסער און ווייטער וועלט!

אָבער לאָמיר איצט זיך נישט לאָזן אין די באַקאַנטע חקירות און אייביקע וויכוחים פֿון דער „פֿאַרשאָלטענער" שפּראַכן־פֿראַגע.

עס ווילט זיך איצט שילדערן די פֿאַרשיידענע טיפּן בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען ניי פֿאַר מיר און פֿאַר דעם יידישן עולם. עס זיינען יונגעלייט, וואָס האָבן יעדער איינער אויף זיין אופֿן דורכגעמאַכט די לעצטע גרויזאַמע יאָרן. פֿאַראַן יונגעלייט מיט די באַקאַנטע אויסגעברענטע ציפֿערן אויף דער לינקער האַנט, דער שאַנד־צייכן פֿאַר דעם דייטשן פֿאָלק, וואָס האָט עס געמאַכט. פֿאַראַן יונגע פֿרויען מיט טיפֿע וואונדן אין זייערע הערצער, און ווען מען רעדט מיט זיי, מוז מען זיך שטאַרק היטן נישט אויפֿצורייסן די וואונדן, וואָס יאַטערן זיכער אין דער געהיים. פֿאַראַן מענער אָדער פֿרויען, וואָס זיינען געבליבן פֿון גרויסע פֿאַרצווייגטע פֿאַמיליעס, וועלכע זיינען דערמאָרדעט אָדער דעפּאָרטירט געוואָרן. עס איז אַ וועלט מיט טראַגישע וועלטעלעך, וואָס איובֿס צרות זיינען גאָרנישט קעגן דעם. אָבער אַ מערקווירדיקע און שטוינענדיקע זאַך — איר וואָלט געדאַרפֿט זען, ווי אָט דער עולם, וואָס יעדער איינער איז אַ בינטל צרות, פּיין, טראַגישע איבערלעבענישן, איר האָט געדאַרפֿט זען, ווי יעדן אָוונט זאַמלט מען זיך צונויף אויפֿן שיף־דעק און מען טאַנצט פֿלאַם־פֿייערדיקע האָראַס, ווי מען זינגט אויס לידער פֿון באַפֿרייאונג, לידער פֿון אַרבעט, לידער פֿון דערמוטיקונג.

און עס האָבן זיך שוין אין לויף פֿון די פּאָר טעג אויסגעטיילט פּרעכטיקע „זאַפּאָוואַילעס" (פֿאַרזינגער) און פֿאַרטענצער. עס גיט זיך אַזוי שנעל אַן אויפֿזאַמל אַ קרייזל און דערנאָך — אַ קרייז, און האַנט אויף אַקסל, און האַנט צו האַנט, און איין ניגון און אַ צווייטער רייסט זיך אַרויס פֿון די ברוסטן. מען לאָזט זיך אין אַ טאַנץ, מען גייט אין אַ ראָד און עס צעטופּען זיך פֿיס, און עס צעכראַסטען זיך הערצער, און עס פֿאַרגייט זיך דאָס ווייטיקדיקע האַרץ, און עס איז ווי מען וואָלט מיטן טאַנצן און טופּען, מיטן זינגען און געשאַל וועלן פֿאַרשרייען דעם פּיין, די עוולות, די ווייטיקן, וואָס דאָס יידישע האַרץ איז פֿול מיט זיי. און אַרום די טאַנצנדיקע און יובלענדיקע שטייען יידן און נישט־יידן, מענער און פֿרויען, אויך אַראַבער און עגיפּטער, און קלאַטשען מיט די הענט, זינגען און העלפֿן־מיט. און אַזוי טאַנצט מען און מען טאַנצט אויס פֿאַרשיידענע שווערע און באַ־

גייסטערטע געפילן, ביז מען ווערט מיד, קריכט מען אַרויס פונעם קרייז, און אַ צווייטער אָדער אַ צווייטע פלעכט זיך אַריין אינעם קראַנץ און מען טאַנצט ווייטער מיט פייער און ברען, און מ׳שרייט אויס: „עם ישראל חי, עם ישראל חי!"

נעכטן האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט אויפן דעק אַ שמועס. איך האָב גערעדט פאַר די ארץ־ישראל־יידן, פאַר די יונגעלייט וועגן דער יידישער אַמעריקע, וועגן דעם גאַנג פון דעם יידישן לעבן, וועגן די הויפּט־ריכטונגען אין דער יידישער אַמעריקאַנער וועלט, און מ׳האָט זיך גאַנץ אויפמערקזאַם צוגעהערט, און דערנאָך פאַרשאָטן מיט פראַגן. ווייל מען אַ פאַרזעצונג פון דעם רעפעראַט און מען וועט דאַרפן אויסהערן נאָך פראַגן און קשיות, און מען וועט פּרוּוון ענטפערן אויף זיי. יאָ, יידן פילן זיך שטאַרקער, פעסטער ווען זיי הערן וועגן דעם לעבן פון מיליאָנען יידן אין דער ווייטער אַמעריקע. די יידישע אַמעריקע ווייסט גאָר אַליין נישט וואָס זי באַטייט פאַר אַלע יידן אין דער וועלט.

און דערווייל גייט זיך די שיף. זי גייט פאַמעלעך, ווייל די מאַשינעריע איז אַלט און דער קאַפּיטאַן וויל נישט אַנטוויקלען די מאָטאָרן און רעדער ביז גרויסער שפּאַנונג. פאַרט מען אַזוי פאַמעלעך איבער דעם מיטללענדישן ים, וואָס פינקלט מיט זיינע בלויע וואַסערן און שעמערירט און בלענדט קעגן דער הייסער זון. די יידישע פאַרער אויף דער שיף פילן זיך שוין גאָר היימיש. מען שמועסט, מען טיילט זיך מיט איינדרוקן, מיט אייגענע און אַלגעמיינע איבערלעבענישן, און מען פּרוּווט איינער דעם אַנדערן „געבן אַן אַגיטאַציע"... אָבער איין זאַך מוז מען זאָגן וועגן די ארץ־ישראל־יידן, — זיי זיינען געוואַלדיקע פּאַטריאָטן פון ארץ־ישראל. זיי זעען דאָרט אַלץ אין ליכטיקע פאַרבן, זיי פאַרזעען שטרויכלונגען און שאָטנס, און זיי פאַרשטייען גאָרנישט, הלמאי מיר אַלע, אין די אַלע לענדער פון דער וועלט, זיצן דאָרטן און נעמען נישט גלייך אַלץ מיט אַן אַנדער, און זיינען נישט גלייך עולה קיין ארץ־ישראל...

אַי, וואָס עס זיינען דאָ גרענעצן? אַי, וואָס מען איז פאַרוואָרצלט אין די אַלע לענדער, מען האָט פאַרפלאַנצט אומעטום ישובים, מיט קיבוצים מיט אייגנאַרטיקע לעבנס? — דאָס ווילן זיי נישט וויסן. זיי קוקן אויף אונדז, גלות־יידן, פון אויבן אַראָפּ און אָפּטמאָל מיט אַ באַדויער.

יאָ, צוויי שיפן — און סאַר אַ צוויי גאָר־באַזונדערע יידישע וועלטן!

אויף דער שיף „אַנדרע לעבאָן",
דעם 20טן יולי 1946.

8

מיר דערנעענטערן זיך צו ארץ־ישראל

וואָס־ווייטער מען פאָרט אויף דער שיף „אַנדרע לעבאָן”, וואָס פירט אונדז פון מאַרסעל קיין חיפה, אַלץ־נעענטער און היימישער ווערן די פאָרער איינער מיטן צווייטן. עס פאַרלירן זיך מחיצות צווישן יאָ־ציוניסט און נישט־ציוניסט, עס פאַרלירן זיך גרענעצן צווישן יונג און אַלט, צווישן פאַרמעגלעכע און נישט־פאַרמעגלעכע. דאָס אַלגעמיינע לעבן אויף דער שיף דערנעענטערט. מענטשן טיילן זיך מיט אינטימע איבערלעבענישן, מען רופט אַרויס זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָרן, מען קניפּט אָן פאַר־בינדונגען, און געמיינזאַמע איינדרוקן וואַרפן בריקן צווישן מענטש צו מענטש.

אויפן וועג, אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַרויספאָרן, האָבן מיר געהאַט אַן אומגעריכטע איבערלעבעניש. אונזער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר שעה ביים אינדזל קאָרסיקאַ, וואו נאַפּאָלעאָן איז געבוירן און אויפגע־געוואַקסן. זיינען מיר אַראָפּ, אַרומגעבלאָנקעט איבער דער אייגנאַרטיקער, שטילער האַפן־שטאָט, זיך אַריינגעכאַפּט אין פּאָסט, אָפּגעשיקט פון דאָרטן אילוסטרירטע קאָרטלעך, דערנאָך געגאַנגען אָנקוקן דאָס הויז, וואו נאַפּאָ־לעאָן איז אויפגעכאָוועט געוואָרן. עס שטעקט ערגעץ אָן אַ זייט, אין אַ שמאָל זייטיק געסל, וואָס דערמאָנט אָן אַ ווילנער אָרעמען יידישן „זאַ־אולאָק”. פאָרן הויז — אַ קליין גערטנדל מיט אַ נאַפּאָלעאָן־דענקמאָל. די שטוב, וואו נאַפּאָלעאָן האָט געוואוינט, איז אָפּגעלאָזט, פאַרשטויבט, אייניקע גאָרנישט־זאָגנדיקע חפצים געפינען זיך אין שטוב, אַ פּאָר ביליקע צייטונגס־בילדלעך, און דאָס גאָר... אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער היסטאָרישער פיגור, געפינט זיך ערגעץ אין פאַריזער מוזייען, פאַנטעאָנען, און פאַר זיין היימאָרט האָט מען גאָרנישט איבערגעלאָזט. בלויז געדעכעניש ביי די איינוואוינער אויפן אינדזל, וואָס טראָגן מיט שטאָלץ דעם אָנדענק פון זייער באַרימטן בירגער.

פאַר אונדז, די יידישע פאָרער, איז געווען נאָך אַן איבערלעבעניש אויף אָט דעם אינדזל. אויף דער שיף האָט מען געכאַפּט אַן „אומלעגאַלן” יידישן פאָרער, וואָס איז אַרויף אויף דער שיף צוזאַמען מיט זיין פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל. מען האָט געפּרוּווט מיט פאַרשיידענע מיטלען אויספועלן, אַז מען זאָל דעם נישט־כשרן עמי־גראַנט פירן קיין חיפה, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. אין קאָרסיקאַ האָט מען אים אַראָפּגעלאָזט צו שיקן אים צוריק קיין מאַרסעל (פראַנקרייך).

אָט דער עפּיזאָד האָט זיך געלייגט שווער אויף די געמיטער, און די פרוי, אַ שוואַנגערע אין די הויכע חדשים, איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען מיט פאַרוויינטע אויגן, אַן אויסגעבלייכטע, אַן אויסגעשעפּטע, אַ פאַר־לוירענע. מיר האָבן זי געטרייסט, און דערביי מורא געהאַט, עס זאָל, חלילה, עפּעס נישט פּאַסירן מיט איר אין איר שווערן צושטאַנד. אָט די פרוי צוזאַמען מיט איר מאַן האָבן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זייער פיל אַדורכגעמאַכט אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן! איצט פאָרט זי אַליין, און איר מאַן — ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין מיט אים, ערגעץ אויף אַן אינדזל, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט צוליב נאַפּאָלעאָנען, און איצט איז עס גאָר אַ מקום פורעניות פאַר אַ יידישן מענטשן, וואָס דער כוס פון זיינע ליידן האָט זיך, ווייזט אויס, נאָך נישט פאַרענדיקט.

און עס גייען אַזוי טעג און אָוונטן אויף דער שיף. און יעדער פון די פּאַסאַזשירן איז אַ . . . „שפּאַנענדיקער ראָמאַן אין פיל טיילן". ווער זאָגט עס, אַז עס איז פאַראַן ווייניק רייצנדיקער שטאָף, קנאַפּ רייכער מאַטעריאַל אַרום? עס פאָרט מיט מיר אין קאַבינע אַ יונגערמאַן אַ דאָקטאָר־מעדיצין. אַליין איז ער אַ ייד פון בעסאַראַביע, געענדיקט אוניווערסיטעט אין פּאַריז, געווען דאָקטאָר־מעדיצין אין אַ פּראָווינץ־שטאָט ביי פּאַריז. ער איז מאָבי־ליזירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַריינגעפאַלן אין דייטשי־שער געפענגעניש, און דערווייל האָבן די נאַציס אין שטעטל אומגעבראַכט זיין פרוי און קינד. ווייזט ער מיר די בילדער, אַריינגעפּאַסט אין זיין לעדערנעם בייטל. קוקט ער אויף די בילדער, און איך קוק, — און עס איז דערנאָך שווער פאַרצוזעצן דעם שמועס, ווי מיר ביידע וואָלטן געווען שולדיק, וואָס אָט פון זיי איז געבליבן בלויז אַ בילד, און מיר, מיר פאָרן און האָבן הנאה פון ים, פון דער לופט, פונעם אַרום. פאָרט מיט אונדז אַ ייד, אַ בעסאַראַבער. ער איז אַ שניידער, ער האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען, אָבער זיין פרוי מיט דריי מיידלעך האָט מען פאַרשניטן. פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, מיטגענומען זיינע ניי־מאַשינעס און באַזעצט זיך אין ירושלים. און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אויף אַ וויג־שטול זיצט די גאַנצע צייט אַן עלטערע פרוי אין שוואַרצן, ווי אין טרויער, לייענט בוך נאָך בוך, אין דייטש, פראַנצויזיש, פּויליש. מען באַקאַנט זיך: דאָס איז נחום סאָקאָלאָווס שנור. זי איז יאָרנלאַנג געווען אין דער שווייץ, געלערנט דאָרטן, געווען אין קרייז פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, ש. אַנסקי, ג. פּלעכאַנאָוו, און פון פיל אַנדערע. איר מאַן, סאָקאָלאָווס זון, איז געשטאָרבן, פאָרט זי איצט קיין ארץ־ישראל, פירט מיט זיך אַ רייך אָוועקגעגאַנגען לעבן, מיט פיל מערקווירדיקע זכרונות. זי פאָרט צו אירע פאַמיליע־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ארץ־ישראל. און

זיך באַקענט, זיצט מען שוין און מען הערט פון איר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, שטיקער געשיכטע פון די לעצטע יאָרצענדליקער, פון קאַמפן און גראַנגלעניש, וואָס זיינען אַנגעגאַנגען „הינטער די קוליסן" פון דעם ייִדישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און אויב די פרוי פאַרט צו פאַרענדיקן אַ רייך קאַלירפול לעבן, זיינען דאָ פיל יונגע, יונגעטשקע, וואָס פאַרן ערשט אָנצוהויבן אַ לעבן. זיי האָלטן ערשט ביי דער שוועל. און עס איז אַזוי אינטערעסאַנט געווען צוצוזען, ווי די עלטערע פרוי מיט אַ יונגעטשקער מיידל זיינען אָפט אַזוי געלעגן אויף שכנישע וויג־שטולן ביי דער פּערענטשע פון דער שיף־דעק, און געפירט אַ שמועס. דער נעכטן מיטן מאָרגן, די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט...

אויף אַ שיף, ווען דו ביסט אינגאַנצן איבערגעגעבן צו באַאָבאַכטן, צו באַטראַכטן, איז באמת דאָ וואָס צו זען. און דער נייגיר איז גרויס, און עס איז, ווי דו וואָלסט געלייענט געשיכטע נאָך געשיכטע, מעשה נאָך מעשה. און דו אַליין ביסט שוין אויך פאַר זיך גופא אַן אָביעקט פאַר באַאָבאַכטונג, פאַר באַטראַכטונג.

עס גייט דורך איִן זכרון די רייזע קיין ארץ־ישראל, וואָס איך האָב מיט צען יאָר צוריק געמאַכט אויף אַ פּוילישער שיף, וואָס האָט מיך דאַן געפירט פון קאָנסטאַנץ (רומעניע) קיין חיפה. עס איז געווען פרילינג 1936. פאַר די צען יאָר זיינען מיר אַלע באַרייכערט געוואָרן מיט אַזוי פיל אויסטערלישע, גרויליקע און מערקווירדיקע געשעענישן און איבערלעבע־נישן. און דאָך ווייזט זיך אָפּטמאָל אויס, אַז עפּעס הויבט זיך אָן אַלץ פונדאַסניי. און יעדער טאָג איז אַ נייער, און יעדער איינדרוק איז אַ פרישער, און יעדער מענטש איז אַן אַנטפּלעקונג. מיר אַלע און יעדער איינער ווערט ווי ווידערגעבוירן פאַר נייע איינדרוקן און איבערלעבענישן.

מיר זיינען שוין אויף דער שיף זיבן טעג, און אָט דערנעענטערן מיר זיך צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. די דערוואַרטונג איז גרויס ביי יעדן איינעם, און דערביי אויך — די אומרו. דעם לעצטן אָוונט האָט שוין קיינער נישט געטאַנצט. יעדער איינער האָט ווי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך צוריק די לאַסטן, וואָס ער האָט איין די פריערדיקע עטלעכע טעג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך. מען האָט זיך, ווייזט אויס, אַזוי אויבנאויפיק געלאָזט וואוילגיין. עס קומט פאַר ביי יעדן איינעם דער חשבון הנפש, אַלץ איז ווידער אַרויפ־געוואָרפן געוואָרן אויף דער וואָגשאָל. און געזיכטער ווערן ערנסטער און פאַרכמורעטער. שוין נישטאָ דער לייכטזין, די פריילעכקייט. יעדער האָט דערפילט זיין פּעקל, דאָס פּעקל פון זיין אייגן לעבן. יאָ, עס איז נישט גלאַטיק און פּשוט דאָס לעבן פון אַ ייִדן אין דער איצטיקער צייט. און

אַפילו דער גליקלעכער — איז זיין וועג אויך נישט אויסגעשפרייט מיט קיין רויזן.

די לעצטע נאַכט אויף דער שיף איז געווען פאַר אַלעמען אַן אומרואיקע, אַ שלאָפלאָזע, אויס זאָרגלאָזיקייט. מען גייט באַלד ווידער אין שפּאַן, אין שווערן לעבנס־שפּאַן... פאַר פיל הויבן זיך אָן וואָכעדיקע טעג, וואָס קומען ווי נאָך אַ לענגערן יום־טוב.

שטייט מען אויף אויף צומאָרגנס פריער ווי אַלעמאָל, מען פּאַקט איין די זאַכן פריער ווי מען האָט אָנגעזאָגט. און מען וואַרט און מען קאָן זיך גאָר נישט דערוואַרטן די שיף זאָל שוין ענדלעך צוקומען צום חיפה'ער האַפן. עס געדענקט זיך גוט, ווי איך בין מיט צען יאָר צוריק צוגעשוואומען צום ארץ־ישראל ברעג. און איך פאַרגלייך זיך, און דעם אַרום פון אַמאָל און איצט. סאַר אַ ווייטער מהלך, סאַר אַ דיסטאַנץ אין דעם לעבן פונעם יידישן פאָלק! דאַן בין איך געפאָרן פון אַ גרויסן יידישן ישוב פון פוילן, באַזוכט דעם יידישן קיבוץ אין רומעניע, איצט איז עס לחלוטין אַנדערש. און וואָס האָט ארץ־ישראל דאַן באַטייט אינעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן, און וואָס עס באַטייט איצט!...

יאָ, מיר האָבן אַדורכגעמאַכט איבערוואַנדלונגען, מיר האָבן שוין אַפילו געהאַלטן ביים אומקום, אָבער אָט פאָרן ווידער יידן, פאָרן אַהער און פאָרן אַהין, און וואַרצלען זיך ווידער איין אין ערטער, וואו מען האָט זיי לחלוטין געהאַט אויסגעריסן. און אָט פאָרן יידן קיין ארץ־ישראל מיט גרויסע אַספּיראַציעס פאַר דעם ווידעראויפבוי פונעם לאַנד, וואָס איז פאַר זיי אויך דער ווידעראויפבוי פון דער גאַנצער יידישער אומה... אָפּטמאָל באַדויערסטו זיי, קוקסט אויף זיי מיט מיטפיל, וואָס זיי לייקענען שטיין און בייך אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס און ווילן זיך באַפרייען פון גאָר דער וועלט און זוכן רעטונג אין אַן אייגן ווינקל, וואו זיי האָפן זיך צו באַהאַלטן פון די פורעניותן, וואָס קאָנען און וועלן קומען אויף דער וועלט. און אָפט ביסטו זיי גאָר מקנא, וואָס זיי גלויבן, וואָס זיי פאַרמאָגן די אמונה אין דער פולער לייזונג פון גאָר דער יידן־פראַגע אין ארץ־ישראל. אשרי המאמין! גליקלעך איז דער, וואָס גלויבט.

אָט די געמישטע געפילן פאַרנעמען דיך, ווען דו האַלטסט ביים געזעגענען זיך מיט מענטשן, מיט וועלכע דו ביסט געווען עטלעכע טעג פאַרבונדן ווי אין איין פאַמיליע־בונד.

עס דערנעענטערט זיך די שיף צום חיפה־ברעג, אָבער די האַפן־מאַכט האָט צייט. שטייט שוין די שיף, די געדערעם האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן און מען קוקט אַרויס אויף דער דערלויבעניש אַריינצופאָרן אינעם האַפן. וואַקסט די אומגעדולד ביי יעדן איינעם. איז מען אָנגעטאָן אין די

מאַנטלען, אין די היטלען, מען האָט אַרום זיך די פּעקלעך און מען וואַרט אַלץ. און עס איז ווי די בריטישע מאַכט וואָלט עס געטאָן ווי אויף צו־להכעיס. זי קאָן אויך די לעגאַלע יידן אַזוי לייכט נישט אַריינלאָזן אין ארץ־ישראל. און וואָס מער עס געדויערט דאָס צופּאָרן, אַלץ־גרעסער איז די אומגעדולד. מ׳ווייסט, אַז אויפן ברעג וואַרטן טייערע, נאָענטע, אייגענע, וואָס מ׳האָט יאָרן נישט געזען. אָבער דער ענגלענדער האָט צייט, ער שפּילט אויף די יידישע נערוון, ער האָט צייט...

און ענדלעך — אַ פּייף, און די שיף רירט זיך פון אָרט און לאָזט זיך פּאַמעלעך פויזען נעענטער צום ברעג. און אָט — עס פאָרן־צו שיפלעך, און בריטישע באַאַמטע לאָזן זיך אַרויף אויף דער שיף. מען רוימט אָפּ אַ זאַל פאַר זיי, די פּאַסאַזשירן שטעלן זיך אויס אין רייען, און עס הויבט זיך אָן די לאַנגע פּראָצעדור פון קאָנטראָל, פון רעוויזיע.

ווען וועט מען שוין ענדלעך קאָנען אַראָפּ אויפן ברעג?

דעם 24טן יולי 1946.

9

אין קלעם און געראַנגל

ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות בין איך אָפּגעריסן פון גאָר דער וועלט און אויך פון אַלע אין דער יידישער שטאָט תל־אביב.

איך זיץ איצט אין אַ שטוב אויפן דריטן שטאָק אויף איינער פון די לעבעדיקע גאַסן פון דער ליכטיקער, זוניקער שטאָט תל־אביב. אונדזערע פענצטער גייען אַרויס אויף עטלעכע גאַסן, וואָס שלענגלען זיך אַרום דעם גאַנץ־רוישיקן פּלאַץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „כיכר דיזנגוף“ (דיזענגאָף־פּלאַץ), אָבער מען איז אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט פון אַלץ און אַלעמען. די הימלען זיינען טיף און לויטער און העל־בלוי. די זון שפּאַצירט אַרום פּאַמעלעך אין דער הויך, אָבער די גאַסן זיינען ליידיק, אויסגעליידיקט. קיין לעבעדיקער נפש, קיין לעבעדיק וועזן. ס׳איז ווי אין עפּעס אַ כישוף־מעשהלע. אַלץ איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן.

אַנטקעגן מיין פענצטער איז דער גרויסער ווייסער בנין פון דער „קופּת־החולים“ — די קראַנקן־קאַסע, וואוהין עס גייען יעדן טאָג הונדערטער מענטשן צו די דאָקטוירים, צוליב די פאַרשיידענע באַטראַכטונגען און נאָך רפואות. היינט איז דאָס ווייסע הויז טויט, עס זיינען פאַרהאַקט טיר און פענצטער און קיינער גייט נישט אַריין, קיינער גייט נישט אַרויס...

אַ ביסל ווייטער זעט זיך די נייע געביידע פון דעם אַרבעטער־טעאַטער „אוהל", וואו עס ווימלט כסדר מיט מענטשן. איצט איז דאָרטן שאַ־שטיל. די גאַסן אַרום מיין הויז, וואו איך געפין זיך איצט, פירן צום ים. זיי זיינען אין נאָרמאַלע טעג פול מיט מענטשן, יונג און אַלט, וואָס גייען פון און צום ים, זיך באָדן, זיך אָפּפרישן פון די שטיקנדיקע היצן. היינט זיינען וויסט די וועגן וואָס פירן צום ים. אַזוי אויך אויף די באַלקאָנען, אויף די פלאַכע דעכער פון די אַרומיקע הייזער, וואָס שטענדיק זיינען זיי פול מיט די שטוב־איינוואוינער, היינט איז דאָרטן קיין לעבעדיק ווערן נישטאָ.

וואָס איז עפּעס פּלוצים געשען, וואָס האָט אַ גאַנצע, לעבעדיקע, צאַפּלדיקע שטאָט אַריינגעוואָרפן פּלוצים אין אַזאַ לעטאַרגישן שלאָף?

דאָס איז דאָס מאָדנע, מערקווירדיקע וואָרט „עוצר" (אָצער), וואָס פאַר אַן אונדזעריקן, פאַר אַן ערשט־געקומענעם קלינגט עס פרעמד, נישט קלאָר, אומפאַרשטענדלעך, אָבער פאַר דעם היגן ייד זאָגט עס פיל, רעדט עס גאַנץ קאָנקרעט. „עוצר" מיינט: באַלאַגערונג־צושטאַנד. „עוצר" מיינט: אַז פּלוצים אינמיטן־דרינען, אָן קיין שום וואָרענונג, אָן קיין שום אָפּריער־דיקער אויפקלערונג ווערן איבערגעשניטן אַלע, אַלע אַרטעריעס פון דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם. און עס ווערט אַלץ אָפּגעטויט, פאַרשטומט, איבער־געריסן.

דאָס לעבן אין ארץ־ישראל איז אַזוי אויך, אין די „נאָרמאַלע" טעג, אַ שיין ביסל צערודערט, צעשעדיקט, צעשטערט.

אויך אין נאָרמאַלע, משטיינס געזאָגט, טעג איז דאָס לעבן דאָ ביזן גרונט צעטרייסלט. אָט, למשל, הערשט אַזאַ מין מערקווירדיקער צו־להכעיסדיקער „עוצר" כמעט אין אַלע טיילן פון דעם יידישן ישוב. עס איז פאַרבאָטן נאָך זיבן פאַרנאַכט — און דאָ מיינט עס אין מיטן זוניקן טאָג — צו פאָרן מיט אַן אויטאָ אָדער אויטאָבוס איבער די „כבישים" (שאָסייען, אַספאַלט־וועגן), וואָס געפינען זיך צווישן איין יידישן פּונקט און אַ צווייטן. אָט דער „עוצר", אָט די ווילדע גזירה לייגט זיך מוראַדיק שווער אויף דעם יידישן ישוב און פאַראַליזירט אים ממש און צעברעכט דאָס גאַנצע היגע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע לעבן. מען דאַרף גוט געדענקען, אַז דער היגער יידישער ישוב באַשטייט פון הונדער־טער פּונקטן, וואָס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע זייטן און עס טיילן זיי פאַנאַנדער אַ פּאָר מייל אינמיטן. רמת־גן, די פאַבריק־שטאָט אַרום תל־אביב, איז אַן אָרגאַנישער טייל פון תל־אביב, אָט ווי ברוקלין איז אַ טייל פון ניו־יאָרק. טויזנטער אַרבעטער, אַרבעטערינס, געשעפט־מענטשן דאַרפן און מוזן פאָרן הין און צוריק פון תל־אביב קיין רמת־גן. אינ־סטיטוציעס, בענק, טעאַטערן, פאַרזאַמלונגען, קלובן, פאַמיליע־פאַרבינדונ־

גען מאַכן פון אַט די צוויי פּונקטן איין פּונקט — אָבער די בריטישע הערשער, צוליב זייערע ווילדע געזעצן און פאַראָרדענונגען, האָבן איינגעשטעלט זינט חדשים דעם „עוצר“, וואָס פּאַראַליזירט לחלוטין די שטעט, די פאַבריקן, דעם שטייגער לעבן. די פאַבריקן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון שווערע קריגס־יאָרן געאַרבעט פאַר דער בריטישער אַרמיי און באמת אַרויסגעוויזן פיל פּאַטריאָטישקייט; די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, געאַרבעט אָפּט טאָג און נאַכט צו באַדינען דאָס בריטישע מיליטער מיט די נויטיקסטע מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן, שטאָף, פּראָדוקטן — אַט די פאַבריקן זיינען איצט צוליב דעם „עוצר“ צערודערט און צעטרייסלט. מען קאָן נישט אַרבעטן די נאָרמאַלע שיכטן, מען קאָן נישט אַרבעטן די נאָרמאַלע שעהען, ווייל דער טראַנספּאָרט קיין תל־אביב איז באַשרענקט, — מען קאָן נאָך זעקס נישט אַרויספאָרן, ווייל זיבן איז שוין „עוצר“...

און דאָס זעלבע איז אין חיפה, און אין אַנדערע פּונקטן פון דעם ישוב, וואָס איין אָרט איז ענג פאַרבונדן מיטן צווייטן. דאָס וואָס מען קאָן נאָך זיבן נישט פאָרן — איז עס אַ מ׳ראַדיקער פּלאָג, וואָס מאַכט אַ תל פון אַלץ אַרום.

און איך האָב טאַקע, גלייך ווי כ׳בין געקומען, געפילט, מיט אַלע אַנדערע מיטפאָרער אויף דער שיף, דעם טעם פון דער בריטישער „ליבהאַרציקער“ הכנסת־אורחים. אַזאַ מין „ווילקאָמען“, וואָס דריקט גלייך אויס דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער מאַכט, וואָס זיצט דאָ מכלומרשט צו העלפן שאַפן דאָס היימלאַנד פאַרן יידישן פאָלק.

שוין איין מאָל מיטהעלפער און מיטבויער פון אַ יידישער היים

אונדזער שיף איז אָנגעקומען קיין חיפה אַזייגער 12 מיטאָג־צייט. די שיף איז נישט אַריין גלייך אין האַפן, ווייל אויך די טעטיקייט פון דעם חיפה־האַפן איז איצט באַשרענקט. איז מען געשטאַנען און געוואַרט אויף דער „קאָמיסיע“. זיינען געקומען די ענגלענדער מיט אַלע זייערע באַאַמטע, משגיחים און קאָנטראָלערן. האָט געדויערט די „חקירה־ודרישה“ פון יעדן יידישן אַריינפאָרער, סיי גאַסט און סיי אימיגראַנט, אַ לאַנגע צייט. מען האָט אויסגעפילט קאַרטלעך מיט אַנקעטעס, מען האָט געענטפערט אויף פראַגן און פראַגן, ביז לסוף איז מען אויף קליינע מאָטאָר־שיפלעך אַראָפּ אויפן ברעג. אָבער דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די צאָל־רעוויזיע. מען האָט געטאַפּט און באַזוכט יעדן איינעם, מען האָט איבערגעוואָרפן אַלע זאַכן אין די געפעק, און יעדע זאַך איז צוגעשטעלט געוואָרן צום אָפּצאָל...

עס איז אַלץ איין ליניע, איין גאַנג, איין מעטאָד — צו פאַראומערן דאָס לעבן, צו קאָנטראָלירן יעדן טריט און שריט, צו האַלטן אויפן אויג יעדן

בירגער און בעיקר יעדן ייד, און טאָמער פאַרגעסט ער, זאָל ער שטענדיק געדענקען, אַז ער איז אין . . . גלות ענגלאַנד.

און מ׳האָט אויך גלייך געפילט די מערכה, דעם באַטייט פון דער יידישער פירערשאַפט, פון דער „סוכנות״ (יידישער אַגענטור) אינעם יידישן היימלאַנד. בעת דער שטרענגער קאָנטראָל אויף דער שיף, זיינען ביי קליינע טישעלעך אויך געזעסן עטלעכע פאַרשטייער פון דער „סוכנות״, און די יידישע אַריינפאָרער זיינען אַדורך דורך זיי. זיי האָבן פאַר זיך עפּעס רעגיסטראַציע־בויגנס און געמאַכט פאַרצייכענישן. די ענגלענדער, די מאַכטהאָבער, קוקן אויף זיי ווי אויף עפּעס אָרעמע אומגעבעטענע קרובים אויף אַ חתונה. זיי דולדן זיי, ווילן אָבער נישט באַערן זיי מיט אַ בליק... אַן אָפּגרונט פילט זיך גלייך, ניין, נישט קיין אָפּגרונט, נאָר אַ געשפּאַנטקייט, וואָס קאָן אָט־אָט אויספּלאַצן.

יאָ, ס׳איז טאַקע געווען דאָן אַ ספּעציעלע געשפּאַנטקייט. צווישן די שליחים פון דער סוכנות איז דאָ אַן אַלטער באַקאַנטער, נאָך פון וואַרשע. דערקענט ער מיך און רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער: געווען מיט צוויי טעג צוריק אַן אויפרייס אין ירושלים, אין דעם גרויסן „קינג דייוויד״־האָטעל. און אַרום דעם אויפרייס איז עפּעס אַ מאָדנע מיסטעריעזע געשיכטע...

יאָ, גלייך דערפילט מען דעם ספּעציעלן געררייצטן צושטאַנד אין ארץ־ישראל. גלייך נאָך איידער מ׳גייט אַראָפּ פון דער שיף. און צוליב דעם ספּעציעלן צושטאַנד האָט דער גרויסער עולם, די אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען נאָך ניין טעג שלעפּן זיך מיט דער שיף ענדלעך געקומען בשלום קיין חיפה, שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט, צוליב דער בריטישער „עוצר״־גזירה, צו קומען אַהיים, אין די אַרומיקע פּונקטן, ווייל עס איז שוין געוואָרן באַלד פינף און מ׳קאָן נישט וויסן צי ביז זיבן וועט מען אָנשלאָגן אַהיים...

און אָט דאָס שטענדיקע וואַכן און אַכטונג־געבן אויף דעם היגן יידישן בירגער גייט־אָן אָן אויפהער. עס הערשט אַ שטרענגע צענזור, ריכטיקער — אַ פאַרצענזור, אויף דער היגער פּרעסע. יעדער אַרטיקל, יעדע נאָטיץ, יעדע געדרוקטע זאַך פאַר דער טעגלעכער, וועכנטלעכער צייטונג מוז אַפּריער אַדורכגיין דאָס שאַרפע אויג און די בלויע טינט פון דער צענזור. און ווי דער שטייגער איז, איז דער צענזאָר אַ „מחמיר שבמחמירים״, ער טשעפּעט זיך צו ווערטער, צו קלייניקייטן און דער שרייבער, ווי ער זאָל נישט זיין פאַרזיכטיק, און דער רעדאַקטאָר, ווי ער זאָל נישט זיין געניט און דערפאַרן, קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס דער לינקער פוס פון דעם צענזאָר וועט טראַכטן. מעקט מען שטיקער און

אויסדרוקן און ווערטער און מען מאַכט אַ „תיל־תל" פון אַן אַרטיקל, פון אַ פראַזע, פון אַ געדאַנק, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

איך געדענק דאָס גוט, די „גוטע צייטן" פון אַ שרייבער און רעדאַק־טאָר אין דעם האַלב־פאַשיסטישן פוילן. אָבער יענע צענזור איז געווען אַ שפּילעכל קעגן דער היגער.

עס „זיצן" איצט דריי טויזנט יידישע פירער, אַרבעטער, מענער און פרויען. אַלע זיצן גלאַט אַזוי, מען האָט זיי קיין שום באַשולדיקונגען נישט פאָרצוואָרפן, מען האָט קעגן זיי קיין שום משפטים נישט פאַרפירט, נאָר מען האַלט זיי, מען האַלט זיי וואָכן און חדשים... מען האַלט זיי אין לאַגערן, אין תפיסות, מען האַלט זיי אין פאַרשיידענע ערטער, אָפטמאָל ווייטע פון זייערע היימען, און גאַרנישט — „לית דין ולית דיין!"

מען האָט לעצטנס פלוצים אומגעריכט „באַזוכט" אַ 30 פאַרשיידענע יידישע פונקטן, געמאַכט דאָרטן חורבונות, זיך פאַרהאַלטן בעת די באַזוכן גאַרנישט מעשה־מענטש און מעשה־דזשענטלמען, מען האָט אַוועקגענומען אַלע מענער פון דער אַרבעט — און ש׳יער נישט רואינירט, צעשעדיקט, צעבראָכן און חרוב געמאַכט ישובים, קיבוצים, וואָס זיינען אין משך פון צענדליקער יאָרן מיט די סאַמע גרעסטע קרבנות און מסירת־נפש אויפ־געשטעלט געוואָרן: יגור, אפיקים, אשדות־יעקב, תל־יוסף, עין־חרוד, רמת־דוד, גבעת־חיים, גבעת־רמה, גבעת־רחל און אַנדערע. אין אייניקע ערטער האָט מען פשוט באַרויבט די הייזער, צוגעלאַקכנט וואָס עס האָט זיך געפונען אין הויז. אַנדערע קיבוצים זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַלע זייערע אַרבעטער, און ווען נישט די שנעלע הילף פון די אַנדערע יידישע פונקטן, וואָלט אַלץ אַ תל געוואָרן אין פעלד, אין דער באַלעבאַטיש־קייט, אין שטאַל, אין מילכעריי, אין גאָרטן.

זיינען טאַקע אַזוי אויף שנעל אָרגאַניזירט געוואָרן אַזעלכע הילף־קאָמפּאַניעס, וואָס באַשטייען פון עלטערע און יונגוואַרג, פון פרויען און מענער, וואָס האָבן געאיילט אויסצושטרעקן הילף אַט די אַלע קיבוצים, וואו מ׳האָט פלוצים, אינמיטן־דרינען אַוועקגענומען אַלע אַרבעטנדיקע הענט, אַוועקגענומען אויף וואָכן אַז אַ פאַרוואָס און זיי פאַרשפאַרט ערגעץ אין לאַגערס אָדער תפיסות און אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר, אָן קיין שום אויפזיכט.

זיינען די צייטונגען פול מיט ידיעות וועגן אַט די קיבוצים, וואָס נויטיקן זיך אין שנעלער הילף, כדי עס זאָל חלילה נישט גיין לאיבוד און מ׳זאָל אומברענגען אַ פונקט, וואָס האָט זיך מיט אַזויפיל שוועריקייטן אַרויפגעאַרבעט צו אַ לייטיש לעבן. אין די טאָג־ און וואָנט־צייטונגען, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין די קיבוצים, לייענען מיר רירנדיקע באַ־

שרייבונגען, שילדערונגען וועגן די געוואַלדיקע אַנשטרענגונגען פון די פאַרבליבענע פרויען און יונגוואַרג, ווי אויך די צוגעקומענע פון אַנדערע ערטער, צו דערהאַלטן דאָס לעבן און אויפהאַלטן דעם קיבוץ, די פאַר־שיידענע צווייגן פון זיין קאָמפּליצירט לעבן, עס זאָל נישט צעשטערט ווערן. דאָס זיינען באמת פאַגראַמען עקשנותדיקע, וואָס ווערן געמאַכט מיט דער גאַנץ־קלאָרער כוונה חרוב צו מאַכן אַ לאַנד, וואָס ראַנגלט זיך אַזוי שווער פאַר זיין קיום, צו צעשטערן דאָס לעבן פון האַרעפּאַשניקעס, פון מסירת־נפשדיקע חלוצים און קיבוצניקעס, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע מאַכינאַציעס און קאָמבינאַציעס, שטערונגען און פאַרבאָטן פון דער מאַנ־דאַטן־מאַכט, זיך דערשלאָגן צו עפּעס תכלית.

אויב וועגן ווילקיר, וועגן אָפּענעם אָנפאַל, אויב וועגן שיסערייען, אַרעסטן רעדט מען שטאַרק, אָפן, איז אָט די צווייטע פאַזע פון דעם קאַמף מיטן היגן ייִדישן ישוב — וועגן דעם רעדט מען דערווייל ווייניקער, ווייל דאָס ווערט דאָך מכלומרשט געטאָן מיט דעם ציל צו כאַפּן די פאַרברעכערס, די טעראָריסטן. אָבער אין דער אמתן איז עס דער גרעסטער און מורא־דיקער טעראָר, וואָס אַ מאַכט, אַ באַוואָפנטע, אַ מעכאַניזירטע טוט קעגן ישוב, וואָס וויל בויען, אַרבעטן און לעבן אין מענטשלעכע באַדינגונגען.

און אַז די בריטישע מאַכט האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס אַרויפ־געזעצט אויפן ייִדישן ישוב, דאָס קאָן מען זען, אַז אין קאַמף קעגן די ייִדן זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן צענדליקער טויזנטער מיליטער־לייט, טאַנקען מיט האַרמאַטן מיט אַלע קריגס־געווערן, וואָס די מאַכט האַלט אין איין ברענגען אַהער. איר פאָרט אַזוי מיילן־ווייט פון חיפה קיין תל־אביב, און איר מיינט, אַז איר זענט אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער קריגס־זאָנע, וואו מען גייט פירן אַ גרויסע מלחמה מיט אַ שונא. לאַגערן אויף לאַגערן מיט פאַרשיידענע קריגס־געווער און ממש טויזנטער טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען, וואָס שטייען גרייט צום קאַמף, צו די שלאַכטן. און ווי מען זאָגט דאָ גאַנץ־אָפיציעל, האָבן זיך באַטייליקט אין די לעצטע „אַנגריפן" אויף די פריד־לעכע ייִדישע קיבוצים שיער נישט אַ 40־50 טויזנט בריטישע זעלנער. אַזאַ, ליידער, איז די לאַגע איצט דאָ אין לאַנד.

און טאַקע די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט און הפקרות פון דעם קאַמף, וואָס מען פירט דאָ מיט די ייִדן, מיט אַלע ייִדן אָן אויסנאַם, ווייזט דער היינטיקער „עוצר", וואָס מען האָט פלוצים אַרויפגעלייגט אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוועגן אויף אַ פרידלעכער שטאָט, אויף תל־אביב. פון אַזייגער פיר האָט מען געהערט סירענעס־פייפערייען, ווי גאָט ווייסט וואָס עס איז געשען, און פאַר זעקס גאַנץ־פרי זיינען אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט אויטאָס מיט הילכערס (מיקראָפאָנס) מיט דער בשורה־טובה, אַז עס איז איצט

„עוצר" אויף תל־אביב און קיינער זאָל נישט אַרויסגיין פון שטוב, נישט באַוויזן זיך אויפן באַלקאָן, נישט אַרויף אויפן דאַך... און קיין צייטונג איז נישט דערשינען, קיין בעקער האָט זיין ברויט פון אויוון נישט אַרויסגענומען, קיין געוועלבל איז נישט געעפנט געוואָרן, קיין מילך איז נישט פאַנאַנדערגעפירט געוואָרן, און גרויס און קליין, קינד און קייט זיצט פאַרשפּאַרט אין די הייסע הייזער, נישט צוגעגרייט זיך, נישט קאָנענדיק זיך אַפילו פאַרשטענדיקן מיט שכנים איבער דער גאַס און אַפילו נישט צוגיין צום פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין גאַס.

איצט, ווען איך פאַרענדיק די שורות, איז שוין זעקס נאָכמיטאָג. עס איז שוין צוועלף שעה ווי מען האָט אַ שטאָט פון קרוב צו אַ פערטל מיליאָן מענטשן (צוזאַמען מיט די צורייזנדיקע פון די אַרומיקע ערטער!) פאַרשפּאַרט אָן שפּייז, אָן ברויט, אָן גרינס, אָן מילך, אָן נאַפט, אָן גאָרנישט, אָן אַ שטיק אייז פאַרן אייז־קאַסטן אין דער מוראדיקער היץ. און ווער ווייסט וויפל ס'וועט נאָך דויערן?

אַזוי־אָ פירט די גרויסע בריטישע מאַכט דעם „הייליקן" קאַמף מיט דער קליינער פרידלעכער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וויל מען זאָל זי לאָזן לעבן ווי יידן, ווי בירגער.

ווען וועט זיך ענדיקן אָט דער „עוצר", ווען וועט מען מעגן אַרויס אין גאַס, ווען וועט מען קאָנען כאַפּן אַ שטיקל ברויט, וואַסער — ווער ווייסט?

מען איז אין קלעם און שווערן געראַנגל.

תל־אביב, דעם 31טן יולי 1946.

10

פיר טעג אינעם באַלאַגערטן תל־אביב

אַ צייט־לאַנג נאָך דער דערקלערונג פון שלום אויף דער וועלט איז מיר באַשערט געווען אַריינצופאַלן אויף די סאַמע קריגס־פּאָזיציעס, פילן און הערן, זען און איבערלעבן אַלדי ווילדקייטן, אַלדי גרוילקייטן פון קריג, פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

עס איז געשען אין דער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק, דעם 30טן יולי, און אין דער פרידלעכער יידישער שטאָט תל־אביב. מאָנטיק פאַרנאַכט איז נאָך אַלץ געווען שאַ־שטיל, געמיטלעך. איך בין געווען דער גאַסט ביי דער פאַרוואַלטונג פון דעם העברייאישן שרייבער־פאַרבאַנד, און טאָקע

אין דעם ביאַליק־הויז אויף ביאַליק־גאַס, אַנטקעגן דעם תל־אביבער שטאָט־ראַט. מיר זיינען געזעסן אַ מנין העברייאישע און יידישע שרייבער אַרום דעם קיילעכדיקן טיש, מיר האָבן גערעדט חבריש און פריינטלעך וועגן פאַרשיידענע יידישע פּראָבלעמען אין דער וועלט, אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל. עס זיינען געווען יעקב פיכמאַן, י. ד. בערקאָוויטש, י. בורלא, נתן גרינבלאַט, אברהם ברוידעס, י. ליכטענבוים, ישראל כהן, מיין פרוי און זון. מען האָט נאָך דעם לענגערן מיינונגס־אויסטויש געבראַכט פיינעם כיבוד, טיי מיט פאַרבייסן, פּרוכטן, וואָס וואַקסן טאַקע אין ביאַליקס גאָרטן. מיר האָבן גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו פאַראייניקן אַלע שעפערישע כוחות אין יידיש און העברייאיש, מען זאָל געאייניקטע קומען צו דעם יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט מיט אַ וואָרט פון טרייסט און דער־מוטיקונג, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן אונדזער קאַמף פאַר לעבן און שאַפן אין אַלע וועלט־טיילן, אין די אַמעריקעס און אין איראָפּע, און אין ארץ־ישראל. און בעת די שמועסן און וויכוחים האָט מען באמת געמיינט, אַז מיר זיינען גאָר גרויסע מיוחסים און באַלעבאַטים אויף אונדזער אייגן לעבן. מ׳דאַרף נאָר אַדורכקומען צווישן זיך, — און אַלץ וועט זיין גוט און וואויל...

און דערנאָך איז מען אַרויס אין גאַס, געבליבן נאָך שטיין און פאַר־געזעצט צו שמועסן, און שפּעטער איז זיך יעדערער געגאַנגען אַהיים. די הייסע זון האָט זיך שוין געזעצט, און נאָכן הייסן, גליענדיקן טאָג האָט גענומען בלאָזן אַ קיל ווינטל, וואָס האָט מיטאַמאָל געמאַכט פאַרגעסן אָן דעם לאַנגן, הייסן ארץ־ישראל טאָג. שפּעטער איז מען זיך געזעסן יעדער איינער אויף אַ באַלקאָן, געשפּאַצירט איבער די העלע, ליכטיקע גאַסן פון תל־אביב, און געקליבן זיך גיין שלאָפן פאַר אַ קומענדיקן אַרבעטס־טאָג, און יעדער איינער מיט פאַרשיידענע פּלענער פאַר די וייטערדיקע טעג.

אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז בשעת די גאַנצע היגע באַפעלקערונג האָט אַזוי פרידלעך און געמיטלעך זיך געגרייט צום שלאָפן און אויסגע־קוקט אויפצושטיין קאַיאָר צו דער אַרבעט, האָבן אַנדערע אין געהיים געגרייט אַ צוויי געפּאַנצערטע דיוויזיעס, זיי באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, צוגעגרייט די אַלערליי ליכטע און שווערע געווער, אויסגעאַרבעט פּלענער, געצייכנט מאַפּעס, פאַנאַנדערגעטיילט כלערליי טאַנקען און האַרמאַטן אויף אַ שטאַרקן אַנגריף, ווי עס ווערט געטאָן אין די סאַמע שווערסטע קריגס־טעג קעגן אַ באַוואָפנטן שונא.

און טאַקע אינמיטן נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון די צענדליקער טויזנטער באַוואָפנטע מיליטער־לייט, באַוואָפנט מיט די אַלע היינטצייטיקע קריגס־כלי־משחיתים, מיט געניעראַלן, מיט אַלע אַנדערע העכערע און נידעריקע מיליטער־לייט, וואָס איך בין במחילה נישט בקי

אין זייערע „טשינען‟ און ראַנגען און אויפגאַבן. און שוין אינמיטן נאַכט פון מאַנטיק אויף דינסטיק האָט מען אָנגעהויבן ליאַרעמען און פייפן, און סירענעס האָבן געשאַלט, און ביקס־קנאַלן האָבן געשראָקן פייגל אין די נעסטן און מענטשן אין די געלעגערס. די היגע יידן, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט פאַר די לעצטע צוויי „פרידלעכע‟ יאָרן אונטער די ארץ־ישראל־הימלען געגנוג פּאַסירונגען און איבערלעבענישן, האָבן געהאַט באַשלאָסן, אַז נישט אַנדערש, אַז עפּעס אַ שיפּל מיט „אומלעגאַלע‟ יידן דער־נעענטערט זיך צו די ברעגן פון תל־אביב, און אַז די וואַכע מאַכט האָט עס באַמערקט, האָט מען געשלאָגן טרעוואָגע... אָבער באַלד האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז מען איז אַזוי פלוצים, אינמיטן דרינען באַפאַלן די שטאָט תל־אביב, באַפאַלן מיט אַ גרויסער אַרמיי, פּוסגייער און טאַנקען־פאָרער, מיט מאַשין־ביקסן און שטעכיקע דראָטן, מיט אַוואַנגאַרדן און „סנייפּערס‟.

און אָן אַ פריערדיקער וואָרנונג, אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פירער פון דער שטאָט, מיט דער היגער פּאָליציי, האָט מען גענומען שנעל און האַסטיק אַרומנעמען די שטאָט אין אייזערנע צוואַנגען. מען האָט לויט אויס־געאַרבעטע פּלענער איבערגעריסן אַלע שטאָט־טעלעפאָנען, נישט איבער־געלאָזט קיין טעלעפאָן אַפילו פאַרן שטאָט־מעיאָר, פאַר די שפּיטאָלן, פאַר דער עלעקטרישער סטאַנציע, פאַר די הויכע יידישע שטאָט־באַאַמטע, פאַר די צייטונגען. און אַזוי אַרום מיט אַמאָל איבערגעשניטן אַלע לעבעדיקע פעדים, אַלע אָדערן פון אַ גרויסער יידישער שטאָט פון איבער 200 טויזנט יידן, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן פאַרבונדן מיט נאָך אַ האַלבן מיליאָן יידן אין לאַנד.

און מעשה פרעמדער אַריינדרינגער האָט מען זיך כלל נישט גערעכנט מיט די עלעמענטאַרסטע געזעצן און פירעכצן אַפילו פון די אַמאָליקע פיינטלעכע אַריינדרינגער (נישט אַריינגערעכנט, פאַרשטייט זיך, די נאַצישע, היטלעריסטישע מעטאָדן!), און פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקע, אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס — טעאַטערס, קלובן, געזעלשאַפטלעכע זאַלן, קראַנקן־קאַסע־צענטערס, פּאַרקן און אַזוי ווייטער. און נאָך מער — מען האָט אַפילו נישט אַריינגעלאָזט די פירער פון די אַנשטאַלטן, אינסטי־טוציעס, און זיך צעלייגט דאָרטן ווי ביים טאָטן אין ווייִנגאָרטן, געמאַכט אומעטום אומאָרדענונגען, כאַאָס, צעטראָטן, צעוואָרפן, צעשטערט אָן אַ שום באַציאונג און פאַראַנטוואָרטונג.

גראָד גייען מיינע פענצטער אַרויס צום פּלאַץ אַרום דער „קופּת־החולים‟ און דעם טעאַטער „אוהל‟ און דעם משרד (אָפיס) פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא״י). און די גאַנצע צייט — 24 שעה אַ טאָג — האָט דאָ זיך געקערט די וועלט. עס איז אין דער נייער „הבימה‟־

געביידע געווען דער „גענעראַל־שטאַב“ פון דער אַנגרייפנדיקער אַרמיי, און דאָ — אין „אוהל“־בנין — דער שטאַב פון דער זאָנע. און ווען מען ווייסט נישט וואָס עס קומט דאָ פאַר, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז נישט אַנדערש, אַז דער היטלעריסטישער ראָמעל שטייט אין שטאָט מיט זיין ווילדער אויטאָמאַטיזירטער אַרמיי און די בריטישע דיוויזיעס זיינען עס געקומען אים דאָ געבן די גרויסע ענדגילטיקע שלאַכט...

ווער ווייסט, וואָס עס איז געווען דער אמתער מיין, די הינטער־כוונה פון דער קריגס־מאַכט, וואָס האָט אין איינעם אַ העלן, שטילן אַרבעטס־טאָג זיך פאַרנומען אויף דער פרידלעכער שטאָט? אויב עס איז געווען ביי זיי אַ צעטל פון אַ פּאָר צענדליק פּערזאָן — טעראָריסטן, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אַרעסטירן — זיינען דאָך דערויף דאָ גאַנץ באַשטימטע וועגן און מעטאָדן. אָבער מיר־נישט דיר־נישט פאַרכאַפּן אַ שטאָט מיט קינדער און זקנים, מיט קראַנקע און שוואַכע אין די סאַמע הייסע זומער־טעג, פאַרהאַקן דעם צופלוס פון פּראָדוקטן, איבעררייסן די טעלעפאָנען, אָפּשטעלן אַלע צייטונגען, פאַרבאָטן אַרויסצופירן דאָס מיסט, וואָס אין דעם היגן קלימאַט איז עס ממש אַ געפאַר פאַר אַן עפּידעמיע, איבערלאָזן אָן אַ טראָפּן מילך, אָן אַ ביסל אייז, נישט צולאָזן קיין בעקערייען צו באַקן ברויט, א. אַז. וו. — דאָס איז באמת אַ הימל־שרייענדיקע עוולה, וואָס האָט נישט קיין שום פאַרענטפערונג.

דער „עוצר“ איז דערקלערט געוואָרן אַ פּאָר מינוט פאַר זעקס, דינסטיק גאַנץ פרי, ווען דער עולם האָט זיך באַדאַרפט אויפכאַפּן און זיך לאָזן צו דער אַרבעט, ווען די באַלעבאָסטעס לאָזן זיך אַראָפּ אין די פּראָדוקטן־געשעפטן איינצוקויפן עסן אויפן טאָג. קיין „פרידזשידעירס“ זיינען נישט אומעטום פאַראַן. בלויז געציילטע פאַרמאָגן עס — דאָס, וואָס אין אַמעריקאַנער הייזער טרעפן מיר עס כמעט אין יעדער שטוב. אין פיל הייזער באַנוצט מען זיך מיט אייז־קאַסטנס, און מען מוז יעדן פרימאָרגן אָנפילן מיט אייז. מען לעבט צוליב די היצן מיט פּראָדוקטן, וואָס מען ברענגט יעדן פרימאָרגן פרישע פון די אַרומיקע פלעצער — איז ווען מען האָט מיט־אַמאָל אַלץ איבערגעשניטן, אָפּגעהאַקט, פאַרבאָטן אונטער דער געפאַר פון צעשאָסן ווערן, איז געוואָרן ממש אַ הונגער־געפאַר.

אויך אין דעם הויז, וואו איך געפין זיך, האָט דער „עוצר“ געטראָפן אַלע שכנים אין אַ שווערער לאַגע. עלטערן פון קליינע קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן די שכנים פון הויז — אַריבער די גאַס אָדער דעם שמאָלן הויף האָט מען נישט געטאָרט און נישט געקאָנט — און געבעטן אַ ביסל מילך אָדער אַ שטיקל ווייס ברויט פאַר די קליינע קינדער. מען רעדט שוין נישט וועגן פלייש אָדער אַן איי.

צו דעם אַלעמען דאַרף מען צוגעבן, אַז די ראַדיאָ אין ירושלים איז אויך אַ מלוכהשע, און אַז אויך די העברייאישע שעה געפינט זיך אונטער דער פולער קאָנטראָל פון דער מלוכה. זיינען די ידיעות איבערגעגעבן געוואָרן בלויז אין אַ באַשטימטער צייט — אין דער פרי, בייטאָג, פאַרנאַכט עטלעכע מינוט, אָבער אַלץ איז געגאַנגען מיטן נוסח פון די „קאָזיאָנע" מיטטיילונגען. ווען דאָ, אין תל־אביב, האָט זיך געקערט די וועלט, און די אָקופּאַנטן האָבן זיך געלאָזט וואַיילגיין אין פיל ערטער, מען האָט גע־שלאָגן, טעראָריזירט די יידישע באַפעלקערונג, דערנידעריקט זי, אָנגע־וואָרפן אויף איר אַ שרעק — האָט מען אין דער זעלבער צייט אין אַ שיינעם העברייאיש מיט דער קלינגענדיקער ספרדישער הברה (האַוואַראַ) מיט־געטיילט, אַז די חיפושים (די אונטערזוכונגען) גייען און פירן זיך „בהצלחה מרובה" (מיט גוטע רעזולטאַטן). לאַנג לעבן, הייסט עס, זאָל די מאַכט, וואָס טוט באַשיצן און באַשירמען די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג פון לאַנד ישראל, פון תל־אביב. און נאָך יעדער ידיעה — ווידער אַ ליד, אַ שיר־געזאַנג, ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג! די יעזואיטישע בריטישע פירעכצן!

און נאָך עפּעס — מען האָט אינגאַנצן באַזייטיקט די, משטיינס גע־זאָגט, יידישע פּאָליציי פון דער יידישער שטאָט תל־אביב די אַלע עטלעכע טעג. די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז אויך געווען אינגאַנצן אויסער דעם אַלעמען, וואָס מען האָט דאָ געטאָן. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצוקוקן פון אַ פענצטער — און טאָמער האָט אַ קינד אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל, האָט די אָקופּאַנטישע מאַכט מיט אַ מאַשין־ביקס גלייך אָנגעשטעלט די ביקס מיט אַ וואָרנונג, אַז אָט שיסט מען, און מען האָט טאַקע די גאַנצע צייט — טאָג און נאַכט — געהערט די פאַרשיידענע ביקס־קנאַלן, וועלכע האָבן אָפּגעקלונגען אין דער היגער לויטערער לופט און אין דער אַל־געמיינער טויט־שטילקייט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט און נאָך מער געררייצט די אָנגעצויגענע נערוון פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז אַרעס־טירט געוואָרן אין איינצל־קאַמערן פון יעדער שטוב.

עס זיינען געגאַנגען די אונטערזוכונגען, אין איין צייט מיט אַ ברוטאַלן טעראָר. איצט, אַ טאָג נאָך דעם, ווי מען האָט פאַרענדיקט די שיינע, „זויבערע" אַרבעט פון באַפאַלן אַ רואיקע שטאָט, איצט ווערט אַלץ מער קלאָר, אַז עס זיינען געווען זייער פיל ברוטאַלע אָנפאַלן, קלעפּ, אכזריות־דיקע באַציאונג צו די אומבאַוואָפנטע יידישע איינוואוינער. מען האָט די כלומרשט־פאַרדעכטיקע אָפּגעפירט אין צייטווייליקע „לאַגערן" אין שטאָט אונטער דער שטרענגער מאַכט, זיי געשלאָגן, זיי אָפּגעשמירט מיט יאָד, מיט שוואַרצער פאַרב, געחוזקט איבער זיי, געממיתט ביז בלוט, געטראָטן מיט די פיס, געהאַלטן איבער 24 שעה אָן עסן און טרינקען, א. אַז. וו. און

איצט קומען אויך אַן פיל אַנקלאַגן וועגן פאַלן פון ראַבירן, פון צוגנבענען זאַכן בעת די אונטערזוכונגען.

און די אונטערזוכונגען גופא זיינען געווען פאַרשיידן — די פאַרשטייער פון דער „סאָציאַליסטישער" בעווין־אַטלי־רעגירונג האָבן מיט באַזונדערער ברוטאַליטעט געאַרבעט מעשים אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. די פאַרשטייער פון דעם פאָלק, וואָס האָט אַזאַ אַכטונג צו דער „באַיבל", האָבן זיך אויך צוגעאיילט צו מאַכן אַ בלבול אויף דער גרויסער יידישער שול, בית־הכנסת, וואָס מ'האָט עפּעס געפונען אונטער די טרעפּ אין דרויסן, אָבער כדי צו באַרעכטיקן די בעסטיאַלישקייטן האָט מען גלייך געמאָלדן וועגן די גרויסע „טראָפּייען", וואָס מען האָט געפונען אין בית־הכנסת אינעווייניק. די פאַרשטייער פון דער רעגירונג, וואָס ווייסט ווי אָפּצוהיטן אַן אייגענעם בריטישן מוזיי, האָבן אַ תל געמאַכט און פאַרניכטעט אַ סך מערקווירדיקייטן אין היגן מוזיי, זיך אַריינגעריסן מעשה־היטלעריסטן און דאָרטן אַנגעמאַכט חורבונות. אַזוי אויך אין „הבימה" — דאָרטן האָט מען צעשטערט און פאַראומווירדיקט די קונסט־געביידע און די דעקאָראַציעס צו שעקספּירס גרויס ווערק „האַמלעט", וואָס די „הבימה" האָט זיך לעצטנס מיט אַזוי פיל פּיעטעט באַמיט צו ברענגען צום אויסדרוק שעקספּירס געניאַלע געדאַנקען...

גרויסער שעקספּיר! ער האָט נישט געחלומט, אַז זיינע אור־אייניקלעך זאָלן ווערן און זיין אַזעלכע וואַנדאַלן און צעשטערער — זיי זאָלן זיך אַריינרייסן אין בנינים פון העכסטער קונסט און מיט די שטיוואַליעס אַלץ צעטרעטן!

עס זיינען, זאָגט מען, געווען באַשטימטע אָנווייזונגען, אַז מענער העכער 50 זאָל מען נישט שלעפּן, פּרויען — העכער 35. אָבער דאָס איז אַלץ געווען „תורה שבכתב". מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די היימען עלטערע און אַלטע מענער און פּרויען, זיי צונויפגעזאַמלט אונטער דער אויפזיכט פון מיליטער מיט מאַשין־ביקסן אין גאַס, דערנאָך זיי געפירט ווי אַרעסטאַנטן אויף אַ פּלאַץ, וואו עס זיינען געזעסן די „אויספאָרשער" — אַלץ מיליטער־לייט. און עס איז ווי מען וואָלט געפּאַקט געפאַנגענע, וואָס האָבן ערשט דאָ געשאָסן אין דעם מיליטער, האָט מען אַזוי געהאַלטן אַלעמען אַ שעה און צוויי און דריי אונטער דער באַקנדיקער זון. אויך קינדער פון פיר און פינף יאָר זיינען דאָ געשטאַנען מיט די עלטערן, ווייל עס איז נישט געווען אויף וועמען צו לאָזן די קינדער אין די אויסגעליידיקטע הייזער. דערווייל, בעת מען האָט געוואַרט אַזוי אין דער ריי אין גאַס אויסגעפרעגט און „אויסגעפאָרשט" צו ווערן, זיינען די הייזער געווען איבערגעגעבן אויף הפקר, אויף באַטאַפּונג און באַזוכונג פון די צערייצטע

און צװײלדעװעטע בריטישע אָקופּאַנטישע מיליטער־לײט.

איך בין אױך אַראָפּ מיט אַלע ײדן, פֿרױען און מענער, כאָטש על־פּי־דין — עלטער פֿון 50 יאָר — האָב איך נישט באַדאַרפֿט אַראָפּ. איך האָב אױך געקאָנט מיט מײן אַמעריקאַנער פּאַס פֿאַרבלײבן אין הױז, אָבער איך בין געגאַנגען מיט אַלע, נישט געװאָלט זײן קײן אױסנאַם, נישט געװאָלט אױסנוצן מײן פּריװילעגיע. האָב איך געטײלט דעם גורל פֿון די ברידער. מיר זײנען לכתחילה געשטאַנען אין גאַס, ביז מען האָט פֿון פֿאַרשײדענע זײטן, הױפֿן געבראַכט נאָך געפּערלעכע „פֿאַרשװינען" — צװישן זײ אױך אַ ײדישן דאָקטאָר, אַ קאַפּיטאַן מיט דרײ שטערנדלעך, װאָס איז געװען איבער פֿיר יאָר אין דער בריטישער אַרמײ; אױך ײדישע פּאָליציאַנטן; געװען אױך ײדן, װאָס האָבן זיך געלאָזט צאַפּן פֿיל מאָל בלוט פֿאַר די פֿאַרװאונדעטע בריטישע זעלנער א. אַז. װ. אױך זײער פּאָפּולערע ײדישע דאָקטוירים, זשורנאַליסטן, שרײבער — קײנער האָט נישט אױסגעמיטן דעם אַלגעמײנעם גורל. אַז מען שמועסט דעמאָקראַטיע און סאָציאַליסטישע בריטישע רעגירונג — איז דאָך נישט שײך!... בין איך אַזױ געשטאַנען, — דער ײד, װאָס האָט אַדורכגעמאַכט צאַרישע פּאָגראָמען און דערנידערונגען, די דעניקינישע פּאָגראָמען, די פּעטליורישע רציחות, די פּױלישע פֿאַשיס־טישע ײדן־אָנפֿאַלן — בין איך אַזױ געשטאַנען און דאָ אין תל־אביב איבערגעלעבט די נאַצישע גרױלן... יאָ, עס האָט נאָר געפֿעלט די געלע לאַטע אױפֿן אַרבל, דער געלער מגן־דוד... דערנאָך זײנען אַלע געפֿירט געװאָרן צום גרינעם דיזענהאָף־פּלאַץ, װאָס האָט באַדאַרפֿט זײן דער אַפּרו־פּלאַץ, דאָס שײנדל פֿון דער שטאָט. און איצט אױפֿן גרינעם גראָז, װאו עס דאַרפֿן זיך שפּילן משהלעך, שלמהלעך, זײנען געזעסן די „פֿאַרשטײער פֿון דער אימפּעריע", װאָס דאַרף דאָ העלפֿן שאַפֿן די נאַציאָנאַלע הײם, געזעסן און געטרײבערט לעבעדיקע מענטשן, געזוכט אין די דאָקומענטן, אױסגעפֿרעגט מיט אומצוטרױ און חוזק, אָפּגעטײלט די עפּעס־װאָס פֿאַר־דעכטיקע, זײ גלײך אָפּגערוקט אָן אַ זײט און זײ אָפּגעפֿירט אָן אַ פֿאַרװאָס און אָן אַ פֿאַרװען ערגעץ אין לאַגערן, װאו עס שמאַכטן שױן טױזנטער און טױזנטער ײדן אונטער פֿאַרשײדענע אױסרײדן, אָן געריכטן און פּראָצעסן...

פֿיר טעג אין דעם באַלאַגערטן תל־אביב — זײ האָבן זיך געצױגן לאַנג, לאַנג...

און אַז די פֿיר שװערע טעג האָבן זיך פֿאַרענדיקט, האָט זיך די „העלדישע" בריטישע אַרמײ צוריקגעצױגן מיט די „טראָפּײען", צוריק אין אירע לאַגערן, כדי װידער אָנזאַמלען כוחות פֿאַר װײטערדיקע אָנגריפֿן. און די ײדישע שטאָט און די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האָבן אָפּגעאָטעמט פֿרײער און מיט געבײלטע פֿױסטן און מיט צונױפֿגעפּרעסטע ליפּן. דאָס

איז געווען אַ לעקציע און אַ וואָרנונג און אויך אַ פּאַרמעסט פון כוחות. ענגלאַנד האָט געמאַכט דעם פּרואוו, אויף וויפל דער ישוב איז ווידער־שטאַנד־פיייק, געוואָלט ברעכן דעם רוקן, דעם חוט־השדרה פונעם יידישן ישוב. די בריטישע מאַכט טוט אַלץ צו ברעכן דעם ישוב...

תל־אביב, דעם 3טן אויגוסט 1946.

11

אינעם יונגן קיבוץ אלונים

געזעגנג געזעסן אין תל־אביב, מ'דאַרף אַרויספאָרן אויפן לאַנד, זען ווי מען לעבט און מען אַרבעט אין די קיבוצים — און דער ערשטער אַרויספאָר איז קיין אלונים.

אינגאַנצן אַ קנאַפּע דריי שעה פאָרן פון תל־אביב, און קאַרגער אַ שעה פון חיפה,—אויף די וויסטע און האַלב־וויסטע בערג־פעלזן ליגט פאַנאַנדער־געוואָרפן אָט דער יונגער יידישער קיבוץ, וואָס איז נאָך קיין פולע אַכט יאָר נישט אַלט, מיטן נאָמען „אלונים" (דעמבעס). און ער טראָגט דעם נאָמען נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער ליגט פאַנאַנדערגעוואָרפן צווישן די יונגע דעמבעס, וועלכע וואַקסן דאָ אויף די באַרג־שיפּועים, נאָר אפשר אויך דערפאַר, וואָס דער קיבוץ בויט זיך דורך די יונגען־דעמבעס, וועלכע זיינען דאָ אויפגעזאַמלט פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן. צו די יונגען־דעמבעס דאַרף מען צורעכענען אויך (און אפשר גאָר נישט „אויך", ווייל עס זיינען גלייכע באַשטאַנד־טיילן) די גאָר ברוינע מיידלעך, וועלכע האָבן דאָ אַ גלייכן חלק אין דעם אַלעמען, וואָס איז דאָ אויפגעשטעלט און פאַרוואָרצלט צווישן די בערגיקע פעלזן־שטחים.

און ווי יונג עס איז נישט דער דרייסטער און שטאָלצער קיבוץ, אַזוי רייך איז ער שוין מיט זיין געשיכטע — אַ רייכע געשיכטע מיט קאַמפן און שלאַכטן, אַ מאַרטיראָלאָג אַ גאַנצער מיט קרבנות און מסירת־נפש, וואָס די יונגע חברה האָבן פאַר די עטלעכע יאָר פון זייער לעבן און איינאָרדענען זיך דאָ, דורכגעמאַכט און געליטן.

אינגאַנצן אַ קנאַפּע דריי שעה פון דעם רוישיקן תל־אביב, מיט די אַלע ליכט און שאָטן, מיט אַלדי מעלות און חסרונות פון אַ גרויסער מאָדערנער שטאָט, מיט צייטונגען און צייטונגלעך, מיט טעאַטערן און מואוויס (דאָ הייסן זיי „סינעמאַס"), מיט קאַפייען אַלאַ־פּאַריז און מיטן געטומל אַלאַ־ניו־יאָרק, — אינגאַנצן אַ קנאַפּע דריי שעה רייזע פון תל־

אביב, און אַ גאַר אַנדערשדיק לעבן און גאַר אַנדערע און אויסטערלישע לעבנס־באַדינגונגען הערשן דאָ. און פֿאַלסטו אַריין פֿון תל־אביב אַהער, האָסטו דעם איינדרוק, ווי דו וואָלסט אַריבערגערוקט דעם צייט־זייגער אויף פֿיל יאָרן אַרונטער, אָדער אפשר — אויף פֿיל יאָרן פֿאָראויס. עס

ד'ער שוץ־מויער, דער ערשטער בנין אין דער קבוצה, וואָס דינט גלייכצייטיק פֿאַר וואַך

גלויבט זיך קוים, אַז אין איין צייט, ביי די זעלבע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און פֿאַרהעלטענישן זאָלן לעבן און עקזיסטירן צוויי אַזעלכע באַזונדערע חברות, געזעלשאַפֿטן, קאָלעקטיוון. פֿון איין זייט — אַ ריין־קאַפּיטאַליסטישער, בורזשואַזער און אונטער געזעצן און מעטאָדן פֿון אַ

רעגירונג, מיט די ווילדסטע רויבערישע אַפּעטיטן און מעטאָדן פון דער־אָבערונג און עקספּלואַטאַציע, מיט די „שיינע" פירעכצן פון אַ ברוטאַלער אָקופּאַציע־מאַכט, און דאָ — אויף די שטחים צווישן די באַרג־פעלזן און יונגע ביימער, בויט זיך און לעבט זיך אַ קיבוץ פון יונגע אידעאַליסטן און אויף יסודות פון קאָמונאַלע, קאָלעקטיווע געבאָטן און געזעצן, און אויף מערקווירדיקע אייגנאַרטיקע טראַדיציעס און מנהגים, וואָס זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן אין לויף פון צענדליקער יאָרן אין די היגע קבוצות.

דער קיבוץ אלונים, וואָס האָט שוין אַ שם אין ארץ־ישראל מיט זיין העראָאישן קאַמף און מיט זיינע גאָר־באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, איז נאָך קיין אַכט יאָר נישט אַלט. אָבער די גרופּע יונגעלייט, וואָס האָט גע־גרינדעט און געבויט צוביסלעך דעם קיבוץ, האָט שוין אַ געשיכטע פון איבער עלף יאָר. נאָך אין 1935 האָט זיך אויסגעטיילט אַ קליינע גרופּע פון אַ צען־פופצן יונגעלייט פון אַן עלטער פון 16־17 יאָר, וואָס האָבן געהערט צום „הנוער העובד", און זיך פאַרנומען צו באַזעצן די געפּערלעכע ערטער אויף די בערג, וואָס רינגלען אַרום דעם „עמק". מען איז געגאַנגען נאָכן רוף פון דעם פאַרדינסטפולן קעמפער, דעם פּיאָנער און ראַבינזאָן קרוזאָ־געשטאַלט אַלעקסאַנדער זייד, וועלכער האָט געטענהט, אַז „וועלן מיר נישט האָבן די בערג, וועלן מיר נישט זיין זיכער מיטן טאָל". און די יוגנט, אַן אידעאַליסטישע, מיט גלויבן און ברען, און מיט נישט ווייניקער דרייסטקייט און עקשנות, האָט גענומען זוכן אַן אָרט, וואו פאַנאַנדערלייגן געצעלטן און אויפשטעלן בנינים, פאַראַקערן ערד, פאַרזייען זוימען און פאַרלייגן אַ יידישן ישוב. האָט מען, ממש ווי בעדואינער, געוואָגלט אין דער געגנט פון איין אָרט אויפן צווייטן, אָפּטמאָל איבערגעלאָזן אויף אייגענער אחריות און אויף אייגענעם ווילן, געפּרואווט צייטווייליק זיך באַזעצן אין „קרית־חרושת", שפּעטער אין שכנות מיט אַלעקסאַנדער זייד, דערנאָך אין „שייך אַברעק", ביז מען איז אַרויף אויף אָט דעם באָדן.

פאַר אָט דער צייט, אַ שווערע און געשפּאַנטע פאַרן גאַנצן היגן ארץ־ישראל־ישוב, האָט די גרופּע זייער פיל דורכגעמאַכט. עס זיינען געפאַלן קרבנות אין די פאַרשיידענע פּעריאָדן, זינט דער גרינדונג פון דעם קיבוץ. עס זיינען אויך אָפּגעפאַלן חברים צוליב פאַרשיידענע סיבות, אָבער די קבוצה, ווי אַזעלכע, וואַקסט ראַשיק און שנעל און האָט שוין צו פאַר־צייכענען גאָר גרויסע אויפטוען אויף אַלע געביטן פון דעם קבוצה־לעבן.

מיט צוויי יאָר צוריק, פרילינג 1936, אין די סאַמע שווערסטע צייטן פון די דעמאָלסדיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג אין דער קבוצה, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט צייטווייליק אין „קרית־חרושת", אַרום דער באַן־ליניע חיפה־עפולה, וואָס

גייט איבער דעם עמק. דאָן איז די קבוצה באַשטאַנען פון אַ פּאָר און צוואַנציק חברים און חברטעס, גאָר יונגעטשקע אַנהויבער, מיט צאַרטע און שוואַכע פּלייצעס, מיט פיל קינדישקייט און נאַאיווקייט אין זייערע פּנימער און באַוועגונגען, מיט נאָך נישט געבוג קלאָרע פּאַרלאַנגען און טרוימען, — און איצט — סאַר אַ גוואַלדיקער אונטערשייד אין אַלץ! איצט זע איך פאַר זיך אַ רייכע קבוצה, מיט אייגענעם האָב און גוטס, מיט



אַלגעמיינער אויסקוק פון דער קבוצה, אין דער ערשטער צייט פון איר אויפקום

צענדליקער אייגענע פערד, וואָס אַ טייל זיינען געבוירן אין דער קבוצה, מיט איבער פופציק קי און קעלבער, מיט אייגענע טראַקטאָרס און קאָמ־ביינס, מיט עטלעכע הונדערט שעפסן, וואָס גיבן מילך און לאָזן זיך שערן פאַרן וואָל, וואָס ווערט דאָ טאַקע געוואַשן און געשפּינט, מיט אַן אייגענער זעג־מיל און טאָקעריי, וואָס אַרבעט אויס אַלערליי מעבל און האָלץ־שניצערייען, מיט גרויסע שטייגן הינער, מיט אייגענע גערטנער און פעלדער, מיט אַ גרויסן שפּייכלער פאַר צענדליקער טאָנען תבואה, מיט אַ גרויסן קיל־בנין און נאָך און נאָך.

אָבער דער עיקר זעט זיך דער שנעלער און האַסטיקער וואוקס אין דער צאָל מיטגלידער פון דער יונגער אלונים־קבוצה. אַ קנאַפּע 200

חברים, מיט איבער 80 קינדערלעך פון פאַרשיידענעם עלטער. דער בכור פון דער קבוצה אלונים איז אַ יונג ייִנגל פון אַכט יאָר, ער טראָגט טאַקע דעם נאָמען „אילן" (אילאַן), אויפן נאָמען פון דעם אָרט אלונים, און נאָך אים גייען נאָך און נאָך יונגע, שלאַנקע, צאַפּלדיקע, וואַקסנדיקע דעמבעלעך, וואָס זיינען געבוירן, געוואַקסן און דערצויגן אין די אייגן־געבויטע קינדער־היימען און דורך די אייגן־דערצויגענע חברים און חברטעס, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט צו זיין דערציערינס און לערער פון די געבוירענע און וואַקסנדיקע קינדער.

ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קינדער־שפּראָצונגען אין דער יונגער קבוצה, האָט מען געבויט אַ קינדער־הויז און גלייכצייטיק אויך געשיקט אַ פּייאיקע חברטע, זי זאָל זיך צוגרייטן אין אַ סעמינאַר אין תל־אביב צו דערציען די קינדער. און מיטן וואוקס פון דער צאָל קינדער, זיינען ממילא גלייכצייטיק געוואַקסן די קינדער־הייזער, דערנאָך — די שול, וואו די קינדער געפינען זיך שטענדיק, נישט נאָר אין די שעהען ווען זיי לערנען, נאָר אַ גאַנצן מעת־לעת אונטער דער טרייער און זאָרגעוודיקער אויפזיכט פון די דערציערינס און לערער אָדער לערערינס. די קינדער געהערן צום אייזערנעם פאָנד פון דער קבוצה, און גאָר זייער דערציאונג, אויסהאַלטונג, באַזאָרגונג געהערט נישט צום איינצלנעם חבר, נאָר צו דער גאַנצער קבוצה. די טאַטע־מאַמע קאָנען זיך באַגעגענען און פאַרברענגען מיט זייער קינד אַ צוויי שעה, ווען דאָס קינד קומט צו זיי אָדער זיי גייען אין די קינדער־אַנשטאַלטן און נעמען דאָס קינד צו זיך, אויף זייער אויפזיכט, און ברענגען עס ווידער אין דער קבוצה־היים, וואו דאָס קינד וואַקסט אויס צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע, נישט צו וויסן און נישט איינצוגעוואוינען זיך צו פּריוואַטן, פּערזענלעכן אייגנטום.

איצט האָט שוין די קבוצה אַכציק קינדער, און עטלעכע קינדער זיינען, ווי מען זאָגט, אין וועג, צו פאַרגרעסערן דעם קינדער האָב און גוטס פון דער קבוצה.

אויסער די שטענדיקע חברים פון דער קבוצה, זיינען דאָ אין אלונים אין פאַרשיידענע צייטן חברים פון דער זייט, פון דער פרעמד, וואָס גרייטן זיך דאָ פאַר וויטערדיקע קבוצות. די יונגע אלונים־מיטגלידער זיינען צופרידן און גליקלעך, וואָס דער צוטרוי אין דער אַלגעמיינער היגער וועלט, אין די וויכטיקע צענטראַלע אינסטיטוציעס איז צו זיי אַזוי גרויס, אַז עס ווערט פאַרטרויט דער אלונים־קבוצה צוצוגרייטן, צו דערציען אַנדערע יונגעלייט פאַר וויטערדיקער קבוצה־טעטיקייט. לויט ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט די צענטראַלע אינסטיטוציעס, ווערט דעם אלונים־קיבוץ איבערגעגעבן אויף אַ יאָר אָדער צוויי אַ פערציק־פופציק יונגעלייט און

מיידלעך, וואָס באַקומען דאָ די „הכשרה״ (די צוגרייטונג). איצט וואוינען דאָ עטלעכע צענדליק יונגעלייט פון בבל (איראַק). זיי גייען אַדורך אַ לענגערן קורס פון טעאָרעטישע און פּראַקטישע אַרבעטן, כדי אויסצובילדן מיט דער צייט אַ נייעם קיבוץ, אָדער אַ נייע „נקודה״ (פּונקט). די טעג ווערן דאָ דערוואַרט אַ 40 יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען „אומלעגאַל״ (דאָ רופט מען זיי די „מעפּילים״ — מאַאַפּילים), וועלכע דאַרפן געבראַכט ווערן אַהער גלייך פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין „עתלית״, וואו די בריטישע מאַכט האַלט זיי דערווייל, ביז זי וועט ווערן פאַרטיק מיט אירע „שניידערישע״ חשבונות פון דער קוואָטע...

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז די קבוצה, וואָס געפינט זיך דאָ צווישן די בערג־קייטן פון הרי־אפרים, הר־הכרמל, שייך־אברעק, — אַז די קבוצה, וואָס לעבט דאָ מיט איר אייגנאַרטיקן לעבן, — אַז זי לעבט זיך דאָ אָפּגעזונדערט און אויסגעטיילט פון דער וועלט און פון די וועלט־געשעענישן. די פּאַטריאַרכאַלישקייט ליגט דאָ טאַקע אמת אויס־געגאָסן אויף פיל, פיל פון דעם אַרומיקן לעבן. עס זעט זיך אין דעם אַנטאָן, אין די באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט, אין די „באַקוועמלעכ־קייטן״, אין דעם אַלגעמיינעם חדר־האוכל (עס־צימער), וואו עס זיצן אַלע אָן אויסנאַם און זעען אויס אויסערלעך ווי פּויערן. עס זעט זיך אויך אין דעם, וואָס מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פיל שטאָטישע מאָדעס און געוואוינהייטן. אָבער אין תוך, טיפער געזען און טיפער גענומען, האָבן מיר אָפּט דאָ צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן הינטער זיך מיטל־שול און הויך־שול; מענטשן, וואָס לייענען און פאָרשן ליטעראַטור, פאַרשיידענע געביטן פון וויסן; מענטשן מיט באַהאַוונטקייט אין שפּראַכן, אין קולטורן. ביי פיל מיטגלידער טרעפט איר, אויסער די ביכער פון דער קבוצה־ביבליאָטעק, אויך פּאָליצעס מיט אייגענע ביכער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען סטודענטן, צוהערער פון פאַר־שיידענע הויכע קורסן, סעמינאַרן און אויך אוניווערסיטעטן פון תל־אביב, חיפה און ירושלים.

און ווי אין אַ צייט פון שטורעם ווערן אויך אויפגעכוואַליעט קליינע טייכלעך, אַזוי אויך אין צייט פון קריג האָט דער קליינער און יונגער קיבוץ מיטגעמאַכט די אַלע מלחמה־גרוילן. איבער פערציק חברים פון דער קבוצה זיינען געווען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיטן קריג, זיי האָבן אויס־געפילט זייערע פליכטן אינעם גרויסן געראַנגל צו פאַרניכטן דעם היט־לעריזם און נאַציזם. צוויי חברים פון דער קבוצה זיינען אומגעקומען אין שלאַכטן פאַר דער בריטישער אַרמיי. און ווייטיקדיק און פיינלעך איז, ווי די בריטישע מאַכט „צאָלט״ איצט אָפּ דעם יידישן ישוב, די יידישע

הערָאישע שלאַכט־קעמפער, צאָלט מיט ברוטאַליטעט, בעסטיאַלישקייט און פאַרניכטונג.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט די ענגלישע מאַכט מיט אירע באַוואָפנטע מחנות דורכגעפירט שטראָף־עקספּעדיציעס פון ערגסטן גראַד און כאַראַקטער אויף די יידישע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין דער גאַנצער געגנט אַרום. זיי דערמאָנען די נאַציישע שטראָף־עקספּעדיציעס איבער די פרידלעכע דערפער און שטעט. די וואונדערלעכע קבוצות אין עמק, וואָס



מען פאָרט אַרויס פון דער קבוצה צו דער פייערונג פון שניידן „עומר" ערב־פּסח

זיינען דאָ אַרום אלונים, האָבן גוט געפילט די שטרענגע האַנט פון דעם צעיושעטן מיליטער. פיל קבוצות, וואָס זיינען פאַרנומען מיט זייער שווערער אַרבעט אונטער דער ברענענדיקער ארץ־ישראלדיקער זון, האָבן זוכה געווען צו די „באַזוכן" פונעם בראַוון מיליטער, וואָס האָט מיט גאָר דער ווילדקייט און אכזריות זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פרידלעכע קיבוצניקעס און געשלאָגן און טעראָריזירט, געמאַכט חורבונות אין די ווירטשאַפטן און פאַרוואונדעט מענטשן און אויך געהרגעט. און איז עס נאָך ווייניק געווען — האָט מען, נאָך די מערדערלעכע אָנפאַלן, צוגענומען פון די קבוצות אַלע מענער און אַזוי אַרום געוואָלט אַ תל מאַכן פונעם לעבן

און רואינירן די לעבעדיקע שאַפערישע פונקטן אין לאַנד. עס זיצן שוין זינט עטלעכע וואָכן די אַרעסטירטע קבוצה־מיטגלידער אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין לאַטרון און אין רפיח. זיי זיצן ביי די מוראדיקע באַדינגונגען ווי אמתע אַרעסטאַנטן, אָדער ווי געפערלעכע געפאַנגענע פון אַ ביטערן שונא...

די טשערעדע שאָף אין דער קבוצה; די פאַסטוכער — אייגענע חברה־לייט.

אָבער צעשטערן די קבוצות האָט זיך נישט איינגעגעבן דער מאַכט. גלייך נאָך די ווילדע אָנפאַלן און אַרעסטן פון די קבוצה־מיטגלידער, איז מען געקומען מאַסנווייז פון אַנדערע קבוצות, זיך אַליין מאָביליזירט צו פאַרבייטן די אָוועקגערויבטע אַרבעטער. נאָך איצט, אַ זעקס וואָכן נאָך די שטראָף־עקספעדיציעס און „לידיצע"־פּאָגראָמען אין פרידלעכע קבוצות, אָרגאַניזירט דורך שיכורע סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון על־טערע און עלטסטע „טשינען", — נאָך איצט פעלן אויס אין פיל אַנדערע קבוצות מענטשן, ווייל זיי זיינען איצט פאַרנומען אין די קבוצות פון וועלכע מען האָט אַוועקגענומען אָן אַ פאַרוואָס די אַרבעטנדיקע מענער און פרויען.

אָט אַזוי, ביי אַזעלכע שווערע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, גייט אָן די אַרבעט אין שטאָט און אין דאָרף.

און די יונגע קבוצה, וואָס איז נאָך קיין אַכט יאָר נישט אַלט, האָט שוין איר בית־עולם. קברים פון אייניקע חברים, וואָס זיינען אומגעקומען פון אָנפאַלער בעת באַשיצן די קבוצה, און אויך איין קבר׳ל פון אַ קליין קינד.

אָבער אַלץ איז דאָ יונג און קרעפטיק, און אַלץ האַלט ערשט אין וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. עס ווערן כסדר געבויט נייע הייזער, און יעדעס הויז האָט זיך זיין כאַראַקטער און אויסזען. מען זוכט נאָך אַלץ פאָרמען און סטיל אין דעם היגן לעבן, און מען שטרעבט נאָך אַלץ צו בעסערע באַקוועמלעכקייטן און צו בעסערע באַדינגונגען. און עס דריקט זיך אויס אין אַלץ: מען זוכט נאָך אַלץ בעסערע באַדינגונגען פאַר דעם קאָלעקטיוון לעבן, מען זוכט נאָך אַלץ בעסערע פאָרמען פאַר דער דערציאונג פון די קינדער, עס שטייען נאָך אויף יעדן שריט און טריט פּראָבלעמען פאַר דעם צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, פון דער פאַמיליע, עס איז נאָך פאַראַן געגוג פראַגן ווי איינצושטעלן דעם יחידישן פערזענלעכן לעבן אין דעם קאָלעקטיוו. אין פיל הייזער שטייען שוין ראַדיאָס, וואָס די מיטגלידער האָבן באַקומען פון זייערע פריינט, קרובים, אָבער עס איז נאָך אַ פראַגע, צי מען מעג עס טאָן. אַזוי אויך דאָס פּראָבלעם, אויף וויפיל מען קאָן זיך דערלויבן האָבן אייגענע קליידער. און אויך די פאַנאַנדערטיילונג פון אַרבעט, דאָס וואוינען אין די צימערן אין הייזער, א. אַז. וו. הכלל, עס איז נישט אַזוי לייכט איינצושטעלן אינעם אַאַזיס פון דער אַלגעמיינער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אַ שטייגער־לעבן אויף קאָמונאַלע יסודות.

און אַלע די פּראָבלעמען פון דעם קבוצה־לעבן בכלל, מיט זיינע ליכט און שאָטנס, שפּיגלט זיך אָפּ אין דער קבוצה אלונים. ביי אַנדערע באַ־דינגונגען, ביי אַנדערע ניואַנסן קומט דאָרט פאַר דאָס זעלבע ווי דאָ.

אָט ליגט פאַר מיר אַ קורצער באַריכט פון דעם, וואָס דער יונגער אלונים־קיבוץ האָט אין חודש יולי אַרויסגעשיקט צום פאַרקויף דורך דער „תנובה״: פלוימען — 18 טאָן (אַ 36 טויזנט פונט), ווייַנטרויבן — 15 טויזנט טאָן (אַ 30 טויזנט פונט), אייער — אַ 12 טויזנט, און מילך פון קי און פון שאָף, עפּל און באַרן א. אַז. וו. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די איבער 300 מענטשן מיט די קינדער אין דער קבוצה ווערן געשפּייזט דורכאויס פון אייגענע פּראָדוקטן. עס שטייט אַפילו אַן אייגענע בעקעריי, וואָס באַקט געשמאַקן ברויט, וואָס ווערט אויך פאַרקויפט אין די דער־בייאיקע ישובים. און אויך אַ שעכט־הויז פאַר פלייש פאַר זיך און פאַר אַרומיקע א. אַז. וו.

און אַזוי גייט עס דאָס האַרעפּאַשנע לעבן פון די קבוצהניקעס — אַ לעבן פון פּראַצע און פון אידעאַליזם. עס איז פאַרווירקלעכט דאָ דער לאָזונג: „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״ — די וואָס זייען מיט טרערן, שניידן מיט געזאַנג... געזאַנג און פּראַצע איז דאָ גלענצנד צונויפגעפּאַרט. אָט איז אַ קיבוצניק פאַרשטויבט, אויסגעשמירט, פאַרהאַרעוועט, — און ווי נאָר די אַרבעט ענדיקט זיך — גייט מען מיטן פעקל וועש און קליידער

צו דער „מקלחת" — אַלגעמיינעם „שאַוער" (דוש), און באַלד קומט אַרויס אַ פרישער, ריינער, אָפּגעוואַשענער חבר אָדער חברטע — פֿיין און ציכטיק אָנגעטאָן, און איר האָט פֿאַר זיך אַ מענטשן, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אַלע פּראָבלעמען פֿון וועלט און אַרום.

און טאַקע פּרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך דער שבתדיקער סעודה, האָט מען זיך צעזעצט אויף דעם גראָז, אויף אַ גרויסן פּלאַץ, באַלויכטן מיט ספּעציעלער ליכט, און מען האָט געהערט פֿון דעם „אורח נכבד" (פֿונעם חשובן גאַסט) אַ רעפֿעראַט איבער דעם לעבן און שאַפֿן פֿון יידן אין אַמעריקע, און אין יידיש. און מ'האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט און נייגעריק געווען צו דערוויסן זיך נאָך און נאָך, געשטעלט פֿראַגן און אַרויסגעקוקט אויף אַן ענטפֿער.

און דאָס איז געווען דער „עונג־שבת" פֿון דער יונגער אלונים־קבוצה נאָך אַ הייסן זומערדיקן אַרבעטס־טאָג...

צווישן אַ וועלט פֿון צעשטערן, צווישן גוואַלדטאַט און ברוטאַליטעט — לעבט מען דאָ אין קאָלעקטיוון לעבן און מען שאַפֿט און מען בויט.

דעם 9טן אויגוסט 1946.

12

יגור — דער גרעסטער קיבוץ

און פֿון אלונים — דעם קיבוץ פֿון די יונגעלייט — קיין יגור.

דער קיבוץ יגור (יאַגור) רעכנט זיך פֿאַר דעם שיינדל, פֿאַר דעם מוסטער אין דער משפּחה פֿון די היגע קיבוצים, די קאָלעקטיווע קאָמונאַלע קבוצות אין לאַנד. ער איז דער סימבאָל פֿון ענערגיע, פֿון יאָגן און איבעריאָגן די אַלע אַנדערע קבוצות. דער קיבוץ געהערט צו דעם „קיבוץ המאוחד" (דער פֿאַראייניקטער קיבוץ) ביי דער „הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל" — די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, — און ער שטייט אין דער ערשטער ריי פֿון די אַלע אַנדערע איבער 50 גרעסערע קבוצות, וואָס געהערן צום „קיבוץ המאוחד".

עס זיינען דאָ אין לאַנד און אין דעם „קיבוץ המאוחד" עלטערע קבוצות און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך מער ערד ווי „יגור", אָבער קיינער קאָן זיך נישט פֿאַרגלייכן מיט דער צאָל מיטגלידער און נפֿשות, וואָס זיינען דאָ אינעם קיבוץ, און אויך קיינער קאָן זיך נישט פֿאַרגלייכן

מיט די פאַרמעסטן און מיט דעם שטענדיקן אימפּעט פון אַט דעם קיבוץ.

ביי היינטיקן טאָג זיינען דאָ אינעם „יגור״־קיבוץ איבער 500 מיט־גלידער — און אַ 500 קינדער. די צאָל נפשות אין דעם קיבוץ איז איבער 1,300; אין פּראָפּאָרציע מיט אַט דער גרויסער צאָל מיטגלידער, קינדער און נפשות, זיינען אויך די אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס אין דעם „יגור״־קיבוץ — אויך פון די סאַמע גרעסטע און אימפּאַזאַנטסטע.

ווען איך בין דאָ געווען מיט צען יאָר צוריק, איז געגאַנגען דאַן אַ מין פאַרמעסט מיט די בנינים פון די חדרי־האוכל (די עס־צימערן) אין די קיבוצים. האָט עין־חרוד פאַרמאָגט אַ גרויסן חדר־האוכל, האָט תל־יוסף אויפגעשטעלט אַ שענערן און בעסערן און גרעסערן, האָבן די אַמביציעזע „יגור״־מיטגלידער זיך אַ נעם געטאָן און פאַרלייגט אַ פונדאַמענט פון אַ חדר־האוכל, וואָס זאָל איבערשטייגן מיט זיין גרויס, מיט זיין אַרכיטעקטור, מיט זיין פאַרנעם אַלע „חדרי־האוכל״, וואָס זיינען ביז דאַן געווען אין לאַנד. האָט טאַקע „יגור״ אויפגעשטעלט מיט אייגענע כוחות אַ „חדר־האוכל״, וואָס נעמט אַריין איבער 1,500 מענטשן, און מיט אַ טייל, וואָס קאָן ווערן אַ בינע, מיט קוליסן, מיט אַ פאָרהאַנג, צו שפּילן טעאַטער, א. אַז. וו.

בכלל דאַרף מען קודם כל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די באַזונדערע טיפּן קבוצות, וואָס זיינען אין משך פון איבער 35 יאָר געשאַפן געוואָרן אין לאַנד. די איבער 20,000 קבוצה־מיטגלידער (אָדער די קנאַפּע 40,000 נפשות), וואָס זיינען דאָ אין די אַלע איבער 130 קבוצות אין ארץ־ישראל, טיילן זיך אויף עטלעכע באַזונדערע טיפּן, וואָס יעדער פון זיי איז פאַר־אייניקט אונטער איין פירנדיקער אָרגאַניזאַציע.

פריער פון אַלץ גייט דער „הקיבוץ המאוחד״, וואָס פאַרמאָגט איצט איבער 50 קבוצות מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ 11,000 (און אַ 22,000 נפשות); דער „חבר הקבוצות״ — מיט אַ 30 קבוצות, אַ 5,000 מיט־גלידער (און אַ 8,000 נפשות); דער „השומר הצעיר״ מיט די איבער 40 קבוצות, מיט אַ 6,000 מיטגלידער (און אַ 10,000 נפשות), און דערנאָך קומען די עטלעכע קלענערע גרופּעס מיט זייערע קבוצות.

דער „הקיבוץ המאוחד״ נעמט אַריין אין זיינע קבוצות נישט בלויז ערד־ און פרוכט־אַרבעט, נאָר אויך אינדוסטריעלע אַרבעטן, וואָס זיינען וויכטיק נישט בלויז פאַרן אייגענעם „משק״ (ווירטשאַפט). סיי דער „חבר הקבוצות״ און סיי דער „השומר הצעיר״ ווילן האָבן אייגענע אינטימע, ריין־חברשע קבוצות, וואָס זאָלן זיין אידעאָלאָגיש און חבריש צונויפ־געשמאָלצן און צונויפגעבונדן. לויט זייער מיינונג קאָן עס געמאָלט זיין, ווען די קבוצה פאַרמאָגט אַ קליינע צאָל מיטגלידער, וואָס זאָל נישט איבער־שטייגן אַ 100 (אין „חבר הקבוצות״) אָדער אַ 150 (אין „השומר הצעיר״).

אַנדערש איז דער טיפּ קבוצה פון דעם „הקיבוץ המאוחד“, וואָס וויל און שטרעבט צו גרויסע, אַלגעמיינע קבוצות.

האָבן טאַקע אייניקע קבוצות פון דעם „הקיבוץ המאוחד“, ווי אשדות־יעקב, עין־חרוד, גבעת־ברענער, מער ווי 450 מיטגלידער — 484, 522, 557 מיטגלידער (די ציפערן זיינען פון דעם 1טן אָקטאָבער 1945), אָבער יגור האָט שוין דאַן געהאַט 588 מיטגלידער. און אַזוי אויך די צאָל



אַ ווינקל אין אַ קיבוץ, וואו ס׳וואוינען די קבוצה־מיטגלידער

נפשות אין דער קבוצה — מער ווי אין אַלע אַנדערע גרעסערע קבוצות.

מיט אַ צוויי חדשים צוריק איז פאַרגעקומען די אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון די מיטגלידער פון דעם „הקיבוץ המאוחד“ — איז די קאָנפערענץ פאַרגעקומען טאַקע אין יגור. עס זיינען בייגעווען אויף די זיצונגען איבער פינף טויזנט קיבוצניקעס פון׳עם גאַנצן לאַנד. יגור האָט אויפגעבויט ביים כרמל־באַרג אַ ספּעציעלן אָרט, איבערגעצויגן אַ דאַך פון לייוונט, איינגעשטעלט בענק און באַלייכטונג, מיט הילכערס אין אַלע זייטן, און אַזוי־אַרום האָט מען געפירט די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט אָנגעצייכנט וועגן און אויפגאַבן פאַר דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם היגן לעבן אין די קבוצות און פאַר ארץ־ישראל בכלל.

פּסח צו די סדרים קומט קיין יגור אַ גרויסער עולם, וואָס דערגרייכט אין צוויי־דריי טויזנט. יגור האָט איצט אַ 500 קינדער, וואָס פאַרנעמען אַ 20 גרויסע און שיינע בנינים, וואו זיי לעבן שטענדיק, וואוינען און ווערן דערצויגן אונטער דער אויפזיכט פון געניטע דערציערינס און לערער אַ

גאַנצן קיילעכדיקן טאָג, אויסער די צוויי שעה, וואָס די קינדער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט אָדער אין דער מסיבה פון זייערע עלטערן. און אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן אין דער קבוצה, געהערט צו דער קבוצה טאָקע פונעם ערשטן טאָג אָן. דאָס זויג־קינד געפינט זיך אין אַלגעמיינע קינדער־הייזער — די מוטער קומט נאָר עטלעכע מאָל אין טאָג עס אָנזויגן, און דאָס גאָר. אַ 250 קינדער זיינען דאָ אין יגור פון שול־עלטער. עס זיינען דאָ פאַראַן שולן, פרעכטיק איינגעאָרדנטע, פאַר די שול־קינדער, מיט אַלדי פעדאַגאָגישע איינריכטונגען, ביז אייגענע לערער־ און דערציאונג־סעמינאַרן, וואָס זיינען דאָ אין יגור, סיי פאַר די אייגענע לערער און סיי פאַר די לערער אין דער סביבה אַרום יגור. הכלל, יגור איז אַ שטיקל קולטור־צענטער אין דער געגנט פאַר די אַרומיקע קאָלעקטיווע ווירט־שאַפטן.

דער קיבוץ יגור געפינט זיך נישט ווייט פון חיפה, אינגאַנצן אַ פופצן מינוט מיטן אויטאָבוס, וואָס גייט אָפט, אַלע האַלבע שעה הין און צוריק, און דערצו — אויפן „כביש" (שאָסיי), וואָס פירט פון חיפה צום עמק צו. ווען איר פאָרט אַזוי פון חיפה צווישן דעם מיטללענדישן ים און דעם כרמל־באַרג, ווען איר פאָרט פאַרביי אייניקע גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי די „שמן"־פאַבריק (אויל,ביימל, זייף, קאָסמעטיק) און די גרויסע צעמענט־פאַבריק „נשר", קומט איר צו יגור. רעכטס און לינקס ציען זיך פאַר אייך די גרינע פעלדער, די גרינע גערטנער פון דעם קיבוץ יגור. איר זעט אין די זייטן די הויכע, שלאַנקע, שטאַרק־גרינע קאַפּריסין־ביימער, וואָס שטייען ווי ערנסטע היטער ביי די צאַרטע פרוכט־ביימלעך, נישט צו דערלאָזן, אַז בייזע ווינטן זאָלן זיי אָנטאָן שלעכטס. איר זעט די הויכע גרינע תבואה, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ערד און די הייסע, ברענענדיקע זון שאַדט זיי נישט, ווייל קינסטלעכע באַוואַסערער האַלטן אין גיסן אויף זיי רעגנדלעך פון די ספּעציעל־צוגעפּראַוועטע רערן און שפּריצערס. איר זעט אויך געדיכטע גרינס־קוסטעס, וואו עס אַרבעטן יונגעלייט, יונגען און מיידלעך, אין בלויע און אין ווייסע העמדלעך, מיט גרויסע שטרויענע היטלעך־קאַפּעליושן. מען דערקענט אויך יגור פון די שיינע, אויסגעצייכנטע מויערן־הייזער, וואָס שטייען ביי דעם צופוסנס פון דעם שטאָלצן, שטענדיק־פאַרכמורעטן און מאַיעסטעטישן כרמל־באַרג, וואָס איז זינט טויזנטער יאָרן און יאָרן אַן עדות פון אַזוי פיל מערקווירדיקע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אים און ביי זיין צופוסנס, — דער כרמל־באַרג, וואָס איז אויף פאַרשיידענע אופנים פאַראייביקט אין תנ"ך דורך וואָר און לעגענדע.

יעדער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ ביי יגור — עס שטייגן אַראָפּ

מענטשן, עס שטייגן אַרויף מענטשן. פון יגור ציט זיך אַ וועג קיין כפר־חסידים — אַ מושב (זידלונג) פון רעליגיעזע יידן. עס גייט דער וועג קיין שער־העמקים, אַ „השומר״־קבוצה, קיין קרית־עמל (אַ שטאָט פון חיפה־אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן) און קיין אלונים, און אַזוי ווייטער צום עמק־צו. דער טויער און דער אַריינגאַנג פון יגור מאַכט אַן איינדרוק ווי אַן אַריינפאָר אין עפּעס זייער אַ רייכן גוט: פּאַלמע־ביימער פון ביידע זייטן, און גרינגראָז און בלומען און אַ געפּלאַסטערטער וועג צו דעם „פּאַלאַץ״, די אַרבעטער־קיך און גלייכצייטיק — דער קלוב (חדר־האוכל) פון דער רייכער און צאָלרייכער יגור־קבוצה.

אַנטקעגן דעם אַריינפאָר לינקס איז דאָ די שיינע יידישע טעכנישע שול, אַ טעכניקום, וואָס איז געבויט אויפן נאָמען פון לודוויג טיץ, אויף דעם באָדן פון יגור און אין אַ געוויסן זין אויך אונטער דער גייסטיקער אויפזיכט פון די יגורניקעס. דאָ לערנען יונגעלייט טעכנישע לימודים. אַרום דעם — די פאַבריק פון די בלעכענע שאַכטלען — איינער פון די אינדוסטריע־צווייגן פון דער קבוצה. די שאַכטלען ווערן געגרייט פאַר די קבוצים, וואָס האָבן „מיץ״ (דזשוס)־פאַבריקן, ווי גבעת־ברענער, אשדות־יעקב. אין יגור־הויף אינעווייניק — הייזער אויף הייזער, וואָס ציען זיך אַרויפצו צום באַרג און לענג־אויס זיין צופוסנס. און ווייטער — די גרויסע שטאַלן פון דער קבוצה מיט די עטלעכע הונדערט קי, וואָס מעלקן זיך, און הונדערטער שאָף און טויזנטער הינער, און אַזוי ווייטער און ווייטער. און קומט איר אַרויף אויפן דאַך פון דעם חדר־האוכל, ווערט איר פאַר־גאַפט פון די רייצנדיקע בילדער אַרום און אַרום. דאָרטן ווייטער איז דער מיטללענדישער ים, מיט דער רוטענבערג־עלעקטריע־סטאַנציע, וואָס באַ־לויכט און לאָזט אין באַוועגונג גאַנץ ארץ־ישראל, און באַלד—די ראַפינער־סטאַנציע מיט די הויכע קוימענס פון דעם נאַפט, וואָס ציט זיך דורך רערן אַזש פון איראַק. אוי, אָט דער אויל, וואָס האָט ביי אַ גערעכטער און ערלעכער וועלט געקאָנט זיין אַ ברכה, אַ קוואַל פון גליק און פרייד פאַר דער מענטשהייט, און ביי די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע רייסערייען און בורזשואזער געלט־יאָגעניש איז עס אַ קללה, אַן אומגליק פאַר די מאַסן אַרום און פאַר דעם יידישן ישוב און פאַרן אַראַבישן עולם אַרום. וואָס די ענגלישע, און מיט איר איצט די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישע וועלט, סאַר אַ הפקרותן זיי טוען איצט אָפּ צוליב אָט די „געבענטשטע״ אויל־קוואַלן, וואָס ציען זיך דורך רערן ביז חיפה!

אָט האָט איר דאָ דעם קנופּ פון די אַלע „שמד־שטיק״. עס רויכערן זיך די הויכע קוימענס, און אין דער שטיל, און אין די בריטישע „אָפיסעס״ אַרבעט מען אויף טיש און אויף בענק, און די רעאַקציע פּילט מען דאָ כסדר,

יעדן טאָג — עפּעס אַן אַנדער אויפּרייס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם אומגערעכטן באַלעבאַטעווען פון די ענגלענדער.

און אַט שטיי איך דאָ אויפן דאַך פון דעם יגורער (יאַגורער) חדר־האוכל און וואַרף בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס. ס׳איז אַ העלער, שאַרפער, שײנענדיקער הייסער טאָג. אַרום שפּרייטן זיך פעלדער, באַוואַקסענע און באַאַרבעטע דורך די יידישע עקשנים, — עס איז נישט ווייט פון דער שטאָט, פון חיפה, אינגאַנצן אַ 15 מינוט מיטן אויטאָבוס, און ס׳איז אַן אַנדער לעבן, וואָס פּיקט זיך אַזוי שווער אויס אין דער אַרומרינגלונג פון אַזוי פיל ווידערשפּרעכנדיקע כוחות.

ס׳איז אַזאַ מין שרייענדיקער ווידערשפּרוך צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן די שײנענדיקע, טיף־העלע הימלען און די גרויסע קיילעכדיקע אויל־אויפהיטער, וואָס ווערן אַזוי באַוואַכט פון ענגלישן מיליטער. ס׳איז אויך אַ טיפער קעגנזאַץ צווישן דער ערלעכער מענטשלעכער פּראַצע דאָ אַרום מיט די אַלע וויסטע פּלענער און מאַכינאַציעס פון די בריטישע אַריינדרינגער.

און אַט שטייען זיי דאָ, אַט די צוויי באַזונדערע וועלטן — יגור און דער חיפה׳ער אויל־צענטער. יגור איז פול מיט אימפּעט, רייסט זיך אין דער ברייט, קריכט אויף די דערבייאיקע כרמל־באַרג־שיפּועים...

און טאַקע ווייל דער קיבוץ יגור פאַרנעמט איצט אַזאַ גרויסן און וויכטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן אָרט אין דעם ארץ־ישראל־לעבן, טאַקע דערפאַר האָט ער „זוכה“ געווען צו אַזאַ ספּעציעלער „אויפמערקזאַמקייט“ מצד דער בריטישער מאַכט...

עס איז געשען אין דעם טאָג שבת, דעם 29טן יוני, וואָס הייסט איצט אין ארץ־ישראל דער „שוואַרצער שבת“ (שבת השחור).

עס איז דער טאָג, ווען דאָס „בראַוועווע“ אַרמיי־מיליטער פון בריטישע דיוויזיעס, מיט אַלערליי מאָדערנע קריגס־מכשירים, געווער פון אַלע קאַליברען, וואָס האָבן געקעמפט און געדאַרפט קעמפן אויף די קריגס־פראָנטן מיט די באַוואָפנטע היטלעריסטן — אָט די „בראַוועווע“ אַרמיי האָט לויטן באַפעל און אָנווייזונגען מצד דער העכערער מאַכט זיך געלאָזט מיט טאַנקען און מאַשין־ביקסן, מיט אַלערליי דראָט־פאַרצוימונגען און באָמבען־וואַרפער, — מיט „הכל־בכל“ זיך געלאָזט אָן אַ שום וואָרנונג, אָן אַ שום מעלדונג, מיט דער גרעסטער ברוטאַליטעט און אכזריות אויף די קיבוצים.

מיט איין קנאַק, מיט איין שטויס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די אַלערליי בריטישע חיילות אויף די יידישע קיבוצים אין עמק. מען האָט דערביי געברויכט די אַלערליי קריגס־סטראַטעגיעס, מיט גענעראַל־שטאַבן, מיט סנייפּערס, מיט ווילדע דיוויזיעס, מיט אָנשיכורן דאָס מיליטער, כדי זיי זאָלן

האָבן דעם נויטיקן „דראַנג" און „אימפּעט" פאַר די אָנגריפן. יאָ, ענגלאַנד האָט געלערנט און אָפּגעלערנט פון די נאַציס.

דעם זעלבן שבת, אַרום פיר פאַרטאָג, האָבן זיך טויזנטער מיליטער־לייט אונטער דער אָנפירונג פון עלטסטע אַ לאַז געטאָן אויך אויף יגור. מען האָט עס געטאָן מיט דעם גרעסטן געאייל און פאָרזיכטיקייט, כדי צו טרעפן דעם „שונא", די יידישע האָרעפּאַשניקעס אין קיבוץ, מיטאַמאָל. מען האָט אויפגעבראָכן דעם טויער, און פון פאַרשיידענע זייטן זיך אַריינ־געריסן אין דעם קיבוץ. מען האָט גאַנץ פרי אַרויסגעיאָגט די מענער און פרויען פון זייערע צימערן, זיי פאַריאָגט אין חדר־האוכל, מען האָט מיט טאַנקען זיך געריסן צום חדר־האוכל, געוואָרפן טרערן־ און שטינק־באָמבעס דורך די אויפגעבראָכענע פענצטער און אויך באַגאָסן מיט אַזאַ שטיקנדיקן מאַזוט. די מיטגלידער און אַרבעטער פון דעם קיבוץ האָבן זיך געפּרואווט ווערן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט די עטלעכע הונדערט מענער פונעם קיבוץ אַרעסטירט, ווי אויך אַ 40 פרויען.

און דאָס מוראדיקסטע איז, וואָס מען האָט אויך נישט געשוינט די יגור, האָט מען אָוועקגעפירט פונעם קיבוץ, און ערשט דערנאָך זיך גע־טרערן־באָמבעס, מען האָט די קליינטשינקע קינדער טעראָריזירט, זיך געוואָרפן אויף זיי מיט דער זעלבער ווילדער בעסטיאַלישקייט און הפקרות.

די עטלעכע הונדערט מענער און פרויען, די אַלע אַרבעטנדיקע אין קיבוץ, האָט מען אָוועקגעפירט פונעם קיבוץ, און ערשט דערנאָך זיך גע־נומען צו דער אַרבעט: מען האָט צעגראָבן דעם גאַנצן שטח פון דעם קיבוץ, מען האָט געבראָכן ווענט, צענומען בנינים און דורכגענישטערט אַלע פּריוואַטע הייזער. און דערביי האָט מען זיך כלל נישט גערעכנט מיט די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע געזעצן און זיטן. מען האָט די ערשטע צוויי טעג נישט צוגעלאָזט די קיבוץ־מיטגלידער, די פאַרבליבענע פרויען, צו מעלקן די הונדערטער קי, וואָס שטייען אין די שטאַלן. די געוואַלדן, דאָס רעווען פון די קי, זיינען געגאַנגען צום הימל. די קינדער אין די קאָלעקטיווע קינדער־הייזער האָבן פון שרעק געוויינט און געשריגן, אָבער די „אידעלע" מיליטער־לייט האָבן נישט דערלויבט די עלטערן צוצוקומען צו די קינדער־הייזער... מ'האָט אויך די קינדער־הייזער דורכגעשטאָכן, געבראָכן ווענט, געריסן די טרעפּ, אַנגעמאַכט פאַרוויסטונגען. די אַרעס־טירטע מענער און פרויען האָט מען אונטער דער שטרענגסטער וואַך אָפּגעפירט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עתלית (אַטליט), אויפן וועג צווישן חיפה און תל־אביב, וואו ענגלאַנד האָט אָרגאַניזירט אונטער תפיסה־געזעצן „היימען" פאַר טויזנטער יידן „אומלעגאַל"־געקומענע און פאַר די היגע בירגער... און נאָך אַ וואָך האַלטן זיי, אָן קיין שום באַ־

שולדיקונג און אָן קיין שום אויספאָרשונג, זיי געשיקט ווייטער קיין רפיח (רפיאַך), אַ נייער „קאָנצענטראַציע־קעמפּ״ פאַר ייִדן, אין ווייטן דרום, אויף די הייסע זאַמדן, וואָס ענגלאַנד לאָזט זיי נישט באַוואַסערן און באַזעצן, ווייל זי וויל לאָזן דאָס לאַנד אין אָן אַלץ־שטאַרקערער וויסטעניש און אָפּגעלאָזנקייט.

איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין יגור און אין באַגלייטונג פון חברים געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, פון הויז צו הויז און געהערט און געזען זאַכן, וואָס עס פּאַסט זיך פאַר היטלעריסטן. מען האָט מיט ווילדקייט אַלץ צעבראָכן און צעשטערט, מען האָט געריסן ביכער און קונסט־אַלבומען, געמאַכט פייערן און געברענט די טייערע קונסט־ביכער, וואָס ערלעכע און האָרעפּאַשנע קיבוצניקעס האָבן געקויפט. מען האָט געשטאָכן די בילדער אין די קינדער־הייזער, געבראָכן גלאָט־אַזוי ווענט, אָנגעמאַכט היזקות מיט אַ ספּעציעלן סאַדיזם, געגנבעט פון די פּריוואַטע הייזער פעדערס, זייגער־לעך, פאַרשיידענע זאַכן, אַפילו שטיקלעך זייף, ראַדיאָס, און אַזוי ווייטער.

מיר זיינען אַזוי אַרומגעגאַנגען און דער חבר, וואָס איז ערשט געקומען נאָך זעקס וואָכן זיצן אין רפיח, האָט אונדז איבערגעגעבן וואָס ער אַליין האָט געזען און איבערגעלעבט. עס איז געווען שווער צו הערן און עס איז געווען אַ ווייטיק צו פאַרנעמען וואָס דאָ, אין ארץ־ישראל, עטלעכע יאָר נאָך דער מעשה־וואַרשע, עטלעכע יאָר נאָך די פאַרשיידענע גרוילן אויף ייִדן אין די אַלע לענדער, וואו עס זיינען געווען די נאַציסטן, האָט זיך עס דאָ איבערגעחזרט אין אַ נייער, בריטישער פאָרם...

יאָ, מען מעג אויפשטעלן אַ „שוואַרץ־בוך״ וועגן די מעשים, וואָס די ענגלענדער האָבן אָפּגעטאָן אין איין טאָג — שבת, דעם 29טן יוני 1946. אַ „שוואַרץ־בוך״ אויפן פאָן פונעם „ווייסן פּאַפּיר״.

אָבער „זיי״ האָבן צעשטערט און גלייך, אין עטלעכע טעג אַרום, האָט מען עס אַלץ פאַרריכט. דאָס איז דאָס פריידיקע, דאָס מונטערנדיקע, וואָס מען זעט דאָ. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט נאָך „געאַרבעט״ אין הויף (און געאַרבעט האָט מען גאַנצע זיבן טעג), זיינען געקומען חברים פון אַלע זייטן און האָבן געהאָלפן, אַז דער קיבוץ זאָל נישט פאַרניכטעט ווערן. מ׳האָט געמאַכט אַן אָרדענונג אין די שטאַלן, באַרואיקט די קי, די הינער, די שאָף און די פערד, זיי אַריינגעבראַכט אין נאָרמאַלן צושטאַנד. עס זיינען געקומען חברים און פאַרריכט די ווענט, פאַרקלאַפּט די לעכער און נישט געלאָזט, אַז דער שענסטער און גרעסטער קיבוץ זאָל צעשטערט און פאַרניכטעט ווערן, — דאָס וואָס ענגלאַנד האָט געוואָלט מיט איר באַפאַלן די קיבוצים. הקיצור, אויך דאָ — חורבן און אויפבוי.

ווען מיר זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די בנינים, אויף טרעפּ, אין

צימערן, האָט אונדז אומעטום דער חבר אָנגעוויזן און מיט אַ באַזונדערער פרייד און פאַרגאַפונג געגערעדט וועגן דער שנעלער און איבערגעגעבענער הילף, וואָס טרייע חברים האָבן אַרויסגעוויזן דער קבוצה. מען האָט פאַרשמירט די חרפה, מען האָט פאַרהיילט די וואונדן, ווייל עס איז נישטאָ קיין צייט צו טרויערן, צו קלאָגן, ווייל יעדער טאָג רופט צו נייע טואונגען און צו נייע אויפגאַבן אין דעם קיבוץ.

איך האָב באַזוכט יגור דעם 11טן אויגוסט. דאַן זיינען ערשט געקומען צוריק די עטלעכע הונדערט אַרעסטירטע יגור־מענטשן פון רפיח (זיבעצן זיינען נאָך פאַרבליבן). אָבער דאָס לעבן גייט זיין גאַנג, עס איז נישטאָ קיין צייט צו מאַכן איבעררייסן, די קינדערלעך דאַרפן עסן, די קי דאַרפן געמאָלקן ווערן, די פעלדער דאַרפן באַאַרבעט ווערן און די גערטנער דאַרפן געפלעגט ווערן.

יגור, דער גרעסטער יידישער קיבוץ, לעבט ווידער זיין אָנגעשטרענגט און געשפּאַנט אַרבעטס־לעבן...

דעם 12טן אויגוסט 1946.

13

אין חיפה

די גרויסע בריטישע אימפעריע, די הערשערין איבער ימען און אָקעאַנען, די וועלט־מאַכט מיטן פלאָט, מיט די גראַנדיעזע קריגס־שיפן פון כלערליי מינים, מיט די מאָדערנסטע קריגס־ און פאַרניכטונגס־מכשירים, די גרויסע געניטע קעמפערין מיט אירע באַרימטע ים־אַדמיראַלן האָט איצט גאָר איר כוח, גאָר איר דערפאַרונג אין ים־שלאַכטן אויפגעזאַמלט אַהער, צו די ברעגן פון ארץ־ישראל, צו חיפה און אומגעגנט, צו פירן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן מיט דעם קליינעם יידישן קיבוץ, נישט צו לאָזן אַריינצוברענגען אַהער די שארית־הפליטה־יידן, די יידן פון די קעמפּס אין איראָפּע.

און דער קאַמף איז אַ פאַרביטערטער, אַן עקשנותדיקער, אַ פאַנאַטישער.

די קעמפנדיקע צדדים זיינען פון פאַרשיידענעם גרויס און פאַרנעם. אין רשות פון דער בריטישער מאַכט שטייט אַ גרויסער פלאָט, מיט אַלערליי קריגס־שיפן, מיט קריגס־עראָפּלאַנען, מיט אַ גראַנדיעזן האַפן, וואָס איז אויסגעבויט טאַקע אין חיפה, מיט כלערליי פאַרצוימונגען און קאָנטראָל־

פונקטן, וואָס נעמען אַרום ווי מיט צוואַנגען דעם ברעג אַרום דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. און פון דער צווייטער זייט — קליינע צעבראָכענע שיפלעך, אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט אומגליקלעכע, פאַרצווייפלטע מענער און פרויען, זקנים און קינדער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף הפקר און אויף מסירת־נפש צו זוכן רו און אָפּרו נאָך גרויזאַמע יאָרן פון היטלעריסטישע פייניקונגען און באַלד צוויי יאָר פון מוראדיקע איבער־לעבענישן אין די קעמפּס.

ווען מען פאָרט צו צום חיפה־האַפן מיט דער שיף פון אייראָפּע, זעט מען אָן דער זייט פון דעם גרויסן האַפן אַ שורה אַלטע, אָפּגעפּאַרענע, האַלב־צעשעדיקטע שיפן. דאָס איז דער „רויב", וואָס די ים־פּיראַטן האָבן פאַרכאַפּט מיט די יידישע פּאַסאַזשירן, — די אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע" אימיגראַנטן, אָדער ווי זיי הייסן דאָ — די „מעפּילים" (מאַאַפּילים). עס שטייען די אַלע שיפן ווי עדות, ווי געדענק־סימבאָלן פון דער הפקרות, פון דעם ווילקיר, וואָס ענגלאַנד ווענדט אָן צו די פאַרצווייפלטע יידן, וואָס רייסן זיך אַהער אין לאַנד דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן.

און דערביי ווענדן אָן די בריטישע הערשער אויסטערלישע מיטלען פון פאַרפאָלגונגען. עס קומען פאָר מאָדנע קוריאָזן. מען פּאַקט אַ שיף, וואָס גייט אינמיטן ים, און די וואַנדערער טענהן, אַז זיי פאָרן ערגעץ־וואו אין די ברייטע וואַסערן פונעם מיטללענדישן ים, מיט אַ ריכטונג ערגעץ־וואו. אָבער די בריטישע קריגס־שיפן צווינגען די מאַנשאַפט מיט די שווערסטע דראָאונגען צו פאַרקירעווען און גיין צום חיפה־האַפן, כדי צו קאָנען אַרעסטירן די שיף מיט די פאָרער. שטייט דעריבער דערנאָך אַ שווערע פראַגע, צי האָט די בריטישע מאַכט געהאַט דאָס רעכט צו רופן צום געריכט, צו משפטן די מאַנשאַפט, די פאָרער פאַר ברעכן אַ געזעץ — ווען יענע האָבן גאָרנישט געהאַט בדעה צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, קיין חיפה... און די ריכטער שטייען טאַקע אָפּט פאַר אַזאַ שווערער יורידישער פראַגע, צי האָבן זיי רעכט צו פאַראורטיילן פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס מען איז באַגאַנגען אונטער דער טויט־דראָאונג פון די בריטישע קריגס־שיפן...

בכלל, וואָס שייך אומגעזעצלעכקייטן און פאַרקריפּלונגען פון די סאַמע עלעמענטאַרסטע געזעצן, טרעפט מען זיך אָן דאָ אויף שריט און טריט. ווי אין די פראַגן פון אימיגראַציע, אַזוי אויך אויף די פאַרשיידענע אַנדערע געביטן גייען אָן די סאַמע העסלעכסטע און שווערע פאַרקריפּלונגען, כדי נישט צו דערלאָזן דאָס לאַנד זאָל וואַקסן, דאָס לאַנד זאָל קאָנען זיך אַנט־וויקלען, דאָס לאַנד זאָל קאָנען אויסברייטערן און פאַרמערן אירע אייגענע רייכטימער. די פּאַסקודנע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק ווערט דאָ געפירט מיט גאָר איר ווילדקייט און אומזין.

און זעט נאָר, וואָס זיי מאַכן פון דער שיינער, פּרעכטיקער, שנעל־וואַקסנדיקער שטאָט חיפה, וואָס יידן האָבן אין לויף פון אַ צוויי צענדליק יאָר פאַרוואַנדלט אין אַ וואונדערלעכער שטאָט, וואָס קאָן קאָנקורירן מיט די שענסטע שטעט אין דער וועלט.

איך האָב די שטאָט נישט געזען צען יאָר, זינט מיין לעצטן באַזוך אין 1936, און סאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד! איצט איז די מיטלסטע טייל שטאָט פון חיפה, דער הדר (האַדאַר) הכרמל, פאַרבויט מיט פּרעכטיקע מאָדערנע, שיין־אַרכיטעקטאָנישע הייזער, מיט גערטנער, פּאַרקלעך אַרום. און די אויבערשטע טייל פון דער שטאָט, דער הויכער און מאַיעסטעטישער כרמל־באַרג, וואָס איז דאַן געווען פוסט און וויסט און בלויז מיט אַ פּאָר האָטעלן, איז איצט אַ רייכע, רייצנדיקע שטאָט מיט גאַסן און געסלעך, מיט סינעמאָס (מואוויס), אויטאָבוסן ציען זיך כסדר אַרויף אויף די באַרג־שיפּועים און אויטאָבוסן לאָזן זיך אַראָפּ. פון אויבן, פון שפּיץ־באַרג — זעען זיך פּרעכטיקע בילדער. עס איז אויסגעשפּרייט דער מיטללענדישער ים, עס שטייט שטאָלץ די יידישע עלעקטרישע רוטענבערג־סטאַנציע, וואָס באַלייכט און באַוועגט אַ שטיק לאַנד. ווייטער, אין דער רעכטער זייט — זעען זיך אויסגעשפּרייט יידישע זידלונגען און קבוצות. און עס לויפן אויף די וועגן אויטאָס און לאַסט־אויטאָס, און עס ווימלט מיט מענטשן און עס רודערט מיט אויפטוען. און אין דער זעלביקער צייט, וואָס עס גייט אָן די אינטענסיווע בוי־אַרבעט, און וויסטע ערטער ווערן פאַרוואַנדלט אין מענטשלעכע ישובים, זיצט אַ מאַכט, האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם בויענדיקן ישוב, און מיט אַלע ברוטאַלסטע מיטלען, מיט אַלע מוראַדיקסטע פּירעכצן דערגייט זי די יאָרן, מאַכט אָן פאַרוויסטונגען, קעמפט אויף שריט און טריט און טוט אַלץ אויף צו־להכעיס, כדי צעשטערן, צעברעכן, צוליב אירע חשבונות פאַר וועלט־הערשאַפט, פאַר פאַרשקלאַפונג פונעם מזרח און פאַר די מיליטערישע באַזעס, וואָס זי שטעלט דאָ אויף.

עס ווילט זיך פרייען מיט די אַלע אויפטוען פון דעם ישוב, עס ווילט זיך הנאה האָבן פון דעם אַרום. און אויפדערנאַכט, ווען מען זיצט אַזוי אויפן כרמל־באַרג און מען קוקט אַראָפּ אויף דעם ים, אויף די וואַסערן, פאַרגעסט מען אויף אַ ווײַלע, וואָס דאָ אומעטום קריכט־אַרום אַ שעדיקער אין דער געשטאַלט פון דעם בריטישן מאַנדאַטאָר און צעשטערט דאָס פרידלעכע לעבן, ברענגט אַריין יגון ואנחה — פּיין און זיפצן, דעם כלל און דעם פּרט.

דאָס זיינען די געמישטע געפילן, וואָס מען טראָגט אַרויס אין לאַנד אומעטום, אין שטאָט און דאָרף, און דאָס נעמלעכע אויך אין חיפה.

אָט גייט מען אויף דער לעבעדיקער, מיט מענטשן ווימלענדיקער

הערצל־גאַס אין חיפה, אַט הויבט מען זיך אַרויף אויף די שלענגלענדיקע שמאָלע באַרג־וועגן איבער דעם כרמל־באַרג און אַט שפּאַצירט מען איבער די גאַרטן־גאַסן פונעם יידישן הדר־הכרמל און מען קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן פון דער יידישער עקספּאַנסיווקייט — פון קליינבירגער און אַר־בעטער, פון אַלט און יונג, פון בחור און מיידל, פון דערוואַקסענעם און קינד.

עפּעס אַ מין פריידיקער אימפּעט האָט דאָ באַהערשט אַלעמען. אַ מין פיבער פון בויען און שאַפן. און ביי דער שטענדיק־העלער שיין פון אַ צעשטראַלטער זון, און ביי אַן אינעווייניקסטן שוואונג און דראַנג — סיי פונעם כלל און סיי פונעם יחיד.

אין חיפה זיינען דאָ, אין שטאָט און אין דער געגנט, אַ פּאָר צענדליק טויזנט יידישע פאַבריק־אַרבעטער, פאַראַן פיל אינטענסיווע דאָרף־ווירט־שאַפטן, און אַזוי אַרום איז חיפה אַ מיטלפּונקט, אַ רוקן־ביין פון דעם יידישן אָרגאַניזם אין דער גאַנצער געגנט אַרום.

איך האָב פאַרבראַכט איצט עטלעכע טעג — זייער געשפּאַנטע און זייער אומרואיקע — אין חיפה, אין דער האַפן־שטאָט, וואָס איז דער ים־טויער קיין ארץ־ישראל. שוין אויפן ערשטן אויבנאויפיקן בליק דערקענט מען גלייך, אַז עפּעס טוט זיך דאָ, אַז עפּעס רודערט זיך דאָ. די גאַס אַרום דעם האַפן דערציילט שוין וועגן דעם, אַז עס איז קריגס־צייט, נאָך מער — אַ מין באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אויסערלעך גייט דאָ דאָס לעבן אַרום דעם האַפן דעם פולן גאַנג — אַ שטאַרקע באַוועגונג הין און צוריק, אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן איילן און לויפן מיט מענטשן און סחורה. קאַפייען אַרום דעם האַפן. אָבער איר דערקענט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ מערקווירדיקע אומ־רואיקייט, אַ צושטאַנד פון ערב אַ שטורעם, וואָס אַט אַט ברעכט ער אויס.

דאָס אויפפאַלנדיקע איז — די פּאָליציי־אַמטן פון דער מאַכט — שוין זיי אַליין ווייזן, אַז עס איז אַן אָנגעצויגענער צושטאַנד. אינמיטן שטאָט, אין אַ סאַמע רוישיקער גאַס, האָט איר דרייפאַכיקע דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס פאַרנעמען אַ מעטער און צוויי פון אויפגעוויקלטע קנוילן דראָטן, מיט אַ שטח אינצווישן. די דראָט־פאַרצוימונגען רינגלען אַרום דעם גאַנצן בנין פון דער „משטרה" (פּאָליס־קאָמיסאַריאַט), מיט אַ שמאָלן אַריינגאַנג, וואָס ווערט שטאַרק און שטרענג באַוואַכט מיט מאַשין־ביקסן. און איז עס נאָך ווייניק — האָט איר פּונקט אַנטקעגן דעם פּאָליציי־בנין אַ מין טורעם מיט אַ שטענדיקער באַוואָפנטער מאַכט, מיט אָנגעשטעלטע מאַשין־ביקסן. אָט אַזוי „רואיק" און „אידיליש" פילט זיך דאָך די אָקופּאַציע־מאַכט. חוץ דעם קריכן און פויזען אַרום הין און צוריק טאַנקען, עס רוישן און עס איילן ווי מלאכי־חבלה מאָטאָרציקלען, מיט זעלנער, באַוואָפנט ביז די ציין, מיט שטאָלענע היטלען, און עס פאָרן כסדר זעלנער אין גרויסע „טראָקס",

אַפּענע און פאַרמאַכטע, מיט פינצטערע כוונות און שליחותן.

דאָס אַלץ זיינען די פאַרשיידענע באַוואָרעניש־מיטלען, וואָס די מאַכט נעמט אָן, עס זאָל, חלילה, נישט פּאַרקומען ערגעץ־וואו אַ פּרואוו אויף דורכצושלאָגן די שווערע ים־בלאָקאַדע, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט אַרום די ארץ־ישראל ברעגן.

און ווי אין חיפה אַזוי אויך אויפן גאַנצן וועג, אויף די אַלע וועגן וואָס שלענגלען זיך איבער ארץ־ישראל. אומעטום זיינען אויפגעבויט גרויסע, שטאַרקע פּאַליס־ און מיליטער־פעסטונגען, אויף די סאַמע מיטן וועגן, אויף די זייטן, אויפן ברעג ים, וואָס זיינען, ווי די פּאָליצײ־בנינים און קעמפּס אין חיפה, אויך אַרומגערינגלט מיט גרויסע פאַרקאַנען, מיט געדיכטע און הויכע דראָט־פאַרצוימונגען, און מיט אויפשריפטן — „דענדזשער" — סכנה, — ווייל די ערד צווישן די דראָט־פאַרצוימונגען איז געמינעוועט.

צו די אַלע באַוואָרעניש־מיטלען, צו די אַלע דראָט־פאַרצוימונגען, צו די אַלע טאַנקען, מאָטאָרציקלען, צו די אַלע מאַשין־ביקסן, וואָס קוקן אַראָפּ מיט דראָאונג פון יעדן אויטאָמאָביל און טראַק — קומט די שטענדיקע „קוירפיו" („עוצר" — אַצאַר), וואָס הערשט דאָ כסדר. עס איז דאָ איצט זינט פיל וואָכן און חדשים אַ „קוירפיו", וואָס פאַרבאָט צו פאָרן מיט אַן אויטאָ, מיט אַ מאָטאָרציקל פון אַזייגער 7 פאַרנאַכט ביז 5 אינדערפרי איבער די וועגן פון לאַנד, און פון איין פונקט צום צווייטן, פון רמת־גן, למשל, ביז תל־אביב (ווי בראָנקס און ניו־יאָרק), פון קרית־חיים ביז חיפה, וואָס איז ווי פון ברוקלין קיין ניו־יאָרק. דאָס אַליין פּאַראַליזירט דאָס לעבן, טויט אָפּ די אינדוסטריע, צעשטערט דאָס נאָרמאַלע הין־און־צוריק פאָרן, גיט ניט די מעגלעכקייט אַן אַרבעטער צו פאָרן צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט.

קאָן מען פון ירושלים נישט אַרויספאָרן נאָך 5 קיין תל־אביב, און אַזוי אויך פאַרקערט. און דאָס נעמלעכע פון חיפה קיין תל־אביב און צוריק. ווער רעדט פון ווייטערע שטרעקעס ?

דאָס איז שוין — משטיינס געזאָגט — דאָס נאָרמאַלע לעבן, מיט אַ ווילדער פאַראָרדענונג, וואָס שניידט איבער אַלע פעדעמער און אָדערן פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

און צו אָט די „נאָרמאַלע" שטענדיקע „קוירפיוס" קומען צו ספּעציעלע פאַרבאָטן, „קוירפיוס", וואָס ווערן באַשטימט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אַלע דינסטיק און מיטוואָך, אָן אַ פריערדיקן אָנזאָג. ווייסט מען נישט איצט, וואָס עס וועט זיין מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער. מען איז נישט זיכער, אַז אָט־באַלד וועט מען אויסרופן אַ צוגאָב־„קוירפיו".

איך בין געווען אין אַ קבוצה — אַ קנאַפּע שעה פאָרן פון חיפה. איך

האָב געזאָלט דינסטיק אינדערפרי אַרויספאָרן קיין חיפה, זיך באַשטעלט אין שטאָט מיט פאַרשיידענע מענטשן. אָבער אויפגעשטאַנען גאַנץ־פרי, אַרויס צום אָרט, וואו עס גייט אָפּ דער אויטאָבוס, — און גאָרנישט! וואָס איז געשען? — אַ „קוירפיו״! פאַרוואָס עפּעס? — ווייל די קעמפנדיקע מאַכט האָט בדעה אַריבערפּעקלען געקומענע יידן פון די שיפן, ריכטיקער פון די שיפלעך — אויף גרויסע קריגס־שיפן, צו שלעפּן די אומגליקלעכע יידן קיין ציפּערן, האָט מען דעריבער באַשטימט אַ שווערע „קוירפיו״ אויף חיפה, אויף די אַרומיקע וועגן און שאָסייען, וואָס פירן קיין חיפה. זיינען דאָ אומעטום גרייטע פּראָדוקטן — מילך, פּוטער, פּרוכטן, עופות, פליישׁ, וואָס דאַרף גלייך געשיקט ווערן קיין חיפה און אַרום חיפה — בלייבט עס ליגן אין די מוראדיקע היצן. און אַזוי אויך מיט די אַלע טויזנטער אַרבעטער, וואָס וואוינען אין דער סביבה פון חיפה — איז פאַרשלאָסן פאַר זיי דער וועג צו דער שטאָט, צו די פאַרשיידענע פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין דער שטאָט און איר אומגעגנט.

אָבער דאָס אַלץ איז בלויז אַ צושפּיל, אַ „פרייער צוגאָב״ צו דער גרויסער „שפּיל״, צו דעם שווערן געראַנגל, וואָס פירט זיך אויף די שיפן אין און אַרום דעם האָפן אין חיפה. דאָרט קומט פאָר די הויפּט־טראַגעדיע. דאָרטן קעמפט דאָס בריטישע מיליטער מיט די אומבאַהאָלפענע, קראַנקע, אויסגעמאַטערטע, הויל־נאַקעטע פאַרבליבענע יידן, וואָס נאָך גרויסע שוועריקייטן און נאָך פיל געפאַרן האָבן זיי זיך קוים דערשלאָגן אין דער נאָענטקייט פון ארץ־ישראל. דאָרטן, אויף די שיפן, קומט פאָר דער געראַנגל אויף טויט און לעבן — קראַנקע, אויסגעשעפּטע, קליינע קינדער, טראָגנדיקע פרויען, זקנים און זקנות ווערן דורך די באַוואָפנטע סאָלדאַטן געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שיפן, אָבער נישט צו קומען „אל המנוחה ואל הנחלה״, נאָר זיי ווערן געצוואונגען צו פאָרן ערגעץ אין קעמפּס, וואָס די בריטישע מאַכט האָט פאַר זיי צוגעגרייט אין ציפּערן, אויף אַן אינדזל, הינטער דראָט־פאַרצוימונגען און אונטער דער שטרענגער מיליטער־מאַכט צו באַקעמפן און צו דערדריקן, מיט פייער און פויסט, אַלדי אומ־צופרידענע און אומגליקלעכע.

די אָפיציעלע ידיעה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער ראַדיאָ, אַז מען גייט אַוועקשיקן די אַלע „עולים״ (אימיגראַנטן) פון די חיפה־ברעגן, האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און צאָרן ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, און בעיקר — אין חיפה. אָבער די „וויטזעוודיקע״ מאַכט האָט באַצייטנס באַשטימט אין אַ נאָווינע אַ „קוירפיו״ אין חיפה און דער אומגעגנט, כדי זי זאָל קאָנען אָפּטאָן דאָס טריפהנע שטיקל אַרבעט נישט געשטערט. איז מיטאַמאָל איבערגעריסן

געוואָרן דאָס, משטיינס געזאָגט, „נאָרמאַלע" לעבן. פאַרשלאָסן אין די הייזער, האָט מען געקריצט מיט די ציין, געביילט די פויסטן. אָבער דאָס געוויסן און די אחריות, די מיטלייד פאַר די אומגליקלעכע יידן אין די שיפן האָט נישט געלאָזט רוען. מען איז אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט צום האַפן, כדי אויסצודריקן מיטגעפיל און מיטלייד צו די יידן, וואָס ווערן מיט גוואַלד אָפּגעשיקט פון די ארץ־ישראל־ברעגן. און די וואַכע מאַכט האָט נישט פאַרזוימט און פון די דערבייאיקע מיליטערישע קעמפּס, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס לאַנד ווי מיט צוואַנגען, האָבן זיך געלאָזן קיין חיפה טאַנקען מיט טראָקס מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. מען האָט פאַרצוימט די וועגן, וואָס פירן צום האַפן. ביי איינער אַ באַגעגעניש פון דעם מיליטער מיט אַ גרופּע יונגעלייט, האָט מען אָן אַ ספּעציעלער וואָרנונג געשאָסן אין דער גרופּע יידן. ווי באַקאַנט פון די טעלעגראַפישע מיטטיילונגען, זיינען אויפן אָרט געשאָסן געוואָרן דריי יונגעלייט — איין מיידל מיט צוויי יידישע בחורים פון חיפה.

אָט די ברוטאַלע האַנדלונג מצד דער מאַכט קעגן אומבאַוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן האָט אַרויסגערופן אַ נייעם צאָרן און פאַרביטערונג אין דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד און באַזונדערס — אין חיפה. אויף אַלע גאַסן זיינען פאַנאַנדערגעהאַנגען געוואָרן פּלאַקאַטן — די נעמען פון די דריי קרבנות אין שוואַרצע ראַמען. אַלע זיינען גערופן געוואָרן צו דער פאָלקס־לוויה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן מיטוואָך, דעם 14טן אויגוסט, אין חיפה.

איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דעם טרויער־צוג נאָך די דריי יונגע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן פון די ברוטאַלע בריטישע מיליטער־לייט. עס איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער עולם יידן, יונג און אַלט, מענער און פרויען, פרומע און וועלטלעכע יידן. מען איז געגאַנגען שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, געפילט דעם צער און צאָרן פאַר די אומזיניק־פאַרשניטענע לעבנס. אַלע געשעפטן אין חיפה זיינען געווען צוגעשלאָסן פון אַזייגער צוויי ביז פאַרנאַכט. די באַוועגונג פון די אויטאָבוסן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין די פענצטער, אויף די דעכער פון דער צענטראַלער הערצל־גאַס אין חיפה, זיינען געווען פול מיט מענטשן. אַ טיפער טרויער האָט גערוט אויף אַלע פנימער, און די ערנסטקייט פונעם היסטאָרישן מאָמענט איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אַלעמען. האָט זיך אַזוי געצויגן דער לאַנגער טרויער־צוג נאָך די דריי יונג־פאַרשניטענע קרבנות, און אַלע באַגלייטער האָבן געטראָגן אין זיך דעם צאָרן קעגן דעם שונא, וואָס פאַראומערט דאָס לעבן, ברענגט אום יונגע מענטשן און צעשטערט די רו...

און אין דער זעלבער צייט, וואָס די חיפהער טויזנטער יידן האָבן

באַגלייט די חיפהער יונגע קדושים צו זייער אייביקער רו. האָבן די בריטישע חיילות פאַרגעזעצט זייער „הייליקן" קאַמף מיט די דערדריקטע, דערשלאָגענע יידן אויף די שיפן... און מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט די מלוכהשע אָפיציעלע ראַדיאָ געמאָלדן (די איינציקע ראַדיאָ, אויסער „קול־ישראל", וואָס מען הערט זעלטן !), אַז די אַרבעט פון אַריבערפירן די „אומלעגאַלע" עולים איז אַדורך „בהצלחה מרובה" — דאָס מיינט מיט גרויס דערפאָלג... הכלל, די בריטישע אָפיציעלע „קריגס־ידיעות" זיינען פול מיט גרויסע זיגן, מיט דערפאָלגרייכע אָנגריפן אויפן היגן פראָנט.

און אָפּגעפּטרט מיט איין שיף, רוקט זיך דערווייל אונטער אַ צווייטע שיף מיט אימיגראַנטן. די בראַווע בריטישע מאַכט איז פאַרהאַוועט, פאַר־טאָן. איין קליינקייט — צענער טויזנטער געפּאַנצערטע, באַוואָפנטע, מעכאַניזירטע ענגלישע טרופּן זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבערן לאַנד, איבער די ברעגן. אַרבעט פעלט איר נישט: די זוכונגען, פּאָגראָמען, די אָנפאַלן, די רעוויזיעס, די באַלאַגערונגס־צושטאַנדן הערן גאָר־נישט אויף. און אַלץ — אין קאַמף, אין גערוּנגל, אין באַקעמפן דעם יידישן ישוב מיט די אויסטערלישסטע און ביטערסטע געגג און מיטלען, און מיט דעם ווילן און צוועק צו צעברעכן זיין מוט, זיין קאַמפּס־לוסטיקייט. און אַזוי גייט עס דאָ כסדר. מען לאָזט גאָרנישט אָפּאָטעמען.

און דערווייל ווערן „אומלעגאַלע" יידישע עולים אָפּגעשיקט מיט די גרעסטע קריגס־שיפן, און אַנדערע קומען דערווייל אָן. און אונטער דער נאָז פון דער גרויסער אימפּעריע־מאַכט האָט זיך פרייטיק־צונאַכטס אַריינ־געדוקט אַ שיף מיט יידן אַרום תל־אביב, און אויף צעפּוקעניש די ענג־לענדער האָט מען באַוויזן אַראָפּכאַפּן די געקומענע און זיי פאַרטיילן איבערן לאַנד. און עס איז געווען אַ טרייסט, אַ נחמה, וואָס דאָך איז געלונגען דורכ־צוברעכן די בריטישע בלאָקאַדע.

חיפה, דעם 17טן אויגוסט 1946.

14

אין ירושלים

איך בין שוין עטלעכע טעג אין ירושלים — די שטאָט, וואָס איז פאַר־בונדן מיט אַזוי פיל גרויסע געשיכטלעכע איבערוואַנדלונגען און באַגריפן, זכרונות און טראַכטונגען.

ווידער טרעט איך איבער די גאַסן פון ירושלים און איך באַזוך די

אינסטיטוציעס, וואָס קאָנצענטרירן אין זיך דעם ווילן, דעם דראַנג, דעם קאַמף פאַר אַ נייעם לעבן אין ארץ־ישראל. איך קען די שטאָט און די גאַסן פון צוריק מיט צען יאָר, איך האָב דאַן פאַרבראַכט עטלעכע מאָל און באַמיט זיך אַלץ צו זען און אַלץ אויפצונעמען. דאָס איז געווען אין 1936. אויך אַ צייט אַן אומרואיקע — מיט אָנפאַלן און מיט קרבנות, מיט שריפות און פאַרוויסטונגען, מיט קידוש־השם און מיט מסירת־נפש, וואָס דער יונגער וואַקסנדיקער ישוב האָט דאַן אַרויסבאַוויזן אין דעם בירגער־קריג, וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט האָט אַרויסגערופן און אַרויפגעהעצט. אָבער אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע פּאַסירונגען, אין פאַרגלייך מיט דעם אַלעם, וואָס עס טוט זיך איצט אין לאַנד אומעטום און באַזונדערס אין ירושלים, — זיינען אַמאָליקע געשעענישן נישט מער ווי אַ קינדער־שפּיל, נישט מער ווי עפּעס אַ שוואַכע רעפּעטיציע פון אַ גרויסער ריזיקער „פאָרשטעלונג". די עטלעכע יאָר פון די גרויזאַמע, גרויליקע נאַצישע און היטלעריסטישע קריגס־מעטאָדן זיינען נישט אַוועקגעגאַנגען לאיבוד, די בריטישע מאַכט האָט פיל געלערנט און אָפּגעלערנט פון דעם מוראדיקן קריג, און די דער־פאַרונגען נוצט מען איצט אויס מיט דער ברייטער האַנט און מיט אַלע די געניטקייטן און סטראַטעגיע, מיט אַלע פאָרמען פון בעסטיאַלישקייטן לגבי דער פרידלעכער באַפעלקערונג און לגבי פרויען און קינדער, וואָס זיינען גאָט די נשמה שולדיק, און מיט גאָר דער הפקרות און רעכט־לאָזיקייט, וואָס די נאַצישע בעסטיעס האָבן זיך באַנוצט אין די אָקופּירטע געגנטן.

אויף איינער פון די פיינסטע גאַסן, אויף אַ בערגלדיקער געגנט פון דעם נייעם ירושלים געפינט זיך דאָס פּרעכטיקע הויז פון דער „סוכנות" (סאָכנוט — יידישע אַגענטור). דאָרטן אין אָט דער שיינער געביידע זיינען דאָ נאָך און נאָך צענטראַלע אינסטיטוציעס — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציע, דער קרן־קימת, דער קרן־היסוד און די אַלע אַנדערע קרובהשע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

איך בין אויפגענומען געוואָרן דורך די אָנפירער פון די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און געהאַט די מעגלעכקייט זיך אַדורכשמועסן פריינטלעך און היימיש. אומעטום טרעפט מען אייגענע מענטשן, פריינט און חברים, וואָס מען האָט זיך מיט זיי געטראָפן אין פאַרשיידענע צייטן אין פּוילן, אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע. און ווי די וועגן און די טעטיקייטן זיינען נישט געווען און נישט פאַרבליבן אָפּט באַזונדערע, אַנדערשדיקע, אָבער דער קאַמף און דער געראַנגל, וואָס די יידישע מאַסן פירן איצט מיט אַזאַ פאַר־ביטערטקייט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט — דאָס אַלץ שאַפט

אַן ענגע פֿאַרבינדונג, אַ קרובהשאַפֿט אויך צווישן „פֿרעמדערע".

מיט אייניקע אַנפֿירנדיקע איצט טוער אין דער „סוכנות" און אין אַנדערע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין ירושלים פֿאַרבינדן יאָרן פֿון גוט־פֿריינטשאַפֿט אין וואַרשע, און עס איז דאָ דאָס מערקווירדיקע געפֿיל פֿון באַזונדערער פֿרייד צו טרעפֿן זיך לעבעדיקע, אַקטיווע, ווען אַנדערע פֿריינט, חברים זיינען פֿאַרפֿייניקט געוואָרן און קיינער ווייסט אַפֿילו נישט זייער קבר... האָט ביי דער ערשטער פֿלוצלונגדיקער באַגעגעניש מיט אַזעלכע פֿריינט דער אָטעם פֿאַרכאַפּט, נישט צו קאָנען אַרויסברענגען אַ וואָרט, און יעדער פֿון אונדז האָט געווישט אַ טרער...

זיצט מען אַזוי ביים טיש פֿון דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער „סוכנות", חבר אייזנבערג, און מען ווייסט אַליין נישט, ווי מען זאָל קאָנען אין לויף פֿון אַ שעה אַלץ הערן, אַלץ דערציילן פֿון זיך און פֿון אייגענע מענטשן. זעט מען דאָ דעם אַמאָליקן אַפּאָלינאַרי האַרטגליאַס, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע אין פּוילן. טרעפֿט מען זיך מיט ב. שאַפּאַר, דעם אָנפֿירער פֿונעם פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע. טרעפֿט מען נאָך און נאָך פֿריינט, וואָס האָבן פֿאַרנומען וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפֿט־לעכע פּאָזיציעס אין דעם אַמאָל גרויסן יידישן קיבוץ אין פּוילן. און די שמועסן גייען אַזוי הין און צוריק — אַמאָל און איצט, און עס איז אויך מאָדנע, וואָס איך פֿיגוריר איצט פֿאַר די אַלטע גוטע פֿריינט ווי אַן אַמערי־קאַנער ייד און איך רעפּרעזענטיר יידישע אינסטיטוציעס און אויסגאַבעס פֿון דער יידישער אַמעריקע.

איז נאָך די ערשטע אַלגעמיינע און צאַפּלדיקע און איבערראַשטע שמועסן הויבט מען אָן צוביסלעך איבערגיין צו דעם, וואָס עס טוט זיך איצט אין ארץ־ישראל, און ווי דאָס אַלץ רופֿט זיך אָפּ אויפֿן גאַנג פֿון דעם לעבן און אויף דעם גאַנג פֿון דער באַוועגונג. הערט מען אויס גאַנץ־אויספֿירלעכע שילדערונגען און באַשרייבונגען, לעבעדיקע גביות־עדות פֿון מענטשן, וואָס האָבן דאָ אין דער „סוכנות"־געביידע אויפֿגענומען די אַלע מעשיות, פּאַסירונגען, די אַלע אומגעזעצלעכע און הפקרדיקע טועכצן, וואָס די בריטישע מאַכט האָט דאָ אין דעם בנין פֿון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ געטאָן און אָפּגעטאָן מיט עטלעכע וואָכן צוריק. עס דערציילן די אָנגעזעענע פֿירער די אַלע מעשים־תעתועים, וואָס מען איז דאָ באַגאַנגען, און עס קריצן ציין, עסביילן זיך פֿויסטן...

מען פֿירט מיך אַריין אין דעם גרויסן, שיינעם זיצונגס־צימער, — אַ לאַנגער טיש, מיט פֿיינע שטולן אַרום. דער צימער איז פּוסט, די בענקלעך ליידיק. מען זעט לעבער פֿון קוילן אין די פֿיינע הילצערנע ווענט. דאָס האָט דאָס בריטישע מיליטער געשאָסן אין די ווענט, פֿון וואוילטאָג וועגן

(אין פוילן פלעגט מען זאָגן — פון „שוואוילטאָג״!), אָדער געוואָלט אויס־פּרובירן, צי עס איז דאָרטן צווישן די ווענט נישטאָ קיין געווער. מיט אַ צוויי חדשים צוריק זיינען קיין פירפיסיקע כלבים, וואָס היטלער האָט אויפ־געכאָוועט, נאָך נישט געווען דאָ אין לאַנד, האָבן די בריטישע מיליטער־לייט אַליין אויסגעפילט די אַרבעט פון די הינט... אויך די טירן, די פיינע ברייטע טירן, זיינען צעשעדיקט. עס זיינען אויפגעבראָכן די שלעסער, אויפגעבראָכן די זאַוויעסעס. אַזוי האָט דאָס מיליטער פון זיין בריטישער „מאַיעסטעט״ באַלעבאָטעוועט אין דעם אַקטן־זאַל פון דער יידישער פאַר־שטייערשאַפט, פון דער כמו־מלוכה.

מיר שפּאַצירן דערנאָך איבער די צימערן פון די אַנגעזעענע סוכנות־פירער — זיי זיינען ליידיק. דער פירער איז אין לאַטרון — אַ קאָנצענטראַ־ציע־קעמפּ נישט ווייט פון ירושלים, זינט 8־9 וואָכן. אַ צווייטער צימער איז ליידיק — צוליב דעם זעלבן טעם, און אַזוי אַ דריטער צימער. אייניקע פירער מוזן זיין, כדי צו קאָנען פירן די אַרבעט, אויסער דעם בנין... אַנדערע פירער זיינען נאָך נישט געקומען פון פאַריז, וואוהין זיי זיינען געפאָרן כדי צו באַראַטן זיך אינדערפרעמד וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג און קאַמף פונעם היגן לעבן, ווייל דאָ איז די לאַגע אַזאַ גרויליקע, און מ׳איז נישט זיכער מיט קיינעם.

אין לויף פון די עטלעכע שעה, וואָס מען פאַרברענגט אין די צימערן פון די פאַרשיידענע פירער, דירעקטאָרן און סעקרעטאָרן, קומען אָן דרינגענדיקע ידיעות פונעם „שלאַכטפעלד״ — ידיעות דראָענדיקע און גרויליקע, ווי אין די סאַמע שווערסטע און געשפּאַנטסטע צייטן פון קריג און בירגער־קריג. עס ציען זיך פעדעם פונעם לאַנד אַהער, צו דער „סוכנות״. אָט קומען אָן באַאומרואיקנדיקע ידיעות וועגן נייע מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציעס אויף די פיל־אויסגעפּרואווטע יידישע קבוצות אין נגב (נעגעוו — דרום) רוחמה און דורות. עס איז נאָך נישט געקומען צו זיך דאָס יידישע ארץ־ישראל נאָך דער הפקרדיקער און ברוטאַלער אונטער־זוכונג פון דעם ים־קיבוץ שדות־ים, וואָס דאָס בריטישע מיליטער האָט אין משך פון עטלעכע טעג צעטרייבערט און צעשעדיקט, און ווידער — אַ נייער אומזיניקער אַנגריף, מיט גאַנץ־באַשטימטע כוונות צו טעראָריזירן דעם יידישן ישוב, שפּילן מיט אים דעם נערוון־שפּיל, וואָס די בריטישע לייט זיינען אַזעלכע בריות זינט אַלע מאָל און אַוודאי איצט.

זיינען די שמועסן מיט די פירער פון דער „סוכנות״, מיט דעם פירער פון „ועד הצלה״ און מיט די אַלע אַנדערע — אומרואיקע, נערוועזע, גע־מישט פון מוטיקע טענער פון עקשנותדיקן ווילן און גלייכצייטיק — פון פּיין, פון האַס, פון פאַרדראָס.

און ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם אַלעמען, ווי אַ דערגאַנצונג צו דער געשפּאַנטקייט, וואָס מען האָט געפילט אין דעם אַגענטור־בנין, איז די לאַגע, איז די שטימונג אויף די ירושלימער גאַסן. מער ווי אין אַ וועלכער עס איז אַנדער שטאָט אין ארץ־ישראל פילט מען דאָ אויף שריט און טריט דעם קריגס־צושטאַנד, נאָך מער — דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד. וואו איר שטייט און גייט שטויסט איר זיך אָן אויף באַוואָפנטע זעלנער, און נישט סתם אַזוי באַוואָפנט — נאָר מיט ביקסן און מאַשין־ביקסן. און די זעלנער גייען נישט איינע אַליין, נאָר גרופּעסווייז און מיט גאָר דער גרייטקייט צו עפענען פייער.

אויף די טיילן שטאָט אין דער נידער, אויף דער הויפּט־גאַס יפו, דאָרטן וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט־פּאָסט־געביידע און אַרום אָט דער גאַס, וואָס איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער שטאָט, שטויסט איר זיך אָן כסדר אויף טאַנקען און טראַקס, וואָס זיינען באַלאָדן מיט באַוואָפנטע זעלנער, באַלאָדן אויף גלייך צו שיסן. פיל גרויסע הייזער, פיל־שטאָקיקע, זיינען אַרומגעצוימט און אַרומגענומען מיט עטלעכע רייען דראָט־פאַר־צוימונגען, אויפגעקייקלט און אויסגעצויגן. אויף די פענצטער און אויף די באַלקאָנען ליגן זעקלעך זאַמד און פון צווישן זיי סטאַרטשען אַרויס זעל־נערישע היטלען מיט ביקסן און מאַשין־ביקסן. טוט איר אַ הויב די אויגן — ווערט איר אויפגעציטערט פון דעם אַלעם, וואָס איר זעט. מען האָט פאַרוואַנדלט הייזער און גאַסן אין פעסטונגען, אין טראַנשייען און אין פאַדערשטע פּאָזיציעס, וואָס ווערן באַוואַכט און באַשיצט דורך מיליטער פון פאַרשיידענעם ראַנג און קאַליבער. און עס איז נאָך ווייניק, האָלט מען אין איין קאָנפיסקירן גאַנצע געביידעס פון דעם לעבעדיקסטן טייל פון דער שטאָט ירושלים, מען טרייבט אַרויס די איינוואוינער, די געשעפטן, די בענק און קאָנטאָרן — פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ יידישע — און מען בויט איבער די הייזער און קלייטן אין פעסטונגס־ווענט.

איך האָב שפּאַצירט אַזוי איבער אָט די גאַסן, און געזען ווי עס שטייען מוליערס אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון באַוואָפנטע זעלנער, און דאָרטן וואו עס זיינען געווען טירן און שויפענצטער פון יידישע געשעפטן, פאַרלייגט מען ציגל און מען פאַרצעמענטירט זיי. און פון די נאָך נישט פאַרהאָקטע און פאַרציגלטע טיילן פון די טירן און שויפענצטער קוקן אַרויס, קוקן אַראָפּ יידישע אותיות, די נעמען פון די געשעפטן און די נעמען פון די געוועזענע באַלעבאַטים — און פרעגן שטומע פראַגן, זיי פאַר־שטייען נישט וואָס עס איז געשען — פאַרוואָס מען פאַרשמירט זיי, פאַרוואָס מען פאַרמויערט זיי, פאַרוואָס מען פאַרוואַנדלט זיי אין תפיסה־ווענט.

די שטומע אותיות פרעגן און ווייסן נישט וואָס עס געשעט. אָבער עס

איז זייער פֿאַרשטענדלעך, — די בריטישע מאַכט גייט אָן דאָ אינעם לאַנד אויף פֿאַרשיידענע אַוואַנטוריסטישע פֿאַרמעסטן און מעשׂים. מען קריכט אַרויס פֿון דער הויט אויפֿצורודערן דאָס לאַנד, אויפֿצורייצן און אויפֿהעצן די באַפֿעלקערונג, — הייַנט איין טייל און מאָרגן אַ צווייטן טייל. און ביז וואַנעט מען וועט העצן און רייצן, אויפֿהעצן און אויפֿרייצן איין פֿאָלק אויפֿן צווייטן, פּרוּווט מען מיט אַלע מיטלען העצן און רייצן איין טייל יידישע באַפֿעלקערונג אויף דער צווייטער. און אַז עס געלינגט נישט — קומט מען מיט אַנדערע כלערליי „עקספּערימענטן" און טועכצן. אַזוי ווי מען דאַרף אָנוואַרפֿן אַ שרעק אויף די אַקטיווע יידישע פּאַרטייען, ריכטונגען, כאַפּט מען אַרויס די פֿירער, און מען האַלט זיי פֿאַרשפּאַרט זינט חדשים אָן אַ שום געריכט, און אַזוי ווי מען האָט אָן אויג, אַז מען וועט מאַכן אַ חלוקה אין לאַנד, דאַרף מען באַצייטנס אַרויסשטויסן יידן פֿון אַזעלכע טיילן, וואו זיי לעבן און אַרבעטן. און אַז ווי באַלד חלוקה — וועט מען דאַך טיילן אויף דרייען, ווייל ענגלאַנד דעם פֿעטסטן חלק אין לאַנד פֿאַר זיך, — איילט מען זיך צו פֿאַרכאַפּן פּאָזיציעס, צו צעלייגן זיך דאָרטן, זיך איינקלאַמערן, כדי איינצוהאַלטן פֿאַר זיך די טיילן לאַנד, די וויכטיקסטע נערוון, דעם חוט־השדרה, כדי צו זיין אַלעמאַל און כסדר דער באַלעבאַס, דער הערשער.

דאָס איז די פּאָליטיק פֿון ענגלאַנד איצט, און דאָס איז די אויפֿגאַבע, וואָס מען האָט זיך געשטעלט: אַריינרוקן אַ פֿוס אין יעדן טייל לאַנד, זיין אומעטום, פֿאַרכאַפּן ערטער, און טאָקע דערנאָך קאָנען געוועלטיקן לויט דעם באַרימטן רעצעפּט: צעטייל און הערש!

וואו מען קערט זיך און מען ווענדט זיך איבער דער לענג און ברייט פֿונעם לאַנד טרעפֿט מען זיך אָן אויף קעמפּס, מיליטערישע געביידעס און ביידלעך, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, מיט ספּעציעל־געבויטע וואַך־טורעמס, מיט ווייט־פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע שטחים פֿון מיליטערישע לאַ־גערן, מיט גרויסע מחנות מיליטער און הונדערטער און טויזנטער מאַשינעס, טראַקס, טאַנקען און די אַלערליי מאָדערנע כלי־משחיתים. איר פֿאָרט איבער די פֿאַרשיידענע טיילן אין ארץ־ישׂראל און איר פֿילט, ווי דאָס לאַנד איז אַרומגענומען מיט צוואַנגען, וואָס ווערן אַלץ ענגער און ענגער. אויף דער נאַכט, וואו איר זאָלט נישט זיין, האַלטן אין איין אַרומ־קריכן די שאַרפֿע ליכט־שטראַלן פֿון די פּראָזשעקטאָרן. עס שלאָפֿט נישט און עס דרימלט נישט דאָס בריטישע מיליטער, וואָס האָט זיך פֿאַרזעצט אויף ארץ־ישׂראל. אָבער באַזונדערס פֿילט מען עס אין ירושלים. אַזוי ווי עס איז דאָ דער פּלאַן צו צעטיילן אויך ירושלים — איילט־צו דאָס בריטישע מיליטער צו פֿאַרכאַפּן פֿאַר זיך פּאָזיציעס אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט, און אין די וויכטיקסטע גאַסן און אין די בעסטע הייזער. איז געוועזן די

געביידע פון דעם אַנגלאָ־פּאַלעסטינער באַנק — אַ פּרעכטיקע 8־שטאָקיקע געביידע — האָט מען געהייסן גלייך עס אָפּרוימען. און עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות, קיין קלאָגענישן — מען האָט זי פאַרנומען איינס און צוויי. עס איז נישטאָ קיין שום געזעצן און אָפּמאַכן, מען הייסט און מען מוז פאָלגן. — מען גרענעצט אָפּ אינמיטן דערינען גאַנצע גאַסן און קיינער טאָר נישט אַריין, און פּאַרטיק. אַלץ צוליב מיליטער־צוועקן! און לית דין ולית דיין! און כדי צו האַלטן דעם עולם אין כסדרדיקן שרעק, אין שטענדיקער פּאַניק, האַלט מען אין ירושלים אין איין מאַכן אונטער־זוכונגען און אַרעסטן. מען האַלט אין איין טעראָריזירן די שטאָט מיט די פאַרשיידנסטע אַנגראָ־ און איינצל־מיטלען און מעטאָדן, מיט באַשטימען אַלע פּאָר טעג באַלאַגערונגס־צושטאַנד אויף די פאַרשיידענע גאַסן, געגנטן און טיילן שטאָט, און אויך מיט טעראָריזירן גלאַט דורכגייער אין גאַס, אין די סאַמע באַלעבטסטע גאַסן, דורך ניכטערע און האַלב־שיכורע זעלנער, וואָס פירן זיך אין דעם „באַיבל״־לאַנד גאַנץ פרעך און ברוטאַל.

לעבט אַזוי אָט די אַלטע שטאָט ירושלים, וואָס האָט שוין הינטער זיך טויזנטער יאָרן געשיכטע פון פעלקער, וואָס זיינען אַרויף אויף דער געשיכטע־אַרענע און פון פעלקער, וואָס זיינען אַראָפּ און פאַרשוואונדן אויף אייביק — לעבט זיך אָט די פּרעכטיקע אייגנאַרטיקע שטאָט אונטער דער ווילדער הערשאַפט און אונטער כסדרדיקן טעראָר פון דעם בריטישן מיליטער, וואָס פאַרנעמט און פאַרכאַפּט אַלע לעבעדיקע קאַנאַלן, אַלע לעבעדיקע אוצרות, אַלע וועגן און שטחים פונעם לאַנד. — און דערוויַיל האַלט מען דאָרטן אין דרייען אַ ספּאָדעק מיט קאָמיסיעס און מיט פּלענער, מיט אַלערליי דיפּלאָמאַטישע דריידלעך און קניפּלעך, וואָס ענגלאַנד איז אַלעמאָל אַזאַ גרויסע בריה אויף דעם.

און נאָך אַ פּאָר שעה אַרומשפּאַצירן איבער די באַלאַגערטע און שטרענג־באַוואַכטע און מיט שטעכיק־דראָט פאַרצוימטע און אַרומגע־גרענעצטע גאַסן און געסלעך פון ירושלים, איז אויפן האַרצן שווער און אומרואיק פאַר די היגע יידן, וואָס האָבן אויסצושטיין אַזויפיל שוועריקייטן און האָבן דאָ זיך צו ראַנגלען מיט אַזאַ דערפאַרענעם שונא, וואָס שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ און וואָס איז גרייט אויף אַלדי געמיינסטע שריט און כיטרע שטיק. פאַר דער בריטישער מאַכט איז דאָך גאַנץ ארץ־ישראל איינע פון די באַזעס, וואָס זי גרייט־צו פאַר זיך אין אַנגעזיכט פון די קעמפנדיקע כוחות אין דער וועלט בכלל און אויפן מזרח בפרט.

און אָט פאַרקערעווע איך זיך און לאָז מיך אַרויף מיט אַן אויטאָ צו דעם הר־הצופים, צום באַרג, וואו עס געפינט זיך די ירושלימער אוני־ווערסיטעט, די נאַציאָנאַלע יידישע ביבליאָטעק, די נייע פּרעכטיקע געביידע

פון דעם „הדסה"־שפּיטאָל, דער נייער ערשט־פּאַרענדיקטער בנין פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, וואָס מען גייט איצט, אין די סאַמע אומרואיקסטע טעג, עפענען.

מיט צען יאָר צוריק זיינען אייניקע פון די געביידעס דאָ נאָך נישט געווען. איך קום אַריין אין דער ביבליאָטעק, שפּאַציר אַרום איבער די ברייטע טרעפּ, שטאָק אַרויף, אַלץ העכער און העכער, באַגעגן זיך דאָ מיט פריינט, מיט באַקאַנטע, באַזוך איך צימער נאָך צימער, זאָל נאָך זאָל, וואו עס זיינען דאָ ביכער, וואָס ווערן דאָ געציילט אין הונדערטער טויזנטער. און עס באַהערשט דיך אַ יראת־הכבוד פאַר אַלדי גרויסע גייסטער, פאַר די גרויסע ווערק און ווערטן, וואָס דער יידישער פאָלקס־זשעני האָט געשאַפן אין לויף פון יאָרטויזנטער, און אָט דאָס שאַפן הערט נישט אויף, ווערט פאַרגעזעצט דאָ און דאָרטן, און אויך אין אַזעלכע ערטער און ווינקלען וואו עס דאַכט זיך, אַז שוין, עס איז שוין אויס מיטן יידישן לעבן און שאַפן...

און אַן אויפגערודערטער, אַ צעשרויפטער פון אַלדעם געזעענעם, געהערטן און איבערגעלעבטן, רופט אַ שטימע פון די טיפענישן פון די געהירן:

נצח ישראל לא ישקר! — דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אויפהערן צו לעבן! עס וועט בלייבן לעבן, עס וועט לעבן אייביק!

נאָך מיטאָג פאַרלאָז איך ירושלים צו פאָרן צוריק קיין תל־אביב. דאָרטן, אין דער ווייסער זאַרגלאָזער שטאָט, איז דאָך לייכטער צו זיין, דאָרטן קאָן מען גיכער זיך באַפרייען פון דעם שווערן געמיט, וואָס עס ברענגען די באַוואָפנטע בריטישע אָקופּאַנטן, וואָס שפּירן דיך נאָך, וואָס פאָלגן דיר נאָך טריט נאָך טריט.

און דער אויטאָ רוקט זיך אַרויס פון דער אַלטער, פיל־געפּרואווטער שטאָט, וואָס ווערט איצט צעפּאַלמעסט דורך דעם פרעמדן מיליטער. מען פאָרט אַרויס אויף די שמאָלע שלענגלענדיקע באַרג־וועגן, וואָס קלעפּן זיך צו די פעלזן־בערג, און ווידעראַמאָל קוקסטו מיט גרויס פאַרגאַפונג אויף די בערג און טאָלן, אויף די בערג־שיפּועים און אָפּגרונטן, וואָס שפּרייטן זיך רעכטס און לינקס צענדליקער מיילן־ווייט. עס איז פאַר שקיעה־צייט, און די זון, אַ ברענענדיקע, אַ רויטע, אַ צעגליטע, שווימט אין העלן רוים, און דו קוקסט אַרום און ווייסט אַליין נישט — וואו איז וואָר און וואו טרוים, וואו איז רעאַליטעט און וואו איז וויזיע. עס מישן זיך בלעטער פון היינט און פון אַמאָל, פון פאַרצייטנס און פון דער קעגנוואָרט. און דו אַליין זעעסט אויס אין דיינע אייגענע אויגן ווי דו וואָלסט אויך אַזוי געשפּרייזט איבער אייביקייטן, איבער יאָרהונדערטער, איבער דורות און דורות יידיש

לעבן, וואָס דו האָסט אויפגענומען אין דיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, און עס מישט זיך מיטן איצטיקן לעבן, וואָס איז אויך אַ געמיש פון דורות און תקופות.

און ווי דו וויגסט זיך אַזוי אינעם אויטאָ אין האַלבן דרימל, טוט זיך דער אויטאָ אַ טרייסל אויף צוריק און שטעלט זיך אָפּ. וואָס איז געשען? אַ מיליטערישע וואַך הייסט זיך אָפּשטעלן, באַפעלט אַלעמען אַרויס. ס'אַ רעוויזיע, אַ קאָנטראָל פון פּאַפּירן און זאַכן... נעמט יעדער אַרויס דעם פּאַס און די מיליטערישע וואַך קוקט, באַטראַכט די פּנימער פון די פּאַרער, און פול מיט חשד, הייסט מען גיין צוריק אין אויטאָ...

די היגעווירקלעכקייט: מען פאָלגט כסדר נאָך, מען לאָזט נישט פאַר־געסן אויף אַ ווײַלע, אַז מען איז אין גלות־ענגלאַנד...

תל־אביב, דעם 28טן אויגוסט 1946.

15

אין „טעג פון שטילשטאַנד"

די לעצטע וואָך הערשט דאָ אין לאַנד אַ מין אויסערלעכער שטיל־שטאַנד, וואָס איז שנעל באַצייכנט געוואָרן דורך איינער אַ לאָנדאָנער צייטונג ווי אַן אָפּגעמאַכטער און איינגעשטעלטער „וואָפנשטילשטאַנד" צווישן די צוויי נישט־גלייכע קעמפנדיקע צדדים — צווישן דער בריטישער באַ־וואָפנטער אימפּעריע פון זיין הויכער מאַיעסטעט און דעם פּיל־שוואַכערן, אָבער עקשנותדיקן און פאַנאַטישן יידישן קיבוץ אין ארץ־ישראל.

עס איז אָבער ווייט־ווייט נישט אמת און נישט ריכטיק, אַז עס הערשט דאָ באמת וואָסער ס'איז וואָפנשטילשטאַנד.

אדרבא — דער טעראָר פון דער בריטישער מיליטערישער מאַכט האַלט אַן אומעטום און אָן אויפהער. מען לאָזט נישט אַדורך קיין טאָג, קיין נאַכט, קיין שעה, מען זאָל נישט געבן צו וויסן און צו הערן און צו פילן, אַז די באַוואָפנטע מאַכט איז וואַך, אַז זי שלאָפט נישט און רוט נישט, און אַז זי האַלט אָנגעשטעלט אויף דעם יידישן ישוב אירע ביקסן און באַגנעטן, אירע פּראָזשעקטאָרן און טאַנקען.

איבער אַ וואָך צייט איז דער גאַנצער יידישער ישוב געווען געשפּאַנט, ביז דער העכסטער מדרגה, ממש ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע ביז צום פּלאַצן, פון דער מערדערלעכער און בעסטיאַלישער באַהאַנדלונג דורך דעם בריטישן מיליטער פון צוויי קליינע יידישע קבוצות אין וויטן נגב (דרום)

— דורות און רוחמה. אַט די צוויי העלדישע קבוצות צווישן די מדבר־זאַמדן פון דעם נגב, וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און מסירת־נפש אין לויף פון עטלעכע יאָר פאַרוואַנדלט וויסטענישן אין פרוכ־פערנדיקע ערטער און וועלכע האָבן פאַרדינט אַלעמענס אָנערקענונג, האָבן זוכה געווען צו אַ פאָגראָם, צו אַ קאַלטן מערדערלעכן פאָגראָם, וואָס האָט געדויערט גאַנצע אַכט טעג. מיט דער בעסטיאַלישער קאַלטקייט און סיסטעמאַטישקייט האָט מען טריט נאָך טריט צעשטערט, רואינירט, צע־בראָכן און צעקאַליעטשעט אַ פרידלעך לעבן פון חלוצים, זיך אַריינגעריסן אין זייערע הייזער, נישט געשוינט קיין פרויען און קינדער, נישט אָפּ־געשטעלט זיך פאַר די ווילדסטע מעשים. און מיט איין אויסרעכענונג — צו צעשטערן און צעברעכן דעם בליענדיקן ידישן ישוב.

מען דאַרף געדענקען, אַז הינטער יעדן אַקט, וואָס די בריטישע מאַכט נעמט אָן קעגן דעם ידישן ישוב, קעגן יעדן איינציקן פּונקט, ליגט די בייזע, וויסטע כוונה אַרויסצושלאָגן די יידן פון די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן דאָ פאַרנומען נאָך פיל קרבנות און ריזיקע אָנשטרענגונגען — סיי מאַטעריעלע און סיי גייסטיקע. דער „הבה נתחכמה" — דער שטענדיקער „לאָמיר איבערקליגלען און איבערכיטרעווען די יידן" — מצד דער מאַנ־דאַטן־מאַכט איז ממש נישט צום באַשרייבן. אויף יעדן פּרואוו פון דער ידישער באַפעלקערונג עפּעס צו דערגרייכן, צו עפּעס זיך דערשלאָגן, גע־פינען זיך דאָ אַמטן און אַמטן מיט אויסגעפּרואוווטע ענגלישע באַאַמטע, מיט געבאָטן און געזעצן, מיט פאַרבאָטן און באַשרענקונגען, וואָס עס איז ממש צו שטוינען. און מיט וועמען איר זאָלט נישט רעדן, מיט אָנפירנדיקע מענטשן פון די הויכע אַמטן, צי מיט געוויינלעכע סוחרים פון די פאַר־שיידענע בראַנזשעס און פאַכן און צווייגן, וועט איר זיך אָנשטויסן אויף די סאַמע ראַפינירטסטע מעטאָדן און גענג, וואָס די מאַכט נעמט אָן צו לאָקאַליזירן, צו פאַרהאַמעווען, צו דערדריקן און דערשטיקן יעדן פּרואוו, יעדן עקספּערימענט, וואָס דאַרף העלפן די ידישע אַנטוויקלונג, דעם בוי און אויפבוי פון דעם ידישן ישוב.

עס איז נישטאָ קיין איין ווינקעלע אין דעם ידישן לעבן, וואָס איז נישט אַרומגעצוימט דורך דער מאַכט מיט שטעכיק דראָט, פּונקט ווי עס זיינען אַרומגענומען מיט עטלעכע רייען פון שטעכיקע דראָטן אַלע די אַנשטאַלטן, אַלע די זיץ־בנינים פון דער מאַכט. און אפשר נאָך מער — עס איז ווי אַ גרויסער שפּין, וואָס וואַכט פון זיין ווינקל אויף יעדן ריר, און ווי נאָר עס באַווייזט זיך עפּעס אַ פלי, אַ מאָך מיט פליגל, אַזוי לאָזט זיך שנעל אַראָפּ דער שפּין און פאַרשפּינט מיטן שפּינוועבס די לעבעדיקע חיה און גלייך זויגט מען אויס דאָס ביסל דם־התמצית.

אין משך פון די פּאָר וואָכן פון מיין זיין דאָ, האָב איך גערעדט שמועסן מיט די פאַרשיידנסטע יידן, פאַרשטייער פון די פאַרשיידנסטע אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע און אויך פּריוואַטע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, און פון אַלעמען האָב איך זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע ממש־אומגלויבלעכע מעשיות וועגן די מיטלען, וואָס די היגע מאַכט ווענדט אָן צו צעברעכן דעם רוקן־ביין פון דעם היגן עקאָנאָמישן,ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. און נישט נאָר ביינאַכט, ווען איר געפינט זיך ערגעץ־וואו אין אַ שטעטל אָדער שטאָט, דאָרף אָדער קיבוץ, פילט איר אויף זיך כסדר די שאַרפע, שניידנדיקע שטראַלן פון די ליכט־וואַרפער, וואָס קרייצן זיך כסדר און וואַרפן זיך איבער ווייטע שטחים פון די פאַרשיידענע וואַך־פּונקטן פון די בריטישע מיליטער־קעמפּס, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אומעטום איבערן לאַנד — נאָר אַזוי כסדר פילט איר דאָס וואַכע אויג און דאָס שטענדיקע נאָכפאָלגן פון דער בריטישער מאַכט אויף יעדן ייד.

עס איז גוט באַקאַנט, ווי דאָס קוק־אויגל אין דער תפיסה־קאַמער רעגט אויף, מאַכט אָפט משוגע דעם אַרעסטאַנט, דעם געפאַנגענעם. אָט אַזאַ מין קוק־אויגל איז איצט אָנגעשטעלט אויף יעדן ייד, אויף יעדן יידישן טויער, אויף יעדן יידישן אויפטו אין לאַנד פון ישראל.

איך בין די טעג געווען אַ צווייט מאָל אין ירושלים. כ'בין אַרומ־געגאַנגען איבער די פאַרשיידענע יידישע גאַסן אין באַגלייטונג פון מיינעם אַ פריינט. געווען אין דער שטאָט־טייל „מאה שערים", „מחנה־יהודה", אין דער שכונה פון די בוכאַרישע יידן. עס איז געווען אַ פאַרנאַכט און אַן אָוונט אין דער יידישער שטאָט ירושלים, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל ספּעציפישן אַלטן יידישן חן, מיט די פאַרשיידנאַרטיקע יידן מיט זייערע טראַכטן און אויסזען. אָבער איבער אַלץ און אַלעמען האָט געהערשט דער בריטישער זעלנער, די בריטישע ביקס, דער בריטישער באַגנעט. אַרום און אַרום בנינים פון ישיבות און שולעס פּאַר יינגלעך און מיידלעך, מיט נעמען פון יידישע רבנים, פון באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן, אָבער איבער אַלץ און אַלעמען געוועלטיקט דאָ דער ענגלענדער. האָבן מיר טאַקע זוכה געווען אָפּגעשטעלט צו ווערן און געמוזט באַווייזן די דאָקו־מענטן... און מיין אַמעריקאַנער פּאַס, נעבעך, איז אַזוי אויסגעטאַפּט און אויסגעפאָרשט געוואָרן דורכן האַלב־אַלפאַבעטישן בריטישן סאָלדאַט, אַז איך האָב זיך געפילט געטראָפן אין מיינע בעסטע, אַמעריקאַנער־בירגערישע געפילן.

יאָ, כדאי צו שטיצן ענגלאַנד, געבן איר פון כל־טוב, שטופּן אין איר ביליאָנען, כדי זי זאָל אין ארץ־ישראל, ווי אין אַנדערע קאָלאָניאַלע לענדער, דערגיין די יאָרן, פּרעסן און שטיקן די אָרטיקע באַפעלקערונג און

אין אַ געוויינלעכן געמיטלעכן אָוונט פּאַקן אַט אַזאַ איינעם ווי איך אויף די ייִדישע גאַסן אין ירושלים און פאַרהאַקן אים דעם וועג און באַרויבן זיין פרייהייט, זיין געמיט!...

מיט מיר איז געגאַנגען אַ שוישפּילער פון „הבימה", וואָס באַמיט זיך מיט זיינע פייאיקייטן און טאַלענט זיך דערגרונטעווען צו די טיפקייטן פון שעקספּיר, פון בערנאַרד שאָו, פון דיקענס, אָבער אויך אים האָט דער בריטישער באַוואָפנטער אויטאָמאַט געגעבן צו וויסן, — אַז דער באַגנעט איז וויכטיקער ווי דאָס קינסטלערישע וואָרט, ווי דאָס גייסטיקע וועזן און שטרעבן...

יאָ, אַזוי איז עס אין די טעג פון „פולשטענדיקן שטילשטאַנד" אין לאַנד.

דערווייל ווערן אַהער אַלץ מער און מער צונויפגעצויגן מיליטערישע קרעפטן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און קאַליבער. און ווען און וואו איר פאָרט נישט איבערן לאַנד, וואו איר זאָלט זיך נישט דערקלייבן ערגעץ אין אַ ווינקל — טרעפט איר זיך אָן אויף זעלנער־קעמפּס, אויף סאָלדאַטישע פונקטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די אַלע ייִדישע ישובים, געגנטן און פאַרכאַפּט זיי ממש ווי מיט צוואַנגען.

עס איז שווער צו דערגיין, וויפיל זעלנער עס זיינען איצט דאָ אין ארץ־ישראל. אַ סברא, אַז אַכציק טויזנט — אַנדערע גיבן אָן די צאָל נאָך מער, — הייסט עס, אַז אויף יעדע הונדערט ייִדן זיינען דאָ אַ צוועלף־פערצן זעלנער און דערצו — מיט כלערליי לייכט און שווער געווער, מיט שנעל־לויפנדיקע און שטענדיק־פויזענדיקע מאָטאָרציקלען און טאַנקען און מיט שטעכיקע דראָטן און מיט שטעכיקע אויגן.

יאָ, גאַנצע אַכט טעג איז דער ישוב געהאַלטן געוואָרן אין גרויס שפּאַנונג צוליב דעם קאַלטן, לאַנג־דויערנדיקן פּאָגראָם, וואָס דאָס מיליטער האָט אָרגאַניזירט אין צוויי וויטע ייִדישע קבוצות. עס איז געווען איבער־געריסן און אָפּגעשפּאַרט געוואָרן יעדער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג, מ'האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט אַהין, מען האָט געהאַלטן די קנאַפּע 200 מיט־גלידער מיט אָן אייזערנער רינג פון אַ פּאָר טויזנט צעיושעטע און צע־ווילדעוועטע זעלנער, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין איבער שוצלאָזע און פרידלעכע האַרעפּאַשניקעס. די זעלנער האָבן אין „דורות" גע־ווילדעוועט, ווייל זיי האָבן דאָרטן יאָ עפּעס געפונען, די זעלנער האָבן באַזונדערס אין „רוחמה" געווילדעוועט, ווייל זיי האָבן דאָרט נישט געפונען. מען האָט געריסן און צעפּליקט קישעלעך און בעטגעוואַנט, ממש ווי אין אַמאָליקע פּאָגראָמען פון די שוואַרץ־מאַהניקעס, און זיך איזדעקעוועט איבער פרידלעכע מענטשן און צעראָבירט זייער פּראַצע ממש ווי די

נאַצישע „העלדן". אַ ניי בלאַט פון ענגלישע ווילדערנישן.

און באַזונדערס האָט מען זיך פאַרלייגט אויף די ברונעמער, וואָס באַוואַסערן די טרוקענע געגנט און דערפרישן די דורשטיקע ערד, פי און מענטשן. מ'האָט צעבראָכן די רערן, מ'האָט געוואָרפן שטיקער אייזנס, מ'האָט פאַרשטאָפּט דעם לעבעדיקסטן קוואַל פון לעבן. אַזאַ סאַדיזם, אַזאַ בעסטיאַלישקייט!

און די צווייי־פּנימדיקייט פון דער מאַכט: אין דער זעלבער צייט האָט דער נציב העליון, דער היי־קאָמישאַנער, באַזוכט אַ דערבייאיקע קבוצה אין נגב, און אויסגעדריקט זיין „באַדויער", וואָס עס קומט איצט פאָר אין „דורות" און „רוחמה", און... געגעבן ברכות צו יידישע האָרעוואַניע און יידישע אויפטוען...

ווען מען האָט נאָך אַכט טעג באַפרייט די צוויי קבוצות, האָט מען נאָך מיטגענומען מיט זיך די הויפּט־טוער פון דער קבוצה, מיטגענומען און דערמיט פאַרשטאַרקט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו עס זיצן טויזנטער יידן, פון די סאַמע העכסטע אָנפירער ביז פּשוטע בחורים און מיידלעך.

און טאַקע אָט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען אויך אַ גוטער באַוויז, ווי די מאַכט צערעמאָניעט זיך כלל נישט מיט קיין שום געזעצן און דינים. אין עתלית (אַטליט), אין לאַטרון, אין רפיח זיצן טויזנטער יידן, גענומען און געכאַפּט פון גאַס, פון שטוב, פון שיפן. מען האַלט זיי דאָרטן חדשים און חדשים אונטער דער שווערער תפיסה־דיסציפּלין און אָן קיין שום באַשולדיקונג. עס זיצן משה שערטאָק, דוד רמז, יצחק גרינבוים. זיי זיצן איינגעשפּאַרט, ווייל די רעגירונג האָט געוואָלט ברעכן די פירערשאַפט פון די יידן אין ארץ־ישראל. און דערביי זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ האָפענונג און גלויבן אַרויסצוקריגן יידישע „קוויזלינגס", וואָס זאָלן גרייט זיין איבערנעמען די פירערשאַפט פון דעם היגן יידישן ישוב. עס זיצן די טרייע טוער פון פיל יידישע קבוצות, וואָס די רעגירונג האָט געהאָפט, אַז מיטן אַוועקנעמען זיי פון די לעבעדיקע קיבוצים־ווירטשאַפטן, וועט מען צעברעכן די יידישע שאַפערישע און פּראָדוצירנדיקע ישובים; עס זיצן אויך גלאַט יונגעלייט, תלמידים פון מיטלשולן און אוניווערסיטעט, וואָס האָבן געדאַרפט שטודירן ווייטער; עס זיצן אויך יידן, וואָס מען האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַרעסטירט און מען האַלט זיי אין די תפיסות — דאָס זיינען די יידן פון תל־אביב, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן מיטן אויסקוק, אַז מען וועט אַנלערנען די גרויסע יידישע שטאָט און צונעמען ביי איר איר קוראַזש און לעבנס־דראַנג.

אָבער ווי אַמאָל, אין פאַרצייטיקע יאָרן, אַזוי אויך איצט איז גילטיק דער פּסוק „וכאשר יענו אותם", — וואָס מער מען פּייניקט זיי, אַלץ מער

איז דאָ דער ווילן און דראַנג פאַר וואוקס און פאַר אַנטוויקלונג און פאַר נייע פאַרמעסטן.

עס איז אויסערלעך איצט אַ שטילשטאַנד אין לאַנד, אָבער בלויז אויסערלעך. אין דער טיף ברויזט, און מיט יעדן אָנגריף, מיט יעדער נייער פאַרשווערונג מצד דער מאַכט, אַלץ מער וואַקסט די אומצופרידנקייט, אַלץ מער ווערט פאַרהאַרטעוועט דער ווילן, און אַלץ שטאַרקער ווערן אָנגעצויגן די מוסקולן.

און מען זעט עס גוט, ווען מען קוקט זיך צו אין גאַס, אויף פאַר־זאַמלונגען, ווען מען שמועסט מיט מענטשן פון פאַרשיידענעם גראַד.

מען שרייבט גענוג אין די צייטונגען, נישט געקוקט אויף דער האַרבער צענזור, וואָס גיט אַכטונג אויף יעדן וואָרט. מען האָט געפונען ווערטער און האַלבע ווערטער, מליצות און פאַרשיידענע אַרום־און־אַרומיקע ווער־טער און פסוקים. איז עס אָבער ווייניק, לאָזט מען זיך פרייער אין די ספּעציעלע וואָנט־צייטונגען און רופן און אויפרופן, וואָס ווערן כסדר אויס־געהאַנגען אויף ווענט, אויף די רעקלאַמע־סלופּעס, אויף די רעקלאַמע־ברעטער. עס איז דאָ איצט אַ גאַנצע פּרעסע אַזאַ, וואָס מען דרוקט און מען קלעפּט זי פאַנאַנדער איבער די גאַסן און געסלעך.

ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות קומט פאַר אַנטקעגן מיר אין דער געביידע פון דעם אַרלאַזאָראָוו־בנין, אינעם אוהל־טעאַטער, די קאָנפערענץ פון דער גרעסטער היגער אַרבעטער־פאַרטיי, פון דעם מפא״י (מפלגת פועלי ארץ־ישראל), וואָס דאַרף איצט אָנצייכענען ריכטליניעס פאַר דעם ווייטערדיקן לעבן און קאַמף פון דעם היגן יידישן ישוב. אָט די פאַרטיי קאָנטראָלירט די „הסתדרות", דעם „דבר" און פיל אַנדערע יידישע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און אויך די „סוכנות". די אָפענע און פאַר־מאַכטע זיצונגען פון דער קאָנפערענץ דאַרפן אָנצייכענען אַ נייעם פעריאָד אין דעם לעבן און אין דעם קאַמף פון דעם יידישן ישוב פאַר זיין רעכט צו לעבן און צו אַרבעטן.

אויסערלעך איז אַ מין שטילשטאַנד, אָבער ווער ווייסט, צי עס איז נישט קיין שטילשטאַנד פאַר אַ נייעם שטורעם אין לאַנד!

תל־אביב, דעם 8טן סעפּטעמבער 1946.

16

דאָס קולטור־שאַפערישע לעבן אין ארץ־ישראל

עס וואָלט געווען אַן עוולה קעגן דעם היגן יידישן ישוב, ווען מיר וואָלטן צוליב דעם בריטישן טעראָר, צוליב די אַנפאַלן פון די ענגלענדער אויף דעם פרידלעכן יידישן לעבן, פאַרזען די גרויסע געוואַלדיקע אויפטוען פון דעם היגן יידישן ישוב אויפן קולטור־פראָנט.

איז לאָמיר טאַקע אויף אַ ווײַלע אָוועק פון דעם אויפרודער און לאָמיר בעסער באַטראַכטן וואָס ס׳טוט זיך אין די טיפעניִשן פונעם היגן יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן.

אין ארץ־ישראל איז זייער פּאָפּולער דער לאָזונג „אינטענסיווע ווירטשאַפט", דאָס מיינט — דערגרייכן דעם מאַקסימום רעזולטאַטן אויף אַ קליינעם, ענגן שטח (באָדן). אין די היגע ווירטשאַפט־פּונקטן האָט מען טאַקע זייער פיל דערגרייכט אַדאַנק אָט די מעטאָדן פון ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן און פאַרמעסטן. ניט נאָר אַ ספּעציאַליסט, נאָר אַ פּראָסט־פּשוטער מענטש, ווען ער באַזוכט די קבוצות, די אַלערליי ווירטשאַפט־ערטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט און ווערן געפירט דאָ אין לאַנד, זעט עס באַשיינפּערלעך. עס זיינען גאָר נישטאָ קיין לויב־געזאַנגען פאַר אָט דער אָנגעשטרענגטער און פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס ברענגט די גלענצנדיקסטע רעזולטאַטן. קליינע זידלונגס־פּונקטן, וואָס פאַרמאָגן ווייניק גוטן באָדן, האָבן באַוויזן, נישט נאָר מיטן שווייס פון זייער פּנים, נאָר מיט די מאָדערנסטע מיטלען און עקספּערימענטן, צו פאַרוואַנדלען וויסטע און ווילדסטע ערטער אין וואונדערלעכע בליענדיקע צענטערן, וואָס ברענגען אַריין ממש־לעגענדאַרע צאָלן פון כלערליי תבואות, פּרוכטן, און זיינען גלייכצייטיק אויך צענטערן פאַר פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען.

און אַ נאָך־אינטענסיווערע „ווירטשאַפט" ווערט געפירט אין ארץ־ישראל אינעם גייסטיקן קולטור־שאַפערישן לעבן, — אַזאַ אינטענסיווע און קאָלאָסאַלע, וואָס איז ממש אומגלויבלעך. און ווען מען וואָלט עס נישט געזען אַליין, מיט אייגענע אויגן, ווען מען וואָלט נישט געהאַט פאַר זיך דאָקומענטאַלע און אויטענטישע פאַקטן און ציפערן, — וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז עס איז אַ גוזמא, אַ פּילפּאַכע איבערטרייבונג.

איך בין אין לאַנד נישט לאַנג, ערשט עטלעכע וואָכן. פאַר דער־אָ צייט קומען פאַר פאַסירונגען און געשעענישן, וואָס רייסן אָוועק די אויפ־

מערקזאַמקייט, דעם געדאַנק, דאָס גאַנצע וועזן פון דעם גייסטיקן „העכערן״ לעבן. מען איז אַריינגעשלעפּט דאָ אינעם שווערן געראַנגל, אינעם כסדר־

יונגע לייט, בויער פון לאַנד, אין אַ קבוצה פון „השומר הצעיר״

דיקן קאַמף, דער קאַמף און געראַנגל, וואָס פירט זיך בישט אויף די זייטן פון די צייטונגען, נאָר בפועל ממש, אויף דער יבשה און אויפן ים, און מיט רעוואָלווערן און מיט מאַשין־ביקסן, און מיט דינאַמיט און מיט טאַנקען און מיט שטענדיקן „קוירפיו״ (באַלאַגערונגס־צושטאַנד), און מיט אַ צענזור אויף דער פּרעסע און אויף דער ראַדיאָ, און דערצו — איז מען קיינמאָל נישט זיכער מיטן קומענדיקן טאָג און מיט דער קומענדיקער שעה און מען איז אויסגעשטעלט אויף אַרעסטירט צו ווערן און באַזוכט צו

ווערן אַן אַ פּאַרוואָס און אַן אַ פּאַרוועָן מצד דער „ליבער" מאַכט.

און דאָך — סאַר אַ קאַלאָסאַלע, אומאויפהערלעכע קולטור־שאַפערישע טעטיקייט און אַרבעט עס ווערט געפירט אומעטום, מיט ריזיקע פּאַרמעסטן און מיט גרויסן ברען און מיט אַן אַלץ־וואַקסנדיקן דראַנג, און גלייכצייטיק — אויף פאַרשיידנסטע געביטן פון וויסן, פון קולטור, פון קונסט אין דעם סאַמע ברייטסטן זינען פונעם וואָרט. און דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע איז — וואָס גלייכצייטיק ווערט די אַרבעט געפירט און געטאָן אין דער טיף און אין דער ברייט, פאַרן טאָג און מיטן אויסקוק אויף דער צוקונפט.

און ווען איך קום דאָ צו דערציילן וועגן דעם אַלעמען — מיין איך נישט אַזויפיל צו לויבן און צו רימען דאָס היגע יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן, צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר די אַלע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, נאָר איך טו עס אויך מיט דער כוונה צו ווייזן ביי אונדז אין אַמעריקע, פאַר אַלע אונדזערע קולטור־שאַפערישע קרייזן, און פאַרוואָס בלויז אַמע־ריקע — אויך אין קאַנאַדע, אין דרום־אַמעריקע, אין די אַלע אַנדערע לענדער, וואו עס וואוינען און עס שאַפן יידן, — כדי צו ווייזן די טוער, די פירער פון די בילדונגס־ און דערציאונגס־אַנשטאַלטן, די אַלע, וואָס שטייען און פאַרנעמען, פאַרדינט אָדער נישט־פאַרדינט, אָנפירנדיקע אַמטן אין די אַלערליי אינסטיטוציעס, אַז ווען מען פאַרמעסט זיך אויף גרויסע זאַכן, קאָן מען אויפטאָן פיל, און אַז בלויז מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם און מיט גרויסע אויפגאַבן לאָזט זיך דערגרייכן עפּעס ווירקליכס.

איך וועל ווייטער ברענגען ציפערן און פאַקטן, וואָס איך האָב דאָ און דאָרטן אויפגעזאַמלט און אויפגענומען, אַזוי אויף איין פוס, און, פאַרשטייט זיך, אַז איך פּרעטענדיר כלל נישט אויסצושעפּן די טעמע און געבן גאָר־ גענויע און פּינקטלעכע פּרטים.

פריער פון אַלץ — דאָס דערציאונגס־וועזן, די שולן און די שול־ אינסטיטוציעס.

לאָמיר געדענקען, אַז די צאָל יידן אין ארץ־ישראל איז אַרום 600 טויזנט, — ווייניקער ווי אַ פערטל פון דער צאָל יידן אין איין ניו־יאָרק, פיל ווייניקער ווי אין איין בראָנזוויל אַרום ניו־יאָרק. איז דעריבער זייער וויכטיק, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אַ וואָסערע ס'איז שייכות צו דעם יידישן שול־וועזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָל גלייך אויפן אָרט מאַכן פאַרגלייכן — ווי עס האַלט אין יעדער שטאָט מיט דער יידישער דער־ ציאונג, און טאַקע מאַכן אויספירן פון דעם פאַרגלייך.

אָט לייען איך היינט אין די היגע צייטונגען אַ נאָטיץ, וואָס איז אַרויס־ געגעבן דורך דעם בילדונגס־דעפּאַרטמענט פונעם „ועד הלאומי" (נאַציאָ־ נאַלער קאונסיל) אין ארץ־ישראל.

לויט די אָפיציעלע גוט־קאָנטראָלירטע ציפערן, ווייזט זיך אַרויס, אַז אין היינטיקן יאָר, תש״ו, זיינען צוגעקומען אין דער נעץ פון די שול־אַנשטאַלטן אַרום דעם „ועד הלאומי״ 68 נייע דערציאונג־אַנשטאַלטן. עס זיינען געעפנט געוואָרן נאָך 263 קלאַסן און אויפגענומען געוואָרן נייע 586

קינדערלעך אין אַ קבוצה באָדן זיך אין אַ וואַסער־באַסיין

לערער. די צאָל תלמידים איז געוואַקסן אויף 7,358. די צוגעקומענע אַנשטאַלטן זיינען: 29 קינדער־גערטנער, 22 פאָלקס־שולן, 6 מיטלשולן, 2 לערער־סעמינאַרן, 9 פאַרשיידענע פאַך־שולן.

אַרום און אַרום האָט די נעץ פון די דערציאונג־אַנשטאַלטן אין יאָר תש״ו (1946) אַרומגענומען 719 אַזעלכע אינסטיטוציעס, פון דעם — 368

קינדער־גערטנער מיט 12,963 תלמידים, 291 פאָלקס־שולן מיט דער־גאַנצונגס־שולן מיט 61,222 קינדער, 34 מיטלשולן מיט 10,313 תלמידים, 8 לערן־סעמינאַרן מיט 1,122 תלמידים, 18 פאַרשיידענע פאַך־ און געביט־שולן מיט 2,011 תלמידים. אין אַט די אַלע אַנשטאַלטן און בילדונגס־אינסטיטוציעס זיינען געווען באַשעפטיקט 4,318 לערער אין 3,218 קלאַסן. די אַלגעמיינע צאָל אין דער גאַנצער דערציאונג־נעץ באַטרעפט 87,631.

ווי זאָגט מען, פּירושים זיינען איבעריק. עס איז, חזרן מיר איבער, זייער כדאי, אַז אונדזערע שול־טוער פון לינקס און רעכטס אין אַמעריקע זאָלן זיך פאַרטראַכטן ווי עס האַלט ביי אונדז אויף אַט דעם געביט.

עס איז אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן בקיצור אויף דעם וואוקס פון דער דערציאונגס־סיסטעם. דאָ זעען מיר, ווי מיטן וואוקס פונעם היגן ישוב, מיט דעם נאַטירלעכן צוואוואוקס פון דער היגער באַפעלקערונג, מיטן אַנקום, דורך פאַרשיידענע וועגן־אומוועגן, פון נייע „עולים" (אימיגראַנטן) וואַקסט גלייכצייטיק די צאָל אַנשטאַלטן און עס מערט זיך די צאָל קינדער אין די אַנשטאַלטן.

אַט האָט איר אַ טאַבעלע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט דורך אַן אָנגעזעענעם היגן פּעדאַגאָג, דעם פאַרוואַלטער פון דעם דערציאונגס־דעפּאַרטמענט אין דעם „הסתדרות" מ. אביגל (מ. א. בייגל):

דערציאונגס־אַנשטאַלטן אַרום דעם „ועד הלאומי"

יאָר		אַנשטאַלטן	לערער	תלמידים
תרצ"ג (1932-33)	— — —	272	930	23,911
תרצ"ד (1933-34)	— — —	290	1057	27,706
תרצ"ה (1934-35)	— — —	312	1217	32,788
תרצ"ו (1935-36)	— — —	343	1458	39,701
תרצ"ז (1936-37)	— — —	370	1778	46,767
תרצ"ח (1937-38)	— — —	391	1888	49,661
תרצ"ט (1938-39)	— — —	396	1998	52,816
ת"ש (1939-40)	— — —	407	2137	56,056
תש"א (1940-41)	— — —	403	2296	58,692
תש"ב (1941-42)	— — —	437	2367	62,807
תש"ג (1942-43)	— — —	483	2615	66,379
תש"ד (1943-44)	— — —	579	3325	73,893
תש"ה (1944-45)	— — —	651	3732	80,273

צו די געבראַכטע ציפערן דאַרף מען צוגעבן, אַז אויסער דער אַל־געמיינער צאָל דערציאונגס־אַנשטאַלטן און תלמידים אין זיי, וואָס געהערן צו דער נעץ פון דעם „ועד הלאומי", זיינען אויך דאָ נאָך און נאָך דער־

ציאונגס־אַנשטאַלטן אין לאַנד, וואָס געהערן נישט, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, צו דער נעץ פון „ועד הלאומי". די צאָל תלמידים אין אָט די אַנשטאַלטן איז געווען 13,470 (אין תרצ"ג), 20,510 (תרצ"ו), 26,545 (ת"ש)

דער נאָכוואוקס אין אַ קבוצה, וואָס ווערט דערצויגן אין ארץ־ישראל

און 24,582 (אין תש"ג). דער „ועד הלאומי" קעמפט פאַר דעם און נעמט אָן אַלע מיטלען, אַז וואָס־מער יידישע שולן זאָלן אַרונטערפאַלן אונטער זיין השפּעה. עס זיינען פאַראַן שטערונגען, וואָס עס איז נישט גרינג צו באַזייטיקן זיי, אָבער עס גייט וואָס־ווייטער די טענדענץ צו באַהערשן די לאַגע און פאַראייניקן דאָס גאַנצע שול־וועזן.

גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל און זייער אַ וויכטיקער איז די צאָל פאַך־שולן. דאָ זעען מיר אַ זאַך, וואָס איז פאַר אונדז אין אַמעריקע גאָר פרעמד און אויסטערליש. צווישן די פאַך־שולן זיינען דאָ פון אַלע, אַלע געביטן

פון מענטשלעכן וויסן, באַשעפטיקונג און מדרגה. די פּאַך־שולן באַפרידיקן אַלע נויטן, אַלע באַדערפענישן, אַלע געביטן פון אַ לעבעדיקן, שאַפנדיקן, פּראָדוצירנדיקן ישוב, גרייטן זיי צו מענטשן פאַר אַלע אויפגאַבן, ערטער, טעטיקייטן און טואונגען אין געזעלשאַפטלעכן, פּראָפעסיאָנעלן, פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן לעבן.

אויסער די שטענדיקע, פעסטע שול־אינסטיטוציעס, וואָס פירן אָן זייער דערציאונגס־אַרבעט נאָרמאַל, כסדר, פולע שול־סעזאָנען, זיינען דאָ אומעטום, אין אַלע ווינקלען פון לאַנד, אין די גרויסע שטעט און אין די קלענערע קיבוצים, סעמינאַרן, דערגאַנצונג־קורסן, אָרגאַניזירט דורך די פירנדיקע אַנשטאַלטן, דורך די אוניווערסיטעטן, דורך די צענטראַלע אינ־סטיטוציעס, וואו עס קומען זיך צונויף אויף אַלעם גרייטן מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אַ סעזאָן, און זיי באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו טוישן מיט דערפאַרונגען, מיט עקספּערימענטן. זיי טוישן זיך מיט דעם וויסן און זיי נעמען זיך אָן מיט נייעם מוט, מיט נייע ידיעות, מיט נייע מעטאָדן פאַר ווייטערדיקע אַרבעטן. איצט, אין דעם סאַמע ברען פון די היצן, אין דעם סאַמע קאָך פון די פּאָליטישע געשעענישן, אין די צייטן פון אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען, גייען אָן פיל אַזעלכע זומער־ און חודש־קורסן און סעמינאַרן, וואו עס לערנען און עס פאַרפולקאָמען זייערע קענטענישן הונדערטער און הונדערטער יינגלעך און מיידלעך.

און דערצו איז אין יעדן קיבוץ, ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל נישט זיין, ווי ער זאָל נישט זיין פאַרנומען מיט די ווירטשאַפטלעכע, פיזישע און פּאָליטישע אַרבעטן, אומעטום קומען פאַר רעגלמעסיקע חברשע שמועסן, „שיחות", וואו, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון געניטע טוער, דערפאַרענע חברים, ווערן געגעבן אויפקלערונגען פאַר די ניי־געקומענע און ווייניק־באַהאַוונטע חברים־מיטגלידער.

און אַוודאי און אַוודאי דאַרפן אונדז באַזונדערס אינטערעסירן אָט די פאַרשיידענע טעטיקייטן, אויפגאַבן און פאַרמעסטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די טויזנטער יונגעלייט, וואָס ענדיקן די פאַרשיידענע שולן פון דעם פאַרשיידנסטן כאַראַקטער, — זיי ווערן נישט צעשטויבט, זיי ווערן נישט פאַרלוירן פאַר דעם פאָלק, פאַר דער באַוועגונג, פאַר דעם לעבן, — זיי ווערן מאָביליזירט פאַר פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און אַרבעטן; זיי געפינען זיך אונטער דער שטרענגער, אָבער פרייוויליקער אויפזיכט פון אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס. זיי זיינען זעלנער, טאַקע בפועל ממש, אָן מליצות, אויף פּאָזיציעס, אויף פאָלקס־שליחותן, אין שטאָט און אין פעלד, אויף דער וואַך און אַזוי ווייטער. אָט די טויזנטער מאָביליזירטע יונגעלייט און מיידלעך פון אַלע שיכטן פון דער היגער באַפעלקערונג

טרעפט איר אומעטום אויף די וויכטיקסטע אַמטן און אַרבעטן. דאָס דאַרף גאָר באַזונדערס באַטאָנט ווערן, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז אונדזער יוגנט אין אַמעריקע, אין די גרעסטע צאָלן, גייט פאַר אונדז פאַרלירן ווי נאָר זי ענדיקט אַ שול, אַ מיטלשול...

די טעטיקע און ענערגישע, די פאַראַנטוואָרטלעכע און צו די פאָלקס־אידעאַלן איבערגעגעבענע יוגנט איז איצט אַ וויכטיקער און וואָגיקער באַשטאַנד־טייל פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג. עס זיינען חלוצים

בערל מייזיל אין דער „געזעלשאַפט" פון זיינע קי, וואָס ער פיטערט און מעלקט

פון גאָר אַן אַנדערן מין. איר טרעפט זיי בייטאָג און ביינאַכט אויף וויכטיקע פאַראַנטוואָרטלעכע און מסירת־נפשדיקע פראָנטן און מיסיעס. וועגן דעם קאָן מען נישט אויספירלעך רעדן...

אָט האָט איר אַ פּאָר ציפערן פון דער יוגנט־באַוועגונג דאָ אין לאַנד:

דער „הנוער העובד" (דער יוגנט־אַרבעטער) פאַרמאָגט איצט קרוב צו 10 טויזנט חברים איבער גאָר דעם לאַנד, דאָס רוב פון זיי אַרבעטנדיקע עלעמענטן איבער די ווירטשאַפטן און עטלעכע טויזנט תלמידים אין די מיטלשולן און אין די טעכנישע פאַך־שולן. עס ווערט דורך זיי אַרויסגעגעבן זינט 20 יאָר אַ פּרעכטיקער צוויי־וואָכן־זשורנאַל „במעלה" (אגב, דער רעדאַקטאָר פון אָט דעם זשורנאַל איז מיין זון — בערל — דוב מייזיל). דער זשורנאַל דערשיינט כסדר נאָרמאַל אין אַ 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן, מיט פיל בילדער. נאָך דעם קומען אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס מיט טויזנטער מיטגלידער־חברים, מיט אַ שטאַרקער דיסציפּלין, מיט פאַרשיידענע פאַר־צווייגטע טעטיקייטן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון לעבן און שאַפן, פון אַנדערע ריכטונגען, ווי „מחנות העולים", „גורדוניה", „מכבי הצעיר",

„השומר הצעיר", „תנועת הצופים", „בני עקיבא" (רעליגיעזע יוגנט). יעדע איינע פון די אַנגערופענע אָרגאַניזאַציעס האָט פון 1500 ביז 3000 מיט־גלידער. אַרום און אַרום נעמען אַריין אָט די פאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס איבער 65% פון דער אַלגעמיינער צאָל שטודירנדיקער יוגנט.

און וויבאַלד מען האָט פאַר זיך אַזעלכע גרויסע, אין פּראָפּאָרץ, צאָלן פון תלמידים, לערער, סעמינאַרן, שול־אַנשטאַלטן, — איז זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז די צאָל ביכער, צייטונגען, לערן־ביכער, וואָס דערשיינט כסדר טאָג־טעגלעך, איז זייער גרויס. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דער קינדער־זשורנאַל פון „דבר" (די טעגלעכע צייטונג, וואָס ווערט אַרויס־געגעבן דורכן „הסתדרות") גייט אַרויס יעדע וואָך אין איבער פערצן (14) טויזנט עקזעמפּלאַרן. ער ווערט געליינט זייער פלייסיק, „מדאַשקע לדאַשקע", דורך קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. ענלעכע זשורנאַלן, מיט אַ טיראַזש פון פינף און מער טויזנט קאָפּיעס, דערשיינען דורך אַנדערע צייטונגען און פאַרלאַגן. די צאָל קאָפּיעס פון די קינדער־יוגנט־זשורנאַלן, וואָס גייען אַרויס וועכנטלעך און צוויי־וועכנטלעך, דערגייט ביז איבער דרייסיק טויזנט קאָפּיעס! סאַר אַ לעגענדאַרע ציפערן אין פאַרגלייך מיט די געציילטע טויזנטער עקזעמפּלאַרן, וואָס עס דערשיינען פון דעם זעלבן כאַראַקטער פאַר די יידישע קינדער ביי אונדז אין אַמעריקע!

ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלעמען, מיט דער צאָל שולן, מיטלשולן, העכערע שולן און די אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און מיט דער יוגנט, וואָס איז גלייך פון אָנהייב פאַרוואָרצלט און אַריינגעפלאָכטן אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, — ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלעמען איז די פּראָ־דוקטיווע, רייכע און שאַפערישע טעטיקייט אויפן געביט פון אַרויסגעבעריי. דאָ האָבן מיר באמת שטוינענדיקע צאָלן און ציפערן.

אין יאָר תש"ה (סעפּטעמבער 1944—סעפּטעמבער 1945) זיינען דער־שינען אַרום 800 ביכער אין דער העברייאישער שפּראַך — אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (תש"ד) מער ווי אויף 25%, דאָס מיינט מיט אַ 200 ביכער מער ווי פאַראַיאָרן.

אָט ליגט פאַר מיר אַ פולע רשימה פון די אַלע אַרויסגעגעבענע העב־רייאישע ביכער פאַרן יאָר תש"ה. די אַלע ביכער, וואָס זיינען דערשינען דורך געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, ווי אויך דורך פּריוואַטע אַרויסגעבער, ווערן געטיילט אויף 28 אָפּטיילונגען אָדער געביטן.

איך וועל אויסרעכענען די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון די דער־שינענע ביכער, ווייל די פיל־פאַרצווייגטקייט און די פיל־געביטלעכקייט פון די אַרויסגעגעבענע ווערק ווייזט אויף די פאָדערונגען פון דעם לייענער, און עס באַווייזט אויך, אַז די היגע העברייאישע ליטעראַטור באַפרידיקט

אַלע אָן אויסנאַם בויטן פון אַ לעבעדיקן און פּראָדוצירנדיקן ישוב. די ליטעראַטור איז שוין נישט גלאַט אַזוי עפּעס אַ צוגאָב, עפּעס אַ מין פאַר־

שער־בלאַט פונעם יוגנט־זשורנאַל „במעלה“

ווײַלונגס־ענין, נאָר עס איז אַ פאַקטאָר, וואָס „דעקט“ אַלע אינטערעסן און פאָדערונגען פון דעם היגן מענטש, דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן, פון סאַמע

אונטן ביזן סאַמע שפּיץ. און לאָמיר געדענקען, אַז דער היגער ידישער ישוב, אין זיין איצטיקן פאַרנעם און פאַרמעסט, איז דאָך ערשט אַלט אַ פּאָר צענדליק יאָר און דערצו נאָך — ביי כסדרדיקע שטערונגען און פאַר־פאָלגונגען פון אַ מאַכט, וואָס העלפט נישט בויען, נאָר אדרבא, האַלט אין איין האַמעווען און לייגן שטעקנס אין די ר'עדער פון דעם היגן לעבן.

די דערשינענע 800 ביכער טיילן זיך לויט די געביטן און אפּטיילונגען אויף אַזאַ אופן:

א. בעלעטריסטיק — דערציילונגען און אָריגינעלע ראָמאַנען.
ב. דערציילונגען און ראָמאַנען, איבערגעזעצטע.
ג. פּאָעזיע, אָריגינעלע.
ד. איבערגעזעצטע פּאָעזיע.
ה. אָריגינעלע דראַמאַטישע שאַפונגען.
ו. איבערגעזעצטע דראַמאַטישע ווערק.
ז. די געשיכטע פון דער אַלגעמיינער און העברייאישער ליטעראַטור; פאָרשונגען און עסייען איבער ליטעראַרישע פּראָבלעמען; ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס.
ח. די מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור.
ט. פאָלקלאָר און זכרונות פון דעם נאָענטן ידישן עבר.
י. קונסט.
יא. תנ״ך־פאָרשונג.
יב. די געשיכטע פונעם ידישן פאָלק, זיין גורל און קולטור.
יג. וויסנשאַפטלעכע ווערק, געזעלשאַפטלעכע און מענטש־פּראָב־לעמען, געשיכטע פון ציטן א. אַז. וו.
יד. פּסיכאָלאָגיע, דערציאונג און פּעדאַגאָגיק.
טו. ביבליאָגראַפיע און דרוק.
טז. צייט־פּראָבלעמען.
יז. דער גלות אין געראַנגל און דער חורבן.
יח. ארץ־ישראל, געשיכטע און קעגנוואַרט.
יט. ציוניזם און דער ישוב, מאָנאָגראַפיעס און זכרונות וועגן וויכ־טיקע פּערזענלעכקייטן אין דער באַוועגונג.
כ. ווערק איבער דעם לעבן און טעטיקייט פון דעם ידישן אַרבעטער אין לאַנד און איבער זיינע אינסטיטוציעס.
כא. די מלחמה און דער ידישער זעלנער.
כב. די רעליגיעזע ליטעראַטור.
כג. ווערטערביכער און לעקסיקאָנען.
כד. קינדער־ און יוגנט־ליטעראַטור.

כה. צייטשריפטן, זאַמלביכער און זאַמלונגען.
כו. לערנביכער און געהילפס־ביכער.
כז. געזאַנג, נאָטן און מאָנאָגראַפיעס איבער קאָמפּאָזיטאָרן.
כח. נאַטור־, ערד־ און באָדן־ענינים, טעכניק און אַנדערע. —

די רשימה פון די אָפּטיילונגען גופא רעדט אַליין פאַר זיך. גוט וואָלט געווען, ווען מען קאָן ברענגען דאָס צעטל ביכער פון יעדער אָפּטיילונג באַזונדער. געגוג צו פאַרגלייכן עס מיט די נעמען פון די יידישע ווערק, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די יערלעכע באַריכטן פון מ. ש. שקליאַרסקי די לעצטע יאָרן אין „יידישע קולטור", כדי צו זען, אויף וויפיל מיר, מיט אונדזער יידישן פאַרלאַגס־וועזן, זיינען ווייט־ווייט הינטערשטעליק. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין אַמעריקע דערשיינען יידישע ביכער נישט מער ווי אַ 120־130 אַ יאָר, און בלויז אויף איניקע געביטן פון יידישן און מענטש־לעכן קולטור־שאַפן און וויסן.

מען וואָלט געדאַרפט אַוועקזעצן אַ קאָמיסיע פון שרייבער, לערער, וויסנשאַפטלער און טוער (פון אַלע ריכטונגען — פון איקוף, ציקאָ, ייוואָ, אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, יידישער פּראָטער־נאַלער פאָלקס־אָרדן, שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, אַמעריקאַנער יידישע קאָנפערענץ א. אַז. וו.), וואָס זאָלן פּאַמעלעך און ערנסט אַדורכגיין די ביידע רשימות — אונדזערע די יידישע, און די העברייאישע אין ארץ־ישראל, און גוט זיך אַריינטראַכטן און אויפ־נעמען די פאַקטן מיט גאָר דער אחריות פאַרן ווייטערדיקן קיום פון דעם יידישן פאָלק, פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע, און מאַכן די געהעריקע אויספירן.

עס זיינען דאָ צווישן די 28 געביטן־אָפּטיילונגען בלויז צוויי געביטן, וואָס מיר קאָנען זיך פאַרגלייכן מער־ווייניקער און אפשר קאָנקורירן מיט דער העברייאישער. דאָס זיינען געביטן א. און ג. — דאָס מיינט אָריגינעלע בעלעטריסטיק און אָריגינעלע פּאָעזיע, וואָס עס דערשיינען אין איכות און אין כמות נישט ווייניקער, אויב נישט מער ווי אין ארץ־ישראל. אָבער די אַלע אַנדערע ווערק, בוך־דערשיינונגען, אויסגאַבעס פון ארץ־ישראל יאָגן און יאָגן ווייט־ווייט אַריבער די יידישע אויסגאַבעס. דאָ זיינען אונדזערע ציפערן און צאָלן ממש קאַטאַסטראָפאַלע, און מיר מוזן אַלאַרמירן, קלאַפּן טרעוואָגע און אָננעמען די ווייט־גייענדיקסטע מיטלען צו פאַרריכטן די בלויזן, צו פאַרבעסערן די געפערלעכע לאַגע, ווייל אויב נישט — זיינען מיר ערב באַנקראָט. די אָפּטיילונג פון איבערגעזעצטע ווערק — דער־ציילונגען און ראָמאַנען פון אַנדערע שפּראַכן, די צאָל איבערגעזעצטע לידער און פּאָעמעס, די אָריגינעלע און איבערגעזעצטע דראַמאַטישע

שאַפונגען, די געשיכטלעכע ווערק, די קינדער־ און יוגנט־ליטעראַטור און אַזוי ווייטער און ווייטער, — לייענט איבער נאָך אַמאָל די אַלע אויס־גערעכנטע געביטן און אָפּטיילונגען פון די דערשינענע ביכער בלויז פאַר איין יאָר אין ארץ־ישראל אויף העברייאיש, און דערמאָנט זיך וואָס מיר, אין אַמעריקע, גיבן אַרויס!

אונדזער פאַרלעגעריי איז איינגעשרענקט. אויב עס ווערן אַרויסגעגעבן ביי אונדז ביכער, סיי דורך די פּאָר געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, אָדער דורך יחידים, איז עס דער עיקר — בעלעטריסטישע ווערק, — דערציילונגען, לידער און ראָמאַנען. אָבער איבערזעצונגען — דאָס איז ביי אונדז אַ זייער זעלטענע דערשיינונג. און דער לייענער, וואָס וויל און לייענט יידיש, מוז אָנקומען צו אַנדערע שפּראַכן, וואו ער קאָן געפינען איבערזעצונגען פון ווערק, וואָס אינטערעסירן אים, סיי קלאַסישע און סיי מאָדערנע, צאַפּלדיקע.

עס האַלט אויך ביי אונדז, אין פאַרגלייך מיטן העברייאישן פאַרלאַגס־וועזן, זייער שלעכט מיט דראַמאַטישע ווערק, סיי אָריגינעלע און סיי איבערגעזעצטע. אין דער רשימה פון דער ארץ־ישראל בוך־פּראָדוקציע ציילט אָט די אָפּטיילונג אַ דריי צענדליק ווערק. דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות און פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, מיט זיין רעפּערטואַר, מיט דער ווילדער באַלעבאַטישקייט, וואָס ווערט געפירט ביי אונדז אינעם יידישן טעאַטער, וואו דער שרייבער, וואו נאָרמאַלער קלאַסי־שער און מאָדערנער רעפּערטואַר איז אַרויסגעיאָגט זינט יאָרן און יאָרן, און דער דראַמאַטיקער איז דאָרטן אַ גאָר זעלטענער גאַסט...

און נאָך באַשיינפּערלעכער זעט זיך אָן אונדזער אָרעמקייט, אונדזער פאַרוואָרלאָזטקייט, ווען מיר גייען אַדורך די אָפּטיילונג פון די פאַר־שיידענע ליטעראַרישע פאָרשערישע ווערק פון דער העברייאישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין משך פון בלויז צוועלף חדשים, און גיבן אַ פיר איבערן זכרון, וואָס עס איז אויף דעם געביט אַרויס־געגעבן געוואָרן אין יידיש. דאָס האָט צו טאָן מיט דער גרויסער צאָל תלמידים אין די מיטלשולן און העכערע שולן, וואָס געברויכן אָט די אַלע ביכער פאַר זייערע שטודירונגען. ביי אונדז איז מען, בעוונותינו הרבים, פּטור פון אַזאַ מין „לוקסוס".

און די צאָלן און נעמען פון די הונדערטער ביכער און ביכלעך פאַר די פאַרשיידענע עלטערס, וואָס זיינען דערשינען פאַר דער יידישער יוגנט, פון די סאַמע יינגסטע יאָרן ביז די דערוואַקסענע! וואָס קאָנען מיר קעגנ־שטעלן אָט די הונדערטער ביכער, וואָס דערשיינען אין די פיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן אין העברייאיש?

אָבער די רשימה גופא און די שפע פון די אָפּטיילונגען איז נאָך

וויניק. עס איז וויכטיק צו טיילן זיך מיט די איינדרוקן, מיט די שמועסן, מיט די מאַטעריאַלן און פאַקטן, וואָס איך האָב די לעצטע פּאָר טעג אויפגענומען און פאַרנאָטירט אין די פּאָר פאַרלאַגן, אין די אַרויסגעבער־אינסטיטוציעס, וואָס איך האָב באַזוכט. איך האָב באַוויזן צו באַזוכן בלויז איינציקע פון דער גרעסערער צאָל טעטיקע און פּראָדוקטיווע פאַרלאַגן.

אויסער די צענדליקער פּריוואַטע פאַרלאַגן מיט אַ גאַנץ־גרויסן פּאַרנעם, וואָס גיבן אַרויס ביכער אויף פאַרשיידענע אופנים און אין פאַרשיידנסטע געביטן, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, זיינען די לעצטע עטלעכע יאָר געשאַפן געוואָרן און שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן עטלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרויסגעבערישע אַפּאַראַטן. עס האָט זיך געוואָלט, אַז אונדזערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער יידישער אַמעריקע, וואָס האָבן פּרעטענזיעס און וואָס פּרואוון עפּעס טאָן און אויפטאָן אויף דעם פאַרלאַגסגעביט, — עס האָט זיך געוואָלט, אַז אָט די פאַרלאַגן, סיי די רעדאַקציעס און סיי די אַדמיניסטראַציעס, זאָלן שיקן אַהער זייערע פאַרשטייער, כדי צו זען און איבערצייגן זיך אויפן אָרט ווי און וואָס מען טוט. דאַן וועלן מיר אפשר זיך אַ ריר טאָן פונעם אָרט, און אונדזערע אַפּעטיטן און פאַרמעסטן וועלן וואַקסן.

פריער פון אַלץ — די אַרבעטער־פאַרלאַגן : ביי דער „הסתדרות״ („עם עובד״, געשאַפן דורך בערל קאַצענעלסאָן) און ביים „השומר הצעיר״ („ספרית פועלים״). איך האָב באַזוכט דיביידע פאַרלאַגן, גערעדט מיט די פאַרוואַלטערס, זיך באַקענט נעענטער מיט די אַרויסגעגעבענע ביכער, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אַלגעמיינע פּלענער, צו די מעטאָדן פון זייער טעטיקייט און צו דעם אופן ווי די ביכער ווערן צוגעגרייט, איבערגעזעצט, רעדאַקטירט און דערנאָך פאַרשפּרייט. און איך, וואָס בין געקומען פון דער רייכער אַמעריקע און פון דער וועלט־מעטראָפּאָליע, האָב זיך געפילט ווי אַ דאָרפס־ייד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן כרך.

דער פאַרלאַג „עם־עובד״ האָט אַ 10־12 פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, וואָס יעדע פון זיי טיילט זיך אויף צווייגן און אָפּצווייגן. מען גיט נישט אַרויס אַ בוך אָדער אַ ביכל, נאָר מען האָט אויסגעאַרבעט פּלענער לויט אַ סיסטעם. יעדע פון די הויפּט־אָפּטיילונגען גיט אַרויס 12 ביכער אין לויף פון אַ יאָר. איצט, אַ חודש איידער עס הויבט זיך אָן דאָס נייע יאָר תש״ז, איז שוין דאָ דער פּלאַן אויף דעם נייעם יאָר און די רשימה פון די 12 ביכער פאַר יעדער באַזונדערער אָפּטיילונג. איינציקע ביכער זיינען שוין גרייט, אויסגעזעצט, געדרוקט, אָדער ווערן געזעצט און איבערגעזעצט. הכלל, עס אַרבעט אַן אַפּאַראַט פון שרייבער, רעדאַקטאָרן, הויפּט־רעדאַק־

טאָרן און געביט־רעדאַקטאָרן, מיט איבערזעצער און אַ צייכענער א. אַז. וו. דער חבר אין „עם־עובד" האָט מיר פאַנאַנדערגעוויקלט די אַלע פּלענער און אויך אַרויסגענומען פון זיין טעקע די אַלע רשימות מיט ביכער, וואָס דאַרפן און וועלן אַרויסגעגעבן ווערן. אין דורכשניט גייען אַרויס אַ צוויי ביכער אַ וואָך, דאָס מיינט 100 ביכער אַ יאָר. — אָט זיינען די הויפּט־אָפּטיילונגען פון דעם פאַרלאַג: „לדור" (לאַדאָר), „דעת" (וויסן), „ספרי־שירה", „יד למעיין" (הילף פאַר פאָרשער), „מן המוקד" (פון דעם פייער — ביכער געווידמעט די גרויזאַמקייטן פון די דייטשע בעסטיעס), „דעות" (פאַרשיידענע פּראָבלעמען), „אנתולוגיות" (אַנטאָלאָגיעס); דערנאָך קומט אַ רייכע קינדער־אָפּטיילונג, וואָס ווערט געטיילט אין עטלעכע באַזונדערע טיילן, לויטן עלטער: „קטינא" (פאַר קליינטשיקע קינדער), „לילד" (פאַר קינדער), „לנער" (יוגנט), און „שחרות" (פאַר דערוואַקסענער יוגנט).

די ביכער דערשיינען אין אַ 6־5 טויזנט קאָפּיעס, און דער עיקר — זיי ווערן שנעל פאַרטיילט און פאַרקויפט. אין דעם קאַטאַלאָג, וואָס איך האָב פאַר זיך פון יאָר תש"ה (מערץ, 1945), זיינען פאַראַן עטלעכע זייטן מיט ביכער, וואָס זיינען אויספאַרקויפט.

און אָט דער צווייטער אַרבעטער־פאַרלאַג „ספרית פועלים" פון „השומר הצעיר". מיט דעם זעלבן פאַרנעם און ברען, וואָס אָט די אָרגאַני־זאַציע פירט אירע אַלערליי אַרבעטן אין לאַנד און אויסערן לאַנד, מיט דעם זעלבן ברען ווערט אויך אָנגעפירט די פאַרלאַגס־אַרבעט. איך בין לאַנג געזעסן ביי דער יונגער חברה און ממש נישט געגלויבט מיינע אויערן און אויגן. איך בין שוין, ברוך־השם, איבער 35 יאָר פאַרבונדן מיט פאַר־לאַגס־טעטיקייטן, איך בין פאַר אָט דער צייט געשטאַנען „ביים צאַפּן", געדרייט גאַנץ גרויסע פאַרלעגערישע מאַשינען אין קיעוו און אין ווילנע, אין וואַרשע און אין ניו־יאָרק, אָבער דאָ גייט עס אויף אַ גאָר ברייטערן שטייגער און פאַרנעם.

די „ספרית פועלים", וואָס געפינט זיך ביים „הקיבוץ הארצי" (לאַנד־קיבוץ) פונעם „השומר הצעיר", האָט אויך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט. און אַלץ גייט דאָ מיט אַ טאָלק און מיט גרויסע בודזשעטן און מיט גרויסע פּלענער און לויט אַ סיסטעם. און דאָס מערק־ווירקדיקסטע איז, וואָס די רעדאַקציע, די זעצעריי, די דרוקעריי געפינט זיך טאַקע אין קיבוץ, אין דעם „משק" (ווירטשאַפט־זידלונג) „מרחביה", וואָס איז די מעקאָ פון „השומר הצעיר". פון „מרחביה" ווערן אַרויסגעשיקט נישט נאָר מילך־פּראָדוקטן, פרוכט און אַלערליי גרינס, נאָר אויך פאַרטיקע ביכער צום פאַרקויף און פאַרשפּרייט קיין תל־אביב, חיפה, ירושלים און אַזוי ווייטער.

אויך אַט דער פאַרלאַג האָט געשטעלט זיך פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן די בעסטע ביכער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, בעלעטריסטיק און וויסנשאַפטלעכע ווערק, פאַר די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן, פאַר דעם אַר־בעטער און יוגנט, צו פּאָפּולערע פּרייזן. די ביכער, וואָס ווערן גוט גע־פּלאַנירט און פלייסיק אַרויסגעגעבן, געהערן צו פאַרשיידענע אַכט באַזונדערע סעריעס אָדער אָפּטיילונגען. די ביכער ווערן אַרויסגעגעבן מיט געשמאַק — אַ קלייניקייט, אַז מען האָט אַן אייגענע דרוקעריי אונטער דער אויפזיכט פון טרייע חברים. אין די קריגס־טעג האָט מען זיך אַביסל גע־מאַטערט, אָבער איצט גייט אַלץ בעסער מיט פּאַפּיר און דרוק. — דער „השומר הצעיר" איז פּראָגרעסיוו אין זיין שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, צום רעוואָלוציאָנערן ציוניזם, צו דער פראַגע פון צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבער א. אַז. וו. — רופט עס זיך שטאַרק אָפּ נישט נאָר אויף זיין אָרגאַן, די טעגלעכע צייטונג „משמר", וואָס דערשיינט דאָ, נאָר אויך אויף דעם פאַרלאַג. מיר טרעפן צווישן די אַרויסגעגעבענע ביכער ווערק פון און וועגן מאַרקס, לענין, סטאַלין, און בכלל ווערק פון סאָוועטישע וויסנשאַפט־לער, ווי אויך איבערזעצונגען פון יידישע שרייבער. אמת, דאָס טוען אויך אַנדערע און אויך פּריוואַטע פאַרלעגער מיט אַ גאַנץ־ברייטער האַנט. — די „ספרית פועלים" דרוקט איצט ביכער אין אַ 4־5 טויזנט עקזעמפּלאַרן. זיי וועלן אינגיכן דרוקן אין מער קאָפּיעס, ווייל די ביכער ווערן גיך פאַר־שפּרייט. דאָס בוך פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנקע אין ווילנע, רוזשקע (רייזל קאָרטשאַק — „להבות באפר", איבערגעזעצט פון פּוילישן כתב־יד), וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 4,500 קאָפּיעס, איז אין משך פון אַ 4־5 וואָכן אויספאַרקויפט. און אַזוי אויך מיט פיל ענלעכע ביכער, וואָס באַלד ווי זיי גייען אַרויס, ווערן זיי פאַנאַנדערגעגאַנגען. י. אָפּאַטאָשוס „אנשים וחוצות" (מענטשן און גאַסן), געדרוקט אין 3,000 עקז., איז פאַרשפּרייט געוואָרן שנעל, פאַר אַ צוויי חדשים, און עס זיינען געבליבן בלויז אַ פּאָר צענדליק.— און „האַמלעט", איבערגעזעצט דורך א. שלאָנסקי, וואָס גייט אין „הבימה", איז פאַר אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין פינף טויזנט קאָפּיעס.

און אַז די חברים האָבן מיך געפרעגט אין וויפל עקזעמפּלאַרן מיר גיבן אַרויס אונדזערע ביכער אין אַמעריקע, האָב איך זיך געשעמט זאָגן דעם אמת, געדרייט מיט דער צונג, און געזאָגט: „בלויז אין דריי טויזנט, ווייל מלחמה־צייט איז געווען שווער צו קריגן פּאַפּיר..." האָב איך, כדי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פון אונדזערע אַמעריקאַנער יידן, געזאָגט אַ . . . ליגן.

עס זיינען בלויז צוויי ביישפּילן פון טעטיקע, פּראָדוקטיווע פאַרלאַגן. פאַראַן נאָך געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע פאַרלאַגן מיט גרויסע אַרויס־

געבערישע אַפּאַראַטן און מיט גאַר גרויסע רעזולטאַטן. אָט, למשל, דער פאַרלאַג פון „הקיבוץ המאוחד“, וואָס גיט אַרויס פיל וואָגיקע ווערק, און אַזאַ מין פּריוואַטער פאַרלאַג ווי „מסדה“ און נאָך און נאָך, וואָס ס'איז אוממעגלעך אין אַן אַרטיקל אַלץ אויסצורעכענען.

פון וואַנעט עס נעמט זיך אָט דער מזל־ברכה — ווער ווייסט! גיכער פון אַלץ, ווייל עס איז דאָ אַ געזונטע און יידיש־אויפגעצויגענע (ריכטיק — העברייאיש־אויפגעצויגענע!) יוגנט, מיט אַ שול־וועזן און מיט אַלדי זאַכן, וואָס הויבט דעם אינטערעס און דעם אַנזען און די חשיבות פון און פאַר אַ שפּראַך, און מסתמא אויך — ווייל עס איז דאָ עקשנות און אויסדויער און נויטיקער פאַנאַטיזם פאַר העברייאיש. הלוואי האָבן מיר עס ביי אונדז אַזוי פאַר יידיש! און דערצו אַ פּרעסע, מיט אַ טעאַטער, מיט קולטור־דער־ציערישע אינסטיטוציעס, מיט אַ סביבה, וואָס מיינט אויפריכטיק און אמת, אָן קיין שום וואַקלונגען און דרייענישן, אַז העברייאיש איז די נאַציאָנאַלע און אייגענע שפּראַך פון פאָלק.

צוליב דעם, וואָס עס ווערן אַזוי פלייסיק און האַסטיק אַרויסגעגעבן די פאַרשיידנסטע קלאַסישע און מאָדערנע ווערק אויף די פאַרשיידענע געביטן, ווערט דער יונגער און מיטליאַריקער לייענער צוגעוויינט צו קריגן אַלע, אַלע ביכער, פון שיינער ליטעראַטור, פון סאָציאַלער וויסנשאַפט, פון פאַר־שיידענע האַנט־ביכער — אין דער העברייאישער שפּראַך. די נייע סאָוועטישע ליטעראַטור איז דאָ שטאַרק באַקאַנט דורך די העברייאישע איבערזעצונגען, וואָס עס גיבן אַרויס אויך פּריוואַטע פאַרלעגער, וואָס מאַכן דאָ זייער גוטע געשעפטן און צאָלן האָנאָראַר און פאַרדינען נאָך געלט. איך בין געווען ביי אַ פּאָר פון אַזעלכע פאַרלעגער און געזען באַשיינפּער־לעך, ווי עס איז אַ גוט געשעפט, — מען באַשטעלט ביכער, מען גיט אַרויס, מען אַרבעט מעשים, מען דרוקט טויזנטער און טויזנטער קאָפּיעס, און מען זוכט און מען לויפט נאָך דעם מחבר. ווי שטייט דאָרטן אין פּסוק: „והחזיקו שבע נשים...“ זיבן פאַרלעגער כאַפּן אָן אַ העברייאישן שרייבער און בעטן זיך ביי אים: גיב סחורה, מיר וועלן צאָלן געלט און וועלן דרוקן... איך האָב בעת מעשה זיך דערמאָנט אָן אונדזער בוכהענדלער איטשע בידערמאַן, אָן דעם האַרציקן מאַקס נ. מייזעל און . . . זיך געשעמט.

איך פרעג אין „עם־עובד“: „מיינט איר נישט, אַז די שווערע צייט, די נאָך־מלחמה־צייט בכלל און דער דויערנדיקער קריג דאָ אין לאַנד, וועט אַרויסרופן אַ קריזיס אויפן יידישן ביכער־מאַרק?“ האָט מען מיך אָנ־געקוקט מיט אַ באַדויערן, וואָס איך פאַרשטיי נישט דעם היגן מענטש, דעם אַרבעטער, וואָס וואַרט אויף אַ בוך, וואָס לעכצט נאָך אַ בוך... און דערווייל דרייען זיך אַלע רעדער — דער שרייבער שרייבט, די איבער־

זעצער זיינען פאַרהאַוועט, און דער אַרויסגעבער יאָגט דעם שרייבער און דרוקער, ווייל דער לייענער לעכצט און פאַדערט.

חוץ זייער שאָדן, רבונו של עולם, אויף אונדז געזאָגט געוואָרן! — האָב איך געטראַכט ביי זיך און זיי שטאַרק מקנא געווען.

ווען מען רעדט וועגן פאַרלאַגן, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן בקיצור אויף דעם „מוסד־ביאַליק" (ביאַליק־אינסטיטוט), וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט איבער 10 יאָר צוריק דורך דער יידישער אַגענטור אין ירושלים, וואָס געפינט זיך טאַקע נישט ווייט פון דער אַגענטור־געביידע אין ירושלים אין אַ באַזונדערן בנין. איך האָב די טעג באַזוכט ירושלים און פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אין אָט דעם ביאַליק־אינסטיטוט. דער צוועק פון דער קולטור־אינסטיטוציע איז אויפצוזאַמלען די ליטעראַטור פון דורות לויט דעם ווילן און די צילן, וואָס ביאַליק גופא האָט נישט איין מאָל געטרוימט וועגן דעם. פאַר די 10 יאָר האָט דער אינסטיטוט זייער פיל אויפגעטאָן — ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל ווערק, וואָס פּריוואַטע פאַרלעגער זיינען נישט אימשטאַנד עס צו טאָן; ער האָט געהאָלפן מיט באַדייטנדיקע סומעס אַנדערע פאַרלאַגן אַרויסצוגעבן וויכטיקע ווערק; ער האָט ברייט סובסידירט די אויסגאַבע פון זשורנאַלן און זאַמלביכער. פאַר דער צייט זיינען דורך דעם ביאַליק־אינסטיטוט אַרויסגעגעבן געוואָרן, אָדער עס זיינען סובסידירט געוואָרן, איבער 150 ביכער, — פון זיי אייניקע פון גרויסן וויסנשאַפטלעכן ווערט; ביכער איבער געשיכטע, איבער דער געשיכטע פון ארץ־ישראל, איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע קלאַסישע ווערק א. אַז. וו. — דער בודזשעט די לעצטע פּאָר יאָר איז איבער 12 טויזנט פונט אַ יאָר. — דער פאַרוואַלטער פונעם אינסטיטוט, מ. אינדעל־מאַן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט", האָט פאַר מיר איבערגעוואָרפן צענדליקער ווערק, וואָס ווערן איצט געזעצט, מיט פּרעכ־טיקע בילדער, מיט פּרעכטיקע מאַפּעס. — ער האָט זיך באַרימט, וואָס אין ארץ־ישראל, אין די סאַמע שווערסטע צייטן, האָט מען באַוויזן דרוקן ביכער מיט אַזאַ לוקסוס, אויף אַזאַ פיינעם פּאַפּיר, מיט אַזעלכע גוט־אויסגעפירטע בילדער און מאַפּעס.

און וואו איז ערגעץ ביי אונדז אין אַמעריקע אַזאַ מין קולטור־פאָנד מיט אַזעלכע קולטור־אַמביציעס? זיינען מיר טאַקע אַזעלכע קבצנים אין גייסט, אין פאַרמעסט, אין השגות?

און די טעגלעכע פּרעסע אינעם לאַנד:

אין תל־אביב דערשיינען זעקס טעגלעכע פרימאָרגן־צייטונגען. דאָס זיינען: „דבר" (פון דער „הסתדרות"), „משמר" (פון „השומר הצעיר"), „הארץ" (פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), „הצופה" (פון „מזרחי"), „הבוקר"

(פון די אינדוסטריעלער), „המשקיף״ (אַ רעוויזיאָניסטישע), און לעצטנס —אַ זיבעטע צייטונג, „הגה״ (העגע) — אַ צייטונג מיט נקודות פאַר דעם, וואָס ווייסט ווייניק העברייאיש, אַרויסגעגעבן דורכן „דבר״.

אַט די צייטונגען ווערן אַרויסגעגעבן לערך אין קאָפּיעס: „דבר״ — אַ 20 טויזנט, „משמר״ — אַ 10 טויזנט, „הארץ״ — אַ 20 טויזנט, „הצופה״ — אַ 5 טויזנט, „הבוקר״ — אַ 8 טויזנט, „המשקיף״ — אַ 3 טויזנט און „הגה״ — אַ 4 טויזנט, אין סך־הכל אין אַ 65 טויזנט קאָפּיעס. דאָס מיינט — אין 4־5 מאָל ווייניקער ווי די צאָל צייטונגען, וואָס דערשיינען אין אַמעריקע מיט אַ באַפעלקערונג פון 8־9 מאָל מער ווי אין ארץ־ישראל. דערצו קומען נאָך עטלעכע צייטונגען אין העברייאיש, וואָס דערשיינען נאָכמיטאָג און פאַרנאַכט. די סאַמע פאַרשפּרייטסטע איז „ידיעות אחרונות״ אין תל־אביב, מיט אַ טיראַזש פון אַ צען טויזנט.

פרייטיק, דאָס מיינט ערב־שבת, דערשיינען פאַרגרעסערטע נומערן מיט נאָך עטלעכע זייטן ספּעציעל געווידמעט ליטעראַטור, קריטיק, טעאַטער, קונסט, פּאָליטישע און סאָציאַלע און אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען.

אויסער אַט די טעגלעכע צייטונגען, דערשיינען צענדליקער אַלערליי צייטונגען און צייטשריפטן, זשורנאַלן און זשורנאַלכלעך פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און גרויס, פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּקעלעך. און ווען מען זעט אויף אַ צייטונגס־„סטענד״ (קיאָסק) הענגען אַט די צענד־ליקער צייטונגען און צייטשריפטן, זאַמלונגען און זשורנאַלן — פרעגט מען, ווער און ווי אַזוי באַווייזט אַזאַ באַגרענעצטער יידישער ישוב דאָס אַלץ קויפן און פאַרדייען.

מען דאַרף דאָ דערמאָנען די וואָכנצייטונג „קול לעם״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די היגע קאָמוניסטן. די אַרויסגעבער גרייטן זיך צו פאַרוואַנדלען אָנהויב 1947 דעם „קול לעם״ אין אַ טאָגבלאַט!

וועגן דער פּרעסע אויף יידיש וועלן מיר רעדן באַזונדער. לאָמיר דאָ בלויז דערמאָנען, אַז עס דערשיינט אין יידיש אַ וואָכנבלאַט „נייוועלט״ (אַרויסגעגעבן פון די לינקע פּועלי־ציון) און ס׳דערשיינט אַ חודש־בלאַט „די שטימע פון פאָלק״ (פון די קאָמוניסטן).

און די היגע מער־קריטישע און ערנסטע מענטשן טענהן מיט מיר איין, אַז עס איז טאַקע אַן איבערפלוס, אַן איבערפּראָדוקציע, און הלוואי וואָלט געווען ווייניקער, אָבער גרינטלעכער. אָבער וועגן דעם קאָן מען אויף דעם ערשטן בליק נישט אורטיילן — און איך נעם זיך נישט אונטער גלייך, אויף דער הייסער מינוט און ביי אַלגעמיינער באַקאַנטשאַפט, צו מאַכן פון דעם אַלעמען אויספירן.

און איצט קומען מיר צו נאָך אַ וויכטיקן קולטור־שאַפערישן און קינסטלערישן געביט — צו טעאַטער.

אויך דאָ, אין דעם־אָ קונסט־אַפּשניט, טרעפן מיר איבערראַשונגען, וואונדער איבער וואונדער, און בפרט, ווען מען קומט פון ניו־יאָרק און מען איז באַקאַנט מיט דעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער־לעבן און מיט די באַדינגונגען, וואָס עס הערשן דאָרט, אין אַלע אָן אויסנאַם טעאַטערס.

די מוגרבי־טעאַטער־געביידע אין תל־אביב

ראשית, דער טעאַטער־סעזאָן — ווילט איר גלויבט, ווילט איר גלויבט נישט! — דויערט אַ פול, גאַנץ קיילעכדיק יאָר, בלויז מיט אַ פּאָר וואָכן אויף אורלויב (חופש [כאַפּעש] פּאַר די שוישפּילער!), מיט אַ יערלעכן געהאַלט, וואָס ווערט געצאָלט כסדר. אַפילו אין אויגוסט, ווען די היצן זיינען אומדערטרעגלעך, און קיין טעאַטער־געביידעס מיט „עיר־קאָנדישאָנינג" זיינען נישטאָ — שפּילן די טעאַטערס. בלויז אַ צוויי שפּילן נישט מחמת די קורצע וואַקאַציעס. עס זיינען דאָ שטענדיקע, פּערמאַנענטע טעאַטערס, מיט טרופּעס, מיט רעזשיסערן, מיט פּאַרוואַלטערס, מיט פּלענער פּאַר אַרבעט, מיט טעאַטראַלן האָב־און־גאָב פון רעפּערטואַר, מיט אָרקעסטערס און אַזוי ווייטער און ווייטער: „הבימה", „אוהל", „מטאטא", „תיאטרון קאמרי", „לי־לה־לו". 3 טעאַטערס, הייסט עס, פּאַר דראַמע און

קאָמעדיע, און צוויי — רעווי־טעאַטערס, פון אַזוי־גערופענעם קליין־קונסט כאַראַקטער. און דערצו קומען צו די „העברייאישע אָפּערע", וואָס שפּילט כסדר אַ 4־5 מאָל אַ וואָך, און אַ שטענדיקער סימפאָנישער אָרקעסטער. אויסער אָט די שטענדיקע, פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס עקזיסטירן נאָך און נאָך פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזלעך, וואָס פירן־אויף זאַכן אין פאַר־שיידענע גרעסערע און קלענערע פּונקטן.

עס איז אָבער נאָך ווייניק צו ברענגען בלויז די נעמען פון די טעאַטערס. מען דאַרף זיך צוקוקן און זיך אַריינטראַכטן אין דעם אופן פון זייער אַרבעט. מען דאַרף באַטאָנען זייער באַשטענדיקייט. עס זיינען טע־אַטערס (און בעיקר „הבימה", „אוהל", „מטאטא") מיט אַ געשיכטע פון יאָרצענדליקער טעאַטער־טעטיקייט, מיט אַנסאַמבלען, וואָס זיינען צונויפ־געוואַקסן מיטן טעאַטער און מיט אַ פירערשאַפט, וואָס איז געבויט אויף קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג און דערפאַרונג, און מיט עקספּערימענטן און מיט אויסבליקן אויף ווייטער.

די „הבימה" האָט הינטער זיך אַ זייער רייכע און פילפאַרביקע גע־שיכטע פון איבער 25 יאָר מיט גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען, מיט זוכענישן און מיט פילקאָלירנדיקע באַרג־אַרויפן. און דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס מען האָט הינטער זיך אַ רעפּערטואַר פון אַ 80 פּיעסעס, וואָס אַ טייל איז נאָך דער אייזערנער פאָנד פון דעם טעאַטער. עס וואָלט געווען כדאי צו ברענגען דעם גאַנצן רעפּערטואַר פאַר די 26 יאָר, אויסרעכענען די אַלע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע דראַמאַטישע שאַפונגען, און דער־ביי אָנווייזן די רעזשיסערן, די מוזיקער, די מאָלער־דעקאָראַטאָרס, די באַלעט־מייסטערס א. אַז. וו. און עס איז נאָך מער אינטערעסאַנט אויס־צורעכענען וויפיל מאָל יעדע פון די פּיעסעס איז אויפגעפירט געוואָרן. דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער, קולטור־קינסטלערישער און סצענישער באַלערנדיקער מאַטעריאַל. איך וועל נאָר אויסרעכענען די פּיעסעס, וואָס זיינען געגאַנגען אין „הבימה" איבער 100 מאָל. דאָס זיינען (די ציפערן געהערן צו אויגוסט 1945): „נשף בראשית" (104 מאָל), „הדיבוק" (896), „היהודי הנצחי" (282), „הגולם" (280), „האוצר" (115), „כתר דוד" (118), „אוריאל אקוסטא" (166), „כבלים" (110), „עמך" (125), „יום הששי הקצר" (140), „ילדי השדה" (119), „קשה להיות יהודי" (110), „מירעלע אפרת" (145), „מיכל בת שלום" (112), „האדמה הזאת" (128), „טוביה החולב" (189), א. אַז. וו.

די ציפערן זיינען זייער באַלערנדיק. זיי ווייזן אויף אַ שטענדיקער, אויפהערלעכער טעטיקייט פון אַ קאָלעקטיוו, וועלכער האָט פאַר די אַלע יאָרן אַדורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלע קינסטלערישע און גלייכצייטיק אויף

— אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, נישט געקוקט אויף די גע־וואַלדיקסטע שטערונגען, וואָס זיינען געלעגן אויפן וועג סיי פונעם טעאַטער בכלל און סיי פאַר די פאַרשיידענע צווייגן און טיילן פון דער אַרבעט. עס איז נישט געווען קיין איבעררייס אין דער טעטיקייט, נישט געווען קיין הפסקות אינמיטן, ווי מיר זיינען געוואוינט צו זען אין דער טעטיקייט פון, למשל, מאָריס שוואַרצס טעאַטער, וואָס, מיט אַלע זיינע גרויסע פאַרדינסטן, איז ער כסדר אונטערגעוואָרפן דעם ווילן, דעם געשמאַק פון איין מענטש, ווי וואַגיק און וויכטיק ער זאָל נישט זיין. און דערביי דאַרף מען אונטער־שטרייכן, אַז דער טעאַטער, חוץ דעם, וואָס ער פאַרמאָגט אַ גרויסן איי־גענעם, ספּעציעל־געבויטן בנין אינעם צענטער פון תל־אביב, האָט דער טעאַטער אַ ריזיקן קאַפּיטאַל, וואָס איז נישט צום אָפּשאַצן — ער פאַרמאָגט אַ פּאָר צענדליק פּיעסעס אין זיין רעפּערטואַר מיט דעקאָראַציעס און פאַרטיק־געשפּילטע ראָלן און רעזשי. צו יעדער צייט — נעמט מען די פּיעסע אַרויס און זי ווערט געשפּילט.

און ווי „הבימה" אַזוי אויך דער צווייטער דראַמאַטיש־קינסטלערישער טעאַטער, דער „אוהל", וואָס איז אַ קינד פון דער „הסתדרות" און ער ווערט פון איר אויסגעהאַלטן און געשטיצט. דער טעאַטער איז אויף פינף יאָר יינגער פון „הבימה". און ווי „הבימה" איז אויך דער „אוהל" אַ וויכטיקע טעאַטער־אינסטיטוציע, וואָס אַרבעט מיט פלייס און אויסדויער און אַן איבעררייס איבער 20 יאָר. דער „אוהל" האָט אויף זיין קאָנטאָ עטלעכע און פופציק אויפפירונגען פון געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישן באַדייט און פאַרנעם. די עטלעכע און פופציק פאַרשטעלונגען ווערן געטיילט אויף סאָציאַלע, היסטאָרישע און ביבלישע, קלאַסישע, ארץ־ישראלדיקע און אַקטועלע שאַפונגען. ווי אין „הבימה", זיינען מיטן און אַרום „אוהל" אויסגעוואַקסן שוישפּילער, רעזשיסערן, דעקאָראַטאָרס, מוזיקער, באַלעט־מייסטערס און אַזוי ווייטער.

און דאָס סאַמע וויכטיקסטע: עס איז אויסגעוואַקסן אַ שטענדיקער טעאַטער־באַזוכער, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן טעאַטער, ווייסט זיין גאַנג, זיין אַנטוויקלונג, פאָלגט נאָך אַלע זיינע זוכענישן און איז מיטבאַטייליקט אין אַלע זיינע טואונגען. איז טאַקע דאָ אַ כסדרדיקער עולם סיי אין די שטעט, סיי אין די קאָלאָניעס, אין די קבוצות, וואָס איז גערן צו זען הן די נייע, הן די פריערדיקע אויפפירונגען. און טאַקע דערפאַר ווערט די אַרבעט פון די טעאַטערס נישט איבערגעריסן — מען שפּילט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און מען דערלויבט זיך בלויז אויף אַ קורצן אָפּרו — אויף אַ 3־4 וואָכן.

עס איז אינטערעסאַנט: די „הבימה" און דער „אוהל" האָבן פאַר דער צייט געשאַפן דראַמ־סטודיעס, מיט לערער, מיט סעמינאַרן, און עס ווערן

אַנגעפירט טעאָרעטישע און פּראַקטישע לימודים אין משך פון יאָרן. די סטודיעס האָבן טאַקע צוגעטראָגן זייער יונגן צושטייער צו די אַנסאַמבלען. אין די פאַרשטעלונגען, וואָס איך האָב באַוויזן צו זען, טיילן זיך אויס די יונגע סטודיאַנטן, וואָס שפּילן גאַנץ־אַנגעזעענע ראָלן. עס קומען אויך פאָר שטענדיקע וואָך־ווײַכנטלעכע טעאַטער־דיסקוסיעס מיט אַ גרויסער באַ־זוכערשאַפט פון אַ יונגן עולם. יעדע נייע אויפפירונג רופט אַרויס פאַר־שיידענע וויכוחים, וואָס פאַרגרעסערן דעם אינטערעס צו דער פאַרשטעלונג.

דער טעאַטער אין ארץ־ישראל איז אַ „יש" — אַ דערשיינונג. עס ווערט אַפילו אַרויסגעגעבן פון דעם „הבימה"־קרייז אַן אינטערעסאַנטער טעאַטער־זשורנאַל „במה". אויך אין די אַלע אַנדערע צייטשריפטן און זאַמלונגען ווערט אָפּגעגעבן דעם טעאַטער זיין פאַרדינט אָרט. די „הבימה"־שוישפּילער האָבן געקראָגן פון דער שטאָט אַ גרויסן פּלאַץ נישט נאָר פאַרן טעאַטער, נאָר אויך פאַר וואוינונגען פון די שוישפּילער. דער העברייאישער אַרטיסט פאַרמאָגט זיין היים, עס ווערט אָנגערופן „די הבימה־שכונה" (מיט צענדליקער פּרעכטיקע הייזער).

עס פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און באַשרייבונג דער „אָפּערע־טעאַטער", וואָס שפּילט אויך אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. ער פאַר־מאָגט אַן אָרקעסטער, דיריגענטן, אַ פיינעם, לויט די היגע באַדינגונגען, אַנסאַמבל. איך האָב די טעג געזען „קאַרמען". אַוודאי טאָר מען נישט צוגיין צו דעם ספּעקטאַקל מיט דער מאָס פון דער ניו־יאָרקער מעטראָ־פּאָליטאַן־אָפּערע, אָבער דער פאַקט גופא, וואָס עס לעבט און עקזיסטירט זינט יאָרן אַן אָפּערע, מיט אָפּערעס פון פאַרשיידענעם רעפּערטואַר אויף העברייאיש — דער פאַקט גופא רעדט פאַר זיך. אַרום דער העברייאישער אָפּערע — דער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס קאָן קאָנקורירן מיט באַ־דייטנדיקע סימפאָנישע אָרקעסטערס, מיט זיינע דיריגענטן און מייסטער־שפּילער. אגב, צווישן אַנדערע האָבן מיר אינעם אָרקעסטער דעם פּרעכ־טיקן פידלער יוסף קאַמינסקי, דער זון פון אסתר רחל קאַמינסקי. עס האָבן זיך אַרויסגערוקט טאַלענטפולע קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס וואַקסן אַרום דעם אָרקעסטער און אין דער ראַדיאָ.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער יידישער מאָלער אין ארץ־ישראל. די צאָל פון די פּלאַסטיקער איז אַרום 200, מיט מוזייען, אויסשטעלונגען, קונסט־ווינקלען, קונסט־זשורנאַלן א. אַז. וו. ס'זיינען אויך דאָ עטלעכע זייער גוטע און פליסיקע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן פאַר זיך אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט. און אויך טענצער און טענצערינס מיט זוכענישן און דער־גרייכענישן אויף דעם געביט.

דאָס איז בקיצור אַ מין קווערשניט פון דעם אַלעמען, וואָס עס ווערט

געטאָן אויף דעם קולטור־שאַפערישן געביט אין דעם יידישן ארץ־ישראל, וואָס מאַכט איצט אַדורך איינעם פון די שווערסטע פעריאָדן אין זיין אַנט־וויקלונג און וואוקס, — פון די שווערסטע און גלייכצייטיק אינטערע־סאַנטסטע.

תל־אביב, דעם 10טן סעפטעמבער 1946.

17

ווידער אונטערזוכונגען און פאַגראָמלען

עס איז שוין אַזוי באַשערט דעם היגן יידישן ישוב, דעם אויסגע־מאַטערטן און אויסגעשעפּטן, אַלע פּאָר טעג אויפגערודערט צו ווערן פון נייע פאַסירונגען און געשעענישן, וועלכע צעשטערן דעם אַזוי אויך גענוג־צעטרייסלטן יידישן לעבן.

אַלע פּאָר טעג ווערט די לופט פול מיט נייער שפּאַנונג, אַלע פּאָר טעג קומען פּאָר נייע אויפרייסן, וואָס די מאַכט נוצט גערן און ברייט אויס, כדי צו פּאַראַליזירן דעם גאַנג פונעם יידישן ישוב אין לאַנד.

די מאַכטהאָבער ווייסן גאַנץ גוט, זיי קלייבן זיך גוט פּאַנאַנדער, ווער עס וואַרפט די באָמבעס און ווער עס שיסט. די מאַכטהאָבער ווייסן גאַנץ גוט וואוהין עס ציען זיך די פעדים פון יעדן אָנפאַל, וואָס ווערט געמאַכט דורך די יידישע טעראָריסטן. די מאַכט ווייסט גאַנץ גוט, אַז כמעט דער גאַנצער יידישער ישוב, זיינע אַלע פירנדיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטי־טוציעס זיינען קעגן אינדיווידועלן טעראָר פון באַאַמטע און פון אויפרייסן, וואָס ווערן געמאַכט אויף אַנשטאַלטן מיט באַאַמטע און אָפּטמאָל — אויף זייטיקע באַזוכער. נאָך יעדן אַזאַ אָנפאַל ווערן פאַרעפנטלעכט שאַרפע און קלאָרע פּראָטעסטן און פאַרדאַמונגען פון אַלע רעפּרעזענטאַטיווע אינסטי־טוציעס — אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע. אָבער דאָס שטערט נישט דער מאַכט, וואָס קוקט אַרויס אויף אומרוען און צוויסטיקייטן, גלייך אָנ־ווענדן אַלגעמיינעם טעראָר און גוואַלדטאַטן לגבי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער אַלטער צוגאַנג, אַז אַלע יידן זיינען ערוב איינער פאַרן אַנדערן, איז דאָ גילטיק אויף שריט און טריט. און גראָד אַלע יידן דאַרפן טראָגן די אחריות, צאָלן שטראָף פאַר די מעשים, און עס ווערן פאַרזען און פאַרגעסן די אַלע העראָאישע אויפטוען און העלדישקייטן, וואָס יידן אין באַזונדערע פונקטן אין לאַנד האָבן אַרויסבאַוויזן בעת דער צייט ווען די בריטישע מאַכט האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין הילף, און יידן, אַלע אינ־

איינעם און יעדער באַזונדער, האָבן מיט דער ברייטער האַנט און ממש מיט מסירת־נפש אַרויסבאַוויזן אין די שווערע קריגס־יאָרן.

עס איז בכלל דאָ הפקר אַ וועלט, עס הערשט ווילקיר אין אַלע ווינקעלעך פון היגן לעבן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. און באמת — לית דין ולית דיין! מען שלאָגט און מען קאָן זיך אַפילו נישט קלאָגן. און אַז מען האָט זיך די טעג געקלאָגט אויף מעשים־תעתועים, אויף הפקר־פּירעכצן פון די זעלנער — האָט מען געענטפערט, אַז אין אַזאַ צייט קאָנען מיר נישט ערוב זיין פאַר „אונדזערע" מענטשן, און אַז אַלץ וואָס זיי טוען איז גוט און פיין!

אַלע ווייסן און פיל־פיל האָבן עס אַליין דערנאָך, ווען מ'האָט שוין געקאָנט, מיט אייגענע אויגן געזען, ווי מען האָט אין די צוויי קליינע קבוצות „דורות" און „רוחמה", וואָס געפינען זיך אין דער „נגב" (דרום) געגנט, אין משך פון אַכט טעג געבאַלעבאַטעוועט, ווי מען האָט צעשטערט, רואינירט און צעשעדיקט אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַרווען, פאַרשטאָפּט די ברונעמער, וואָס זיינען דאָך דער איינציקער קוואַל פון לעבן פאַר די מענטשן, פאַר די בהמות, פאַר די פעלדער אַרום, צעראַבירט די אַלע אַנגעזאַמלטע זאַכן, זיי פאַנאַנדערגעשאָטן און פאַרניכטעט מיט אַ ווילדער בעסטיאַלישקייט. דאָס האָבן אַלע געזען. אָבער דאָס האָט גאָרנישט געשטערט דער אָפיציעלער מאַכט אַרויסצוגעבן לאחר־מעשה, נאָך דעם אמתן פאָגראָם, אַ מעלדונג, אַז די אַלע שילדערונגען און באַריכטן וועגן עפּעס נישט־געזעצלעכע מעשים פון דעם מיליטער אין „דורות" און „רוחמה" זיינען פאַלש... אַלץ, הייסט עס, איז געווען אין פולסטער אָרדע־נונג! און פון דעם איז געדרונגען, אַז דאָס מיליטער, וואָס לאָזט זיך וואוילגיין אין די יידישע ישובים, האָט געהאַנדלט גערעכטלעך און געזעצ־לעך, און עס קומט זיי גאָר אַ קניפּ אין בעקל, און אַזוי וועט עס זיין אויף ווייטער.

די אַלע, וואָס האָבן באַזוכט אָט די צוויי העלדישע און הערואָישע קבוצות גלייך ווי דאָס „בראַווע" מיליטער פון פאַן בעווין און פון פאַן עטלי האָבן ענדלעך פאַרלאָזט נאָכן אַכט־טאָגיקן פאָגראָם, האָבן געזען אַלדי סימנים פון דער פאַרוויסטונג, אָבער ס'איז „געזעצלעך" — מיינט און פאַר־זיכערט די מאַכט פון זיין „מאַיעסטעט".

און די טעג ווידער אַ נייע כוואַליע פון זוכענישן, פון אַרעסטן, פון מאַסן־טעראָר. אויב עמעץ וואַרפט אַ באָמבע אָדער שיסט ערגעץ־וואו — הויבן זיך אָן טעראָר־אַקטן קעגן הונדערטער טויזנטער פרידלעכע בירגער און קעגן לעבעדיקע קיבוץ־אָרגאַניזמען, וועלכע זיינען גאַנץ באַשטימט און שאַרף קעגן די באָמבע־וואַרפער און שיסער. און עס מאַכט באמת דעם

איינדרוק ווי מען קוקט שוין אַרויס דאָרטן, אין די מאַכט־קרייזן, אויף עפּעס אַ נייער פּאַסירונג, כדי ווי־דעראַמאָל אָנוועגדן לגבי דעם פרידלעכן ישוב נייע גוואַלדטאַטן.

אויף דער גרענעץ צווישן תל־אביב און יפו — נעענטער צו יפו ווי צו תל־אביב, איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס מיט מענטשלעכע קרבנות. איז אָנשטאָט צו זוכן די דירעקטע שולדיקע, נעמט מען אײנמיטן נאַכט — נאָך צוועלף — און מען באַשטימט אַן „עוצר" (קוירפיו) אויף דער גאַנצער 200־טויזנטיקער באַפעלקערונג פון דער יידישער שטאָט תל־אביב און טאָקע גלייך, אויפן אָרט. און גלייך ווערט די גאַנצע שטאָט תל־אביב, וואָס האָט ערשט געגומען רוען און אָפּרוען נאָך אַ לאַנגן הייסן און שווערן טאָג פון אַרבעט, גלייך ווערט די שטאָט אויפגערודערט און אויפגעציטערט. שוין וועקן זיך אַלע אויף, שוין ווערן נערוון געשפּאַנט, שוין הויבן אָן איבער די גאַסן פון שטאָט אַרומקריכן טאַנקען און געווער־טראָקס פון אַלערליי מינים, שוין הערט מען די שווערע סאָלדאַטישע טריט און שוין רופן די הילכערס איבער דער לופט, אַז עס איז אַ קוירפיו און מען טאָר נישט אַרויס אויפן באַלקאָן אונטער דער דראָאונג פון געשאָסן ווערן. און מענטשן־שאָטנס באַווייזן זיך אין די פענצטער און וואַרפן שטומע בליקן אין דער נאַכט אַריין, און קינדער וואַרפן זיך איבער און אומרואיק און דערשראָקן צעווייגען זיי זיך פון פּלוצימדיקן אויפכאַפּן זיך...

הכלל, עס חזרט זיך איבער צום וויפלטן מאָל די קוירפיו, וואָס גיט איבער מענטשלעכע פרייהייט, מענטשלעכע הייזער, מענטשלעכע רו און זיכערקייט צו באַוואָפנטע זעלנער, וואָס ווייסן קיין חכמות נישט און הויבן אָן זייער אַרבעט צו זוכן און צו נישטערן מיט שנאה און האַס, מיט צאָרן און מיט פאַראַכטונג. און עס חזרט זיך ווידער איבער מיט אַ נייעם אימפּעט דער ווילקיר, די הפקרות, וואָס די בריטישע מאַכט ווענדט אָן צו דעם גאַנצן יידישן ישוב, אָן אויסנאַם, און ס'ווערט דער עולם טעראָריזירט און קיין האָן קאָן נישט קרייען און קיין פּאַראיבל טאָר נישט זיין, ווייל . . . אַ תירוץ, ס'איז קריגס־צושטאַנד און דאָן זיינען קיין געזעצן נישט גילטיק.

און מען דאַרף עס באַזונדערס באַטאָנען, אַז אין די מער־פאַרמעגלעכע גאַסן, אין די פיינערע געגנטן און פּלעצער האַלט זיך דאָס מיליטער דאָך מער־ווייניקער אָנשטענדיק, מען ווייזט נאָך אַרויס אין אייניקע פאַלן אַ באַשטימטע מאָס טאַקט. אָבער גאָר אַנדערש פירט זיך אויף דאָס מיליטער פון דער בריטישער „סאָציאַליסטישער" רעגירונג אין די אָרעמערע קוואַרטאַלן, — דאָרטן רעדט מען שוין מיט דער „קאָלבע", דאָרטן אַרבעט שוין דער צעווילדעוועטער סאָלדאַט, דאָרטן גייען שוין אין גאַנג פּעטש און קלעפּ. אַזוי איז עס געווען מיט אַ זעקס וואָכן צוריק, בעת דער פיר־

טאָגיקער באַלאַגערונג פון תל־אביב, און אַזוי אויך איז עס געווען איצט, נעכטן. און ווי אין תל־אביב, אַזוי אויך אין ירושלים, אין חיפה, אין רמת־גן, אין אַלע אַנדערע ערטער, וואו דאָס בריטישע מיליטער פון זיין „מאַיעסטעט" און פון די „סאָציאַליסטן" עטלי־בעווין לאָזט זיך אינמיטן־דרינען אויף ווילדן געיעג אויף יידישע הייזער, אויף יידישע בירגער, אויף יידישע שטעט.

און נאָך אַ זאַך, וואָס מען דאַרף קאָנסטאַטירן: דאָס מיליטער לאַקכנט כסדר וואָס עס לאָזט זיך און וואו עס לאָזט זיך. נאָך יעדער פון אַזעלכע מיני „זוכונגען" קומען אָן אָנקלאָגן, אַז מען האָט דערווייל די באַפעלקערונג באַגנבעט. און מען שלעפּט, וואָס עס לאָזט זיך: אַ פען, אַ זייגערל, אַ פאָטאָ־גראַפיש אַפּאַראַטל און גלאָט שטוב־זאַכן און אַפילו עסנווארג. נאָך די נעכטיקע זוכונגען זיינען אָנגעקומען איבער 100 אָנקלאָגן וועגן גנבות פון דעם בריטישן מיליטער.

איך בין נעכטן אַראָפּגעפאָרן אין דעם שטעטל „רמת־גן" — עס איז אַ פּרעכטיקע זומער־שטאָט נישט ווייט פון תל־אביב, וואָס האָט אויך פאַר־שיידענע פאַבריקן און האַנטווערקעריי־אַנשטאַלטן. אַרום דעם 200־טויזנט־קעפּיקן יידישן תל־אביב וואַקסט אויך אַזוי ראַש און לעבעדיק די שטאָט רמת־גן, וואָס קאָנקורירט מיט אירע האָטעלן (די בית־הבראה — בעט־האַווראַאַ), אַזעלכע מיני פּאַנסיאָנען, וואו מענטשן רוען זיך אָפּ. רמת־גן האָט די אַמביציע צו פאַרמעסטן זיך מיט תל־אביב. צוליב דער באַרגיקער געגנט, שטייען דאָרט פיינע מאָדערנע געביידעס, עס ליגן פאַנאַנדער־געוואָרפן שיינע גערטנער און פּאַרקן, די לופט איז טאַקע דאָרטן אַ בעסערע, אַ געזינטערע. לעצטנס האָט רמת־גן מיט איר יידישן מעיאָר קריניצע אויפגעבויט אַ פּרעכטיקן באַסיין צום באָדן זיך און אַזוי ווייטער. און אָט די שטאָט, וואָס איז דורכאויס פאַרבונדן מיט תל־אביב, ליידט באַזונדערס שטאַרק צוליב דעם אַלגעמיינעם קוירפוי, וואָס הערשט איבערן לאַנד — דער קוירפיו, וואָס פאַרווערט נאָך זיבן פאַרנאַכט ביז פינף אינדערפרי צו פאָרן איבער די וועגן. ווערט אַזייגער זעקס אַ בהלה, מען נעמט איילן און לויפן פון תל־אביב קיין רמת־גן און פון רמת־גן קיין תל־אביב, און נאָך זיבן איז אַלץ איבערגעהאַקט — קיינער קאָן נישט אַרויספאָרן און אַריינפאָרן. און עס ליידן אַלע דערפון: די טעאַטערן, די מואוויס אין תל־אביב, די אַלע עפנטלעכע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס די איינוואוינער פון רמת־גן קאָנען נישט באַזוכן אין תל־אביב.

דאָס איז שוין אַריין אין דער נאָרמע. קאָנען דאָס רוב רמת־גן־פאַבריקן נישט אַרבעטן נאָרמאַל, ווייל די באַוועגונג איז פאַראַליזירט. קאָן אַ רמת־גן־איינוואוינער נישט באַזוכן נאָך זעקס פאַרנאַכט תל־אביב. קאָן

אויך רמת־גן נישט קומען פאַרנאַכט און אין אָוונט אין באַריר און קאָנטאַקט מיט די דערבייאיקע יידישע ישובים און שטעט און שטעטלעך אַרום און אַרום.

און אַז עס איז ווייניק, וואָס יעדע שטאָט און שטעטל איז חדשים־לאַנג פאַראורטיילט אויף אַרעסט, איז אינמיטן־דרינען — דינסטיק, דעם 10טן סעפטעמבער, אינמיטן נאַכט, אויך געפאַלן דער גזר־דין אויף רמת־גן צו אַ באַזוך פון עטלעכע טויזנט זעלנער פון פאַרשיידענע דיוויזיעס. מען האָט פלוצים אַרומגערינגלט די שטאָט פון אַלע זייטן און זיך געלאָזט אויף אַלע וועגן־שטעגן, פאַרצוימט אַלע אַריינגאַנגען און אַרויסגאַנגען און אין אַ נאָווינע אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אַלע מענער פון 15 יאָר ביז 60, זיי געשלעפּט צו ספּעציעלע פּונקטן אין שטאָט, כדי פעסטצושטעלן ווער זיי זיינען און מאַכן אויספרעגענישן ביז אַן אין־סוף.

איך בין נעכטן געווען אין אַ פּאָר הייזער אין רמת־גן, און מען דער־ציילט מיר, אַז אין אייניקע ערטער האָט מען געשלעפּט די איינוואוינער צו צוויי מאָל. עס האָבן נישט געהאָלפן די פאַרזיכערונגען, אַז די מענער זיינען נאָר־וואָס געקומען פון אונטערזוכונגען. און אין מוראדיקסטע היצן, אונ־טער די ברענענדיקע שטראַלן פון דער היגער ארץ־ישראל זון, זיינען געשטאַנען די יידישע איינוואוינער שעהענווייז, בחורים פון 15 יאָר און זקנים פון 60 יאָר און העכער, און געוואַרט אין דער ריי אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט צו ווערן.

און דער שטאָט־מעיאָר פון רמת־גן, קריניצע, האָט זיך דערנאָך גע־קלאָגט, אַז בעת דעם קריג האָט די שטאָט רמת־גן אַליין געגעבן אַ טויזנט זעלנער פאַר דער בריטישער אַרמיי, אויך געהאָלפן צו געווינען דעם קריג מיט דער געשפּאַנטער אַרבעט פאַר דעם מיליטער און פאַרן פראָנט. אָבער עס מאַכט נישט אויס: איצט איז דער באַפרייטער יידישער זעלנער גע־שטאַנען אין דער לאַנגער ריי אויסגעפרעגט, אויסגעטאַפּט און אויסגע־פאָרשט צו ווערן דורך יונגעטשקע בריטישע סאָלדאַטלעך, וואָס האָבן קיינמאָל קיין קריגס־פּולווער נישט געשמעקט. זיי זיינען געקומען אַהער אויף דער יאָגד, געקומען אַהער צוליב די אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן און אויסרעכענונגען פון דער בריטישער מאַכט, מיט האַס און שנאה צום יידישן ישוב, מיט פאַרביטערונג און פאַראַכטונג צו דער יידישער באַ־פעלקערונג, וואָס פירט אַ לעבעדיק און שאַפעריש און האַרעפּאַשנע לעבן און וויל און שטרעבט צו לעבן דאָ אין פרידן און פריינטשאַפט מיט די שכנים אַרום.

און דאָס איז אויך אַ וויכטיקער פּונקט: די בריטישע זעלנער ווערן זייער פיין „דערצויגן", מ'גיט זיי פיינע לעקציעס, מען שטעקט זיי אָן מיט

שנאה, מיט האַס, מיט פאַראַכטונג צום יידן, צום היגן יידישן ישוב. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען ער קריגט „פרייע הענט״, לאָזט ער עס אויס. און דערנאָך, ווען נאָך אַ פּאָגראָמל קלאָגט מען זיך, פאַרענטפערט מען זיך „דאָרטן״ אין די הויכע פענצטער, אַז ס׳איז שווער צו צוימען די זעלנער, שווער אויפהיטן די דיסציפּלין ביי דעם אויפגעצאָרנטן מיליטער. הכלל, די אַלע באַקאַנטע מעשיות פון די אָקופּאַציע־אַרמייען, וואָס באַלע־באַטעווען אומגעשטערט אין פאַרכאַפּטע ערטער.

תל־אביב, דעם 12טן סעפּטעמבער 1946.

18

די געשיכטע מיט דעם אויפרייס פון „קעניג דוד״־האָטעל

שוין אַ מעשה פון צוויי חדשים, ווי עס האָט געטראָפן אין ירושלים די גרויזאַמע געשיכטע מיטן אויפרייס פונעם „קינג דייוויד״־האָטעל, מיט קרוב צו הונדערט קרבנות און נאָך און נאָך שווער־ און לייכט־פאַרוואונ־דעטע. שוין אַ מעשה פון אַכט וואָכן, ווי דער אויפרייס האָט אויפגעציטערט און אויפגעטרייסלט נישט נאָר ירושלים, נישט נאָר דעם גאַנצן יידישן ישוב, נאָר די גאַנצע וועלט — און דאָך, ביז איצט איז אַרום דער גע־שעעניש פאַרוויקלט אַ געדיכטער נעבל און מען קאָן נישט דערגיין, וואָס אַזוינס איז דאָרט באמת פאָרגעקומען, וואָס איז די אמתע ראָלע פון דער אָפיציעלער מאַכט אין פאַרבינדונג מיט דעם אויפרייס, און ווער טראָגט די מיטשולד פאַר די אומזיסטיקע קרבנות — די יידישע, אַראַבישע און בריטישע.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָב איך באַגלייך מיט אַלע, וואָס זיינען געקומען דעם 24טן יולי קיין חיפה, אויפגענומען סודותדיקע ידיעות, שטילע אָנצוהערענישן און אָנדייטונגען וועגן עפּעס אַ גרויזאַמער גע־שעעניש מיט פיל אומזיסטע קרבנות, וואָס איז פאָרגעקומען אינמיטן העלן טאָג אין סאַמע קאָכעדיקן טייל פון ירושלים — אַ גרויזאַמע געשעעניש, וואָס קאָן און וועט ברענגען וויכטיקע און וואָגיקע וויטערדיקע געשעענישן אינעם לאַנד. מען האָט עס דערציילט מיט האַלבע ווערטער, און מיט ספּעציעלע הפסקות אינמיטן, פונקט ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך, וואָס טאָר נישט אַרויס ווייטער.

די מעשה איז דאָך פּאַרלאָפן אינמיטן טאָג, און די פאָלגן פון דעם געשעענעם זיינען דאָך שנעל געוואָרן באַוואוסט, און די פּרעסע האָט שוין געמאָלדן וועגן דעם, און רעפּאָרטערס האָבן שוין אַלץ צעלייגט אויף טעלערלעך, און די נעמען פון די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע האָבן שוין גענומען זיך באַווייזן אין די צייטונגען. עס איז שוין אויך געווען אַן אָפיציעלע מעלדונג, און באַלד איז אויך געקומען די אָפיציעלע דערקלערונג פון דער גרופּע טעראָריסטן, וואָס האָט דעם אויפרייס אַראַנזשירט און דערביי זיינען געווען שוין אָנגעגעבן אַלע פּרטים...

אָבער אין דער זעלבער צייט — וואָס־מער מען האָט גענומען אויפקלערן און דערציילן וועגן דעם געשעענעם, אַלץ־מער איז געוואַקסן דאָס רעטעניש און אַלץ־מער האָבן גענומען קורסירן אין לאַנד אויסטערלישע געשיכטעס וועגן דער ראָלע פון דעם העכסטן באַאַמטן, דעם הויפּט־סעקרעטאַר פון דער בריטישער פּאַלעסטינישער רעגירונג — סער דזשאַן שאָו.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז עפּעס איז דאָ אינעם גאַנצן ענין אַריינגעפּלאָכטן אַ מין „צווייטער צד", און דער צד איז אַ גאַנץ־אַנזעעוודיקער, וואָס האָט אַזאַ אָדער אַנדערע שייכות צו דעם געשעענעם און אַז אַט דער „צד" טראָגט אַ גרויסע שולד פאַר די אומשולדיקע קרבנות, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרהיטן און אויסמיידן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אָפיציעלע מאַכט האָט דאָ געשפּילט עפּעס אַ מאָדנע און אומפאַרשטענדלעכע — פאַרברעכערישע אָדער לייכטזיניקע — שפּיל, וואָס האָט געקאָסט אַזויפיל אומזיסטיקע לעבנס.

וואָס אייגנטלעך עס איז אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעקומען און ווי ווייט ס'איז געגאַנגען אָט די פאַרברעכערישע אָדער לייכטזיניקע שפּיל — איז שווער צו דערגיין. געוויס ווייס עמעצער מער און קלאָרער וועגן דעם גאַנצן פאַרפּלאָנטערטן ענין, אָבער אַזוי ווי די זאַך איז זייער און זייער קשה און פריקרע און אומפאַרשטענדלעך, לאָזט מען, ווי דער שטייגער איז, — אין גאַנג די פאַרשיידענע השערות און סברות.

עס זיינען פאָרגעקומען פאַרשידענע אויספאָרשונגען און געריכט־פאַרהערן, מען האָט געבראַכט און מען ברענגט פאַרשיידענע עדות, און ווען עס איז נישטאָ דער אמתער ווילן עפּעס אויפצוקלערן און פעסט־צושטעלן — ברענגט עס אַלץ צו נייע מיספאַרשטייעגישן און געהיימנישן און מען ווערט דערביי כלל נישט קליגער.

און אויף וויפיל עס לאָזט זיך ביי דער האַרבער צענזור, וועלכע הערשט דאָ איבער דער פּרעסע, רייסן זיך דורך אַלע פאַר טעג נאָטיצן, בריוו אין רעדאַקציע, טענות, מענות, וואָס ווייזן, אַז אַרום דער גרויזאַמער געשעעניש האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט גאָרנישט קיין ראַיעלע זאַכן, וואָס

באַשטעטיקן און איבערצייגן דעם, וואָס דאַרף נאָך עס האָבן, אַז די היגע מאַכט מיט אירע משרתים און יוצר־משרתים גייט דאָ אויף די סאַמע אויסטערלישע און קרימינעלע מעשים און פּאָליטיק, שטעלט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּ, און אַט די פּאָליטיק פון באַהערשן דעם יידישן ישוב, אַרויסשטויסן אים פון זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע און מאָראַלישע פּאָזיציעס ווערט געפירט מיט די אַלערליי געמיינע און מיאוסע מעשים.

די ענגלישע פּאָליטיק, ווי אומעטום, פירט זיך דאָ אויף פאַרשיידענערליי אופנים און שטייגערס אין איין און דער זעלבער צייט. אין דער צייט, וואָס עס ווערן באַגאַנגען לגבי דעם יידישן ישוב די סאַמע הארבסטע פאַרברעכנס, די סאַמע אומגעזעצלעכסטע ווילקירלעכע טאַטן, אין דער צייט, וואָס הונדערטער און טויזנטער ווערן געהאַלטן חדשים און יאָרן אין די תפיסות, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די כלערליי פּאָליציי־לעכער ביי די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען און באַציאונגען, — אין דער זעלבער צייט עקזיסטירן ביי דער רעגירונג די אַלערליי קאָמיסיעס און אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפן פאַרדעקן די פּאַסקודנע מעשים, עס עקזיסטירן אַזוי־גערופענע „שמייכל־קאָמיסיעס", וואָס דאַרפן פאַרדעקן די מעשים־תעתועים. דאָרט — מיליטערישע שטרענגע מאַכט מיט די אכזריותדיקע באַהאַנדלונגען, און דאָ — קוצעניו־מוצעניו, וואָס דאַרפן ווייך מאַכן די יידישע הערצער, כדי עפּעס ביי זיי אַרויסצוקריגן, כדי צו פאַרדעקן די שענדלעכע האַנדלונגען.

און נישט פון די גאָר פיינסטע ראָלן שפּילט ממילא די כלומרשטע „יידישע" ראַדיאָ, וואָס דינט פאַרדעקטערהייט דער רעגירונג, מיט איר העברייאישער וואָכנשריפט „גלגל", וואָס ווערט ליידער געלייענט פיל און, צום בזיון, באַטייליקן זיך אין אים אויך העברייאישע שרייבער און טוער...

די העכערע ענגלישע באַאַמטע פון דער רעגירונג שפּילן אַט די צוויי־פּנימדיקע ראָלע אויסערגעווינלעך געשיקט און דורכגעטריבן. און אַט דער הויכער באַאַמטער, סער דזשאָן שאָו, איז געווען פונעם סאָרט פּאָליטיקער, וואָס פאַרמאָגט די בריטישע צוויי־פּנימדיקייט פון „איידלקייט", „דזשענטלמענישקייט" און פון דער אַנדערער זייט — די ברוטאַלישקייט, וואָס קאָן טאָן אַלץ וואָס עס איז נויטיק פאַר דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

מען דערמאָנט זיך איצט אַ מעשה שהיה מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק אַרום כפר־גלעדי, ביי דער גרענעץ פון סיריע. דאָרטן האָט מען געכאַפּט עטלעכע „אומלעגאַלע" יידישע אימיגראַנטן און אויף זיי האָט אַן אַראַבישער לעגיאָן געשאָסן... האָט ענגלאַנד שטאַרק צעבלאָזן די געשיכטע, אַ קליינ־קייט — די אַראַבער שיסן, זיי גייען, הייסט עס, קעמפן מיט געווער קעגן דער „אומלעגאַלער" אַריינדרינגונג פון יידן אין ארץ־ישראל. דערביי

אָבער האָט די מאַכט נישט דערציילט נישט די יידן, נישט די אַראַבער און נישט דער וועלט, אַז די אַראַבער פונעם אַראַבישן לעגיאָן האָבן עס געטאָן לויטן באַפעל פון די ענגלישע אָפיצערן!...

אָט די אַרבעט פון אָנרייצן, פון שאַפן אָפּגרונטן, פון אַרויסרופן סור־מאַטאָכעס איז אַ שטיק פון דער פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט זינט יאָרן און יאָרן. ענגלאַנד דאַרף עס האָבן, כדי צו פאַרטומלען די וועלט, כדי צו באַרעכטיקן די אַלץ־גרעסערע צאָל דיוויזיעס, די אַלץ־ברייטערע שטחים טעריטאָריע, וואָס זי פאַרכאַפּט צוליב די מיליטערישע באַזעס.

און עס איז ווי מען שפּילט אַריין אין די הענט פון דער רעגירונג, פון דער מאַנדאַטן־מאַכט מיט די אַלע טעראָר־פּאַסירונגען. נאָך יעדער פּאַ־סירונג, נאָך יעדן טעראָריסטישן אַקט, פאָלגט נאָך אַן אַקט, וואָס ווייזט דעם פּועל־יוצא, דעם רעזולטאַט, אויף וועלכן ענגלאַנד קוקט אַזוי שטאַרק אַרויס און איז זיך ממש מחיה מיט דעם.

מען האָט שוין אַזויפיל מאָל געשריבן און גערעדט וועגן דער אומ־דערהערטער באַלאַגערונג פון פיר טעג פון דער גרעסטער יידישער שטאָט דורך אַ גרויסער אַרמיי. עס ווערט איצט איבערגעגעבן, אַז דאָס זיינען געווען אַזעלכע מיני מאַנעוורעס, „עקספּערימענטן", וואָס די קריגס־מאַכט האָט אַראַנזשירט פאַר אירע זעלנער. צו וואָס מאַכן די עקספּערימענטן, די מיליטערישע מאַנעוורעס אויף פעלדער, אויף פּוסטע פעלדער, אַז מען קאָן עס מאַכן אויף לעבעדיקע, אַקטיווע שטעט. מ'קאָן אָבער נישט אָנ־רופן „עקספּערימענטן" די אַלע שטראָף־עקספּעדיציעס, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט אויף די צענדליקער קבוצות, אויף פיל צענטראַלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, אויף דער „סוכנות" אין ירושלים, אויף יידישע בענק, אויף דעם „ועד־הפּועל", אַרבעט־ראַט פון דער „הסתדרות", און דאָס אַלץ באַגלייט מיט אַרעסטן פון הונדערטער פירער פון לאַנד, פון די קבוצות, וואָס אַ גרויסער טייל זיצט עד־היום. און די לעצטע מוראדיקע אַקטן פון כאַפּן שיפן מיט אומגליקלעכע, אויסגעמאַטערטע, פאַרפּייניקטע יידישע פרויען און מענער, מיט קינדער און זקנים, און זיי אויף דעם ברוטאַלסטן אופן אַוועקשיקן אויף דעם ציפערן־אינדזל...

אָט די אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן, אָט די אַלע אכזריותן און ברוטאַליטעטן ווערן דורכגעפירט לויט אַ באַשטימטער ליניע, לויט די דירעקציעס פון באַשטימטע הויכע באַאַמטע.

איז דעריבער די מעשה „קינג דייוויד"־האָטעל נישט קיין אויסטער־לישער צופאַל, נאָר עס איז געקניפּט און געבונדן. עס איז געווען אַ מורא־דיקער אומזין אינמיטן טאָג, אין אַזאַ באַלעבטן אָרט אַראַנזשירן אַן אויפרייס. אַלע האָבן עס גלייך מיט ווידערגעפיל און האַס און צאָרן פאַר־

דאַמט און מיט גאַר דער אויפריכטיקייט און ערנסטקייט. אָבער די, וואָס באַדאַרפן עס האָבן, האָבן בעת און נאָך דעם אויפרייס געוואָרעמט זיך די הענט ביים פייער, ביי דעם צאָרן.

און טאַקע פריער פון אַלץ — דער, וואָס האָט עס געקאָנט פאַרמיידן, דער וואָס האָט מיט זיין פּאָליטיק און מעשים געבראַכט דערצו.

איז דעריבער פאַרשטענדלעך אַט דאָס אַלץ, וואָס עס טוט זיך נאָך דעם מוראדיקן פאַל, נאָך דער שווערער קאַטאַסטראָפע מיט די קרוב צו הונדערט קרבנות.

מען האָט לכתחילה געמאָלדן וועגן דעם, געקלונגען און אַנגעזאָגט, אַז עס דאַרף פּאַרקומען. מען האָט געמאַכט אַן אַלאַרם, מען האָט אַפילו שוין געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אויפרייס־מאַטעריאַלן, אָבער „מען" איז געווען רואיק, מען האָט אַפילו אין דער שטיל אויסגעקוקט דערויף... אָט אַזאַ מין פּנים האָט עס איצט, און עס ווערט אַלץ מער באַשטעטיקט, אַז די הענט פון די מאַכטהאָבער קאָנען נישט זאָגן מיטן פולן מויל און געוויסן, אַז „אונדזערע הענט האָבן דאָס דאָזיקע בלוט נישט פאַרגאָסן", און אדרבא, עס ווערט אַרום דער גאַנצער געשיכטע, די קאַטאַסטראָפע מיט אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס, געשפּרייט און געוואָרפן השערות און אַרויסזאָגעכצן, וואָס ווייזן, אַז עס איז גאַרנישט אַזוי פּראָסט און פּשוט.

שלעפּט זיך אַזוי דער משפּט אַרום דעם אויפרייס, און דערביי וועבן זיך סודות און געהיימנישן, און דערביי ווערט די לאַגע אַלץ־פאַרפּלאָנטער־טער. די פאַרשטייער פון די אינשורענס־קאָמפּאַניעס טענהן, אַז דאָס זיינען קרבנות וואָס מען האָט געקאָנט ראַטעווען און נישט געראַטעוועט, עס זיינען שיער נישט זעלבסטמערדער, און פאַר אַזאַ מין טויט איז מען נישט מחויב צו צאָלן... טענהן מענטשן, אַז די קרובים שווייגן עפּעס, רעדן נישט אָפן, באַטאָנען נישט וואָס עס איז נויטיק, זיי באַטייליקן זיך נישט אין דער אויספאָרשונג. ין דער מאָס וואָס עס איז וויכטיק, כדי אַזוי אַרום צו קאָנען אויפדעקן אַלדי סיבות און מאָטיוון, פאַרוואָס מען האָט דערלאָזט צו אַזאַ מין גרויסן אומגליק...

הקיצור, עס דרייט זיך און עס פּלאָנטערט זיך דער ענין, און עס ווערט אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט.

און דאָס טרויעריק־טראַגישע אין דעם גאַנצן ענין איז די ראָלע, וואָס דער הויפּט־סעקרעטאַר, דער סער דזשאָן שאָו האָט דאָ געשפּילט און דער מערקווירדיקער פינאַל, וואָס איז ווי אין עפּעס אַ ביליקער קאָמעדיע. ער, דער גאַנצער קנאַקער, דער זעקס מיט אַ האַלבן פוסיקער, ער וואָס האָט געקאָנט אַלדי שמדישע שטיק צו פירן און נאַרן, צו שפּילן „טריאַטער" פאַר די פירער און זשורנאַליסטן מיט זיין „אומאָפּהענגיקייט", מיט זיין

„גיין קעגן דעם שטראָם", מיט זיין „רעוואָלוציאָנערן" גאַנג קעגן דער פּאָליטיק פון דער מאַכט, מיט זיין „אַנשטעל", אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק... אָבער די לעצטע מעשים זיינע האָבן אַרויסבאַקומען דעם פּרצוף־פּנים פון דעם „דזשענטלמען", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ מין „נאַאיווע" און צווייִדייטיקע שפּיל. און עס איז מקוים געוואָרן דאָס באַרימטע וואָרט: „אַז מען זייט ווינט, שניידט מען שטורעם!" זיין פּלוצימדיקער געהיימער אַוועק, אָדער אַנטלויפן פון דאַנען, האָט ווידעראַמאָל באַטאָנט און אונטער־געשטראָכן, אַז זיין פּאָליטיק איז געווען אַ געפּערלעכע, אַ פאַרברעכערישע, און שוין צופיל אַ געפערלעכע, אַז מען האָט באַשלאָסן אים אַוועקצונעמען... ער האָט נאָך יאָרן און יאָרן פאַרברענגען דאָ געמוזט אַוועק פון דאַנעט געהיים, אינקאָגניטאָ, אונטער אַ פרעמדן נאָמען...

און פאַרדראָסיק און באַליידיקנדיק איז געווען דער „פּאָרטרעט", וואָס מ'האָט געגעבן וועגן אָט דעם פאַרשוין אין דער העברייאישער צייטשריפט „גלגל", וואָס איז אַ געוועזן ביי דער מאַנדאַטן־מאַכט און דאָך פאַרעפנטלעכן דאָרט זייערע ווערק העברייאישע שרייבער.

עס האָט זיך געענדיקט די סדרה „דזשאָן שאָו" און עס הויבט זיך אָן אַ צווייטע סדרה, פון אַ צווייטן געניטן ענגלישן באַאַמטן, וואָס וועט דערווייל פאַרזעצן די פּאָליטיק, די בייזע שפּיל, וואָס ווערט פאַרפאַסט אין לאָנדאָן און וואָס ווערט אויסגעפירט דורך די געניטע רעזשיסערן און אַקטיאָרן פון דער בריטישער קאָלאָניאַלער מאַכט... רעזשיסערן און אַקטיאָרן גוט־געשולטע און גוט־אויסגעדרעסירטע...

אָבער די גרעסטע צרה איז, וואָס דער יידישער ישוב איז איצט נישט נאָר דער צושויער, נאָר ער איז אַריינגעצויגן אין דער שפּיל, טראָגט די שווערע פאָלגן פון דער מאַכט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן גאָר נישט אויף קאַטאַסטראָפע אויף ארץ־ישראל...

תל־אביב, דעם 18טן סעפּטעמבער 1946.

19

דאָס האַרעפּאַשנע לעבן

מיר אַלע, וואָס לעבן דאָ איצט אינעם לאַנד, זיינען נישט־ווילנדיק אַריינגעצויגן אינעם כסדרדיקן קאַמף און געראַנגל, וואָס קומט איצט פאָר אַרום אונדז וואו מען שטייט און וואו מען גייט; מיר אַלע פאָלגן נאָך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָך די פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס ברעכן אויס

אין דער היגער וועלט, אָט דאָ און אָט דאָרטן, און וואָס ברענגען און פֿאַר־אורזאַכן קרבנות, טויטע און פֿאַרוואונדעטע, זוכונגען און אַרעסטן אָן אַ שיעור און אָן אַ זינען.

יידישע פּיאָנערן אין לאַנד דרילעווען דעם האַרטן באָדן אין אַ נייעם קיבוץ

עס וואָלט אָבער געווען אַן אומרעכט קעגן דעם היגן קעמפנדיקן יידישן ישוב, ווען מיר וואָלטן אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, אונדזער גאַנצן אינטערעס געשענקט בלויז אָט די אויסטערלישע פּאַסירונגען און גע־שעענישן און אינגאַנצן פֿאַרזען און איגנאָרירט דעם שווערן קאַמף, די

געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן געמאַכט דורכן יידישן ישוב, דורך די צענער און הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס אין די שטעט, אין די קיבוצים אויפצובויען דעם יידישן ישוב, איינצושטעלן אַ יידיש לעבן, איינצואָרדענען אויף זאַמדן און פעלזן בליענדיקע יידישע ווירטשאַפטן און שאַפן מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר לעבן און אַרבעט.

לאָמיר דעריבער זיך אָפּרייסן אַביסל פון די אַלע גוואַלדטאַטן, פון די אַלע בלוטיקע פּאַסירונגען, פון די אַלע מיליטערישע קאַמפּאַניעס און אָנ־גריפן, פון די קריגס־פּאָזיציעס, וואָס זיינען אויפגעשטעלט אינעם לאַנד, אין אַלע ווינקעלעך און וועגן און זייטן־וועגן פון ארץ־ישראל — און לאָמיר בעסער כאַפּן אַ בליק אויף די פאַרשיידענע פּרואוון און עקספּערי־מענטן, וואָס ווערן געמאַכט אינעם יידישן ישוב כדי איינצושטעלן אַ נאָרמאַל לעבן, געבויט אויף אַרבעט און אידעאַליזם, אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות.

ס׳ווילט זיך פריער פון אַלץ באַטאָנען אויפן סמך פון גאַנץ־גרינטלעכע באַקאַנטשאַפטן מיט פיל־פיל הונדערטער מענטשן פון פאַרשיידענע קרייזן און שיכטן, אויפן סמך פון באַזוכן אין פאַרשיידענע ווירטשאַפט־זידלונגען, קיבוצים און קבוצות פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אַז קיין „געבראָטענע טייבעלעך״ ווערן נישט דערלאַנגט דאָ די אַרבעטער און האַרעפּאַשנע מאַסן, אַז קיין „פּאַרטיקע בולקעלעך״ פאַלן נישט אַראָפּ פון די ביימער אין אַז עס איז נאָך וויט די אידיליע, אַז יעדער איינער זאָל זיך קאָנען פאַרגינען צו זיצן אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים, און אַז דאָ, אין די קבוצות, באַשטייט דאָס לעבן נישט בלויז פון טאַנצן האָראָס...

פריער פון אַלץ — מען האָרעוועט דאָ שווער, זייער שווער, און אַזוי אין שטאָט און אַזוי אין דאָרף, אין די קבוצות, און אוי, ווי שווער!

דאָס אַלטע וואָרט, די קללה אָדער ברכה: „בזעת אפך תאכל לחם״ — מיטן שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט — איז דאָ מקוים געוואָרן אין פולן און קאָנקרעטן זינען פון דעם וואָרט. עס פירן אַ שווער לעבן די האָרעפּאַשניקעס.

קודם כל — עס איז אַ שווערער קלימאַט. מיט צען יאָר צוריק בין איך דאָ געווען אין די פרילינג־חדשים, פון פורים ביז נאָך שבועות. אין יענע חדשים איז דער וועטער גאָרנישט אין פאַרגלייך אַ לייכטערער, גרינגערער, הגם עס זיינען דאַן דאָ די „כאַמסין״־טעג, וואָס לייגן זיך שווער אויפן געמיט. אָבער עס איז גאָרנישט קיין פאַרגלייך צו די וואָכן און חדשים פון זומער און סוף־זומער. אָט בין איך דאָ שוין אַכט וואָכן פון שטענדיקער שווערער היץ, פון אַ שווערער דושנעקייט, וואָס מאַטערט אויס דעם גוף און לייגט זיך אויך שווער אויפן געמיט.

אין תל־אביב, אין די פאַרשיידענע קבוצות, אין די פאַרשיידענע גרע־
סערע און קלענערע שטעט, וואו עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין און צו

דער יידישער קיבוצניק אויף דער מאַשין

לעבן די אַלע וואָכן — איז זייער און זייער הייס. אַ גאַנצן לאַנגן טאָג איז
דער הימל אַן אַ וואָלקן, אָן אַ שפּרענקעלע, און די זון סמאַליעט אָן אויפ־
הער און ברענט ממש און בריט מיט אירע שטראַלן. עס איז ווי אין פּסוק

שטייט: „האָט גאָט אַרויסגעצויגן די זון פון פוטערפאַס.״ און אַזוי ציט זיך אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אָן אַ טראָפּן רעגן, אָן אַן איבערבייט פון קילע טעג. מער נישט — פאַרנאַכט טוט אַ ווײ אַ ווינטל, וואָס פרישט אַביסל אָפּ דעם פאַרמאַטערטן אָרגאַניזם. אין אייניקע ערטער, פאַרשטייט זיך, איז די לופט אַביסל קילער, מילדער. דאָס איז אין ירושלים, אין אייניקע בערגיקע געגנטן, אין צפת, אָבער ווייט־ווייט נישט אַלע קאָנען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו פאָרן אין אַזאַ מין אָפּרו־פּלאַץ אויף אַ לענגערער צייט, אָדער בכלל צו פאָרן אַהין.

דער יקרות איז גרויס — אין דורכשניט, לויט די אַלע אָפיציעלע מאַטעריאַלן און אויסרעכענונגען, אויף כמעט דריי מאָל אַזויפיל — און די פאַרדינסטן און די געהאַלטן פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, פּראָפעסיאָנעלע טוער, איז נישט געשטיגן אויף אַזוי פיל. איז דעריבער גאַרנישט אַזוי גרינג דאָ דער פּראָצעס פון „מאַכן אַ לעבן״. אין דורכשניט לעבט מען דאָ, אין פאַרגלייך מיט אַמעריקע, פיל שווערער און אויסגערעכנטער.

און דערצו פעלן אויס אין פיל פאַלן אין די הייזער די באַקוועמלעכקייטן, די זעלבסטפאַרשטענדלעכע באַדינגונגען פון לעבן, וואָס מען איז געוואוינט צו דעם אין אַמעריקע, אין די אַמעריקאַנער הייזער. אין דעם זין האָט אַמעריקע ווייט איבערגעיאָגט אַלע לענדער און אויך ארץ־ישראל. אין פיל הייזער שטייען נאָך גאַז־פּרימוסן, וואַרעם וואַסער פון די קראַנען איז אַ טרוים, קיין גאַז איז נישטאָ, און קיין „פרידזשידעיר״ אַוודאי נישט. עס גייט דאָ אַ ווערטל, אַז ווען מען לייגט פאָר אַ שידוך פאַר אַ מיידל, גיט מען אַריין אין נדן, אַז דער חתן וואוינט אין אַ דירה מיט אַ „פרידזשידעיר״. אין די גליקלעכע קבוצות זיינען די „טואַלעטן״ (בית־הכּסאס) אַ שטיק מהלך פון די וואוין־הייזער, און זומער און ווינטער, אין היץ און אין קעלט מוז מען זיך שלעפּן אַהין... אין די טעאַטערן, אין די קלובן, אין די פאַרזאַמלונג־לאָקאַלן זיינען קיין „קילונג־סיסטעמען״ כמעט נישטאָ (אויסער אַ צוויי־דריי אויסנאַמען אין חיפה און אין תל־אביב) און מענטשן ווערן אָפּגעגאָסן, ממש, אָן מליצות, מיט שוויס, — און מען באַזוכט דאָך די טעאַטערן, מען גייט אויף פאַרזאַמלונגען.

פיל, פיל גאַסן פון תל־אביב, חיפה, ירושלים, און ווער רעדט וועגן קלענערע ערטער, זיינען נאָך נישט ברוקירט און דער שטויב איז גרויס, און אַזוי ווי אין וואַסער איז אָפטמאָל (באַזונדערס אין חיפה, אין צפת, ירושלים) אַ מאַנגל, קאָן מען די גאַסן, די גערטנער, די גערטלעך נישט באַוואַסערן. און צוליב דער ענגשאַפט און מאַנגל אין דירות לעבט מען עטלעכע משפחות אין איין דירה, זיינען דאָ קראַנקע, זיינען דאָ אָנשטעקנדיקע קראַנקע זייער פיל. עס זיינען דאָ פליגן, פליגעלעך, פאַרשיידענערליי

אינזעקטן, וואָס דערקוטשען און ברענגען גאַנץ־שווערע הויט־קרענק. זיינען די שפּיטאָלן פול, און די דאָקטוירים, פּריוואַטע און פון דער „קופּת־החולים", פאַרוואַרפן מיט אַרבעט. כדי צו קריגן אַ צימער, און ווער רעדט — אַ דירהלע, — דאַרף מען צאָלן הונדערט און צוויי הונדערט פאַלעס־טינער פונט „שליסל־געלט".

און נאָך אַ גרויסער עיקר: מען לעבט און מען בויט ביי די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען, ביי כסדרדיקע באַוואוסטזיניקע שטערונגען און פאַרבאָטן פון דער רעגירונג, וועלכע האַלט אין איין טראַכטן און צוטראַכטן ווי צו לייגן שטיינער אויפן וועג, ווי צו האַמעווען די איניציאַטיוו, ווי צו־נישט מאַכן די אַלע וויכטיקע פּרואוון און פאַרמעסטן צו פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן דאָס לעבן.

וועגן דעם קאָן מען דערציילן די סאַמע אויסטערלישסטע געשיכטעס, די סאַמע אומגלויבלעכע מעשיות, ווי די מאַכט האַלט אין איין אויסטראַכטן און צוטראַכטן פאַרבאָטן און פאַראָרדענונגען, כדי צו צעברעכן יעדע איניציאַטיוו, כדי צו לייגן שטיינער אויפן וועג פון איינאָרדענען אַ בעסער און באַקוועמער לעבן. וועגן דעם האָב איך פון פאַרשיידענע זייטן, פון מענטשן פון פאַרשיידענע פאַכן און געביטן, בראַנזשעס און צווייגן, געהערט וואָס פאַר אַ ראַפינירטע רשעותן עס ווערן אָנגעווענדט קעגן די יידן, זיי זאָלן נישט קאָנען זיך שטעלן אויף אייגענע עקאָנאָמישע אוןווירטשאַפט־לעכע פיס. עס איז אוממעגלעך צו בויען, עס איז אוממעגלעך צו פאַרריכטן זאַכן, עס איז אוממעגלעך איינצופירן פאַרבעסערונגען אין די פאַרשיידנסטע צווייגן און געביטן פון לעבן, ווייל די רעגירונג האָט אַלץ אַרומגענומען מיט אייזערנע צוואַנגען און יעדע קלייניקייט איז פאַרבונדן מיט פאָרמאַלי־טעטן, מיט אויסבעטלען דערלויבענישן, מיט שטרענגסטן ביוראָקראַטיזם פון ערגסטן מין און כאַראַקטער. — דאָס אַלטע וואָרט פון צאַרישן רוסלאַנד: „אי פּאַשלאַ פּיסאַט גובערניאַ" — און עס האָט זיך די גאַנצע גובערניע געלאָזט צו שרייבן... — דאָס איז איצט דאָ גילטיק מיט אַ סמיטשיק, מיט אַ צוגאָב... און צו דעם אַלעמען — די געוואַלדיקע שוועריקייטן צוליב וואַליוטע, וואָס די רעגירונג מאַכט, ווייל זי דאַרף אויסזויגן אַלץ פאַר זיך. וועגן דער מעשה־וואַליוטע, וואָס ווערט דורך דער רעגירונג געפירט דאָ, איז גאָר פיל צו רעדן.

דעריבער דאַרף מען באַזונדערס באַטאָנען און זיך חידושן, וואָס דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן און פאַרבאָטן, געלינגט דאָך פיל צו טאָן און אויפצוטאָן.

דאַרף מען זיך באַזונדערס חידושן, וואָס די צאָל יידן האַלט אין וואַקסן, ווען יעדער ייד, וואָס קומט אַריין, איז עס מעשה־נס. לויט די אָפיציעלע

ציפערן (מסתמא זיינען דאָ פאַראַן אומפּינקטלעכקייטן) זיינען געווען יידן:

סוף יאָר 1922 — — — — 83,790
" " 1933 — — — 234,967
" " 1937 — — — 395,836
" " 1940 — — — 463,535
" " 1943 — — — 509,912
" " 1944 — — — 528,702

מען שאַצט, אַז די צאָל יידן איז איצט איבער 600 טויזנט.

און נישט נאָר איז באַגרענעצט די פאַרגרעסערונג פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, נאָר גאָר באַזונדערס איז וואָך די מאַכט אויף דער פאַרגרעסערונג פון יידישן באָדן אין לאַנד. אויך אויף אָט דעם געביט איז דאָ פיל וואָס צו דערציילן. די רעגירונג, זינט דער דערקלערונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט איבערגעגעבן אין רשות פון די אַראַבער הונדערטער טויזנטער דונאַם פרוכטבאַרע ערד, אין דער זעלבער צייט האָט זי די יידן געגעבן בלויז אַ 4,000 דונאַם, נישט מער.

דערפאַר אָבער האָט די רעגירונג געשאַפן געזעצן און געבאָטן, וואָס באַשווערן דאָס איינקויפן יעדן נייעם שטח. קומט אויס דעריבער צו דערווערבן יעדעס שטיקל ערד מיט פאַרשיידענע קונצן, און עס קאָסט זייער טייער. אין משך פון די עטלעכע מלחמה־יאָרן האָט דער קרן־קימת איינגעקויפט נייע 340 טויזנט דונאַם ערד. און דאָס מיינט 42 פּראָצענט פון דעם, וואָס ער האָט זינט זיין גרינדונג איינגעקויפט. אָבער נאָך די אַלע קניות פאַרמאָגט דער יידישער קיבוץ נישט מער פון קנאַפּע 7 פּראָצענט באָדן פונעם לאַנד — אַ פינפטל פון דעם, וואָס עס קומט אים לויט דער צאָל יידן. און מ'דאַרף געדענקען, אַז ארץ־ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואו עס הערשן ממש נירענבערגער יידן־געזעצן, בעיקר — ביים קויפן באָדן.

אויף דעם זייער באַשרענקטן יידישן באָדן וואוינען קרוב צו אַ 200 יידישעווירטשאַפט־פונקטן — קאָלאָניעס, מושבים און קבוצות (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן).

די צאָל איינוואוינער אין די אַלע ווירטשאַפטן דערגרייכט קרוב צו 50 טויזנט. דאָס שליסט איין אַלע אַרבעטנדיקע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט, מילכעריי, היגער־צוכט, פיש, פרוכטן און גרינס־פּראָדוקטן.

און אויף וויפיל אָט די פאַרשיידענע דאָרף־ווירטשאַפטן אין לאַנד שטעלן צו דעם ישוב תבואה, שפּייז, גרינס, מילכיקס א. אַז. וו., באַווייזן די ציפערן פון דעם „תנובה"־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס פאַראייניקט אַרום זיך, ווי אָרגאַניזירטע חברים, אַ 200 ישובים איבערן לאַנד. אָט די „תנובה"־

געזעלשאַפט איז זייער פּאָפּולער אינעם לאַנד. זי האָט פיל אייגענע געביידעס אין אַלע טיילן און ווינקלען פונעם יידישן ישוב, אירע אויטאָבוסן לויפן הין און צוריק איבער אַלע וועגן און איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט, אירע פּראָדוקטן זיינען דאָ אין אַלע בעסערע געשעפטן אין לאַנד און אין כמעט יעדן יידישן הויז. זי האָט אויך אייגענע „תנובה"־קאַפייען, וואו עס ווערט פאַרקויפט איר מילכוואַרג.

אַט האָט איר אַ פּאָר ציפערן, וואָס גיבן אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון איר טעטיקייט און פון דער פּראָדוקטיווער אַרבעט פונעם יידישן דאָרף:

אינעם יאָר 1945־1944 האָט די „תנובה" פאַרקויפט איבער 26 מיליאָן ליטער מילך, סיי ריינע מילך און סיי אויסאַרבעטונגען פון מילך; 12 מיט אַ האַלבן מיליאָן אייער; 15 טויזנט טאָן גרינס און קאַרטאָפל; 8,500 טאָן באַנאַנעס, וויינטרויבן, עפּל, פלוימען, באַרן; 1,630 טאָן קאַרפּן און אַנדערע פיש; און נאָך און נאָך אַנדערע פּראָדוקטן, פּרוכטן, פליייש, האָניק, טרוקענע פּרוכט א. אַז. וו. דער אַלגעמיינער אָפּזאַץ איז געווען אין יאָר תש"ה אַ פינף מיליאָן פּאַלעסטינער פונט. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אַדאַנק דער „תנובה" האָט זיך איינגעגעבן צו האַלטן פעסטערע פּרייזן אויף די לאַנד־פּראָדוקטן אין די סאַמע שווערע מלחמה־יאָרן.

אַ צווייטע קאָאָפּעראַטיוו־געזעלשאַפט איז דער „המשביר", וואָס שטעלט־צו פּראָדוקטן, זאַכן, מאַשינעס צו די לאַנדווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל. אויך דער „המשביר" מאַכט אַ גרויסן אומזאַץ.

צווישן די פאַרשיידענע קאָאָפּעראַטיוון אין לאַנד שפּילן אַ גרויסע ראָלע די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען באמת באַליבט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. פריער פון אַלץ — דער „אגד" (עגעד), וואָס איז דער לעבעדיקער נערוון־סיסטעם איבערן לאַנד. דאָס איז אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שאָופערס, וועלכער פאַרמאָגט אַ פּאָר טויזנט מיטגלידער מיט עטלעכע הונדערט אויטאָבוסן. פאַריקן יאָר זיינען די „אגד"־אויטאָבוסן געלאָפן איבער 60 ליניעס אין לאַנד, וואָס די לענג איז אַ 2,700 קילאָמעטער, און געפירט איבער זעקס מיליאָן מענטשן צו זייער ביליקע פּרייזן. אויסער דעם „אגד" זיינען אין אַנדערע טיילן פון לאַנד דאָ אַנדערע אויטאָבוס־געזעלשאַפטן, קלענערע, ווי „דרום־יהודה", וואָס לויפט אין דעם דרום, און אויך די אַלע שטאָטישע אויטאָבוס־געזעלשאַפטן.

דער שאָופער (אָדער „נאַהאַג") איז איינער פון די מיוחסדיקע עלעמענטן אין לאַנד. ער איז באַליבט, אין פריידן און אין ליידן שפּילט ער אַ ראָלע, מען האָט אים שוין געזונגען אָדעס און ליבּ־געזאַנגען און ער איז באמת דער פאַרבינדער צווישן די פאַרשיידענע פונקטן איבערן לאַנד אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן, וואָס זיינען דאָ נישט קיין זעלטנקייט... אַט

די נעץ פון די אויטאָבוסן איז לעצטנס פאַרברייטערט מיט נאָך און נאָך קאָאָפּעראַטיוון, למשל, פון דער געזעלשאַפט „טען" (טאָאַן), וואָס פאַרמאָגט איבער 1,100 משא־טראָקס, וואָס פילן אויס אַ וויכטיקע פונקציע אין לאַנד.

עס איז אין תל־אביב אויסגעבויט די צענטראַלע סטאַנציע פון די אַפּגייענדיקע און קומענדיקע אויטאָבוסן איבערן לאַנד. עס איז מערק־ווירדיק צו זען ווי די גרויסע צאָל, ממש אין צענער טויזנטער, פאַרער שטייגן־אויף, שטייגן אויס און ווי די פאַרשיידענע אויטאָבוסן פון לאַנד און פון דער שטאָט באַדינען זיי פּינקטלעך און ווי לעבעדיקע אַרטעריעס טראָגט מען פאַנאַנדער די לעבעדיקע וועזנס, וואָס האָרעווען און העלפן דער בויאונג פון דעם לאַנד סיי אין שטאָט און סיי אין די דערפער.

און דאָ קומען מיר צו איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אינסטיטוציעס אין לאַנד, צו דער יידישער קבוצה, די דאָרף־קאָמונעס.

תל־אביב, דעם 20טן סעפּטעמבער 1946.

20

וואָס איז אַזוינס אַ קבוצה?

אין דער ברייטער יידישער וועלט ווייסט מען ווייניק אָדער כמעט גאָר־נישט וועגן דעם אינעווייניקסטן לעבן, וועגן די פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קבוצה אין ארץ־ישראל, הגם דער נאָמען פון אָט דער אָריגינעלער „אינסטיטוציע", וועגן אָט דער ווירטשאַפטלעכער זידלונג איז שטאַרק באַקאַנט און פּאָפּולער אין דער יידישער וועלט.

זייער אָפט באַגעגנט מען אין דער פּרעסע אויסער ארץ־ישראל די פאַרשיידענע מיינונגען און באַצייכענונגען וועגן דער קבוצה, וועגן דעם לעבן אין דעם קיבוץ, וואָס איז געבויט גלאַט אויף השערות און נישט־געשטויגענע פאַקטן און געשיכטן. און נישט נאָר אין אויסלאַנד, אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל, אויך אין לאַנד גופא הערט מען אין פאַר־שיידענע קרייזן דיווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען וועגן דעם קבוצה־לעבן. אין דער צייט, וואָס איין טייל זעט אין דעם קבוצה־לעבן דאָס אידעאַלע און אויסגעטרוימטע, און זעט פאַר גרויסע פּערספּעקטיוון אין די וויטער־דיקע יאָרן פאַר דער קבוצה־באַוועגונג, האַלטן אַנדערע אין איין אויסזוכן און אויסגעפינען שטרויכלונגען און שאָטן־זייטן און זעען נישט קיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אין דעם געשלאָסענעם קאָלעקטיוון לעבן פון דער יידישער קבוצה.

און אָט איצט ווערט געפייערט דער פינף־און־צוואַנציקסטער געבוירנ־טאָג פון דער באַוואוסטער גרויסער קבוצה עין־חרוד אין דעם עמק, וואָס ווערט גערעכנט פאַר דער מעקאַ פון דער קבוצה־באַוועגונג, ווי דגניה ביים



די קליינטשינקע קינדער אין אַ קיבוץ אונטער דער אויפזיכט פון אַ חברטע

כנרת איז אַ לאַנגע צייט די מעקאַ פון דער קלענערער קבוצה, וואָס איז שוין אַלט פינף־און־דרייסיק יאָר.

די קבוצה איז שוין אַ גרויסער פאַקט און פאַקטאָר אינעם היגן ארץ־ישראל־לעבן — אַ גרויסער פאַקט און פאַקטאָר אין אַלע ווינקלען און אויף אַלע געביטן פון דעם עקאָנאָמישן, ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און

קינסטלערישן לעבן פונעם לאַנד. און די פריינט און פיינט, די אָנהענגער און קעגנער מוזן זיך מיט אָט דעם פאַקט רעכענען. עס איז מערקווירדיק, וואָס דערווייל מאַכט אויס די צאָל יידן, וואָס וואוינט אין די קיבוצים, נישט מער ווי אַרום צען פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל.



דאָס ערשטע יאָר פון אַ קיבוץ

אָבער דאָ דאַרף מען מאַכן אַן אויפקלערונג, וואָס וועט געבן אַ באַגריף ווי מען האַלט אין ארץ־ישראל מיט דעם פּראָבלעם — שטאָט און דאָרף. ווייל אויך אין דער פראַגע איז דאָ אַ מין צעטומלעניש ביים ברייטן עולם.

לויט די אָפיציעלע ציפערן פון צוריק מיט אַ יאָר לערך, פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, האָבן געוואוינט יידן אין לאַנד 592,000. פון דעם אין די שטעט (27 אין צאָל) — 439,000 יידן, אין דאָרף — 152,800. אָבער פון אָט דער צאָל זיינען געווען אין 79 מושבות (קאָלאָניעס) — 93,900 יידן, אין 63 אַרבעטער־מושבים (זידלונגען) — 18,000, און אין 116 קבוצות און קיבוצים — 37,400 יידן.

ווי מיר זעען, האָבן מיר דריי באַזונדערע קאַטעגאָריעס אין דער אָפּטיילונג „דאָרף": מושבות (קאָלאָניעס), מושבים (זידלונגען) און קבוצות אָדער קיבוצים. און עס איז טאַקע דאָ אַ טיפער אונטערשייד אין אָט די דריי מינים. מושבות (קאָלאָניעס) זיינען באַקאַנט זינט 50־60 יאָר און מער. דאָס זיינען די גוט־באַקאַנטע ראשון־לציון, פתח־תקווה, רחובות, גדרה, חדרה, ראש־פינה, זכרון־יעקב א. אַז. וו., וואָס זיינען אויפגעקומען בעיקר אין די 80ער יאָרן פונעם 19טן י"ה. אָט דער טיפּ קאָלאָניעס איז

געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון דורכאויס פּריוואַטער איניציאַטיוו און פּריוואַטן אייגנטום, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט ערד, באַדן פון חובבי־ציון אָדער פון אַנדערע פילאַנטראָפּישע און געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָבן זיי אָפט געפירט אַ שטייגער לעבן און אַ פּאָליטיק, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו די אידעאַלן פון דעם יידישן ישוב. זיי האָבן אָפט באַקעמפט די יידישע אַרבעטער, געפירט אַ שטרענג־



אין אַ צוויי יאָר אַרום אין אַ קיבוץ

פּריוואַטע פּאָליטיק און נישט אויסגעפּילט אָט די גרויסע אידייען און אויפ־גאַבן, וואָס מען האָט זיי געשטעלט. אויך דער צווייטער דור פון אָט די קאָלאָניסטן איז אָפט אַוועק אין דער פרעמד און נישט געווען צוגעבונדן, אויסער געוויסע אויסנאַמען, מיט דער ערד, מיטן יידישן ישוב. היינט זעען אויס אָפט אָט די קאָלאָניעס ווי אַמאָליקע יידישע שטעטלעך, הגם אַרום זיינען דאָ פּרדסים, גערטנער און פעלדער.

אַנדערש איז דער צווייטער טיפּ, דער מושב — די אַרבעטער־זידלונג. דאָ געהערט די ערד צום קרן־קימת און די וואָס אַרבעטן זיינען פאַר־פליכטעט אַליין צו אַרבעטן און באַאַרבעטן דעם באָדן. זיי טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט פרעמדע אַרבעטער און נישט עקספּלואַטירן. צו אָט דעם טיפּ געהערן נהלל, כפר־יחזקאל, כפר־וותיקין א. א. אַלע די מושבים האָבן זייערע קאָלעקטיווע מאַשינען, צענטערן, הגם יעדער איינער פון די מיט־גלידער וואוינט זיך און פירט זיין פּריוואַטע באַלעבאַטישקייט אויף איי־גענער אחריות און מיט אייגענער ענערגיע און אייגענע פאַרמעסטן. עס

איז אַ מין צווישן — צווישן דער לחלוטין־פּריוואַטער מושבה (קאָלאָניע) און דער דורכאויס־קאָלעקטיווער קאָמונאַלער קבוצה און קיבוץ.

די קבוצה אָדער דער קיבוץ איז לחלוטין גישט פון איין כאַראַקטער און שניט. דאָס דאַרף מען גוט געדענקען. אַז מען וויל זיין גאָר ריכטיק, קאָן מען זאָגן, אַז וויפיל קיבוצים אַזויפיל פאַרשיידנאַרטיקע פונקטן (נקודות). ראשית זיינען דאָ דרייערליי מינים קבוצות, וואָס געהערן צו דריי באַזונדערע הויפּט־אָרגאַניזאַציעס (פאַראַן נאָך אַ פּאָר טיפּן קבוצות פון אַלגעמיינע ציוניסטן, פון מזרחי א. אַ.) — צו דעם „הקיבוץ המאוחד", וואָס פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל קיבוצים אין לאַנד; צו דעם „הקיבוץ הארצי" פון דעם „השומר הצעיר", און צום „חבר הקבוצות". יעדע פון די דריי אָרגאַניזאַציעס האָט אייגענע צענטראַלע אָנפיר־אינסטיטוציעס, מיט אייגענע צענטראַלע קאַסעס, מיט פאָנדן און אַזוי ווייטער. עס זיינען דריי באַזונדערע טיפּן קבוצות. די ערשטע — די קיבוצים — האַלטן זיך ביים פּרינציפּ, אַז דער קיבוץ דאַרף זיין וואָס גרעסער און וואָס אַלזייטיקער און ער דאַרף שטרעבן צו אַריינגעמען אין זיך וואָס מער „עולים" — אימי־גראַנטן — אָדער הי־געבוירענע. עס זיינען אין אָט דעם מין קיבוץ מער אָפענע טירן — אויף אַריין און ממילא — אויך אויף אַרויסגיין. עס איז אַ שטאַרקער קעגנזאַץ צו דער קבוצה פונעם „חבר הקבוצות". דגניה, וואָס איז אַלט 35 יאָר, איז די וועג־ווייזערין פון דעם טיפּ קבוצות, וואָס וויל מער לייגן אַכט אויף דעם אינעווייניקסטן כאַראַקטער און אינהאַלט. אויף דעם געשלאָסענעם טיפּ קבוצות, וואָס מיינט, אַז מען מוז זיך האַלטן ביי אַ 100, 150 מיטגלידער, און דעריבער מוז מען זיך אָפּגעבן בעיקר — מיט לאַנדווירטשאַפט, אַקערן, זייען, פלאַנצונגען און מילכיקעריי. אין אָט די קבוצות איז דאָס לעבן מער געשלאָסן, דער חדר־האוכל, דער עס־צימער, אַ קלענערער, עס איז דאָ מער משפחהדיקייט אינעם אַרט לעבן, מער פּאַטריאַרכאַלישקייט, מער אינטימקייט, אפשר פון דעם מין, וואָס עס איז דאָ אין „לאַדזשעס" אויף אַן אַנדער אופן.

גאָר אַנדערש איז דער כאַראַקטער און דער שניט פון דעם טיפּ קיבוצים, וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון „הקיבוץ המאוחד". די־אָ קיבוצים זיינען אינטענסיווער, אימפּעטדיקער, זיי האַלטן אין איין וואַקסן און אַרויסוואַקסן פון זייערע צוימען און גרענעצן, סיי די געאָ־גראַפישע און אויך אין צאָל און אין די פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען, וואָס זיי נעמען אַריין אין זיך. אָט די קיבוצים, ווי עין־חרוד, גבעת־ברענער, אשדות־יעקב, יגור און אַנדערע, וואַקסן ממש ווי אויף הייוון.

אָט ליגט פאַר מיר די פייערלעכע שריפט פון עין־חרוד, אַרויסגעגעבן אין איר אייגענער דרוקעריי (אמת, פאַרמעל געהערט די דרוקעריי צום

„הקיבוץ המאוחד") אין עין־חרוד, און דאָרטן געפינען מיר צווישן אַלע אַנדערע מאַסן מאַטעריאַלן אַ פּאָר סטאַטיסטישע באַמערקונגען, וואָס גיבן אונדז אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן קיבוץ. דער קיבוץ עין־חרוד האָט אַנגעהויבן מיט אַ 170 מענטשן, און איצט פאַרמאָגט מען איבער 1,200 חברים־נפשות. אין לויף פון אַט דער צייט זיינען געבוירן געוואָרן אין קיבוץ 500 קינדער. אָבער דעם גרויסן אונטערשייד פון אַמאָל און איצט זעט מען אין דעם, וואָס אַמאָל האָט מען באַדאַרפט האָבן אויף דעם יערלעכן געברויך אַ 7,000 פונט, און איצט דערגרייכט דער יערלעכער בודזשעט קרוב צו אַ מיליאָן פונט. דער באַטרעף פון דעם קיבוץ איז ווערט פיל מיליאָנען פונט, ער גיט די מעגלעכקייט אַ 1,200 נפשות שיין און געזונט צו לעבן.

איך האָב באַזוכט פּאָר די צוויי חדשים פון מיין זיין דאָ עטלעכע אַזעלכע גרויסע קיבוצים. און מען ווערט נשתומם פון די פאַרמעסטן, פון די פאַרשיידענע עקספּערימענטן, פון די אויפטוען, וואָס יעדער פון די קיבוצים ווייזט אַרויס. דאָ גילט דאָס באַקאַנטע יידישע ווערטל: „אַז מען קען נישט אַריבער — מוז מען אַריבער!" אַט די קיבוצים ווערן געשטעלט פאַר פאַקטן: די צאָל מיטגלידער וואַקסט כסדר, עס קומען צו קינדער, עס קומען אָן נייע „עולים" פון שיפן, פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון די טראָפּן־קוואָטעס, וואָס ענגלאַנד גיט אין דעם יידישן ישוב, פון שטאָט. און דאָס פאַרלאַנגט צו זוכן נייע באַשעפטיקונג־פּלעצער, און קיין באָדן איז נישטאָ, די רעגירונג גיט שוין אַכטונג, אַז מען זאָל עס נישט קאָנען קריגן, — לאָזט מען זיך אין אַט די גרויסע קיבוצים אויף פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

גבעת־ברענער און אַ צווייטע קבוצה, אשדות־יעקב, האָבן איינגע־אָרדנט ביי זיך גרויסע פאַבריקן פון „מיץ" (דזשוס), „ריבה" (מאַרמעלאַד) און אַנדערע אַזעלכע פאַרשיידענע געצוקערטע און געזייערטע פּרוכטן פון פיל מינים. אַזאַ מין פאַבריק איז אויפגעשטעלט צוביסלעך אין לויף פון אַ פּאָר יאָר אין גבעת־ברענער. זי באַטרעפט איצט אַ פערטל מיליאָן פונט. זי געהערט צום קיבוץ, עס אַרבעטן דאָרטן בלויז קיבוץ־מיטגלידער, יונגע־לייט, מענער און פרויען. איך בין דאָרטן געווען, פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה, און זיך צוגעקוקט צו דער איינאָרדענונג, צו די אַלע קעסלען, צו די דריק־מאַשינען און אויך צו דעם, ווי מען גיסט פאַנאַנדער אין די פלעשער, אין די בלעכענע קעסטלעך, אין די גלעזערנע סלאָאיקעס. אַט די אַלע פּראָדוקטן זיינען אין דער קריגס־צייט געברויכט געוואָרן דורך דעם מיליטער, איצט ווערט עס פאַרקויפט אין לאַנד און עס ווערן אויך געשיקט אין אַנדערע לענדער. דאָס איז גאָרנישט אַזוי לייכט, ווייל די „ליבע מאַכט"

טוט אַלץ צו דערשטיקן די היגע פּראָדוקציע און טראַכט־צו פֿאַרשיידענע שטערונגען און באַגרענעצונגען, — נישט צו ברענגען די נויטיקע מאַשינען, נישט צו קריגן די געוואונטשענע מאַטעריאַלן און רוי־שטאָפן און נישט צו האָבן אַ מאַרק... איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט אויף דער איינריכטונג און די מאַשינען, אָבער איך האָב טועם־טעם געווען, פֿאַרזוכט פֿון יעדן פּראָדוקט און עס איז וואויל געפּעלן מיין גומען... אגב, איינער פֿון די הויפּט־אַרבעטער אין אָט דער קיבוץ־פֿאַבריק איז אַ ייִדישער מענטש פֿון קאָוונע, מיט דעם אויסגעקריצטן נומער אויף דער לינקער האַנט —

צוויי קבוצה־חברים באַטראַכטן אַ פּלאַן

היטלער און זיינע משרתים זאָלן געווען וויסן, אַז דער ייִד מיטן אויס־געברענטן לאַגער־נומער וועט גאָר דערנאָך זיין אין גבעת־ברענער און גרייטן מטעמים, גוטע זאַכן פֿאַרן ייִדישן בויענדיקן ישוב! אַ סאַטיספֿאַק־ציע, אַ שטיקל נחמה איז עס געווען פֿאַר מיר צו זען דעם ייִדן ביי דער אויפֿבוי־אַרבעט.

אין דעם זעלבן גבעת־ברענער איז דאָ אין אַ באַזונדער געביידע אַ מין עקסטראַקט־ און פּערפֿום־פֿאַבריקל. דערוויל באַשעפֿטיקן זיי אַ פּאָר מענטשן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון איינעם אַ כעמיקער, וואָס הייסט קאַפּל

און האָט אַ צווייטן פֿאַמיליע־נאָמען, אָבער מען רופֿט אים „קאָפּעלע מענטע״, ווייל אין די סאַמע שווערסטע צייטן, ווען עס איז געווען דאָ אַ מאַנגל אין „מענטע״, האָט ער עס דאָ פֿאַרפּלאַנצט און אין זיין לאַבאָראַ־

אַ יידישער אַרבעטער ביים בויען

טאָריע אין גבעת־ברענער אויסגעפּאַרטיקט. ווען מען גייט אַריין אַהין אין דעם בנין, טרעפֿט מען „קאָפּעלע מענטע״, ווי אַ מכשף פֿאַרטאָן אין זיינע קרייטעכצער. ער האָט אויך צוגעגרייט פֿאַרשיידענע וואַניל, פֿער־פֿום־עקסטראַקטן. איך האָב פֿון יעדער זאַך געשמעקט און עס האָט זיך געוואָלט מאַכן „בורא מיני בשמים״ אין מיטן אַ הייסן וואָכן־טאָג.

דער זעלבער קיבוץ גבעת־ברענער האָט אויסגעבויט אַ „בית־הבראה״

— אַ געזונטהייט־הויז, וואָס איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אַפּרו־הייזער אין לאַנד. עס נעמט אַריין אַ 100 מענטשן און עס איז אָפן אַ קיילעכדיק יאָר. פּרעכטיק אָרגאַניזירט און איינגעאָרדנט. עס איז דורכ־אויס וועגעטאַריש, ווייל די גרינדערין — אַ יידיש־ענגלישע דיכטערין פון אַמעריקע — האָט איבערגעלאָזט עפּעס אַ פאָנד און אויסגענומען אַזאַ תנאי. איצט איז דאָס הויז פאַנאַנדערגעבויט, פאַרנוצט אַלץ אייגענע פּראָדוקטן און איז אַ שטאַרקע שטיצע פאַרן קיבוץ, באַשעפטיקט פיל מענטשן און ברענגט אַריין פיינע הכנסות פאַר די איבער 1,200 מיטגלידער־נפשות פונעם קיבוץ. מען האָט אונדז מכבד געווען מיט זייער אַ געשמאַקן, וועגע־טאַרישן מיטאָג. לויטן מוסטער פון דעם אַפּרו־הויז, זיינען אין פיל אַנדערע קיבוצים אויפגעוואַקסן אַזעלכע אַפּרו־הייזער, וואָס זיינען אַ שטיצע פאַרן קיבוץ. אַזעלכע „אַפּרו־הייזער" זיינען דאָ אַ 15, צווישן אַנדערן — אין כפר־גלעדי, אויף אַ הויכן באַרג ביי סיריע, און אַ פּרעכטיק הויז אַזאַ אין קליינעם „בית־אורן" אויפן שפּיץ כרמל־באַרג מיט אַן אויסקוק אויפן ים — גלענצנדע אַפּרו־הייזער, מאָדערן איינגעאָרדנט, וואָס קאָנען זיך נישט שעמען פאַר די פיינסטע „האָטעלן" אין די יידישע קעטסקיל־בערג.

און אַזוי ווייטער און ווייטער איז עס מיט אַט די גרויסע קיבוצים, וואָס האָבן שוין אין זיך, אַרום זיך מענטשן מיט אונטערנעמערישע פייאיקייטן און מען בויט און מען טוט אויף.

איך בין געווען אין דער קבוצה „גבת" (גוואַט), וואָס איז פאַרבונדן מיט פינסק, מיט פינסקער קדושים, און איך בין נשתומם געוואָרן, ווי אַט דער קיבוץ איז פאַר די צען יאָר, וואָס איך האָב אים נישט געזען, — ווי ער איז אויסגעוואַקסן. איצט פאַרמאָגט ער איבער 600 מענטשן מיט 200 קינדער, מיט פיל געביידעס, מיט גרויסע קי־שטאַלן, מיט אַ 6,000 הינער, מיט וויינגערטנער, מיט גרינס־פעלדער און אַלדאָס גוטס, און מיט אַ גרויסן קולטור־הויז פאַר איבער טויזנט מענטשן. דאָ, אינעם קולטור־הויז, פּראַ־וועט מען דעם פּסחדיקן סדר און אויך אַ חתונה פון די קבוצה־קינדער. דאָ שפּילט אויך דער תל־אביבער טעאַטער, די „הבימה", „אוהל" אָדער „מטאטא". אגב, גבת איז נאָך אַלץ שטאַרק־יידישלעך, פאַרט פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון פינסק.

אין אַט די גרויסע קיבוצים פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט די דער־ציאונגס־אַנשטאַלטן. גרויסע קיבוצים מיט אַ טויזנט און מער נפשות באַ־דאַרפן שוין האָבן אינסטיטוציעס, וואָס באַפרידיקן זייערע קולטור־קינסטלערישע בויטן און געשמאַקן. עס זיינען דאָ גרויסע געביידעס פאַר טעאַטער, פאַר פאָרשטעלונגען, פאַר סינעמאַס (מואוויס), ביבליאָטעקן, פאַר לעקציעס, ווי אויך קינדער־ און מיטלשולן פון הויכער קולטור־קוואַליטעט.

עס איז אַ חיות (כיעס) אַנצוקוקן אָט די דערציִאונגס־אַנשטאַלטן, די גע־בײדעס, די אינעװײניקסטע אײנאָרדענונגען, די לערן־מכשירים, די דער־בײאיקע גערטנער און קלײנע זאָאָלאָגישע גערטנער. אױך אונדזערע ײדישע אַנשטאַלטן אין אַמעריקע — דאָס נעמלעכע געזאָגט געװאָרן!

אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגן און פאַרמאָגן די „השומר הצעיר״־קבוצות. זײ זײנען פיל קלענער און קאָנצענטרירטער, זײנען אידעאָלאָגיש

קבוצה־חברים פרײען זיך מיטן נײעם גערעטעניש

זינט יאָרן, זינט זײערע הכשרה־יאָרן, אײנער מיטן אַנדערן געבונדן, פאַר־ברענגען פיל יאָרן אינאײנעם. אין דעם זײנען איז דאָ עפּעס אַן ענלעכקײט מיט די קבוצות פון „חבר הקבוצות״, אָבער דער מאַטעריאַל איז דאָ גאָר אַן אַנדערער — אַ ײנגערער, פּראָגרעסיװער, פיל פּראָ־סאָװעטישער און מיט אינטערעס פאַר סאָציאַלע פראַגן און פאַר דער סאָװעטישער ליטעראַ־טור. איך בין געװען און אױפגעטראָטן אין אײניקע קבוצות פון דעם „השומר הצעיר״ (פאַרשטײט זיך — אין ײדיש!), און געװען אַן עדות װי

מען איז נייגעריק און דורשטיק נאָך אַ יידיש וואָרט, וואָס ווערט ליידער זייער זעלטן זיי צוגעטראָגן. כ׳וויל דאָ בלויז דערמאָנען די עטלעכע טייערע קבוצות ווי עין־שמר, מרחביה, מענית, עין־החורש, כפר־מנחם און נאָך און נאָך, וואו מיר איז אויסגעקומען זיין, זיך נעענטער באַקענען מיט די חברים, הנאה האָבן פון דער סביבה, זיך באַפריינדן מיט מענטשן־דענקער. אין עין־

אַ מאָדערנער „שייער" אין קיבוץ

שמר האָבן מיר אונדזער אריה שמרי, עזריאל שוואַרץ, י. ריפטין, אין עין־החורש — אבא קאָוונער און רוזשקע.

די דריי באַזונדערע טיפּן קבוצות האָבן אייגענע אויסגאַבעס, אויסער די אייגענע גרויסע פאַרלאַגן, וואָס באַדינען זיי מיט אַלגעמיינע קינסט־לערישע און געזעלשאַפטלעכע ווערק. די זשורנאַלן, די זאַמלונגען באַ־האַנדלען די אַלע אינעווייניקסטע פראַגן און פראָבלעמען, וואָס זיינען גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק און פילקאָלירנדיק, ווי דאָס לעבן אין די קבוצות איז פאַרשיידנאַרטיק. איר קענט טרעפן אַרטיקלען איבער פרוכט, איבער פי־

צוכט און הינער־צוכט, באַגלייך מיט אַרטיקלען איבער האַרבע פּאָליטישע און קולטור־פּראָבלעמען. דער קיבוצניק אינטערעסירט זיך מיט זיי ביידע, עס איז זיין טעגלעך לעבן און ברויט... די וואַנט־צייטונגען, די „יומנים" — די טעגלעכע בולעטינען — איז אַ באַזונדער רייך קאַפּיטל קולטור־שאַפערישע טעטיקייט פונעם קבוצה־מענטש.

דער קיבוץ פירט זיך אין דעם אַלגעמיינעם היגן לעבן אַ גאַר באַזונדער און אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, האָט זיך שטענדיק זיינע אייגענע פּראָבלעמען, האָט זיך זיינע אייגענע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פראַגן, וואָס גייען זיך אָפּט פאַנאַנדער מיט די פּראָבלעמען און פראַגן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

אָט די אַלע פּראָבלעמען וואַקסן אויס זייער אָפט פון דעם ספּעציפישן גאַנג און שטייגער פון דעם קבוצה־לעבן, פון דעם קאָלעקטיוון מיטלעבן פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן אָפּטמאָל אַנדערשדיקע, פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענע קולטורן, פון פאַרשיידענע לענדער און דערצו — מיט פאַרשיידענע באַגריפן, טענדענצן, געוואוינהייטן און שוואַכקייטן.

און דערצו קומען נאָך צו ספּעציעלע, ספּעציפישע פּראָבלעמען, שוועריקייטן פון אָרטיקן כאַראַקטער, פון דעם באָדן, אויף וועלכן מען וואוינט, פון דער אַרומיקער סביבה, פון די קלימאַטישע באַדינגונגען. ווי דאָס לאַנד איז נישט קליין, אָבער עס איז קלימאַטיש און לויטן באָדן זייער אַנדערשדיק און פאַרשיידן. און ווי עס איז נישט קליין די צאָל איינ־וואוינער אין די קיבוצים, ווערן די מיטגלידער צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענערליי מענטשלעכן מאַטעריאַל. האָט זיך דעריבער יעדער קבוצה, יעדער קיבוץ אויסער דעם אַלגעמיינעם פּעקל זאָרגן אויך אייגענע, אייגנאַרטיקע, וואָס מען מוז לייזן, זוכן פאַרענטפערונג אַליין, מיט אייגענע כוחות, אויף אייגענע פלייצעס. עס איז אַנדערש דאָס לעבן און די אַרבעט פון אַ קיבוצניק, וואָס וואוינט אין דער נידער, אין אַן אָרט וואו עס איז מער וואַסער, ווי למשל אויף די בערג. עס איז אַנדערש אַ קיבוץ, וואָס האָט מער באָדן פון אַ צווייטן, וואָס איז באַגרענעצט מיט באָדן. עס איז אויך אַנדערש אַ קיבוץ, וואָס געפינט זיך אין שכנות מיט אַ גרויסער שטאָט — תל־אביב, חיפה, ירושלים, רחובות, ראשון־לציון — איידער אַ קבוצה, וואָס ליגט ערגעץ אין אַ העק, ווייט פון אַ יידישן גרעסערן צענטער. און דעריבער טאָר מען אין קיין פאַל נישט צוגיין מיט איין מאָס און וואָג צו אַלע קבוצות. יעדע קבוצה איז זיך אַ וועלט פאַר זיך, און אין תוך — מיט אַן אייגנאַרטיקן אויסזען און כאַראַקטער.

תל־אביב, דעם 6טן אָקטאָבער 1946.

21

עין־חרוד — די מעקאַ פון די עמק־קבוצות

היי־יאָר איז געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זינט עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון עין־חרוד אין עמק יזרעאל. אין אלול־חודש תרפ״א (1921) זיינען די מיטגלידער פון דעם דעמאָלסטיקן גדוד־העבודה (די אַרבעטס־בריגאַדע) אַרויף אויף דעם באָדן פון עין־חרוד און אָנגעהויבן די אַרבעט פון אויסטריקענען די זומפּן, פון אויסגראָבן וואַסער־קוואַלן, שטיינהאַקעריי, דורכשלאָגן וועגן, אויסשטיינערן דעם באָדן, פאַרזייען די ערשטע ווינטער־תבואות, פאַרפלאַנצןביימער און גערטנער און פאַרלייגן כלערליי אייגענע האַנטווערקערייען — סטאָלעריי און שוסטעריי, שלאָסעריי און שמידעריי, אויסגעבויט צייטווייליקע הינער־שטייגן און קי־שטאַלן, און דערביי אויך אויפגעשטעלט געצעלטלעך פאַר די מיטגלידער — פרויען און מענער און זייערע קינדערלעך.

דאָס איז געווען דער אָנהויב, דער בראשית פון דעם נייעם גאַנג, פון דעם נייעם פאַרמעסט פון נייע ישוב־פאָרמען אויף קאָמונאַלע יסודות אין דעם לאַנד ארץ־ישראל צוריק מיט אַ פערטליאָרהונדערט, וואָס האָט זיך געשטעלט גאַנץ־ברייטערע צילן און אויפגאַבן פון די פריערדיקע קבוצות, ווי דגניה און אַנדערע.

עס איז געווען בכלל אַ נייער גאַנג אין דער פאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער קאָלאָניזירונג־פּראָבלעם, וואָס האָט דאָ אין ארץ־ישראל פאַר די לעצטע איבער זעכציק יאָר אָדורכגעמאַכט די פאַרשיידנסטע גלגולים און איבערוואַנדלונגען פון אַלערליי פּרואוון, מעטאָדן און פאָרמען. נישט נאָר איז די רייכע געשיכטע פון דעם היגן יידישן ישוב אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי עקספּערימענטן, נאַאיווע און דרייסטע, פּאַטריאַרכאַלע און סאָמע מאָדערנסטע, נישט נאָר זעען מיר די שפּורן פון אָט די אַלע איינגעגעבענע און נישט־איינגעגעבענע פאַרמעסטן אין די ביכער, אין די פאַרשיידענע אַרכיוון און מוזייען, נאָר מיר טרעפן כסדר שפּורן פון די אַלע פּרואוון און עקספּערימענטן אין די אַלע ערטער, וואו מען האָט זיי געמאַכט, און בעיקר — אויף די פאַרשיידענע מענטשן, די טרעגער פון אָט די פאַרמעסטונגען און זוכענישן פון אַ קאָמונאַל דאָרפיש אוןווירטשאַפטלעך לעבן.

עין־חרוד איז געווען דער אויסגאַנג־פּונקט פון די פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען, וואָס מען האָט געמאַכט אויפן וועג פון בויען דאָ־הי אַ ניי קאָלעקטיוו דאָרפיש לעבן, אַן אויסגאַנג־פּונקט — און אויך אַ גאָר נייער אָנהויב פון פּרואוון און זוכענישן. עס איז געגאַנגען האַנט אין האַנט

מענטשלעכער אידעאַליזם, גלויבן אין סאָציאַליסטישע זידלונגען, ליבשאַפט צום פאָלק און אַ טרוים פון אַ נייער יידישער וועלט, געבויט אויף ביידע און אַלט־איסישע יסודות און אויך אַ שיין ביסל ראָמאַנטישקייט, וואָס איז געווען געמישט מיט פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג אין גרויסע סאָציאַלע איבערקערענישן און רעוואָלוציע. עס זיינען געווען שטאַרקע און שאַרפע ווידערשפּרוכן אין דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן צונויפשטעל פון דער קבוצה־אידייע, און נאָך מער זיינען געווען פאַרשיידן און סתירותדיק די עלעמענטן, וואָס האָבן גענומען אויף זיך אָט די שווערע עובדא — אין דעם קאַפּיטאַליסטישן מדבר צו שאַפן אַ קאָמונאַלן אָאַזיס. פון אָט די אַלע אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע סתירות, פון די כסדרדיקע נאַציאָנאַלע און קאָלעקטיווע, אָביעקטיווע און סוביעקטיווע גערעאַנגלענישן האָט זיך פאַמעלעך און מיט פיל געבורט־ווייען, רייבענישן און קווענקלענישן אויס־געפורעמט און אויסגעשטאַלטיקט דער טיפ, דער געשטאַלט פון דעם גרויסן קיבוץ, וואָס עין־חרוד איז זיין סימבאָל, זיין שיינדל.

עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט, אַז „רוים איז נישט אין איין טאָג אויפ־געבויט געוואָרן". אויך דער קיבוץ, אָט די קאָמונאַלע ווירטשאַפט, וואָס איז איצט אין לאַנד אַ גרויסער כוח, אַ פאַקט און פאַקטאָר, איז נישט מיט־אַמאָל אָרגאַניזירט און געשאַפן געוואָרן. אַ לאַנגער, לאַנגער וועג פון פאַמעלעכן וואוקס, פון בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג איז געווען דאָס פערטל־יאָרהונדערטיק לעבן פון דעם קיבוץ, וואָס איז דערגאַנגען צו זיין איצטיקער מדרגה. און מען איז נאָך נישט פאַרטיק — עס זיינען נאָך דאָ זוכענישן און פּרוּוון, און עס זיינען נאָך דאָ פיל זאַכענישן, וואָס ווערן אָפּגעפרעגט און וואָס וואַרטן נאָך אויף אויסבעסערונג. דאָס זיינען פּראָבלעמען ווירט־שאַפטלעכע, עקאָנאָמישע, וואָס דאַרפן צוגעבן אַ געזונטן, דויערהאַפטיקן יסוד, פונדאַמענט דעם קבוצה־לעבן, און אַוודאי און אַוודאי פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע דעם אינעווייניקסטן לעבן פון דעם קבוצה־מענטש, די באַציאונגען צווישן חבר און חבר, דאָס פאַמיליע־לעבן, די קינדער־פראַגע, די דערציאונג, דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון דעם חבר אין זיין צימער, די פליכטן, די „מען מעג" און „מען טאָר נישט" פון אַ חבר אין זיין אויסלעבן זיך ווי אַן אינדיווידואום, די פאַרבינדונגען מיט דער אַרומיקער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט זיך גאָר־אַנדערע לעבנס־פאָרמען און זיטן און איינשטעלונגען. און אַפילו אַזאַ פשוטע זאַך, ווי אַביסל „קליינ־געלט" פאַרן אייגענעם געברויך, וואָס דער קיבוצניק דאַרף האָבן.

עס עקזיסטירט שוין איצט בכלל אַ פּלאַן פאַר דעם אויפבוי פון אַ קיבוץ לויט אַ פּאַרטיקער סכעמע: דאָ איז דער וואַסער־טורעם, דאָ — די פירערשאַפט (די מזכירות, די פאַרוואַלטונג) פון דעם קיבוץ, און ווייטער —

די פֿאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, די קינדער־הייזער און די שולן, דער עס־צימער, און אַן דער זייט — דאָס קולטור־הויז, וואו עס איז דאָ די ביבליאָטעק, לייען־זאַל, די ראַדיאָ א. אַז. וו., און ווייטער גייען — די שטאַל, די „קאָניושנע", דאָס אָרט פֿאַר די טראַקטאָרס, קאָמביינס, דאָס קיל־הויז, די הינער־שטייגן, און אינמיטן — די וואַש־צימערן, די בעקעריי, די וואוין־הייזער, די פֿעלדער, די גערטנער אַרום און אַזוי ווייטער.

עס עקזיסטירט איצט ביי רחובות אַ ספּעציעלע עקספּערימענטן־סטאַנציע (תחנת־הנסיונות), וואָס מאַכט גאַנץ־גרינטלעכע פֿאַרשונגען און



דער פּלאַץ, וואו ס׳געפֿינט זיך די עקספּערימענטן־סטאַנציע ביי רחובות

שטודיעס פֿון דעם באָדן, וואָס מ׳גייט באַזעצן און באַאַרבעטן — און ס׳ווערן געגעבן אָנווייזונגען און דירעקטיוון וואו מ׳קאָן פֿלאַנצן די אָדער אַנדערע פּרוכטן־ביימער, וואו פֿאַרזעצן גרינס, וואו — ווייַנטרויבן, וואו ווייץ און פֿאַרשיידענע אַנדערע מיני פּראָדוקטן. און אַזוי־אַרום מיידט מען אויס סתם גריבלעניש און זוכעניש אין באָדן, ווי ס׳איז געווען דער פֿאַל מיט יאָרן אַפֿריער, ווען פֿיל ענערגיע איז אַוועק לאיבוד. איך האָב פֿאַרבראַכט אין אָט דער „תחנת־הנסיונות" אַ פּאָר שעה, מיט מיין פֿריינט יאַקאָבי פֿון רחובות, און אויסגעהערט גאַנץ אויספֿירלעכע דערציילונגען וועגן דעם אַלעמען, וואָס די סטאַנציע טוט אויף.

מען גיט אויך די קיבוצים אַלגעמיינע טעאָרעטישע אָנווייזונגען.

אויפֿן סמך פֿון די אַלע פּראַקטישע און טעאָרעטישע אויספֿירן איז מען דערגאַנגען אין די צענטראַלע און אויספֿירנדיקע אָרגאַנען און אינ־סטיטוציעס פֿון דער קיבוץ־באַוועגונג צו אָט דעם פּלאַן פֿון אַ קיבוץ. אָבער באמת איז עס בלויז אַ סכעמע, וואָס יעדער קיבוץ קאָן און פֿילט עס אָן

מיט אַן אַנדערן אינהאַלט. ווייל ווי קליין דאָס לאַנד איז נישט, איז סוף־כל־סוף יעדעס ווינקל, יעדער שטח געבויט אויף אַן אַנדער אופן. נישט איין מאָל האָט מען אויפגעבויט אַ קיבוץ לויט דעם אָנגענומענעם פּלאַן, אָבער דאָס לעבן, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט געצוואונגען צו מאַכן פאַרשיידענע ענדערונגען, צוגעפּאַסט צום אָרט, צוגעפּאַסט צו דעם באָדן, צוגעפּאַסט צו די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשלעכן מאַטעריאַל, אָדער צו דעם אַלגעמיינעם מאַרק, אָדער — אַפילו צו די וועלט־געשעענישן. קיין שום קיבוץ שטייט דעריבער נישט אויף איין אָרט, ער אַנטוויקלט זיך אָן אויפהער.

דאָס איז זייער וויכטיק צו באַטאָנען, ווען מען רעדט וועגן דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער קיבוץ־באַוועגונג. אַ מענטש, מענטשן, לעבן, סאָציאַלע אַרומרינגלונג לאָזן זיך כלל נישט איינראַמען אין אַ ראַם אויף שטענדיק און אייביק. עס מוזן קומען ענדערונגען, און ווי אַ לעבעדיק וועזן האָט דער קיבוץ, ווי ער האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין זיינע ראַמאַנטישע גרענעצן און שלייערן, געמוזט זיך רעכענען מיט רעאַלע פאַקטן און פאַסירונגען. האָט מען איין צייט געפּלאַנצטביימער, וואָס זיינען אפשר שיין פאַר דעם אויג, אָבער זיי זיינען נישט צוגעפּאַסט פאַר די היגע ארץ־ישראל־באַדינגונגען; האָט מען געפּלאַנצט פרוכטן, וואָס מיט דער צייט ברענגען זיי בלויז היזק, געברויכן צופיל באָדן אָדער דאָס באַוואַסערן קאָסט צו־טייער; האָט מען איינגעשטעלט גרענעצן פאַר די וואוין־הייזער, אָבער מען האָט געמוזט מיט דער צייט אויסהאַקן ביימער, ווייל דער שטח איז נויטיק פאַר דעם שיכון (פאַר די נייע איינוואוינער און עולים) א. אַז. וו.

האָט דער קיבוץ זיך געמוזט ענדערן סיי מיט זיין אויסנווייניקסטן אויסזען און סיי מיט זיין אויסנווייניקסטן כאַראַקטער. זיינען אָפּט די ראָמאַנטישע געפילן פון די ערשטע טרוימער שטאַרק געטראָפן געוואָרן, זיינען דעריבער געווען אין פאַרשיידענע צייטן פאַרצווייפלטע, וואָס האָבן נישט געקאָנט איינשטימען מיט די צו־רעאַלע פאַרמען, מיט דעם טומל, מיט דער וואָכעדיקייט, וואָס דאָס קבוצה־לעבן האָט אָפּט געמוזט אָננעמען. אין דער געשיכטע פון יעדן קיבוץ זיינען דאָ פיל בלעטער, וואָס דערציילן וועגן אָט די דערווידערונגען און וואַקלענישן, וואָס האָבן באַהערשט חברים־מיטגלידער פון דער קבוצה, — דערווידערונגען און וואַקלענישן, וואָס האָבן געבראַכט אָפּט צו בייז בלוט און אויך צו שפּאַלטונגען און ביז פאַרלאָזן דאָס אָרט, וואָס מען האָט אַליין מיט יאָרן געבויט. און יעדער קיבוץ קאָן דיר דערציילן פון באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, פון יום־טוב און וואָך. און נישט נאָר ער קאָן, נאָר ער דערציילט. פאַראַן שוין וועגן דעם אַ רייכע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע פאַרמען: אויטענטישע באַ־

שרייבונגען, זכרונות, אָפּשאַצונגען, קריטיק, ווי אויך פּיל קינסטלערישע ווערק, דערציילונגען און אַפילו ראָמאַנען.

אָבער דאָס זיינען אַלץ פּאַלן פון קלענערע גרופּעס, וואָס האָבן צוליב פאַרשיידענע טעמים און מאָטיוון איבערגעריסן מיט דער באַוועגונג אָדער זיינען אַריבער צו אַנדערע קבוצה־פאָרמען און זידלונגען, וואָס האָבן מער איינגעהיט דעם אידייאישן כאַראַקטער פון דעם קאָלעקטיוון לעבן. דער יסוד, דער שטאַם איז געבליבן גאַנץ און איז זיך צעוואַקסן און איז אַרומ־געוואַקסן געוואָרן מיט צווייגן און אָפּצווייגן, וואָס ברענגען פּרוכט, און זיינען אַ מזל־ברכה פאַר דעם לאַנד, פאַר דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטיש־עקאָנאָמישן לעבן פון ארץ־ישראל.

מיר האָבן שוין אין אונדזערע פריערדיקע קאַפּיטלען פאַרבייגייענדיק זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָרט, אויף דער ראָלע, וואָס דער קיבוץ שפּילט דאָ אינעם לאַנד. איז שוין דער כאַראַקטער פון דער קבוצה אינגאַנצן קלאָר און פעסטגעשטעלט? זיינען שוין אַלע פּרטים פון דעם קאָלעקטיוון לעבן אויסגעאַרבעט? זיכער נישט! דער קיבוץ האַלט אין וואַקסן און ממילא — אין אַנטוויקלען זיך. און עס איז נאַטירלעך, אַז פּונקט ווי ביז־אַהער זיינען געזוכט געוואָרן אַלץ־נייע וועגן און פאָרמען פאַר זיין אויסקריסטאַלי־זירונג, אַזוי וועט אויך אויף ווייטער גיין אָט דער פּראָצעס פון אויסבילדן און אויספאָרמירן זיך. עס איז אַ לעבעדיקער, צאַפּלדיקער אָרגאַניזם, וואָס עס איז נישט מעגלעך אים איינצוימען אין ראַמען און אין אייזערנע צוואַנגען.

און נאָך אַ זאַך: עס עקזיסטירן איצט איבער הונדערט פעסטע, שטאַרקע, פּראָדוצירנדיקע קבוצות, וואָס יעדע איינע פון זיי לעבט זיך אין באַזונדערע קלימאַטישע, באָדנדיקע, געזעלשאַפטלעכע און ספּעציפיש־מענטשישע באַדינגונגען. מוז דאָס אַלץ ווירקן און באַווירקן דאָס לעבן, די אַנטוויקלונג, דעם גאַנג פון דער קבוצה. און אפשר נישט־ווילנדיק זיינען די דערפאַרונגען, זוכענישן און דערגרייכונגען פון איין קבוצה גילטיק און באַווירקנדיק פאַר דער אַנדערער נאָענטער, שכנישער און אַפילו ווייטער.

אָט מיט אַזעלכע מיני איינדרוקן און שטימונגען, באַטראַכטונגען און אַנאַלאָגיעס גייט מען צו צו יעדער קבוצה, און אַוודאי — צו עין־חרוד.

עין־חרוד האָט פאַר די 25 יאָר פון דער עקזיסטענץ אַדורכגעמאַכט און אַדורכגעלעבט פאַרשיידענע שוועריקייטן, פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען. ראשית — זי איז אַריבער פון איין אָרט, פון אונטן, אַרום דעם קוואַל, די זומפּן — אַרויפצו. דערנאָך איז פאָרגעקומען מיט יאָרן צוריק אַ שפּאַלטונג, און עס איז געגרינדעט געוואָרן די דערבייאיקע קבוצה — תל־יוסף.

שפּעטער זיינען אויך געווען פאַרשיידענע אינעווייניקסטע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אינעם לעבעדיקן אָרגאַניזם. און די אַלע יאָרן זיינען געווען אויסערלעכע געשעענישן, אָנפאַלן, אויפ־טרייסלונגען, און לעצטנס — דער קריג און דער אָנפאַל פון דער בריטישער מאַכט אויף עין־חרוד דעם 29טן יוני, וואָס האָט געקאָנט צעשטערן די קבוצה, ובפרט אַז מען האָט כמעט אַלע אַרבעטנדיקע מענער אַוועקגענומען און זיי פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קיין לאַטרון און רפיח... דאָס אַלץ זיינען טרויעריקע דאַטעס, וואָס וואָלטן געקאָנט ברענגען שווערע רעזולטאַטן און פאַלגן דעם קיבוץ. אָבער דער לעבעדיקער גייסט, דער גרויסער כוח פון זועלן לעבן און עקזיסטירן האָט אַלץ גובר געווען.

אגב, שלום אַש האָט מיט אַ צען יאָר צוריק אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „דאָס געזאַנג פון טאָל“, געבויט אויף מאַטעריאַלן, זכרונות פון עין־חרוד און זיינע בויער.

און אָט האָב איך, נאָך צען מיט אַ האַלב יאָר זיין דאָרט *), באַזוכט איצט עין־חרוד, און איך בין פאַרגאַפט געווען צו זען דעם קיבוץ אַ פאַר־גרעסערטן, אַ פאַרברייטערטן, אַ פאַרשטאַרקטן אויסערלעך און אינערלעך. פריער פון אַלץ — די צאָל נפשות איז איצט טאָפּל ווי אין 1936. און וויפל נייע בנינים צום וואוינען און בנינים פון באַדייטנדיקן קולטור־קינסט־לערישן און ווירטשאַפטלעכן פאַרנעם און פאַרמעסט! אָט שטייט אַ פּרעכטיקער חיים שטורמאַן־בנין. אַ גלענצנדיקע געביידע, געבויט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער ווי אין דער רייכער אַמעריקע, אין אָנדענק פון אַ טייערן קבוצה־חבר, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען. אינעם בנין פון עטלעכע שטאָק געפינט זיך דער מוזיי פון דער אַרומיקער געגנט — אַ מוזיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַן עין־חרוד־מיטגליד און איז איינגע־אָרדנט מיט געשמאַק און וויסן. ער גיט אַ פילזייטיקע עטנישע, געאָ־גראַפישע, היסטאָרישע און קולטור־שילדערונג מיט פיל וויכטיקע דאָקומענטן און עקספּאָנאַטן פון דעם אַרום און פון עין־חרוד. און אַלע די מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, מוסטערן פון פייגל, חיות, געוויקסן, פלאַנצונגען, ביכער און צייטשריפטן אויפגעזאַמלט און אַראַנזשירט אויף דעם שענסטן און אָנשוילעכסטן שטייגער, ווי די גאָר גוטע פאַרשער אין די גרויסע מוזייען טוען עס. דער חבר הייסט סבוראַי, — ער איז דער לעבעדיקער נערוו פון אָט דעם אַנשטאַלט. ער האָט קיין אוניווערסיטעטן נישט גע־

*) מיינע איינדרוקן, באַגעגענישן און באַטראַכטונגען וועגן די קבוצות, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דעם עמק, און עין־חרוד און תל־יוסף אַריינגערעכנט, האָב איך געגוי באַשריבן אין מיין בוך „טעג און נעכט אין עמק“, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1937.

ענדיקט, ער האָט זיין בילדונג און אויסבילדונג אַדורכגעמאַכט טאַקע אין עין־חרוד.

און דערביי שטייען די גלענצנדיקע בנינים פאַר די שולן, וואו עס לערנען עטלעכע הונדערט קינדער פון קליין ביז גרויס, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון פאַך־לערער.

אַרום דעם בויט זיך אַ נייער גרויסער בנין — דאָס וועט זיין אַ „בית־אורחים", אַ ספּעציעלער בנין פון פיל צימערן, מיט וועראַנדעס און אויס־בליקן אין דער שיינער געגנט אַרום, מיט אַן אייגענער קיך, ביבליאָטעק א. אַז. וו. דער גרויסער גלענצנדיקער בנין וועט באַלד פאַרטיק ווערן, ער ווערט געבויט אויף געלט, צוגעשיקט פון אַמעריקע דורך איינעם אַ יידן.

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין עין־חרוד דער „משכן לאמנות" — דער צייטווייליקער קונסט־מוזיי, וואָס ווערט געזאַמלט און צוגעגרייט דורך אַ קבוצה־מיטגליד חיים אַפּטעקאַר, אַליין אַ קינסטלער, וואָס האָט זיין לייב־און־לעבן אַוועקגעגעבן דער אידייע צו גרינדן אין עין־חרוד אַ קונסט־מוזיי. אַפּטעקאַר איז געווען אין פּאַריז, דער קיבוץ האָט אים אַהין געשיקט צו שטודירן דאָרטן, האָט ער דאָס גאַנצע ביסל אויסקומעניש אַוועקגעגעבן אויף צו קויפן און שאַפן בילדער פאַרן מוזיי. איצט פאַרמאָגט שוין דער מוזיי אין עין־חרוד אַ גרויסע און רייכע קאָלעקציע פון ערשט־קלאַסיקע בילדער פון וועלט־מייסטער און פון יידישע קינסטלער מיט אַ וועלט־נאָמען. — אַפּטעקאַר וויל טאַקע זיך פאַרבינדן מיט דער קונסט־סעקציע ביים איקוף פאַר געמיינזאַמער אונטערשטיצונג. פרענק קווירק, דער פאַרזיצער פון דער קונסט־סעקציע, ווי אויך אַנדערע יידישע קינסט־לער, דאַרפן זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם אָריגינעלן קונסט־מוזיי אין עמק, אין האַרץ פון די שענסטע קבוצות אין ארץ־ישראל, און ווי ווייט מעגלעך אַרויסווייזן אים הילף.

די טוער פון עין־חרוד פירן מיך אַרום פון איין אָרט אויפן צווייטן. זיי דערציילן מיר, אַז זיי גייען אינגיכן בויען אַ ספּעציעלן קולטור־הויז, „בית־התרבות". זיי האָבן שוין אַ פּלאַן פאַרן הויז, מיט אַ בודזשעט — ער דאַרף קאָסטן אַ 15 טויזנט פונט. אַ טייל, 5 טויזנט פונט, איז שוין דאָ. דאָס איז אַ פאָנד אויפגעזאַמלט דורך די חברים גופא. ווי אַזוי? פון די האָנאָראַרן, וואָס די קבוצה־מיטגלידער באַקומען פאַר זייערע ווערק; פון די געהאַלטן, וואָס די קבוצה־זעלנער האָבן באַקומען פון דער מלוכה; פון די פאַרשיידענע אַנדערע זייטיקע הכנסות, פאַר אומגליקס־פאַלן א. אַז. וו., וואָס קבוצה־מיטגלידער האָבן באַקומען, — דאָס אַלץ איז אָנגעזאַמלט און ליגט פאַרן קולטור־הויז. פעלט נאָך אַ 8־10 טויזנט פונט, און מען וועט עס קריגן! — פאַרזיכערן מיר די עין־חרוד־מענטשן. און די חברטעס,

וואָס פירן מיך אַרום, פרעגן: אפשר וואָלט איך געקאָנט נעמען אויף זיך אָט די עובדא צו קריגן פאַר זיי אין אַמעריקע אָט די סומע — פון אַ 30 טויזנט דאָלער?

אין עין־חרוד, צווישן די טויזנט אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, זיינען דאָ איבער צוואַנציק מחברים, וואָס זייערע ווערק זיינען דערשינען אין משך פון יאָרן אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן. צווישן די צוואַנציק מחברים זיינען דאָ מענטשן מיט אַ ליטעראַרישן נאָמען, וואָס פאַרמאָגן שוין צו עטלעכע ווערק, בעלעטריסטישע, פובליציסטישע און וויסנשאַפטלעכע. עס זיינען אויסגעוואַקסן איינִיקע פירנדיקע פערזענלעכקייטן אינעם יידישן ארץ־ישראל־ישוב, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון פאַרשיידענע אָרגאַני־זאַציעס און אינסטיטוציעס אין לאַנד.

אין עין־חרוד האָט זיך אויך אָנגעזאַמלט די אומצופרידנקייט מיט די פירער און פירערכצן פון דער מפא״י — די מערהייט־פּאַרטיי פונעם יידישן אַרבעטער אין א״י, און ס׳איז אויסגעוואַקסן די אָפּאָזיציע, וואָס איז דערנאָך אַרויס פון דער פּאַרטיי און געשאַפן די „אחדות־העבודה״, וואָס האָט זיך גענומען פאַראייניקן מיט די לינקע פּועלי־ציון.

עין־חרוד, וואָס פּראָדוצירט איצט אויף איבער אַ פערטל מיליאָן פונט אַ יאָר. דאָס איז אַ גרויסע ווירטשאַפט, און עס איז אַלץ פון אייגענער פּראַצע, — אַלץ „יגיע־כפיך״, מי פון אייגענע הענט. — אין עין־חרוד זיינען דאָ איצט פאַמיליעס פון פיר דורות. עלטערן פון די ערשטע פאַר הונדערט בויער, פּיאָנערן פון דעם קיבוץ, וואָס זיינען אַרויף אויף דער ערד מיט 25 יאָר צוריק, און קינדער, וואָס זיינען דאָ געבוירן און אויפ־געוואַקסן, מיט די קינדס־קינדער. — פיר דורות — און נישט מיט פיר צוואות, נאָר מיט פיר לעבנס־געבאָטן, יעדער איינער אויף זיין שטייגער און כאַראַקטער. — עס זיינען אינטערעסאַנט די יונגע דיכטער, שרייבער, וואָס זיינען געבוירן, אויפגעוואַקסן און אויפגעצויגן געוואָרן אין עין־חרוד. צווישן אַנדערע — די פיינע דיכטער זרובבל, מ. טאַבענקין. ווי אַנדערש עס זיינען זייערע מאָטיוון, זייערע שטימונגען, זייער צוגאַנג צום אַרום, צו דער נאַטור, צו דעם שאַפנדיקן לעבן!... צווישן זיי און זייערע עלטערן, הגם ביידע אויף איין באָדן, מיט איין שפּראַך, מיט איין לעבנס־אידעאַל — אָבער דאָך אַ מהלך, אַ דיסטאַנץ פון לעבנס־אויפפאַסונג און צוגאַנג צו די אַרומיקע געשעענישן.

דאָס העפט, וואָס איז דערשינען אין עין־חרוד אלול תש״ו, מיט אַ חודש צוריק, צום 25סטן געבוירנטאָג פון דעם קיבוץ, הויבט זיך אָן מיט די טרויעריקע שורות, אַז „איצט, ווען די ווערטער ווערן געשריבן, זיצן אַ צוויי הונדערט חברים פון עין־חרוד אַרעסטירט, צוזאַמען מיט נאָך אַ 3,000

יידישע טוער, אין פאַרשיידענע לאַגערן בלויז דערפאַר, וואָס זיי ווילן ברענגען באַפרייאונג פאַר זיך און פאַר זייער פאָלק." דאָס גאַנצע העפט, ווי דאָס לעבן דאָ אין לאַנד, איז צונויפגעמישט מיט אָט די קעגנזייטיקע געפילן — פון איין זייט: שנאה, האַס, פאַרביטערונג צו דער מאַכט, וואָס שטייט ווי אַ שטער, ווי אַ וואַל פאַר דעם כסדרדיקן ווילן צו לעבן און צו וואַקסן, און פון דער אַנדערער זייט — פון דעם דראַנג, פון דעם אימפּעט, פון דעם פּאַטאָס צו שאַפן, פון פאַנאַנדערוואוקס, פון ברייטע פאַרמעסטן אויף אַלע געביטן פונעם לעבן, פון פיזישער און גייסטיקער קולטור.

דאָס איז דער איינדרוק, וואָס מען טראָגט אַרויס פון עין־חרוד — איינעם פון די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע גרויסע קיבוצים אין לאַנד — מי, פאַרמעסט, דראַנג צום בויען, און גלייכצייטיק — טיפער פאַרדרוס, פאַרביטערונג פאַר דער פרעמדער מאַכט, וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן ישוב מיט דער כוונה צו האַמעווען, צו שטערן, צו דערדריקן אַלדאָס גרויסע און באַדייטנדיקע. אָבער נישט געקוקט אויף די שטערונגען, אויף די שוועריקייטן — ווערט אומעטום און אין עין־חרוד געטאָן. נישטאָ קיין צייט — פאַר איבעררייסן!

און אין תוך איז עין־חרוד אַ מין סימבאָל, אַ מין באַווייז פון די אַלע אַנדערע, גרעסערע אָדער קלענערע קבוצות, וואָס זיינען צעוואָרפן איבערן לאַנד, — אַלץ וואַריאַנטן אויף איין גרויסער טעמע — דאָס קאָמונאַלע ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־לעבן, וואָס ווערט געבויט און אַנטוויקלט זיך אין לאַנד.

תל־אביב, דעם 10טן אָקטאָבער 1946.

22

עס בעטן זיך פאַרגלייכן

עס איז שוין מער ווי דריי חדשים, ווי איך האָב פאַרלאָזט די רואיקע ברעגעס פון דעם אַטלאַנטיק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל דורך אייראָפּע; עס איז שוין מער ווי צען וואָכן ווי איך בין געקומען אַהער, קיין ארץ־ישראל, — און ביז איצט איז ביי מיר אַלץ דאָ דער געפיל, ווי איך האָב איבער־געלאָזט אַ שטיל, רואיק הינטערלאַנד און בין אַריינגעפאַלן אויף קריגס־פּאָזיציעס, אויף אַ שלאַכט־פראָנט. און עס איז נישט דערפאַר, וואָס עס קומט אויס וואו מען שטייט און מען גייט, וואו מען פאָרט און מען רוט,

צו טרעפן דראַפט־פאַרצוימונגען און כלערליי קריגס־געווער און באַוואָפנטע סאָלדאַטן פון אַלע ראַנגען און מינים. דער שלאַכט־פראָנט, די קריגס־פּאָזיציעס פילן זיך באַזונדערס שטאַרק און ספּעציעל שאַרף, ווען מען געפינט זיך אויך דורכאויס אין דער יידישער סביבה, אין די יידישע קרייזן, אין די פאַרשיידענע מסיבות אויף דער שיף, אין פּאַריז, און אין ארץ־ישראל, — אויף פאַרזאַמלונגען, אין די שטעט, אין די קיבוצים.

אַפריער, זייענדיק אין דער יידישער אַמעריקע, האָט מען געזען דאָס לעבן אין אייראָפּע, דאָס לעבן אין ארץ־ישראל פון דערווייטנס, אין פּערספּעקטיוו, — איצט, פאַרקערט, טרעט אויף פאַר מיר דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע פון דערווייטנס, אין פּערספּעקטיוו. און ביי יעדער באַגעגעניש, ביי די פאַרשיידענע איינדרוקן, וואָס די באַגעגענישן רופן אַרויס, קומען טראַכטענישן, וואָס פירן צו איילקע און דאָך ערנסטע אויספירן. צי מען וויל צי מען וויל נישט, ווערן געמאַכט פאַרגלייכן מיט אונדזער אופן פון לעבן און אַרבעטן אין אַמעריקע, צו אונדזערע דאָרטיקע פאַרמעסטן און פאַרנעמען. און צו וואָס פאַרבאַהאַלטן? — די פאַרגלייכן זיינען כלל נישט גינסטיק פאַר אונדזער אַמעריקאַניש יידיש לעבן, פאַר אונדזערע אַמעריקאַנישע טואונגען און אויפטוען. אין זאָל מיר דערלויבט זיין צו זיין אָפנהאַרציק און אַרויסזאָגן עפנטלעך אַביסל פון דעם, וואָס די פאַרשיידענע באַגעגענישן מיט זאַכן און מענטשן האָבן געפירט צו טראַכטן דאָס, וואָס איך וויל דאָ איבערגעבן. איך וועל עס טאָן נישט „אָרגאַניזירט״, נישט סיסטעמאַטיזירט, איך וועל דערציילן ווי עס לאָזט זיך, אַט ווי דער געדאַנק דיקטירט עס מיר, ווען איך זיץ מיר איצט ביי דער שרייב־מאַשין און קלאַפּ אויס אויף די קלאַווישן פון דער שרייב־מאַשין איינדרוקן און טראַכטענישן.

אין די איבער צוואַנציק אַרטיקלען, וואָס איך האָב פאַר דער צייט אָנגעשריבן און אָפּגעשיקט פון דער שיף, פון פּאַריז און פון די פאַרשיידענע ערטער אין ארץ־ישראל, האָב איך אויף דער „הייסער מינוט״ און אויף די „הייסע טריט״ שוין איבערגעגעבן פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס איך בין בייגעווען, אָדער אויפגענומען זייערע דירעקטע אָפּהילכן און אָפּרופן. איצט ווילט זיך טיילן מיט מער אינעווייניקסטס, וואָס האָט צו טאָן מיט טיף־יידישע איבערלעבענישן און טראַכטענישן, מיט דעם אומאויפהערלעכן קאַמף און געראַנגל, וואָס דער יידישער מענטש און די יידישע מענטשן פירן פאַר זייער קיום, וואָס איז גלייכצייטיק — דער קיום פונעם יידישן פאָלק דאָ אינעם לאַנד.

אָט דער שווערער און שאַרפער קאַמף אין זיינע פאַרשיידנסטע פאָרמען און מינים איז זייער אַ באַדייטנדיקער, אַן עיקרדיקער. ער דריקט זיך אויס אויף די סאַמע פאַרשיידנסטע אופנים ביי די פאַרשיידנסטע קרייזן,

מיט וועלכע עס קומט אויס זיך צו טרעפן אויף די רייזעס, באַזוכן, ספּעציעלע און אומגעריכטע צונויפטרעפענישן.

יעדער ייד, אָדער ריכטיקער — כמעט יעדער ייד, וואָס איר טרעפט דאָ און דאָרטן אויף וועגן און שטעגן, אין שטעט און דערפער, איז אַ שטיק וועלט, אַ שטיק יידישע וועלט, וואָס זיינע גרענעצן ציען זיך נישט נאָר, ווי מען איז דאָ געוואוינט צו זאָגן, „פון דן ביז באר־שבע“, אָדער ווי מיר זאָגן ביי אונדז אין אַמעריקע, „פונעם אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק“, — נאָר פיל־פיל ברייטער און שטחים־ווייטער. יעדער ייד איז אַ שטיק גייענדיקע יידישע טראַגעדיע, אַ שטיק צונויפמיש פון גרויזאַמע פּאַסירונגען, וואָס ער גופא, אָדער זיין פאַמיליע האָבן אַדורכגעמאַכט. און דאָס אַלץ, וואָס עס איז אונדז באַקאַנט לויט די פאַרשיידענע כראָניקעס און אויסטערלישע באַשרייבונגען, — דאָס אַלץ קאָנצענטרירט זיך אין דעם יחיד, אין דעם פּרט. יעדער ייד איז אַזוי־אַרום אַ שטיק „איינהייט“, וואָס אין אים, אין זיין ענגער וועלט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַלדאָס מוראדיקע און אויסטערלישע, וואָס איז אַדורך אין דער יידישער וועלט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. עס איז איין גרויסע טראַגעדיע מיט פאַרשיידענע ניואַנסן. און עס קומט אַרויס באַלד אויפן „אויבערפלאַך“, עס בעט זיך גלייך צום אויס־דרוק. און מען פאַרשפּאַרט פיל צו דערציילן, מען דאַרף גאָר נישט מאריך זיין, — עס ווערט גלייך קלאָר, מען נעמט גיך אויף דאָס איבערגעלעבטע, דאָס גרויליקע. אָפטמאָל איז עס כמעט אָן ווערטער. מען טוט אַ פרעג אַ מאַן, אַ פרוי, פון וואַנעט געקומען, ווען אַוועק פון דער היים, און אַנשטאָט ווערטער, הויבט אויף דער מיטשפּרעכער די לינקע האַנט, ווייזט די אויס־געקריצטע ציפערן אויף דער האַנט, — און ווייטערדיקע רייד זיינען שוין איבעריק, לחלוטין איבעריק.

אַזעלכע יידן האָב איך געטראָפן אויף די שיפן, געטראָפן זיי צווישן די עלטערע פאָרער, און באַזונדערס צווישן די ייִנגערע מיידלעך און ייִנג־לעך, וואָס זיינען מיטגעפאָרן פון מאַרסעל קיין חיפה אויף דער שיף „אַנדרע לעבאָן“, — יינגלעך און מיידלעך, יונגעלייט און פרויען, וואָס זיינען אַדורכגעגאַנגען די שבעה־מדורי־גיהנום, אָן מליצות און אָן באַ־פאַרבונגען. אַזעלכע פרויען און מענער האָב איך געטראָפן אין פּאַריז, — אַרום די קרייזן פון דער „נייער פּרעסע“, פון דעם קולטור־ראַט, אינעם גרויסן קולטור־הויז אויף פּאַראַדיז 14 (ווי מאָדנע עס קלינגט דער נאָמען „פּאַראַדיז“ — גן־עדן!), און נאָך מער טרעף איך אָט די אויסטערלישע יידן מיט טיפן פיין און פאַרבאַהאַלטענעם צאָרן אין די פאַרשיידענע פּונקטן פונעם לאַנד. און עס איז דאָ אַ צוגאָב־נייעס — די ליידן, די יסורים, די פּייניקונגען, און גלייכצייטיק — די פרייד און אויפברויז אויף די „אומ־

לעגאַלע״ שיפן, אין די היגע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עטלית, רפיח, לאַטרון...

„דורך לײדן ווערט אַ מענטש געלײטערט״ — האָט אַמאָל געזאָגט עמעץ ביים לײדנדיקן דאָסטאָיעווסקי. מען דאַרף אָבער האָבן די גרויסע זכיה איבערצולעבן די גרויסע לײדן און קאָנען געלײטערט ווערן פון זײ. און עס דאַרף אויך זײן די פּאָסיקע סביבה, די געהעריקע באַדינגונגען, מען זאָל קאָנען אַריבער פון זיבן יאָר לײדן צו נײע גוטע זיבן יאָר. דערוויייל זעען מיר, אַז נאָך די זיבן דאַרע קי קומען נאָך מער מאָגערע און מער דאַרע, גאָרנישט ווי אין חלום אין אונדזער אַלטן חומש...

מיר אין אַמעריקע האָבן געהערט וועגן מלחמה, מיר אָבער האָבן קײן פּולווער נישט געשמעקט. און אויך איצט, אויך איצט איז גאָרנישט גלײך צו הערן פון דערווײטנס, אָדער זען עס בחוש, זען עס מיט אײגענע אויגן און זיך טרעפן מיט מענטשן און זאַכן.

עס איז קלאָר, און עס מוז ווערן קלאָר פאַר אונדז אַלעמען, וואו מיר זאָלן נישט זײן, — אַז עס איז פאַרגעקומען אַ „שינוי מעשה בראשית״, אַ טיפע איבעראַנדערשונג פון אַלץ מיט אַלעמען; און דעריבער מוזן מיר מאַכן אַ טיפע איבערשאַצונג פון ווערטן, פון פיל ווערטן, און אַז — און דאָס איז דער עיקר — אונדזער ווײטערדיק לעבן, שאַפן און טעטיקייט מוזן אָנגעווענדט ווערן אויף אַ נײער ריכטונג, אויף נײע ריכטונגען, און מיט גאָר נײעם פּאַרנעם און פאַרמעסט.

און נאָך אַ זאַך: מיר מוזן נישט גלאַט און סתם רעדן און שרייבן וועגן אײניקייט, וועגן קאָנטאַקט, נאָר אָט די אײניקייט, אָט דער קאָנטאַקט מוז ווערן אַן עיקר, אַ תוך אין אונדזער ווײטערדיק לעבן. און עס מוז אויך אײן מאָל פאַר אַלעמאָל זיך ראַדיקאַל ענדערן דאָס אָרט, די ראָלע, וואָס מיר, אַמעריקאַנער ײדן, מיר פּראָגרעסיווע ײדן, שפּילן אין דער ײדישער וועלט. לאָמיר נישט פּילן זיך בלויז ווי די רײכע, די פּאַרמעגלעכע, די געבער, די צדקה־ און עצה־געבער, נאָר מיר מוזן אויך פאַרשטײן, אַז מיר מוזן נעמען, און מיר האָבן וואָס צו נעמען, און מיר מוזן וואָס־גיכער אָנהויבן צו נעמען, — אויב נישט קײן מאַטעריעלע הילף — איז ציל־אָנגעווענדטקייט, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, חוש פאַרן קיום און אויך די דערפאַרונגען, וואָס זײנען געמאַכט און ווערן געמאַכט בעיקר אין ארץ־ישראל, — הגם מיט אַן אַנדערן ענד־ציל, מיט אַנדערע אויפגאַבן און פּער־ספּעקטיוון.

מיר דאַרפן, ווײזט זיך אַרויס, פיל לערנען פון דעם ײדישן ישוב אין ארץ־ישראל אין דער הינזיכט, וואָס ער ווײזט אונדז, אַז מיט ווילן, מיט באַוואוסטזיניקן לעבן און קאַמף, מיט קלאָרע נאַציאָנאַלע צילן קאָן מען פון

זיך אַרויסשלאָגן וואונדער איבער וואונדער ביי די שווערסטע באַדינגונגען און אין אַזאַ קורצער צייט. און ווען מיר ווען זיך גוט צוקוקן און זען וואָס מען האָט באַוויזן אויפצוטאָן, וועלן מיר זען ווי ווייט מיר האָבן פאַר־שפּילט גרויסע שטחים, וויכטיקע פּאָזיציעס אין אונדזער יידישן לעבן אין אַמעריקע אויף אַלע געביטן — אין פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, עקאָ־נאָמישן און קולטורעלן. און אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל — מיר האָבן פאַרלאָרן, אָדער כמעט פאַרלאָרן, פאַר אונדזער יידיש לעבן און שאַפן אין אַמעריקע גרויסע טיילן פון אונדזער יוגנט, פון די וואַקסנדיקע דורות.

די טעג איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון לאָדזש פון אַ פירנדיקן יידישן טוער און שרייבער. ער שרייבט מיר, צווישן אַנדערן: „. . . אייער בריוו האָט מיך זייער דערפרייט. מיר האָבן טאַקע אויף אייך — און נישט נאָר אויף אייך, נאָר אויך אויף אַנדערע — תרעומות (גערעכטע), הלמאי איר קומט נישט קיין פּוילן. ניין, חבר מייזיל, — נישט שטענדיק איז וויכטיק מאַטעריעלע הילף; און אויך אויף פּראַקטישער אַרבעט דאַרפט איר נישט קומען, — אָבער מיר מוזן האָבן פון צייט צו צייט אַ גייסטיקע איינ־שפּריצונג... מיר שטייען אויף אַ פראָנט — כסדר, טאָג־טעגלעך. מיר האָבן צו קעמפן מיט אַסימילאַציע, שמענדריקיזם, שמד, פּאַניק, בהלה, געזעל־שאַפטלעכע עם־הארצות, אַנטיסאָציאַליטעט; און חוץ אַלעמען — מיט קעלט, מיט ניהיליזם, מיט אייגענער שוואַכקייט און אַפּהענטיקייט, פּונקט ווי מיר מוזן קעמפן מיטן אויפגעבלאָזענעם אָפּטימיזם. דעריבער איז גוט, ווען עס קומט אַ פריינט און עס דערפילט זיך, אַז מען איז נישט איינזאַם, אַז מען איז פאַרבונדן מיט אַ וועלט־פאָלק און מיט יידישער וועלט־קולטור...“

עס איז געוויס אַ שווער לעבן און נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע, וואָס נאָך אַזויפיל גרויזאַמע חורבן־יאָרן זיינען די קאַמף־ און קיום־פּאָזיציעס אין פּוילן נאָך אַלץ אַזוי אָפן און מען דאַרף זיי מיט לייב און לעבן באַשיצן. אָבער איין זאַך — מען זעט די געפאַר, מען שפּירט די סכנה, און מען איז וואַך פאַר פאַרטיידיקונג, מען פאַרלאַנגט הילף, דערמוטיקונג.

איך בין געווען אין פּאַריז און אַ צוויי וואָכן נישט אָפּגעטראָטן פון די אַלע אַנשטאַלטן, אַרבעטן, פאַרמעסטן, וואָס עס בויען און פירן אַדורך די חברים טוער, די לערער, שרייבער, קינסטלער, זינגער אַרום דעם טעטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן קולטור־ראַט. איך האָב באַזוכט זייערע פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן און בין נתפּעל געווען פון די באמת־גרויסע אויפטוען. ווען אַלץ, דער גאַנצער חורבן איז נאָך אַזוי אָפן, ווען די וואונדן זיינען נאָך נישט פאַרהיילט — הייזער, קינדער־היימען, צוגאָב־שולן, פּרעסע, טעאַטער, כאָרן א. אַז. וו. עס איז ווירקלעך צו באַוואונדערן, וואָס

אין אַזאַ קורצער צייט האָבן די פאַרבליבענע חברים באַוויזן אַזויפיל אויפ־צוטאָן, און זיי האָבן זיך ערשט פאַרנומען אויף גרויסע אויפטוען. אָבער... מען גייט שוין פון אָנהויב אָן אויף פשרות מיט יידיש, מיט יידישער דער־ציאונג אין די אַלע קינדער־אַנשטאַלטן. אין פיל קינדער־היימען איז קיין זכר צו יידיש נישטאָ, אָדער מען דערלאַנגט יידיש אויפן שפּיץ־מעסער, מיט אַ טיי־לעפעלע... און דאַרף מען דען נאָך אַמאָל ברייען, אַז אויב מען הויבט לכתחילה אָן מיט אַזאַ פשרה־גאַנג, וועט מען דערנאָך נישט קאָנען עס פאַרכאַפּן, אַניאַגן? אויפהאַלטן קינדער, געבן זיי עסן, שאַפן פאַר זיי אַ במקום־היים — דאָס איז אַ גרויסע און הייליקע אַרבעט, אָבער אויב מען גיט זיי נישט דערביי קיין אמתע יידיש־יידישע דערציאונג, איז עס אַ האַלבע נאַציאָנאַלע אַרבעט...

איך האָב באַזוכט דעם דאָקומענטאַציע־צענטער ביים פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף אין פאַריז, געזען מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט און ערנסט עס ווערן געקליבן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, גע־דרוקטע און שריפטלעכע, וואָס האָבן אַ וואָסערע ס׳איז שייכות צו די אַלע עטלעכע גרויזאַמע יאָרן פון אומקום און קאַמף, פון פאַרטיליקונג און ווידערשטאַנד; איך בין געווען אין די אַלע אָפּטיילונגען פון דעם פאַר־באַנד, געזען די מעדיציניש־ע אָפּטיילונג, וואו עס אַמטירן דאָקטוירים און שוועסטער און עס ווערן באַטראַכט קינדער און קינדערלעך; געווען אין די אַלע צימערן און זאַלן פון דעם קולטור־הויז אויף פאַראַדיז־גאַס 14, וואו עס בויט זיך אַ יידיש קולטור־לעבן; געגעסן די מאָגערע מיטאָגן אין דער קיך פון די אָנגעשטעלטע און טוער אַרום דער באַוועגונג; בייגעווען ווי מען האָט צום ערשטן מאָל געלאָזט אין גאַנג די זאַץ־ און דרוק־מאַשינען פאַר דער לעבעדיקער און מוטיקער צייטונג „נייע פרעסע“, וואָס דערשיינט איצט דריי מאָל אַ וואָך מיטן אויסקוק זי זאָל אינגיכן ווידער דערשיינען טעגלעך.

אַלץ איז זייער גוט. אָבער דאָך ווערט די אַרבעט געפירט מער אין דער ריכטונג פון אַלטע געוואוינהייטן, לויט די פריער־באַקאַנטע מעטאָדן, אָן דעם נייעם אויסבליק, אָן אַ ברייטער און טיפער נאַציאָנאַלער פאַר־שטענדעניש און באַוואוסטזיין. אין דער דערציאונג פון דעם יונגן דור, אין דעם ווי מען כאַוועט אויס די קינדער, זעט זיך נישט קיין נייער צוגאַנג, קיין פולע אחריות, קיין נייער שוואונג. און אָן אַזאַ מין קוק אויף דער צוקונפט, אָן איבערשאַצן פון אַלטע ווערטן און טועכצן, וועלן מיר ווייט נישט פאַרפאָרן, וועלן מיר ווידעראַמאָל איבערחזרן די אַלטע טעותן און וועלן פאַראורטיילן אונדזער אַרבעט און רעדוצירן זי ביז צו פילאַנטראָפּיש־קייט, וואָס מיר ווילן און דאַרפן באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן. און ווי

מען ווערט נישט נתפעל און באַגייסטערט פון די באַדינגונגען, וואָס מען האָט געשאַפן פאַר די אומגליקלעכע קינדערלעך אין די אויפגעבויטע קינדער־היימען, בין איך דאָך אַוועק אַ דערדריקטער, וואָס מען פּרואווט נישט אַריינפירן יידיש, יידישן נאַציאָנאַלן זין אין זיין געזונטער פאָרם דורך דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך.

און עס איז געווען גאַנץ־נאַטירלעך דעריבער, וואָס דער צונויפקום מיט די יידישע פּראָגרעסיווע שרייבער און זשורנאַליסטן האָט איבער־געלאָזט אַ גאַנץ־געדריקטע שטימונג. מיר זיינען געזעסן אַ גאַנצן אָוונט, און אַזוי פון האַרץ צו האַרץ זיך אַדורכגערעדט. עס זיינען געווען די שרייבער, וואָס זיינען פאַרבונדן אַרום דעם צענטראַלן קולטור־ראַט. מיר זיינען געזעסן אין אַ זייטיק צימערל און אין די רעדעס פון די דיכטער־שרייבער האָבן זיך געהערט גאַנץ־טרויעריקע נאָטעס. עס איז פאַראַן, האָט מען זיך געקלאָגט, אַ מין מינדערווערט־קאָמפּלעקס. דער שרייבער שטייט אין שאָטן, אָנשטאָט דעם, ער זאָל פירן, שאַפן ווערטן, באַאיינפלוסן. ער באַטייליקט זיך נישט אין דער געהעריקער מאָס אינעם קולטור־לעבן. און גראָד איז דאָ אַן אינטערעס ביים לייענער צו יידישע ביכער, צו יידישע ווערק. נישטאָ אָבער דער אימפּולס, נישט דער גרויסער כּוח, וואָס זאָל סטימולירן. עס פעלן מענטשן טעטיקע, פירנדיקע, וואָס זאָלן די ענערגיע אויסנוצן און ריכטן זי אין די געהעריקע קאַנאַלן...

הכּלל, דאָס זעלבע, אָבער ביי אַנדערע באַדינגונגען און שטימונגען, וואָס עס איז אין פּוילן, — אָן דעם העסלעכן אַנטיסעמיטיזם, אָן דער פיזישער געפאַר, וואָס לויערט דערוויַיל אויף דעם ייד אויף וועגן און אין די קלענערע שטעט און דערפער דורך די נאַצי־איבערבלייבענישן.

אויף דער זיצונג האָבן זיך אויך געלאָזט הערן טענות־תּרעומות און פאַרוואורפן אויף דער יידישער אַמעריקע, הלמאי מען ווייזט נישט אַרויס קיין אינטערעס צו די שאַפונגען פון די פאַריזער יידישע שרייבער; הלמאי מען דערמוטיקט זיי נישט; הלמאי מען האָט זיי נישט געגעבן קיין מעג־לעכקייט צו פאַרעפנטלעכן זייערע שריפטן, הגם די שריפטן האָבן וויכטיקע קינסטלערישע און דאָקומענטאַלע מעלות...

יאָ, וואָס שייך די טענות צו אַמעריקע — קומט אויס זיי צו הערן אָפּט, זייער אָפּט, און פון פאַרשיידענע מענטשן און ביי די פאַרשיידנסטע גע־לעגנהייטן. עס קומט אויס צו הערן גאַנץ־ביטערע און שאַרפע פאַרוואורפן — און אָפט זייער גערעכטע — פון שוואַכערע, פון געפּלאָגטע שוועסטער און ברידער צו די גוט־סיטואירטע, צו גליקלעכערע, צו די גוט־פאַר־זיכערטע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אין שווערסטע און גרויליקסטע מאָמענטן נישט אָפּגערופן זיך גלייך, אָדער אָפּגערופן זיך ווי אויף אָפּ־

צוקומען... און אָפט קומט אויס אויסצוהערן טענות־תרעומות צו דער ייִדישער אַמעריקע — און גאָר מיט מיטלייד, און מיט אַ באַציאונג פון אויבן־אַראָפּ, מיט אַ באַדויער־באַציאונג ווי צו פאַרגרעבטע און פאַר־טעמפּטע. און דערביי זײַנען די תרעומות, די פאַראיבלס צוגעמישט מיט פאַרביטערונג און אַפילו מיט סאַרקאַזם. קאָן זײַן, אַז אָט די טענות־פאַר־וואורפן זײַנען איבערגעטריבן, אָבער זיי זײַנען זיכער נישט אָן קיין שום יסוד. מיר האָבן געגעבן, מיר האָבן צוגעשטעלט גענוג סיבות און מאָטיוון פאַר אַזאַ באַציאונג, פאַר אַזאַ מין כאַראַקטעריזירונג פון אונדזער ייִדישער אַמעריקע.

נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען מיט שטוינונג צו הערן פון גאַנץ־באַהאַוונטע מענטשן די סאַמע אויסטערלישע און נישט־געשטויגענע ווערטער און מיינונגען וועגן דעם ייִדישן אַמעריקאַנער ייִד, וועגן דעם ייִדישן אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער און וועגן דעם מצב פון ייִדן אין אַמעריקע. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר לעבן איצט אין אַ צײַט פון ראַדיאָס, פון רייזעס איבער עראָפּלאַנען, פון טעלעגראַף, ווען ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין איין טייל וועלט, דערגייען גלייך אין דעם צווייטן טייל, אָבער וועגן דער ייִדישער אַמעריקע עקזיסטירן די מאָדנעסטע פאַרשטעלונגען. איך האָב זיך עס איבערצייגט אויף מײַנע עפּנטלעכע אויפטריטן אין די פאַרשיידענע גרעסערע שטעט און קלענערע פּונקטן איבער ארץ־ישראל טאַקע וועגן דעם ייִדישן לעבן און שאַפן אין אַמעריקע. עס איז געוווען פאַר די צוהערער אַ נישט־גלויבלעכע זאַך צו הערן, אַז אין אַמעריקע גייען אַרויס אין איין ניו־יאָרק פיר גרויסע טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען מיט אַ טיראַזש פון אַרום אַ דריטל מיליאָן עקזעמפּלאַרן טעגלעך, און אַז די טעגלעכע צײַטונגען ווערן געלייענט פון איבער אַ מיליאָן ייִדיש־לייענער. עס איז געוווען פאַר די צוהערער אַ גרויסע גוזמא, אַז מיר פאַר־מאָגן אין אַמעריקע, אין איין ניו־יאָרק, עטלעכע ייִדישע טעאַטערס, וואָס ווערן באַזוכט פון קנאַפּע אַכציק טויזנט ייִדן אַ וואָך. און גאַרנישט צום גלויבן איז געוווען דאָס, וואָס איך האָב דערציילט, אַז עס זײַנען דאָ אין ניו־יאָרק עטלעכע ייִדישע ראַדיאָ־שטונדן מיט ייִדישע פּראָגראַמען אין דער ייִדישער שפּראַך. און בכלל האָבן מענטשן געעפנט מויל און אויערן און געגאַפט, ווען זיי האָבן געהערט וועגן אַ ייִדיש קולטור־קינסטלעריש לעבן, וואָס איז דאָ אין דער ייִדישער אַמעריקע. און נישט איין מאָל בין איך געוווען דערשטוינט און איבערראַשט צו הערן פון מענטשן, וואָס האָבן באַ־דויערט אונדז ייִדן אין אַמעריקע, ווײַל מיר לעבן אין שטענדיקער געפאַר, אין אַן אַטמאָספערע פון גרויליקן אַנטיסעמיטיזם און שרעקלעכן האַס, און אַז נישט אַנדערש ווי אָט־אָט — און עס וועט געשען אין אַמעריקע דאָס,

וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד מיט אַ 10־12 יאָר צוריק. מען האָט מיר עס באַוויזן מיט אותות און מופתים און מיט גבית־עדות פון לעבעדיקע מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון אַמעריקע, פון ניו־יאָרק, און מען האָט מיך באַדויערט, וואָס איך לעב אין אַזעלכע געפאַר־באַדינגונגען און וואָס איך פאָר, נעבעך, צוריק אין אַ לאַנד, וואו די ערד ברענט אונטער די פיס, און נאָך מער, וואָס איך ווייס עס נישט, וואָס איך שפיר עס נישט...

מען האָט אָפט געקוקט אויף מיר מיט באַדויער, מיט מיטלייד, וואָס איך בין פאַרבלענדט, זע נישט די ווירקלעכקייט ווי זי איז. מען האָט מיר געבראַכט ראיות און באַווייזן, אַז די דייטשע יידן, ווי אויך די אַנדערע יידן פון די לענדער אין אייראָפּע ערב דעם לעצטן וועלט־קריג האָבן עס נישט באַגריפן און נישט געזען און נישט געשפּירט די געפאַר, וואָס רוקט זיך אויף זיי.

און דערפון שטאַמט די ספּעציפישע און אייגנאַרטיקע באַציאונג פון אויבן אַראָפּ, און די שטימונג און די שטעלונג, וואָס האָט דאָ אין ארץ־ישראל אַזויפיל אָנהענגער און באַגייסטערער — די אָנהענגער פון „יציאת־אייראָפּע" און די אָנהענגער פון „שלילת־הגלות" — פון נעגירן און פון צו־נישט מאַכן אינגאַנצן דעם גלות און אַלץ, וואָס האָט אַ וועלכע עס איז שייכות צו די לענדער, צו די יידן און צו די ווערק און ווערטן, וואָס זיינען און ווערן געשאַפן מחוץ־לארץ, אויסער די גרענעצן און אויסער דעם באָדן פון ארץ־ישראל.

און אויך אָט די באַציאונג איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע — עס איז געווענדט ווער עס האָט זי, ווער עס כאָוועט זי, ווער עס באַרעכטיקט זי און ווער עס באַפעסטיקט עס מיט טעאָריעס און פאַקטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס דערווייזן עס מיט ווייטיק, מיט טיפן באַדויער, און פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס קאָנסטאַטירן עס מיט פרייד, מיט „שאָדן־פרייד", מיט דעם געפיל: „אַהאַ, אַהאַ, מיר האָבן עס געזאָגט און געזאָגט, און אָט ווערט עס באַשטעטיקט!"

און עס ווערן אויך גלייך געצויגן אויספירן און מען שאַפט אינסטיטוציעס, מען גייט אויפשטעלן דענקמעלער, מאָנומענטן, אַ זכר־לחורבן, אַ יזכור־אינסטיטוציע. איילן זיך אייניקע קרייזן, ווי בעת אַ שרפה... איילט מען אויף גיך איבערזעצן ביכער פון יידישע שרייבער, כדי עס זאָל בלייבן פון זיי אַ זכר אויף דורות. קוקט מען שוין אויף דער יידישער שפּראַך און אויף אַלץ, וואָס עס איז פאַרבונדן, אָדער פאַרבונדן געווען מיט יידיש, ווי אויף אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און שיער נישט — פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט. אַנדערע רופן אויפצושטעלן אַ גרויסן מאָנומענט, וואָס טראָגט דעם קלינגענדיקן נאָמען „יד ושם לגולה" — אויפשטעלן אַן אַנ־

דענק פאַרן גלות, פאַר די אַלע לענדער פון חוץ־לארץ, וואָס זיינען געווען, און אָט־אָט — און עס איז פון זיי קיין איבערבלייבעניש נישטאָ. און עס איז ווי ישראל סבא, דאָס אַלטע יידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט האָט שוין לחלוטין און אינגאַנצן פאַרענדיקט זיין לעבן אין די אַלע, אַלע לענדער און עס בלייבט איבער, אַז „והעלותם את עצמותי מזה" — נעמט, קינדערלעך, און ברענגט אַריבער מיינע ביינער נאָך מיין טויט קיין ארץ־ישראל און באַגראָבט זיי אויף אַ שיינעם אָרט...

איך וואָלט דאָ געקאָנט ציטירן פיל אַרטיקלען פון צייטונגען, ברענגען אויסצוגן פון אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרעפּנטלעכט אין זאַמלביכער און אין ביכער. עס איז באַנקראָט — האַלט מען דאָ — מיט גאָר דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, און יעדער פּרואוו אויפצולעבן די חורבות און חורבונות, יעדער אָנשטרענג פונדאָסניי פאַרמעסטן זיך אויף נייע ישובים אָדער באַנייטע אין איירָאָפּע — איז אומזיסטיקע ענערגיע. און פוילן יוכיח, פוילן באַשטעטיקט עס. און עס איז זיי אויך נישט פאַר־שטענדלעך, וואָס מען רעדט נאָך וועגן אַ יידיש לעבן, וועגן יידישן שאַפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער, ווען דער גורל האָט זיי שוין פאַראורטיילט אויף פריערדיקן אָדער שפּעטערדיקן אומקום און אויסלאָז...

און איך האָב געזען, אַז אַ שיין ביסל זיינען מיר אַליין שולדיק אין דעם. מיר האָבן גאָרנישט ניט געטאָן צו דערציילן, אויפצוקלערן וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז. עס קומען אָן אַהער זייער וויניק ביכער אין דער יידישער שפּראַך; זיי קומען אָן און פאַרבלייבן צווישן יחידים. עס דער־גייען אַהער אונדזערע זשורנאַלן אין אַ גאָר באַגרענעצטער צאָל עקזעמ־פּלאַרן און עס געניסן פון זיי ענגע, באַשרענקטע גרופּעס, וואָס האָבן אַ שוואַכקייט, אָדער אַ שטילע ליבע אָדער אינטערעס צום יידישן וואָרט, צום יידישן שאַפן. אָבער דער ברייטער עולם ווייסט גאָרנישט וועגן דעם, אָדער ער באַקומט דורך געוויסע צייטונגען און אינפאָרמאַטאָרן צוגעפּוצטע, צו־געפּאַרבטע און צוגעפּעפּערטע ידיעות און פּרטים. עס זיינען שולדיק אויך די היגע שליחים, וואָס קומען קיין אַמעריקע אויף אַ פּאָר חדשים, פאַר־ברענגען דאָרטן אין געוויסע קרייזן, און דערנאָך גיט מען דאָ איבער „קלאָרע ידיעות", נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות און איינדרוקן — די יידישע אַמעריקע אין אַ קרומען שפּיגל... און נאָך עפּעס: אָפּטמאָל קומען אַהער יידישע אַמעריקאַנער צו־גאַסט צו קרובים, אָדער ווי טוריסטן, און מען נעמט משפּטן, מען נעמט דאָ אורטיילן די יידישע אַמעריקע לויט די „מוסטערן", לויט דעם געשטאַלט פון דעם געקומענעם אַמעריקאַנער. און עס צירקולירן דאָ גענוג אַנעקדאָטן וועגן די אַמערי־

קאַנער ייִדן, די געסט דאָ, אָדער דעלעגאַטן, אָפּט אָפּגעשטאַנענע פֿאַרשוינגען.

יאָ, ס'איז דאָ, האָב איך געזען, אַן אַמעריקאַנער־ייִדישע פּראָבלעם פֿאַר די היגע ייִדן, וואָס מיר זײַנען מחויב צו לייזן.

נישט איין מאָל האָב איך זיך בײַ מײַנע באַגעגענישן און שמועסן מיט די היגע געזעלשאַפֿטלעכע טוער און פּשוטע ייִדן איבערצײַגט, אַז פּונקט ווי מען גיט אַרויס דאָ פֿיל ליטעראַטור, וואָס דאַרף שילדערן דאָס היגע לעבן, וואָס דאַרף װײַזן די אַלע אויפֿטוען און אינסטיטוציעס, וואָס

מען שטעלט־אויף דעם ערשטן „צריף" (ביידל) אין אַ נײַער „נקודה" (פּונקט)

זײַנען אויפֿגעקומען דאָ און וואָס ווערן דאָ געבויט, אַזוי אויך וואָלטן מיר אין אַמעריקע באַדאַרפֿט אַרויסגעבן ביכער פֿון פּראָפּאַגאַנדע־וועגן, און זיי צושיקן אַהער, זיי פֿאַרשפּרייטן דאָ, כדי צו באַקעמפֿן די אומוויסנקייט בנוגע אונדזער לעבן און שאַפֿן, און כדי צו ווײַזן די היגע שוועסטער און ברידער, אַז מיר לעבן, אַז מיר שאַפֿן. יאָ, עס איז צײַט, טראַכט איך, צו אַנטדעקן די ייִדישע אַמעריקע פֿאַר פֿיל היגע ייִדן.

און דאָ קום איך צו אַ וויכטיקן פּונקט, וואָס איך וועל איצט בלויז

באַרירן, אָבער וואָס מען דאַרף באַהאַנדלען ברייטער און אַרומנעמענדיקער.

מיר, אַמעריקאַנער יידן, צו וועלכן קרייז און שיכט, און צו וועלכער פּאַרטיי אָדער באַוועגונג מיר זאָלן נישט געהערן, — דאַרפן זיך צוהערן און עס גוט באַטראַכטן.

עס איז צייט, אַז מיר, אַמעריקאַנער יידישע טוער, שרייבער, פירער און אָנפירער פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן לעבן, זאָלן זיך ערנסט אַריינטראַכטן אין דעם היגן יידישן לעבן, אין זיין יסוד, אין זיינע איינצלהייטן, און מאַכן פאַרגלייכן, מאַכן אַנאַלאָגיעס און טאַקע ציען פון דעם די וויטגייענדיקע אויספירן.

איך האָב אַפריער שוין דערציילט וועגן די אינטענסיווע קולטור־שאַפערישע טעטיקייטן פון דעם היגן יידישן ישוב. ווער איך עס איצט נישט איבערחזרן. אָבער איך וויל גיין ווייטער. איך וויל נאָך אַמאָל באַטאָנען און וויל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע טוער און פירער אויף דער גרויסער, ברייטער, פיל־פאַרצווייגטער טעטיקייט אויף די פאַרשיידנסטע געביטן און צווייגן פונעם היגן יידישן לעבן, נישט געקוקט אויף די שווערע, גאָר־שווערע באַדינגונגען, וואָס הערשן דאָ אויף שריט און טריט. עס איז אומגלויבלעך, אַז אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר זאָל מען באַוויזן אַזויפיל צו דערגרייכן, און „עוד ידם נטויה", מען פאַרמעסט זיך דאָך ערשט אויף וויטערדיקע אויפטוען.

עס איז דאָ דער באַקאַנטער „הדרן" (האַדרען), וואָס מען פלעגט זאָגן נאָכן סיום פון אַ מסכתא, וואָס דאַרטן זיינען דאָ די באַוואוסטע פאַרגלייכן פון „מיר" און „זיי": מיר טוען און זיי טוען, מיר פעדערן און זיי פעדערן, מיר גייען און זיי גייען... מיר מוזן מאַכן אַ גאָר־ערנסטן חשבון־הנפש, אָבער אויף אַ זייער גרויסן פאַרנעם, און טאַקע ביזן יסוד, און טאַקע נישט שרעקן זיך און אָנרופן זאַכן מיט זייערע אמתע נעמען.

מיר דאַרפן זיך זאָגן, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן ביז־אַהער געטאָן, איז נישט גוט, עס האָט נישט געבראַכט קיין גינסטיקע רעזולטאַטן. הייסט עס, אַז דער גאַנג איז געווען אַ פאַלשער. מוז מען דעם וועג, די מעטאָדן רעווידירן. און אויב מען האָט געגרייזט, אויב מען האָט געבלאָנדזשעט, דאַרף מען פאַרקערעווען און זוכן נייע וועגן...

יאָ, עס מוז קומען אַ רעוויזיע. ווייל אָט זעען מיר דאָך ווי דאָ, אין ארץ־ישראל, האָט מען באַוויזן וואונדער, מען האָט צו פאַרצייכענען גרויסע, אַזעלכע אומגלויבלעכע דערגרייכונגען.

עס איז געווען אַ פאַנטאַזיע, אַ מאָדנער טרוים צו באַלעבן די העברייאישע שפּראַך, צו פאַרוואַנדלען די אַלטע תנ"ך־שפּראַך אין אַ לעבעדיקער רייד־שפּראַך. עס האָבן געחוזקט פון דעם נישט נאָר פרעמדע,

זייטיקע, נאָר אויך אייגענע, היימישע. און אָט — די עקשנות, דער פאַנאַטיזם, דער גלויבן האָבן גובר געווען אַלע שטערונגען, אַלע שוועריי־קייטן, און איצט איז העברייאיש די אָפיציעלע און פראַקטישע שפּראַך



דער ערשטער קבוצה־„צריף״ (ביידל) אויף אַ וויסטער ערד

פונעם היגן יידישן ישוב. ווער עס איז נישט געווען דאָ לעצטנס, דער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי העברייאיש האָט באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע עפנטלעכע לעבן. „אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין לעגענדע״, — און מען האָט געוואָלט, און העברייאיש איז די שפּראַך דאָ אין לאַנד! עס איז

נישט צום גלויבן, וואָס פאַר אַ ראַלע העברייאיש שפּילט דאָ אומעטום — אין גאַס, אין שטוב, אין עפנטלעכן לעבן, אין די מיילער פון קינדער און קליינוואַרג, פון בחורים און דערוואַקסענע. אויב איר הערט אָפּט און אַ סך רעדן אַנדערע שפּראַכן, הערט איר עס בלויז פון עלטערע, פון געקומענע, אָבער די יוגנט לעבט און לעבט זיך אויס אינגאַנצן, אָן אויסנאַמען, דורך העברייאיש, אין העברייאיש.

עס איז קיין ספק נישט, אַז עס איז געווען פיל, פיל לייכטער און נאַטירלעכער איינצואוואָרצלען די יידישע שפּראַך אין אַמעריקע. די עלטערן מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָבן געקאָנט און גערעדט יידיש, געטראַכט יידיש, געלעבט דורכאויס מיט יידיש, און זיי האָבן געהאַט אַרום זיך אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישע פּרעסע און אַלץ אויף יידיש. אָבער מען האָט נישט פאַרשטאַנען אַ גאַנץ־פּשוטע זאַך: אַז עס איז בויטיק צו אָרגאַניזירן יידישע שולן, יידישע דערציאונג פאַר דעם וואַקסנדיקן דור, פאַר די קומענדיקע דורות. זיינען מיר געקומען צו דער טרויעריקער לאַגע, וואָס גרענעצט מיט קריזיס, מיט קאַטאַסטראָפע אין דער יידישער אַמעריקע.

וואו מען קומט, וואָס פאַר אַ קליינעם און קלענערן ישוב אָדער קיבוץ מען באַזוכט נישט דאָ, זעט מען וויפיל געלט, וויפיל מי, וויפיל אויפמערק־זאַמקייט מען גיט אַוועק, מען שענקט דאָ דער דערציאונג פון דעם וואַקסנ־דיקן דור. אָט למשל, אַ קליינער קיבוץ ווי כפר־מנחם, ערגעץ אין וויטן נגב (דרום). דער קיבוץ איז נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט, ער ליגט אָן אַ זייט פון ברייטן שליאַך. קיין וואַסער לרוב איז נישטאָ, אַרום — אַראַבער־ישובים. קיין געפלאַסטערטער וועג (כביש) איז נישט געווען. מען פלעגט זיך שלעפּן אין דער רעגנס־צייט אַ מעת־לעת און מער. איין מאָל איז מען געווען אָפּגעריסן צוליב די טיפע בלאָטעס, אַז מען האָט געמוזט צושטעלן שפּייז מיט אַן עראָפּלאַן. עס איז אַ שלעכטער באָדן, יעדן שפּאַן מוז מען ספּעציעל צוגרייטן פאַר אַקערן און זייען, אויסקאָרטשען די וואָרצלען, אויסרייניקן די שטיינער. און דאָך — מען האָט גלייך מיט דער שטאַל פאַר די קי (דאָס איז דאָס ערשטע אין אַ קבוצה!) אויך גלייך געבויט אַ שול פאַר די קינדער, און וואָס פאַר אַ שול! און פאַר קליינע און פאַר די גרעסערע. די קינדער זיינען פריער פון אַלץ.

און ווי עס איז ביי אונדז די לאַגע מיט דער יידישער דערציאונג — באַדאַרף מען נישט רעדן! דאָס איז דאָך געווען און געבליבן די לעצטע דאגה אין די אַלע אָרגאַניזאַציעס און חברות. און אויב שוין יאָ אַ יידישע שול, איז עס געווען ערגעץ אין אַ קעלער, אָדער אין אַ לאָך, וואָס קיין שום גראָסערימאַן וויל עס נישט דינגען. און וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט ביי די עלטערן און ביי די קינדער — דאָס איז אויך אונדז גוט

באַקאַנט. און דער סך־הכל? אויף דעם זאָגט דאָס יידישע ווערטל: „ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען!"

גאָר אַ באַזונדערע און אינטערעסאַנטע פּראָבלעם איז די יידישע יוגנט אין ארץ־ישראל. עס וואָלט געווען זייער און זייער כדאי, ווען אונדזער יידישע יוגנט אין אַמעריקע — און אויך די, וואָס איז מער־ווייניקער יידיש־

די יוגנט אין אַ קבוצה אין אַ קיבוץ־פאַרשטעלונג

באַוואוסטזיניק — וואָלט זיך באַקענט נעענטער מיט דער יידישער יוגנט אין ארץ־ישראל, מיט אירע שטימונגען, מיט אירע פּראָבלעמען, מיט אירע זוכענישן, אויפטוען און אידייען.

מען קאָן האָבן טענות צו געוויסע טיילן פון דער היגער יידישער יוגנט, צו די „סאַברעס", צו די הי־געבוירענע און דערצויגענע. מען קאָן אויסזעצן קעגן געוויסע שאָוויניסטישע, אָפטמאָל רעאַקציאָנערע שטימונגען און איינ־שטעלונגען, וואָס האָבן באַהערשט און באַהערשן געוויסע טיילן פון דער הי־געבוירענער יוגנט; מען קאָן באַטאָגען די צו־שטאַרק פּאַטריאָטישע אידעאַלן און אידעאָלאָגיעס, מיט וועלכע די יוגנט ווערט פאַרכאַפּט און אָפטמאָל מיט בפירושער איגנאָראַנץ און מיט די באַקאַנטע „איזאָלירונגס"־

לאָזונגען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ שטאַרק־נאַציאָנאַליסטישער יוגנט, וועלכע מאַכט צו־נישט קולטור און ציוויליזאַציע און שטעלט אין אויבנאָן פֿויסט און געווער. דאָס איז גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס מען דאַרף וועגן דעם באַזונדער רעדן. דאָס זיינען זיכער נעגאַטיווע און טונקעלע דערשיינונגען ביי גאַנץ־באַדייטנדיקע טיילן פֿון דער וואַקסנדיקער יוגנט, וואָס וועקן מורא און טרעוואָגע ביי די היגע פּראָגרעסיווע, ראַדיקאַלע און אַפֿילו מיטלמעסיק־סאָציאַליסטישע קרייזן אין לאַנד. פֿאָלגן פֿון אָט דער שאָוויניסטישער און האַלב־פֿאַשיסטישער איינשטעלונג און טענדענצן זעט מען איצט אויף שריט און טריט, און עס איז גאַרנישט אַזוי גרינג זיי האַמעווען, זיי ריכטן אויף דעם געראַכטן און ריכטיקן וועג. דאָס אַלץ איז אמת, און קיינעם פֿאַלט נישט איין דאָס צו פֿאַרלייקענען עפּנטלעך אָדער אין דער שטיל, ביי מער־אינטימערע שמועסן.

אַ שטאַרקע שייכות מיט אָט די שאָוויניסטישע שטימונגען און איינשטעלונגען האָבן די טעראָריסטישע אַקטן, וואָס מיט אונדזער גאַנצן מיטגעפֿיל צו די יונגע מאַרטירער, וואָס פֿירן זיי אויס מיט מסירת־נפֿש, — אָבער אין תוך, אין סך־הכל זיינען זיי אַ קללה, אַן אומגליק פֿאַרן יידישן ישוב, פֿאַר זיין ווייטערדיקן לעבן.

אָט די אַלע אָפּנויגן און בלאָנדזשענישן זיינען באמת אַ פּועל־יוצא פֿון גרויסער אומצופֿרידנקייט מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער לאַגע, און די וואָרצלען דאַרף מען זוכן ערגעץ ווייטער, נישט נאָר ביי דער יוגנט גופֿא. עס איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער אַלגעמיינער, נישט־גינסטיקער פּאָליטישער לאַגע, ווען מען שטויסט זיך אָן מיט דער צביעות־דיקער און ברוטאַלער האַלטונג פֿון דער מאַנדאַטן־מאַכט, מיט אירע רעפּרעסיעס, מיט אירע קאָלאָניאַלע פּירעכצן, און אויך מיט דער פֿאַרעווער, אָפּטמאָל שטאַרק־וואַקלדיקער פּירעכץ פֿון דער אָפֿיציעלער יידישער פּאָליטיק און מעטאָדן פֿון אַרבעט. אָבער מיר גייען דאָ נישט אַריין אין תוך, אינעם עצם פֿון די פֿאַרשיידענע פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע טעטיקייטן און טואונגען פֿון דער יוגנט. אונדז גייט דאָ בעיקר אין דעם, וואָס די יוגנט איז אַקטיוו, וויל און טראָגט גרויסע התחייבותן און פֿירט אויס גאָר פֿאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן אין דעם היגן יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן (אין קולטורעלן — ווייניקער!) לעבן.

פֿריער פֿאַר אַלץ — עס וועט זיין אַ נייעס פֿאַר אונדזער אַמעריקאַנער עפֿנטלעכקייט: די יידישע יוגנט פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן ווערט מאָביליזירט, ווען זי ענדיקט די מיטלשול, ווען זי טרעט אַריבער די יאָרן 19־20, אויף אַ יאָר ביז אָנדערטהאַלבן יאָר אויף נאַציאָנאַלער „שירות“ (דינסט). יינגלעך און מיידלעך, באַלעבאַטישע, שטאָטישע, דאָרפֿישע,

קיבוצישע, פאַרלאָזן אויף אַ יאָר זייערע וואַרעמע נעסטן, זייערע היימען, זייערע טאַטע־מאַמע און שטעלן זיך אין דינסט אויף די שווערסטע ווירט־שאַפטלעכע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. איך האָב אומעטום געטראָפן אָט די יוגנט, אין פאַרשיידענע עקן פון לאַנד, און געקוקט אויף זיי, באַאָבאַכטעט זיי און זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן. מיר טרעפן אָט די „נאַציאָנאַלע גוואַרדיע" אומעטום — אויף פּאָסטנס אין די שווערסטע פלעצער, אין פעלדער, אין וואַלד, ווי וועכטער, גאַפירס (נוטרים), אויף פאַר־שיידענע שווערע אַרבעטן, — הכלל, דאָס איז אַ ספּעציפישע אינטערע־סאַנטע באַוועגונג, וואָס עס איז וויכטיק, אַז אונדזערע פירער און טוער פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט פון די פאַרשיידענע ריכטונגען זאָלן דערלערנען און אויספאָרשן. נישט אַלץ לאָזט זיך וועגן דעם דערציילן און מאריך זיין...

און אָט די אַלע זוכענישן און פאַרמעסטן, שטימונגען און בלאָנדזשע־נישן, ליכט און שאָטן פון דער יידישער יוגנט דאַרפן פאַר אונדז, אַמערי־קאַנער יידן, זיין אַ באַווייז, אַן אָנזאָג, אַ וואָרנונג. וואו זיינען עס אין אונדזער יידישן לעבן אין אַמעריקע די ספּעציעלע יידישע פּאָזיציעס, וואו זיינען עס די שלאַכט־פעלדער, וואו זיינען עס די פאַרמעסטן און די קאַמפן, וואָס אונדזער יידישע יוגנט אין אַמעריקע האָט געשאַפן, האָט אַרויסגעדרוקט, האָט אָנגעצייכנט? וואו זיינען עס די געביטן און צווייגן אינעם אַמערי־קאַנער יידישן לעבן, וואָס זיינען פאַרנומען דורך דער יידישער יוגנט?

לעצטנס איז אין תל־אביב דערשינען אַ זאַמלהעפט פון דער היגער יידישער יוגנט מיטן נאָמען „במאבק" (אין געראַנגל), וואָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַלדאָס, וואָס עס פאַרנעמט און באַשעפטיקט די היגע יידישע יוגנט. דער זאַמלבוך האָט אַרויסגערופן פיל פּאָלעמיק אין דער היגער פּרעסע און אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן. מען קאָן אָן ספק אָפּפרעגן און באַקעמפן די אידייאישע איינשטעלונגען און באַגרינדונגען פון דער יוגנט. אָבער עס ווייזט גאַנץ קלאָר און בולעט, אַז עס קומט פאַר אַ גרויסע אינטענסיווע אַרבעט, אַן אויפברויז, אַן אויפשווים; עס זאָגט עדות, אַז עס קאָכט זיך, אַז עס זידט, אַז עס איז דאָ אומרו, מוט, דרייסטקייט, ווי עס זאָל נישט זיין פאַלש און אומבאַרעכטיקט אין פיל פרטים. דער יונגער דור קריטיקירט שאַרף דעם עלטערן, ער טייטלט אויף זיינע טעותן, ער באַ־קעמפט די וועגן, די פּאָליטיק פון די עלטערע און פאַרלאַנגט פאַר זיך אָרט, רופט צו פאַרכאַפּן פּאָזיציעס, קומט מיט נייע לעבנס־געבאָטן.

ווי עס זאָלן נישט זיין פרעמד און דערווידער אייניקע באַהויפּטונגען און איינשטעלונגען אין דעם געדאַנקען־גאַנג און אין דער וועלט־איינ־שטעלונג פון אָט דער יידישער יוגנט, אָבער עס אימפּאָנירט שטאַרק די

דרייסטקייט, די חוצפּה, די וואָרנונג פאַר פּשרה, פאַר וואַקלונגען, פאַר שאַ־שאַ־פּאָליטיק. עס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש דער ביטול, דאָס צונישט־מאַכן פון פיל ווערק און ווערטן פון דעם פריערדיקן אָדער פריער־דיקע דורות, וואָס מיר געפינען אין דער פרינציפּן־דערקלערונג. קעגן די אַלע פאַרוואורפן און קריטיק זיינען אַרויסגעטראָטן פיל היגע שרייבער און טוער. אונדז אָבער אינטערעסירט דאָ אַ צווייטע זייט — אָט דער אָנ־גרייפערישער טאָן, אָט דער רוף צו מאָביליזירן יונגע כוחות פאַר געמיינ־זאַמען קאַמף קעגן טראַדיציעס און טענדענצן אין דער היגער יידישער וועלט, — מעגן די פּאָזיטיווע לאָזונגען זיין אין תוך און אין יסוד פאַלש און אַפילו שעדלעך.

און מיר דאַרפן דאָ באַזונדערס באַטאָנען, אַז די היגע יידישע יוגנט — אַפילו די פאַרבלענדטע, די פאַרפירטע — בלייבט נישט ביי סתם רייד, ביי שיינע מליצות, ביי פראַזן, נאָר זי רעאַליזירט די פאָדערונגען און אידעאַלן מיט לייב און לעבן ממש. עס איז נישט נאָר אַ „נאה דורש" (אַ שיין רעדן), נאָר אויך אַ „נאה מקיים" (מען פאַרווירקלעכט מיט מעשים, וואָס מען פּריידיקט).

דאַרפן מיר אויך פון דעם, פון דעם אַקטיוון לעבן און קעמפן פון דער היגער יידישער יוגנט — ווי די מעטאָדן און צילן זאָלן אונדז נישט זיין אין פיל הינזיכטן און פאַלן פרעמד און דערווידער — פיל לערנען. און בעיקר — זאָל אונדזער יידישע יוגנט, וואו זי געפינט זיך נישט, עס פאַר־שטיין, באַגרייפן, דערשפירן און סטימולירט ווערן פאַר אַנדערע טואונגען, פאַר אַנדערע צילן, פאַר אַנדערע אידעאַלן.

און וויבאַלד, אַז עס איז שוין מיר דערלויבט צו רעדן אָפן און אויס־רעדן זיך דאָס האַרץ, וועל איך דאָ מאַכן אַ קורצן אָפּנויג און מיט אַ פּאָר ווערטער באַרירן דאָ אַן ענין, וואָס האָט אַ גאָר שטאַרקע שייכות צום ענין — אַמעריקאַנער און ארץ־ישראל־יוגנט. גראָד אין די טעג פון גרויסן קאַמף און געראַנגל, גראָד אין די טעג פון „הויכער טעמפּעראַטור", האָב איך איבערגעלייענט דאָ, אין תל־אביב, דעם אַרטיקל פון נ. בוכוואַלד אין דער „מאָרגן־פרייהייט" (פון 16טן אויגוסט): „יידיש אין קינדערלאַנד". איך וועל נישט רעדן איצט אין תוך. פאַראַיאָרן האָט נ. בוכוואַלד פאַר אַן ענלעכן אַרטיקל געקראָגן די געהעריקע ענטפערס. אָבער ווי מאָדנע עס האָבן דאָ געקלונגען זיינע רייד און באַרעכטיקונגען, זיינע טענות און פאַר־ענטפערונגען, זיינע דעבאַטן און אויספירן אויפן פאָן פון די קאַמפן, פון די געראַנגלענישן, פון די שינוי־מעשה־בראשית, וואָס עס ווערט דאָ געפירט. ווי גוטמוטיק און גרויסמוטיק ער באַרעכטיקט און פאַרענטפערט דאָס „אַרויסמאַרשירן" פון דער יידישער יוגנט, פון אָט דער יוגנט, וואָס איר

איז איבערגעגעבן געוואָרן די דערציאונג פונעם יינגערן יידישן דור, פון דעם זאַל, ווען אַ שוישפּילער נעמט רעציטירן אַ פּאָעמע אויף יידיש. עס איז פּאַר אים פאַרשטענדלעך „דער באַשטימטער ווידערשטאַנד און ווידערווילן צו יידיש“... און זיינע עצות־טובות צו דערלאַנגען דאָס ביסעלע יידיש, יידיש שאַפן, יידישע ליטעראַטור ווי אַ ביטערן כינין, צונויפגעמישט מיט עפּעס אַ זיסינקן סיראָפּ... און זיינע אויספירן נאָך דעם אַלעמען טרויעריקן, ווייטיקדיקן, וואָס ער קאָנסטאַטירט אַזוי „ניכטער“: „הלוואי האַלט עס מיט דער גאַנצער יידישער יוגנט אין אַמעריקע אַזוי ווי עס האַלט מיט דער יידישער יוגנט אין קינדערלאַנד. הלוואי האַלט עס אומעטום אין אַמעריקע אַזוי גוט מיטן יידישן וואָרט ווי אין קינדערלאַנד...“

משטיינס געזאָגט, מיט וואָס ער קוויקט זיך און וואָס עס זיינען זיינע „ווייט־גייענדיקע“ טרוימען און וואונטשן!

עס דערמאָנען זיך מיר די קאַמפן, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען מיט אַ 10 יאָר צוריק אין פּוילן צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, ווען אייניקע האָבן גערופן צו ביראָבידזשאַן, די אַנדערע — „לשנה הבאה בירושלים“, און נאָך אַנדערע — „לשנה הבאה במעדעם־סאַנאַטאָריע“ (עס איז געווען אַ קינדער־סאַנאַטאָריע פון די פאַרעווע סאָציאַליסטישע טוער). קיין גרעסערע השגות און ווייטערע פּערספּעקטיוון ווי די מעדעם־סאַנאַטאָריע ביי וואַרשע האָבן זיי נישט געהאַט. רעדוצירט דען נישט ב. בוכוואַלד דעם גאַנצן ענין מיט אַ פאַרעווען לאָזונג: „לשנה הבאה בקינדערלאַנד!“? — — —

פון דעם אַלעם געזאָגטן, און פיל נאָך נישט דערזאָגטן, איז גאַנץ קלאָר דער אויספיר, די אויספירן:

לאָמיר זיך ערנסט און טיפער פאַרטראַכטן אויף פיל, פיל דערשיינונגען, הנחות און איינשטעלונגען אין אונדזער יידישן לעבן. לאָמיר נישט שרעקן זיך אין פאָרם פון קריטיק און זעלבסטקריטיק זיי אויפנעמען און אַנאַליזירן, קריטיקירן און איבערשאַצן. נישט אַלעמאָל איז דער אויס־געטראָטענער, גלאַטער אינערציע־וועג דער ריכטיקער, דער פולקומענער!

דאָס זיינען די באַטראַכטונגען, וואָס עס ברענגען אַרויף די פאַרגלייכן צווישן היגן און אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

תל־אביב, דעם 12טן אָקטאָבער 1946.

23
וואָס מען לייענט אַלץ אין ארץ־ישראל

איך ווייס נישט, צי עס איז דאָ נאָך אַזאַ לאַנד ווי ארץ־ישראל, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל אייגענע פעריאָדישע אויסגאַבן און וואָס זאָל פאַר־עפנטלעכן אַזויפיל ביכער און זאַמלונגען. און איז דאָס נאָך ווייניק — ווערן דאָ אויסער דעם פאַרשפּרייט צייטשריפטן און ביכער אויך אויף פיל אַנדערע שפּראַכן און אין ממש־לעגענדאַרע צאָלן אין פּראָפּאָרציע מיט דער נישט־גרויסער צאָל איינוואוינער אין לאַנד.

ווי באַקאַנט, זיינען דאָ אין ארץ־ישראל אַ 600 טויזנט יידן — און אפשר נאָך אַ פּאָר צענדליק טויזנט. אין אַט דער צאָל זיינען זיכער דאָ אַ 100 אָדער 150 טויזנט, וואָס לייענען נישט אָדער לייענען כמעט נישט קיין צייטונגען און ביכער. מיינט עס, אַז עס דאַרף קומען אין חשבון לערך אַ האַלבער מיליאָן יידן, וואָס דאַרפן און נויטיקן זיך און קויפן און לייענען די פּרעסע, דאָס בוך אין העברייאיש און אין פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן. איז הערט און שטוינט!

עס דערשיינען דאָ, ווי שוין דערציילט פריער, זעקס טעגלעכע פרימאָרגן־צייטונגען אין העברייאיש, אַרויסגעגעבן דורך די פאַרשיידענע ריכטונגען און פּאַרטייען אין לאַנד. אויסער דעם דערשיינען נאָכמיטאָג נאָך דריי־פיר צייטונגען. הייסט עס אַ 10 טעגלעכע צייטונגען מיט אַ צירקו־לאַציע פון אַ 75־80 טויזנט עקזעמפּלאַרן טעגלעך.

אויסער דעם גייען אַרויס יעדע וואָך צענדליקער צייטשריפטן און זשורנאַלן, פּאָליטישע, פּאַרטייאישע, ליטעראַרישע, און אויך עטלעכע קינדער־צייטונגען מיט אַ טיראַזש פון אַ 3 ביז 15 טויזנט יעדע צייטונג, וואָס אין סך־הכל מאַכט עס אַ 30 טויזנט קינדער־צייטונגען יעדע וואָך.

עס גייען אויך אַרויס פאַרשיידענע פאַך־זשורנאַלן, פּעדאַגאָגישע, קינסטלערישע, ווי אויך לאָקאַלע צייטשריפטן, ספּעציעל פאַר מיטגלידער פון די פאַרשיידענע פירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, קיבוצים, געזעלשאַפטן, און אַזוי ווייטער.

צו דעם אַלעמען דערשיינען יעדע וואָך אַ 12־14 ביכער און ביכלעך, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, פאַר יוגנט און פאַר דערוואַקסענע אין צאָלן פון 2 ביז 5 און 6 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון יעדן בוך. און די ביכער ווערן פאַרשפּרייט שנעל און דערשיינען אָפט אין צווייטע און דריטע אויפלאַגעס.

און דערצו זיינען דאָ פאַרשפּרייט אין שטאָט, אין שטעטל, אין די קיבוצים געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע ביבליאָטעקן, וואָס פאַרמאָגן

ביכער אויף פיל שפּראַכן און וואָס האָבן פיל פליסיקע און געטרייע לייענער, וועלכע זיינען דורשטיק נאָך אַ בוך און בעיקר — נאָך אַן אויס־לענדיש בוך אין אַנדערע שפּראַכן. איר טרעפט אויך פיל ביכער — באַזונדערס אין ענגליש — אין די הייזער פון פאַרמעגלעכע אָדער אַפילו אין די צימערן פון קבוצה־מיטגלידער — און עס וואַרפט זיך אין די אויגן אָט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די זשורנאַלן און צייטשריפטן — ערנסטע און פאַרווײַלערישע — אויף די ווענט פון די צייטונגס־קיאָסקן (סטענדס) אין תל־אביב, חיפה, ירושלים.

הכלל, מען לייענט דאָ אויף וואָס די וועלט שטייט, און מען איז אַריינגעטאָן אין דעם לייענען און מען כאַפּט אַ נײַ בוך אָדער זשורנאַל און מען שמועסט וועגן דעם ביי באַגעגענישן און מען פאַרשרייבט זיך אין „תור" (ריי) אויף אַ פּאָפּולער בוך און מען דיסקוסירט ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן.

אָבער צו וואָס סתם אַזוי איינדרוקן, ווען פאַקטן און ציפערן רעדן צו אונדז מיט זייער איבערצייגנדיקער שפּראַך, וואָס איז אַלעמאָל שטאַרקער און ריכטיקער פון איינדרוקן און זאָגעכצן און גבית־עדות.

איך האָב געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט איינעם אַ פאַרשפּרייטער פון די פאַרשיידנסטע אויסגאַבעס, אַ מענטשן, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן, און אָט זיינען די ציפערן, און אָט זיינען די פאַקטן, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון מיין שמועס מיט אים.

אויסער די היגע העברעיִשע צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן — ווערן דאָ אין ארץ־ישראל אַרויסגעגעבן אויך איניקע צייטונגען אין ענגליש (די גאַנץ־פאַרשפּרייטע טעגלעכע צייטונג „פּאַלעסטאַין פּאָוסט" אין ירושלים, אין איבער 20 טויזנט עקזעמפּלאַרן), אין דייטש (מיט אַ העברעיִש קעפּל און אַ פּאָר קאָלומס אין העברעיִש) און אויסער דעם אַלעמען ווערן דאָ אין לאַנד פאַרשפּרייט איבער טויזנט פאַרשיידענע אויסגאַבעס, וועכנטלעכע און חודשלעכע, אויף פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן און אין גאַנץ גרויסע צאָלן. און עס איז צום שטוינען באמת, ווי־אַרום דאָס אַלץ ווערט אַזוי פליסיק געקויפט דורך דעם היגן יידישן ישוב, וואָס איז אין סך־הכל וויניקער ווי די צאָל יידן אין בראָנזוויל, אַ טייל פון ברוקלין ביי ניו־יאָרק.

די גרעסטע צאָל אויסגאַבעס ווערן פאַרשפּרייט אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס פאַרנעמט דאָ אַלץ מער און מער פּאָזיציעס. איר פילט עס אויף שריט און טריט, וואו איר גייט — אויף הויפּט־גאַסן און אויף זייטיקע געסלעך, אויף ווענט פון הייזער, ביי די פּאַראַד־אַריינגאַנגען, אויף די מודעות־ווענט און סלופּעס — אומעטום זעט איר אַנאָנסן און שילדן פון

פאַרשיידענעם גרויס און סטיל וועגן קורסן פאַר ענגלישער שפּראַך. עס זיינען דאָ ספּעציעלע לערן־אינסטיטוטן פאַר ענגליש, און גרופּעס צו לערנען די שפּראַך, א. אַז. וו. איר טרעפט כסדר מענטשן אין גאַס, אין פּאַרק, אין אויטאָבוס, וואָס האַלטן ענגלישע צייטשריפטן און ביכער. לויט די אויפגעזאַמלטע ידיעות און פּינקטלעכע, קאָנטראָלירטע ציפערן, ווערט דאָ אין לאַנד פאַרשפּרייט די ענגלישע פּעריאָדיק, אַ 250 פאַרשיידענע צייט־שריפטן אין גרויסע צאָלן. איין פּאָפּולערע ענגלישע וואָכנשריפט (אַן אילוסטרירטע) גייט זיך פאַנאַנדער אין איבער 2,000 קאָפּיעס, דער חודש־לעכער „ליליפּוט" — אין אַ 3,000 קאָפּיעס. דאָס אַלץ איז פון ענגלאַנד. די אַמעריקאַנער ענגלישע זשורנאַלן האָבן דאָ אַ באַזונדערס שטאַרקע פאַרשפּרייטונג.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דאָס בריטישע מיליטער געברויכט זייער ווייניק אָט די מאַסע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, ווייל דאָס מיליטער באַקומט די לעצטע חדשים ליטעראַטור בלויז „אייגענע", דורך אייגענע קאַנאַלן, דירעקט פון ענגלאַנד. די לעצטע צייט איז דער תחום צווישן דעם אַרומיקן היגן לעבן מיט דעם בריטישן מיליטער אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע דראָטן, און דער קאָנטאַקט איז לחלוטין איבערגעריסן אין אַלע געביטן און צווייגן, אַזוי אַז די געברויכער פון דער פּרעסע און ליטעראַטור אין ענגליש זיינען דורכאויס יידן.

עס איז אינטערעסאַנט איין פּרט: כדי צו באַקעמפן די ווירקונג פון דער גוט־אָוועקגעשטעלטער יידיש־ענגלישער טעגלעכער צייטונג „פּאַלעס־טאַין פּאָוסט" (רעדאַקטירט דורך אַן אַמעריקאַנער ייד ג. אַגראָנסקי, אַמאָל געווען אַ יידישער זשורנאַליסט אין פילאַדעלפיע), גיט ענגלאַנד אַרויס אַ טעגלעכע ענגלישע צייטונג אין מצרים (עגיפּטן), וואָס ווערט אַריבער־געבראַכט אַהער דורך די מיליטערישע עראָפּלאַנען, און זי ווערט פאַר־שפּרייט דורך די מיליטערישע אויטאָמאָבילן צווישן די מיליטערישע קעמפּס. ווי איך האָב זיך דערוואוסט, האָט עס טאַקע שטאַרק געטראָפן דער יידיש־ענגלישער צייטונג, צוגענומען גוטע עטלעכע טויזנט לייענער צווישן די בריטישע זעלנער און באַאַמטע.

די אַמעריקאַנער פּרעסע, צייטשריפטן, אילוסטרירטע אויסגאַבעס, גייען זיך דאָ פאַנאַנדער אויך אין אַ גרויסער צאָל — קרוב צו 100 פאַר־שיידענע נעמען. אגב, אייניקע פּאָפּולערע אַמעריקאַנער וואָכנשריפטן דער־שיינען אין קאַיראָ, ספּעציעלע אויסגאַבעס פאַר די אַלע היגע לענדער. דאָ ווערט די וואָכנשריפט „טאַים" פאַרשפּרייט אין אַ 1,000 עקזעמפּלאַרן.

ווען עס איז געווען אין ארץ־ישראל דאָס אויסטראַליער מיליטער, זייער האַרציקע און פריינטלעכע מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער

אַ גוטן איינדרוק אויף דער היגער יידישער באַפעלקערונג — זיינען דאָ פאַרשפּרייט געוואָרן פיל ענגלישע אויסטראַליער אויסגאַבעס צווישן די צוואַנציק טויזנט זעלנער.

צווישן די פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן איז דאָ שטאַרק פאַרשפּרייט די רוסישע שפּראַך — ריכטיקער, די אויסגאַבעס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען לייענט גערן און מיט פלייס די נייע סאָוועטישע ליטעראַטור און גאָר באַזונדערס אייניקע סאָוועטישע רוסישע זשורנאַלן. פריער פון אַלץ איז דאָ זייער פּאָפּולער דער „אָגאָניאָק״ (אילוסטרירטע צייטשריפט), וואָס ווערט פאַרקויפט אין אַ 1,000 עקזעמפּלאַרן, אָבער ער וואָלט לייכט געקאָנט גיין אין עטלעכע טויזנט קאָפּיעס. יעדער נומער ווערט אויסגעכאַפּט און מען באַצאָלט פאַראויס פאַר אים. צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר, צוליב דער פאַר־גרעסערטער צאָל פאַדערונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָן מען דערווייל אַהער מער נישט שיקן. אויך די סאָוועטישע אויסגאַבע „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ (נייע צייט) אין פיר שפּראַכן ווערט דאָ פאַרקויפט אין עטלעכע טויזנט קאָפּיעס. אויך איז דאָ אַ כּך אַ גרעסערע פאָדערונג אויף די סאָוועטיש־רוסישע ביכער, וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרקויפט ווערן פיל מער וויפיל מען באַקומט דאָ. אויסער דעם, וואָס מען קאָן נישט אַזוי פיל ביכער אַרויסשיקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען דאָ פיל שוועריקייטן, וואָס די היגע מאַנדאַטן־מאַכט האָט געשאַפן ביים דעקן רעכענונגען פון פרעמדע לענדער. דאָס שווערע וואַליוטע־געזעץ איז דאָ איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד און אויך ביים פאַר־שפּרייטן ביכער און צייטונגען פון אַנדערע לענדער.

נאָך אָט די הויפּט־שפּראַכן קומען די איבעריקע שפּראַכן, ווי אונ־גאַריש, רומעניש, פראַנצויזיש, האָלענדיש, וואָס די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אָט די לענדער און עס הויבן אָן אָנקומען אויסגאַבעס, צייטשריפטן און ביכער פון אָט די לענדער. דער עלטערער, מיטליאַריקער אימיגראַנט קאָן נישט אַזוי לייכט זיך אָפּזאָגן פון די שפּראַכן, מיט וועלכע ער איז געוועזן פאַרבונדן ביז זיין קומען אַהער, און ער זעצט פאָר צו לייענען ביכער און זשורנאַלן אין אָט די שפּראַכן, וואָס זיינען אים געוועזן אַמאָל גאָר נאָענט. פון אָט די דערמאָנטע לענדער קומען אָן צו פאַר טויזנט קאָפּיעס פון די פאַרשיידענע דאָרטיקע זשורנאַלן, וואָס ברענגען אים אַ גרוס פון זיין „אַלטער היים״.

דער סך־הכל איז — אַז עס גייט אַ שטאַרקע טענדענץ צו לייענען אַלץ מער ענגליש. אָפּטמאָל נעמט עס אָן גאָר נישט קיין נאַטירלעכע פאָרמען. עס איז דאָ אַ מין סנאָביזם צו ווייזן, אַז מען איז „אינטעליגענט״ און אַז מען קאָן לייענען אָט די „אַריסטאָקראַטישע״ שפּראַך. אָבער איין זאַך —

דאָס מוז מען כסדר באַטאָנען — די יוגנט, פון די סאַמע ייִנגסטע קינדער־לעך ביז דערוואַקסענע, די יוגנט איז דאָ אויף דעם סאַמע באַטירלעכסטן און זעלבסטפאַרשטענדלעכן אופן באַהאַפטן מיט דער העברייִאישער שפּראַך און דאָ גילטן כמעט נישט קיין אויסנאַמען; זעלטן, זעלטן — אפשר אין די הייזער — קאָן מען הערן אַ קינד, אָדער אַ יונגלינג זאָל רעדן נישט־העברייִאיש. די העברייִאישע שפּראַך האָט דאָ איינגענומען אַלע פּאָזיציעס ביים וואַקסנדיקן דור.

און אַז מיר רעדן וועגן די אַנדערע שפּראַכן אויסער העברייִאיש, לאָמיר אויך דאָ באַרירן בקיצור וועגן דעם אָרט, וואָס די ייִדישע פּרעסע און ביכער פאַרנעמען ביים ברייטן עולם. דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע פראַגע, וואָס פאַרדינט אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג, און מיר וועלן עס טאָן גאָר באַזונדער. דערווייל, אַז מיר רעדן שוין וועגן דער צאָל אויס־גאַבעס אין אַנדערע שפּראַכן, לאָמיר אויך אין אַ פּאָר ווערטער איבערגעבן וואָס עס ווערט געלייענט אין ייִדיש:

עס איז זיכער, אויפן סמך פון מיינע פיל באַזוכן אין די שטעט און אין די קיבוצים, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע פאָדערונג, און אַ זייער שטאַרקע און באַטירלעכע, אויף ייִדישע ביכער און צייטשריפטן. אָבער עס ווערט גאָרנישט געטאָן צו באַפרידיקן אָט דעם דורשט און הונגער. נאָך מער: ס'איז ווי אַלע, אַלע אַן אויסנאַם וואָלטן די אַלע יאָרן געטאָן דאָס פאַר־קערטע — וואָס מער אָפּפרעמדן ייִדיש פון דעם היגן ישוב. עס דערשיינט דאָ אַ וואָכנשריפט אויף ייִדיש, „נייוועלט", אָבער עס איז אַ טרוקענע פּאַרטייִאישע אויסגאַבע, וואָס קאָן נישט פאַראינטערעסירן אַ מאַסן־לייענער אָדער אַ גוטן לייענער. עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ חודש־צייטונג „פאָלקס־שטימע", אַרויסגעגעבן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַ מין איבערזעצונג פון דעם „קול לעם", אָבער אויך נישט קיין מאַסן־צייטונג. אַ גאָר גוטע ייִדישע צייטשריפט וואָלט געקאָנט האָבן גאָר אַ גרויסן דערפאָלג, ווען מען וואָלט גלייך פון אָנהויב נישט באַקעמפט זי מיט נישט־דערלאָזטע מיטלען און מעטאָדן.

די ייִדישע צייטונגען פון ניו־יאָרק גייען זיך דאָ פאַנאַנדער אין נישט פיל קאָפּיעס. די סיבה איז פּשוט: צוליב די שלעכטע פּאָסט־פאַרבינדונגען, קומט אָן אַהער אַ נומער אין אַ 6־7 וואָכן אַרום. וואָס פאַר אַן אינטערעס קאָן אַזוי אַרום האָבן אַ געוויינלעכער לייענער פאַר אַזאַ אַלט־געבאַקענער צייטונג? עס פאַרשפּרייט זיך דאָ די „ייִדישע קולטור" — דערווייל אין אַ 200 עקזעמפּלאַרן — די צאָל וועט וואַקסן. און לערך אַזוי פיל אָדער ווייניקער די „אייניקייט" (פון ניו־יאָרק) און די „צוקונפט". איין ייִדישע צייטשריפט פון ניו־יאָרק ווערט דאָ פאַרשפּרייט אין איבער טויזנט קאָפּיעס,

— און דאָס איז כלל נישט קיין קאָמפּלימענט פאַרן ישוב, — דאָס איז דער זשורנאַל „אַמעריקאַנער", וואָס האָט דאָ אַזוי פּיל לייענער. ווייזט אויס, אַז ס'זיינען דאָ עלטערע מענטשן, וואָס קאָנען זיך באַפרידיקן מיט דער שפּייז, וואָס דער זשורנאַל ברענגט זיי. מען וואָלט געקאָנט פאַר־שפּרייטן דאָ יידישע ביכער אין פיל קאָפּיעס. אייניקע ביכער, ווי אַשס „דער מאַן פון נצרת", שלום־עליכמס ווערק, זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין גרעסערע צאָלן. עס איז שטאַרק פאַרקויפט געוואָרן, אין די הונדערטער, יהואשעס תנ"ך מיט דעם העברייאישן טעקסט. מען קאָן די דערמאָנטע ביכער פאַרקויפן אין נאָך און נאָך עקזעמפּלאַרן. אין די קיבוצים איז דאָ אַ דראַנג, אַ בענקשאַפט צו אַ יידיש בוך, אָבער מען שטילט כלל נישט אָט דעם דורשט.

הקיצור, מען לייענט ציטונגען און צייטשריפטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער ווייניקער אין יידיש, הגם דער אינטערעס פאַר יידיש איז דאָ און קאָן וואַקסן. אייניקע אינסטיטוציעס גיבן אַפילו אַרויס צייט־שריפטן אויף יידיש, אָבער ס'איז בלויז פאַר עקספּאָרט, אויף אַגיטאַציע קיין אויסלאַנד, אין „גלות". דאָ, אין לאַנד, איז עס לא יראה ולא ימצא. הקיצור, יידיש דאַרף ערשט אויסקעמפן דאָ פּאָזיציעס אויף לעבן און וואַקסן ביי צענער טויזנטער, וואָס וואָלטן גערן געלייענט און זיך געקוויקט מיט יידיש.

אויף מיינע פאַרשיידענע באַזוכן איבערן לאַנד און אין די פאַרשיידענע קבוצות, וואו ס'איז מיר אויסגעקומען אויפצוטרעטן מיט רעדעס, רעפע־ראַטן אויף יידיש, אין מיינע פאַרשיידענע שמועסן מיט פאַרשיידענע מענטשן פון פאָלק, קיבוצניקעס, מענער און פרויען, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אמתע, אויפריכטיקע פריינט פון יידיש, פונעם יידישן שאַפן, און נאָך מער — אויף טרייע ליבהאָבער און פאַרערער פונעם יידישן וואָרט, פונעם יידישן בוך, — די ליבשאַפט און פאַרערונג, וואָס זיי טראָגן אין זיך ווי עפּעס אַ רעליקוויע, אַ הייליקן אָנדענק פון אַן אייגן לעבן און טיף־איינ־געבאַקענער אינטימקייט. אָבער מ'ווערט אָפּגעריסן, מ'ווערט אָפּגעפרעמדט. און זיי באַדויערן עס און זיי ליידן זיי דערפון. און זיי לעכצן נאָך אַ יידיש וואָרט און וואַרפן זיך מיט צאַפּל און ברען אויף אַ גוט יידיש בוך. זיינען מיר אַליין גאָר שולדיק, וואָס מיר טראַכטן נישט וועגן דעם, וואָס מיר באַפרידיקן נישט אָט דעם דורשט, וואָס מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די טויזנטער, וואָס קאָנען ווערן אונדזערע איבערגעגעבענע לייענער און מיטשאַפער.

תל־אביב, דעם 26טן אָקטאָבער 1946.

24
טעאַטער אין ארץ־ישׂראל

עס וועט זיין אַ חידוש פאַר אונדזערע לייענער אין אַנדערע לענדער, וואָס ווייסן גוט ווי עס האַלט מיטן יידישן טעאַטער אין זייערע שטעט און געגנטן, צו הערן, אַז אין דעם קליינעם ארץ־ישׂראל, וואָס האָט אַ 600 טויזנט יידן, — אַז אין דעם לאַנד זיינען דאָ פינף שטענדיקע העברייאישע טעאַטערן, מיט גוט־איינגעשפּילטע אַנסאַמבלען, מיט רעזשיסערן, מוזיקער, קינסטלער און מיט אַ שטענדיקן רעפּערטואַר און נאָך מער — מיט אַ שטענדיקן טרייען עולם, וואָס איז גערן און וואָס איז פאַרקאַכט אינעם טעאַטער.

און אָט די פינף טעאַטערן זיינען פעסט־איינגעפונדעוועטע קונסט־אינסטיטוציעס מיט אַ נאָרמאַלן לעבן און מיט גאָר־גרויסע אַמביציעס פאַר ווייטערדיקע שאַפונגען און פאַרמעסטן.

איין טעאַטער, „הבימה“, האָט שוין הינטער זיך אַ לאַנג־יאָריקע טראַדיציע פון אַ דרייסיק יאָר זוכענישן און געפינענישן, מיט אַ רעפּער־טואַר פון קרוב צו הונדערט פּיעסעס, מיט אַ גאַנץ־רייכער קולטור־ און סצענישער געשיכטע, אין וועלכער עס זיינען באַטייליקט די גרעסטע וועלט־רעזשיסערן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. עס איז אַ גוט־באַקאַנטע געשיכטע, וואָס האָט שוין אירע געשיכטס־שרייבער און פאַר־שער, — אַ רייכע געשיכטע, וואָס פאָדערט שוין שטודיעס, סעמינאַרן. אָנגעהויבן פון איר טעטיקייט אין די פאַר־בראשית־טעג פון איר אייגענער עקזיסטענץ, ווען איינער האָט כמעט נישט געוואוסט פונעם צווייטן, ווערט מען צונויפגעגאָסן אין מאָסקווע אין די האַמע הייסטע און ברויזנדיקע טעג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און אין פייער און אין פּאַטאָס פון די אָקטאָבער־טעג ווערט פאַרמירט דער ערשטער גאַנג אונטער דער פירונג פון סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו. — און זינט דאַן ציט זיך דער סצעניש־טעאַטראַלישער וועג פון דעם אַנסאַמבל איבער וואַרשע, בערלין, פּאַריז און די לעצטע קנאַפּע צוואַנציק יאָר אין ארץ־ישׂראל. — איז יעדע פון די קנאַפּע הונדערט אויפפירונגען, די פּיעסע, די רעזשי, דער עולם — אַ בלאַט געשיכטע פון דער „הבימה“, פון דער געזעלשאַפט, פון דער צייט, ווען די דראַמאַטישע שאַפונג איז געבוירן, ווען זי איז פאַרגעשטאַלטיקט געוואָרן און געפונען איר סצענישן תיקון אויף דער בינע און דערנאָך גענומען לעבן איר לעבןביים עולם־צוקוקער און אויפנעמער. און עס איז אויך זייער באַלערנדיק די צאָל פאַרשטעלונגען פון יעדער פּיעסע, ווייל

אין דעם אינטערעס, וואָס אַ פּיעסע האָט אַרויסגערופן ביים עולם, איז קאַנטיק דער צייכן פון דער צייט, די פּראָבלעמען, וואָס האָבן גערייצט און גערעגט דעם ברייטן עולם, וואָס וואַקסט מיטן טעאַטער.

ביים פאַנאַנדערגלידערן און אַנאַליזירן דעם רייכן פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר פאַר די אַלע יאָרן, די צאָל אויפפירונגען פון יעדער שאַפונג, קאָן מען זען דעם פּרצוף־פּנים פון דער צייט, דעם כאַראַקטער פון דעם „פּובליקום" און דעם ניווא פון דעם טעאַטער. אָבער מיר גייען דאָ נישט זיך אָפּשטעלן געגוי אויף יעדן איינעם פון די טעאַטערן און אויסדערציילן זייער געשיכטע און וואוקס און אַנטוויקלונג. עס גייט אונדז איצט אין דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריזירונג פון דעם יידישן טעאַטער־לעבן און זיין אָרט און ראָלע אינעם ארץ־ישראלדיקן לעבן אין דער איצטיקער צייט.

דער צווייטער טעאַטער, וואָס האָט שוין אויך הינטער זיך אַ רייכע געשיכטע פון איבער צוואַנציק יאָר, איז דער „אוהל" — דער אַרבעטער־טעאַטער, וואָס איז אַ געזעצלעך קינד פונעם היגן יידישן ישוב און ווערט סובסידירט און געשטיצט (ווען מען דאַרף!) פון דער „הסתדרות", פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. — אויך אָט דער טעאַטער האָט זיך זיינע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, וואָס איז זיכער פאַרבונדן אויך מיטן אַלגעמיינעם טעאַטער־לעבן אין דער וועלט, אָבער אין תוך איז זיין גאַנצער וועג אַדורכ־געגאַנגען אין ארץ־ישראל גופא, אין די גרענעצן און אין דער אַטמאָספער פונעם לאַנד. אויך אָט דער טעאַטער ציילט שוין אין זיין רעפּערטואַר אַ זעכציק פּיעסעס פונעם פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער און שניט. און מען קאָן אויך זייער פיל לערנען ווען מען גייט פּאַמעלעך אַדורך דעם גאַנג פון דעם טעאַטער אַלע זיינע יאָרן און מען שטעלט זיך אָפּ אויף די אויפ־פירונגען, וואָס מען האָט אינעם טעאַטער געגעבן די אַלע איבער 20 יאָר. עס זיינען אין דעם רעפּערטואַר פון „אוהל" פאַראַן פאַרשיידענע אָפּנויגן, פאַראַן אַ דרך־המלך און זייטיקע שטעגן־וועגן, וואָס כאַראַקטעריזירן צייטן און תקופות, השפעות און איינפלוסן פון דער זייט.

און אַרום אָט די צוויי ערנסטע, „שווערע" טעאַטערן, מיט בכבודיקע פּיעסעס פון וועלט־קלאַסיקער און מאָדערנע שרייבער, פרעמדע און אייגענע, העברייאישע און יידישע, — אַרום אָט די צוויי טעאַטערן לעבט זיך דאָ אינעם לאַנד נאָך אַ טעאַטער מיט אַ „טשעקאַוון" נאָמען, מיט אַ „פאַרריסענעם" חוצפּהדיקן בליק אינעם היגן יידישן לעבן,—דער טעאַטער „מטאטא" (דער בעזעם). עס איז מיר נישט באַקאַנט גענוי זיין געשיכטע, וואוקס און אַנטוויקלונג, אָבער משמעות, אַז די גרינדער פונעם טעאַטער האָבן געהאַט אַנדערע אַספּיראַציעס און געדאַנקען ביים אויפשטעלן דאָס בינעלע פאַר די ערשטע אויפפירונגען, און מיט דער צייט האָט דער

טעאַטער פאַרנומען אַן אַנדערן וועג, אַ מער־סטאַבילן און אַ מער־פאַר־גאַנצטן. קאָן זיין, אַז ביים אָנהויב האָט מען געהאַט אינזינען בלויז אַ רעווי־טעאַטערל, אַ סאַטיריש בינעלע, אָבער איצט איז שוין „מטאטא" אַ טעאַטער, וואָס ברייסט זיך ווערן אַ קאָמעדיע־טעאַטער אָדער אַ טעאַטער, וואָס וויל שפּילן גרעסערע, גאַנצערע פּיעסעס, וואָס האָבן אין זיך וואָס־מער אַקטועלן שטאָף, וואָס זאָל טאַקע בעזעמען און אויסבעזעמען וואָס עס קלויבט זיך אָן אין דער אַרומיקער וועלט, רייניקן און אויס־רייניקן די „שטאַלן" פונעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן. קאָן זיין, אַז מיט דער צייט וועט דער טעאַטער אויך בעזעמען און אויסבעזעמען אייגענע איבערבלייבענישן, אויסרייניקן פאַר ווייטערדיקע זוכענישן און פאַרמעסטן, סיי אינעם זין פון רעפּערטואַר און סיי אינעם זין פון די סצענישע מעטאָדן. עס איז אַ טעאַטער, וואָס וויל נישט רוען אויף אייגענע פריערדיקע פּאָזיציעס און וויל נישט לעבן פון שניידן קופּאָנעס.

אויב די דערמאָנטע דריי טעאַטערס זיינען שוין גוט איינגעוואָרצלט אינעם ישוב, האָבן שוין יעדער איינער זיין אויסזען, זיין כאַראַקטער, זיין געשטעלטן גאַנג, זיין סטיל און שניט, — איז די צוויי יינגערע העב־רייאישע טעאַטערן האַלטן זיך אין אויספּיקן און אָננעמען זיך מיט פעדערן און הויבן ערשט אָן צו אויסקריסטאַליזירן און אויסצוגעשטאַלטיקן זיך.

פאַראַן דאָ אַ נייער טעאַטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „תיאטרון קאמרי" (קאַמערן־טעאַטער), וואָס איז ערשט אַלט אַ יאָר, אָבער ער האָט שוין באַוויזן אויפצורודערן די היגע טעאַטראַלישע געזעלשאַפט און פאַר־אינטריגירן דעם היגן עולם. מען קאָן הערן וועגן אָט דעם טעאַטער די סאַמע ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען און די סאַמע אויסטערלישע פעסט־שטעלונגען, זאָגן אייניקע, אַז דאָס איז גאָר קיין העברייאישער טעאַטער נישט; ס'איז טעאַטער, וואָס שפּילט בלויז אויף העברייאיש דורך מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט שטאַמלען העברייאיש און וואָס שפּילן לויט פרעמדע פאָרמען און מעטאָדן. און אַנדערע באַהויפּטן, אַז דאָס איז אַ טעאַטער, וואָס איז ניי און האָט אַ גרויסע צוקונפט און וואָס וועט פאַר־נעמען אַ בכבודיקן אָרט אינעם היגן טעאַטער־לעבן, אַז עס איז אַ טעאַטער, וואָס איז פריש און רייצנדיק, א. אַז. וו. — און זיין רעפּערטואַר איז טאַקע אַ בונטאַרישער, אַ דרייסטער, אַ שקאַצישער. ס'איז אַ טעאַטער, וואָס האָט נישט קיין טראַדיציעס און קיין אָנגעזאַמלטע „ירושה", — איז ער פראַנק און פריי, אָפן פאַר זייטיקע השפעות, פאַר ווינטן און צוגווינטן. און טאַקע אַזאַ איינדרוק מאַכן די צוויי זאַכן, וואָס כ'האָב ביי זיי געזען. ווייניק יידיש־לעך, מער אוניווערסאַל, אָבער מיטן בליק צו מאָדערנע בונטאַרע זוכענישן.

און נאָך אַ טעאַטער — אַ רעווי־טעאַטער „לי־לה־לו", וואָס האָט שוין

דאָ זיינע חסידים און פּאַרטיידיקער, מיט אַן אייגענעם אַנסאַמבל, וואָס איז דערוויל אַ געמיש פון פאַרשיידענע סטילן און שולעס — עס זיינען דאָ נומערן פון דעם סאַמע עכטן אַלטן יידישן טעאַטער, און סתם רעפּערטואַר מיט לידלעך פון די באַקאַנטע קליין־קונסט טעאַטערן פון פּוילן, רוסלאַנד און דייטשלאַנד, און עס איז אויך דאָ דער אָריגינעלער אייגנאַרטיקער סטיל פון די תימנער לידער־זינגער, מיטן ספּעציפישן קנייטש און דריידלעך, וואָס טוט וואויל־געפעלן אונדזערן אַ צוהערער און צוקוקער. אָט דער טעאַטער איז נאָך גאָר אַ רויער, צונויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך־ברעקלעך און וואַרט אויף אַ פעסטער האַנט, וואָס זאָל געבן אַן אַנווענדונג די אַלע כוחות אין אים.

דאָס איז דער טעאַטראַלער האָב און גאָב פון דעם היגן יידישן לעבן, וואָס פירט אַן אמתע און לעבעדיקע סצענישע באַלעבאַטישקייט אויף אַ גאָר ברייטן פאַרנעם. אָט די פינף באַזונדערע טעאַטערן זיינען שטענדיקע אינסטיטוציעס, מיט אַ נאָרמאַלן לעבן, מיט גוט־באַפעסטיקטע שוי־שפּילערישע קאָלעקטיוון, מיט אַ נאָרמאַלער סצענישער, רעזשיסערישער טעטיקייט, מיט אַ קאָלעקטיוון אַרט־לעבן און מיט פעסטע יסודות פאַר וויטערדיקער אַנטוויקלונג און מיט אַ ברייטערער פּעריפעריע פון קאָ־מיסיעס, מיטאַרבעטער, מיטשאַפער, מיט פּערספּעקטיוון און אויסבליקן אויף וויטערדיק לעבן און שאַפן.

די הויפּט־טעריטאָריע פון שאַפן און ווירקן איז, פאַרשטייט זיך, תל־אביב, אָט די יונגע לעבעדיקע, הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט, מיט דעם צאַפּלדיקן אַרט לעבן און ווילן צו פאַרוויילן זיך. נישט נאָר, וואָס תל־אביב האָט די גרעסטע צאָל יידן אין איין שטאָט פון ארץ־ישראל, נאָר תל־אביב פאַרמאָגט זיכער די גרעסטע צאָל יידן, וואָס האָבן אַ ליבע און אַ נייגיר צום פאַרוויילן זיך. קיין שום אַנדערע שטאָט, אָדער אַפילו עטלעכע אַנדערע שטעט אין לאַנד צוזאַמען גענומען, קאָן זיך נישט פאַרמעסטן און פאַרגלייכן מיט תל־אביב, וואָס איז אויך אין דער זעלבער צייט די שטאָט, וואוהין מען קומט כסדר פון דעם גאַנצן לאַנד אויף פאַרוויל און אויף פאַרברענגג. שפּילן טאַקע די אַלע טעאַטערן אין תל־אביב דאָס רוב צייט, עטלעכע טעג אַ וואָך און כמעט אַ גאַנץ יאָר, מיט אַ קליינעם איבעררייס פון אַ פּאָר וואָכן, צוליב וואַקאַציע פון די שוישפּילער. און אין די סאַמע הייסטע טעג פונעם זומער, אין די ברענענדיקע חדשים פון יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער, אָקטאָבער, האָבן כמעט אַלע טעאַטערן געשפּילט אין שטיקנ־דיקע זאַלן. עס איז געווען אַ מסירת־נפש סיי פון די שוישפּילער און סיי פונעם עולם צו שפּילן און צו קוקן, הערן און זען טעאַטער־אויפפירונגען. — און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן אַ טעאַטער־סעזאָן שניידן,

שניידן אין בלוט אַריין, און איבעררייסן אינמיטן, ווי עס פירט זיך ביי אונדז אין אונדזער בידנער יידישער אַמעריקע.

אָבער עס איז נישט ריכטיק, אַז עס זיינען דאָ בלויז פינף אַנסאַמבלען. די טעאַטערן „הבימה" און „אוהל" האָבן אָרגאַניזירט אַזוי זייערע פאָר־שטעלונגען און אַנסאַמבלען, אַז אין איין צייט שפּילט איין טייל שווישפּילער אין תל־אביב, ירושלים אָדער חיפה, און אַ צווייטער שפּילט אין די פאַר־שיידענע אַנדערע פונקטן איבערן לאַנד, וואָס לעכצן אויך נאָך אַ פאָר־שטעלונג פון דעם טעאַטער. אין די שבת־טעג, האַרבסט־צייט און ווינטער, שפּילט מען צו צוויי פאָרשטעלונגען, פאַרנאַכט און אין אָוונט. מען דאַרף צוגעבן, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס שפּילט מען נישט קיין טעאַטער, אָבער עס מאַכט נישט אויס. אַט דער אָוונט גייט נישט לאיבוד, — מען נוצט אויס דעם „ליל־שבת" פאַר לעקציעס, קאָנצערטן, רעפעראַטן, סימפּאָזיומס, דיס־קוסיעס איבער דעם טעאַטער און וועגן איינציקע פאָרשטעלונגען, אָדער מיט סצענעס פון פּאָפּולערע פאָרשטעלונגען.

און דער עיקר — דאָס היגע טעאַטער לעבט נישט אַ באַזונדער און איזאָלירט לעבן. עס איז פאַרבונדן מיט די אַלע אַנדערע צווייגן און געביטן פונעם היגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן און פאַרלעגערישן לעבן. עס זיינען דאָ דראַמאַטורגן, עס זיינען דאָ איבערזעצערס, עס זיינען דאָ זשורנאַלן, עס זיינען דאָ פאַרלאַגן, וואָס גייען־מיט, גייען צוזאַמען און גייען־פאָראויס און גייען נאָך דעם היגן טעאַטער. עס איז נישט קיין ענין פון אַן איינצלנעם דירעקטאָר אָדער „סטאַר". עס איז אַן ענין פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַן אַנסאַמבל, פון אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם. דאָס טעאַטער איז אַ גליד אין דער אַלגעמיינער משפחה פון די בויער און שאַפער.

פון די באַזונדערע שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט די פירער־אָנפירער פון די טעאַטערן, האָב איך געזען, ווי דער ענין טעאַטער ווערט דאָ גענומען ערנסט און ברייט. עס זיינען דאָ אויסגעאַרבעטע פּלענער פאַרן טעאַטער אויף לענגערע צייטן. מען אַרבעט, מען זעצט איבער, מען לייענט רעפּערטואַר, מען שרייבט לויט ספּעציעלע אָפּמאַכן און אָפּשמועסן. הכלל, עס איז אַ גרויסע קולטור־שאַפערישע אינדוסטריע. צווישן די עטלעכע טעאַטערן איז דאָ אַ קאָנטאַקט, מען צעטיילט זיך מיט דאַטעס, שטעט און באַזוכן.

עס זיינען אויך דאָ ספּעציעלע פאָנדן ביי אינסטיטוציעס, עס זיינען דאָ ספּעציעלע פּרעמיעס, וואָס ווערן אויסגעטיילט צווישן די, וואָס האָבן זיך לעצטנס אויסגעצייכנט. און אויב אַ פּיעסע, אַן אָריגינעלע אָדער איבערגעזעצטע, נעמט אויס, געפינט זי גלייך דעם פאַרלעגער, וואָס פאָר־

עפנטלעכט זי, און דאַן ווערט זי פאַרשפּרייט אין פיל טויזנטער עקזעמ־פּלאַרן. און דאָס העלפט־מיט ממילא סיי דעם טעאַטער און סיי דער פאַרשפּרייטונג פונעם בוך. מען וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן פיל אַזעלכע פאַלן, ווען אַ בוך ווערט פאַרשפּרייט אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן אַדאַנק דעם אין לויף פון אַ קורצער צייט. — אָט די קעגנזייטיקע הילף פון טעאַטער און בוך איז זייער וויכטיק און הלוואי זאָלן מיר עס אויך ביי אונדז אין אַמעריקע אינעם יידישן טעאַטער און אין דער ליטעראַטור.

עס ווילט זיך באַזונדערס באַטאָנען אויף נאָך אַ וויכטיקע דערשיינונג אינעם היגן יידישן טעאַטער־לעבן, — דאָס זיינען די דראַמאַטישע שולעס, די סטודיעס, וואָס עקזיסטירן ביי יעדן פון די טעאַטערן. צווישן די שויי־שפּילער אין די טעאַטערן זיינען שוין דאָ עטלעכע גוט־צוגעגרייטע און צוזאָגנדיקע יונגע שוישפּילער, וואָס האָבן געלערנט און זיך צוגעגרייט אין די אייגענע טעאַטער־שולעס, אין די ווענט פון דעם טעאַטער. אין יעדער נייער פאַרשטעלונג, וואָס די טעאַטערן גיבן, זיינען באַטייליקט אָט די יונגע שוישפּילער, און זייערע נעמען זיינען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל און מיט אַ צושריפט, — אַ שילער פון דער שולע ביים טעאַטער. — און עס איז אַ פרייד צו זען, ווי מען פאַרטרויט זיי ערנסטע ראָלן און ווי זיי פירן אויס די ראָלן מיט כבוד און מיט דער געהעריקער ערנסטקייט.

די „הבימה" און „אוהל" פירן־אויף יעדן יאָר עטלעכע נייע ספּעק־טאַקלען אונטער דער רעזשי פון אייגענע און פון פאַרבעטענע רעזשיסערן. אָבער אויסער די נייע פאַרשטעלונגען, ווערן אויך געשפּילט פיל פאַר־שטעלונגען פון דעם אַמאָליקן רעפּערטואַר. עס איז דאָ ביי יעדן פון אָט די צוויי טעאַטערן אַן אייזערנער פאָנד פון פּיעסעס, וואָס ווערן גע־שפּילט כסדר. איך האָב אויפן סמך פון נעענטערער באַקאַנטשאַפט מיט די פירער פון די טעאַטערן זיך איבערצייגט, אַז איבער אַ דרייסיק פּיעסעס זיינען כסדר גרייט צום שפּילן. און ביי יעדער געלעגנהייט קאָן מען גלייך שפּילן אַ פּיעסע. אמת, אייניקע פּיעסעס פון דעם אייזערנעם פאָנד ווערן באַנייט אָפּט, ווייל די שוישפּילער, וואָס האָבן געשפּילט ביי דער ערשטער אור־אויפפירונג, זיינען אַלט געוואָרן, אָדער זיינען שוין נישטאָ אינעם טעאַטער אָדער זיינען אויפן עולם־האמת. אָבער דער נייער מיטשפּילער ווערט אַריינגעפלאָכטן אין דער פאַרשטעלונג, ווי זיינע פאָרגייער, און ווערט אַ באַשטאַנד־טייל פון דער פאַרשטעלונג.

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין אין לאַנד, האָב איך געזען אין דער „הבימה" עטלעכע אַזעלכע פאַרשטעלונגען, וואָס אייניקע הויפּט־ראָלן זיינען פאַרביטן געוואָרן דורך נייע אויספירער, און עס איז געווען זייער אינטערעסאַנט, ווי דער נייער שפּילער האָט זיך באַמיט איינצולעבן זיך אין

דער ראָלע און אויך אין דעם אַלגעמיינעם ספּעקטאַקל. עס איז געווען פאַר מיר אַ באַזונדערע באַפרידיקונג צו זען ווי יונגעטשקע אַקטיאָרן, מיידלעך און בחורים, פאַרמעסטן זיך מיט די אַלטע, עלטערע שוישפּילער, מיט אַ לאַנגן סטאַזש פון סצענישער טעטיקייט.

און נאָך אַ זאַך, וואָס וועט קלינגען ממש ווי עפּעס אַן אויסטראַכטעניש. מען שפּילט טעאַטער אָן „בענעפיטס" און מען איז נישט אונטערגעוואָרפן די פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, וואָס ווילן זיי — קויפן זיי אַ פאַרשטעלונג. אלא נישט — מוז מען דעם טעאַטער מקצר ימים זיין און אויפהערן צו שפּילן אינמיטן סעזאָן. — דאָ איז עס נישט אַזוי. דאָ איז די קאַסע אַליין אַ גרויסע שטיצערין פונעם טעאַטער, דאָס פענצטערל ברענגט אַריין כסדר גוטע „סבאָרן". און חוץ דעם האָט מען דאָ אין די צוויי טעאַטערן „הבימה" און „אוהל" אויך איינגעפירט „מינוים" (אַבאָנענטן), וואָס קויפן אין אָנהויב סעזאָן צו צען פאַרשטעלונגען, וואָס ווערן אָנהויב סעזאָן ספּעציעל אויסגערעכנט. אָט די אַבאָנענטן ווערן רעקרוטירט דורך די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, דורך די שולן פאַר די תלמידים, דורך די פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי לערער, אָנגעשטעלטע פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס א. אַז. וו. — איז איידער מען עפנט דעם פאָרהאַנג פון אַ נייעם סעזאָן, האָט מען שוין פיל פאַרקויפטע פאַרשטעלונגען און מען איז שוין מער־ווייניקער זיכער מיט אַ באַשטימטער צאָל פאַרקויפטע פלעצער אָדער פאַר־שטעלונגען. אָבער דאָ גייט נישט דער פאַרקויף בלויז אויף איין פּיעסע, נאָר מיטאַמאָל אויף גאַנצע צען, אָדער מער. עטלעכע פון די פריערדיקע און עטלעכע — נייע, וואָס ווערן געגרייט און אָנגעזאָגט אויף דעם גאַנצן סעזאָן.

און וויבאַלד אַז ס'איז דאָ אַ נאָרמאַל שול־וועזן מיט טויזנטער שול־קינדער און שול־יוגנט, באַדינט דער טעאַטער אָט די יוגנט. ביי יעדן יום־טוב, ביי יעדער צייט, ווען די קינדער זיינען פריי פון דער שול, גייען זיי אין גאַנצע קלאַסן אין טעאַטער, און טעאַטער איז נאָרמאַל און נאַטיר־לעך אַריינגעפלאָכטן אין זייער שול־וועזן, איז אַ צוגאָב, אַ באַרייכערונג פון זייער וויסן און לערנען. הכלל, ווי ביי לייטן!

צווישן די וויכטיקסטע ספּעציפישע ארץ־ישראלדיקע טעאַטער־דער־שיינונגען דאַרף מען באַזונדערס זיך אָפּשטעלן אויף די ספּעקטאַקלען, וואָס ווערן געגעבן אין די קבוצות. דאָס איז עפּעס גאָר־אויסטערלישס און אָריגינעלס, וואָס טראָגט גאָר אַ באַזונדער כאַראַקטער. ערשטנס, דאָס רוב פון אָט די פאַרשטעלונגען ווערן געגעבן אונטערן אָפענעם הימל, אין די ספּעציעלע אַמפיטעאַטערס, וואָס זיינען אויפגעבויט אָדער איינגעאָרדנט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין די קיבוצים, וואָס פאַרמאָגן אַ גרעסערע צאָל

מיטגלידער. צווישן די איבער 150־200 דאָרף־ און קאָלאָניע־ישובים זיינען דאָ אַ פּאָר צענדליק קבוצות, וואָס האָבן שוין אַזעלכע ספּעציעלע אַמפּיטעאַטערס אָדער גרעסערע „חדרי־האוכל" (עס־צימערן), וואָס זיינען איינגעאָרדנט אויך פאַר פאָרשטעלונגען. און דאָס רוב קומען צו די פאָר־שטעלונגען אין די קיבוצים אויך פון די אַרומיקע קלענערע קבוצות, מיט אַ קלענערער צאָל חברים. און עס איז אינטערעסאַנט, ווי קינד און קייט באַטייליקן זיך אין אַזאַ פאָרשטעלונג, וואָס איז אַ גרויס געשעעניש, אַ גרויסער יום־טוב פאַר דעם קיבוץ, ווייל עס געשעט אַ פּאָר מאָל אַ יאָר. און נישט נאָר וואָס מען שפּילט אָפּ די פאָרשטעלונג און — יוצא. מען אָרדנט איין נאָך דער פאָרשטעלונג אַ יום־טוב אין חדר־האוכל, און מען רעדט און מען טיילט זיך מיט איינדרוקן און מען גיט אויך צוגאָב־קאָנצערטן אויף אַ היימישן אופן.

מיר קאָנען אין דעם אַרטיקל נישט אָפּשטעלן זיך גענוי אויפן רע־פּערטואַר. אָבער עס ווילט זיך פאַרבייגייענדיק דערציילן, אַז אינעם ארץ־ישראלדיקן טעאַטער שפּילט מען זייער פיל יידישן רעפּערטואַר, — איך מיין רעפּערטואַר פונעם יידישן טעאַטער. שלום־עליכם, גאָרדין, פּרץ הירשביין, לייוויק, גאָלדפאַדען — זיינען אָפטערע געסט אינעם היגן העב־רייאישן טעאַטער, ווי אין . . . יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. — איך האָב געזען אין „הבימה" שלום־עליכמס „טביה" און „עמך" („דאָס גרויסע גע־ווינס"), וואָס גייט כסדר, אַ פּאָר צענדליק מאָל אַ יאָר, הגם מען האָט שוין די פאָרשטעלונגען זינט יאָרן געשפּילט אַ פּאָר הונדערט מאָל. — איך האָב אויך געזען „מירעלע אפרת" אויף העברייאיש, און הירשביינס „ילדי השדה" („די גרינע פעלדער") א. אַ.

גאָר אַ גרויסן, אומגעריכטן און נישט־געדאַכטן דערפאָלג האָט לעצטנס אברהם גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין", וואָס שלאָגט לעצטנס אַלע, אַלע רעקאָרדן אינעם העברייאישן טעאַטער. „די כישופמאַכערין" איז איבער־געאַרבעט פאַר דער העברייאישער בינע ספּעציעל מיט אַלע ניגונים און צושפּילן, מיט אַ פאַרשפּיל און נאָכשפּיל, און מען לעקט די פינגער. וואו מען שטייט און וואו מען גייט הערט מען זינגען שטיקלעך פון דער פּיעסע. — איך בין געווען אין ווייטן צפון, אין דער געגנט פון דפנה, כפר הגלעדי, איך האָב באַזוכט דעם נגב, און אומעטום הערט מען, ווי מען זינגט נאָך די ניגונים, די געזאַנגען פון דער „מכשפה". און איצט הערט מען נישט אויף צו טראַכטן און צו דערקלערן דעם ספּעציעלן דערפאָלג פון דער פּיעסע, וואָס האָט אין זיך אַזויפיל פאָלקסטימלעכקייט און טעאַטראַלע פרימיטיוו־קייט פון דעם אַלטן יידישן גאָלדפאַדענישן טעאַטער. אַט דער דערפאָלג האָט געבראַכט צו זייער וויכטיקע טראַכטענישן און נאָכטראַכטענישן וועגן

דעם געשמאַק פונעם היגן יידישן עולם, וואָס איז אַזוי להוט און אַזוי נײַ־געריק און אַזוי צוגעבונדן צו דעם אַמאָל, צו די מאָטיוון, וואָס דערמאָנען אים אָן דער אַלטער יידישער היים, שיער נישט ווי בײַ אונדז אין דער יידישער אַמעריקע, וואו מ׳בענקט נאָך אַ יידישן קנייטש, נאָך דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון דער „אַלטער היים״.

אויף דעם באַנקעט, וואָס די „הבימה״ האָט אײַנגעאָרדנט פאַר מיר אין דער נײַער „הבימה״־געבײַדע, אין וועלכן ס׳זײַנען בײַגעווען אַלע „הבימה״־שוישפּילער, האָב איך גערעדט אין מײַן וואָרט וועגן דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון יידישער קונסט און פונעם יידישן טעאַטער, וועלכער איז סוף־כל־סוף אַ סינטעז פון די פאַרשיידענע מינים קונסט. און די טראַדיציע איז אָרגאַניש געבונדן מיטן גאַנצן יידישן לעבן, און ס׳איז אוממעגלעך אויסלן צו לאָזן דאָס אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דורות יידן אין די אַלע „גלות״־לענדער. ס׳מוז זײַן המשך אין דער יידישער קונסט אין ארץ־ישראל, זי קאָן נישט און טאָר נישט אָנהייבן שרײַבן נײַע, לחלוטין נײַע בלעטער, אָן דער קאָנטינואיטעט פון דעם פריערדיקן.

אָבער דאָס איז אַ גאָר אַנדערע טעמע. דער עיקר איז, וואָס אין דעם קליינעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז דאָ אַזאַ גרויסער אינטערעס צו טעאַטער, צום אייגענעם טעאַטער.

דעם 28טן אָקטאָבער 1946.

25

דאָס ביאַליק־הויז

זינט חיים נחמן ביאַליק איז געשטאָרבן איז שוין פאַריבער מער ווי צוועלף יאָר, אָבער עס איז ביז איצט נישטאָ אין ארץ־ישראל נאָך אַ פּערזענלעכקייט, אַ קינסטלער אָדער פּאָליטישער פירער, וואָס זאָל אַזוי לעבן, וואָס זאָל אַזוי ווירקן, וואָס זײַן גייסט זאָל רוען אויף אַלץ אין לאַנד, ווי די געשטאַלט פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער. עס זײַנען דאָ אין לאַנד פיל אינסטיטוציעס, גאַסן, פאָנדן, פאַרלאַגן, וואָס טראָגן דעם נאָמען ביאַליק. עס פיגורירן אומעטום פּרעכטיקע מעשיות און מעשהלעך, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון ביאַליקס מויל. ביאַליקס ווערק ווערן כסדר איבער־געדרוקט און זיי ווערן גלײַך אויספאַרקויפט. ביאַליקס בילד הענגט אומעטום, אין פּריוואַטע הײַזער און אין געזעלשאַפטלעכע קולטור־אינסטי־

טוציעס. שמועסט איר מיט אַ שרייבער אָדער גלאַט אַ יידן, וועט ער אייך אינעם שמועס אַריינבראָקן עפּעס אַ ביאַליק־געשיכטע, אַ ביאַליק־וויץ. ח. נ. ביאַליק איז אין לעבן געווען אַ לעבעדיקער, מונטערער, פּראָסט־פּשוטער חי־וקים און געהאַט אין זיך זייער פיל פון וואָלינער פּשטות און פאָלקסטימלעכער חכמה. ער האָט זיך ביים לעבן אָנגעקערט מיט אַלעמען, און אַזוי אויך איצט, יאָרן נאָך זיין טויט, איז ער אַלעמענס אין לאַנד.

עס זיינען דערשינען די לעצטע עטלעכע יאָר אין ארץ־ישראל איניקע ביכער, וואו עס ווערן געגעבן די וואָכעדיקע מאָמענטן און עלעמענטן פון דעם גרויסן העברייאיש־יידישן דיכטער, די טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן און סתם אַזוי „שיחת־חולין“ פון דעם גרויסן תלמיד־חכם. אין אַט די פּראָסטע רייד זיינען דאָ אָפט גאַנץ־טרעפלעכע זאָגעכצן און באַמערקונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן גלענצנדיק די פּערזענלעכקייט פון ביאַליקן גופא אָדער די מענטשן און זאַכן פון דעם אַרום.

אָבער אין קיין שום אָרט איז נישט אויפגעהיט און אויפגעזאַמלט אַל־דאָס, וואָס האָט אַ שייכות און פאַרבינדונג מיטן לעבן און שאַפן און מיט דער פּערזענלעכקייט חיים נחמן ביאַליק, ווי אין דעם „בית־ביאַליק“ (ביאַליק־הויז), וואָס געפינט זיך טאַקע אויף רחוב ביאַליק, אויף דער ביאַליק־גאַס אין תל־אביב. דאָס איז טאַקע דאָס הויז, וואָס מען האָט אויפ־געבויט פאַר ביאַליקן און וואו ער האָט געוואוינט די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן. און דערנאָך, אַ פּאָר יאָר נאָך ביאַליקס טויט, איז עס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ביאַליק־הויז, אַ מוזיי און אַ ביבליאָטעק און אַן אָרט פאַר איניקע שרייבער־אינסטיטוציעס, ווי דער שרייבער־פאַרבאַנד, די רעדאַקציע פון זיין אָרגאַן „מאזנים“ א. אַ.

איך האָב באַזוכט דאָס ביאַליק־הויז עטלעכע מאָל, פאַרבראַכט אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, וואָס געפינען זיך אויף די צוויי שטאָקן, און אויפגעזאַמלט ביז גאָר אינטערעסאַנטע ציפערן און מאַטעריאַלן, וואָס ווייזן וואָס ביאַליק איז געווען פאַר זיין דור, פאַר די אַלע קאָלעגן־שרייבער, און אין דער זעלבער צייט ווייזט עס, צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן מען קאָן דער־פירן, ווען עס איז דאָ ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר אַ נאַציאָנאַלן קינסטלער.

פריער פון אַלץ — דאָס הויז גופא איז געבויט לויט אַ ספּעציעלן סטיל און כאַראַקטער, און אינעם גאָרטן ביים הויז זיינען דאָ אַלדי ביימער און געוויקסן, וואָס זיינען בנמצא אין לאַנד. ביאַליק האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין גאָרטן און מיט אַ מערקווירדיקער צערטלעכקייט זיך באַצויגן צו יעדן בוים און בלום. איז דאָך ביאַליק, דער וואָלינער ייד, געווען ענג פאַרבונדן מיט דער נאַטור, ליב געהאַט זי און פּרעכטיק זי געמאָלן אין זיינע לידער. ווען ביאַליק האָט געלעבט, איז זיין הויז געווען זייער

פּאָפּולער און עס איז געווען אַ צוציאונג־פּונקט פֿאַר יעדן איינעם. און באַזונדערס אין יום־טוב־טעג. — די פֿרוי ביאַליק, מאַניאַ ביאַליק, די טאָכטער פון שבת אַווערבוך, וואוינט זיך אין תל־אביב אין אַ געדונגענער



דאָס הויז, וואו ח. נ. ביאַליק האָט געוואוינט — איצט אַ ביאַליק־מוזיי

דירה, און דאָס הויז איז איצט דאָס אייגנטום פון דעם פאָלק, פון דער שטאָט, פון אַ ספּעציעלן ביאַליק־הויז־קאָמיטעט. און עס איז אָפּן יעדן טאָג, און מענטשן ציען זיך אַהין, און קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער באַזוכן עס,

און שרייבער־פֿאַרשער זיצן ביי די טישן, לייענען, שטודירן און מאַכן פֿאַר־צייכענונגען. די עפּנטלעכע ביבליאָטעק, דער שרייבער־פֿאַרבאַנד, די תּל־אביבער אָפּטיילונג פון ועד־הלשון (שפראַך־קאָמיסיע), ווי אויך די רע־דאַקציע פונעם חודש־זשורנאַל „מאזנים" — דאָס אַלץ געפינט זיך אינעם ערשטן שטאָק. דער צווייטער שטאָק — איז דער ביאַליק־מוזיי, וואָס זאַמלט אויף און פאַרהיט אַלדאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיט ביאַליקן דעם מענטש און דיכטער.

גייט מען אַרויף אויף די טרעפּ, זעט מען אויף די ווענט פאַרשיידענע בילדער פון ח. נ. ביאַליק, אויך מיט גרופּעס שרייבער און פאַרערער פון פאַרשיידענע צייטן און שטעט און לענדער. עס וועט זיין אפשר אַ גוזמא — אָבער די צאָל בילדער פון ביאַליקן דערגרייכט קרוב צו 1,500, אויסער דעם האָבן 44 פאַרשיידענע באַרימטע און באַקאַנטע מאָלער גע־מאָלט און געצייכנט דעם דיכטער. אויף וויפיל בכלל ביאַליק איז געווען און פאַרבליבן אַן ענין פון אינטערעס און פאַרשונג באַווייזט די ריזיקע צאָל אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, זכרונות איבער ביאַליקן. די צאָל דערגרייכט אַ 16,500, אין 24 שפּראַכן און עספּעראַנטאָ אַריינגערעכנט. דער פאַר־וואַלטער פון דעם ביאַליק־הויז זאָגט מיר, אַז זייער מעגלעך, אַז די צאָל פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען דערגייט צו אַ 30,000. ספּעציעלע ביכער און ביכלעך איבער ביאַליקן זיינען פאַראַן 34 אין 9 שפּראַכן (אגב, צווישן זיי אויך צוויי ביכלעך אין יידיש פון מיר). עס זיינען אויך דאָ 4 דאָקטאָר־דיסערטאַציעס אויף דער טעמע ביאַליק. אינטערעסאַנט — די ערשטע פון זיי איז געשריבן געוואָרן נאָך אין 1910 אין איטאַליעניש דורך אַרמענדאָ סאַראַני. אין דעם ביאַליק־הויז געפינען זיך אַן עלף טויזנט בריוו, וואָס פאַרשיידענע שרייבער, קינסטלער, טוער און סתם יידן האָבן צו אים געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן און ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנ־הייטן. און ביאַליק האָט געהאַט אַ חוש פאַר ליטעראַטור־ און קולטור־געשיכטע און זיי אַלע אויפגעהיט. עס זיינען דאָ וויכטיקע בריוו פון מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, פרץ, פרישמאַן און אויך פון גאָרקי, אַנדרעיעוו. און פון וועמען נישט? אין די בריוו ווערן אָפּגעשפּיגלט די וויכטיקסטע געשעענישן און דערשיינונגען פונעם יידישן און נישט־יידישן ליטעראַטור־ און קולטור־לעבן. איך האָב אין אַרכיוו אגב געפונען אַ בריוו, וואָס איך גופא האָב געשריבן צו ח. נ. ביאַליק אין יאָר 1911־1912, וואָס האָט אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט פאַר די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט מיט 35 יאָר צוריק אין אונדזער קיעוו.

ח. נ. ביאַליק האָט אויך געשריבן פיל בריוו און אַ גרויסער טייל פון זיי (אַ טויזנט) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אויסגאַבע פון „אגרות

ביאַליק" (ביאַליקס בריוו). ווער עס איז באַקאַנט מיט אַט דער אויסגאַבע, ווייסט וואָס פאַר אַ באַדייטונג זיי האָבן פאַר דער אויסגעשטאַלטיקונג פון ביאַליקן גופא און פון זיין סביבה און פונעם יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן זינט 1890 ביז 1935.

און אויף וויפיל ביאַליק איז געשטאַנען אין דער מיט, אינעם צענטער פון דער העברייאיש־יידישער ליטעראַטור און געהאַט קאָנטאַקט מיט זיינע מיטצייטלער באַווייזט די צאָל ביכער, וואָס געפינען זיך אין זיין ביבליאָ־טעק, ספּעציעל געשיקט פון די מחברים. צווישן די 3,400 ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין ביאַליקס פּריוואַט־ביבליאָטעק, זיינען דאָ אַ 1,300 מיט ספּעציעלע ווידמונגען צום דיכטער. אָפטמאָל ווידמונגען אויף גאַנצע זייטלעך. דאָס אַליין איז אַן אינטערעסאַנטער ענין פאַר פאָרשונג. — צווישן די 3,400 ביכער זיינען דאָ אַ 400 יקרי־המציאות, וואָס איז זעלטן צו טרעפן ערגעץ־וואו אין דער וועלט. ח. נ. ביאַליק האָט אויפגעזאַמלט די גרעסטע צאָל דקדוקים. גרויס איז אויך די צאָל פון לידער־זאַמלונגען, אין די הונדערטער. און גאָר אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" האָט ביאַליק געהאַט צו די פאַרשיידנסטע אויסגאַבעס פון תנ"ך. איין תנ"ך — אַ טאַשן־אויסגאַבע — האָט ער געהאַלטן אַ פאַר מינוט פאַרן טויט. ער האָט געהאַט אָנגעהויבן דעם קאַפּיטל פון מעשה בראשית און געבליבן ביי די ווערטער „ויכולו השמים" און דערביי זיך גענומען פילן שלעכט און מיטן וואָרט „לבי!" (מיין האַרץ!) איז ער געשטאָרבן. דאָס תנ"כל ליגט טאַקע אונטער אַ גלאָז און עס איז אויפגעעפנט ביים בלעטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען די לעצטע מינוטן פון זיין שאַפעריש און ברויזנדיק לעבן.

עס איז דאָ אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אין די ביכער־פּאָליצעס פון ביאַליקס אויסגאַבעס. עס איז אַ גאָר בכבודיקע ביבליאָטעק — 230 ביכער פון ח. נ. ביאַליק, פון דעם — אַ 110 אָריגינעלע אין העברייאיש און יידיש, און אַ 120 איבערזעצונגען אויף 24 שפּראַכן.

עס טיילט זיך באַזונדער אויס די יובליי־אויסגאַבע פון ח. נ. ביאַליק, וואָס איז דערשינען צו זיין 50טן געבורינטאָג, אין יאָר 1923. דאָס פּאַפּיר איז געמאַכט מיט ספּעציעלע וואַסער־צייכן „ח. נ. ביאַליק תרל"ג—תרפ"ג". עס זיינען געדרוקט געוואָרן 3,200 קאָפּיעס, מיט אילוסטראַציעס פון דעם באַרימטן קינסטלער יוסף בודקא. ביאַליק האָט דאַן באַקומען אַ סומע, וואָס איז כמעט אַ לעגענדאַרישע אין דער יידישער ביכער־וועלט — 20 טויזנט דאָלער, און פאַר אַט דעם געלט האָט ער דאַן געבויט דאָס הויז אין תל־אביב. אגב, די באַרימטע אויסגאַבע „שירי־ביאַליק" האָט ביז־אַהער אויסגעהאַלטן 18 אויפלאַגעס, און יעדע נייע אויפלאַגע ווערט גלייך אויס־פאַרקויפט. ביאַליקס לידער איז אַ טיש־בוך ביי יעדן ייד אין ארץ־ישראל,

און עס דינט ווי אַ געשאַנק ביי יעדער געלעגנהייט. — ביאַליק מיט ראַוו־ניצקיס „ספורי־המקרא״ (חומש־מעשיות) האָבן אויך אויסגעהאַלטן ביז איצט אַ 32 אויפלאַגעס. אגב, אַ שאָד, וואָס די יידישע איבערזעצונג פון אָט דעם בוך ווערט נישט אַרויסגעגעבן.

און ביאַליקס לידער ווערן אויך שטאַרק אויסגענוצט דורך מוזיקער. עס זיינען דאָ איבער 400 מעלאָדיעס צו ביאַליקס לידער. פאַראַן אויך פיל רעקאָרדס פון פּאָפּולערע ביאַליק־לידער, געזונגען דורך פאַרשיידענע זינגער אין יידיש און העברייאיש.

אין די ביאַליק־צימערן זיינען אויף די ווענט פאַנאַנדערגעהאַנגען פאַר־שיידענע ערן־דיפּלאָמען, דאָקטאָראַטן, מעלדונגען וועגן ערן־מיטגליד און אַזוי ווייטער. עס איז אויך דאָ אַן אויסצייכענונג פון דער שפּאַנישער אַקאַדעמיע פאַר זיין פּרעכטיקער העברייאישער איבערזעצונג פון דאָן קישאָט.

אויף די ווענט הענגען די ליבלינג־בילדער, וואָס זיינען נאָך געהאַנגען ביים לעבן. אויך דער ביאַליק־שרייב־טיש איז אויפגעהיט ווי ער איז גע־ווען, מיט די ביכער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש פאַר זיין אָפּפאָר קיין ווין זיך היילן. עס איז דאָ אונטער אַ גלאָז ביאַליקס ערשטער שיר אין העברייאיש, געשריבן אין דער וואָלאָזשינער ישיבה אין יאָר תר״ן (1890), ווי אויך דער לעצטער שיר „פרדה״ (אָפּשייד). סאַר אַ מהלך עס איז צווישן דעם ערשטן נאַאיוון שיר פון דעם יונגן 17־יאָריקן ישיבה־בחור, „באוהל תורה״ (אינעם געצעלט פון תורה), ביזן לעצטן, ווען ער איז געווען רייף און זיכער אין זיין שרייבן און דיכטן. — עס ליגט אויך זיין „פאָונטען־פּען״, וואָס ער האָט מיט איר געשריבן די לעצטע פאַר יאָר זיינע אַרטיקלען און לידער, ווי אויך געאַרבעט אויף די פאַרשיידענע קאָרעקטן (פּרואָווס) פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפט־ווערק.

אינמיטן פון איין צימער אויף אַ טיש שטייט אַ גרויסער זייגער, וואָס קלינגט אויס אַלע שעה דעם „התקוה״־מאָטיוו. און די שול־קינדער, וואָס קומען באַזוכן דאָס „ביאַליק־הויז״, באַמיען זיך טאַקע צו קומען צו דער שעה, זיי זאָלן פאַרנעמען די קלאַנגען פון דער פּאָפּולערער „התקוה״. — דאָס האָט געמאַכט אַ באַוואוסטער זייגערמאַכער פון פּאַריז מיטן נאָמען מיימאָן. עס איז זייער אַ פיינע האַנט־אַרבעט, אין וועלכער דער מייסטער האָט אַריינגעלייגט אַ שיינע פאַר יאָר. עס זיינען דאָ אויך פאַרשיידענע מתנות פון גרויס און קליין, מיט די סאַמע אויסטערלישע אויפשריפטן.

אין משך פון די ניין יאָר, וואָס דאָס ביאַליק־הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, איז עס באַזוכט געוואָרן פון אַ 95 טויזנט מענטשן, פון זיי — אַ 40 טויזנט קינדער. — דאָס הויז געפינט זיך אונטער דער

אויפזיכט פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, און ווערט פאַרוואַלטעט פונעם שרייבער און ביבליאָגראַף משה אונגערפעלד.

עס זיינען דאָ אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק פונעם ביאַליק־הויז אַ 15 טויזנט ביכער. די צאָל יידישע ביכער, לײדער, גאַנץ־ווייניק.

מען גייט אַוועק נאָך די עטלעכע באַזוכן מיט אַ געפיל פון פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר די אַלע, וואָס האָבן באַוויזן אויפצוזאַמלען און סיסטעמאַטיזירן אַלדאָס וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דיכטערישער געשטאַלט און גרויסער פערזענלעכקייט — חיים נחמן ביאַליק.

דעם 30טן אָקטאָבער 1946.

26

באַגעגענישן מיט שרייבער

ביי היינטיקן טאָג געפינען זיך אין ארץ־ישראל אַ זייער גרויסע צאָל העברייאישע, העברייאיש־יידישע און יידישע שרייבער. זייער צאָל דער־גרייכט אין די הונדערטער. אין די פאַרשיידנסטע פאַרלאַגן, צייטונגען, צייטשריפטן, קולטור־ און דערציאונגס־אינסטיטוציעס, צענטראַלע און לאָקאַלע, זיינען באַשעפטיקט שרייבער און קינסטלער, פאַרשער און וויסנ־שאַפטלער מכל המינים און פון פאַרשיידענעם עלטער. כמעט אַלע זיינען זיי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און ווערן גאַרנישט פאַרטיק. די פאַרשיידנסטע פאַרלאַג־אונטערנעמונגען אַרבעטן אויף אַ ברייטן שטייגער, מיט אויס־געאַרבעטע פּלענער און געזיכערטע בודזשעטן, וואָס דערגרייכן אין די צענער טויזנטער פונטן. אויסער די געזעלשאַפטלעכע און קאָלעקטיווע פאַרלאַגן, זיינען אויך דאָ פאַרשיידענע פּריוואַטע העברייאישע פאַרלעגער מיט גאָר גרויסע אַמביציעס און מיט גרויסע אַרויסגעבערישע מעגלעכ־קייטן.

מיר איז שוין אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אויף דער פאַרלעגערישער טעטיקייט, אויף די סאָרטן ביכער, וואָס מען גיט אַרויס. מיר איז אויך אויסגעקומען צו דערציילן בכלל וועגן דער העברייאישער ליטעראַטור, וועגן אירע געברויכער און שאַפער.

איצט וויל איך דאָ פּשוט דערציילן וועגן איינצעלנע גוט־באַקאַנטע שרייבער, וואָס זיינען אַמאָל געווען אויך שאַפעריש אין דער יידישער ליטעראַטור, און איצט זיינען זיי לחלוטין אַריבער צום העברייאישן שאַפן, ווי אויך וועגן אייניקע דורכאויס יידיש־שרייבנדיקע קינסטלער, וואָס דער

גורל האָט זיי פאַרוואָרפן אין ארץ־ישראל, וואו זיי פילן זיך מיט זייער יידיש גאַנץ־פרעמד און איבעריק.

פריער פון אַלץ — אַ גרוס פון דעם באַוואוסטן יידיש־העברייאישן שרייבער י. ד. בערקאָוויטש, וואָס זיין אָנהויב שטעקט נאָך אין די יאָרן פון דעם העברייאישן „הצופה" פון 1903. ער איז גלייך ביי זיין אַריינקומען אין דער ליטעראַטור פרעמירט געוואָרן פאַר זיין דערציילונג „משקהלע חזיר". י. ד. בערקאָוויטש האָט זיך דערנאָך גוט באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע עכט־רעאַליסטישע דערציילונגען, וואָס זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן שלום־עליכמען. י. ד. בערקאָוויטש האָט טאַקע דערנאָך זיין לעבן און שאַפן פאַרבונדן מיטן גרויסן פאָלקס־קינסטלער, וואָס איז געוואָרן זיין שווער. און זינט אַ פיר־צענדליק יאָר איז שוין אַזוי ענג צונויפגעפלאָכטן בערקאָוויטשעס שאַפן מיט שלום־עליכמען. נישט נאָר, וואָס ער האָט איבערגעזעצט אויף העברייאיש די וויכטיקסטע ווערק פון שלום־עליכם, נאָר ער האָט אויך אויף זיך גענומען די מיסיע צוצוגרייטן שלום־עליכמס ווערק לויט די פאַרשיידענע נוסחאות, רעדאַקטירט די 28 בענד פון ש"ע, צונויפגעשטעלט דעם באַוואוסטן „שלום־עליכם־בוך", אויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל בריוו פון שלום־עליכם און טיילוויז זיי פאַרעפנטלעכט. חוץ דעם האָט ער געמאַכט אַמאָל אַן אינטערעסאַנטן פרואוו: ער האָט פאַר־געזעצט שלום־עליכמס מנחם־מענדל און אים אַרויסגעבראַכט ביי די נייע איבערוואַנדלונגען אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל א. אַז. וו., אין בריוו לויטן סטיל און כאַראַקטער פון זיין שווער, שלום־עליכם.

איך האָב מיך געטראָפן מיט י. ד. בערקאָוויטשן עטלעכע מאָל ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. ער איז צוריקגעהאַלטן פון עפנטלעכע צונויפ־קומס, ער פירט זיך זיין אייגן לעבן מער פון אַלץ אין זיין הויז, וואָס האָט אין זיך פיל פון מוזייאַלישעס. צווישן די ווענט, אויף די פאַרשיידענע פאָליצעס, אין באַזונדערע שאַפעס און שופלאָדן זיינען באַהאַלטן די פיל־אָנגעזאַמלטע שלום־עליכם־בריוו, שלום־עליכם־ווערק און אַלדאָס, וואָס עס האָט אַזאַ אָדער אַנדערע שייכות מיט דעם גרויסן שלום־עליכם. י. ד. בערקאָוויטש האָט פיל אייגענע ווערק, געדרוקטע און אין מאַנוסקריפּט, אָבער מער פון אַלץ איז ער פאַרטאָן אין דער שלום־עליכם־וועלט, אין דעם לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן פאָלקס־שרייבער, וואָס גאַנצע בענדער אין יידיש וועגן שלום־עליכמס סביבה און זיינע אַרומיקע ליגן און וואַרטן אויף דעם פאַרלעגער און דרוקער.

י. ד. בערקאָוויטש רעדט שטיל, בנעימותדיק, ציילט כמעט יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס. ער קלאָגט זיך נישט, ער האָט קיין טענות נישט. אָבער דאָך אין די רייד, וואָס ער האָט געלאָזט הערן איין מאָל אין

אַ שפּעטן אָוונט בעת אַ לאַנגן שמועס, האָט זיך ערגעץ־וואו געהערט אַ פאַר־איבל אויף דער יידישער וועלט, וואָס שלום־עליכם איז אַזוי באַליבט און ווערט אַזוי שטאַרק געלייענט, און דאָך ליגן נאָך בענדער און בענדער פון שלום־עליכמען, וואָס זיינען נאָך אין קיין בוך־פאָרם נישט דערשינען. עס ליגן אויך טויזנטער בריוו פון דעם גרויסן בריוו־מייסטער שלום־עליכם און האָבן נישט קיין תיקון. און נאָך עפּעס — מיר דאַכט זיך, אַז י. ד. בערקאָוויטש בענקט אויך נאָך אַ יידיש־לייענער, מיט וועלכן ער איז יאָרנ־לאַנג דורך פאַרשיידענע צייטונגען אין אַמעריקע געווען פאַרבונדן, און מיטן לעבן די אַלע יאָרן אין ארץ־ישראל האָט ער פאַרלוירן די לעבעדיקע פאַרבינדונג. און עס גייט שוין אַזוי וויט, אַז י. ד. בערקאָוויטש איז כמעט ווי אויסן און דרויסן פון דער יידישער ליטעראַטור. אַזאַ תהום איז דאָ צווישן די יידישע און העברייאישע שרייבער, און קיין שום בריק פאַר־איינִיקט זיי נישט. עס איז אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט געגעבן די מעגלעכקייט י. ד. בערקאָוויטשן, ער זאָל וויטער פאָרזעצן די רעדאַקציע פון די וויטערדיקע שלום־עליכם־ווערק, וואָס ליגן ערגעץ פאַרשלאָסן אין אַ באַנק־פייער־קאַסע אין ניו־יאָרק, און אַזוי אויך פאַרעפנטלעכן די שלום־עליכם־בריוו.

י. ד. בערקאָוויטש האָט געהאַט די מעגלעכקייט און די נויטיקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער עס הערשט דאָרטן צווישן דער העברייאישער שאַפערישער וועלט אַזאַ קאַלטע גלייכגילטיקע באַציאונג צו דער יידישער אַמעריקע, אַז ער האָט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט. די יאָרן פון לעבן אין ארץ־ישראל אַ זייטיק איזאָלירט לעבן האָבן פאַרפרעמדט פאַר אים, ווי פאַר אַ סך אַנדערע העברייאישע שרייבער אין לאַנד, דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. מען האָט אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט די אַמעריקאַנער יידן, מען קאָן שוין פון זיי גאָרנישט דערוואַרטן און עס איז דעריבער נישטאָ קיין ווילן און דראַנג צו טרעפן זיך מיטן יידישן לעבן און מיט די יידישע שאַפערישע כוחות אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ביי מיינע פילמאַליקע צונויפטרעפן מיט די העברייאישע און העב־רייאיש־יידישע שרייבער אין ארץ־ישראל, האָב איך אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרוּאווט פאַראינטערעסירן און פאַראינטריגירן באַקאַנטע העב־רייאישע שרייבער מיט דעם לעבן, מיט די פּראָבלעמען פון יידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער. איך האָב צוליב דעם צוועק אויסגעאַרבעט אַן אַנקעטע־בויגן און אים פאַנאַנדערגעשיקט צו פאַרשיידענע העברייאישע שרייבער. צווישן אַנדערע האָב איך געשטעלט די פראַגע: „קאָן זיין אַן אַלגעמיינער לאַזונג פון יידישע שרייבער, קינסטלער און טוער אין דער איצטיקער חירום־צייט, וואָס זאָל און דאַרף אַרויסגעשטעלט און אונטער־

געכאַפּט ווערן פון אַלע, אָן אויסנאַם, יידישע קינסטלער?" איך האָב דאָרטן אויך געשטעלט אַ פּונקט וועגן „דער ענגערער און אָרגאַנישער פאַרבינדונג און קאָנטאַקט צווישן די צוויי שפּראַכן — יידיש און העברייאיש — זייערע ליטעראַטורן און קולטורן אין אַלע לענדער און אין ארץ־ישראל"? אָבער דאָס רוב באַוואוסטע שרייבער, און י. ד. בערקאָוויטש צווישן זיי, האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו געבן אַן ענטפער אויף דער אַנקעטע. איך וויל נישט אַריין אין די אַלע מאָטיוון, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, אָבער עס באַווייזט, אַז דער העברייאישער שרייבער איז ווי געפּענטעט, אים פעלט אפשר די פרייהייט, דער זעלבסטשטענדיקער ווילן אַרויסצוטרעטן אָפן וועגן אַזאַ וויכטיקער און ברענענדיקער פראַגע, וואָס דאַרף אים בלוטיק אינטערעסירן ווי אַ מענטש, ווי אַ ייד, ווי אַ קינסטלער.

מיר איז אויך אויסגעקומען זיך צו טרעפן אין ארץ־ישראל גאָר אָפט מיט אַ צווייטן באַוואוסטן העברייאיש־יידישן שרייבער־דיכטער יעקב פיכמאַן, וואָס איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען טעטיק און שאַפעריש אויך אין דעם יידישן שאַפן. און אויך ער איז שטאַרק דערוויטערט פון דער יידישער וועלט, פון די יידישע וועלטן אויסער ארץ־ישראל. אונדז איז אויסגעקומען פיל מאָל צו פירן לענגערע שמועסן וועגן דער צע־שפּאַלטנקייט, וואָס עס הערשט אין דער יידישער שאַפערישער וועלט. איך האָב אים נישט איין מאָל אויסדערציילט וועגן די פאַרמעסטן און פאַרנעמען פון דער יידישער ליטעראַטור, וועגן די פאַרשיידנסטע שרייבער און זייערע ווערק, וואָס זיינען די לעצטע צוויי צענדליק יאָר טעטיק אין דער יידישער וועלט. און אָפטמאָל האָט ער געגאַפט. עס האָט פאַר אים געקלונגען ווי עפּעס אַן אויסגעטראַכטע זאַך, — אַזוי אָפּגעריסן איז מען פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דעם יידישן שאַפן, פּונקט ווי עס איז פון אַ גאָר־פרעמדער וועלט. יעקב פיכמאַן איז, נאָך אַ הפסקה פון צוויי יאָר, צוליב שווערער אויגן־קראַנקהייט, איצט ווידער שטאַרק פּראָדוקטיוו. ער שרייבט לידער און אָפּהאַנדלונגען איבער שרייבער און ווערק, ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך וועגן ח. נ. ביאַליק, וואָס הערט נישט אויף צו אינטערעסירן דעם שרייבער און לייענער. אָבער דאָך איז זיך יעקב פיכמאַן אָן דער זייט פונעם רוישנדיקן, ברוויזנדיקן לעבן אין ארץ־ישראל. פּונקט ווי פיל אַנדערע העברייאישע שרייבער לעבן זיך דאָרטן אָן דער זייט. דאָס עפּנט־לעכע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן ווערט געפירט און רעגירט דורך די פּאָליטיקער, דורך די פּאַרטיי־מענטשן, און דער העברייאישער קינסט־לער איז זיך מער פאַרטאָן אין זיינע ליטעראַרישע ד' אמות. די ריין־ליטעראַרישע טעטיקייטן פאַרנעמען דעם שרייבער מער ווי דאָס לעבן גופא.

עס זיינען נאָך אַלץ „לעבעדיק" און „טעטיק" אין דעם ארץ־ישראלדיקן

לעבן עטלעכע אַנדערע שרייבער, וואָס זיינען שוין לאַנג אויפֿן „עולם־האמת״. י. ח. ברענער, ח. נ. ביאַליק, א. ד. גאָרדאָן, בערל קאַצענעלסאָן, — זיי זיינען נאָך אַלץ דיווירקנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דעם ארץ־ישראל־לעבן. מען האַלט נאָך אַלץ ביי יעדער געלעגנהייט אין איין רעדן מיט זייערע ווערטער, ציטירן זייערע זאָגעכצן, סטימולירן אין זייערע נעמען. זיי, די פֿאַרשטאָרבענע, פֿאַרטונקלען נאָך אַלץ די לעבעדיקע, וואָס זיינען פּאַסיוו, וואָס פֿאַרמאָגן נישט דעם פֿייער, דעם ברען פֿאַר דעם יידישן ישוב, וואָס שטייט אינמיטן דעם קאַמף, אין סאַמע שווערן געראַנגל מיט אַ ביטערן שונא, מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט.

אין ארץ־ישראל האָב איך באַגעגנט דעם גוט־באַקאַנטן יידישן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש. ער איז זיך איינער אַליין, און ווי ער האָט אַמאָל אָנגערופֿן זיינעם אַ ראָמאַן, „אייביק איינזאַם״. ער פֿירט ווי אַ ברוגז מיטן אַרום, און דער אַרום האַלט אָן דעם ברוגז. ער זעצט פֿאַר צו שאַפֿן אין ארץ־ישראל ווייפּולע יידישע לידער, געווידמעט דעם יידישן פּוילן, דעם חרובן און אַמאָל־שאַפֿערישן. ער האָט אָנגעשלאָגן לעצטנס גאַנץ־שטאַרקע טענער, ער האָט באַקומען נייע דיכטערישע גבורה. ער לעבט־אויף פֿאַר זיך און פֿאַר אונדז שטיקער פֿון אַמאָליקן קרעפֿטיקן און זאַפֿטיקן פּויליש־יידישן לעבן. אָבער דאָס אַלץ, וויבאַלד ער שרייבט אין יידיש, גייט פֿאַרביי דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. איז דעריבער זיין גאַנץ שאַפֿן דורכאויס אָן עניין פֿאַר עקספּאָרט. שיקט ער טאַקע זיינע שאַפֿונגען קיין ניו־יאָרק, קיין בוענאָס־איירעס, — דאָרטן דערשיינען אַפֿריער אין זשורנאַלן און דערנאָך אין ביכער זיינע ווערק, קיין ארץ־ישראל דערגרייכן זיי צוריק העט־וויט און שפּעטער, ווי אָפּהילכן פֿון גאַנץ־ווייטע לענדער. פֿילט זיך אין סעגאַלאָוויטשן די אומצופֿרידנקייט, די נישט־באַפֿרידיקטקייט פֿון איינעם, וואָס רעדט אויף אַן אַנדער שפּראַך, וואָס איז אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר די אַרומיקע. שפּאַנט ער אַרום, ז. סעגאַלאָוויטש, ווי אויף אַ פֿרעמדן באָדן, איז לחלוטין אָן דער זייט פֿון דעם קולטור־שאַפֿערישן לעבן, הגם עס זיינען דאָ אין לאַנד טויזנטער און צענער טויזנטער פֿון זיינע אַמאָליקע טרייע לייענער פֿונעם יידישן פּוילן.

און נאָך אַ באַוואוסטן יידישן שרייבער האָב איך פֿיל מאָל געטראָפֿן — דאָס איז יואל מאַסטבוים. ער געהערט צו דער פֿלעיאַדע יידישע שרייבער פֿון פּוילן, וואָס זיינען געקומען מיטן האַסטיקן שטראָם פֿון 1905־1906, ווען דער אימפּעט און די סטיכיע פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן האָט געבראַכט פֿון די וואַרשטאַטן, פֿון די סאַמע אונטערערדישע קרייזן פֿול־בלוטיקע און קרעפֿטיקע יידישע קינסטלער. אין פּוילן איז ער געווען גוט באַקאַנט, ער האָט געהאַט זיין לייענער, וואָס ער האָט אים כסדר אַרויס־

געבראַכט אין די אָפּטמאָל גאַנץ־פּרימיטיווע און סטיכייאישע ווערק. דאָ איז ער שוין באַלד 15 יאָר. ער וויל זיך איינפלאַנצן אין דעם ארץ־ישראל־באָדן, ער פאָרט אַרום איבער די קבוצות און קיבוצים, כאַפּט־אויף, נעמט־אויף איינדרוקן, אָבער ער איז נאָך אַלץ מיט זיין שפּראַך און סטיל אַ יידיש־פּוילישער שרייבער. זעצט מען אים איבער פון מאַנוסקריפּט אויף העברייאיש, אָבער עס איז נאָך אַלץ „אימפּאָרטירטע" סחורה, וואָס בלייבט דאָך אַ פרעמדער פּראָדוקט. און עס דאַרף נאָך געדויערן ביז ער וועט אַריינוואַקסן אינעם נייעם באָדן, אָדער אפשר וועט ער גאָר קיינמאָל נישט אָנגענומען ווערן אינעם ארץ־ישראל־באָדן, וואָס פאַרלאַנגט גאָר אַנדערע זאַפטן און קרעפטן.

און אָט איז דער זייער פּאָפּולערער עסייאיסט י. מ. ניימאַן, וואָס האָט געהאַט זיין סטיל און כאַראַקטער אין דעם יידישן פוילן, ווי דער שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם „היינט" — ער, וואָס האָט גאַנץ־פיין פאַרבונדן שבת־אויבסט מיט מאָטיוון פון וויספּיאַנסקי, פאַלקסטימלעכקייט מיט ראַפינירטקייט. און נישט נאָר אין די וועכנטלעכע עסייען, נאָר אויך אין זיינע לידער און דראַמאַטישע פּאָעמעס, וואו עס איז געווען דראַנג און פאַרמעסט, וואָס איז נישט אַלעמאָל רעאַליזירט געוואָרן. אָבער דאָ אין ארץ־ישראל, וואוהין די כוואַליע האָט אים פאַרטראָגן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער אָנגעוואוירן זיין גאַנצע אייגנאַרטיקייט, געוואָרן אַ „האַנט" אין אַ רעדאַקציע, און נישטאָ דער גלאַנץ, נישטאָ דער חן, נישטאָ אַפילו דער אָנשטעל פון אַמאָל. אַ תהום צווישן אים און דעם לייענער. און ווידעראַמאָל — די שפּראַך. ווי פיין און אייגנאַרטיק ער פלעגט עס שפּילן אויף זיין יידיש־אינסטרומענט! און דאָ שרייבט ער אַ געמאַכטן העברייאיש. און אין דער שטיל, פאַר זיך, פאַר דער אייגענער נשמה, זעצט ער פאַר צו דיכטן אין יידיש, אין זיין אייגענער שפּראַך, וואָס איז דאָ פרעמד, זייטיק, שיער נישט פיינטלעך. יאָ, אַ יידיש־שרייבער איז אָפּטמאָל דאָ אַ שטיק מאַראַן.

פאַראַן אויך שרייבער, פאָרשער, וואָס פּרוואון מאַכן אַ סינטעז צווישן די צוויי, גאַנץ־באַזונדערע וועלטן, אָבער עס איז דערווייל אַן ענין פון טרוים, פון חלום.

אָט האָב איך זיך דערנעענטערט און באַפריינדט מיט דר. שמואל אייזנשטאַט, אַן אינטערעסאַנטער מענטש און געלערנטער, וואָס וויל צונויפבינדן רעכטס מיט לינקס, העברייאיש מיט יידיש. אַליין דער פירער פון דעם ועד־הלשון, וואָס איז שיער נישט אַ געזעצגעבערישע אינסטיטוציע אין ארץ־ישראל מיט „מלוכה־רעכט" אויפן געביט פון שפּראַך, און גלייכצייטיק איז ער אַ טיפער ליבהאָבער און פאָרערער פון יידיש. ער איז

פּראָ־סאָוועטיש און אַ שטאַרקער קעמפער פאַר אייניקייט. ער גיט אַרויס אַ זשורנאַל „ליכוד", וואָס דאַרף אויפזאַמלען און אָרגאַניזירן פּראָגרעסיווע כוחות פאַר וועלט־אייניקייט. ער איז דער איניציאַטאָר פון דעם יידיש־דעמאָקראַטישן איינהייטס־פראָנט אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אפשר שטילע אָנהענגער, אָבער עפנטלעך לאָזט מען אים, אייזנשטאַטן, גיין אַליין. דר. אייזנשטאַט איז געווען פון די באַטייליקטע אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. ער טראָגט אין זיך די אידייען און אידעאַלן פון אַ ליכטיקער וועלט און האָט קיין מורא נישט זיך טרעפן און אויפטרעטן מיט די לינקע עלעמענטן אין לאַנד. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַזעלכע ווי ער נאָך אַ פּאָר צענדליק אין ארץ־ישראל, וואָלטן מיר מיט אונדזער יידיש און פּראָגרעסיוון געדאַנק פיל ווייטער געהאַלטן דאָ.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט — דאָס איז דר. יוסף קרוק, גוט באַקאַנט פון פּוילן ווי איינער פון די פירער פון דער סאָציאַליסטישער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי, און דאָ איינער פון די טוער פון דער „ליגע ווי", אָדער ווי זי הייסט איצט „פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד". ער רעדט און שרייבט בלויז יידיש און ער טראָגט זיך אויך אַרום מיט געדאַנקען פון אייניקייט און פאַרשטענדעניש. זיינע אַרטיקלען איבער אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן דרוקן זיך אין העברייאישער איבערזעצונג אין „דבר".

און אויף די גאַסן, און אין דער ספּעציעלער קינסטלער־קאַפע „קאַסיט" אויף דיזענגאָף־גאַס טרעפט איר כסדר דעם יידישן ארץ־ישראל־דיכטער י. פּאַפּערניקאָוו, וואָס איז שוין מער ווי 20 יאָר פאַרבונדן מיט זיין לעבן און דיכטן מיטן „זוניקן לאַנד". ער איז אָבער אַלץ אַ שטיק וואַגאַבונד, גייט אַרום מיט זיין יידיש ליד ווי עפּעס פון אַ פרעמדער וועלט, פון אַ פרעמדן שטאַם, הגם ער איז איינער פון די סאַמע ארץ־ישראלדיקסטע דיכ־טער. ער האָט דאָס לאַנד, דאָס „שוואַרצע און רויטע" אינעם לאַנד, נישט איין מאָל פאַרברויכט אין זיין דיכטערישן שאַפן. קאָן אָט דער מענטש און דיכטער, וואָס די זון האָט אויסגעברענט זיין פּנים און קליידער, וואָס די נויט האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער, אַלץ נישט פילן זיך נאָרמאַל און נאַטירלעך, אייגן און היימיש אין זיין אייגענער און היימישער סביבה. איז זיין אוידיטאָריע אַ שמאָלע, אַן ענגע, און זיין קרייז דיכטער און שריי־בער, לייענער און געברויכער אַן אָפּגעבאַזונדערטער... אַזאַ תהום איז דאָ צווישן דעם העברייאישן און יידישן שאַפן און שאַפער. איז ער צווישן דער העברייאישער פּאָעטישער וועלט ווי עפּעס אַ נישט־געראָטן קינד, עפּעס מיט אַ „מאַנקאָליע"... דאַרף ער זיינע דיכטערישע שאַפונגען, וואָס וואַקסן־אויס אין ארץ־ישראל אין דער יידישער שפּראַך, לאָזן דרוקן אין אויסלאַנד, מחוץ ארץ־ישראל.

און ביז־אַהער, כאָטש געהאַט אַרום זיך אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, די לינקע פּועלי־ציון, וואָס האָבן איין צייט מיט לייב און לעבן באַשיצט און באַשירמט יידיש אין לאַנד, און כאָטש געווען און עס איז אויך איצט דאָ אַ וואָכנשריפט אין יידיש „ביי וועלט״, וואָס האָט געהאַט איין צייט אויך שטיצער אין אַמעריקע, אין אַמאָליקן פּוילן, אָבער דאָך האָט מען נישט באַוויזן צו שאַפן אַ פעסטע פּאָזיציע און אַ שטיק־פּונקט פאַר נאָרמאַלער ליטעראַרישער טעטיקייט. זיינען אויך פיל אַנדערע יידישע דיכטער און שרייבער ווי בלאָנדזשענדיקע שעפּעלעך, האָבן זיך נישט וואו צוצוטוליען מיט זייער שריבן, מיט זייערע טרוימען, מיט זייערע זוכענישן. מוזן זיי אַלץ וואָס זיי שאַפן אין ארץ־ישראל, שיקן קיין אויסלאַנד. אַזוי איז עס מיט אברהם לעוו, אַ מיטגליד אין דער קבוצה „גבעת־השלשה״, אַ פּראָדוקטיווער יידישער דיכטער מיט באַזונדערער ליבשאַפט צו יידיש און צום ארץ־ישראל באָדן, וואָס שרייבט אַלץ אויף „עקספּאָרט״, שיקט זיינע דיכטונגען אין די יידישע אויסגאַבעס פון גאַר דער וועלט. און אַזוי נאָך און נאָך יידיש־שרייבנדיקע דיכטער און דערציילער אין לאַנד, וואָס זייער צאָל דערגרייכט צו אַ צוויי צענדליק, אָבער זייער השפעה איז אַ גאָר קנאַפּע. פאַראַן אַפילו אַ יידישער ליטעראַטן־קלוב, אָבער ער לעבט זיך מיט זיינע מיטגלידער שטאַרק אָפּגעגרענעצט פונעם אַרום.

און גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז דער אָריגינעלער אריה שמרי, אַ לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון דעם „השומר הצעיר״ און אַ בויער פון אַ קבוצה „עין־שמר״. אריה שמרי גראָבט אין דער טיף, זוכט צונויפצובינדן און צו שאַפן אַ סינטעז צווישן דעם אַמאָליקן טיף־טראַדיציאָנעלן און גייסטיק־פאַרוואָרצלטן פּוילן מיט דעם רעוואָלוציאָנערן און אויפגייענדיקן אויף ארץ־ישראל־ערד, דעם „משיח של מעלה״ מיטן „משיח של מטה״, דעם גואל מיטן גראָב־אייזן אין האַנט, וואָס איז נאָך פאַרוויקלט מיט די תפילין־רצועות, און פון דעם אַלעמען וויל ער שאַפן עפּעס אַ נייס... אויך זיין שפּראַך איז יידיש, הגם ער איז צונויפגעקנאָטן מיטן העברייאישן שאַפן. זיין נשמה שטאַמט פון טיפער יידיש־יידישקייט. געפינט ער זיך אויך אַן אַ זייט פונעם ברייטן העברייאישן שאַפנדיקן שליאַך, וואָס דאָרט איז שפּראַך אָפּטמאָל מער עיקר ווי תוך.

זיך אויך געטראָפן מיט פּראָפ. פישל שניאורסאָן, וואָס האָט זיך אויך אין ארץ־ישראל זיין דרך אין יידישקייט אין וויסנשאַפט, און האָט זיך זיינע זוכענישן און פּלאָנטערנישן אין ארץ־ישראל מיט קינדער און מיט גרויסע, וואָס גייט־צו צו קינדער ווי צו גרויסע און צו גרויסע ווי צו קינדער. בינדט ער, ווי אַמאָל, צונויף וויסנשאַפט מיט חב״דישקייט, מעדיציןן מיט חסידות. און אויך איצט האָט ער זיך זיין קליינעם קרייז צוהערער־

חסידים, וואָס זוכט מיט אים אינאיינעם אַמאָליקע התלהבות און וואַרעמקייט אינעם אַרומיקן לעבן.

אָט אַזוי לעבט זיך דער שרייבער און דער יידישער שרייבער אין ארץ־ישראל, זוכט און וויל אַלץ געפינען די פולע, גאַנצע סביבה, וואו לעבן און אויסלעבן זיך.

דעם 2טן נאָוועמבער 1946.

27

צי קענט איר דאָס לאַנד?

אין אַן אַמאָליק יידיש פאָלקס־ליד, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „צי קענט איר דאָס לאַנד ?", רעדט זיך וועגן ארץ־ישראל ווי וועגן אַ לאַנד, וואו ציטרינען בליען און ציגן עסן באָקסערן ווי גראָז, ווי גראָז... דאָס איז אַ גאָר־פרימיטיווע פאָרשטעלונג וועגן ארץ־ישראל. אָפטמאָל האָט מען אויך פון דער זייט און ווייט לערך אַזאַ מין באַגריף וועגן דעם קליינעם לאַנד, וואָס ציט זיך אין זיינע איצטיקע גרענעצן „פון דן ביז באר־שבע".

און הגם איצט זיינען שוין דאָ ווייטערע פונקטן אין צפון ווי דן, און נאָך גאָר־גאָר ווייטערע יידישע פונקטן ווי אין באר־שבע, אָבער דאָך איז עס גאָרנישט אַזאַ ווייטע שטרעקע פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. פון סאַמע שפיץ צפון ביז אַראָפּ־צו קיין נגב קאָן מען פאָר אַ 7־8 שעה מיט אַן אויטאָבוס קומען צופאָרן, און אין דער ברייט קאָן מען דאָס לאַנד אַדורכשניידן אין קנאַפּע צוויי שעה. עס איז אַ קליין לאַנד ארץ־ישראל, אַפילו ווען מיר נעמען דאָס גאַנצע לאַנד, נאָך איידער עס זאָל געשען די נייע אָפּעראַציע פון צעטיילן און צעשניידן דאָס לאַנד לויט די נישט־ערלעכע כוונות און פּלענער פון דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט. יאָ, עס איז אַ קליין לאַנד, אָבער ווי פאַרשיידן איז עס, ווי פאַרשיידנפאַרביק און פאַרשיידנאַרטיק אין אַלע, אַלע הינזיכטן, סיי געאָגראַפיש, סיי עטניש, און סיי לויט דעם כאַראַקטער און סטיל און שניט פון די שטעט און שטעטלעך, דערפער און קבוצות!

עס איז ווייניק צו לייענען וועגן דעם אין ביכלעך, אין וועג־ווייזערס, וואָס זייער צאָל איז זייער פיל און וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט פּסוקים, מיט מליצות־באַשרייבונגען, מיט סענטענצן און אויסצוגן פון כלערליי אַרויסזאָגעכצן פון אַמאָל און איצט.

דאָס איז ווייניק. מען דאַרף אַליין, במחילה, אַדורכשניידן דאָס לאַנד

אין דער לענג און דער ברייט, נישט מעשה טוריסט, נישט אויף איין פוס, אויף אַ שיינער „מאַשין", אַריין און אַרויס אין אַ פונקט, ווי עס זיינען זיך אָפּט נוהג „קאָרעספּאָנדענטן", וואָס מאַכן דורך די תורה כולה פון ארץ־ישראל אויף איין פוס...

מיר רעדן אַרויס אין איין אָטעם די נעמען פון די הויפּט־שטעט פון

צוויי אַראַבער מיט אַ קעמל אין אַ הייסן טאָג

ארץ־ישראל — ירושלים, תל־אביב און חיפה, אָדער דערמאָנען די צוויי קרובהשע שטעט: צפת און טבריה, אָדער מיר טוען אַ זאָג יידישע קאָ־לאָניעס און נאָך מער — די קיבוצים אָדער קבוצות. אָבער סאַר אַ טיפער אונטערשייד עס ליגט צווישן איין שטאָט און דער אַנדערער, צווישן איין „מושב" (זידלונג) און דעם צווייטן! אַ טיפער אונטערשייד, פּונקט ווי ניט

איין מאַמע האָט זיי געבוירן און אויפגעכאָוועט. און ווי שטעט אָדער דערפער, אַזוי אויך די נאַטור, די לאַנדשאַפטן, די אייגנאַרטיקייט, דער באָדן, די מעגלעכקייטן און אייגנשאַפטן פון יעדן שטיקל ערד אַפילו פון איין קליינער סביבה, פון איין באַגרענעצטן שטח. נישט אומזיסט זיצן פּאַכלייט, גוטע געאָגראַפן, כעמיקער, ערד־פאָרשער אין דער פּרוביר־סטאַנציע אַרום רחובות און קנעלן און לערנען, שטודירן און פאָרשן מיט די מאָדערנסטע מיטלען און אַפּאַראַטן די אַלע שטיקלעך באָדן, די הויפנס ערד, וואָס מען ברענגט זיי פון די פאַרשיידענע טיילן לאַנד, כדי צו דערגיין און באַשליסן וואָס און ווי אַזוי מען קאָן יעדעס שטיקל באָדן באַאַרבעטן און וואָס מען קאָן דאָרטן פאַרזייען, פאַרפלאַנצן. עס איז אַ שווערע מסיכתא דאָס לאַנד ארץ־ישראל, נישט נאָר אין דעם פּאָליטישן זינען, נישט נאָר אין דעם צווישנפעלקערלעכן כאַראַקטער, נישט נאָר וואָס עס ליגט אויף די שייד־וועגן פון גרויסע שטחים, טעריטאָריעס און ימ׳ען. נישט נאָר אין דעם אַליין. עס איז אַ שווערע מסיכתא, וואָס דאַרף פיל גוטע מפרשים, אויס־טייטשער פון יעדן בלאַט, פון יעדער זייט, — עס איז אַ גאַנץ־שווערע סוגיא, וואָס נויטיקט זיך אין אַ שטיקל מהרשא״ה.

און טאַקע, פריער פון אַלץ די דריי שטעט — ירושלים, תל־אביב און חיפה. ווי פאַרשיידן און אַנדערש איין שטאָט איז פון דער אַנדערער! גאָר נישט ווי פון איין טייג געקנאָטן! ירושלים — די אַלטע, אוראַלטע יידישע שטאָט, איז דאָך זינט יאָרן פאַרקריסטלט, פאַרגויאישט געוואָרן. צווישן די אַלט־אַלטע יידישע דענקווירדיקייטן סטאַרטשען אַרויס קלויס־טערס, צלמס, געביידעס מיט גאָר אַנדערע סטילן, וואָס טראָגן אַריין אַ מישמאַש, אַ געמיש פון סטיל און כאַראַקטער. אַנדערש איז לחלוטין תל־אביב, אינגאַנצן אַ יידישע, געבויט בכלל לויט איין פאָרם און שניט. ירושלים — אַ שטאָט, אַ באַרגיקע, אַ שמאָל־געסלדיקע, מיט אַרויף־אַראָפּן, מיט גאָר שאַרפע קאָנטראַסטן פון אַלט און ניי, און תל־אביב — ווי אויף אַ שאַך־ברעט געבויט, די הייזער ווייסע, צוויי־דריי־שטאָקיקע, לויט אַ פּלאַן צעוואָרפן און צעשפּרייט. און ווידער אַנדערש איז חיפה, וואָס באַ־שטייט, ווי פון דריי באַזונדערע טיילן, — די שטאָט חיפהביים ברעג ים, דער מיטלשטאָטישער טייל — דער הדר־הכרמל, און דער אויבערשטער טייל שטאָט — דער כרמל. אָט די דריי טיילן שטאָט פון חיפה זיינען אויך גאַנץ באַזונדערע און אייגנאַרטיקע, יעדער טייל — האָט זיין אויסזען און כאַראַקטער, נישט ענלעך אויפן צווייטן. אין אָט די דריי שטעט וואוינען איבער זעכציק פּראָצענט יידן פון גאַנץ ארץ־ישראל. אין ירושלים — איבער 100 טויזנט, אין תל־אביב — ביי אַ 180 טויזנט, אין חיפה — ביי אַ 70 טויזנט. אויב מיר וועלן צו יעדער פון אָט די שטעט צורעכענען די

דערבייאיקע סביבות, די שכנים, די זידלונגען, וועט דער חשבון זיין נאָך אַ גרעסערער — אין די דריי שטעט וואוינט אַזוי־אַרום דער רוב מנין און בנין פון דעם היגן יידישן ישוב.

די דריי שטעט זיינען טאַקע אין פיל הינזיכטן די מעטראָפּאָליעס פון ארץ־ישראל. כמעט אַלע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, אָרגאַני־זאַציעס, פּרעסע, טעאַטער, שול־אינסטיטוציעס קאָנצענטרירן זיך אין אָט די דריי שטעט. און ווי עס פּירט זיך אַלעמאָל, קעמפן אָט די דריי שטעט שטילערהייט, פאַרהוילן פונעם אויג, אַ קאַמף צווישן זיך, אַ קאַמף פאַר העגעמאָניע. און עס זיינען דאָ פּאַטריאָטן פון יעדער שטאָט, פּונקט ווי עס זיינען דאָ און געווען פּאַטריאָטן פון מאָסקווע און פּעטערבורג (לעניג־גראַד), פון וואַשינגטאָן און ניו־יאָרק, פון קיעוו און אָדעס, פון לאָס־אַנדזשעלעס און סאַן־פראַנציסקאָ. די ירושלימער קוקן אָפּט פון אויבן־אַראָפּ אויף די תל־אביבער: אויך מיר אַ שטאָט, נאָך קיין 30 יאָר נישט אַלט! און די תל־אביבער — אויף די ירושלימער — שיער נישט ווי אויף פּראָווינצלער. און דאָס נעמלעכע — די חיפהער איינוואוינער: זיי נעמען זיך איבער מיט די בערג און מיטן ים, און נאָך אַ יחוס — עס איז אַ שטאָט פון יידישע אַרבעטער, אין און אַרום דער שטאָט. איבער 20 טויזנט אַרבעטער זיינען קאָנצענטרירט אין דעם אַרבעטער־ראַט אין חיפה. און מען קאָן הערן אָפּט אַ פאַרוואורף אָדער פאַרקערט — אַ באַרימערײ אויפן חשבון פון חיפה — „די רויטע חיפה“.

אין ירושלים געפינען זיך אַלע וויכטיקע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. די סוכנות (אַגענטור) און אַרום איר — דער קרן־קימת, דער קרן־היסוד, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער ירושלימער אוניווערסיטעט מיט דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און אַזוי ווייטער. אָבער די יידישע פּרעסע, די פאַרלאַגן, די הסתדרות, און די בענק, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — דאָס אַלץ איז אין תל־אביב. אויך געאָגראַפיש שטייט תל־אביב בעסער — זי איז איינמיטן — צווישן ירושלים און חיפה, צווישן די פאַרשיידענע באַ־זונדערע טיילן פונעם לאַנד. און עס איז דער לעבעדיקער נערוו פונעם לאַנד. מען קאָן תל־אביב נישט אויסמיידן. אַלע וועגן פירן קיין און פון תל־אביב. און דאָס שפּירט מען באַזונדערס אויף דער צענטראַלער סטאַנ־ציע פון תל־אביב, פון וואַנען עס גייען אָפּ און עס קומען אָן הונדערטער און הונדערטער אויטאָבוסן פון אַלע טיילן לאַנד און צו אַלע טיילן. און שוין דער פאַרגלייך פון די צענטראַלע סטאַנציעס אין חיפה און אין ירושלים מיט דער תל־אביבער ווייזט אויף וויפיל דאָ איז די באַוועגונג, דער אַריינפאָר און אַרויספאָר שטאַרקער, אימפּעטיקער, מערער.

און חוץ דעם איז דאָך דאָ דער גרויסער אונטערשייד, וואָס אין

ירושלים מאַכן אויס די יידן אַרום 62 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אין חיפה — אַרום 51 פּראָצענט, און אין תל־אביב זיינען דאָ בלויז יידן, אַ הונדערט־פּראָצענטיק־יידישע שטאָט. דאָס האָט זייער פיל צו זאָגן אויפן אויסזען, אויפן כאַראַקטער, אויף די הייזער, גאַסן, שילדן און בכלל אויף דעם גאַנצן פּרצוף פון דער שטאָט.

דער ירושלימער ייד איז בכלל סטאַטעטשנער, רואיקער, ער איז מער אַ יושב־אוהל (שטוב־זיצער). אויך דער חיפהער ייד, און איבערהויפּט אויפן כרמל, אויפן שפּיץ באַרג, און אויך אין די טיילן פון הדר־הכרמל, איז מער אַ שטוב־זיצער. דער תל־אביבער איז כמעט שטענדיק אין דרויסן. ער זיצט אין די קאַפייען אַלאַ פּאַריז, ער שפּאַצירט איבער די גאַסן, ער שטייט אויף די ראָגן, ער קאָן נישט רוען אויף אָן אָרט. די באַוועגונג איז גרויס, איבערהויפּט אויף אַלענבי־גאַס, וואָס דערמאָנט טאַימס־סקוועער אין ניו־יאָרק אין די רוישיקע שעהען. און ביי עפּעס אַ יום־טוב, אַ דעמאָנסטראַציע, אַ פייערונג, אַ „יומא־דפּגרא" האָט איר גאַנץ תל־אביב אויף די גאַסן. די שטאָט איז יינגער, די באַפעלקערונג איז אַ יינגערע, און די געסט פון די אַרומיקע געגנטן זיינען יינגערע, — מיטן פּנים פאַראויס, מיטן פּנים צו דער זון — און אַלץ אין ווייסן, אַלץ אין לייכטע קליידער, מיט קורצע הייזלעך. ווי אַנדערש זעט אויס אַ ירושלימער גאַס, פון די אַלטע, עלטערע — מיט זשופּיצעס, מיט לאַנגע פּיאות, וואָס קרייזלען זיך אַראָפּ־צו ביזן אַקסל. אין תל־אביב, אָדער אין חיפה, איז אַזאַ אַלט־יידישער טראַכט אַ זעלטנהייט, אַ חידוש, אַ בייז־וואונדער! אויב עס איז דאָ אַ מנהג צו רופן איינע אַ שטאָט אין לאַנד אויפן נאָמען פון פּאַריז, קאָן מען זאָגן, אַז תל־אביב איז דער ארץ־ישראל־פּאַריז פון די אַמאָליקע פריילעכע צייטן!

מיר וועלן גיין ווייטער: צווישן אָט די דריי שטעט רוקן זיך אַריין נעמען פון נאָך צוויי בכבודיקע שטעט: צפת און טבריה. אויב די דריי גרויסע שטעט זיינען שטאַרק און נישט־געדאַכט געוואַקסן, זיינען די צוויי אַלט־יידישע שטעט געבליבן כמעט ווי געווען. אין די שטעט, וואָס שטייען אַביסל אָן דער זייט פונעם יידישן געטומל, זיינען דאָ דערווייל נישט קיין גרויסע צאָל יידן — אַרום 10־12 טויזנט און דאָס גאָר. און דאָס לעבן, דער אויסזען אין די שטעט האָט זיך ווייניק־וואָס געביטן פאַר די צען יאָר, וואָס איך בין דאָ נישט געווען. די צוויי שטעט, וואָס איינע געפינט זיך אַ פּאָר הונדערט מעטער אונטערן פלאַך פון ים, און די צווייטע, צפת — עטלעכע הונדערט מעטער איבערן ים־פלאַך, זיינען גאָר פאַרשיידן מיט זייער קלימאַט, מיט זייער אַרומיקייט, מיט זייערע באַשעפטיקונגען. עס איז ביי זייביידע אויפגעהיט דאָס אַלטערטימלעכע און דער האָטעל־

כאַראַקטער. מען פאָרט זומער־צייט קיין צפת און ווינטער קיין טבריה, און עס איז טאַקע דאָ אַזאַ ווערטל וועגן אָט די צוויי שטעט: זומער פאָרט טבריה קיין צפת און ווינטער — צפת קיין טבריה. די שטעט וואַקסן ווייניק אויך צוליב דעם, וואָס די שנעלע ראַשיקע קאָמוניקאַציע האָט איצט דערנעענטערט צו די אַלע קיבוצים, קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך אין דער געגנט אַרום טבריה און צפת — די שטאָט חיפה. ווען דער אייזל האָט דאָ געפירט די פּאַסאַזשירן אויף זיינע פּלייצעלעך, האָט טבריה אָדער צפת געדינט ווי די גרויסע שטאָט פאַר די אויפגעקומענע יידישע ישובים, איצט ברענגט דער שנעלער אויטאָבוס די איינוואוינער אין גליל פאַר אַ שעה־אַנדערהאַלבן קיין חיפה. דערפאַר איז אויך נישט געוואַקסן די שטאָט עפולה אין עמק־יזרעאל, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער תל־אביב פון יענער געגנט.

מען וואָלט געקאָנט זייער פיל דערציילן און באַשרייבן און מאָלן די פאַרשיידענע וועגן, וואָס פירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. ווי אַנדערש און פאַרשיידן זיינען די וועגן, וואָס ציען זיך פון חיפה קיין תל־אביב, אָדער פון תל־אביב קיין ירושלים. גאָר אַנדערש איז דער וועג פון טבריה קיין צפת, אָדער פון טבריה קיין חיפה דורך נצרת. פּרעכטיקע נאַטור־בילדער, לאַנדשאַפטן, בערג און טאָלן, אויסבליקן און פּערספּעקטיוון, וואָס זיינען שענער פון שיין, וואָס פאַרגאַפן און איבעראַשן. אָט דאָ — פאַר בראשית, פעלז און שטיין, אַלט און אוראַלט, און גלייך — גרינע לאַנדשאַפטן, וואָס עס ליגט אויף זיי די ברכה פון מענטשישער האַנט, פון אַקערן און זייען, פון בוים און פלאַנץ. אָט טרוקן, אויסגעטריקנט, ווי עס שטייט דאָרטן געשריבן — „אל טל ואל מטר“, נישט קיין טראָפּן טוי און נישט קיין גאָס־רעגן — און אָט — גערטנער און פעלדער, וויינגערטנער און פּרדסים, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און פילן־אָן דאָס האַרץ מיט זעטקייט און קראַפט. און אַזוי אויך די הייזער: אָט ליימענע, ערדענע, נידעריקע צו ערד געצעלטער, און אָט — פּרעכטיקע מאָדערנע הייזער, מיט פענצטער צו דער זון, און מיט שטאָלץ און ווירדע פאַר דעם מין מענטש, וואָס אַרבעט, בויט און שאַפט.

און פאַרשיידן זיינען אויך די בילדער, וואָס טרעפן זיך דיר אין וועג: אָט שלעפּט זיך אַ קעמלען־קאַראַוואַן, געפירט דורך אַן אַראַבער, וואָס ער זעט אויס ווי אַ בילד פון עפּעס אַן אַמאָליקער מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. די גרויע באַשטויבטע קעמלען מיט די הויכע קעפּ און לאַנגע וויגנדיקע העלדזער קלאַפּן אָפּ דעם פאַמעלעכן גאַנג, דעם מאָנאָטאָנעם ריטם פון דער צייט, וואָס קלאַמערט זיך אין ווייטן אַמאָל. אָדער אַ קליין האָרעפּאַשנע אייזעלע, וואָס צוויי גרויסע לאַסטן הענגען אויף אים פון ביידע

זייטן, און עס שפּאַנט זיך פּאַמעלעך און געדולדיק מיט זיינע דריבנע טריטעלעך איבער דעם האַרטן באָדן, שווייגנדיק און פאַרטיפט אין זיך. און פלוצים טוט ער זיך אַ שטעל און נעמט רייסן די לופט מיט זיין געשריי, וואָס קומט פון די סאַמע טיפענישן פון זיינע געדערים, אַז דער גאַנצער גוף זיינער ווערט קאָנוואולסירט. די לופט ווערט אָנגעפולט מיט שרעק,



אַן ארץ־ישראל בילד אין אַ זוניקן טאָג

מיט דראָאונג: נישט אַלעמאָל וועט ער אַזוי טראָגן שווייגנדיק די לאַסט, אָט וועט ער מרעיש־עולם זיין... און האַנט ביי האַנט מיט דעם לויפן און איילן אויף די זעלבע וועגן אַ נייער אויטאָמאָביל, וואָס מאַכט אַ 50 מייל אַ שעה, אַ מאָטאָרציקל, וואָס יאָגט און פליט אין די מרחקים ווי אַ פייל, אָדער אַן אויטאָבוס, וואָס פירט אַ פופציק־זעכציק יידן, יונגע און עלטערע, וואָס זיינען אין לאַנד דער הייווֹן, דער אימפּעט, וואָס מאַכט פון וויסטענישן — פרוכטבאַרן באָדן, וואָס ענדערט דאָ מעשי־בראשית, וואָס פירט אַן דאָ אויפן אַלטן באָדן אַ נייע מאָדערנע ווירטשאַפטלעכע אַרבעט מיט טראַקטאָרס און קאָמבאַינס, און ברענגט אַריין אַהער אַלערליי געוויקסן,

פלאַנצונגען, פיש און קי, הינער און שעפּסן, בוהאַיס און מאַשינעס פון אַלע טיילן וועלט און פלאַנצט עס דאָ אַריבער...

סאַר אַ מערקווירדיקער געמיש פון אַמאָל און היינט, פון וייטן נעכטן און מאָרגן, פון שימל און גלאַנץ! און אַרום דעם אַלעמען יאָגט זיך דאָ אַרום דער ענגלענדער, קוקט מיט חשד, מיט מורא, מיט חשבון, מיט די כלערליי מאָדערנסטע קריגס־מכשירים, כדי אין דעם פּאַסיקן מאָמענט אָנ־פאַלן, רויבן און באַרויבן ביי מענטשן־האָרעפּאַשניקעס זייער רעכט, זייער פרייהייט.

יידישע פישער אין לאַנד

און צו אַט דעם מאָדנעם געמיש קומט צו דער פאַקט, וואָס יידן מאַכן דאָ שוין אויס אַ דריטל, אָבער ערד האָט זיי דער מאַנדאַטאָר געגעבן און אָפּגעשפּאָרט בלויז אַ קנאַפּע 7 פּראָצענט, און הכנסות טראָגט אַריין דער יידישער ישוב אין דער רעגירונגס־קאַסע איבער 75 פּראָצענט. איז אַט דער „חשבון צדק" פון דער רעגירונג מוז ברענגען צו פאַרשיידענע קאָנ־פליקטן, קאָליזיעס, און מוז אַריינברענגען אָפּט אַ נישט־נאָרמאַלע טעטי־קייט און ענערגיע אין דעם אופן פון לעבן און שאַפן פון יידן. מען איז

אַנגעוויזן דעריבער אויף קליינע שטחים, וואָס מוזן געטריבן ווערן אין שטאַריקער, אימפּולסיווער אינטענסיווקייט, גאָרגישט אין כאַראַקטער פון דעם היגן קלימאַט, גאָרנישט אין צופּאַסונג צו די פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע, עקאָנאָמישע אוןווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. מישט זיך דאָ כסדר טרוים מיט ווירקלעכקייט, ציפערן מיט אידעאַלן, פּערזענלעכע אינטערעסן מיט נאַציאָנאַלע אידייען.

און דאָס פילט זיך בעיקר אין די פאַרשיידענע קיבוצים און קבוצות, וואָס זיינען איצט צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח פון דעם לאַנד, פון סאמע



מען ציט די פיש־נעצן פון די טייכן

אויבן, פון כפר גלעדי, וואָס געפינט זיך אַרום דער סירישער גרענעץ, ביז העט־העט אין נגב — דרום, וואָס נאָך באר־שבע און נאָך ווייטער.

צווישן די דריי הונדערט יידישע ישובים אין לאַנד, די דריי הונדערט פאַרשיידענע שטעט, שטעטלעך, דערפער און קבוצות, וואו עס וואוינען די איבער 600 טויזנט יידן, איז די צאָל יידן אין די דערפער, אין די שטחים אויסער דער שטאָט, אַרום אַ 160 טויזנט. אָבער אויך אָט די צאָל טיילט זיך כסדר אויף אַנדערשדיקע און פאַרשיידנאַרטיקע זידלונגען, אויף אַנדערשדיקע פונקטן. עס זיינען דאָ קאָלאָניעס פונעם אַלטן שניט, וואָס זיינען געשאַפן אין די 80ער יאָרן; עס זיינען דאָ „מושבים", וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן די לעצטע 30 יאָר, וואָס איז אַ געמיש פון פּריוואַט־

אייגנטום און קאָלעקטיווערווירטשאַפט; עס זיינען דאָ אַרבעטער־מושבים, אַזעלכע מיני פּריוואַטע קאָאָפּעראַטיווע זידלונגען, וואו עס וואוינען הונדערטער און אַפּט טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין די דערבייאיקע שטעט, בעיקר — אין חיפה און תל־אביב, און דער־נאָך גייען די קיבוצים, קבוצות, וואָס זיינען דורכאויס קאָמונאַלע ווירט־שאַפטן. אַזעלכע מיני קיבוצים זיינען איצט דאָ אַ 130, וואָס נעמען אַריין אין זיך איבער 35 טויזנט טרייע, עקשנותדיקע פּאַנאַטישע טוער, וואָס האָבן פּאַר די 35 יאָר פון זייער עקזיסטענץ געשאַפן אייגנאַרטיקע, מערקווירדיקע בשותפותדיקע לעבנס־באַדינגונגען אין פאַרשיידענע פונקטן פונעם לאַנד. אויך אַט די קבוצות, וואָס לכתחילה האָט זיי אין געדאַנק געבוירן, זיינען יעדע איינציקע פון זיי אין תוך געבויט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. נישט נאָר וואָס דער קיבוץ, דער גרעסערער, וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפ־זיכט פון „הקיבוץ המאוחד״, איז אַנדערש לויט זיין בוי, אויסזען, כאַראַק־טער און שניט פון דער קבוצה אָדער קיבוץ פונעם „השומר הצעיר״ (אָר־גאַניזירט אין דעם „הקיבוץ הארצי״), אָדער גאָר פון דער קבוצה, די מער־געשלאָסענע, פון דעם „חבר הקבוצות״; נאָר יעדע פון אַט די 130 קבוצות איז עפּעס אַנדערש, ווייל עס איז געווענדט אַן דעם באָדן, דער נאָענטקייט צו דער שטאָט, אַן דער צאָל מיטגלידער, און אויך — ווענדט זיך עס אין דעם כאַראַקטער, ענערגיע, אימפּעט, עלטער, שטאַם־געהעריקייט פון דעם רוב קיבוצניקעס. איך האָב באַזוכט פאַרשיידענע קבוצות, געווען דאָרט אַ טאָג־צוויי און מער, און דאָס וואָס פון דער ערשטער מינוט ווייזט זיך אויס צו זיין איינס און דאָס זעלבע, כמעט אַ קאָפּיע פון די אַנדערע קבוצות, איז אין תוך גאָר אַן אַנדער באַשעפעניש, אַן אַנדער געשטאַלט. אויך די קבוצות, וואו זיי זיינען נישט אויפגעקומען מיט איין ווילן, מיט איין אידעאַל, שיידן זיי זיך שטאַרק אָפּ איינע פון דער אַנדערער.

און ווי לחלוטין אַנדערשדיק זיינען די קבוצות, וואָס פאַרמאָגן מער וואַסער, מער גרינס, מער פייכטן באָדן פון די קבוצות, וואָס זיינען צע־וואָרפן איבערן ווייטן טרוקענעם, מדברדיקן נגב (נעגעוו — דרום), ווי אַנדערש עס זעט אויס דער מענטש, די קי, דאָס פעלד, דער „חדר־האוכל״ אין אַ קבוצה ווי דפנה אין צפון, ביים אָנהויב פון טייכל דן און ירדן מיט אַ קבוצה בית־אשל אינעם ווייטן נגב. דאָ איז די קבוצה פאַרטרונקען אין גרינס, און דאָרט — פאַרמעליקט אין דינעם שטויב. דאָ וואַקסט אַלץ ווי אויף הייוון, און וואַסער איז דאָ לרוב, עס פליסט און עס שטראָמט און עס פלייצט פון אַלע זייטן, און דאָרט — אַ ברענענדיקער דורשט אויף אַלץ, אַלץ איז אויסגעברענט, אויסגעטריקנט, אויסגעשרפהט, אַפילו די ביינער אין די מענטשלעכע קערפּערס.

מיר איז אויסגעקומען נישט איין מאָל צו פאַרברענגען אין ווייטן צפון און אין ווייטן נגב — און באמת ווי צוויי ווייטע ערד־פּאָליוסן. און דאָך, ווי שווער און טרוקן און מדברדיק עס איז נישט דער גאַנצער שטח אין דעם נגב, זיינען איצט די אויגן און די הערצער פונעם יידישן בויען־דיקן ישוב געווענדט אַהין. אין איין נאַכט האָט מען אויף די אויסגע־



מען ברענגט אַ פאַרטיק געצעלט אין אַ נייעם פונקט

טריקנטע באָדנס פון נגב אויפגעשטעלט נייע קבוצות, און אַ ניי לעבן הויבט זיך אָן דאָרטן צו וועבן און צו שאַפן ביי די שווערסטע קלימאַטישע, געאָגראַפישע, פּאָליטישע באַדינגונגען. ווען איך האָב זיי באַזוכט, האָבן זיי אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי מאָדערנע ראָבינזאָן קרוזאָס, אָבער מיטן אונטערשייד, וואָס זיי בלייבן נישט אַליין, נאָר וואוהין זיי קומען, וואַקסט אַ ניי לעבן. און ס׳איז איצט קלאָר, אַז דעם איצט־וויסטן נגב וועט מסתמא אויסקומען צו שפּילן אַ ראָלע אינעם ווייטערדיקן ארץ־ישראלדיקן לעבן און ער וועט ווערן אַ מין „עמק" אין דער צוקונפט.

הכלל, פאַרשיידנאַרטיק און פאַרשיידנפאַרביק איז דאָס לאַנד ארץ־ישראל! און כסדר — צווישן חורבן און אויפבוי!

תל־אביב, דעם 12טן נאָוועמבער 1946.

28

די פירנדיקע יידישע אָרגאַנען אין לאַנד

מיר רעדן כסדר וועגן דעם היגן יידישן ישוב, מיר דערציילן וועגן דעם אויסערלעכן און אינעווייניקסטן לעבן, מיר שילדערן די פרעמדע ברוטאַלע מאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויפן היגן ישוב גאַרנישט אויף קאַטאַוועס און שאַלטעוועט דאָ כסדר אָפן און באַהאַלטן אין אַלע ווינקלען פונעם לאַנד.

אָבער ווער זיינען די פירנדיקע כוחות און פאַקטאָרן פונעם היגן יידישן ישוב, ווער ריכטעט דאָס שווערע יידישע לעבן, ווער רודערט דאָ מיט דער שיף, וואָס דאַרף דורכשלאָגן דעם וועג דורך כסדריקע שטורעמס?

פריער פון אַלץ: גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט, איז דער ארץ־ישראלדיקער ישוב שטאַרק און פעסט אָר־גאַניזירט — מעגן דאָ זיין פאַרשיידענע פאַרטייען און ריכטונגען, וואָס קעמפן גאַנץ שטאַרק און שאַרף צווישן זיך. און אַז די פאַרטייען קאָנען זיך רייסן און בייסן גאָרנישט אויף קאַטאַוועס, האָבן מיר דאָ געזען ביי די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

די איבער 600 אָדער 650 טויזנט יידן אין ארץ־ישראל זיינען אַ גרויסער און שטאַרקער כוח קודם־כל דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין פיל פאַלן אַן ענג־צונויפגעבונדענער און שטאַרק־אָרגאַניזירטער ישוב. עס איז נישט געשריבן געוואָרן קיין קאָנסטיטוציע אָפריער, עס זיינען נישט געווען קיין לכתחילה־אויסגעאַרבעטע פאָרמען פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל פאַר זיין זעלבסטפאַרוואַלטונג און פירונג, אָבער ביי היינט צו טאָג איז דער ישוב אָרגאַניזירט און עס עקזיסטירן אייניקע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן אָן מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער פּאָליטיק פונעם לאַנד. אָט די אָרגאַנען האָבן נאָך נישט, צוליב די אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע וואַקלונגען, אויפשיטערונגען און ענדערונגען, קיין פעסטגעשטעלטן כאַראַקטער און ענדגילטיקע פאָרם. עס זיינען אויך נישט געגנוי אויסגעאַרבעט געוואָרן די גרענעצן און קאָמ־פּעטענצן פון יעדן איינעם פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אָרגאַנען. עס איז נאָך דאָ און ס׳וועט נאָך מסתמא זיין אַ לענגערע צייט אַ מין פּלאָנטער און מישמאַש אין די פונקציעס און אין די טעטיקייטן פון די פאַרשיידענע אָרגאַנען, וואָס באַמיען זיך צו געווינען פאַר זיך וואָס־מער מאַכט און חשיבות און איינפלוס אינעם לאַנד.

ראשית־כל ברענגט אָט דעם כאַאָס דער מצב, וואָס מען געפינט זיך

אין אַ לאַנד, וואָס ווערט פון אַנהויב ביזן סוף רעגירט און געפירט פון אַ פרעמדער, זייטיקער און דורכאויס־פיינטלעכער מאַכט, — די בריטישע מאַנדאַטן־מאַכט אָדער אָקופּאַנטן־מאַכט. אמת, די יידן און די פירנדיקע יידישע אינסטיטוציעס באַמיען זיך צו קאָנצענטרירן אין אייגענע הענט די וויכטיקסטע מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות און כוחות פון לאַנד. אָבער מען איז אויף שריט און טריט געשטערט פון דער בריטישער מאַכט, וואָס האָט ווי אַ שפּין אויסגעשפּרייט שפּין־פּעדעם, וואָס זיינען אייגנטלעך קייטן, דראָט־פּאַרצוימונגען איבערן גאַנצן לעבעדיקן אָרגאַניזם פון דעם ישוב. פּונקט ווי אַמאָל אין דעם צאַרישן רוסלאַנד און דערנאָך אין דעם האַלב־און כמעט־פאַשיסטישן פּוילן, — צווישן דער ערשטער וועלט־מלחמה און ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה,—זיינען געווען ספּעציעלע אָפּטיילונגען, ספּעציעלע אַנשטאַלטן, ספּעציעלע אַמטן צו באַקעמפן און אַרויסצושטויסן די יידן פון אַלע זייערע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, אַזוי אויך עקזיסטירן ביי דער בריטישער מאַכט אין ארץ־ישראל גרויסע און גאַנץ־אַנטוויקלטע אַמטן, מיט פּאַרוואַלטערס און ספּעציאַליסטן, מיט ראַטגעבער און דעה־זאָגער, וואָס זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט און געצילט אויף איין זאַך — נישט צו דערלאָזן, אַז די יידן זאָלן זיך שטאַרקן און באַפעסטיקן. עס איז דאָ אַנגעמאָסטן די אַלטע מורא פון פרעה מלך מצרים: „פן ירבו“, — טאָמער וועלן זיי, די יידן, זיך פאַר־מערן און שטאַרק ווערן. דאַרף מען דעריבער מיט אַלע לעגאַלע און אומ־לעגאַלע, געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע מיטלען זען זיך באַוואָרענען קעגן דער יידישער פאַרמעסטונג, קעגן דעם יידישן כוח.

וועגן דעם אַליין לאָזט זיך זייער פיל דערציילן. ביי מיינע פאַרשיידענע שמועסן מיט כלעריליי יידישע כלל־טוער, אויך סוחרים, אונטערנעמער פון גרויס און קליין, האָב איך זיך אָנגעהערט זייער פיל וועגן דעם שטאַרקן, סיסטעמאַטישן קאַמף פון דער בריטישער מאַכט אין לאַנד קעגן דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער השפעה און פון דער באַטייליקונג אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, פון דער יידישער גרוי־סער און קליינער פאַבריקאַציע. ענגלאַנד גייט זיך מיט איר וועג: — ארץ־ישראל זאָל פאַרבלייבן אַ נישט־אַנטוויקלט לאַנד, אַן אָפּגעשטאַנענע קאָלאָניע, וואָס זאָל אויסקוקן אויף סחורות פון ענגלאַנד, מען זאָל צאָלן די גוטע פרייזן און מיט אַ הויכן שטייער־אָפּצאָל. דאָס איז די פּאָליטיק פון ענגלאַנד, וואָס גייט אָן די גאַנצע צייט, און בלויז אין די פּאָר מלחמה־יאָרן האָט מען געמוזט מאַכן פאַרשיידענע פאַרלייכטערונגען, וויל דאַן, ווען די געפאַר צו ברענגען סחורות איז געווען גרויס און עס איז געווען די דרינגענדיקע נויט אין פאַרשיידענע אַרטיקע פּראָדוציר־זאַכן, האָט מען

איינגעקויפט אויף גרויסע סומעס פאַר דער אַרמיי אין לאַנד גופא ביי יידן.

און דערביי מוז מען באַטאָנען נאָך אַ זאַך: די וועלט, און די יידן בתוכם, זיינען מיט רעכט אויפגעצאָרנט קעגן דעם „ווייסן פּאַפּיר", וואָס דערלאָזט נישט צו קויפן קיין ערד, אָבער מען ווייסט ווייניק און מען פאַרשווייגט די אַלע קונציקע, ראַפינירטע געזעצן פון דער בריטישער מאַכט, וואָס זיינען געצילט קעגן דעם נאָרמאַלן לעבן, קעגן דעם בוי, קעגן דעם וואוקס פון די 600 טויזנט יידן, וואָס זיינען שוין דאָ אין לאַנד, און וואָס נויטיקן זיך אין נאָרמאַלן לעבן, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פון אַרבעט און פּראָדוקציע. עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז בלויז די עקשנות און דער פאַנאַטיזם פון די יידישע פירנדיקע און קעמפנדיקע כוחות אין לאַנד, און אויך די הילף, וואָס עס קומט אָן פון אַנדערע לענדער פאַרן יידישן ישוב, און בעיקר — פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — אַז בלויז דאָס אַלץ ברענגט דערצו, אַז נישט געקוקט אויף די שטערונגען און שטרויכלונגען פון דער בריטישער מאַכט, ווערט דער יידישער ישוב שטאַרקער און רייכער און פיל־פאַרצווייגטער.

עס האָט אַמאָל געהייסן, אַז די מאַנדאַטן־מאַכט דאַרף העלפן דעם יידישן ישוב צו בויען די נאַציאָנאַלע היים. אָבער עס וואָלט געווען זייער טשיקאַווע צו זען, אויף וויפיל די ענגלישע מאַכט האָט כסדר אָפן און פאַר־שטעלט, סיסטעמאַטיש און גוט־געפּלאַנירט געטאָן אַלץ קעגן דעם יידישן ישוב, וואָס אָפטמאָל האָט זי געוואָלט פון אים מאַכן בלויז אַן אייגענע קאָלאָניע און אָפטמאָל — דורך פאַרשיידענע מיטלען — געוואָלט אים אינגאַנצן אָפּמעקן און אָפּווישן פון דער ערד.

די יידן אין ארץ־ישראל און די יידן פון דער גרויסער וועלט האָבן גע־מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו שטאַרקן דעם ישוב, צו באַפעסטיקן אים, און זיי האָבן אַריינגעלייגט געוואַלדיקע סומעס אין לאַנד, וואָס ענגלאַנד האָט אָפטמאָל געמאַכט פון אים נישט נאָר אַ מיליטערישע באַזע פאַר אירע אימ־פעריאַליסטישע אינטריגעס, נאָר האָט אויך שטאַרק פּראָפיטירט פון אים, אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון יידישן ישוב די רעאַקציאָנערע, ענגליש־דאָמינירטע קליקע, וואָס הערשט איבער דעם דערבייאיקן עבר־הירדן. אויך יעדע כלומרשטע „פאַרלייכטערונג", וואָס קומט פאַר יידן, איז זין פון עקס־פּאַרט, ווערט באַגלייט מיט אַ טאָפּל־גאָב פאַר די בריטישע לאַקייען אין עבר־הירדן, ווען ענגלאַנד צערטלט אַזוי זאָרגפעליק און פּאַטערלעך, ביז באַשטימען דעם משרת אַבדולאַ פאַר קעניג. אין אָט דעם פוילן עסק לייגט די פּאַלעסטינער רעגירונג אַריין יאָר־יערלעך הונדערטער־טויזנטער פונטן, וואָס מען קריגט אַרויס פון דער דערבייאיקער יידישער ארץ־ישראל.

אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר ספּעציאַליסטן־עקאָנאָמיסטן און עקספּערטן.

װעלכע זײַנען די װיכטיקסטע פירנדיקע יידישע אָרגאַנען אין ארץ־ישראל?

עס איז דאָ דער „ועד הלאומי" — דער נאַציאָנאַלער ראַט אָדער קאָונסיל, װאָס זיין זיץ־אָרט איז אין ירושלים. דער פאָרזיצער איז י. בן־צבי. אין דעם „ועד הלאומי" זײַנען פאַרטראָטן, לויט די װאַלן, כמעט אַלע, אָדער פּאַקטיש אַלע יידן אינעם לאַנד, פון סאַמע רעכטס ביז סאַמע לינקס. דאָס איז די אַזוי־גערופענע רעפּרעזענטאַנץ פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. מיר הערן זייער אָפט, אַז דער פאָרזיצער פון „ועד הלאומי" טרעט אויף אינעװייניק פאַר יידן, און פאַר דרויסן, סיי בשעת פריידיקע פּאַסירונגען, סיי אויך, װי עס טרעפט זיך אָפטער, ביי טראַגישע און שװערע געלעגנהייטן. ער פיגורירט אָפט װי דער פאָרשטייער פונעם יידישן ישוב פאַר דעם „נציב עליון" (הײַ־קאָמישאָנער), און רעדט אינעם נאָמען פון ארץ־ישראל־יידנטום. אַרום דעם „ועד הלאומי" זײַנען אויך דאָ פאַרשיידענע אָרגאַנען און אַנשטאַלטן, פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און דערציִערישע. ער האָט אויך אַ געװיסן בודזשעט אינעם לאַנד און ער קלויבט זיך צונויף פון צייט צו צייט. ער נעמט אַרײַן אונטער זיין שוץ אָדער אויפזיכט די דערציִאונג אינעם לאַנד, דעם שול־װעזן א. אַז. װ.

אָבער פּאַקטיש שפּילט די אמתע הויפּט־ראָלע אינעם לאַנד אין אַלע זײַנע װיכטיקסטע געביטן און צװייגן די „סוכנות היהודית" — יידישע אַגענטור, — װאָס איז איצט אַן אײַנגעגלידערטער טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַמאָל האָט מען געפּראָװוט סיי פאַר ענגלאַנד, סיי פאַר דער ברייטער װעלט, צו שאַפן אַזאַ מין כלל־ישראל־אָרגאַניזאַציע, װאָס זאָל קאָנען צוציען פאַרשיידענע גרויסע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, װאָס קאָנען נישט אָדער װילן נישט זיין אינעװייניק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט יאָרן צוריק זײַנען טאַקע פאָרגעקומען באַזונדערע קאָנפערענצן, מיט באַריכטן, מיט װאַלן און מיט רעזאָלוציעס פון אָט דער קערפּערשאַפט, אָבער מיט דער צייט זײַנען פאַרװישט געװאָרן די אַלע „מיר־דיר"־באַציאונגען, און עס איז געװאָרן איין קערפּערשאַפט, איין אָרגאַניזם, נישט צו אָפּטיילן.

אין דער געבײַדע פון דער אַגענטור אין ירושלים געפינען זיך איצט אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס, מיטן קרן־היסוד, מיטן קרן־קימת, און אויך די סוכנות. און עס איז איצט איין אינסטיטוציע.

אין דער „סוכנות" זײַנען פאַרטראָטן אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען לויט אַ שליסל, װאָס איז צוגעפּאַסט לויט די כוחות פון דער ציוניסטישער באַװעגונג אין דער װעלט, און דער עיקר פון די צװיי לענדער — ארץ־ישראל און אַמעריקע. יעדע פּראַקציע אין דער ציוניסטישער באַװעגונג

איז פאַרטראַטן מיט אירע פאַרשטייער. דער אַקציאַנס־קאָמיטעט קלויבט אויס פון זיין זייט די עקזעקוטיווע, מיטן זיץ־אָרט אין ירושלים. און דאָס איז אייגנטלעך די „מלוכה־פירונג", די „רעגירונג" פון דעם יידישן ישוב אין **ארץ־ישראל.**

ביי היינטיקן טאָג איז עס אַ מין „קאָאַליציע" פון די פאַרשיידענע ציוניסטישע ריכטונגען. אָבער די אמתע פירערשאַפט געפינט זיך אין די הענט פון דעם „מפא"י", די אַלגעמיינע טאָציאַליסטן, די רעכטע, — מיט בן־גוריון, א. קאַפּלאַן, משה שערטאָק, בערל לאָקער, גאָלד מייערסאָן, דוד רמז א. אַ. אין דער שפּיץ. די אַנדערע פּאַרטייען זיינען אין דער מינדערהייט, אין דער אָפּאָזיציע, ביי פאַרשיידענע פראַגן, ווי דער שטייגער איז. אין אַקציאַנס־קאָמיטעט זיינען באַטייליקט די אַלגעמיינע ציונים, די פּאַרטייען „אחדות־העבודה" מיט די לינקע פּועלי־ציון, דער „מזרחי", דער „השומר הצעיר" און אַנדערע.

אָבער אויסער דער „סוכנות" איז דאָ אינעם לאַנד נאָך אַ גרויסער און אפשר דער וויכטיקסטער כוח — און דער עיקר אין פראַגן, וואָס שייך דעם אינעווייניקסטן לעבן אין לאַנד — דאָס איז די „הסתדרות", — די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן אין לאַנד.

די „הסתדרות" איז פיל מער ווי אַ „יוניאָן", פיל מער ווי אַ „פּראָטער־נאַלע" אָרגאַניזאַציע, ווי אַ קולטור־געזעלשאַפט. דאָס אַלץ צוזאַמען ווערט פאַראייניקט אין דער „הסתדרות". זי איז אייגנטלעך דער ווירטשאַפט־לעכער באַלעבאָס פונעם יידישן קיבוץ: אַלע פעדים, אַלע אָדערן פונעם לאַנד געפינען זיך אין די הענט און אונטער דער אויפזיכט און אונטער דער השפעה פון דער „הסתדרות".

אַרום דער „הסתדרות" זיינען אָרגאַניזירט גרויסע און וויכטיקע אינ־דוסטריעלע, פּראָדוצירנדיקע, ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און קאָ־אָפּעראַטיוון, וואָס זיינען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם לעבן פונעם לאַנד און וואָס פירן אויס די וויכטיקסטע פונקציעס און רעגולירן דאָס עקאָ־נאָמישע און ווירטשאַפטלעכע און אויך אין אַ געוויסן זין דאָס קולטור־לעבן אינעם ישוב. אַרום דער „הסתדרות" געפינען זיך: דער „סולל ובונה", וואָס פאַרנעמט זיך מיט בויען בנינים, שטעט, דערפער און לייגן וועגן. דער „סולל ובונה" האָט פיל מיטגלידער, מאַכט אַ מיליאָניקן אומזאַץ (ענגלישע פונטן) אַ יאָר. עס איז אַ פיל־פאַרצווייגטע בוי־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרמאָגט הונדערטער אַרבעטער פון אַלע צווייגן, מיט אייגענע פאַבריקן און פאַבריקלעך אין אַלע טיילן פון לאַנד. ער איז אויך באַטייליקט מיט קאַפּיטאַלן אין פיל בשותפותדיקע, האַלב־פּריוואַטע, אַקציע־אונטער־נעמונגען. דער „סולל ובונה" האָט, אגב, אויך אויפגעבויט פאַר דער

בריטישער מאַכט פיל בנינים און שאָסייען, דער עיקר אין דער צייט פונעם וועלט־קריג.

די „הסתדרות“ איז אויך אַ שטיק באַלעבאָס פון אייניקע אַנדערע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווי „נשר“ (נעשער, די גרויסע צעמענט־פאַבריק), — אַ צוויי־מיליאָן־פונטיקע פאַבריק, וואָס באַזאָרגט מיט צעמענט דעם ישוב; און פון דער גרויסער פאַבריק „שמן“ (שעמען, בוימל), אויל, פאַרבן, קאָסמעטיק, זייף א. אַז. וו. שפּעטער קומען נאָך און

אַ „תנובה“־טראָק, וואָס באַזאָרגט דעם עולם מיט שפּייז

נאָך פאַבריקן, ווי „וואולקאַן“ (אייזן־פאַבריק), „פעניציע“ — גרויסע גלאָז־פאַבריק פאַר דער פּראָדוקציע פון שויבן, פאַר הויז־ און שוי־פענצטער, פלעשער, גלעזער א. אַ., די אַלע אויטאָבוס־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען שטאַרק פאַרצווייגט אויף צענדליקער וועגן פון לאַנד, וואָס שפּילן אַ באַ־דייטנדיקע ראָלע אין אַלע ווינקלען פונעם ישוב אין פריידן און אין ליידן, און נאָך און נאָך.

חוץ דעם מוז מען דערמאָנען די וויכטיקע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן ספּעציעל צו באַדינען די ווירטשאַפטלעכע פונקטן אין לאַנד, וואָס זייער צאָל האַלט אין וואַקסן. ביי היינטיקן טאָג זיינען דאָ אַ 200 אַזעלכע דאָרפיש־ווירטשאַפטלעכע פונקטן, וואָס פּראָדוצירן און אַרבעטן־אויס פּראָדוקטן (מילך, אייער, גרינס, פלייש, פיש, פּרוכטן, אַלערליי מאַרמעלאַדן און

זאַפטן) אין אַ פּאָר מיליאָן פונט אַ יאָר. דער קאָאָפּעראַטיוו „תנובה" איז דער פאַרקויפער אין לאַנד פון די אַלע פּראָדוקטן. דערביי איז דאָ די צווייטע קרובהשע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע „המשביר", וואָס שטעלט־צו פאַר די אַלע דאָרף־פּונקטן שטאָפן, מאַטעריאַלן, פּראָדוקטן, זאַכן, אין וועלכע עס נויטיקן זיך די אַלע דאָרפישעווירטשאַפטן.

דורך דער „הסתדרות" זיינען געגרינדעט געוואָרן פיל קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי טעאַטער, שול, סעמינאַרן, פאַרלאַגן, די גרויסע טעגלעכע צייטונג „דבר", דער „אוהל"־טעאַטער א. אַז. וו.

אויך וועגן דער „הסתדרות" — אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן — לאָזט זיך פיל רעדן. — אינעם „הסתדרות" זיינען פאַרטראָטן אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, פון דער רעכטער „מפא"י" ביז די קאָמוניסטן. — עס זיינען, ווי אין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויך אין דער „הסתדרות" — די הויפּט־פירער די אַלגעמיינע רעכטע סאָציאַליסטן, די „מפא"יניקעס".

דעם 15טן נאָוועמבער 1946.

29

יידן און אַראַבער

איינע פון די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען אינעם היגן יידישן לעבן איז דאָס פּראָבלעם יידן און אַראַבער. נאָר מענטשן באַגרענעצטע, אויבערפלעכלעכע, וואָס ווילן נישט און קאָנען נישט אַריינדרינגען אין דער פאַרפלאָנטערטער און וויטיקדיקער פראַגע, קאָנען לייכטזיניק און ווי ס׳ווילט זיך זיי גופא — אַרויסברענגען אַ לייכטע תשובה, וואָס מאַכט אַוועק מיט דער האַנט דעם גאַנצן ענין. די אַראַבער־פראַגע געהערט צו דעם סוג „פאַרשאָלטענע" פראַגן, וואָס בלויז מיטן פולן און אמתן באַגער פון ביידע צדדים און ביי גערעכטע און ערלעכע פּאָליטישגעזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען קאָן מען געפינען אַן אויסוועג. און דאָס איז — מען מוז איינשטעלן גוטע, גערעכטע קעגנזייטיקע באַציאונגען, וואָס זאָלן זיין אַ פועל־יוצא פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג און אמתער גוטפריינטשאַפט. אָבער דאָס איז מעגלעך, ווען ס׳וועלן לכתחילה באַזייטיקט ווערן די פאַקטאָרן, וואָס האָבן די פאַרקערטע אויפגאַבן און צילן — כ׳מיין די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס האַלט אין איין זייען שנאה און האַס צווישן יידן און אַראַבער; און די שאָוויניסטישע אַראַבישע פירער, די

אַרויסהעלפער פון דעם פאַשיזם און נאַציזם; און אויך די עלעמענטן און טיילן פון דעם ארץ־ישראלדיקן יידנטום, וואָס גייען אין די רעאַקציאָנערע שאָוויניסטישע דרכים פון אַנטיסעמיטן.

נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן גענויער אויף די אַלע פּאַסירונגען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן די אַלע יאָרן אין ארץ־ישראל דורך די שענדלעכע און שעדלעכע האַנדלונגען פון דער בריטישער מאַכט, וואָס האָט געהעצט און גערייצט די אַראַבישע באַפעלקערונג, די פירער און די מאַסן צו אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. אָט די האַנדלונגען האָבן



אַראַבער פאָרן איבער די ארץ־ישראל־וועגן

אָפּט געפונען אַ גוטן באָדן און, ווי באַקאַנט, האָבן זיי געבראַכט אין לויף פון די לעצטע דרייסיק יאָר צו פאַרשיידענע אַנטי־יידישע איינמאַליקע פּאַגראָמען אָדער צו פּערמאַנענטע „אומרוען״, וואָס האָבן געדויערט יאָרן. און דערצו זיינען די אָרטיקע פּאַלעסטינער אַראַבער כסדר געהעצט געוואָרן דורך די פּאַן־אַראַבער פון די שכנישע לענדער, און מיטן גוטהייסן און הילף פון דער זעלבער בריטישער אָקופּאַנטן־מאַכט, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן די אויפטרייסלונגען און אומרוען פאַר אירע טונקעלע חשבונות און פּאָליטישע מאַכינאַציעס. אָבער מ׳דאַרף אויך זיין ערלעך צו זיך אַליין און זאָגן, אַז מיט אַ פאַרנונפטיקער יידישער פּאָליטיק און גוט־געפּלאַנירטער מענטשלעכער און דעמאָקראַטישער האַנדלונג וואָלט מען געקאָנט שאַפן מער־פריינטלעכע און מער־גוט־שכנישע באַציאונגען מיט די אָרעמערע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. און דאָס איז די מיינונג נישט בלויז פון די קאָמוניסטישע פירער אינעם לאַנד, נאָר אַפילו פון יידן פאַרשטייער פון דער סוחרישער וועלט ווי משה סמיליאַנסקי,

אָדער פון אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דר. י. ל. מאַגנוס, דער רעקטאָר פון דער העברייאישער אוניווערסיטעט אין ארץ־ישראל, אָדער פון די פירער פונעם „השומר הצעיר". פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער פון די דער־מאָנטע גרופּירונגען טרעט אַרויס פון אַן אַנדער קוק־ווינקל און פאַרטיידיקט פאַרשיידענע איינשטעלונגען, מעטאָדן און ריכט־ליניעס. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז קלאָר, אַז מ'האָט פיל, פיל פאַרזען פאַר די אַלע יאָרן, נישט גערעכנט זיך מיט וויכטיקע פאַקטן און פאַקטאָרן, און דערפאַר, פאַר אָט דעם פאַרזען, צאָלט מען אַ צו־טייערן פּרייז. זיינען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צווישן יידן און אַראַבער מחיצות, ווענט, וואָס טיילן זיי שטאַרק פאַנאַנדער און שאַפן באַזונדערע מחנות, קעמפנדיקע וועלטן.

וועלן מיר נישט אַריין אין לאַנג טעאָרעטישע פּרינציפּיעלע טעאָריעס און חקירות וועגן דעם פּראָבלעם יידן און אַראַבער, נאָר מיר וועלן בלויז איבערגעבן אייניקע אייליקע איינדרוקן.

פאַר מיר, וואָס האָט פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל מיט צען יאָר צוריק און וואָס איך בין געווען אַן עדות פון די „געשעענישן" (אין העברייאישן — „מאורעות") פון 1936, צוגעזען די הריגות, פאַרוויסטונגען, שרפות, אָנ־פאַלן, שיסערייען, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין לאַנד מצד די אַראַבער, — פאַר מיר האָבן די באַציאונגען פון יידן און אַראַבער דאָס מאָל אויסגעזען די סאַמע האַרציקסטע, פריינטלעכסטע און אידעאַליסטישע.

דער פאַרגלייך פון אַמאָל, מיט צען יאָר צוריק, און איצט — איז באמת אַ גאָר פריידיקער און באַפרידיקנדיקער.

און גראָד אין דער איצטיקער געשפּאַנטער שעה, ווען אויף שריט און טריט גייט דאָ אַן דאָס געיעג אויף דעם פרידלעכן לעבן פון די יידן, און גלייכצייטיק ווערן אויך פאַנאַנדערגעבלאָזן שנאה און קנאה, האַס און גע־רייצטקייט אין דער היגער וועלט, גראָד איצט זעט מען פיל סימנים ווי דער פּשוטער אַראַבישער מענטש, דער האָרעפּאַשניק, דער ערד־אַרבעטער וויל זיך לעבן בשלום מיט די יידישע שכנים, און לעבט בשלום אויף וויפל מען וויל נישט בגוואַלד צעשטערן דעם שלום־בית פון דרויסן און פון אינעווייניק.

אין תל־אביב, אויף די גאַסן און אין די אויטאָבוסן, אויף די צענטראַלע גאַסן און אין באַוועג־פּונקטן, טרעפט מען אַראַבער, וואָס גייען אַרום פרידלעך, פאָרן אין די יידישע אויטאָבוסן, שטייען אין דער ריי נאָך בילעטן, ברענגען צום פאַרקויף פאַרשיידענע זאַכן, פּרוכטן און גרינס. מען זעט עס אין חיפה, אויך אין די ריין־יידישע טיילן פון דער שטאָט, אין הדר־הכרמל און אויפן כרמל. און נאָך מער זעט מען עס אין ירושלים — אויף די אַלע בשותפותדיקע גאַסן און אויך אין טיילן פון שטאָט, וואו עס וואוינען

ספּעציעל ייִדן. אומעטום טרעפֿט איר אַראַבער, וואָס פֿאַרקויפֿן סחורות, וואָס טראָגן אַרום פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן איבער די הייזער, וואָס שטייען אויף די ראָגן מיט קוישן א. אַז. וו.

אין פֿאַרשיידענע הייזער ביי ייִדן אַרבעטן אַראַבישע פּרויען. דאָס האָב איך געטראָפֿן באַזונדערס אין חיפה, די שטאָט פֿון אַ געמישטער באַפֿעל־קערונג. און אָט דאָס צוזאַמענלעבן ברענגט זייער גוטע רעזולטאַטן. אינעם שטאָט־ראַט פֿון חיפה, וואָס פֿאַרמאָגט אַ 65 טויזנט ייִדן און אַזאַ צאָל

אַן אַראַבער באַגריסט די גרינדונג פֿון אַ נייער ייִדישער קבוצה

אַראַבער, זיצן ייִדן און אַראַבער אין פֿרידן. ווען עס איז באַפֿרייט געוואָרן אַ באַוואוסטער ייִדישער אַרבעטער־פֿירער, אַן אָנגעזעענער טוער פֿון חיפהער שטאָט־ראַט, האָט אים דער אַראַבישער פֿירער הייס באַגריסט. די פֿאַרנונפֿטיקע און נישט־פֿאַרסמטע אַראַבער ווייסן און באַגרייפֿן, אַז ביידע טיילן פֿון דער פּאַלעסטינער באַפֿעלקערונג — די ייִדן און אַראַבער — האָבן איין געמיינשאַפֿטלעכן שונא, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויפֿן ישוב מיט בייזוויליקע אייגננוציקע כוונות און אויסרעכענונגען, וואָס דאַרפֿן האַלטן דאָס לאַנד און אירע צוויי פֿעלקער אין אָנגעצויגענע, פֿיינטלעכע באַציאונגען.

פֿאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין אין לאַנד, און בעת מיינע נסיעות איבערן לענג און ברייט פֿון ארץ־ישראל, ביי מיינע באַזוכן אין

פֿאַרשיידענע פּונקטן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס זיינען דאָ, עס הערשן פריינטשאַפט, שכנותשאַפט און אַפילו גוטפריינטשאַפט, וואָס קאָנען פאַרשטאַרקט און באַפעסטיקט ווערן.

אסתר ווילענסקאַ און מאיר ווילנער, די פירער פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, האָבן מיר דערציילט אינטערע־סאַנטע פּרטים וועגן געמיינשאַפטלעכע אַקציעס און אַרויסטרעטונגען פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער בעת די סטרייקס פון די מלוכה־אַרבע־טער. די געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס פון די סטרייקער, די געמיינשאַפט־לעכע סטרייקער־קאָמיטעטן האָבן פיל מיטגעהאָלפן דער דערגרענעטערונג פון די, אין פלוג, צוויי פיינטלעכע פעלקער. מ׳איז געגאַנגען אַקסל ביי אַקסל און אינאיינעם אויסגעדריקט פאַרביטערונג און פאַראַכטונג צום געמיינזאַמען בריטישן אונטערדריקער.

איך האָב די טעג באַגעגנט אין אַ הויז ביי אַ יידישן לערער און טוער אין תל־אביב אַ יידישע פרוי, אַ לערערין אין אַ יונגן יידישן קיבוץ — תבורה — אַרום עין־חרוד אין עמק. די קבוצה איז נישט לאַנג אויפ־געשטעלט. זי ציילט דערוויל עטלעכע צענדליק נפשות, מיט אַ 20 קינדער. און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס די קבוצה איז אויפגעשטעלט צווישן אַראַבער, אַרום אַראַבישע הייזער און הייזלעך. און די באַציאונגען פון די יידן און אַראַבער? — פרעג איך. „מצוינים!“ (פּרעכטיקע) — ענטפערט מיר די יונגע פרוי, — די בעסטע, פריינטלעכסטע באַציאונגען. און זי נעמט אַרויס פון איר טעקע אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס — יידן מיט אַראַבער — די יידישע און אַראַבישע קינדער אינאיינעם פאָטאָגראַפירט, און שמייכ־לענדיקע פּנימער ווי גוטע שכנים. און די פרוי דערציילט מיר, אַז די אַראַבישע שכנים זיינען געקומען מיט אַ דעלעגאַציע צו דעם יידישן מוכתר (סטאַראָסטע) מיט דער בקשה, מען זאָל זייערע קינדער אַריינגעמען אין דער שול פון דעם קיבוץ. עס געפעלט זיי די שול, עס געפעלט זיי ווי די יידישע קינדער זעען אויס, עס געפעלט זיי די לערערין ווי זי באַגייט זיך מיט די קינדערלעך...

און נאָך אַ באַווייז: אין דער קבוצה רוחמה, וואָס האָט געהאַט אויס־צושטיין דעם ברוטאַלן באַזוך פון אַ מחנה בריטישע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן אָנגעטאָן פיל שאָדן און געלאָזט אויף הפקר אַלדאָס אָנגעזאַמלטע און באַאַרבעטע אין דער קבוצה, — האָבן די אַראַבישע שכנים זאָרגפעליק באַ־וואַכט די אַקער־מאַשינעס, די קי, די טראַקטאָרן, דאָס האָב און גוטס, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף הפקר דורכן מיליטער. די אַראַבישע שכנים האָבן אויך צוגעבראַכט שפּייז, אויסגעדריקט זייער מיטלייד צו די האָרעפּאַשנע יידישע קיבוצניקעס.

און מ׳גיט איבער, אַז די ענגלענדער האָבן פּירגעהאַלטן די אַראַבישע עלטסטע אין דאָרף פּאַר אַזאַ גוטפריינטשאַפט, האָבן די אַראַבער זיי גע־ענטפערט: איר זיינט דאָ באַלד דרייסיק יאָר, און וואָס האָבן מיר פון אייך? און אָט די יידן האָבן אַריינגעפירט עלעקטרישע באַלייכטונג, אַדורכגעפירט וואַסער און מיר ווילן און מיר לעבן מיט זיי אין פריינטשאַפט.

אין דער קבוצה „כפר מנחם" (ווייט אין נגב, נאָך באר־טוביה), וואו איך האָב פאַרבראַכט צווישן די חברים צוויי טעג, פרייטיק און שבת, דאָרט האָב איך זיך אויך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ גוטפריינטשאַפט און שכני־שער פאַרשטענדיקונג צווישן די צוויי פעלקער, וואָס ענגלאַנד וויל זיי צעשיידן, צעטיילן, מאַכן פון זיי פיינט אויף לעבן און טויט. איך האָב געזען ווי אין די שלאָסעריי־וואַרשטאַטן פון דער קבוצה, וואו עס אַרבעטן יידישע ספּעציאַליסטן, שטייען אויך אַקערס און מאַשינען פון די אַראַבישע שכנים, וואָס מען האָט געבראַכט צום פאַרריכטן. שבת איז געקומען אַן אַראַבישער פריינט צו דעם יידישן קיבוצניק, געבראַכט אים פרוכט און מ׳האָט פריינט־שאַפטלעך גערעדט און געשמועסט אַ לענגערע צייט. דאָס זעלבע האָב איך געזען אין אלונים, די יונגע קבוצה אין עמק, וואוהין אַ יונגער אַראַבער איז געקומען אויף זיין פערד צו זיין חבר, דעם יידישן שומר, און אים געבראַכט מתנות — גוטע „ארבוזן" (קאַווענעס).

און איך בין גאָר נתפעל געוואָרן אין דעם קיבוץ „אילת השחר", וואָס געפינט זיך נאָך טבריה, נאָכן ים־כנרת, אין צפון, נאָך ראש־פינה. איך בין געגאַנגען מיט די קבוצה־חברים באַטראַכטן די פאַרשיידענע אַנשטאַלטן פונעם עלטערן קיבוץ, האָבן מיך די חברים צוגעפירט צום „בית־חולים" (שפּיטאַלכל), וואָס ביי דער קבוצה. און ווי בין איך איבערראַשט געוואָרן צו טרעפן אַראַבישע זאָטל־פערד, אייזעלעך,—זיי האָבן געבראַכט אַראַבישע קראַנקע צום יידישן דאָקטאָר פון דער קבוצה. איך בין אַריין אינעווייניק, און דאָרטן זיינען געווען פאַרשיידענע אַראַבישע חולאים, וואָס היילן זיך ביים יידישן רופא — געטראָפן מענער און פרויען און קינדער. און ווי מ׳גיט מיר איבער, איז דער יידישער דאָקטאָר (אונדזערער אַ ייד פון פוילן) שטאַרק פּאָפּולער ביי די אַרומיקע אַראַבישע שכנים, וואָס, ווי דער שטייגער פון די אַראַבער, דערציילן זיי נסים ונפלאות וועגן דעם דאָקטאָר, וואָס אַללאַ אַליין האָט אים אַהער אַראָפּגעשיקט.

אייניקע סוחרים, פאַבריקאַנטן פון זייף, צוקערלעך, שאָקאָלאַד און אַנדערע זאַכן, גיבן מיר איבער, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון זייערע אויס־אַרבעטונגען ווערט פאַרשפּרייט צווישן די אַראַבער, נישט געקוקט אויף דעם באָיקאָט און די העצעס קעגן די יידישע פּראָדוקטן. און יידן גיבן זיך אַן עצה: מ׳דרוקט די פאַרפּאַקונגען בלויז אין ענגליש און נישט אין העב־

רייאיש און אַראַבער קאָנען דערווייל קויפן די יידישע סחורה.

די מער־פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע עלעמענטן אינעם לאַנד באַגרייפן גוט ווי ס׳איז נויטיק איינצושטעלן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן און אַרבעטער, וואָס זייער צאָל אין ארץ־ישראל איז טאָפּל ווי די צאָל יידן, איצט ביי אַ מיליאָן און 200 טויזנט. עס ווערט אַלץ רייפער דער געדאַנק פון אַ געמיינשאַפטלעך פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך לעבן, פון אַ פריינטשאַפטלעכן קאָנטאַקט און פאַרבינדונג. די ארץ־ישראל־דיקע פּרעסע און צייטשריפטן, — אויסער די שאָוויניסטישע רעאַקציאָנערע טיילן, ווי די רעוויזיאָניסטן, — פאַרעפנטלעכן טאָקע פון צייט צו צייט אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם קולטור־שאַפן פון די שכנישע אַראַבער, מען לערנט אויך אַראַביש און מ׳וויל ווי ווייט מעגלעך פאַרשיטן דעם תהום, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן יידן און אַראַבער. אויף ווי ווייט אַזאַ מין טענדענץ איז אויך דאָ ביי די פּראָגרעסיווע אַראַבער — ווייס איך נישט. איניקע ווייזן אָן אויף איניקע אָנדייטונגען צום בעסערן — אָבער דאָס ווערט געטאָן דאָרטן אין געהיימניש, ווייל די רעאַקציאָנערע, העצערישע עלעמענטן, די פּאָליטיקאַנער פון מופטיס חדר — זיי זיינען די אָפענע דעה־זאָגער, און ווידעראַמאָל — מיט דער אָפענער אָדער באַהאַלטענער הילף פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע.

ווי די באַציאונגען וועלן זיך אַנטוויקלען אין דער נאָענטער צוקונפט — דאָס איז שווער צו זאָגן.

דער ענין יידן און אַראַבער דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר־היום פונעם גאַנצן יידישן לעבן. מ׳טאָר עס נישט אָפּלייגן, עס זאָל זיין נישט צו־שפּעט. און דערווייל, ווען נישט אַנדערע גיפט־מישער, וואָס ווילן אויפגעבויט ווערן פון קנאה־שנאה, פון פעלקער־קריגערייען, וואָלט מען געקאָנט דאָ איינשטעלן אַ רואיק און געמיטלעך לעבן צווישן יידן און אַראַבער. אָבער...

דעם 18טן נאָוועמבער 1946.

30

דער טעראָר און די טעראָריסטן

איך גיי איצט באַרירן אַ זייער שווערע און פאַרפּלאָנטערטע פראַגע, וואָס איז אין לויף פון דער לעצטער צייט אויפגעוואַקסן דאָ אין לאַנד אין אַ זייער ווייטיקדיקן פּראָבלעם. עס איז שווער צו באַהאַנדלען די פראַגע

לאַגיש, קאַלטבלוטיק. עס איז דאָס פּראָבלעם פון דעם באַוואָפנטן אָנגריף, פון די באַוואָפנטע קאַמפן, וואָס מען רופט עס טעראָר, וועלכן עס פירן אָן דאָ כסדר מיט די פאַרשיידנסטע דערלאָזטע און נישט־דערלאָזטע פאָרמען און מיטלען די צוויי באַזונדערע יידישע קאַמף־גרופּעס „אירגון" און „שטערניסטן". עס איז אַ פּראָבלעם, וואָס וועט אָן ספק אַלץ־מער מוזן פאַרנעמען יעדן ייד, צי ער איז אַ היגער איינוואוינער, אָדער אַ ייד פון אַנדערע לענדער, וואָס וויזט אַרויס אַן אינטערעס פאַרן היגן יידישן ישוב, און וויל זען די ווייטערדיקע געזונטע און נאָרמאַלע אַנטוויקלונג און וואוקס פון ארץ־ישראל.

איך האָב מורא, אַז דער טעראָריזם אין לאַנד וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן אין אַ פּראַגע פון אַלע פּראַגן. לאָמיר זיך נישט איינשמועסן, אַז עס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן בלויז דורך דער ברוטאַלער האַנדלונג פון דער מאַנדאַטן־מאַכט. ניין, עס איז אַ „בכיה לדורות" (אַ קלאָג און פּלאָג אויף יאָרן). עס איז אַ פּראַגע, וואָס וועט שטיין אויך ווייטער, שפּעטער, דערנאָך, ווען מען וועט ענדלעך אַזוי צי אַנדערש פּטור ווערן פון דער שווערער אָקופּאַנטן־מאַכט. און זאָלן עס אַלע וויסן, ווער עס באַטראַכט אָדער וויל באַטראַכטן דעם באַוואָפנטן טעראָר און ספּעציפישן קאַמף, וואָס די צוויי דערמאָנטע גרופּעס פירן אינעם לאַנד באַזונדער אָדער אינאיינעם, פאַר אַ צייטווייליקער זאַך, וואָס איז בלויז און דורכאויס געווענדעט כלפּי חוץ, קעגן דעם ענגלענדער. — ניין, דאָס איז אַ גרויסער טעות. פריער אָדער שפּעטער וועט מען איינזען, אַז מען האָט אַ גרויסן און פאַטאַלן טעות און אַז דער טעראָר איז אַן אַלץ־וואַקסנדיקע געפאַר פאַרן גאַנצן יידישן ישוב.

איך בין מער ווי זיכער, אַז אָט דער כסדרדיקער טעראָר, וואָס היינט איז ער געצילט בעיקר אויף די ענגלענדער, קאָן און וועט מאָרגן, איבער אַ יאָר זיכער זיין געצילט אויף די פירנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, וואָס וועלן נישט וואוילגעפעלן ווערן די צוויי קאַמף־גרופּעס אָדער יעדער איינער פון זיי. מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט, און ווער עס איז געוואוינט צו רעדן מיט אַ ביקס און באָמבע, וועט אָנהאַלטן אָט די „שפּראַך" אויך שפּעטער און מיט די יידישע קערפּערשאַפטן.

וואָס איז די באַציאונג פון דעם יידישן ישוב אין לאַנד אין זיין ווייטגרעסטער מערהייט צו די טעראָר־אַקטן, צו די באַוואָפנטע שלאַכטן, צו די שיסערייען, צו די אָנפאַלן אויף ענגלישע זעלנער און רויבערייען פון יידישע בענק, פון יידישע קאָפּיען א. אַז. וו.? וואָס זיינען די רעזולטאַטן פון די מאָרדן, פון די באַרויבונגען, פון די אַלע שיסונגען אויף דורכגייענדיקע און דורכפאָרנדיקע בריטישע זעלנער אין שטאָט, אויף די וועגן,

אין אַפּיסעס, וואָס אָפּטמאָל ברענגט עס אויך זייטיקע אומשולדיקע קרבנות פון יידן, אַראַבער און ענגלענדער?

וואָס פאַר אַ תשובה גיב איך זיך גופא דאָ אויפן אָרט, נאָענט צו די אַלע צוזאַמענשטויסן און געשעענישן? וואָס פאַר אַ תשובה גיבן די פאַר־שיידענע אָרגאַנען און פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, וואָס זיינען פאַרנומען דאָ מיט בויען און אַנטוויקלען דאָס לאַנד? וואָס פאַר אַ תשובה גיבן דערויף די אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פאָלקס־אַנשטאַלטן, צו וועמען דער עולם האָט צוטרוי און וועמעס וואָרט איז פאַר אַלעמען אַן אויטאָריטעט און איז אחריותפול?

עס איז אַ פאַקט און מען דאַרף עס באַטאָנען און מ׳דאַרף וועגן דעם כסדר שרייבן: דער ווייט־גרעסטער רוב פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, זיינע אַלע פירנדיקע פּאַרטייען, מענטשן און אָרגאַנען זיינען אָפּן און שאַרף און אומצווייידייטיק קעגן דעם טעראָר אין דער פאָרם און לויט די מעטאָדן, ווי ער ווערט אָנגעפירט די גאַנצע צייט דורך די צוויי עקסטרעמע קאַמף־גרופּעס „אירגון" און „שטערניסטן". די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן נישט איין מאָל איינשטימיק און קאַטעגאָריש פאַרדאַמט די אַלע אָנפאַלן, מאָרדן, אויפרייסן, וואָס עס באַגייען די טעראָריסטן, אָדער ווי מען רופט זיי דאָ די „פורשים". אָט די פאַרדאַמונגען זיינען עפנטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אין די רעזאָ־לוציעס פון די פירנדיקע קערפּערשאַפטן און אינסטאַנצן. מיר האָבן קיין שום רעכט נישט, ווי עס טוען אָפּט אומפאַראַנטוואָרטלעכע דעמאַגאָגן, צו צווייפלען אין זייער פולשטענדיקער אויפריכטיקייט. אויב דער „ועד הלאומי", די „סוכנות", די „הסתדרות", דער „השומר הצעיר", די „אחדות העבודה", די יידישע קאָמוניסטן, די פאַרשיידענע טעגלעכע און וועכנט־לעכע און חודשלעכע אויסגאַבעס אין יידישן ישוב (אויסער די פאַר, וואָס זיינען מיט די „טעראָריסטן") האָבן געטאַדלט און טאַדלען די אַלע טעראָר־אַקטן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך גרופּעס, איז וואָס פאַר אַ רעכט האָט אַ זייטיקער, אַ מענטש, וואָס איז וויניקער אָדער אינגאַנצן נישט באַהאַוונט אין די אַלע היגע אָנגעלעגנהייטן, אין די אַלע קאָמפּליצירטקייטן פונעם היגן ישוב, וואָס פאַר אַ רעכט האָט סתם אַזוי אַ ייד פון אַמעריקע, פון אייראָפּע צו האָבן אַ „שוואַכקייט", צו האָבן אַן אַנדער מיינונג און וועלן שטיצן און שיצן די שעדיקער?

מ׳דאַרף וואָרענען און אַלאַרמירן, אַז מען שפּילט זיך מיט פייער!

דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל פירט אַ זייער שווערן קאַמף פאַר זיין קיום און וואוקס, פאַר זיינע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע רעכט, פאַר אָפענער אימיגראַציע, פאַר רעכט צו קויפן באָדן און בכלל — אויף די

פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע געביטן. אין לויף פֿון יאָרן זיינען געבוירן, אויס־געוואַקסן, אויסגעשטאַלטיקט און אויסגעפֿורעמט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פֿירן אָן מיט דעם שווערן קאַמף און געראַנגל פֿאַר יעדן נייעם דונאַם ערד, פֿאַר יעדן נייעם ברונעם, פֿאַר יעדן נייעם ייד, פֿאַר יעדן נייעם בנין. עס זיינען דאָ פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין לאַנד און אַנדערש איז, פֿאַרשטייט זיך, זייער צוגאַנג און מעטאָדן פֿון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף, און אַנדערש די אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון. אָבער וויבאַלד אַז אַלע כמעט אָן אויס־נאָם זעען איין, אַז אַזאַ מין אופן און כאַראַקטער פֿון טעראָר, וואָס די גרופּעס פֿירן אויפֿן אייגענעם חשבון, איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער אַל־געמיינער קאַמף־ליניע פֿון די בויענדיקע און פֿירנדיקע אָרגאַנען, און בפֿירוש קעגן דעם אַלעמען — וויבאַלד אַז אַלע טאַדלען און פֿאַרדאַמען עס, קאָן און מעג אַ זייטיקער, אַ פֿרעמדער מענטש פֿון סתם־שטימונגען, פֿון מאָמענטאַנעם אויפֿברויז אָדער נקמה־געפֿיל, אָדער סתם פֿון אַזאַ מין „בראַוואָקייט" אויף יענעס חשבון, דאָס אַלץ גוטהייסן און באַשטעטיקן, שטיצן און סטימולירן?

עס איז קלאָר: ווען מען איז דאָ אין לאַנד אַ לענגערע צייט און מען קוקט זיך צו צו דער רשעות, צו די אַלע כיטרע שטיק פֿון דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט, ווערט מען אויפֿגעצאָרנט און אויפֿגעטרייסלט און דאַן פֿאַרלירט מען אָפֿט דעם גלייכגעוויכט און מען איז גרייט צו פֿאַרזען די אַלע לאָגישע אַרגומענטן קעגן דעם אומזיניקן טעראָר, וואָס אויסער זיינע אַלע געפֿאַרן און אומגליקן האָט ער אין זיך אויך פֿון דעם געפֿערלעכן און שעדלעכן געפֿיל פֿון „תמות נפשי עם פּלישתים". איך האָב באַגעגנט אַזעלכע מענטשן דאָ, וואָס טראַכטן און פֿילן אין דער ריכטונג. אָבער מען טאָר זיך נישט לאָזן אויף אַזאַ וועג, וואָס פֿירט און וועט פֿירן צו פֿאַר־ווּיסטונג, צו פֿאַרלעצונג פֿון אַלע געזונטע און נאָרמאַלע מעטאָדן פֿון קאַמף און פֿון ווידערשטאַנד. איך בין זיך מודה: איך אַליין האָב געפֿילט דאָ די פֿאַר חדשים — נאָך אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, וואָס די ענגלענדער האָבן אָפּגעטאָן ביי די הפֿקרדיקע אונטערזוכונגען פֿון די יידישע ישובֿים, נאָך אַרעסטן און פֿאַרשיקונגען, אָדער ביי כאַפּן אַ שיף מיט אויסגעמאַטערטע, צעפּייניקטע, קראַנקע און אויסגעשעפּטע יידן, ביים באַ־פֿאַלן זיי מיט דער עכט־נאַצישער בעסטיאַלישקייט, באַגעגענען זיי מיט גאַז־ און טרערן־באָמבעס, שיסן אין אומשולדיקע און אומבאַוואָפֿנטע אַלטע און פֿרויען, — יאָ, ווען נאָך אַזאַ מין ברוטאַלער האַנדלונג, וואָס די ענגלישע זעלנער פֿירן אַדורך מיט דער געוויינלעכער קאַלטבלוטיקייט און גוטגעהייסן פֿון דער מאַכט, איז אויב ס'ווערט דערנאָך אַדורכגעפֿירט אַן אומזיניקער, אַ בפֿירוש־אומזיניקער אַקט מצד די טעראָריסטן, איז מען

ערגעץ־וואו צופרידן. מיטן קאָפּ, מיטן גערדאַנק איז מען לחלוטין קעגן דעם, אָבער עפּעס אַ געפיל, זיכער נישט קיין געזונטער, באַרעכטיקט עס. אַזוי איז עס. אַזאַ איז אָפּט די באַציאונג פון פשוטע יידן אינעם ישוב. פון איין זייט זעט מען די אַלע צרות, אומגליקן, וואָס דער יידישער טעראָר ברענגט דעם לאַנד, און פון דער צווייטער זייט איז מען ערגעץ־וואו צו־פרידן, האָט מען אַ סאַטיספאַקציע ווען אַ שאַנד־טאַט פון דער מאַכט לגבי אומגליקלעכע, אויסגעשעדטע יידישע היטלער־קרבנות גייט נישט אַדורך אינגאַנצן אומבאַצאָלט.

אָבער נאָך אַמאָל: עס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. און ווי וועט זיין דעם יידישן ישוב, זיינע פירנדיקע קערפּערשאַפטן, ווען די זעלבע חברה וועט נעמען זיך צום צווייטן „עק" פונעם שטעקן — און דאָס וועט פריער אָדער שפּעטער געשען!

עס דאַרף אויך קלאָר ווערן, אַז די טעראָריסטן שפּילן־צו די ענג־לענדער. זיי טוען זאַכן, וואָס די ענגלענדער באַדאַרפן נויטיק האָבן צוליב זייערע בייזע צילן און פינצטערע כוונות. די בריטישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק געווינט פיל פון דער שפּאַנונג, אין וועלכער די יידישע טעראָריסטן האַלטן דאָס לאַנד, זי פּראָפיטירט פון דעם. נאָך יעדן יידישן טעראָר־אַקט קעגן אַ בריטישן זעלנער, וואָס אַרט זיכער גאָרנישט די מאַכט־האָבער, קומט אַ גזירה, קומט אַ באַשלוס, וואָס איז זייער נויטיק און וויכטיק פאַר דער ענגלישער פּאָליטיק אין לאַנד, פאַר איר וויטערדיקער באַפעסטיקונג, פאַר פאַרכאַפּן נייע פּאָזיציעס, נייע באַזעס אין און אַרום דעם לאַנד.

פאַר די פאַר צענדליק געפאַלענע זעלנער האָבן די ענגלענדער אַריינ־געבראַכט נייע צענער טויזנטער, וואָס זי מוז אַרויספירן פון מצרים, און אויפגעשטעלט דאָ אומעטום נייע מיליטערישע באַזעס, נייע מיליטערישע קעמפּס. זיי האָבן אַדאַנק דעם טעראָר די מעגלעכקייט צו געווינען סימ־פּאַטיע און צוטרוי פאַר זיך, פאַר זייערע פינצטערע גענג און אויפגאַבן, אויך ביי די מעסיקע עלעמענטן אָדער ביי אַרבעטער־עלעמענטן אין ענג־לאַנד גופא, און אַזוי־אַרום געווינען די עפנטלעכע מיינונג, די פירנדיקע צייטונגען אין ענגלאַנד, די מיטגלידער פון ענגלישן פּאַרלאַמענט. די קרבנות, וואָס פאַלן ביי די ענגלענדער דורך די יידישע טעראָריסטן, זיינען די בעסטע אַגיטאַציע פאַר די אַלע גרויזאַמקייטן, פאַר די אלע גזירות, וואָס ענגלאַנד פירט אָן און וועט אָנפירן אין לאַנד. קיין בעסערע און טרייערע און איבערגעגעבענע מיטהעלפער האָט זיך ענגלאַנד גאָרנישט געקאָנט ווינטשן.

דאָס ווערט אויך קלאָר אין לאַנד. און דאָס זאָגן אָפט אַרויס מענטשן פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און שאַטירונגען אין לאַנד. און נישט

געקוקט, וואָס פיל יידישע יונגעלייט זיינען זיך מוסר־נפש, גייען אויף די געפערלעכסטע אַרבעטן און שליחותן, אָבער, מען זאָגט גאַנץ אָפן אין לאַנד: ווער ווייסט, צי ערגעץ־וואו איז דאָ נישטאָ אַ פּירנדיקע האַנט פון „יענעם“ צד. איך האָב קיין דאָקומענטן נישט געזען, וואָס זאָלן באַשטעטיקן אַזאַ מין חשד, אָבער געגוג, וואָס פאַרנונפטיקע מענטשן אין לאַנד זאָגן עס און האַלטן די טעראָר־אַקטן פאַר אמתער פּראָוואָקאַציע, וואָס דינט סוף־כל־סוף די אינטערעסן נישט פון דעם יידישן ישוב, נאָר פון דעם ענגלישן אָקופּאַנט. מיר איז געווען זייער אומהיימלעך צו הערן אַזעלכע מיני שאַרפע און פעסטע באַהויפּטונגען אויפן אַדרעס פון די יידישע טעראָריסטן אין לאַנד. אָבער געגוג וואָס אַזאַ מין חשד איז דאָ. אָפּטמאָל לייגט ער זיך אויפן שכל, ווען קיין שום געזעכטע אַפּעלן פון דעם גאַנצן יידישן ישוב העלפן נישט, און די גרופּע זעלבסט־געקרוינטע און אַליין־רעגירנדיקע טעראָריסטן טוען אָפּ די אומפאַראַנטוואָרטלעכסטע מעשים, וואָס קאָסט דעם ישוב זייער פיל, און דער ישוב קאָן אַ לאַנגע צייט צו זיך נישט קומען נאָך עפּעס אַן אומזיניקן און אומבאַרעכטיקטן טעראָר־אַקט. פאַר די עטלעכע חדשים פון מיין זיין דאָ אין לאַנד זיינען געווען פיל אַזעלכע טרויעריקע געשעענישן, און די טעראָריסטן זיינען זיך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט, וואָס גראָבט אונטער אַלע יסודות פונעם לעבן.

ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליקן אָט די אַלע טעראָריסטישע מעשים וועלן נאָך ברענגען דעם יידישן ישוב, וויבאַלד אַז זיי טוען אַלץ אויף אייגענער אחריות, נעמען נישט אין אַכט די אַלע באַשלוסן פון די פירנדיקע קערפּערשאַפטן אין לאַנד!

ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מעשים־תעתועים אָט די חברה וועט נאָך טאָן, וואָס וועט קאָסטן זייער טייער דעם יידישן ישוב!

דאָס דאַרפן געדענקען די אַלע סימפּאַטיקער פון די טעראָריסטן אין לאַנד און אויך אין דער יידישער אַמעריקע, וואָס לאָזן זיך בלינדערהייט מיטשלעפּן און מיטרייסן מיט די אַלע טעראָר־אַקטן אין לאַנד, וואָס האַלט אין מיטן קעמפן און בויען און מוז האָבן שטרענגע דיסציפּלין און גוט־פּלאַנירטע און אויסגערעכנטע פעסטע פאַראייניקטע טאַקטיק קעגן דער צעשטערערישער אַרבעט און פּאָליטיק פון דעם שונא, פון דער אָקופּאַנטן־מאַכט. דער טעראָר דערלאָזט עס נישט!

דעם 20טן נאָוועמבער 1946.

31

לעצטע באַגעגענישן און איינדרוקן

עס איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, מען דאַרף איילן צוריק קיין ניו־יאָרק. עס ווערט דאָרט געגרייט דער אַמעריקאַנער יידישער קולטור־צוזאַמענפאָר און דער צווייטער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, מוז מען וואָס־פריער קומען קיין ניו־יאָרק און זיך ווידער שטעלן צו דער אַרבעט. אָבער ווי קאָן מען אַרויספאָרן פונעם לאַנד, ווען קיין שיף איז נישטאָ און עס איז אויך שווער צו קריגן אַן אָרט אויף אַן עראָפּלאַן. דערווייל איז דאָ אַרבעט אָן אַ שיעור: עס ווילט זיך וואָס־מער אַריינכאַפּן און וואָס־מער זען מיט די אייגענע אויגן. און מערקווירדיק: וואָס מער מען באַקענט זיך מיט די פאַרשיידענע פונקטן און ווינקלען אין לאַנד, אַלץ מער ווילט זיך נאָך און נאָך צו זען און זיך נעענטער צו באַקענען מיט די קיבוצים און קבוצות אין די פאַרשיידענע טיילן פונעם לאַנד. איך ווייס שוין גוט פון דער דערפאַרונג, אַז יעדער קיבוץ, ווי ער זאָל אין זיין יסוד נישט זיין געבויט לויט איין פאָרם און איין סכעמע, אָבער אין תוך איז יעדע קבוצה אַ וועלט פאַר זיך, און איבערהויפּט, ווען דער קיבוץ געפינט זיך ערגעץ אין וייטן צפון אָדער גאָר אין ווייטן דרום. עס זיינען באמת ווי צוויי ווייטע פאַרשיידענע וועלט־פּאָליוסן.

די לעצטע פאָר וואָכן פון מיין זיין אין לאַנד האָב איך טאַקע געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אייניקע קבוצות, וואָס זיינען ביז גאָר אַנדערש און פאַרשיידן, ווייל זיי געפינען זיך אין פאַרשיידענע עקן פונעם קליינעם אָבער פאַרשיידנאַרטיקן לאַנד. איך בין געווען איבער אַ וואָך אין „גליל העליון", אין אויבערשטן טייל פונעם גליל. ער געפינט זיך נאָך דעם פּרעכטיקן, וואונדער־שיינעם און קאָנצענטרירטן אין זיך ים־כנרת, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הערלעכע מאַיעסטעטישע בערג און מיט אויסערגעוויינלעכע טאָלן, וואָס פאַרכאַפּן ממש דאָס אויג און האַרץ. ווען איר פאָרט איבער אָט דער געגנט צו דער אַלטער יידישער קאָלאָניע ראש־פינה צו, און דערנאָך איבער די בערג־וועגן צו דער אַלטער שטאָט צפת — שפּילט זיך מיט אייך דער ים־כנרת אַ כישוף־שפּיל — אָט איז ער רעכטס, און אָט — גאָר לינקס, אָט זעט איר איין ברעג זיינעם און אָט גאָר אַ צווייטן. און אויף בערג און טאָלן ליגן פאַנאַנדערגעוואָרפן פאַרשיידענע קבוצות, איינגעטונקען אין גרינס, אַרומגערינגלט מיט הויכעביימער, ווי וועכטער. עס גלוסט זיך אַראָפּכאַפּן זיך אין יעדער קבוצה אויף אַ טאָג צוויי, לעבן מיט דער חברה, זיך באַקענען מיטן עולם, איינ־

לעבן זיך מיט זייערע פריידן און זאָרגן, אויפנעמען שטיקער געשיכטע פון דער קבוצה אינגאַנצן און פון יעדן מיטגליד באַזונדער. אָבער איך איל אויף אַ פּאָר טעג קיין אילת השחר, אַ קבוצה מיט אַ לאַנגער, רייכער געשיכטע, מיט שווערע גראַנגלעענישן מיט דער ביוראָקראַטישער פּיק״א, וואָס האָט באַקעמפט דאָס קאָמונאַלע אָרט לעבן פון אַ קיבוץ און אַלץ געטאָן צו צעברעכן דעם מוט, צו צעשטערן די בנינים, צו צעטיילן און צו צעברעקלען דעם קאָלעקטיוון קבוצהשן ווילן. דאָס איז אַ באַזונדער בלאַט געשיכטע אין ארץ־ישראל, וואָס דאַרף גענוי דערציילט ווערן.

אין אילת־השחר האָב איך טאַקע צוגעזען, ווי די פּיק״א־אַדמיניס־טראַציע האָט אַלץ געטאָן קאַפּויר, אויפגעשטעלט די הייזער באַזונדער, פאַנאַנדערגעוואָרפן, דעם חדר־האוכל געבויט אָן אַ זייט, כדי פאַנאַנדער־צעשיידן די מיטגלידער. אָבער צוביסלעך, טריט נאָך טריט, האָט מען צו־געגעבן דעם אילת־השחר דעם כאַראַקטער פון אַ קאָלעקטיווער ווירט־שאַפט, און באַין ברירה מוזן די ביוראָקראַטן נאָכגעבן. אין אילת־השחר האָב איך געהאַלטן אַ לענגערן רעפעראַט אויף יידיש, און עס זיינען גע־קומען פיל טאַטעס און מאַמעס, פונעם עלטערן דור, וואָס צו די געוויינלעכע העברייאישע לעקציעס קומען זיי נישט. נאָכן רעפעראַט אויסגעהערט פון זיי דאַנק־ווערטער. שוין לאַנג האָבן זיי נישט געהאַט אַ געלעגנהייט ביי־צוזיין אויף אַ יידישער לעקציע.

אילת־השחר לאָזט נישט אָפּ, פאַרלאַנגט צו פאַרברענגען ביי זיי נאָך אַ טאָג און צוויי, אָבער מען פאַרגינט זיך עס נישט. עס ווילט זיך באַזוכן דעם קיבוץ „דפנה״, וואָס ליגט מיט דער דערבייאיקער קבוצה „דן״ ביי די אָנהויבן פון ירדן און דן. פּאַקט מען אַ טראָקל אין אילת־השחר און מען פאָרט אַהין. דאָרטן וואַרטן שוין חברים, אויך זיי ווילן האָבן אַ רעפעראַט, הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון אַמעריקע און אייראָפּע. און עס איז געווען כדאי צו קומען אַהער. דאָ זעט מען פאַר זיך אַ גאַר אַנדערן מין קיבוץ. אויב דאָס רוב קבוצות אין ארץ־ישראל ליידט פון וואַסער־מאַנגל, מאַטערט זיך אויסצוקומען מיטן ביסל, וואָס מען קריגט אַרויס פון דעם קאַרגן באָדן, איז אין דפנה גאָר פאַרקערט. עס איז אַן איבערפלוס פון וואַסער. עס רינט און עס פליסט און עס שטראָמט פון אַלע זייטן. ריטשקעלעך און קוואַלן, סאַזשעלקעס און קאַנאַלעס ברענגען כסדר וואַסער, וואָס קומט פון אַלע זייטן און רייסט זיך אַלץ ווייטער. פון דאַנעט פליסן די וואַסערן און גיסן זיך פאַנאַנדער אין דעם גרויסן חולתא־זומפּ, וואָס ציט זיך מיילן־ווייט, און דערנאָך דורכן ירדן ביזן ים־כנרת.

נוצט טאַקע דפנה אויס אָט דעם איבערפלוס פון קאַלט און שטראָמיק וואַסער, האָט אויסגעגראָבן עטלעכע „ברכות״ (ברייכאַט — סאַזשעלקעס),

געבראַכט פון אַמעריקע אין אַן עראָפּלאַן טויזנטער רויג פון דעם ספּעציעלן טייערן מין פיש „פאָרעל“, עס זאָל דאָ וואַקסן און מערן זיך. ווען מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט, זיינען די פאָרעל־פישלעך אַלט געווען עטלעכע וואָכן. און ווען זיך עס איינגעבן, וועט מען האָבן אין לאַנד אַ נייעם מין פיש, אַ צוגאָב צו די קאַרפּן, וואָס מען האָט דאָ מיט עטלעכע יאָר צוריק איינגעפירט. זיינען די דפנה־חברים שטאָלץ מיט אָט דעם נייעם פאַרמעסט, פונקט ווי אין אַנדערע קיבוצים גרייסט מען זיך מיט די נייע טראָפּישע פּרוכטן, וואָס מען ברענגט אַרויס, אָדער מיט די גערעטעטע קי, וואָס גיבן אַ 5־6 טויזנט ליטער מילך אַ יאָר, אָדער מיט עופות, וואָס לייגן יערלעך אַ 250 אייער פון בעסטן סאָרט. יאָ, אַמאָל האָט מען זיך פאַרמאָסטן מיט אַ גוטן „שיעור“ אין דער ישיבה, מיט פאַרשטיין אַ שטיקל מהרש״א, און איצט — גייט דער אויפטו, דער שכל, די קאָנקורענץ אויף אַזעלכע מיני פשוטע, ערדישע, מאַטעריעלע זאַכן. און וויפל פרייד און באַפרידיקונג און שטאָלץ עס גיט יעדן קבוצה־חבר. אין דפנה האָב איך געטראָפן אַן אַלטן פריינט מ. האַלטער פון וואַרשע, וואָס אויסער זיין לערעריי אין דער קבוצה, איז ער אַ פּראָדוקטיווער שרייבער. ער האָט טאַקע מיך בעת מיין לעקציע פאַרגעשטעלט פאַר דעם עולם, פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בלעטל קול־טור־געשיכטע פון פוילן, און מיר זיינען געווען צופרידן צו טרעפן זיך, נאָך אַזעלכע שווערע 9 יאָר, ערגעץ אין אַ ווינקל אין ארץ־ישראל. נאָכן רעפעראַט — געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער מיינונגס־אויסטויש, מיט וויכטיקע פראַגן און מאַנונגען. און אינטערעסאַנט: הגם כ׳בין שוין אויפ־געטראָטן אין לאַנד פאַר אַ צוויי צענדליק קיבוצים, אָבער יעדער אויפטריט און יעדע דיסקוסיע נאָכן רעפעראַט טראָגט אומעטום אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. ווי אַנדערש איז עס געווען די דעבאַטע אין גבת, כפר־מנחם, עין־שמר, מענית, בית־אורן, און אין עין־החורש, וואו זיך געטראָפן מיט אַ גרעסערער גרופּע געוועזענע פאַרטיזאַנער, מיט אבא קאָוונער בראש.

און פאַרבייגייענדיק, אַ פּאָר ווערטער וועגן די פאַרטיזאַנער אין אַ קבוצה. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן און אויפנעמען ווי זיי לעבן און לעבן זיך צונויף מיטן קבוצה־עולם. עס איז גאָר נישט אַזאַ לייכטער פּראָצעס — דאָס איינלעבן זיך פון אָט דעם פיזיש־ און גייסטיק־פאַרשיידענעם מענטשן־מאַטעריאַל. ס׳איז אַ תהום צווישן דעם געזונטן, נאָרמאַל־אַנטוויקלטן, אין אַלגעמיין צופרידענעם קאָלעקטיוו־געשטימטן קבוצה־מענטש מיט אָט דעם צעבראָכענעם און צעשרויפטן, טיף אין זיך איינגעגראָבענעם פאַרטיזאַן אָדער יידישן לאַגער־מאַן. איך האָב געשפּירט אָט די פאַרפרעמדקייט, הגם עס איז דאָ דער גרויסער ווילן פון דיביידע „צדדים“ און „וועלטן“ זיך וואָס־גיכער צונויפמישן און פאַרגלעטן די אַלע

שאַרפקייטן, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי. דאָס לעבן פון דעם קבוצה־מענטש איז דאָך בעיקר אין זיין עפנטלעכן קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן, און דער פּאַרטיזאַן איז נאָך אַלץ פאַרנומען און פאַרטיפט אין דעם אַלעמען איבערגעלעבטן. ער קאָן זיך נאָך אַלץ נישט אַרויסבאַפרייען פון דעם אַלעם, וואָס עס האָט זיך אין זיין נשמה, אין זיין געמיט אָנגעקליבן. ווען איך בין געווען אין עין־החורש, איז געווען אַ שמחהלע ביי די קנאַפּע 30 פּאַרטיזאַנען: אַ חתונה צווישן אַ בחור מיט אַ מיידל. איז די חברה אין אַ הייסן אָוונט געזעסן קאַפּ אויף קאָפּ, ביי פאַרמאַכטע טיר און פענצטער אין אַן ענג צימערל, ביי אַ טיש, ווי חסידים ביי שלש־סעודות, און אַזוי אין דער טונקלקייט, האַרט איינער אַרום אַנדערן געזונגען און אויסגעזונגען ווייי און צאַרן, פּיין און האַס דורך די שווערמוטיקע און טיף־טרויעריקע פּאַרטיזאַנען־לידער. איך בין אַריין אינעם צימער, געזעסן מיט דער חברה, און עס איז געווען אַ מערקווירדיקע שטימונג, עס האָט זיך גיכער געוואָלט וויינען, ווי פרייען צוליב דעם אויסגעבן דאָס פּאָרל.

און אָט דעם טיפן ווייי און בראָך און די שווערע, נאָך ווייט נישט גע־לייזטע פּראָבלעמען האָט דער אַמאָליקער פּאַרטיזאַנען־קאָמאַנדיר אין ווילנער געטאָ אבא קאָוונער אַרויסגעבראַכט אין זיין לענגערן וואָרט נאָך מיין רעפעראַט. ער האָט מיט זיין אויסזען, מיט זיין אופן פון רעדן, מיט דער באַטאָנונג פון דעם „פאַרוואָס" און „וואָס וועט זיין" אָוועקגעפירט דעם גאַנג פון דעם אָוונט אין אַ גאָר אַנדערער, אומהיימלעכער ריכטונג...

אָבער דאָס איז בלויז פאַרבייגייענדיק.

מיר וועלן גיין ווייטער: זיין אין דפנה און נישט מאַכן קיין שפּאַציר אין דער פּרעכטיקער אַרומיקער געגנט, וואָס הייסט „מצודות אוסישקין", און נישט באַזוכן דעם תל אל קאַדי, וואו עס הויבט זיך אָן דער ירדן? שאַפט זיך אַ געלעגנהייט: די קינדער פון דפנה מאַכן אַ שפּאַציר מיטן קבוצה־באָס. פאָר איך מיט און זע די אַלע פלעצער אַרום און טרעף אָן אַן אַראַביש וואַסער־מילכל, וואָס איז געבויט אפשר אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק. און אַראַבער אויף אייזעלעך ברענגען זייערע קערנער צו די מיל־שטיינער, וואָס באַוועגן זיך פונעם שטראָם. מיר קריכן אין דעם וועלדל, שפּאַנען אויף סטעזשקעס, און אומעטום הערט מען דאָס מורמלען פון די וואַסערן, וואָס קאָנען זיין אַ מזל־ברכה, אָבער ווען עס איז נישט רעגולירט, און ענגלאַנד לאָזט נישט רוען און בויען, איז עס אַ קללה — עס צעגיסט זיך אין דעם חולתא־זומפּ, וואָס איז געווען אַ צייט לאַנג אַ קוואַל פאַר מאַלאַריע. דאָס איז געווען ביז מיט אַ פאָר יאָר צוריק, איצט גייט אָן אינ־טענסיווע אַרבעט מצד די יידישע קערפּערשאַפטן אויסצוראָטן די פליגעלעך און אָן עק מאַכן פון דער קרענק, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות,

אומגליקן. איצט איז שוין די מאַלאַריע אין דער געגנט אַ זעלטנקייט.

אין דפנה געהאַט אַן אומגעריכטע איבערלעבעניש, וואָס האָט טיף אויפגערודערט דאָס געמיט. פאַרנאַכט־צו האָב איך באַמערקט, ווי אַ פּאָר צענדליק קבוצה־לייט, מענער און פרויען, קלויבן זיך ערגעץ אויף אַ צוויי



מיט די קבוצה־קינדער פון דפנה אויף אַ שפּאַציר

משא־טראָקס. מען דערציילט מיר בסוד, אַז זיי פאָרן אַ צען מייל ווייט צו העלפן חברים „אַרויף אויף ערד": אַ שטיק לאַנד, וואָס געהערט זינט יאָרן צום קרן־קימת, פאָרט מען אַהין צו צולייגן אַ האַנט, העלפן אויפצושטעלן אויף שנעל אַ פּאָר בנינים און פאַראַקערן אַ שטיק באָדן, ווי ס'איז דאָ דער שטייגער זינט יאָרן. בעט איך זיך מען זאָל מיך מיטנעמען, אָבער פריינט ראָטן אָפּ: „ווער ווייסט, ווי עס וועט אַדורך, ווען ענגלאַנד העצט און די מופטי־אַראַבער העלפן אונטער!..." בלייב איך דאָ נעכטיקן, הגם שטאַרק געוואָלט בייזיין ביי אַזאַ מין געשעעניש.

אינמיטן נאַכט האָבן גענומען אָנקומען זייער באַאומרואיקנדיקע ידיעות: די מופטי־אַראַבער, מיט דער הילף פון ענגלישע לייט, פּראָוואָצירן אַ געשלעג. שפּעטער — נאָך ערגערע ידיעות: געוועזן אַ צוזאַמענשטויס, מען האָט געשאָסן פון ביידע זייטן. גאַנץ פרי קומען אָן מיטגלידער פון דער דפנה־קבוצה, מיט פינצטערע פנימער, טרויעריקע, דערשלאָגענע:

צווייַ באַליבטע חברים פון דפנה זיינען געפאַלן אין דעם צוזאַמענשטויס. נעכטן זיינען זיי געווען צווישן אונדז, געלעבט, געאַרבעט, זיך פאַרנומען אויף נייע פאַרמעסטן, גליקלעך פון דערגרייכונגען, און איצט — טויט. שווערע כמאַרעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קבוצה. אומשולדיקע, אומזיניקע קרבנות. און עס איז גראָד געווען אַ זוניקער טאָג און אַזאַ טיף־העלע דורכזיכטיקע שיין, וואָס האָט אַנטפּלעקט ווייטע מרחקים, און גרויע בערג־סילועטן האָבן זיך געבאָדן אין ים ליכטיקייט, און די גאַנצע וועלט איז ווי פון דאָסניי געבוירן, זיך געטובלט אין די וואַרעמע זון־שטראַלן און זיך געגרייט אויף אַ נייעם ליכטיקן טאָג.

מיר לאָזן איבער אין אַ שווערן געמיט־צושטאַנד דפנה, און גייען צו־פוס קיין כפר גלעדי, וואו מען האָט געוואַרט אויף אונדז. געמישטע געפילן אין האַרץ, אין מוח. דער אינעווייניקסטער טרויער, דער טיפער ווייטיק, דאָס געפיל פון מיטשולד פאַר יונגע קרבנות האָט זיך כסדר געמישט מיטן געזאַנג, מיט דער פרייד, מיט דער צעהעלטער שיין אַרום. זיינען מיר גע־גאַנגען, — איך, מיין פרוי און זון — שווייגנדיק, פאַרטיפט אין זיך. זיינען מיר געקומען ביזן הויכן בערגל, וואו עס געפינט זיך דאָס הויז — איצט אַ שטיק חורבה — וואו עס האָט געוואוינט דער לעגענדאַרער יוסף טרומפּעלדאָר. דאָ האָט ער געלעבט מיט זיינע חברים, דאָ האָט מען געאַרבעט און געטרוימט און זיך פאַרמאָסטן אויף גאָר גרויסע זאַכן. און דאָ האָט אים אַן אַראַבישע קויל בעת אַ צוזאַמענשטויס געטראָפן. אין הויף איז פוסט און וויסט, לעכער אַנשטאָט טיר און פענצטער, שטיקלעך בלעך, האָלץ, כלים, שטרוי זיינען אַנגעוואָרפן, איבערבלייבענישן פון „אַמאָל איז געווען". ס'טוט ווי, פאַרוואָס איז דאָ אַלץ צעשטערט, צעבראָכן, און ס'איז נישט פאַרהיט אַ שיינער מאָנומענט. און אַרום דער חורבה — אַ פּרעכטיקע וועלט, מיט בערג און טאָלן, וואָס שפּיגלען זיך אין אייגענער שיינקייט, און ווייט־ווייטע האָריזאָנטן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג.

פאַרלאָזן מיר דאָס פּלאַץ תל־חי, וואָס איז שוין איצט אַ שטיק גע־שיכטע, און גייען אַרויפצו. מיר גייען אַדורך דעם בית־עלמין, וואו עס שטייען מצבות־דענקמעלער פון אומגעקומענע העלדן אין קאַמפן, פון פּיאָנערן, וואָס האָבן געהאַט די געוואַגטע טרוימען — אין אַט די ווייטע בערג און טאָלן צו אָרגאַניזירן יידישע ישובים. מיר לייענען די אויפ־שריפטן אויף די מצבות און יעדע אויפשריפט — אַ בלעטל געשיכטע פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. און עס דערציילן אַזויפיל די קורצע שורות, וואָס זיינען ווי לוחות אויסגעקריצט אויף די שטיינער. עס זיינען עשרת־הדברות, געגעבן פון לעבעדיקע מענטשן פאַר ווייטערדיקע בויער־קעמפער. די שטילקייט פון דעם בית־עולם רעדט צו דיר אַלעמאָל מיט אַן אייגענער,

באַהאַלטענער שפּראַך, ווירקט אָבער אָפט פיל שטאַרקער ווי ווערטער.

מיר גייען ווייטער מיט די באַרג־סטעזשקעס צו כפר־גלעדי, — איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קיבוצים האַרט ביי דער סיריע־גרענעץ, וואָס ער און זיינע „ראשונים" (די ערשטע, די פּיאָנערן) געהערן צו דער לעבעדיקער און שאַפנדיקער היגער יידישער געשיכטע. כפר־גלעדי האָט שוין אויף זיין „קאָנטאָ" פיל איבערלעבענישן, איבערפאַלן, שווערע קאַמפן פאַרן קיום און דאָך — אַלץ שטייגנדיקער באַרג־אַרויף. די עלטערע מיטגלידער פון קיבוץ זיינען אויסגעפּרואווטע טוער, זיי זיינען אַדורך פאַר די פּאָר צענדליק יאָר „דורך פייער און וואַסער", אָבער מען גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט בליקן אין דער צוקונפט, און — ווי אין רוב פון די קבוצות — אָפּגעבערענט און געהאַרטעוועט און געשטאָלט אין אייגענע פייערן. מען באַקענט זיך שנעל מיט איין אָריגינעלן „טיפּ" און אַ צווייטן, מיט איין היסטאָרישער „פיגור" און אַן אַנדערער, און מען קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנהערן און אָנקוקן. דאָ שפּאַצירט אַרום אַ שטיק נייע געשיכטע דורך מענטשלעכע וועזנס...

אויך אין כפר־גלעדי איז די שטימונג אַ געפּרעסטע, אַ פּיינלעכע. אויך פון דאַנעט האָבן זיך נעכטן געלאָזט אַ פּאָר צענדליק חברים צו הילף די, וואָס זיינען אַרויף אויף באָדן. די חברים זיינען איצט צוריקגעקומען מיט דער שווערער ידיעה וועגן די געפאַלענע חברים. אָבער דאָס איז שוין דער גורל איצט דאָ אין לאַנד — אַלע פּאָר טעג צוזאַמענשטויסן, קרבנות, טעראָר־אַקטן, אָנפאַלן און אומגעקומענע. יאָ, מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, מען דאַרף האָבן דעם אינעווייניקסטן ברען, דעם גלויבן, די עקשנות צו בויען ביי די אַלערליי שטערונגען, ביי די הריגות, ביי די נישט־באַרעכטיקטע און פּאַר דער צייט פאַרשניטענע קרבנות. אין קיין שום לאַנד זיינען אפשר נישטאָ אַזוי פיל קברים, מצבות, בערגלעך ערד אויף טראַגיש־אומגעקומענע חברים און חברטעס ווי דאָ אין ארץ־ישראל.

און פּאַרפאַלן, דאָס לעבן אין דער קבוצה מוז זיך גיין זיין גאַנג, און יעדער איינער — אויף זיין ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן. כפר־גלעדי האָט פיל פאַראַנטוואָרטלעכע אויסגעפּרואווטע קעמפער־חברים, וואָס אָט איז מען אין שטאַל, און אָט ביים טיש, ביים לייזן יידישע און וועלט־פּראָבלעמען. אין כפר־גלעדי איז צווישן אַנדערן פאַראַן אַ גרויסע ביב־ליאָטעק פון אַ 17 טויזנט ביכער, און בתוכם אַ 1,500 יידישע ביכער, וואָס אַ טרייער, איבערגעגעבענער מיטגליד פאַרנעמט זיך מיט דעם אין די פרייע שעהן נאָך זיין שטאַל־אַרבעט. ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון בוך און פון יידישן בוך, אַן אמתער ביבליאָגראַף, געדענקט און כאָוועט די ביכער אויף די פּאָליצעס, ווי ער כאָוועט די קבוצהשע קי אין שטאַל. ער

ווייזט אַרויס טיפע באַהאַוונטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז אַ „גייענדיקע" ענציקלאָפּעדיע. אַלץ איז גוט, אָבער עס פעלט אים דער ערשטער נומער פון עפּעס אַ זשורנאַל, אַן ערשטע אויפלאַגע פון אַ באַוואוסט בוך, אַ באַנד פון אַ באַקאַנטן שרייבער. און ער אַפּעלירט, מען זאָל אים העלפן דאָס קריגן...

דאָ, אין כפר־גלעדי, הערט מען אויספירלעכער טאָקע פון מענטשן, וואָס זיינען אַליין געווען באַטייליקט אין דעם אויסטערלישן איבערפאַל מצד דער סירישער גרענעץ, בעת דעם לעצטן וועלט־קריג, ווען דאָס ענגלישע מיליטער איז געלאָפן אין פּאַניק און די מיטגלידער פון דעם און אַרומיקע יידישע קיבוצים האָבן מיט געווער פאַרהאַלטן און פאַרטריבן דעם שונא. דערנאָך האָט מען דעם יידישן קיבוץ געדאַנקט פאַר דעם העראָאיזם, וואָס מ'האָט אין אַ קריטישער שעה אַרויסבאַוויזן...

און נאָך און נאָך זעט מען און מען הערט זיך דאָ אָן. אָט איז דער פּרעכטיקער „בית־הבראה" (אָפּרו־ אָדער דערהאָלונג־הויז), וואָס איז אויסגעבויט אויפן שענסטן אָרט מיט אויסערגעוויינלעכע אויסבליקן אין דעם ווייטן דורכזיכטיקן אַרום, און דאָרטן פון אויבן איז מתולה, דער ווייטסטער יידישער פּונקט אין צפון, האַרט ביי דער סירישער גרענעץ. מיט אָט דעם מערקווירדיקן אויסבליק קאָן אפשר קאָנקורירן בלויז דער קיבוץ בית־אורן, וואָס האָט אויך אַ זעלטענע „בית־הבראה" אויף די וויסטע, ווילדע כרמל־בערג, מיט אַן אַרויסקוק צום מיטללענדישן ים...

עס ווילט זיך נישט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ און עס גנבעט זיך אַריין ערגעץ אַ געדאַנק: פאַרוואָס נישט פאַרבלייבן דאָ אַ פּאָר וואָכן, אַ פּאָר חדשים?... עס איז דאָ נאָך פיל, מיט וועמען עס ווילט זיך נעענטער באַקענען, אויפנעמען מעשיות־זכרונות וועגן פאַרשיידענע ארץ־ישראל־געראַנגלענישן, וואָס געהערן צו די אינטערעסאַנטסטע און קאָלירפולסטע בלעטער געשיכטע פון דעם נייעם יידישן ישוב, און אפשר דאָ ערגעץ אין אַ צימערל זיך אָוועקזעצן און אָנשרייבן דעם גאַנג פון אייגענעם לעבן... אָבער מען דאַרף נישט ווערן אַזוי סענטימענטאַל, און עס שטייט דאָך פאַר אַ באַזוך העט ווייט אין עק נגב, וואו די יידישע איניציאַטיוו שטעלט אויף איצט „בן לילה", איבערנאַכט, יידישע „נקודות" (פּונקטן). מוז מען באַקעמפן די אַלע אינעווייניקסטע שוואַכקייטן און די בקשה צו פאַרבלייבן און אויפטרעטן פאַר דער קבוצה מיט אַ רעפעראַט. מען געזעגנט זיך האַרציק, ווי אַלטע גוטע ברידער. און ביים געזעגענען זיך, טוט מיר איינער פון די עלטסטע פון כפר־גלעדי אַ פעסטן דריק מיט זיין שטאַרקער האַנט און זאָגט צו מיר: „חבר מייזיל, איר פאָרט דאָך אויפן באַזעלער קאָנגרעס, טאָ זעט מ'זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַדורכפירן דעם אַלטן פּראָיעקט,

צו פֿאַרוואַנדלען די חולתא־זומפּן אין בליענדיקע יידישע ישובים! שוין צייט!״

וויזט אויס, ער האָט שוין דורך פֿאַרשיידענע וועגן און אַדרעסן נישט איין מאָל געפּרוּווט מאָנען און פֿאַרלאַנגען דאָס, ווען ער האָט שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אַנצוקומען צו מיין הילף...

אַמאָל האָט דער יידישער דיכטער, דוד האָפּשטיין, ביי גאָר אַן אַנדער געלעגנהייט, געשריבן: „פֿון ירדן ביז וואָלגע — פֿאָלג מיך אַ גאַנג!״ און מ׳קאָן עס פֿאַראַפֿראַזירן: פֿון דעם צפון אין ארץ־ישראל ביזן נגב — איז אויך פֿאָלג מיך אַ גאַנג! דער מרחק איז גאָרנישט אַזאַ ווייטער, מען קאָן עס מאַכן פֿאַר עטלעכע שעה, אָבער סאַר אַ טיפֿער אונטערשייד, סאַר אַן אַנדערשקייט אין אַלץ, אין דער נאַטור, אינעם באָדן, אין יעדן יידישן פּונקט, אין די מענטשן, אין אַלץ, אַלץ אַרום.

עס וואָלט אַוודאי כדאי געווען צו דערציילן גענוי און באַשרייבן דאָס אַלץ, וואָס געזען אין דעם נגב אין דעם איילִיקן באַזוך מיט אַ צוויי צענדליק יידישע זשורנאַליסטן. איך בין שוין אָבער כמעט אויף דער פּור, שוין געקראָגן ערטער אויף דער שיף „פּראָווידענס״, וואָס גייט קיין מאַרסעל, און פֿון דאָרטן קיין באַזעל און דערנאָך קיין פּאַריז און אַמעריקע.

נאָך די בערג און טאָלן פֿון כפר־גלעדי, נאָך די מאַסן גרינס און וואַסער־שטראָמען פֿון דפנה, זעט אויס באַזונדערס טרוקן און אויסגעברענט, פֿלאַך און געל, מדברדיק און וויסט די גאַנצע געגנט, וואָס ציט זיך העט־ווייט צו באר־שבע און נאָך ווייטער, וואו יידן האָבן די לעצטע יאָרן מיט די גרעסטע פּאָליטישע, פֿיזישע אָנשטרענגונגען און מיט מסירת־נפש ממש אויפֿגעשטעלט קליינע קבוצות, וואָס אייניקע זיינען אַלט שוין אַ פּאָר יאָר און די איבעריקע ערשט אַ פּאָר וואָכן. אויפֿן וועג צו די נייע קבוצות האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין די צוויי דערבייאיקע קבוצות, רוחמה און דורות, וואו די ענגלישע אָקופּאַנטן האָבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויס־געגאָסן אויף זיי זייער צאָרן און ברוטאַליטעט, און אין לויף פֿון אַ וואָך צייט אָרגאַניזירט אַ קאַלטן פּאָגראָם, וואָס האָט געצילט צו צעשטערן און פֿאַרוויסטן די קבוצות, וואָס זיינען די פּיאָנערן, די עמודי־האש אין דעם מדבר פֿון נגב, וואו ענגלאַנד האַלט אַזאַ וואָך אויג אויף דער גאַנצער געגנט.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען איבער אָט די צוויי קבוצות, וואָס אידעאַליסטישע יוגנט האָט מיט איבערמענטשלעכסטע מי און איבער־געגעבנקייט אויפֿגעשטעלט, ביי די שווערסטע קלימאַטישע באַדינגונגען, ביי מאַנגל אין וואַסער, ביי אַ דיסטאַנץ פֿון אַ יידישן צענטער. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען, געהערט די געשיכטע פֿון די קבוצות, וועגן די שוועריקייטן



טאַנץ פון מי און פרייד אין אַ נייער קבוצה

מען אַקערט דעם שטיינערנעם באָדן אין בית־אורן אויפן כרמל־באַרג

ביים באַארבעטן דעם .טרוקענעם זאַמדיק־שטויביקן באָדן, ביים צעאַקערן, פּאַרזייען און פּאַרפּלאַנצן, ביים אַרויסקריגן וואַסער א. אַז. וו. און דערנאָך — וועגן די צעווילדעוועטע בריטישע זעלנער, וועלכע האָבן אַלץ געוואָלט צעשטערן, צעברעכן און אומברענגען. מיר זיינען אויך געווען אין בית־אשל, אַ קיבוץ, וואָס ליגט ביי באר־שבע, פאַרבראַכט דאָרטן אַ שעה־צוויי, און די בילדער וואָס מיר האָבן געזען אַרום און אַרום, און די געשיכטע וואָס מיר האָבן געהערט וועגן דעם אויפקום פון קיבוץ, וואָס ציילט אַ 35 חברים, זעט אויס ווי פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישער מעשה פון אַ נישט־דאָאיקער וועלט, פון נישט־דאָאיקע מענטשן און נישט־דאָאיקע לעבנס־באַדינגונגען. דער יונגער חבר, וואָס האָט פאַר אונדז דאָס אַלץ דערציילט, איז דוכט זיך דורכאויס — אַ היגער, אַן אייגענער, אַ הי־וועלטיקער, אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט וועגן די איבערלעבענישן און די שוועריקייטן, איז פון עפּעס אַ ווייטער, ווייטער וועלט, ערגעץ הינטער הרי־חושך, פון יענער זייט סמבטיון. און פון דאָ, פון דאַנעט איז דאָך געגאַנגען דער ווייטערדיקער וועג צו גרינדן די איבעריקע צען־פופצן יידישע קבוצות אין די וויסטענישן פון נגב, וואָס קאָן, ווי אין אַ צויבער־מעשהלע, פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ בליענדיקער געגנט, ווי עס זאָגן פאַר און עס פאַר־זיכערן די אַלע, וואָס האָבן זיך איצט אַריבערגעוואָרפן מיט אויג און האַרץ און איניציאַטיוו אַהער, אין דעם נגב, וואָס ענגלאַנד, די כיטרע קאָלאָניאַלע מאַכט, שאַרפט די ציין אויף דעם ווינקל און לאָזט עס נישט באַפרוכפּערן.

מיר זיינען אויך געווען אין דער רעליגיעזער קבוצה בארות־יצחק, געכאַפּט אַ מנחה־בציבור, געטרונקען טיי מיט פאַרבייסנס מיט די יונגע־לייט, וואָס שפּאַצירן אַרום אין יאַרמעלקעס. מיר האָבן אויך באַזוכט די עטלעכע גאָר־יונגעטשקע קבוצות, וואָס באַשטייען פון אַ פּאָר צענדליק חברים און חברטעס, ערשט געקומען אַהער אויף מי און אַרבעט, געדולד און אויסדויער, און אויף מאַנגל אין וואַסער און אין די סאַמע נויטיקסטע באַקוועמלעכקייטן, אָבער מיט ברען אין האַרצן. מען איז איבערראַשט פון די יונגעלייט, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון אַ באַקוועם שטאָטיש לעבן, פון מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען און מען איז פרייוויליק מאָביליזירט אויף יאָרן און יאָרן שווערער פּראַצע, ביטערער נויט און שטענדיקער סכנה.

מיר זיינען אַזוי געפאָרן פון איין קיבוץ צום צווייטן. אַ שטויביקע, וויסט־און־פּוסטע געגנט, מדברדיקע וועגן, דורכגעלעכערט פון דער טרוקעניש, און פלאַכע שטרעקעס אַרום, און אַן עסנדיקע איינטאָניקייט — נישט קיין בוימל, נישט קיין גרעזל, נישט קיין פויגל און נישט קיין ישוב. און אויף די מדברדיקע שטחים—ווי אַן אָאַזיס, אַ נייע יידיש אָרט (נקודה—פּונקט), דערווייל אַרומגערינגלט מיט שטעכיק דראָט, און מיט אַ טויערל



קבוצה־מיטגלידער אויף די זומפּן פון חולתא

קבוצה־מיטגלידער מיט דער טשערעדע צום פּאַשען

פון אַזאַ מין שטעכיק דראָט, און אינעווייניק — אַ פּאָר שנעל־אויפגעשטעלטע הילצערנע געביידעס, וואו עס וואוינען די פּיאָנערן, די ראַבינזאָן קרוזאָס. וואַסער ברענגט מען דערווייל פון דער ווייט אין ספּעציעלע וואַסער־טראָקס, און אַזוי אויך שפּייז און אַנדערע זאַכן פאַר די דריי־פיר צענדליק חברים, וואָס הויבן דאָ אָן פון סאַמע בראשית, פון אָנהויב אָן, איינצובייסן זיך מיטן אַקער אין דעם באָדן, אַרויסצושלאָגן וואַסער פון ערגעץ אַן אַנדער אין דער טיף, און פאַרזייען און פאַרפלאַנצן גרינס און בוים, ווי עס האָבן געטאָן מיט יאָרן אַפריער די עלטערע קבוצות. עס איז אַ שווער און מיפול לעבן. מען קוקט אויף די יונגעלייט און מען גאַפט און מען פרעגט די אַלטע פראַגע: „פון וואַנעט שעפּן אָט די יונגעלייט כוח, גבורה, אויסדויער און גלויבן?"

אויף די נגב־וועגן ווערט מען פאַרשטויבט, געל־פאַרמעליקט, אַז איינער דערקענט ממש נישט דעם צווייטן. קומט מען אין אַן אָרט, האָט מען נישט די העזה צו בעטן אַביסל וואַסער צום אָפּוואַשן זיך. מען ווייסט, ווי ציטערדיק טייער דאָס ביסל וואַסער איז... אָבער אַלע פאַרזיכערן: איר וועט קומען אין אַ פּאָר יאָר אַרום, וועט איר די אַלע ערטער נישט דער־קענען! און מען מעג די חברה גלויבן, מען האָט עס געזען אין די דער־בייאיקע קבוצות, וואָס זיינען פריער אַרויף אויף דעם זעלבן מין באָדן און מדברדיקן שטח, און וואָס עס איז פון דעם פּאָר צוויי־דריי יאָר געוואָרן.

די לעצטע צוויי וואָכן פון מיין פאַרבלייבן אין לאַנד, האָב איך געהאַט פאַרשיידענע ביז־גאָר אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע באַגעגענישן מיט שרייבער, פריינט און קאָלעגן פון גאָר פאַרשיידענע ריכטונגען. געהאַט אַן אָפּשייד־אָוונט ביי די יידיש־שרייבער אין לאַנד, וואָס לעבן און שאַפן יידיש ביי גאָר־טרויעריקע און נישט קיין גינסטיקע באַדינגונגען; געווען אַ מערקווירדיקער אָוונט אין ירושלים, אַראַנזשירט פון אַלטע קאָלעגן, גוטע פריינט פון פוילן, וואָס פאַרנעמען איצט אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דעם בויענדיקן יידישן ישוב, אין די פירנדיקע אינסטיטוציעס; געווען אַן אינטימער אָוונט ביים „ליכוד", דר. ש. אייזענשטאַדט. און געווען אויך אַ גאָר־גרויסער פייערלעכער אָוונט, ביים בייזיין פון עטלעכע הונדערט פּראָגרעסיווע און קאָמוניסטישע פירער, טוער און פריינט, אין תל־אביב, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן „קול לעם" (שטימע פון פאָלק), ל.פּ.ק., די יידישע תרבות לעם. אין אָט די אָוונטן זיינען אויפגעטראָטן מענטשן, וואָס פאַרטרעטן גאָר־פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, וועלט־אָנשויאונגען און וואָס האָבן געהאַט און האָבן פאַרשיידענע באַריר־פּונקטן, שייכותן, און אויך — ווידעראַנאַנדן מיט דיר. פון די פאַרשיידענע זייטן און אידייען־איינ־שטעלונגען און באַזוס זיינען געגאַנגען אין מיין ריכטונג לויב־געזאַנגען

און אויך טענות און מאַנונגען. און עס איז געווען אינטערעסאַנט דאָס אַלץ אויפצונעמען, און עס האָט אויך געהאָלפן דער אויסקריסטאַליזירונג, דער אויסגעשטאַלטיקונג פון דעם אַלעמען, וואָס כ׳האָב פאַר די עטלעכע חדשים געזען און געהערט: ליכט און שאָטן, ווענן און אומוועגן, פאַר־מעסטן און פאַרצווייפלונגען, געווינסן און שטרויכלונגען. און עס איז אַ סך נעענטער געוואָרן דאָס אַלץ. עס האָט אַ טיפע שייכות, אַ פאַרבינדונג מיטן יידישן לעבן, מיטן ווייטערדיקן קיום פונעם יידישן פאָלק, מיטן אַלטן און אַלץ־נייעם וואָרט: „עם ישראל חי!". עס האָט אויך אַ טיפע און ענגע און אינטימע שייכות צו מיר גופא, צו מיין אייגן לעבן, וואָס שוין אַ מעשה פון איבער פיר צענדליק יאָר, ווי עס איז אַקטיוו און פאַסיוו פאַר־בונדן מיט די אַלע זוכעניש, בלאָנדזשעניש, גלייכע און קרומע וועגן פון דער יידישער גאולה און מענטשלעכער אויסלייזונג, וואָס איז דאָך איינס, נישט צום אָפּטיילן...

און אין סאַמע מיטן פון אָט דעם אַלעמען איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען מען דאַרף זיך מיט אַלץ און אַלעמען געזעגענען, און זיך זעצן אויף דער שיף „פּראָווידענס", וואָס וועט אונדז פירן פון חיפה קיין מאַרסעל.

תל־אביב, דעם 26טן נאָוועמבער 1946.

32

פון חיפה קיין מאַרסעל

מיר זיינען אַרויף אויף דער גרויסער פראַנצויזישער שיף „פּראָווי־דענס" דאָנערשטיק בייטאָג, דעם 28טן נאָוועמבער. עס רעדט זיך אַזוי לייכט — „מען איז אַרויף אויף דער שיף" — עס איז גאָרנישט אַזאַ גרינגע און פּשוטע זאַך — אַרויף אויף אַ שיף אין חיפה, אין ארץ־ישראל. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר קומען קיין ארץ־ישראל איז איצט פון די שווערסטע זאַכן, אַדאַנק די שטרענגע פאַרצוימונגען און שוועריקייטן, וואָס די בריטישע מאַכט האָט אַרומגעלייגט און אַרומגעשטעלט אַרום ארץ־ישראל, אַז קיין יידישער מענטש זאָל נישט קאָנען דערגרייכן אַהער. אויך אַרויספאָרן פונעם לאַנד — איז נישט לייכט. די בריטישע מאַכט האָט אויך דאָ געמאַכט פאַרשיידענע שטערונגען און צוימען און אָן אַ שיעור ביוראָ־קראַטישע פאַראָרדענונגען און פאַרמאַליטעטן.

מעגט איר האָבן אַ וויזע פונעם בריטישן קאָנסול אין ניו־יאָרק אויף זעקס חדשים, אָבער די היגע מאַכט איז שטרענגער און זי רעדוצירט דעם

טערמין אויף דריי חדשים, און איידער די דריי חדשים ענדיקן זיך, מוזט איר גיין קלאָפּן אין די טירן, בעטן אַ פאַרלענגערונג, און דערביי אָנווייזן די סיבות, פאַרוואָס איר ווילט און דאַרפט פאַרבלייבן נאָך דריי חדשים. דערצו קומען צו די ספּעציעלע שוועריקייטן צו קריגן אַ שיף אויף אַרויס־פאָרן פון דאַנעט. די בריטישע מאַכט האַלט באַשעפטיקט איר גרויסן פלאָט, אירע גרויסע און גרעסערע שיפן — אַ קלייניקייט אַביסל: מען דאַרף דאָך אַרומפאָרן איבער די ימ׳ען, זוכן און נישטערן אַ שיפל, וואָס ברענגט אַהער „אומלעגאַלע" עמיגראַנטן פון די אייראָפּייאישע האַפנס. זיצן מענטשן אין לאַנד וואָכן און חדשים און קוקן אויס זייערע אויגן און וואַרטן אויף אַ שיף, אויף אַ שיפל, וואָס זאָל זיי פירן פון דאַנעט ערגעץ־וואו צו אַ האַפן. נוצן אויס די לאַגע פאַרשיידענע צווייטראַנגיקע קאָמפּאַניעס מיט זייערע אַגענטורן דאָ־הי, און מען כאַפּט פאָרער אויף דער וועגטקע, מען נעמט הויכע פרייזן, מען גיט די ערגסטע באַדינגונגען און מען האַלט אין איין טאָן טובות דעם רייזנדיקן, וואָס איז צופרידן צו צאָלן יעדן פּרייז און שטעלט נישט קיין פאָדערונגען צו די רייזע־באַדינגונגען.

דער האַפן אין חיפה גופא איז ווי אַ פיינטלעכע פּאָזיציע אין אַ פרעמד לאַנד. דער האַפן איז אַרומגערינגלט מיט כלערליי דראָט־פאַרצוימונגען און וואַך אויף וואַך היט דעם אַריינגאַנג. מען קאָנטראָלירט יעדן אַריינ־גייער, יעדן פאָרער, מען איז בודק די פּנימער, מען קוקט אַריין אין די ספּעציעלע „שוואַרצע ביכער", וואו עס זיינען אַריינגעבראַכט הונדערטער נישט־זיכערע „קאָמפּראָמיטירטע" עלעמענטן אינעם לאַנד ביי די פאַר־שיידענע אונטערזוכונגען, וואָס קומען פאָר כסדר. — זיפט מען שטאַרק איבער יעדן אַרויספאָרער און מען זעט אין אים נישט אַנדערש ווי עפּעס אַ „טעראָריסט", וואָס פאָרט קערן וועלטן. — און די אַלע, וואָס קומען באַגלייטן די רייזנדע, לאָזט מען נישט אַריין אין האַפן, זיי שטייען ביים טויער שעהענווייז און באַגלייטן מיט בליקן דורך די דראָט־שטאַכעטן זייערע פריינט. אויך אין דעם האַפן האָט איר פאַרשיידענע פּאָליציי־אַמטן, וואָס דער רייזנדער דאַרף אַדורך. ס׳איז אַ מעשה אָן אָן עק ביז מען קאָן אַרויף אויף דער שיף. מען דאַרף דערצו אויך אַדורך די קאָנטראָל פון דעם צאָל־אַמט. אויך דאָ איז מען זייער שטרענג, מען איז בודק יעדן פּאַק און פּעקל, מען טאָר נישט אַרויספירן פון לאַנד קיין זאַכן, ווייל ענג־לאַנד איז נישט פאַראינטערעסירט אין וואָסער ס׳איז עקספּאָרט אָן ספּעציעלע אָפּצאָלן.

חוץ דעם אַלעמען איז מיט אַ צוויי טעג אַפריער אָנגעקומען אין די וואַסערן פון ארץ־ישראל אַ גרויסע שיף, וואָס האָט געבראַכט קנאַפּע פיר טויזנט יידישע „אומלעגאַלע" עמיגראַנטן, „מעפּילים", ווי מען רופט זיי

דאָ. דער גאַנצער ישוב האָט ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געמיינט, געהאָפט, געוואָלט האָפן, אַז דאָס מאָל וועט די בריטישע מאַכט אַרויסווייזן עפּעס אַ פאַרשטענדעניש און וועט זיי, די עמיגראַנטן, וואָס זיינען אַדורך די שבעה מדורי גיהנום, נישט אַוועקשיקן ווייטער קיין ציפּערן. עס זיינען געווען מאָטיוון פאַר אַזאַ מין האָפענונג. ערשטנס, איז עטלית, וואו עס פלעגן גע־בראַכט ווערן די „אומלעגאַלע" עמיגראַנטן, אינגאַנצן פריי געוואָרן (עטלית געפינט זיך אַ האַלבע שעה פון חיפה), און אין ציפּערן, מיטן אַנקום פונעם האַרבסט און די גאַס־רעגנס, איז דער צושטאַנד זייער אַ שווערער. דערצו האָט מען געמיינט, אַז ענגלאַנד וועט אפשר ערב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן אַביסל איינזען און נישט באַגיין די עוולה, דעם פאַרברעך, אַוועק־צושיקן קראַנקע, פרויען און קינדער, אויסגעמאַטערטע און צעפּייניקטע יידן ערגעץ אין געצעלטן אוןביידלעך, ווען דאָ שטייען פרייע קעמפּס...

אָבער,ליידער, האָט ענגלאַנד, די „סאָציאַליסטישע" רעגירונג, נישט גע־נומען צו קענטעניש די פאָדערונגען און דעם ווילן פון דעם ישוב און האָט אויף אַ ברוטאַלסטן אופן, מיט קלעפּ, שטינק־באָמבעס, טרערן־באָמבעס און אַנדערע אכזריותדיקע מיטלען ביז שיסן אויף די נישט־באַשיצטע עמי־גראַנטן, זיי אַריבערגעשלעפּט פון דער שיף אויף די קריגס־שיפן, וואָס ענגלאַנד האָט דאָ אין און אַרום דעם האָפן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די שטימונג פון די אַלע, וואָס האָבן זיך גע־זעצט אויף דער פראַנצויזישער שיף „פּראָווידענס" צו פאָרן קיין באַזעל אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען מען האָט געוואוסט, אַז דאָ דערביי ערגעץ אָן אַ זייט געפינען זיך אַ פיר טויזנט יידן, אויסגעמאַטערטע, אויסגע־פּייניקטע, אונטער דער שווערער אויפזיכט פון די ברוטאַלע בריטישע מיליטער־לייט. יעדער אייגער האָט געפילט אָט דעם אומרעכט, אָט די שרייענדיקע עוולה לגבי ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען דאָ אַרעסטירט, אַנגעוויזן אויף ווייטערדיקע מאַטערנישן און אוממענטשלעכער באַהאַנד־לונג. און דאָ פאָרט מען זיך פראַנק און פריי אויף אַ קאָנגרעס, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט אַ שטאַרקע שייכות צו דעם אַלעמען, וואָס עס טראַכטן און פילן, טוען און נעמען־אונטער די עמיגראַנטן־מעפּילים.

קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק און פון דער ראַלע, וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט שפּילט דאָ כסדר.

עס איז אויך זייער נישט־נאָרמאַל, וואָס אַ קאָנגרעס פון דער באַוועגונג, וואָס איז דורכאויס פאַרבונדן מיטן היינט און מאָרגן פון ארץ־ישראל, עס איז מאָדנע און נישט־פאַרשטענדלעך, וואָס אַזאַ מין קאָנגרעס, וואָס האָט אַנצוצייכענען וועגן און פּערספּעקטיוון פאַר דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פונעם ארץ־ישראלדיקן לעבן, וואָס אַזאַ

קאָנגרעס דאַרף און קומט פאָר ערגעץ אין אַן אַנדער לאַנד, אַזש אין דער שווייץ. אָט די קשיא שטעלט יעדער זיך און עס האָט זי אַפּילו געשטעלט אונדז דער קעלנער פון דער פראַנצויזישער שיף, אַ פּראָסט־פּשוטער פראַנצויז מיט אַ פּשוטן שכל פון אַ פּראָסטן מענטשן. ער האָט זיך גע־חידושט, ווען ער האָט דערזען די אַלע, וואָס זיצן אַרום זיין טיש אויף דער שיף. סטייטש, פרעגט ער, מען פאָרט אויף אַ קאָנגרעס פון אַן אייגן לאַנד ערגעץ־וואו אין דער פרעמד?... איז עס נישט גלייכער געווען צו אָרגאַני־זירן אים אין לאַנד גופא, אינעם אייגענעם לאַנד?... ער, דער פראַנצויז, קלויבט זיך, ווייזט אויס, זייער ווייניק פאַנאַנדער אין דער „קלוגער" פּאָליטיק פון די בריטישע הערשער.

און טאַקע, מיט אַ יאָר צוריק האָט מען דאָך געהאַט באַשלאָסן איינ־צואָרדענען דעם היינטיקן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ארץ־ישראל, אָבער די אַלע מיטלען און מעטאָדן, וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט האָט אָנגענומען בנוגע צו יידן אין די ערשטע עטלעכע חדשים פון היינטיקן יאָר, און בעיקר — יענער מוראדיקער „שוואַרצער שבת" פונעם 29טן יוני, האָט געמאַכט לחלוטין אומזיכער און נישט־פּאַסיק ארץ־ישראל פאַר דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. — מען האָט דאָך ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַפרייט די אַרעסטירטע פירער פון דער באַוועגונג, און איז מען דאָך יעדן טאָג אויס־געשטעלט אויף אַנדערע סורפּריזן פון דער קריגס־מאַכט, וואָס הערשט דאָ ווילקירלעך, ביז קאָנען באַלאַגערן אַ גרויסע יידישע שטאָט אויף עטלעכע טעג אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס... און עס איז דאָ נאָך אַ טעם — שוין אַ מער־אינעווייניקסטער — די טעראָר־אַקציעס, וואָס אומפאַראַנטוואָרט־לעכע חברה־לייט פירן און האַלטן־אָן אויפהער אויף אייגענער אחריות, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער לאַגע און מיט די אמתע אינטערעסן פונעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב...

אַזוי צי אַזוי — דער ציוניסטישער קאָנגרעס קומט פאָר אין באַזעל, אין דער שווייץ, און מיט אָט דער שיף פאָרט אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן און אויך פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואָס זיינען פאַרבונדן דירעקט און אומדירעקט מיט דער באַוועגונג און מיט דער אויפלעבונג פונעם לאַנד אויף די פאַרשיידנסטע געביטן.

די שיף „פּראָווידענס" איז אַזוי־אַרום אַ מין קיבוץ־ארץ־ישראל. איר האָט דאָ פאָרשטייער פון יעדער אינסטיטוציע און יעדער חברה און אָר־גאַניזאַציע אינעם לאַנד.

מיר זיינען שוין אויף דער שיף עטלעכע טעג, און ווי דער שטייגער אויף שיפן, האָט מען שוין באַוויזן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די אַלע גרופּירונגען און מענטשן, וואָס פאָרן־מיט צום קאָנגרעס,

די גאָר־גרויסע, די פירער, די „ביג"־מענטשן, זיי זיינען געפלויגן קיין באַזעל. עס איז נישטאָ קיין צייט, עס שטייען פיל ברענענדיקע פּראָבלעמען און עס זיינען דאָ געגוג שווערוקייטן, סכסוכים, שאַרפקייטן, וואָס מען דאַרף באַצייטנס פאַרגלעטן און אויסמיידן. די ציוניסטישע באַוועגונג, — הגם אויסערלעך פון איין שטיק אויסגעגאָסן, מיט איין ציל און צוועק, אָבער עס זיינען אויף שריט און טריט דאָ פיל אונטערשטיינער, פיל מינעס, וואָס קאָנען אין יעדער רגע אויפרייסן די „שיף", מאַכן אין איר אַ לאָך. מוז מען אָנווענדן זייער פיל חכמה, טאַקטיק, פשרות און עלאַסטישקייט נישט צו לאָזן די קעמפנדיקע כוחות זיך צו ראַנגלען און צונויפשטויסן זיך צום שאָדן פון דער גאַנצער זאַך. — דערצו זיינען דאָ זייער פיל מאָמענטן פון ריין־פּערזענלעכן כאַראַקטער, וואָס מען קאָן נישט פאַרבייגיין אַזוי פשוט. אין דער אָנפירונג גופא זיינען דאָ טראַדיציעס, זיינען דאָ מענטשן, וואָס שטייען נאָך אַלץ אין דער שפּיץ, הגם די פּאָקטישע פירונג געפינט זיך שוין לאַנג אין אַנדערע הענט. עס זיינען אויך דאָ אַמביציעס און שוואַכקייטן פון אַמאָליקע רעדל־פירער, וואָס מען קאָן זיי אַזוי פּראָסט־פשוט נישט פאַרבייגיין. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז זינט דעם לעצטן קאָנגרעס זיינען פאַריבער איבער זיבן יאָר, — און אַזעלכע שווערע יאָרן, און פיל פּראָגן, עיקרדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע, שטייען איצט פאַר דער פירער־שאַפט. דאָס אַלץ דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט ביים איצטיקן קאָנגרעס, וואָס איז דערצו אַ יובל־קאָנגרעס — עס איז דאָך באַלד 50 יאָר זינט אין באַזעל איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

דער עולם רייזנדע איז זייער אַ פאַרשיידנפאַרביקער: אַלט און יונג, מאַן און פרוי, מענטשן מיט אוניווערסיטעט־בילדונג און מיטגלידער פון קיבוצים, וואָס קומען גלייך פון דעם אַקער, פון גאָרטן אָדער שטאַל. אינטעליגענטן און פאָלקס־מענטשן, פרום און וועלטלעך. דאָס אַלץ איז פאַרבונדן אויף פאַרשיידענע אופנים און באַדינגונגען מיט דער איין אידייע אויפצובויען דאָס לאַנד. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע חילוקי־דעות צווישן די ריכטונגען, וואָס קעמפן און וועלן קעמפן מיט פייער און פּאַטאָס פאַר זייערע איינשטעלונגען און מעטאָדן. דאָ אויף דער שיף זעט עס אויס, ווי עס הערשט אַ מין וואָפנשטילשטאַנד. פאַר די עטלעכע וואָכן פאַר די וואַלן צום קאָנגרעס, האָט מען זיך זייער העפטיק באַקעמפט און אויך נישט געוועזן איבערקלייבעריש אין ווערטער, אין באַצייכענונגען, אין אַריינ־זאָגעכצן, ווי עס פירט זיך אומעטום בעת וואַלן. איצט, אויף דער שיף, איז אַ מין „בין־הזמנים". מען קלייבט כוחות פאַר נייע געראַנגלענישן. יעדע גרופּירונג פאָרט מיט איר מענטשן און מאַטעריאַלן־באַגאַזש. עס פאָרן די „לידערס", די וואָס וועלן אויף דער טריבונע פון דעם קאָנגרעס

ברענגען צום אויסדרוק די שטעלונג, די פּרינציפּן, די שטרייט־פּונקטן פון דער ריכטונג און פּאַרטיי. דערוויילע רוט מען זיך אויס, מען לייענט גאָר זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן קיין דירעקטע שייכות נישט צום עצם ענין, אָבער אין דער שטיל, אין די געהירן זאַמלט מען דעם אויפרייץ־ און אויפּרייס־שטאָף, כדי אין דעם געגעבענעם מאָמענט צו געבן דעם צד־שכנגד די שלאַכט און פּאַקן אים אין זיינע שוואַכע פּונקטן.

אויף דער שיף, וואָס איז אַ קליינער קיבוץ־ארץ־ישראל, האָבן מיר פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען פון מזרחי ביז דעם „השומר הצעיר". יעדע פּאַרטיי האָט זיך איר אויסזען, איר כאַראַקטער, אירע מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן די אידייען, די לאָזונגען, וואָס ווערן דורך איר אַדורכ־געפירט אינעם לעבן. — מיר האָבן מיטגלידער פון מפא״י, די אַזוי־גערופענע רעגירונגס־פּאַרטיי, וואָס פאַרנעמט די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין סוכנות, אין ועד־הפועל. די פירער פון אָט דער פּאַרטיי, ווי געזאָגט, זיינען געפלויגן מיט עראָפּלאַנען. עס פאָרן די טוער און פירער פון די קלענערע פּאַרטייען, וואָס האָבן דאָך באַוויזן צונויפצוזאַמלען בעת די וואַלן צום קאָנגרעס צו 25־30 טויזנט שטימען, און זיי האָבן פון 10 ביז 15 דעלעגאַטן. איז ווי מען איז דאָ נישט צונויפגעמישט ביי פאַרשיידענע טישן, אין פאַרשיידענע קאַבינעס, אָבער דאָך קלעפּט מען זיך אינאיינעם, און מען קלייבט זיך צונויף פאַר ענגערע באַראַטונגען, כדי צוצוגרייטן זיך צו די שלאַכטן, וואָס וועלן פאָרקומען אויף דעם קאָנגרעס, אָדער אין די פאַר־שיידענע דערבייאיקע צונויפטרעפן, וואָס ווערן גערופן אין באַזעל, אין דער צייט פונעם קאָנגרעס. — קאָן מען טרעפן אויף דער שיף, אין די זייטן־צימערן, אין ווינקלען, אין די רויך־זאַלן, אין די „באַרן" ביי אַ טישל גרופּעס־גרופּעס מיט מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, טאַבעלעס, ציפערן, וואָס דאַרפן געלייגט ווערן אַלס יסוד פאַר די אַרויסטרעטונגען, רעפעראַטן, דיסקוסיעס. — עס ווערן אויך מיטגעפירט פאַרשיידענע דרוק־זאַכן, פּראָ־פּאַגאַנדע־ביכלעך, באַריכטן, אַלבומען, וואָס יעדע ריכטונג, און אויך די אָפיציעלע סוכנות־אַנשטאַלטן, פירן מיט. עס פאָרן אינסטיטוציעס מיט זייערע מיטאַרבעטער, מיט זייערע סעקרעטאַרן און סטענאָגראַפיסטן, מיט זייערע ספּעציעלע מאַשינעס, שרייב־ און סטענאָגראַמע־מאַשינעס. הכלל, אַ שטיק רעגירונג — אין באַוועג, אין וואַנדל, אין רייזע.

עס גייט דאָ אַרום איבער די הענט פון די פאָרער אַן ערשט־אָפּגעדרוק־טער פּראָטאָקאָל־בוך אין העברייאיש פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין יאָר 1897, מיט אַ 50 יאָר צוריק. אין דייטש איז דער פּראָטאָקאָל געווען אָפּגעדרוקט אין זיין צייט, אָבער אין העברייאיש איז עס ערשט איצט געדרוקט געוואָרן. עס איז זייער אינטערעסאַנט צו לייענען

און מאַכן פאַרגלייכן מיט דער איצטיקער צייט. עס זיינען אינטערעסאַנט די אַלע פּרטים, די באַריכטן פון די פאַרשיידענע לענדער, די רעפעראַטן, די דיסקוסיעס אַרום די רעפעראַטן, און בכלל — דער גאַנצער פאַרנעם און פאַרמעסט פון דעם קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 50 יאָר צוריק, און מיטן קאָנגרעס, וואָס דאַרף איצט פאָרקומען. סאַך אַ ווייטער מהלך צווישן אָט די צייטן! סאַך אַ טיפער אונטערשייד אין אַלץ, סאַך אַ דיס־טאַנץ צווישן דאַן און איצט! דאַן האָבן מיר פאַרמאָגט אַ 10 מיליאָן יידן, מיט אַכט יאָר צוריק האָבן מיר שוין געהאַט אַ 18 מיליאָן יידן, איצט שטייען מיר ווידער ביי אַ 10־11 מיליאָן יידן. אָבער ווי אַנדערש איז אַלץ־אַלץ אין דער יידישער וועלט, און ווי אַנדערש עס זעען אויס די אַלע פאַר־שיידענע יידישע קיבוצים אין דער וועלט אַמאָל און איצט. און בכלל ווי פאַרשיידן עס איז די אויפפאַסונג פון דעם יידישן וועלט־פּראָבלעם און די פּראָבלעמען פון יעדן לאַנד באַזונדער דאַן און היינט! ווי אידיליש, ווי פּרימיטיוו, ווי נאַאיוו עס קלינגען די רעפעראַטן, באַריכטן, פאָדערונגען, פּערספּעקטיוון פון יענע טעג איצט, אין 1946, ווען מיר האַלטן איצט נאָך די גרויזאַמע יאָרן פון 1939־1944, ווען מיר שטייען איצט פּנים אל פּנים מיט די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, קול־טורעלע און קינסטלערישע פון דעם וועלט־יידנטום!

מיר זיינען פאַר די 50 יאָר זייער ווייט אַוועק, מיר זיינען ווייט אַוועק מיט אונדזערע פאַסירונגען, מיט אונדזערע פּראָבלעמען, מיט אונדזערע גערעגנלעענישן ווי אַ פאָלק, ווי פאָלקס־מאַסן אין יעדן וועלט־טייל; מיר זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיף מיט אונדזערע ליידן און פריידן, מיט אונדזערע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען, מיט אונדזערע פאַרמעסטן און אונדזערע פּערספּעקטיוון סיי אין דער אויסערלעכער וועלט און סיי אין דער אינעווייניקסטער, יידישער וועלט. און טאַקע אויף אַלע סעקטאָרן, אין אַלע געביטן און אין פאַר־שיידענע טיילן פון דער גרויסער אַלגעמיינער און קאָמפּליצירטער יידישער וועלט!

הכלל, פון יענעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קליינער קאַסינאָ־געביידע אין באַזעל, פעברואַר 1897, ביז דעם איצטיקן צונויפפאָר איז באמת פאַלג מיך אַ גאַנג!

מען זאָגט, אַז די קאַסינאָ־געביידע אין באַזעל איז שוין לאַנג נישטאָ. מען האָט זי צעוואָרפן! אויך פיל־פיל אַנדערע יידישע און וועלט־געביידעס, קולטור־ און קונסט־בנינים, שטעט און לענדער, אינסטיטוציעס און אָנ־שטאַלטן פון אַמאָל זיינען אומגעקומען און צעשטערט געוואָרן אויף אַ נאַטירלעכן און אומנאַטירלעכן אופן. יאָ, פאַר די 50 יאָר האָבן מיר אינעם

יידישן לעבן פיל, פיל אַדורכגעמאַכט. עס איז אויס מיט פיל פעסטע רעגירונגען, עס איז אויס מיט פעסטע רעגירונגס־סיסטעמען, עס זיינען אויפגעקומען נייע אָרדענונגען און מלוכות, עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געראַנגלענישן, אָבער פיל, פיל זאַכן זיינען נאָך עד־היום אַקטועל, צאַפּלדיק, און שטייען נאָך אויפן סדר־היום.

זיצט מען אַזוי אויף אַ שטול, אָדער מען שפּאַצירט מיט מענטשן, לעבעדיקע עדות, וואָס האָבן דאָס אַלץ אַזוי אָדער אַנדערש אַדורכגעמאַכט, אַדורכגעפּיבערט, — און מען באַמערקט גאָר אַליין נישט ווי מען טראָגט זיך אַוועק וויַיט־וויַיט פון דער שיף און מען לאָזט זיך שפּאַצירן איבער צייטן און תקופות, איבער געראַנגלענישן און קאַמפן, וואָס דו גופא ביסט געווען אַן עדות, אַ מיטגייער, אַ מיטמאַכער, אַקטיווער אָדער פּאַסיווער, פון אַלדי געשעענישן און פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער אַל־געמיינער און יידישער וועלט די צענדליקער יאָרן זינט דו ביסט אַ באַוואוסטזיניקער מענטש און אַ מיטבאַטייליקטער אָדער באַאָבאַכטער פון דעם אַלעמען.

עס איז אינטערעסאַנט, — אויף דער שיף, וואָס פירט אונדז פון די הייסע און זוניקע ארץ־ישראל־גאַסן און וועגן צו די קאַלטע און קעלטערע ברעגן און שטעט פון איירָאָפּע, אויף דער שיף פאָרן־מיט צוויי עלטערע ציוניסטישע טוער, וואָס זיינען געווען דעלעגאַטן, האָבן זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, — דאָס זיינען לייב יאַפּע און דר. מאיר העבנער. — זייערע בילדער זיינען דאָ צווישן די הונדערטער קליינע בילדלעך, וואָס זיינען דאָ אויף דער אַלגעמיינער בילדער־קאַרטע, וואָס איז בייגעלייגט צום קאָנגרעס־בוך. אַמאָל זיינען זיי געווען גאָר־יונגע יונגערמאַנטשיקעס, — איצט זיינען זיי גרייז־גרויע און טראָגן אויף זיך ווי אַ שווערע לאַסט זייערע זיבן־אַכט צענדליק יאָרן. עס זיינען לעבעדיקע עדות פון די לעצטע פינף צענדליק יאָר. עס איז גוט צו שמועסן מיט זיי און עס איז אינטערעסאַנט צו הערן ווי זיי דערציילן וועגן יענע יונגע, נאַאיווע יאָרן פונעם סוף 19טן יאָרהונדערט אינעם יידישן און וועלט־לעבן!

אָט אַזוי גייען טעג און אָוונטן אויף דער שיף, וואָס שניידט די וואַסערן און פירט אונדז פון ארץ־ישראל צו די ברעגעס פון איירָאָפּע.

דעם 3טן דעצעמבער 1946,
אויף דער שיף „פּראָווידענס".

33

געקומען קיין באַזעל

און אַט — האָבן זיך געענדיקט די אַכט טעג אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז געפּירט פון חיפה קיין מאַרסעל. מען איז אַראָפּ אין גרויס געטומל און געראַש פון דער שיף אויפן מאַרסעלער האַפן, זיך אַרײַנגעזעצט אינעם ספּעציעלן צוג, וואָס האָט געהאַט די געהעריקע אויפשריפטן און פּלאַקאַטן, וואָס דערציילן וועגן דעם 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און ענדלעך, נאָך אַ לאַנגער נאַכט אין ענגע צוג־קופּעען, זײַנען מיר פרייטיק פרי, דעם 8טן דעצעמבער, געקומען קיין באַזעל, אין דער שטילער און רואיקער שווייץ.

שטיל און בנעימותדיק האָט מען די גרויסע צאָל געסט אויפגענומען, די אַלע פאָרמאַליטעטן פון פּעסער, וויזעס, געלט־קאָנטראָל און צאָל־אַמט־זאַכן, — אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען שנעל און לײַטיש און מיט דרך־ארץ פאַר די פאַרער און מיט פיל העפלעכקייט, וואָס עס האָבן אַרויסבאַוויזן סיי די העכערע און סיי די נידעריקערע באַאַמטע ביז די לײַטישע בכבודיקע געפּעק־טרעגער, וועלכע האָבן שטיל און רואיק און אָן געפּילדער און האַוועריי אַלץ אויפן בעסטן און שענסטן אופן דערליידיקט. — מען דערמאָנט זיך אָן דעם רעש און געטומל, אָן דער קאָנטראָל און זוכענישן אין חיפה, און מען מאַכט פאַרגלײַכן, גאַרנישט קיין גינסטיקע פאַר די איצטיקע באַלעבאַטים פון דעם חיפה־האַפן. די ענגלישע מושלים וואָלטן געמעגט שיקן אַ קאָמיסיע און זען און זיך צוקוקן ווי מען דאַרף באַהאַנדלען אַ בירגער, אַ פאַרער.

מען האָט אָפּגעפאַרטיקט די אַלע פאָרמאַליטעטן אויף דער באַן, געהאַט אויך די מעגלעכקייט באַגריסט צו ווערן פון יונגעלײַט און מיידלעך, וואָס זײַנען געשיקט געוואָרן אויפצונעמען די געסט אויף דער באַן־סטאַנציע, געבן זיי די אינפאָרמאַציעס און אָנווייזונגען, זײַן זיי באַהילפיק מיט אַ וואוינונג, און נאָך אַ 10 טעג פאָרן און וואַנדערן קומען מיר ענדלעך אין אַ שטיל, רואיק ווינקל.

איז ווער עס איז פאַרפאָרן אין ערשטקלאַסיקע און צווייטראַנגיקע האָטעלן, און ווער עס האָט געקראָגן אַ צימער אין אַ פּריוואַטן הויז, וואו עס איז וואַרעם און ליכטיק און ציכטיק, און אַ גוטע וואַנע און אַ ריין בעט און אַ פיין־געגרייטער טיש איז אין אייער רשות.

איז איצט, נאָכן שאָקלען און טרייסלען זיך אויף דער שיף, נאָכן יאַריד, וואָס האָט געהערשט גאַנצע אַכט טעג, נאָך די אַלע וועג־מאַטער־

נישן און פלאַגן, קאָן מען שוין רואיק צונויפנעמען די געדאַנקען און, ווי דער שטייגער, אויך אונטערפירן אַזוי אויף איין פוס סך־הכלען.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַרויספאָרן פון חיפה, נאָך דעם, ווי יעדער איינער האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט אין זיין באַקוועמער אָדער נישט־באַקוועמער קאַבינע, נאָך דעם ווי עס איז אַריבער דער רייזע־פיבער און מען האָט זיך פאַרמאָסטן אויף עטלעכע טעג פאָרן אויף דער שיף, — אויפן צווייטן טאָג, ווען מען האָט נאָך נישט באַוויזן קומען צו זיך, האָט מען געהאַט אַ שטיקל איבערלעבעניש, וואָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די יידישע פאָרער.

אונדזערע „שכנים", די מצריים, האָבן זיך אַרויסבאַוויזן פאַר גאָרנישט קיין לייטישע פיינע מענטשן. ווען מען האָט געהאַלטן ביים צופאָרן צו אַלעקסאַנדריע, וואו מען האָט געדאַרפט שטיין אַ 20 שעה, האָט דער עולם געהאַט בדעה אַראָפּ אין שטאָט. אייניקע האָבן אָנגעשריבן בריוו און בריוולעך, אייניקע האָבן גלאַט געוואָלט אַ שפּאַציר טאָן איבער דער נייער פאַר זיי שטאָט, אַנדערע ווידער — כאַפּן אַ גלעזל קאַווע א. אַז. וו. אָבער ווי איבערראַשט איז מען געווען, ווען די עגיפּטישע באַאַמטע, וואָס זיינען אַרויף אויף דער שיף אין אַלעקסאַנדריע, האָבן גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז יידן וועלן קיין דערלויבעניש נישט באַקומען אַראָפּ פון דער שיף. און נישט נאָר ארץ־ישראל־יידן מיט פּאַלעסטינער פּעסער, אויך אַנדערע יידן, בירגער פון אַנדערע לענדער, פון פראַנקרייך, אַמעריקע, האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג.

אַזוי ווי איך האָב געהאַט בריוו צום אָפּשיקן אין אַלעקסאַנדריע, האָב איך געפּרואווט דאָס מזל — און עס איז פאָרגעקומען אַזאַ מין טשיקאַווער שמועס צווישן מיר און דעם עגיפּטישן באַאַמטן אויף דער שיף. איך גיב אים מיין אַמעריקאַנער פּאַס, פרעגט ער מיך: אַ ייד? זאָג איך: אַן אַמעריקאַנער בירגער! — עפנט ער דעם פּאַס און טוט אַ קוק און זאָגט: נחמן? — יאָ, ענטפער איך, נחמן! און ווידעראַמאָל: אַ ייד? און איך — נאָך אַמאָל: אַמעריקאַנער בירגער! און ער: אָבער געבוירן אַ ייד? ענטפער איך: ווייזט אויס, דאָס איז שוין לאַנג געשען! און ער טוט ווידער אַ מיש און כאַפּט: אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס? יאָ, ענטפער איך... און ער גיט מיר אָפּ צוריק דעם פּאַס און זאָגט: מיר האָבן אַ פאַראָרדענונג קיינעם נישט אַראָפּלאָזן אין שטאָט! קיינעם פון די, וואָס פאָרן אויפן קאָנגרעס. — פרעג איך: קאָן איך באַקומען דעם אַדרעס פונעם אַמערי־קאַנער קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע? זאָגט ער: נו, יאָ, פּשוט — אַלעק־סאַנדריע, אַמעריקאַנער קאָנסול!

און אין ניו־יאָרק זיצט זיך דער פאַרשטייער פון דער עגיפּטישער

מלוכה און רעדט דאָרטן אין דער פאַראייניקונג פון די וועלט־מלוכות זיסינקע רייד וועגן גלייכהייט און נאָך אַזעלכע שיינע זאַכן, און די אַמעריקאַנער רעגירונג ווייזט אַרויס געגוג העפלעכקייט און הכנסת־אורחים אים און זייניקע. און דאָ לאָזט מען נישט אַראָפּ קיין אַמעריקאַנער בירגער אויף אַ פּאָר שעה אין אַלעקסאַנדריע. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָב איך געהאַט שוין אַזאַ מין דערפאַרונג מיט דער „גאַסט־פריינטלעכקייט" פון עגיפּטן. אויפן וועג פון ניו־יאָרק קיין ארץ־ישראל, בין איך געווען אין פּאַריז, געקויפט דאָרטן אַ בילעט אויף אַן עראָפּלאַן קיין ארץ־ישראל דורך קאַירא, עגיפּטן. אָבער דער פאַריזער קאָנסול פון עגיפּטן האָט מיר אָפּגעזאָגט די טראַנזיט־וויזע איבער עגיפּטן...

אָבער לאָמיר לאָזן צורו עגיפּטן, און בעסער דערציילן וועגן דעם ווי עס איז צוגעגאַנגען אויף דער שיף און אויף דער רייזע ביז מיר זיינען געקומען אַהער.

מיר האָבן פאַרלאָזט חיפה אין אַ שיינעם, הערלעכן זוניקן און הייסן טאָג. נישט געקוקט וואָס לויטן לוח איז שוין כסליו, סוף נאָוועמבער, אָבער די לופט און די שיין איז געווען עכט־זומערדיק. אָבער מיט יעדן טאָג, וואָס אונדזער שיף האָט זיך דערווייטערט פון די ארץ־ישראל־ברעגן, האָט זיך אַלץ פאַרענדערט: די לופט, דער וועטער, די הימלען און דער ים. וואָס־ווייטער זיינען מיר מער אַריינגעפאָרן אין קאַלטע שטראָמען לופט, און דער הימל איז געוואָרן גרויער, טונקעלער, און במשך פון אַ פּאָר טעג זיינען מיר אַריין אין אַ ווינטערדיקן וועטער. און ווי דער וועטער אַזוי די מענטשן מיט זייער אָנטועכץ. ביסלעכווייז האָט יעדער איינער געמוזט נאָכגעבן און אַרויפשלעפּן אויף זיך מער־וואַרעמע און ווינטערדיקע קליידער. און ווען קאַלטע און שטרענגע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן, האָט מען שוין זיך געקוטעט אין וואַרעמע מאַנטלען, אין סוועטערס און וואַרעמע פלעדן און קאָלדרעס.

די גאַנצע צייט האָט אָנגעהאַלטן דער באַוועג, דער הין־און־צוריקשפּאַציר און די העפטיקע שמועסן און דעבאַטן און סתם אַזוי לייכטגערײדערייען. אָפטמאָל האָט מען גאָר פאַרגעסן, אַז מען איז אויף אַ שיף, און עס האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט געווען אין אַ היימישן, לאַנג־איינגעאָרדנטן קלוב, וואו יעדער איינער פילט זיך גאָר היימישלעך מיט זיינע מיט־מיטגלידער און פריינט. האָבן זיך געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן צווישן ווייטערע, פרעמדערע, זיינען געווען שמועסן און ריידערייען צווישן אַזעלכע, וואָס טרעפן זיך זעלטן אַפילו אין ארץ־ישראל, מען האָט זיך ברייט און געמיטלעך אַדורכגעשמועסט. — פאַרנאַכט־צו, נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, און פאַראויס איז נאָך געווען אַ לאַנגער

אָוונט, האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף שטולן, ביי טישלעך, דאָס רוב — מענטשן פון אייגענע היימישע גרופּירונגען און ריכטונגען, און מען האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט זינגען און אויסזינגען אייגענע בענקשאַפט, אייגענע געפילן, און — אויך אייגענע פרייד. הגם קיין גרויסע פרייד איז נישט גרינג אַרויסצוקריגן פון זיך, פון דער אַרומיקייט. פרייטיק־צו־נאַכט האָבן די מזרחי־שליחים און זייערע נאָענטע זיך ברייט צעזעצט אויף דער דעק אין אַ קרייז און אין משך פון אַ פּאָר שעה לאַנג און פעסט גע־זונגען ארץ־ישראלדיקע לידער און חסידישע געזאַנגען און סתם יידישע אַלטע און נייע ניגונים און געזאַנגען. — און עס זיינען געווען גאַנץ־האַרציקע געזאַנגען און גאַנץ־מעלאָדישע לידער און באַזונדערס האָט זיך צעגאָסן איבער דער שיף דאָס באַרימטע יידישע חסידישע ליד:

וטהר לבנו לעבדך באמת,
לעבדך, לעבדך באמת . . .

און מענטשן האָבן געקלאַפּט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס און ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל האָט מען זיך געבעטן ביים רבונו של עולם:

וטהר לבנו
לעבדך באמת . . .

אַזוי זינגענדיק האָט מען אויך זיך דערמאָנט אָן אַלטע ניגונים פון פּוילן, וואָס איז איצט אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט און אפשר — אויך אַ צוקונפט...

בין איך געזעסן אָן דער זייט און אַזוי אין דער שטיל מיטגעזונגען און צוגעזונגען אין טאַקט און אין ריטם פון די זינגער...

און מיט אַ נאַכט־צווײ שפּעטער, ווען דער ים האָט געברויזט און געצאַרנט, האָט זיך אַזוי ווי פון זיך אויפגעזאַמלט אויף עטלעכע ליג־שטולן די גאַנצע גרופּע פון „השומר הצעיר", וואָס איז דאָ פאַרגעשטעלט מיט אירע פירער און טוער, — און נישט־אָרגאַניזירטערהייט האָט מען לכתחילה ווי פאַר זיך, דערנאָך אַלץ־העכער און העכער גענומען זינגען פאַרשיידענע לידער און געזאַנגען, וואָס מען האָט אויפגעהיט אין זיך, וואָס מען האָט אין לויף פון יאָרן געשאַפן אין די קיבוצים און אין די פאַר־שיידענע גערקאַנגלעכישן אין ארץ־ישראל. עס איז געווען מערקווירדיק דאָ אינמיטן ים צו הערן דאָס ליד „מים, מים", וואָס דריקט אויס די פרייד און די בענקשאַפט נאָך וואַסער. ערשט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָב איך באַזוכט די ווייטע פונקטן פון נגב, וואו אויף ווייטע מיילן שטחים איז טריקעניש, טריקעניש, און אומעטום דאָס לעכצעניש פון מענטש, באָדן, קי, פויגל נאָך אַביסל וואַסער... און אָט פאָרן מיר טעג צווישן הימל און

וואַסער, און דאָך זינגט זיך אַזוי בענקענדיק: „מים, מים". מאיר יערי, דער גייסטיקער פירער פון „השומר הצעיר", ווייזט זיך אַרויס, איז גאָר אַ האַרציקער זינגער, האָט אַ שאַרף, הילכיק קול און זינגט מיט האַרץ און דבקות. און י. ריפטין, דער פּאָליטיקער פון דער פּאַרטיי, איז גאָר אַ גוטער דיריגענט, דיריגירט ריטמיש די לידער, און פירט אָן מיטן אימ־פּראָוויזירטן כאָר, און פון די ארץ־ישראל־לידער גייט מען איבער צו יידישע פאָלקס־לידער, און מאיר יערי איז גאָר אַ גרויסער מאדים, ער האָט אויסגעגראָבן פון זכרון עכטע יידישע פאָלקס־לידער פון זיין גאַליצישער היים און ער זינגט זיי אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן מיט דער ספּעציפישער פאָלקס־אויסשפּראַך און יידישלעכע קנייטשן.

זיצט מען זיך אַזוי אין אַ קרייז און מען ברענגט אַזוי אַרום צום אויסדרוק באַהאַלטענע בענקשאַפט נאָך אַלטער היים, נאָך פאַרגאַנגענע יאָרן. און אַזוי ביז שפּעט ביינאַכט, ביז איינער, דערנאָך אַ צווייטער טוט זיך אַ הויב אויף און טוט אַ זאָג: צייט גיין שלאָפן... און מען צעגייט זיך יעדער איינער אין זיין קאַבינע.

און עס גייט זיך אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג: ויהי ערב ויהי בוקר... און עס גייט די צייט, און די שיף שניידט די וואַסערן, לאָזט איבער נאָך זיך אַ שטאַרקן שוים. און אַז דער ים צעשפּילט זיך מיטאַמאָל, נעמען שטראָמען און שלאָגן גרויסע כוואַליעס, און די גרויסע שיף ווערט אומרואיק און עס איז ווי אַלע אירע געדערים נעמען ברומען און רוישן. דאַן ווערן אַלע פּנימער ערנסטער און מען איז גרייט באַהערשן דעם געטרייסל מיט אינע־ווייניקסטער זיכערקייט. אָבער אַז די שיף נעמט זיך אַלץ שטאַרקער שאָקלען, דאַן ווערן פּנימער בלאַסער, און מענטשן רוקן זיך אין די קאַבינעס, שעמען זיך אַרויסווייזן די אייגענע שוואַכקייט. איז שוין ביי די עס־טישן האַלב־ליידיק, די שטענדיקע זיצער פעלן אויס. זיי קאָנען נישט קומען צום עסן. ווערט אַביסל אומהיימלעכער און אויך אויף דער דעק איז שוין פיל שטילער, — עס פעלן אויס פיל. און די איבערגעבליבענע ווייזן אַרויס מוט, זיי שפּאַנען הין און צוריק מיט עקשנות, נישט צום אונטער־געבן זיך דעם שטורעם און דעם ווינט.

איז געווען אַזוי איין נאַכט און אַ צווייטע, און מענטשן האָבן זיך געפילט נישט גוט, און פּנימער זיינען געווען אָפּגעצויגן און פאַרגעלבט. אָבער די שטאַרקע, די וואָס האָבן זיך געפילט גוט, זיינען געווען נאָך פעסטער ביי זיך און נאָך פאַרהאַרטעוועטער פון ווינט און שטורעם.

האָט געזאָלט פאָרקומען אין אָוונט אַן „עתון חי" (אַ לעבעדיקע צייטונג), האָט מען עס צוליבן שטורעם אָפּגערופן, ווייל עס האָט געוואָרפן די שיף און מען האָט קוים געקאָנט אַדורך דעם דורכגאַנג... און אַזוי האָט מען

דערשלעפּט ביז דאַנערשטיק פרי, ווען מען איז געקומען נעענטער צו מאַרסעל. פאַר די זיבן טעג האָט מען קיין פרישע צייטונג נישט געזען, עטוואָס נייס האָט מען אויפגענומען דעם ערשטן טאָג דורך דער ראַדיאָ און דורך דער ענגלישער צייטונג אין אַלעקסאַנדריע, און דאָס גאָר. און זאָל דאָס עמעצן אָפּגיין! נויט ברעכט אייזן, און אַז עס איז באין־ברירה באַגייט מען זיך אָ וואָך אָן אַ שטיקל נייס. און זיכער איז די וועלט אַ וועלט, און מסתמא קומט אומעטום עפּעס פאָר, אָבער די שיף־פאָרער זיינען ווייט פון דעם אַלעמען און לעבן זיך מיט זייערע שיף־אינטערעסן, מען דרייט זיך אַרום אַלץ אין דעם זעלבן קרייז שיער נישט ווי אַ וועווערקע אין איר שטייגל און מען קוקט אַרויס ווען מען וועט שוין רופן צום עסן.

די פּוסט־און־פּאַסטניקעס אויף דער שיף ווערן אומגעדולדיק, ווען מען הויבט זיך אָן דערנעענטערן צו מאַרסעל.

און נאָך אַ דרייען זיך אַרום דעם באַרגיקן מאַרסעל פּאַרקערעוועט די שיף צום האַפן צו, וואָס איז נאָך אויך איצט, צוויי יאָר זינט מען האָט געשלאָסן דעם שלום, נאָך אַ שיין ביסל צעשטערט. אמת, פאַר די פינף חדשים, וואָס איך האָב פאַרלאָזט מאַרסעל, איז שוין עפּעס־וואָס פאַרריכט געוואָרן, מען האָט שוין ערטערווייז פאַרריכט די דעכער, אָפּגערייניקט די רואינעס און געמאַכט אַ שטיקל טאָלק, אָבער עס איז נאָך ווייט נישט אין אָרדענונג. איז דעריבער נישט גאָר היימלעך און באַקוועם דאָס אַראָפּ־שטייגן, די קאָנטראָל פון די זאַכן קומט פאָר אונטערן הימל און עס בלאָזט פון אַלע זייטן און עס איז אַ געדרענג און אַ גערודער, און עס געדויערט איבעריקע שעהען דאָס אַראָפּשטייגן און אַריין אין די וואַגאָנעס פונעם ספּעציעלן צוג. לויפט מען אַזוי ווי אין צייטן פון פּלוצימדיקער מאָבילי־זאַציע, מיט פּעק און קלומקעס, פאַרכאַפּט מען ערטער אין צוג, וואָס שטייט ערגעץ אין מיטן פעלד צווישן חרובע הייזער, קריכט מען אַריין אין די ענגע וואַגאָנעס, מען איז אויסגעמאַטערט און דורשטיק און הונגעריק. — ערגעץ־וואו טיילט מען ברויט, סענדוויטשעס, עמעץ כאַפּט אַפּריער, אַנדערע — בלייבן הונגעריק און מיד, און מען ווייסט נישט גענוי ווען דער צוג וועט אָפּגיין, זיצט מען אין די ענגע קופּעס פון די וואַגאָנען און מען וואַרט אויף אַ סיגנאַל, אַז מען פאָרט...

און אַזוי גייט אַדורך אַן אומרואיקע נאַכט אין צוג, מען נוצט אויס אַן אָפּשטעל אויף אַ טונקעלער סטאַנציע צו כאַפּן אַ טרונק, אַ נאַש, ביז אין דער פרי פאָרט מען אַריבער די גרענעץ און —

מע קומט קיין באַזעל. — זיינען אַלע צופרידן און גליקלעך, מען פאַר־געסט די אַלע פּאַסירונגען און קאָפּ־פאַרדרייעניש, מיטן געטומל און ענגשאַפט.

מיר זײַנען שוין אין דער שטאָט באַזעל, און דעם קאַפּיטל שרײַב איך שוין אויף אַ טישל אין אַ צימער בײַ אַ שווייצער.

באַזעל, דעם 6טן דעצעמבער 1946.

34

ערשטער טאָג אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס

עס איז הײַנט מיטוואָך, דעם 11טן דעצעמבער. הײַנט פֿאַרמיטאָג קומט נישט פֿאָר קיין אַלגעמײַנע זיצונג פֿונעם ציוניסטישן קאָנגרעס, איז דער ברייטער עולם פֿרײַ. דעם גאַנצן פֿאַרמיטאָג האַלטן אָפּ זיצונגען די פֿאַרשיידענע גרופּירונגען, די פֿראַקציעס אויפֿן קאָנגרעס מיט זייערע פֿירנדיקע פּאַרטיי־מענטשן. איז נאָך עטלעכע טעג פֿון זײַן פֿאַרנומען גאַנצע טעג, פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין אָוונט, האָט מען די מעגלעכקייט צו זיצן בײַם שרײַב־טיש און זיך נעמען צו דער שרײַב־מאַשין.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך, אמת, געעפֿנט ערשט מאָנטיק נאָכמיטאָג, אָבער שוין עטלעכע טעג פֿריער האָט זיך שוין געקאָכט דאָ. עס האָבן אָפּגעהאַלטן זיצונגען און קאָנפֿערענצן, באַראַטונגען און צונויפֿפֿאָרן די פֿאַרשיידענע ווירקנדיקע און קעמפֿנדיקע כּוחות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. און אין די אַלע פֿאָר־קאָנפֿערענצן און באַראַטונגען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען עטלעכע טעג איידער נאָך דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען אויפֿגעזאַמלט געוואָרן די כּוחות, אויפֿגעשטעלט געוואָרן שלאַכט־פּאָזיציעס און עס זײַנען אויסגעפּרוּווט געוואָרן די אַלערליי קריגס־מכשירים פֿאַר דעם פֿאַרשטייענדיקן קאַמף.

עס קומט אויך פֿאָר די קאָנסאָלידאַציע פֿון די פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז צום ציוניסטישן קאָנגרעס זײַנען געקומען אַ 370 דעלעגאַטן פֿון אַ 61 לענדער אין אַלע פֿינף וועלט־טיילן. איז פֿאַר יעדער פֿון די קעמפֿנדיקע ריכטונגען אין ציוניזם געווען וויכטיק קודם־כּל צוציען צו זיך, צו איר פֿראַקציע, די פֿאַרשטייער, וואָס זײַנען נאָך נישט פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער ריכטונג און פּאַרטיי.

אייניקע פֿון די זיצונגען און קאָנפֿערענצן זײַנען געווען אָפֿענע פֿאַר דער ברייטער עפֿנטלעכקייט. אַנדערע זײַנען געווען געשלאָסענע, בלויז פֿאַר אייגענע פּאַרטיי־מענטשן. גלייך ווי מען איז געקומען קיין באַזעל, — מיר זײַנען געקומען פֿרײַטיק פֿרי, דעם 6טן דעצעמבער, — האָט שוין געוואוסט יעדער איינער פֿון די דעלעגאַטן וואו עס איז זײַן שטאַב,

וואו עס זאַמלען זיך זיינע חברים, פירער, גענעראַלן און וואו עס זיינען אויסגעשטעלט די סטראַטעגישע פּאָזיציעס פאַר די פאַרשטייענדיקע קאַמפּן. און גלייך ווי מיר זיינען געקומען פון מאַרסעל, פון דער שיף, וואָס האָט געפירט דאָס רוב ארץ־ישראל־דעלעגאַטן און די פירער און טוער פון די פּאַרטייען, איז שוין אין באַזעל געווען אויסגעטיילט און באַשטימט דער טרעף־פונקט פאַר יעדער פּאַרטיי. די אַלגעמיינע ציוניסטישע טוער — דאָ; די אַרבעטער־דעלעגאַטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראל־פּאַרטיי (מפא״י) — דאָרטן; די אחדות־העבודה מיט די לינקע פּועלי־ציון — אין דעם האָטעל, דער השומר הצעיר — אין אַן אַנדערן; די רעוויזיאָניסטן — אין אַ דריטן; די מזרחי־טוער מיטן הפּועל־המזרחי — אין אַ פערטן א. אַז. וו. עס זיינען אויך דאָ לאַנד־„שטאַבן״, ווי למשל — פון די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס בילדן אַ גאַר באַזונדערן כוח און ווילן וואַרשיינלעך מיטן ראַבאַי סילווער פּרוּוון צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אינעם קאָנגרעס.

און אויסער די אַלע פאַרשיידענע באַזונדערע שטאַבן פון די באַזונדערע ריכטונגען, האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק, ממש ווי אין אַ בינשטאָק, אין דער קאָנגרעס־געביידע, אין דער גרויסער באַזעלער מוס־טער־מעסע, — אַ ריזיקע געביידע, מיט גרויסע און קליינע צימערן, מיט פיל אַריינגאַנגען, אינדערמיט און אין די זייטן, מיט צענטראַלע און זייטיקע צימערן, מיט אייגענע איינריכטונגען און פּאָסט און טעלעגראַף, רעסטאָראַן א. אַז. וו. צו אָט דער געביידע האָבן זיך געצויגן פון פאַרשיידענע זייטן שטאָט, פון די אַלע האָטעלן און פּריוואַט־צימערן דעלעגאַטן און געסט, וואָס זיינען יעדע ווילע געקומען פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן מיט שיפן, באַנען, מיט עראָפּלאַנען. מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, מענער און פרויען, אַנדערש געקליידטע און מיט פאַרשיידענע שפּראַכן אין זייערע מיילער. יידיש און העברייאיש, ענגליש און דייטש, פראַנצויזיש און שפּאַניש, — אָבער די דאָמינירנדיקע שפּראַך — דאָך יידיש.

אגב, ווער עס לייקנט בכיוון אָדער נישט־בכיוון אין דער ראָלע פון דער יידישער שפּראַך, זאָל ער בייזיין די פאַרשיידענע זיצונגען און באַ־ראַטונגען, און ער וועט צוזען צו זיין שטוינונג און פאַרגאַפונג, אַז יידיש איז דאָך מער ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן ביי אַזאַ מין קיבוץ־גליות די שפּראַך, וואָס פאַרבינדט און פאַראייניקט אַלע, כמעט אַלע. די צאָל פון די, וואָס פאַרשטייען נישט יידיש, איז אין אַלגעמיין פיל ווייניקער פון די, וואָס פאַרשטייען נישט העברייאיש אָדער ענגליש. — דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מען קאָן קאָנסטאַטירן דאָ אויפן סמך פון פאַקטן.

אויף די זיצונגען פון דער ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואו עס האָבן

זיך באַטייליקט די פאַרשטייער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין דער וועלט, אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל, איבער הונדערט, זיינען שוין קאַנטיק געוואָרן אייניקע שטרייט־פונקטן פון דעם קאָנגרעס, און עס זיינען אויך אָנגעצייכנט געוואָרן ווי פון זיך גופא די הויפט־קאָנטורן פון די שלאַכטן, וואָס וועלן זיך פאַנאַנדערפלאַקערן אַרום אידייען, אַרום איינשטעלונגען, אַרום פּרינציפּן, אַרום פּאַרטייען און אויך אַרום מענטשן, וואָס פּער־זאָניפיצירן מיט זיך די פאַרשיידענע מעטאָדן און טאַקטיקן.

נישט נאָר וועט מען פירן אַ העפטיקן קאַמף וועגן די עיקר־פראַגן, וועגן דעם חלוקה־פּלאַן, וועגן דעם ווייטערדיקן מיטאַרבעטן מיט דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט, וועגן די יסודות און פּרינציפּן פון יידנשטאַט, וועגן דער אָנפירערשאַפט, א. אַז. וו., עס וועט אויך גיין אַ נישט־שוואַכערער קאַמף און געראַנגל, אין די קאָמיסיעס און אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמ־לונגען פון דעם קאָנגרעס, קעגן אייניקע פּערזאָנען, וואָס זיינען פאַר דער צייט ביי די און אַנדערע ריכטונגען און גרופּירונגען שטאַרק נישט באַליבט און אַפילו אָפּשטויסנדיק געוואָרן. דאָס דערקענט מען שטאַרק און בולעט אין די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס יעדער פון די פירנדיקע טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג באַקומט פון דעם אָדער יענעם טייל אין זאַל, ווען מען דערמאָנט זיין נאָמען. דאָס האָט מען באַשיינפּערלעך געשפּירט אויף דער אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואו עס זיינען געווען פאַרטראָטן פיל דעלעגאַטן פון אַמעריקע. דער נאָמען דר. נחום גאָלדמאַן איז גאָר נישט אַזאַ באַליבטער, דערפאַר — גייט אַ שטאַרק־אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע, אָפּטמאָל — אַ שטאַרק געקינצלטע — אַרום דעם נאָמען ראַבאַי דר. סילווער, וואָס ווערט דורך אַ שטאַרקער גרופּע אַלץ מער און פעסטער גערוקט אין אויבנאָן. דאָ דערקענט מען גוט די סטראַטעגיע, געפירט דורך אַ גאַנצן „גענעראַל־שטאַב" מיט געטרייע מיט־לויפער, פאַרלויפער און נאָכלויפער. עס איז געווען אינטערעסאַנט צוצוזען ווי אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ איז דר. סילווער געזעסן מיט זיין זאַטן שמייכל אָן אַ זייט, אַרומגערינגלט מיט נושאי־כלים, און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען מען וועט אים פאַרלייגן צו פאַרנעמען די שטול פון פּרעזידענט פון דער קאָנפערענץ. און די צווייטע גרויסע ציוניסטישע פּערזענלעכקייט פון אַמעריקע — דר. סטיפען ווייז — איז זיך געזעסן ערגעץ וויט, אַליין פאַר זיך. און באַלד איז עס טאַקע געשען. מען האָט אָנגערופן זיין, סילווערס, קאַנדידאַטור, און מען האָט הילכיק אַפּלאָדירט, און כלומרשט אומגעריכטערהייט האָט זיך דר. סילווער אויפ־געהויבן צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן און די פירערשאַפט פון דער קאָנ־פערענץ. צי אַזוי לייכט און פשוט וועט אים און זיינע מיטלויפער געלינגען

אויך צו פאַרכאַפּן די מאַכט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס — דאָס איז שוין אַן אַנדערע פראַגע. דאָרטן וועט זיין אויף זיין וועג אַ שטאַרקער ווידער־שטאַנד פון פאַרשיידענע כוחות, וואָס וועלן אַזוי לייכט דעם רודער פון דער באַוועגונג אים נישט אָוועקגעבן.

אָבער דאָס זיינען געווען פאַר־פראָבן, פאַר־רעפּעטיציעס צום גרויסן ספּעקטאַקל גופא, צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט מאַנטיק נאָכמיטאָג, אַזייגער האַלב פינף. עס איז געווען אַן אימפּאָזאַנט בילד צוצוזען ווי טויזנטער מענטשן האָבן זיך בייטאָג אויפגעזאַמלט אַרום דעם גרויסן פּרעכטיקן בנין פון באַזעל, דער שטאָט אין דער שווייץ. באַזעל איז שוין געוואוינט צו האָבן ביי זיך פיל געסט און דעלעגאַטן. עס איז דאָך דער 11טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס קומט פאָר אין דער שטאָט, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין 1897, מיט באַלד 50 יאָר צוריק. ווען מען גייט אַדורך דעם שטראָמיקן ריין, און מען שפּאַצירט איבער דעם שיינעם רחבותדיקן בריק, דערמאָנט מען זיך אָן דעם פּאָפּולערן בילד פון דעם דר. הערצל מיט דער פּאַטריאַרכאַלער באָרד, וועלכער איז אָנגעשפּאַרט אויף דער בריק. און באַזעל גופא איז שוין געוואָרן אַ שטיק סינאָנים צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און נישט אומזיסט איז דאָ אין תל־אביב אַ גאַס מיטן נאָמען באַזעל און מען גייט פלאַנצן אַ באַזעל־וואַלד אין ארץ־ישראל.

די אַלטע און עלטערע קאָנגרעס־באַזוכער קאָנען דעריבער די שטאָט, אירע גאַסן און איינריכטונגען זייער גוט. אָבער פאַר אונדזער איינעם, וואָס איז אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס דאָס ערשטע מאָל, איז אַלץ ביי און פאַרגאַפנדיק. די אַלטע קאָנגרעס־באַזוכער קלאָגן זיך גאָר, אַז עס פעלן אַרום און אַרום אָט די ספּעציעלע דערהויבענע שטימונג און פייער־לעכקייטן, וואָס האָבן באַגלייט די אַלע אַמאָליקע קאָנגרעסן סיי אין באַזעל און סיי אין אַנדערע שטעט פון דער שווייץ אָדער אַנדערע לענדער. באָר, מילא, דאָס איז זייער זאַך. אָבער מיר קוקן זיך צו צו דעם אַלעם מיט נייגיר און פאַראינטערעסירונג. און באַזונדערס איז אינטערעסאַנט און מערקווירדיק די אַלע באַגעגענישן און טרעפענישן דאָ מיט פאַרשיידענע באַקאַנטע, פריינט און חברים, מיט וועלכע מען האָט זיך געטראָפן אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן אין לויף פון אַ 40 יאָר. אָבער דערוויייל אויף שריט און טריט פאַלסטו יענעם אויפן האַלדז, באַגעגנסט זיך מיט היימישע פריינטלעכע בליקן און דריקסט אַ האַנט, וואָס האָסט שוין נישט געהאַלטן זינט פיל יאָר, און מען איזביידע פאַרגאַפט און אויפגעשיטערט. אָט די אַלע באַגעגענישן זיינען אַ „פרייער צוגאָב" צו דעם אַלעמען, וואָס מען לעבט דאָ איבער.

און מען טרעפט אויך טייערע פריינט, וואָס שוין נישט געווען זיכער, צי מ׳וועט זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען, פריינט, וואָס ס׳פאַראייניקט דיך מיט זיי יאָרן פון מיטאַרבעט און מיטשאַפן. אָט איז זרובבל, וואָס שוין אַ 15 יאָר אים נישט געזען. די ביידע מאָל פון מיין באַזוכן ארץ־ישראל, איז ער געווען אין אויסלאַנד... און אָט גאָר חיים גראַדע, וואָס איז דיר אייגן פון זיינע ערשטע דיכטערישע שריט אין פוילן. און אָט איז בערל מאַרק, אַ מיטגייער, מיטקעמפער אינעם קולטור־פראָנט אין פוילן. און אָט א. סוצקעווער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט שווערע יאָרן און איז לעבן געבליבן. און אָט לעאָ פינקלשטיין, וואָס איז אַ שותף צו פאַרמעסטן, גראַנגלעגישן אין יידישן קולטור־לעבן אין פוילן. און אָט איז דר. אַדאָלף בערמאַן, וואָס יאָרן און אַרבעט אין וואַרשע פאַרבינדן דיך מיט אים. און אַזוי כסדר און כסדר — טרעפסטו אָן מענטשן, וואָס דו האָסט באַגעגנט אויף דיין לעבנס־וועג. יעדער קומט זיך פון זיין וועלט, אָבער איינס פאַראייניקט אונדז אַלעמען — די ליידן און פריידן, די גראַנגלעגישן פונעם יידישן פאָלק. און באַגעגענישן פון גלאַט לייענער, פאַרערער פון די „ליטעראַרישע בלעטער״, וואָס זיינען געווען פיל, פיל מער ווי מיר גופא האָבן זיך פאַרגעשטעלט, און זייער ווירקונג איז געווען גאָר גרויס, גאָרנישט צום באַגרייפן.

יאָ, באַזעל איז אַ טרעף־פונקט פון ווייט און נאָענט, פון ווייטע, וואָס ווערן דיר ווידער נאָענט און אייגן.

אָבער מ׳דאַרף איילן צו דער עפענונג פון קאָנגרעס.

מען גייט פּאַמעלעך אַדורך די שאַרפע קאָנטראָל פון איבערקוקן דיין פרעסע־קאַרטע, ביי דער באַשטעטיקונג פון דיין פּאַס (און דער פּאַס, ער איז אומעטום אַ זיכערער פירער און באַגלייטער!), און מען איז שוין אין גרויסן זאַל, וואָס נעמט אַריין אויסער די קנאַפע 400 דעלעגאַטן, 250 פרעסע־פאַרשטייער, אויך איבער 2,000 געסט.

אַדאַנק דעם אַלטן גוטן פריינט י. קלינאָוו, דעם פרעסע־שעף אויפן קאָנגרעס, קריג איך גאָר אַ גוטן אָרט, אין סאַמע „הארץ״ פון דעם פרעסע־טיש, ביי דער טריבונע, וואו איך האָב די מעגלעכקייט צו הערן און צו זען די רעדנער, דעם פאָרזיצער, און דעם גאַנצן זאַל. און אויך ביים פרעסע־טיש — איבערראַשנדיקע באַגעגענישן מיט פריינט, קאָלעגן פון גאָר דער גרויסער יידישער וועלט.

דער עולם צעזעצט זיך פּאַמעלעך אויף די שטולן. אין דעם גרויסן זאַל — איז שפּאַנונג, שפּאַנונג פון ערב עפּעס אַ גרויסער פאָרשטעלונג. אַזוי פילט מען זיך אין אַ גרויסן טעאַטער פאַר אַ גרויסער פרעמיערע אָדער אויף אַ קאָנצערט פון אַ באַרימטן דיריגענט אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. ערגעץ הינטער די קוליסן ווערן פאַרענדיקט די לעצטע הכנות,

אָדער דער גרויסער אָרקעסטער שטעלט אָן זיינע אינסטרומענטן. און אַט באַלד — וועט זיך אָנהייבן דאָס געהויבענע שפּיל.

עס איז אין זאַל דער באַקאַנטער געֶרויש און דער אומרו פון דער־וואַרטונג. מען קאָן נישט איינזיצן אויפן בענקל, מען וואַרפט בליקן אין אַלע זייטן — צו זען און צו דערשפּירן די מיטקוקער, מיטהערער פון דעם פאַרשטייענדיקן גרויסן ספּעקטאַקל.

און אַט — די גרויסע בינע, די פּרעכטיקע טריבונע ווערט אָנגעפּולט מיט מענטשן, פיל באַקאַנטע, באַוואוסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער עפנטלעכקייט, — מענטשן, וואָס מיט זייערע נעמען זיינען פאַרבונדן שטיקער געשיכטע, שטיקער ווירקלעכקייטן פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר, און אויך אייניקע מענטשן־טוער, וואָס זיינען דיר נישט באַזונדערס צום האַרצן, ווייל זיי פאַרקערפּערן מעטאָדן און וועגן, פרעמדע און ווייטע פון דיר.

און אויסער דער גרויסער צאָל פירער פון דער באַוועגונג און פון די פאַרשיידענע צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — אויך פאַרשטייער פון רעגירונגען. און מען גיט שוין איבער פון אויער צו אויער אין דער גרויסער פּרעסע־לאָזשע, אַז עס זיינען דאָ פאַרשטייער פון פאַרשיידענע מלוכות, אויך פון דער סאָוועטישער, אָבער נישט פון דער בריטישער. דער „בעל־דבר" איז נישט געקומען. זיי ווייסן, אַז עס האָט זיך אָנגעקליבן פיל צאָרן און האַס לגבי דער מאַנדאַטן־מאַכט און אַז איינער פון די הויפּט־קאַמפן און הויפּט־שטרייטן וועט דאָך געפירט ווערן און געווענדט ווערן קעגן ענגלאַנד. איז בעסער נישט זיין דאָ. אָבער, ווי מ׳דערציילט, האָט ענגלאַנד דאָ אירע „באַאָבאַכטער"...

און דער באַרימטער האַמער־קלאַפּ אין טיש, — דריי טעמפּע אָבער פעסטע קלעפּ. און דער געֶרויש ווערט איינגעשטילט. און אַט קומט אַריין דר. חיים ווייצמאַן, געפירט פון אייניקע מקורבים און אַפּלאָדיסמענטן פון די, וואָס אַכטן אים, און שטילשווייגן פון אַנדערע, וואָס זיינען קעגן אים.

דר. חיים ווייצמאַן, אַ מידער, בלייכער, שטאַרק־פאַרעלטערטער, נעמט איבער דעם פאָרזיץ. ער לייענט זיין דערעפענונג־רעדע פון פּאַפּיר, באַ־גריסט די פאַרשיידענע דעלעגאַטן, פאַרשטייער פון מלוכות און באַטאָנט שטאַרק יעדע אײנע. דער עולם הערט זיך צו, פאַרנעמט, אַז דער נאָמען ענגלאַנד פעלט... און עס גייען באַגריסונגען — פון באַזעלער קאַנטאָן, פון פאַרזיצער פון די יידישע קהילות אין דער שווייץ, פון דער יידישער קהילה אין באַזעל. עס באַקומט זיין באַגריס־וואָרט דוד רמז, אין נאָמען פון דעם ועד־הלאומי אין ארץ־ישראל.

דערנאָך קומט די לענגערע עפענונג־רעדע פון דר. חיים ווייצמאַן

אין ענגליש. זי ווערט געלייענט פֿון פּאַפּיר, זי פֿאַרמאָגט זייער וויכטיקע ערטער און מאָמענטן, אָבער צוליב דער שוואַכער שטימע דערגייט זי נישט צום ברייטן עולם און מאַכט נישט דעם געהעריקן איינדרוק.

די ערשטע פֿייערלעכע זיצונג ווערט פֿאַרענדיקט. דער גרויסער עולם איז שטאַרק אַנטוישט. נישט געווען יענע דערוואַרטעטע פֿייערלעכקייט, וואָס מען האָט געוואָלט. צעגייט מען זיך, צו קומען שפּעטער, אַזייגער אַכט, צו דער אָוונטיקער יזכור־זיצונג.

עס ווילט זיך באַטאָנען, אַז דאָס וואָס עס האָט געפֿעלט אויף דער ערשטער פֿייערלעכער זיצונג, די שטימונג אין זאַל, דער קאָנטאַקט מיטן גרויסן דריי־טויזנט־קעפּיקן עולם, האָט זיך געשאַפֿן אויף דער צווייטער זיצונג. דאָ האָט שוין דר. חיים ווייצמאַן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אָפֿיציעלן שטאַטסמאַן, נישט געלייענט וואָרט אין וואָרט פֿונעם גע־שריבענעם ענגלישן, נאָר ער האָט גערעדט פֿון האַרץ צו האַרץ, רירנדיקע יידישע רייד אין יידיש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די גרויזאַמע זיבן יאָר, אויף די מוראדיקע פֿאַרוויסטונגען, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט אין פֿאָלק און אין די לאַנג־דורותדיקע ישובים, און אָנגעשלאָגן דעם אמתן פֿאָלקס־טאָן, וואָס האָט אימפּאָנירט מיט זיין עכטקייט און פֿאָלקסטימלעכ־קייט. נאָך ווייצמאַנס רירנדיקער רעדע, האָט מספּיד געווען די אומ־געקומענע און חרובֿע יידישע ישובֿים הרבֿ בראָדט מיט אַפּט צו־דראַמאַ־טישע פֿראַזן, אָבער זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, נישט געקוקט אויף פֿאַרשיידענע פּאָלעמישע שטעלן, וואָס האָבן נישט געטאָרט אַריינגעבראַכט ווערן אין אַ פֿייערלעכער טרויער־רעדע... דער זאַל איז געווען באַלויכטן און עס האָט באמת געהערשט אַ מין יום־כּיפּור־שטימונג, ווי צו „כּל נדרי" אין אַן אַלטער יידישער שול. די גרויסע טריבונע איז געווען באַהאַנגען מיט שוואַרצע טיכער און צוויי ליכט האָבן געברענט. און ווען דער חזן האָט געזאָגט אַן אל מלא רחמים, איז דער גרויסער עולם געשטאַנען אין טיפֿן טרויער און מען האָט כּסדר געהערט אויפֿכליפּען און אויסברוכן פֿון געוויין. דאָ האָט שוין דער קאָנגרעס זיך אויפֿגעהויבן צו אַ יידישער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג.

עס איז געווען אַ טראַגיש־דערהויבענער מאָמענט, וואָס האָט פֿאַר־אייניקט אַלע, אַלע אין זאַל.

אָט די אָוונט־זיצונג פֿון דעם קאָנגרעס איז געווען אַ שטאַרקע און איינדרוקספֿולע, וואָס האָט אַלעמען אויפֿגעציטערט. און אַז מען האָט די זיצונג פֿאַרענדיקט, איז דער עולם אַרויס פֿון זאַל דערדריקט אונטער דער שווערער לאַסט פֿון די שטימונגען און געפֿילן, וואָס די רעדעס און דער אֵל מָלֵא רחמים האָבן אַרויסגערופֿן.

און אַזוי איז אַריבער דער ערשטער טאָג פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס אַלע האָבן אויף אים אַזוי געוואַרט און אַרויסגעקוקט.

באַזעל, דעם 11טן דעצעמבער 1946.

35

דאָס גרויסע פאָלקס־שפּיל

פינף טעג כסדר, מיט גאַנץ־קליינע הפסקות, ציט זיך די גרויסע שפּיל אינעם גרויסן באַזעלער מוסטער־מעסע־בנין. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. די גרויסע פיל־שטאָפּלענדיקע בינע־טריבונע איז באַלויכטן און באַזעצט מיט די הויפּט־פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַ פיל־טויזנט־קעפּיקער עולם פילט אָן דעם זאַל, אונטן, און די גאַלעריע אויבן. פּאָליציי פון באַזעלער שטאָט, מיט דער הילף פון די יידישע אָרדנער אין די ספּעציעלע „מכבי"־אוניפאָרמען, היטן די אַריינגאַנגען פון דרויסן און יעדע טיר צום זאַל צו, אַז אַ מענטש אָן אַ ספּעציעלן בילעט זאָל נישט אַריינקומען אין זאַל, אין פּאָיע, אויף דער טריבונע. עס קומט פאָר אַ שטרענגע קאָנטראָל, ביי יעדן אַריינגאַנג מוז מען צו דער קאָנגרעס־קאַרטע וויזן אויך דעם פּאַס, און דער פּאָליציי־מאַן פאַרגלייכט שנעל דאָס בילד אין פּאַס מיט אייער פּרצוף־פּנים.

פינף טעג כסדר, מיט קורצע איבעררייסן, גייט אָן דער ציוניסטישער קאָנגרעס מיט זיינע זיצונגען — דריי אַ טאָג — און די שפּאַנונג צו דעם אַלעמען וואָס קומט פאָר אויפן קאָנגרעס, האַלט אין וואַקסן; די רעדעס, אַפריער די רעפּעראַטן און איצט די דעבאַטע, וואָס פירט זיך אַרום די רעפּעראַטן פון די פירנדיקע טוער אין דער באַוועגונג אָדער פון די פאָר־שטייער פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, — דאָס אַלץ ווערט אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס, און פאַרשיידענע טיילן פון דעם עולם, סיי די דעלעגאַטן און סיי די געסט, רעאַגירן אויף זיי פאַרשיידן מיט אַפּלאָדיסמענטן, מיט רעפּליקעס פון די ערטער, און אָפט אַפילו מיט פייפערייען אָדער מיט אויסשרייען „בוז", „שאַנדע". דאָס געשעט, ווען מ'דערמאָנט די ברוטאַלישקייטן פון ענגלאַנד.

און מיר, די פּרעסע־מענטשן, איבער 200 אין צאָל פון פאַרשיידענע עקן וועלט, זיצן אויך צוגעשמידט צו אונדזערע בענקלעך ביי די טישן אַרום דער טריבונע, און פאַרנעמען אויך מיט גרויס פאַראינטערעסירונג

און נייגיר און שפּאַנונג אַלדאָס, וואָס עס טוט זיך אויף דער בינע, אויף דער טריבונע, אין זאַל און אויף דער גאַלעריי.

עס איז אַ גרויסע קאָלעקטיווע, פּילפּאַרביקע און פּילגעשטאַלטיקע פאָלקס־שפּיל, געשאַפן און אויפגעשטעלט דורך דער בשותּפותדיקער אָנ־שטרענגונג און שאַפערישער ענערגיע פון אַ באַשטימטן טייל אין דער יידישער וועלט; דער סוזשעט איז פונעם פאַרגאַנגענעם און היינטצייטיקן הערצאישן יידישן לעבן מיט די אַלע געראַנגלענישן, קאַמפן, האָפענונגען און פאַרצווייפלונגען, טרוימען און ווירקלעכקייטן, פאַרמעסטן און דורכ־רייסן, וויטיקן און דערמוטיקונגען פון דעם יידישן פאָלק אין דער היינטיקער אויסטערלישער, גרויזאַמער, פיבערדיקער צייט. דאָס איז דער פאָן, דער הינטערגרונט פון די אַלע רעפעראַטן און אַרויסזאָגעכצן, וואָס ווערן פון דער בינע־טריבונע אַרויסגעבראַכט אין די פאַרשיידענע פאָרמען, אויף פאַרשיידענע שפּראַכן דורך די יידישע שטאַטסמענער, פּאָליטיקער, פּאַרטיי־פירער, רבנים, „מטיפים" און רעדנער פון פאַרשיידענעם גראַד, כאַראַקטער און הייך.

עס איז באמת אַ הערלעך בילד.

אויב עמעץ וויל, קאָן ער באַשליסן און זאָגן, אַז די רעדנער און די פאַרטרעגער חזרן זיך שטאַרק איבער; אַז פיל פון דעם, וואָס מען זאָגט די לעצטע צוויי טעג, האָט מען שוין אין אַנדערע ווערטער, אין אַן אַנדער נוסח שוין אַרויסגעזאָגט, און אָט דער איינער קאָן זיך דעריבער לייכט אויפהויבן פון זיין אָרט און אַרויס פונעם זאַל און שפּאַצירן איבער די קולואַרן, וואָס שווינדלען און ווימלען מיט מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אַרויס פונעם זאַל כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און אַביסל זיך „אָנטשפּאַנען". און די־אַ אַרויסגייער און שפּאַצירער זיינען אָפט גערעכט, ווען אויף דער בינע געפינט זיך איינער, אַן עמעץ, וואָס האָט טאַקע באמת נישט וואָס צו זאָגן, נאָר לויטן שליסל פון די פּראַקציעס האָט ער באַקומען אויף אַ האַלבער שעה די פּלאַטפאָרם און האָט נישט וואָס צוצוטראָגן אייגנס, טיפעס און וויכטיקעס, וואָס זאָל אַרויסשטאַמען פון זיין אייגענעם האַרץ און מוח און נישט גלאַט פאַרטיקע פּראַזן, אָפּגעטראָגענע און אָפּגעשלאָגענע.

אָבער דאָס איז אַן אויסנאַם. דערווייל, ביי קליינע אויסנאַמען, איז פאַראַן אינטערעס, איז דאָ שפּאַנונג, ווערן די אַלע וויטיקדיקע „פאַר־שאָלטענע" פּראָבלעמען פונעם יידישן זיין, פונעם שווערן געראַנגל מיט דעם שווערן ענגלישן בעל־דבר, פון די אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס ליגן אויפן וועג פון דעם פּולן פאַרווירקלעכן פונעם ציוניסטישן געדאַנק און אידעאַל, פון די אַלע שוועריקייטן, וואָס איבער 200 טויזנט יידן מאַכן אַדורך אין די לאַגערן און אין אייניקע מדינות, — דערווייל איז

די טעמפּעראַטור סיי ביי די רעדנער און סיי ביי דעם גרויסן עולם דעלעגאַטן און געסט אַ הויכע, אַ שטייגנדיקע.

עס איז קיין ספק נישט, אַז דורך די פאַרשיידענע רעדעס, רעפעראַטן און דיסקוסיעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן און געפירט געוואָרן מיט אַזויפיל ברען, פּאַטאָס, ווי און צווייפל, קומט אַרויס בולעט און שאַרף, שטאַרק און פעסט דאָס בילד, דער כאַראַקטער, די טראַגיק און כוח פון דעם יידישן פאָלק, סיי אין דעם ארץ־ישראל־ישוב און סיי אין דער גרויסער וועלט. מעג דער אָדער יענער רעדנער האָבן אין אויג, אין זיינען גאַנץ־אַנדערע געדאַנקען און איינשטעלונגען און מאַכן אויספירן פון דעם אַלעמען, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין רעדע, אין זיין וואָרט, אָבער עס זיינען פאַר אונדז פון גרויס באַטייט אָפּטמאָל די זייטיקע אָפּנויגן, די באַמערקונגען, די פעסטשטעלונגען, וואָס גייען אָפּט אַריבער די גרענעצן און ראַמען פון דעם הויפּט־פּראָבלעם און די עיקר־פראַגע.

איינעם און דעמזעלבן גאַנג און ריכטליניע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרטיידיקן אָפּט עטלעכע רעדנער, וואָס זיינען אין תוך טיף־פאַרשיידן און אַנדערשדיק און זיי קומען פון פאַרשיידענע זייטן און ווינקלען אינעם יידישן לעבן, אינעם יידישן געדאַנקען־צענטער. עס זיינען פאַרטראָטן אינעם ציוניזם, אין די פאַרשיידענע פראַקציעס און ריכטונגען זיינע, די פאַרשטייער פון דעם יידישן פאָלק, פון דער יידישער מאַסע פון פאַרשיידענע לענדער, תקופות און איינשטעלונגען אינעם יידישן פאָלק. און אָט דער פילפאַרביקער „רעגנבויגן", וואָס ציט זיך איבער די הימלען פון איין פראַקציע, פון איין פעסטער און געשלאָסענער ריכטונג, איז זייער אינטערעסאַנט און מערקווירדיק. דעם דרך־המלך, דעם הויפּט־גאַנג, דעם ברייטן שליאַך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דער סוכנות, פון די הויפּט־אָרגאַנען פון דעם ציוניזם האָבן פאַרטיידיקט און באַרעכטיקט די פאַרשיידענע פירער פון דער באַוועגונג, אָבער ווי פאַרשיידן זיינען די אַרגומענטן, די אַריינטייטשונגען, די יסודות, די באַגרינדונגען פון די רעדנער און זייער אַנאַליז און דיאַגנאָז פון דעם יידישן לעבן און קאַמף אין דער איצטיקער צייט. און אַפילו די פאָרם, דער סטיל פון די רעדעס, די צווישנרופן און באַטאָנונגען. אַוודאי זיינען געווען גאָר אַנדערש די אַרויסטרעטונגען פון דר. חיים ווייצמאַן, דוד בן־גוריון, גאָלדע מייערסאָן, בערל לאָקער, דר. נחום גאָלדמאַן און די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די גאָר נישט־לייכטע ראָלע און אויפגאַבע צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן די אַלע טואונגען און פּאָליטיק פון דער סוכנות, פון דער פירערשאַפט אין ירושלים, אין פּאַריז, אין לאָנדאָן א. אַז וו. יעדער רעד־נער, יעדער פירער מיט זיין אופן פון אונטערשטרייכן און באַטאָנען און

אַרגומענטירן. ביי ווען מען עס האָבן זיך געהערט קאַלטע פּאָליטישע אָדער דיפּלאָמאַטישע אויסרעכענונגען און שפּילערייען, און ביי ווען מען — טיפער וויטיק, טיפער גלויבן און טיפער יידישער בטחון. ווער עס האָט זיינע ווערטער און טענות און תשובות אָנגעבונדן אָן דעם אַלטן יידישן בטחון־אַנקער, און ווער — אויף דעם געשפּיל פון די דיפּלאָמאַטישע קונצן און דריידלעך.

מיר האָבן געהערט אינצווישן די רעדעס און פּאָלעמישע רעטאָריקעס אויך טיפע אַרויסזאָגונגען, וואָס וואָרצלען און נעסטלען אין דער יידישער נשמה און פּסיכיק. האָט גאָלדע מייערסאָן אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, אַז אין דעם ציוניזם האָבן אַלעמאָל געקעמפט די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע יסודות פון „רעטונג" און „גאולה", אַמאָל האָט זיך איין יסוד געשטאַרקט און אַמאָל אַ צווייטער. האָט בערל לאָקער אַ זאָג געטאָן, אַז עס איז טאַקע אַ גזירה שווה, אָבער מער גזירה ווי שווה. און דורך פאַרשיידענע רעדנער איז געקומען צום אויסדרוק, אַז מיר דאַרפן לייגן אַכט און אַכטונג, אויפ־מערקזאַמקייט און פאַראינטערעסירונג אויף די אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט, ווייל עס איז נישטאָ קיין באַזונדערער און אָפּגעטיילטער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, נאָר אַלדי יידישע קיבוצים זיינען און דאַרפן זיין איין יידישער ישוב פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. און דר. משה סנה האָט אין זיין טרעפלעכער רעדע אַרויסגעבראַכט, אַז מיר דאַרפן זיין אַזויפיל אַנטי־בריטיש ווי ענגלאַנד איז אַנטי־ציוניסטיש, נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער... און באַזונדערס האָט מען זיך פיל פון פאַרשיידענע זייטן און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָפּגעשטעלט און אויפגעקלערט דעם ענין פון „מסדה", פון „רק כך" (דער לאָזונג פון די טעראָריסטן אין ארץ־ישראל), פון „תמות נפשי עם פלישתים", דאָס מיינט, קאַמף פון פאַרצווייפלער און זעלבסט־אומברענגער.

אין די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן, זיינען אויך פיל מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן גרויסע תביעות און פאַרלאַנגען צום אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס דאַרף איצט, מער ווי ווען עס איז, דערפילן זיין חוב, זיין פליכט, זיין טיפע פאַראַנטוואָרטונג פאַרן יידישן פאָלק, פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום פונעם יידישן פאָלק.

און וויבאַלד דערמאָנט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, ווילט זיך זאָגן, אַז דערווייל האָט מען קיין גרויס נחת און באַפרידיקונג פון דער גאָר־גרויסער אַמעריקאַנער יידישער דעלעגאַציע נאָך נישט געהאַט. אין די ערשטע פינף טעג, סיי אין דער דערעפענונג און סיי אין די זאַכלעכע זיצונגען פון דעם קאָנגרעס, האָט מען נאָך נישט געהערט פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן דאָס וויכטיקע יידישע וואָרט, וואָס זאָל אויפטרייסלען,

וואָס זאָל ברענגען צום אויסדרוק דעם כוח, דעם גייסט, דעם פּאַרנעם און די פּאַרמעסטן פון די פינף אָדער פינף־אַ־האַלב מיליאָן יידן, וואָס זיינען דאָ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. דערוויל זיינען אַרויסגעטראָטן בלויז די ראַבאַיס, די פאָרשטייער פון דעם מער־ענגלישן טייל, מער־אַמעריקאַני־זירטן טייל פון דער יידישער אַמעריקע, וואָס ווילן איצט פאַרכאַפּן אָדער האָבן שוין פאַרכאַפּט די פּאָזיציעס און די פירונג פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן. עס האָט מער גערעדט דער וואַשינגטאָנער „אָפּיס", איידער די פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער פאָלקס־ציוניסטן, וואָס זייער צאָל איז געוויס אַ באַדייטנדיקע. דערוויל האָבן מיר געהערט ראַבאַישע רעטאָריק, שיינע ענגלישע רעדעס, וואָס זיינען אָבער נישט דערגאַנגען צום רוב קאָנגרעס, וואָס פאַרשטייט און פאַרנעמט מער יידיש אָדער העברייאיש, ווי ענגליש. דערוויל איז נאָך נישט געקומען צום וואָרט קיינער פון די פּועלי־ציון אין אַמעריקע, און מען מעסט און מען שאַצט אָפּ די יידישע אַמעריקע לויט די דערווייליקע אַרויסטרעטונגען פון די סילווערישע ציוניסטן און זיינע מיטלויפער און נאָכלויפער. — זיצט חיים גרינבערג די גאַנצע צייט אין דעם פּרעזידיום פון דעם קאָנגרעס און נעמט אויף די פּיילן, וואָס ווערן געשאָסן אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם און ציוניסטן, און אויף זיין דאַר, טונקל־גרין געזיכט זעט מען די אומצופרידנקייט, די נישט־באַפרידיקטקייט פון זיינע מיטבירגער, מיטגייער, מיטקעמפער. וועט ער זיך פון זיי שאַרף אָפּשאָקלען, וועט ער אַרויסברענגען אַן אַנדער מין אַמעריקאַנער ייד און ציוניסט? — דאָס וועלן מיר זען די טעג, ווען עס וועט קומען די ריי פאַר זיין אַרויסטרעטונג... און דערוויל ווערט קלאָר איין זאַך, וואָס איז דער איינדרוק פון די ערשטע פינף טעג קאָנגרעס, אַז דר. סילווער וועט נישט אַזוי לייכט איבערכאַפּן די מאַכט, ווי אַנדערע האָבן דאָ לכתחילה געהאָפט און געמיינט. ער איז דאָ גאָרנישט אַזוי פּאָפּולער און באַליבט און באַוואוסט, ווי עס איז געווען דער פאַל צוריק מיט אַ וואָך אויף דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון די ציונים כללים. — די ערשטע קאָנגרעס־וואָך האָט דערוויל קיין פיל סימפּאַטיעס אָדער פּאָפּו־לערקייט אים נישט געשאַפן, און פאַרקערט — אָפּגעצויגן, פיל פאַר־קלענערט. דער קאָנגרעס, איינגאַנצן גענומען, ווען עס זיינען אין אים באַ־טייליקט פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער, די יידישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אין דעם ממשותדיקן ארץ־ישראל אַריינגעלייגט מענטשלעכע האַרעוואַניע, אויפגעבויט קיבוצים, אויפגעשטעלט גרויסע אינסטיטוציעס, געפירט דעם טאָג־טעגלעכן און פיל־יאָריקן שווערן קאַמף, פאַר יעדן שריט, פאַר יעדער שטיק ערד, פאַר יעדן שטיק באָדן, — דאָ איז דער קאָנגרעס איז דאָ אַ גאַנץ־אַנדערע מאָס און וואָג. און מיט דער מאָס און וואָג איז דר. סילווער און

זיין גאַנצער גאַנג אַ נישט־גאָר נאָענטער און באַליבטער ביים גרויסן עולם.

און ווען מען רעדט וועגן אומפּאָפּולערקייט און וואָג און מאָס, וואָס עס זיינען דאָ אויף דעם גרויסן צוניפּטרעף, דעם קאָנגרעס, דאַרף מען דאָ גלייך באַטאָנען און מיט פריידן קאָנסטאַטירן, אַז די רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינעם קאָנגרעס און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אומלעגאַל, — ווי אַ פאָרשטייער פון דעם „השומר הצעיר“ האָט געזאָגט, — אַז די רעוויזיאָניסטן האָבן דורך זייערע אַרויסטרעטונגען זיך אַרויסבאַוויזן פאַר דעמאַגאָגן, אומפאַראַנטוואָרטלעכע פראַזעאָלאָגן, וואָס דער גרויסער עולם, אויסער זייער גרופּע, נעמט אויף מיט פאַראַכטונג, מיט געלעכטער, חוזק און ביטול. עס איז געווען זייער גוט, וואָס גלייך ביים אויסקלייבן דעם פּרעזידיום, וואו מען האָט אויך געגעבן אַן אָרט פאַר אַ פאָרשטייער פון דער רעוויזיאָניסטישער פראַקציע, — עס איז געווען גוט, וואָס סיי דער פאָרשטייער פון „השומר הצעיר“, סיי דער פאָרשטייער פון דער „אחדות העבודה“ האָבן געמאָלדן, אַז זיי זיינען שאַרף קעגן דעם, וואָס מ׳האָט אינעם פּרעזידיום אויסגעקליבן אַ רעוויזיאָניסט, ווייל די רעוויזיאָניסטן שטייען אויסער דער באַוועגונג, זיינען יידישע פאַשיסטן און ברענגען גרויס שאָדן דעם יידישן ישוב און יידישן פאָלק מיט זייערע מעשים תעתועים אין אַלע צייטן און אויך איצט... און דער גרויסער עולם האָט מיט זיינע אַפּלאָדיסמענטן באַוויזן, ווי אומבאַליבט די חברה־רעוויזיאָניסטן זיינען אינעם יידישן פאָלקס־ און אַרבעטער־לעבן אומעטום, אין ישוב און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. און טאַקע די ערשטע צוויי אַרויסטרעטונגען פון די רעוויזיאָניסטישע דעלעגאַטן האָבן זיך איינער דעם צווייטן איבערגעיאָגט מיט די דעמאַגאָגישע, אַנטי־דעמאָקראַטישע שטיק און הפקר־לאָזונגען, וואָס ברענגען איצט און קאָנען ברענגען שאָדן. און ווען זיי האָבן גענומען מיט באַנומענע קולות צו דראָען מיט טעראָר, מיט פאָלגן, מיט רעפּרעסיעס, האָט דער גרויסער קאָנגרעס־זאַל באַגלייט די חברה־לייט מיט שאַרפע אויסרופן און פייפערייען (דאָ אין אייראָפּע — נישט ווי אין אַמעריקע — פייפט מען, ווען מען פייפט־אויס, ווען מען איז אומצופרידן, ווען מען איז אויפגעבראַכט אויף אַ רעדנער!).

און די רעוויזיאָניסטן האָבן געקראָגן זייער אָפּשניט אין די אַרויסטרעטונגען פון י. חזן, י. ריפטין (פון „השומר הצעיר“), ווי אויך אין אַ מילדערער פאָרם, פון בערל לאָקער, דר. משה סנה, וואָס האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז די רעוויזיאָניסטן זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען מיטן וועג צו קאָמפּראָמיטירן די פירנדיקע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און איצט, מיטן שטיצן און אונטערהאַלטן דעם טעראָר, ברענגען זיי גרויס שאָדן דעם גאַנצן יידישן ישוב און אויך דעם יידישן פאָלק.

כמעט אַ וואָך צייט ציט זיך די גרויסע קאָלעקטיווע פּאָלקס־שפּיל, דער גרויסער העראָאישער ספּעקטאַקל, וואָס איז נישט רעזשיסירט און אויסגעפורעמט פון איינעם, נאָר עס איז די שאַפונג פון דער באַוועגונג, פון די אַלע כּוחות, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון אויפבויכטן ארץ־ישראל, פון קעמפן און באַקעמפן די אַלע שטערונגען, וואָס די בריטישע מאַכט לייגט איצט אויפן וועג פון פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניסטישן אידעאַל.

און איצט, פּרייטיק פאַרנאַכט, ביי דער גרעסערער שבת־הפסקה, גרייט מען זיך צו די נייע אַקטן, צו די ווייטערדיקע טעג פון דעם קאָנגרעס, צו די ווייטערדיקע שלאַכטן און קאַמפן.

דעם 13טן דעצעמבער 1946.

36

געראַנגל פאַר וועגן און מעטאָדן

איך בין קיינמאָל נישט געווען אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, כאָטש שוין אַ מעשה פון אַ פיר צענדליק יאָר ווי איך פאָלג נאָך אַלעמאָל מיט מער אָדער ווייניקער אינטערעס און נייגער צו דעם וואָס עס טוט זיך אויף די ציון־קאָנגרעסן. יעדער באַוואוסטזיניקער ייִד, צו וועלכער ריכטונג ער האָט נישט געהערט אַלע די יאָרן זינט אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט, האָט געמוזט זיך צוהערן צו דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, צו די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין ציוניזם, און עס איז אַלעמאָל געווען פון גרויס וויכטיקייט צו וויסן די וועגן און אומוועגן, וואָס די פאַרשיידענע ציוניסטישע צווייגן און אָפּצווייגן האָבן אין יעדער צייט, אין יעדער תקופה אַדורכגעמאַכט.

איצט בין איך צום ערשטן מאָל אַליין אויף אַ קאָנגרעס און איך בין מיך מודה און מתוודה — איך בין נישט סתם־אַזוי אַ פּרעסע־מענטש, וואָס מוז נעבעך זיצן און אויסזיצן לאַנגע שעהען ביים פּרעסע־טיש און אויסהערן רעדעס מיט רעפעראַטן, דעבאַטעס מיט אַריינזאָגעכצן און דאַרף זיי פאַר עמעצן איבערגעבן, און צו זיך גופא האָט עס אַ קנאַפּע שייכות. און איך וויל אויך בפרהסיא מעלדן, אַז איך בין עד־היום נישט קיין ציוניסט און בין נישט מסכים מיט די עיקר־איינשטעלונגען פון די ציוניסטן און בין שטאַרק מחולק אין פיל קאַרדינאַלע פראַגן און פּראָבלעמען בנוגע דעם יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט, מחוץ־לארץ, און גיי זיך שטאַרק

פא̇נא̇נדער אין דער פֿרא̇גע פֿון יידיש, יידישן שאפֿן, יידישע נא̇ענטע פֿא̇ר־גא̇נגענהייט, די רא̇לע פֿון די יידישע ישובים חוץ ארץ־ישראל א. א̇ז. וו.

איך קום איצט פֿון ארץ־ישראל, וואו איך הא̇ב מיך צוגעקוקט אויפֿן א̇רט אין לא̇נד בכלל און בעיקר — אין יעדן קיבוץ און קבוצה בא̇זונדער צו דעם לעבן און קעמפֿן, צו די שלא̇כטן און גערא̇נגלענישן, וווא̇ס יידן — מיינע ברידער און שוועסטער — פֿירן א̇ן מיט א̇ קא̇לא̇ניא̇לער קא̇פּיטא̇ליס־טישער רעגירונג, א̇ קא̇מף אויף לעבן און טויט און א̇ן מליצות, נא̇ר בפּועל־ממש. איך הא̇ב מיך בא̇פֿריינדעט, דערנעענטערט צו פֿיל הונדערטער און הונדערטער יידן, יונג און א̇לט — יידן, געקומענע פֿון די טייערע, טיף אין מיין הא̇רצן איינגעבא̇קענע ערטער און געגנטן — יידן, וווא̇ס זיינען ביין פֿון מיין ביין, פֿלייש פֿון מיין פֿלייש; יידן, וווא̇ס הא̇בן דעם אייגענעם א̇לטן און נייעם יחוס־בריוו ווי איך און וווא̇ס הא̇בן א̇זויפֿיל בשותפֿותדיקע איבער־לעבענישן, ספֿקות און טרוימען; יידן, וווא̇ס די יידישע שפּרא̇ך, אירע שא̇פֿער און דיכטער, אירע פּרא̇בלעמען און פּא̇רמעסטן זיינען זיי א̇זוי טייער ווי מיר, און יידן, וווא̇ס לעבן א̇ שווער לעבן ביי גא̇ר שווערע פּא̇ליטישע און געזעלשא̇פֿטלעכע און עקא̇נא̇מישע בא̇דינגונגען, א̇בער עס שטרא̇לט א̇רויס פֿון זיי, ווי פֿון דעם לעגענדא̇רן בילד פֿון משה־רבינו, שטרא̇לן פֿון זייערע שטערנס, הערצער און גופֿים. איך קום פֿון דעם רא̇נגלענדיקן יידישן ישוב, וווא̇ס ווייזט א̇רויס גלייכצייטיק פֿא̇ר זיינע אידעא̇לן א̇זוי פֿיל גבֿורה (ממש), א̇זוי פֿיל מסירת־נפֿש (ממש) פֿא̇ר דער פֿא̇רטיידיקונג פֿון זיינע רעכט אויף לעבן און בויען, פֿא̇ר די וווא̇ס ווילן און דא̇רפֿן קומען קיין ארץ־ישראל דורך א̇לע מעגלעכע און אוממעגלעכע (א̇בער דא̇ך מעג־לעכע) וועגן. איז מיר זייער לעבן, זייער קא̇מף, זייער גערא̇נגל, זייער ווידערשטא̇נד, זייער דרא̇נג (נישט געקוקט אויף דעם וווא̇ס מיר גייען זיך פֿא̇נא̇נדער אין פֿיל עיקרים) נא̇ענט און טייער געווא̇רן.

דעריבער בין איך געפֿא̇רן צום קא̇נגרעס, זיץ מיר ביי דעם פּרעסע־טיש, נעם אויף די א̇לע רעפֿערא̇טן, רעדעס און דיסקוסיעס און וויל דורך זיי מערער און שא̇רפֿער אויפֿנעמען און אויפֿקלערן פֿא̇ר זיך דעם גא̇נצן גא̇נג, דעם עיקר־העיקרים, די א̇לע ספֿקות און דערווידערונגען, וווא̇ס עס ברענגען א̇רויס און שטעלן א̇רויס די פֿא̇רשיידענע רעדנער. און גרא̇ד ווייל איך בין דא̇ נישט פֿא̇רקניפּט און פֿא̇רבונדן מיט קיין פּא̇רטיי־רצונות און שטיי בכלל איבער די ריכטונגען און א̇פּריערדיקע פֿא̇רא̇ורטיילן און פּא̇רטיק־א̇נגענומענע איינשטעלונגען און בא̇שלוסן, הער איך מיך איין מיט מער געדולד און מיט מער פֿא̇ראינטערעסירטקייט און ממילא מיט מער א̇ביעקטיוו̇קייט צו דעם א̇לעם, וווא̇ס עס טוט זיך אויף דער טריבונע, און וווא̇ס דערגייט צו אונדז אין זא̇ל.

עס איז שוין אַ וואָך, ווי עס איז פֿאַרגעקומען די פֿייערלעכע עפֿענונג פֿון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. מען האָט שוין לאַנג אָפּגעהאַלטן די פֿייערלעכע רעדעס און די לכתחילה־צוגעגרייטע רעפֿעראַטן וועגן פֿאַרגאַנגענע יאָרן, ווי אויך אַלגעמיינע אָפּשאַצונגען. מען האָט שוין אויסגעהערט די רעדעס פֿון די פֿירער פֿון דער עקזעקוטיווע, אין וועלכע עס זיינען דאָ נישט־ווילנדיק פֿיל סקאַרבאָווע געדאַנקען און מאָטיוון, וואָס דינען ווי דעקאָראַטיווע באַפּוצונגען, ווי אָרנאַמענטיק אָדער ווי פֿאָרשפּיל און צושפּיל פֿאַר די דעלעגאַטן און געסט.

הכלל, מען איז אַריבער צו די זיבן וואָכעדיקע טעג און צו דער גענעראַל־דעבאַטע, וואָס ווערט שוין געפֿירט אָפֿן און קלאָר, מיט פֿיל אינעווייניקסטע געפֿילן און איבערלעבענישן און מיט דער פֿולער אָפֿנהאַרציקייט. האָט טאַקע דר. מ. סנה, ווען ער האָט געהאַלטן זיין לענגערע רעדע און יצחק גרינבוים האָט אים אינמיטן איבערגעריסן, געגעבן אַ געשריי מיט פּאַראיבל: „איך האַלט נישט קיין רעדע, עס איז אַ ווידוי, — און ווידוי שלאָגט מען נישט איבער.“

יאָ, צווישן די פֿאַרשיידענע רעדנער, וואָס טרעטן אויף, האָבן מיר גלאַט רעדנער, וואָס זיינען יוצא די מצווה אָדער דעם מנהג גאָר די שוואַכקייט אויפֿצוטרעטן און רעדן, הגם זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און אויך דאָס, וואָס זיי זאָגן, קומט פֿון מויל, נישט פֿון טיפֿן האַרצן אַרויס. אָבער אין משך פֿון דער גענעראַל־דעבאַטע קומט אויס אויסצוהערן טיפֿע רירנדיקע רעדעס, וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זייער אינעווייניקסטן צער, צאָרן און דערשיטערונג.

זייער ריכטיק האָט געזאָגט זרובבל אין אָנהייב פֿון זיין רעדע, אַז נישט קיין 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן מיר דאָ, נאָר דעם ערשטן קאָנגרעס נאָכן גרויסן יידישן חורבן, וואָס האָט אָוועקגענומען זעקס מיליאָן יידן און אָפּגעווישט גרויסע יידישע ישובים. און ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיין אַדורכגעדרונגען מיט אָט דעם געפֿיל און מיט אָט דעם טראַגיזם. און עס איז אויך געווען אמת אין זיינע רייד, אַז אַזאַ מין קאָנגרעס וואָלט מען באַדאַרפֿט איינאָרדענען נישט אין דער פֿרעמד, נאָר אָדער אין וואַרשע — אין דעם אָרט פֿון אונדזער טראַגיק, אָדער אין ירושלים — אינעם צענטער פֿון אונדזער העראָאיק... איך מיין, אַז מען קאָן אָט די ווערטער פֿאַראַפֿראַזירן: אין וואַרשע — אינעם אָרט פֿון אונדזער העראָאיק, און אין ירושלים — אינעם צענטער פֿון אונדזער טראַגיק!

יאָ, טראַגיק, טיפֿע טראַגיק — אָט דער לייט־מאָטיוו באַגלייט פֿיל, פֿיל פֿון די בעסטע רעדעס, און די ערנסטסטע און די אויפֿריכטיקסטע, וואָס

מען הערט אויפן קאָנגרעס. טיפע טראַגיק שלאָגט אַרויס פון דער זאָרג, פון דעם צווייפל, פון דעם געפּלאָנטער, פון דער פאַרלוירנקייט, וואָס האָט פיל אַרומגענומען און באַהערשט. און אָט די זאָרג, אָט די פאַרצווייפלונג, אָט די שווערע פּיין — דאָס איז דער פאָדעם, וואָס ציט זיך אין די אַרויס־טרעטונגען. און אַזאַ מין געפיל באַהערשט אויך דיך, דעם באָאָבאַכטער, דעם צוהערער.

און אָט די באַצייכענונג האָט נעכטן אָונט געגעבן איינער פון דער אָפּאָזיציע צו די פירנדיקע אינסטאַנצן, אַליין אַ פּאַרדינסטפולער טוער אין ארץ־ישראל — ציזלינג, וואָס שטייט איצט אין דער שפּיץ מיט י. טאַבענקין (צוזאַמען מיט די לינקע פּועלי־ציון) פון דער „אחדות העבודה". ער האָט באַטאָנט, אַז פון דער זייט קאָן מען אַרויסטראָגן דעם געפיל, אַז עס איז אַלץ פאַרלוירן, אַז אַלע זיינען אַנטוישט און פאַרצווייפלט און אַז עס בלייבט גאָרנישט צו טאָן ווי נאָר נעמען דאָס, וואָס מען וויל געבן. און ווען מען וויל מאַכן אַן אויספיר פון די אַלע אַרויסטרעטונגען, מיינט עס, אַז מען איז איינגאַנצן מאַכטלאָז און אומבאַהאָלפן און באין־ברירה דאַרף מען איינגיין אויף די ווייט־גייענדיקע הנחות און פשרות, וואָס מאַכן צו־נישט די גרויסע אידעאַלן און פּערספּעקטיוון פון אַ יידישן ארץ־ישראל אין זיינע איצטיקע גרענעצן, וואָס זיינען אויך אַ שיין ביסל אַרומגעשניטן...

און אויף אָט דער באַזע גייען טאַקע אָן די דעבאַטעס, אָפּטמאָל היציקע און פּאַטעטישע און אָפּטמאָל אויך טרויעריקע און טראַגישע. עס איז די פראַגע, צי מען קאָן ווייטער, אין ליכט פון די אַלע געשעענישן און אין שיין פון דער אַלגעמיינער וועלט־פּאָליטיק, אָנגיין מיט די מאַקסימום־פאָדערונגען אָדער מען מוז שוין אָפּריער אַרויסשטעלן מינימאַלסטע פאַר־לאַנגען, כדי צו האָבן וואָסער ס'איז זיכערקייט, אַז מען וועט עס נעמען אין אַכט און עס וועט קאָנען ווערן אַ באַזע פאַר אונטערהאַנדלונגען, אויב אַזעלכע זאָלן און וועלן פאָרקומען...

און חיים גרינבערג האָט זייער קאָלט און אַנאַליטיש באַוויזן, אַז די באַגריפן מאַקסימאַליזם און מינימאַליזם ליגן איצט גאָר אויף אַן אַנדער שטח. די אָנהענגער פון חלוקה — זיי האָבן רעאַליסטישע באַגרינדונגען און זיי זיינען עס די רעאַליסטישע מאַקסימאַליסטן, און די קעגנער פון דער חלוקה זיינען פיקטיווע, נישט־רעאַלע מאַקסימאַליסטן, זיינען זיי באמת מינימאַליסטן. און פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס האָט ער גערעדט וועגן אַ טראַגישער אומפאַרמיידלעכקייט און ווידעראַמאָל האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן און באַרעכטיקן אַזאַ זאַך, אַז אין געוויסע סיטואַציעס איז אַ טייל מער ווי אַ גאַנצעס, און אַ טייל ארץ־ישראל איז מער ווי גאַנץ ארץ־ישראל, וואָס איז איצט נישט רעאַל... און זיין פּעסימיזם האָט דערגרייכט דערצו,

אַז ער האָט וועגן דער צוקונפט גערעדט אין מיסטישע טערמינען, אַז קיינער קאָן נישט אַראָפּרייסן פון דער צוקונפט, וואָס איז אינגאַנצן פאַר־הוילן, איר שלייער...

און נאָך מער טרויער און זאָרג און צווייפל איז געווען אין די רייד פון יצחק גרינבוים, וואָס האָט געוואָרנט קעגן די אויספירן און מיינונגען פון זיין אַמאָליקן תלמיד דר. סנה, ווען ער האָט געוואָרנט, אַז מען טאָר זיך נישט שפּילן מיט קנאַקעדיקע און פראַקלאַמאַציע־רעדעס, ווייל עס איז דאָ די געפאַר, אַז ענגלאַנד זאָל אָנווענדן כוח, אַז זי זאָל ווי אַ מיליטערישע מאַכט מאַכן פאַציפיקאַציעס קעגן דעם ישוב, וואָס וועט אַרויסווייזן ווידערשטאַנד, און דאַן דראָט אונדז, אַז פון אַ 600 טויזנט יידן זאָל גאָר ווערן אַ ישוב פון 200 טויזנט, ווי אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אין דער געשיכטע פון יידן אין ארץ־ישראל.

אין זאַך פאַראייניקט כמעט אַלע רעדנער אין דער אָפּשאַצונג פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון דעם ישוב מיט ענגלאַנד. אַלע כמעט אָן אויסנאַם האַלטן, אַז עס איז פאַרענדיקט די צייט, ווען דער ישוב קאָן עפּעס האָבן, קאָן עפּעס דערוואַרטן פון ענגלאַנד, וואָס וויל נישט און איז קעגן דעם וואוקס פונעם יידישן ישוב און וואָס וועט כל־זמן זי איז באַלעבאָס אויפן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל אַלץ טאָן אין גייסט פון דעם „ווייסן פאַפּיר", וואָס זי וויל נישט און וועט נישט אָפּשאַפן. און דערפון זיינען אַלע אירע מאַניפּאַרגיעס, אַלע אירע דריידלעך, וואָס זי ווענדט אָן און וועט ווייטער אָנווענדן...

אין דעם זיינען כמעט אַלע מסכים. ווער עס זאָגט עס אינגאַנצן אָפן און קלאָר, און ווער עס באַהאַלט זיך דורך איידעלע דיפּלאָמאַטישע רייד און קונציקע אויסמיידנדיקע ווערטער.

עס איז נאָר דער אונטערשייד אין די אויספירן, און אין דעם גייט עס די גרויסע פלוגתא, דער גרויסער קריג, אין דעם גייט דער אונטערשייד פון די אַלע ריכטונגען, וואָס קעמפן אויפן קאָנגרעס אַזוי ליידנשאַפטלעך. מאַכן אייניקע דעם אויספיר, אַז מען מוז זוכן אַ שמעלערע באַזע, וואָס זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן אין דער איצטיקער צייט דורך ענגלאַנד, און דעריבער — זאָל זיין צעטיילן ארץ־ישראל, אַרויסרייסן פון איר דעם סאַמע עיקרדיקן טייל, אַבי עפּעס געווינען, אַבי ווערן באַלעבאַטים אויף אַ טייל אייגן ארץ־ישראל, און אַנדערע, אין פאַרשיידענע נוסחאות און וואַריאַנטן, טרעטן אַרויס קעגן וואָסער ס'איז פּלאַן פון חלוקה און לייגן־פאַר אַנדערע אויסוועגן: ווענדן זיך צו דער „יו־ען", די פאַראייניקונג פון די פעלקער; אַנדערע ווידער האַלטן, אַז מען דאַרף דערווייל אָנגיין מיט דער גרויסער ווידערשטאַנד־אַרבעט אויף אַלע געביטן — עליה, מעפּילים, פאַרנעמען

נייעם באָדן, פאַרשטאַרקן די יידישע פּאָזיציעס אין לאַנד, פאַרשטאַרקן דעם יידישן כוח א. אַז. וו. — אַנדערע ווידער שטרייכן אונטער די פאַרשטענדי־קונג מיט די אַראַבער, וואָס דאַרף קומען און קאָן זיין אַ מזל־ברכה פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף מיט די ענגלענדער. און דאָ זיינען ווידער דאָ חלוקי־דעות: די „השומר־הצעיר״־פראַקציע באַטאָנט דעם בי־נאַציאָנאַלן שטאַט, דער צוויי־פעלקער־שטאַט, און די פאַרשטייער פון „אחדות העבודה״ — בלויז פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער. און ביידע דערמאָנען אין זייערע אַרויסטרעטונגען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס קאָן און דאַרף און וועט זיין אַ שטיצע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליסטישן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס דאַרף געבויט ווערן אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות.

און ווען מען האָט גערעדט וועגן די כוחות, וועגן די פאַקטאָרן וואָס קאָנען העלפן דעם ישוב אין זיין קאַמף מיט דער קאָלאָניאַלער ענגלישער רעגירונג, האָט מען אָנגעוויזן אויף די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אויף די וועלט־יוניאָנס, וואָס האָבן אין זייערע רעזאָלוציעס נישט איינמאָל אונטער־געשטראָכן זייער מיינונג און וואונטש, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן מעגלעכ־קייטן פאַר אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל. דאָס איז געשען אין לאָנדאָן, אין פּאַריז אויף די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנגרעסן, וואו די פאַר־שטייער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן שטאַרק געשטיצט די פאָדערונגען פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אָט די סימפּאַטיעס און רעזאָלוציעס קאָנען וואַקסן און קאָנען העלפן דעם וויטערדיקן קאַמף פון ארץ־ישראל קעגן דעם בריטישן קאָלאָניאַלן דראַנג צו מאַכן ארץ־ישראל בלויז פאַר אַ באַזע פון מיליטער און פאַר אַ לאַנד פון שטענדיקע געראַנגלענישן פון די צוויי פעלקער, וואָס דאַרפן און ווילן לעבן צווישן זיך בשלום.

אָט דאָס איז לערך, אין קורצע ווערטער, דער סך־הכל פון די פאַר־שיידענע געראַנגלענישן, וואָס גייען אָן עטלעכע טעג אויף דער גענעראַל־דעבאַטע אין באַזעל.

און צווישן אָט די אַלע רעדעס שטאַרצט אַרויס אַ מין יוצא־דופן, ס'איז די קאָמישע און דעמאַגאָגישע רעוויזיאָניסטישע פראַקציע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צום קאָנגרעס נישט גאָר לעגאַל. איר אַרויסטריט ברענגט אַרויס צאָרן און ווידערגעפיל. אָבער זיי קריגן, בעיקר פון די אַרבעטער־פּאַרטייען פון לינקס, אַ פּאַרדינטן אָפּשניט. און עס איז דערגאַנגען אַפילו, אַז אַ פאַרשטייער פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פאַראייניקונג האָט געמאַכט די טעג אַן אינטערפּעלאַציע צום קאָנגרעס, אין וועלכער ער האָט געפרעגט, צי די רעוויזיאָניסטן האָבן שוין דערפילט דעם תנאי פון פאַנאַנדערלאָזן זייער אייגענע „נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע״, כדי צו קאָנען זיין באַטייליקט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און ער האָט

דערמאָנט די אומפּאַראַנטוואָרטלעכע, סעפּאַראַט־אַרויסטרעטונג פון דער בערגסאָן־גרופּע אין אַמעריקע א. אַז. וו. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף די דעמאַגאָגישע וואָרנונגען און דראָאונגען, וואָס מ. גראָסמאַן האָט געמאַכט דעם קאָנגרעס און דער פּירערשאַפט א. אַז. וו. אַט די אינטערפּעלאַציע האָט אַרויסגערופן גרויס טומל אינעם קאָנגרעס, וואָס האָט שיער נישט געבראַכט צו אַ געשלעג און דער פּאַרזיצער האָט געדראָט צו שליסן די זיצונג... די רעוויזיאָניסטן זיצן זיך אין דער רעכטער זייט אין אַן ענגער גרופּע, ווי איזאָלירטע פונעם קאָנגרעס, און געגנוג פּיילן מצד די פּראָ־גרעסיווע ציוניסטישע פירער ווערן געשיקט אין זייער לאַגער. כמעט יעדער פון אָט די רעדנער דערמאָנט מיט צאָרן און ווידערגעפיל דעם טעראָר, וואָס ברענגט גרויס שאָדן דעם ישוב, ברעכט די אייניקייט פון יידישן פאָלק, לאָזט זיך אויף אַ וועג, וואָס קאָמפּראָמיטירט די שענסטע אידעאַלן פון די פרייהייט־שטרעבונגען פונעם יידישן פאָלק. אויך אָט די מאָמענטן אין די רעדעס ווערן אויפגענומען דורכן זאַל מיט גרויס באַ־גייסטערונג, ווייל זיי רירן אָן די סאַמע ווייטיקדיקע ערטער פון דעם לעבעדיקן יידישן ישוב.

היינט, מאָנטיק, דעם 16טן דעצעמבער, נאָך אַ גאַנצער וואָך, ווערט פאַרענדיקט די גענעראַל־דעבאַטע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין גאַר איר טיפקייט די אַלע שוועריקייטן און פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

באַזעל, דעם 16טן דעצעמבער 1946.

37

שטילשטאַנד נאָכן שטורעם

די גרויסע עפנטלעכע שלאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן אַ פולע וואָך צייט, האָט זיך מאָנטיק, דעם 16טן דעצעמבער, פאַרענדיקט. ווער עס האָט געזיגט, אָדער ווער עס האָט שאַנסן צו זיגן אין דעם ענדגילטיקן קאַמף, וואָס ווערט געפירט אויפן קאָנגרעס און אַ צייט־לאַנג פאַר דער עפענונג פונעם קאָנגרעס — איז שווער צו וויסן.

היינט, דינסטיק אַ גאַנץ טאָג, שטייט די גרויסע געביידע, די אַלע גרויסע, קליינע און גאָר קליינע זאַלן פון דעם פּרעכטיקן באַזעלער מוסטער־מעסע־בנין, ווי נאָך אַ שלאַכט. דאָ און דאָרט קומען פאָר פאַרשיידענע זיצונגען אין די צענדליקער צימערן און זאַלעכלעך. דאָס

האַלטן אָפּ די פאַרשיידנסטע פּאַרטייען, ריכטונגען, גרופּירונגען זייערע זיצונגען און באַראַטונגען, כּדי אונטערצופירן סך־הכּלען פאַר געווינסן און אָנווערן, פאַר דערגרייכונגען און צוריקטריטן. עס זיינען אויך פאַר־גומען מיט זיצונגען די פאַרשיידענע קאָמיסיעס אַרום דעם קאָנגרעס און אויך די פאַרשיידענע לאַבאָראַטאָריעס, וואָס גרייטן־צו ווייטערדיקן שטאָף, ווייטערדיקן מאַטעריאַל פאַר די קומענדיקע קאַמפּן און גערעלגלעגנישן. — און דער „פּשוטער" עולם, פיל דעלעגאַטן פון צווייטן ראַנג און פיל געסט און פּרעסע־מענטשן, — זיי גייען אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. די אָדער יענע פּאַרטיי אָדער אינסטיטוציע נוצט אויס די בין־המצרים־צייט, ווען דער עולם איז פריי פון אַלגעמיינע קאָנגרעס־זיצונגען, און מען אַראַנזשירט פּרעסע־קאָנפערענצן, וואָס ווערן, אגב, גאַנץ שוואַך באַזוכט. מען איז אָנגעזעטיקט מיט רייד, מיט רעדעס, מיט אַרויסטריטן און אינפאָרמאַציעס, און מען זוכט גאָר אַ געלעגנהייט צו שפּאַצירן איבער דער שטאָט, באַזוכן אַ מוזיי, אָנקוקן די מערקווירדיקייטן פון שטאָט, אָדער סתּם גיין איבער די גאַסן און קוקן אין די שויפענצטער, וואָס זיינען איצט, ערבֿ די חגאָס, שיין באַפּוצט און פיל אָנגעפּאַקט. און באַזונדערס נעמען אָפּ אָן אויג די שויפענצטער, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט די באַרימטע שווייצאַרישע זייגערלעך מכּל המינים, פון אַ 15 שווייצאַרישע פראַנק ביז אַ 800־900. איז ווער עס האָלט ערשט אין באַטראַכטן די כּלערליי זייגערלעך און זוכט אַ מציאהלע פאַר זיך, אָדער ער האָט שוין איינגעהאַנדלט אַ זייגערל, וויל ער וויסן, צי ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט.

היינט, דינסטיק, איז נאָך דער גרויסער שפּאַנונג, וואָס האָט נעכטן אָוונט געהערשט אין זאַל. מען האָט זיך אַ פּאָר טעג געגרייט צו דער גרויסער שלאַכט, וואָס עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען צווישן דר. אבא הלל סילווער פון איין זייט און די פאַרשטייער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַנדערער זייט. מען האָט נאָך נישט געוואוסט אויף זיכער ווי און אויף וואָסער אופן די שלאַכט וועט פאָרקומען, וואָס פאַר אַ געווער מען וועט געברויכן, וואָס פאַר אַ כּוחות יעדער צד וועט אַריינברענגען אין דער שלאַכט. האָט דר. ווייצמאַן געזאָלט רעדן זונטיק אָוונט, מען האָט איבער־דערפרי געמאָלדן, אַז זונטיק 6 נאָכמיטאָג וועט ער אויפטרעטן מיט דער שלום־רעדע, איז געקומען אַ פולער זאַל, פול איבער אַלע זיינע ברעגעס. אָבער אַרום זיבן האָט מען פּלוצים געמאָלדן, אַז היינט וועט דר. ווייצמאַן נישט רעדן. איז די אַנטוישונג ביים גרויסן עולם דעלעגאַטן און געסט געווען אין־לשער. אָבער עס האָט גאָרנישט נישט געהאָלפן. מען איז זיך צעגאַנגען שטאַרק ברוגז, אומזיסט אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה און אויסגעהערט סתּם אַרויסטריטן פון נישט־וויכטיקע און נישט־אינטערעסאַנטע רעדנער.

„יודעי־חן" זאָגן מיר נעכט, אַז דר. חיים ווייצמאַן האָט זונטיק נישט גע־רעדט, ווייל . . . אויף יענער זיצונג איז לויט דער ריי פּונקט געווען דער פּאָרזיצער אַ רעוויזיאָניסט, און דר. ווייצמאַן האָט נישט געוואָלט אונטער זיין פאָרזיץ האַלטן זיין גרויסע אַנטשיידענע רעדע. דאָס האָט מיר גראַדע געזאָגט אַ סימפּאַטיקער, אַ נאָכלויפער פון דער רעוויזיאָניסטישער חברה. צי עס איז אמת, ווייס איך נישט. יעדנפאַלס, אַזוי זאָגט מען...

מאָנטיק נאָכמיטאָג איז ווידער געקומען אַ גרויסער עולם, וואָס האָט פאַרפולט אַלע שטולן, אַלע דורכגענג, און די שפּאַנונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ווען עס איז געקומען די צייט פאַר די „ביג פאָר" — די גרויסע פיר, אייגנטלעך — „ביג טרי", ווי מען האָט אַפריער געהאָט אַרויסגערוקט.

דער פאָרזיצער פון אָט דער זיצונג, די לעצטע גרויסע זיצונג, וואו עס איז געווען דער שלוס פון דער גענעראַל־דעבאַטע, איז געווען חיים גרינבערג. אינצווישן האָבן עטלעכע רעדנער שוין זיך „באַמיט", אַז דער זאַל זאָל צוביסלעך זיך אויסליידיקן. אָבער ווי נאָר עס איז דערגאַנגען דורכן מיקראָפאָן אין אַלע טיילן פון גרויסן בנין און אין די קולואַרן, אַז דר. סילווער באַקומט דאָס וואָרט, איז געוואָרן אַן איילעניש און אַ יאָגעניש אין זאַל אַריין.

און דר. אבא הלל סילווער, ווי אַ געניטער שוישפּילער, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט די אַלע קונצן, אַלע די רעדנערישע מייסטער־שטיק צו געפעלן דעם עולם, צו פלעפן אים, צו פאַרגאַפן אים. ער האָט די גאַנצע רעדע, זיין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער פירנדיקער עקזעקוטיווע, קעגן די לאָנדאָנער און פאַריזער קאָנפערענצן, קעגן דעם חלוקה־פּלאַן, קעגן די האַנדלונגען פון איינצלנע עקזעקוטיוו־מיטגלידער, — ער האָט דאָס אַלץ אָנגעשריבן און געדאַרפט לייענען פון פּאַפיר, ער האָט אָבער פון זיין געשריבענער רעדע געמאַכט אַן עפעקטועלן אַרויסטריט און דערביי מאָדולירט זיין שטאַרקע שטימע אויף אַלע טענער, פּאַטעטישע און ווייך־לירישע, און אַזוי אויך זיינע זשעסטן, באַוועגונגען צוגעפּאַסט צום אינ־האַלט פון דער רעדע. הכלל, אויסערלעך איז עס געווען אַ רעדע, געהאַלטן לויט אַלע כללים פון מייסטערישער געניטקייט. און ער האָט די רעדע געהאַלטן אין ענגליש, הגם די לעצטע עטלעכע טעג ווערן אַלע וויכטיקע גרויסע רעדעס פון די פאַרשיידענע פירער געהאַלטן אין יידיש. אָבער אין ענגליש פילט זיך ראַבאַי סילווער זיכערער און פעסטער.

די אַלע מאָטיוון, איינשטעלונגען, מיינונגען און הנחות פון דר. סילווער זיינען שוין גוט באַקאַנט. עס זיינען אין דער רעדע געווען שטעלן, וואָס האָבן געדאַרפט רירן דעם „זאַל", אים אויפשוידערן. און דער עולם

האָט טאַקע רעאַגירט אויף זיי מיט אַפּלאָדיסמענטן. אָבער עס איז דעם עולם, דעם ברייטערן, אויסער זייַנע חסידים און פאַרערער פון אַמעריקע, נישט געפעלן געוואָרן דער האָפערדיקער טאָן. איך וואָלט געזאָגט דער טאָן פון דעם פּאָליטישן אָלרייטניק און גאָר די אָנגעצויגענע רעטאָריק, וואָס האָט זיך מער צוגעפּאַסט פאַר אַ רעדע אין אַ ראַבאַישן טעמפּל, איידער אויפן קאָנגרעס, וואו די רעדעס זייַנען לעצטנס געווען מער רירנדיקע, מער טיף־אינערלעכע, מער ווידויס ווי רעדעס.

עס איז דעם ברייטן עולם דעלעגאַטן און געסט, געקומען פון פאַר־שיידענע עקן וועלט, און אויך פון די פאַרשיידענע קעמפּס, גאָרנישט אַזוי לייכט אויפן האַרצן, און די פאַרהאַנדלונגען און די רעפעראַטן און די סך־הכלען זייַנען גאָרנישט אַזעלכע פריידיקע און אויפגעלייגטע, און די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון גאָרנישט אַזעלכע צוזאָגנדיקע און העלע, דעריבער נעמען אויס די לעצטע טעג די אַלע רעדעס, וואָס ווערן געהאַלטן אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, — רעדעס, וואָס זייַנען פול מיט צער און ווייטיק און וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין דעם פּאַסיקן זעלבסט־אַנאַליטישן אופן. און דערצו — דערגייען צו דעם גאָר גרויסן עולם, צו די טויזנטער, די רעדעס אין דער יידישער שפּראַך, וואָס איז דאָך פיל מער פאַרשטענדלעך דער מערהייט, דער ווייט־גרעסטער מערהייט, ווי ענגליש...

נאָך דר. סילווערס רעדע האָט באַקומען דאָס וואָרט דר. סטיפן וואַיז. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און דערצאָרנט. עס האָט זיך געפילט שטאַרקער פאַראיבל און דער ווילן אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון דר. סילווערס רעדע און אויך באַקעמפן די שטייגנדיקע פּאָזיציעס פון דר. סילווער אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם, און אויך אין דער וועלט־באַוועגונג פון ציוניזם. אָבער דר. סטיפן וואַיזן איז עס נישט געלונגען. ער האָט נישט געכאַפּט דעם פּאַסיקן טאָן און די אַטעסטאַציעס, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פאַר די אַלע פירנדיקע ציוניסטישע טוער אין אַמעריקע אַלע יאָרן, און אויך זיך, האָבן די אַלע אַרגומענטן קעגן סילווערן נישט באַ־רעכטיקט. איז טאַקע דר. סילווער די גאַנצע צייט פון דר. וואַיזעס רעדן געזעסן מיט אַ זאַטן, צופרידענעם שמייכל, און דאָס נעמלעכע האָבן געטאָן סילווערס מיטלויפער. און עס איז געווען אַ מאָמענט, וואָס מען האָט גע־טראַכט, אַז דר. סילווער געווינט די פּאָזיציעס און ער גייט אַרויס אַ זיגער פון דער שלאַכט, וואָס פון איר אויסגאַנג הענגט אָפּ אין אַ געוויסן זין דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

מען דאַרף צוגעבן, כדי צו וויסן אומגעפער די כוחות־פאַרהעלטענישן אויפן קאָנגרעס און ממילא פאַר דר. סילווער גופא, אַז פאַר אים שטימען די אַלגעמיינע ציוניסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אויסער די „הדסה״־

מיטגלידער, וואָס זייער צאָל איז גאַנץ גרויס. די „הדסה״ גייט אינאיינעם מיט דער סוכנות. טיילוויז — אויך אייניקע „מזרחי״־מיטגלידער, וואָס זיינען קעגן דעם חלוקה־פּלאַן, ווי אויך סתם ציוניסטן פון אַנדערע לענדער, וואָס זייערע שטימען טיילן זיך אָפּט. ווי עס זאָל נישט זיין, זיינען די אַרבעטער־פּאַרטייען, כמעט אָן אויסנאַם, קעגן דר. סילווערן, ווייל זיי ווייסן זיינע רעאַקציאָנערע נייגונגען אין אַמעריקע בעת די וואַלן אַמאָל און לעצטנס. — די אַמעריקאַנער, די טרייע סילווער־אַנהענגער, פּרוּווּן ביי זיין יעדן אַרויסטריט אים באַגעגענען מיט אַפּלאָדיסמענטן און אויסרוף־געשרייען, זיי ווילן אויסבעטן פּאַר אים דעם וועג צו דער פירערשאַפט און, ווי אייניקע מיינען, צו דעם גאַר הויכן פּאָסטן פון דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָבער, ווייזט אויס, נישט אַזוי גרינג טוט זיך עס ווי עס רעדט זיך און ווי עס דוכט זיך. עס זיינען פאַראַן גענוג טענות און פּאַראיבל פון פיל זייטן צו דר. חיים ווייצמאַן און צו זיין פּאָליטיק, צו זיין אַלץ־לאָיאַלער פּאָליטיק בנוגע צו ענגלאַנד, וואָס איז כמעט אַלעמען דערווידער און פיינטלעך. האָבן די סילווער־אַנהענגער געבויט, משמעות, אויף אָט דער קעגנערשאַפט צו דר. ווייצמאַן און גענומען גרייטן דעם כסא־הכבוד פאַר זייער „ליבלינג״. אָבער וואָס מען זאָל נישט זאָגן אויף דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער זי האָט נאָך ביי פיל קרייזן אויפגעהיט און איינגעהיט איר פאָלקטימלעכן, אמת־יידישלעכן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. און די רעדעס גופא, וואָס ווערן געהאַלטן אויפן קאָנגרעס, ווערן אין תוך אויפגענומען דורכן גרויסן עולם, דורך זיין גרעסטער מערהייט פון דעם־אָ שטאַנדפּונקט, צי זיי פאַרמאָגן אין זיך אָט דעם יידישן פּונק, אָט דאָס „פּינטעלע ייד״, אָט די ספּעציפישע, ווי מען זאָגט אין רוסיש, „ראָזשינקע״. און פאַרפאַלן: אָן אָט דער נשמה, אָן אָט דעם פּינטעלע ייד, אָט דעם ספּעציפישן חן און קוועטש, איז מען נישט קיין פולער ייד.

לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו דעם גאַנג פון דער שלוס־זיצונג נאָך דער גענעראַל־דעבאַטע. די קאָנגרעס־פירער, די עקזעקוטיווע האָבן גע־פילט, אַז מען דאַרף מאָביליזירן שטאַרקע כוחות אָפּצושלאָגן די אַטאַקע, דעם אָנגריף פון דר. סילווער און זיין געדאַנקען־גאַנג. האָט גערעדט לאַנג און אָפּטמאָל גאַנץ־איבערציי גנדיק און מיט פיל גוטע ערטער און שטאַרקע אַרגומענטן דוד בן־גוריון. ער איז אָבער אין די טיילן, וואו ער האָט פאַר־טיידיקט אַ שוואַכע פּאָזיציע, דעם חלוקה־פּלאַן, נישט געווען גענוג איבער־צייגנדיק, און ער האָט עס משמעות אַליין געפילט. אין דעם צווייטן טייל, ווען ער האָט גערעדט וועגן די געראַנגלעניש, וועגן די קרבנות, וואָס דער ישוב האָט געבראַכט און ברענגט און וועגן דעם גרויסן כוח פונעם ישוב

פאַר ווידערשטאַנד, — דאָ איז ער געווען שטאַרקער, ווייל דאָ איז ער אין דער היים און דורך אים קומט צום אויסדרוק דער כוח און דער וואוקס און דער צאַרן פונעם ישוב.

און דערווייל האָט זיך דר. חיים ווייצמאַן אַרומגעדרייט הין און צוריק, פון אָרט צו אָרט, און עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן זיין אומרו, זיין אויפ־געבראַכטקייט, זיין אומגעדולד. און עס איז ווי ער האָט שוין געוואַרט זיך אַריינלאָזן אין קאַמף און פּרוּווון מיט זיין שוואַכן געזונט און מיט זיין שוואַכער שטימע אָפּצושלאָגן דעם האָפערדיקן סילווער, דעם שטאַרקן און קרעפטיקן רעדנער, וואָס קאָן אַלערליי רעדנער־קונצן און דרייעכצן. און אַז עס איז געקומען די צייט און מען האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם „נשיא־הציונות", איז ער מיט זיינע „קורצזיכטיקע טריט" צוגעקומען צו דעם מיקראָפאָן, און ממש ווי אַן עלטערער חזן, וואָס זיין שטימע איז שוין נישט ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן, אויפגעזאַמלט אַלע כוחות, מער גייסטיקע ווי פיזישע, און אָנגעהויבן צו רעדן... לכתחילה אויף אַ יידישלעכן אופן האָט ער געמאַכט אַ „שהחיינו", וואָס די דעבאַטע האָט זיך ענדלעך געענדיקט. און עס איז גוט געווען, וואָס ער האָט גענומען רעדן אין יידיש, און נישט אין ענגליש. אין ענגליש וואָלט ער געבליבן, גלויב איך, אַ באַזיגטער. אין יידיש אָבער האָט ער אָנגעשלאָגן דעם אמתן פאָלקסטימלעכן טאָן, וואָס האָט ביי חיים ווייצמאַנען אַלע זיבן חנען. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עטלעכע יאָרצענדליק שווייץ און ענגלאַנד, אַראָפּגעוואָרפן בערן און לאָנדאָן און זיך גענומען צו זיין שטעטל מאָטעלע, פון וואַנעט ער קומט, און זיך דערגראָבן צו דער יידישער פיקחות און פאָלקסטימלעכקייט. און מיט אָט דעם אַלטן יידישן, יידישלעכן געווער האָט ער באַזיגט. די רעדע איז געווען אַ מייסטער־שטיק, טאַקע פון אָט דעם שטאַנדפונקט. אַ טיף־רירנדיקע, ווי עס וואָלט גערעדט אַ זיידע צו זיינע אייניקלעך, צו זיינע זין און טעכטער, וועמען ער לאָזט איבער אַ גרויסע ירושה, וואָס ער גופא האָט מיט זיינע אַלע פּופציק יאָר געהאָלפן אויפזאַמלען און אויפהיטן... ער האָט געזאָגט, אַז ער געהערט צום דור ליבעראַלן, וואָס האָבן אַן אַנדער צוגאַנג און אַנדערע מעטאָדן צו פירן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ער האָט גערעדט וועגן דעם לאַנגן קאַמף, וואָס ווערט געפירט, און וואָס נישט דער הייַנטיקער דור קאָן אים זיגרייך פאַר־ענדיקן. ער האָט דערביי געברויכט יידישע גלייכווערטלעך און מעשיות־געשיכטן פון זיין באָבע. און ער האָט אין דער באַשטעטיקונג פון זיינע אידייען און פון זיין גאַנג געברויכט טיף־יידישע אויסדרוקן און עכט־פאָלקסטימלעכע באַווייזן, וואָס האָבן אימפּאָנירט מיט זייער אייגנאַרטיקער פּשטות און לאָגיק. ער האָט קעגנגעשטעלט דר. סילווערס שיין־ריידעריי

זיינע פשוטע יידישע רייד, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין זיך די טראַגיק פון דעם יידישן וואָרט און זיין הומאָר, זיין שאַרפקייט און גוטמוטיקייט.

אינצווישן, ווען דר. וויצמאַן האָט אָפּגעשלאָגן דר. סילווערס אַ געדאַנק, אַז דער ישוב זאָל זיך פירן זיין קאַמף ווי ער פאַרשטייט, און מיר, אַמעריקאַנער, וועלן אים העלפן, — אינצווישן האָט ע. ניומאַן, דר. סילווערס אַדיוטאַנט, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון דער ערשטער ריי: „דאָס איז דעמאַגאָגיע.״ און דאָ איז דר. וויצמאַן פול געוואָרן מיט צאָרן און געענטפערט: עפּעס אַ חברה־מאַן האָט געוואָרפן אַ וואָרט אויף מיין חשבון, „דעמאַגאָגיע״. איך בין עס דער דעמאַגאָג? — און ער האָט געזאָגט מיט טיפן ווייטיק: „אין יעדן נהלל־ווינקל, אויף יעדער שטוב אין עין־חרוד זיינען דאָ שטיקער, טראָפּן פון מיין בלוט... און איר רופט עס אָן דעמאַגאָגיע?...״ דער עולם איז ספּאָנטאַן אויפגעשטאַנען פון די ערטער און עס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט פאַר וויצמאַנען. די אָוואַציע האָט געדויערט עטלעכע מינוט. עס זיינען בלויז געזעסן סילווער, זיינע פאַר פריינט און איינִיקע רעוויזיאָניסטן. אַדאַנק אַ זייטיקן אָנפאַל, האָט דר. חיים וויצמאַן געקראָגן די באַשטעטיקונג פונעם גאַנצן עולם, אַז ער איז באַליבט און געשעצט, שטאַרק און טיף געשעצט. צי וועט ער אָבער אויך צוריקבאַקומען די פּרעזידענט־שטול — ווייס איך נישט. דער קאַמף אַרום דעם ווערט איצט געפירט אין די קליינע צימערן, וואוהין מיר פּשוטע פּרעסע־מענטשן האָבן נישט קיין צוטריט.

עס איז קלאָר אָבער, אַז דר. ח. וויצמאַן געהערט מער צו דער געשיכטע פונעם ציוניזם, ווי צו זיין געגנוואָרט און צוקונפט.

באַזעל, דעם 18טן דעצעמבער 1946.

38

באַראַטונג פון פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

אויסנוצנדיק די לאַגע און די געלעגנהייט, וואָס צו דעם ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען געקומען ווי דעלעגאַטן און געסט, ווי קאָרעספּאָנדענטן און שליחים, מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און גרופּירונגען, — האָט די ליגע פאַר פריינטלעכע באַציאונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס עקזיסטירט זינט עטלעכע יאָר אין ארץ־ישראל אַפּריער מיטן נאָמען „ליגע ווי״ (ליגע פאַרן נצחון פון

די אַליאירטע און פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד), אַראַנזשירט אין איינעם פון די צימערן פון דעם גרויסן מוסטער־מעסע בנין אַ באַראַטונג פון די פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון פאַרשטייער פון קרובהשע אָרגאַני־זאַציעס און יחידים. — די באַראַטונג האָט געדויערט עטלעכע שעה, עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן אינטערעסאַנטע באַריכטן און אינפאָרמאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ לעבעדיקן מיינונגס־אויסטויש, און באַזונדערס האָט מען ברייט אַרומגערעדט דעם פּלאַן, מיט וועלכן עס זיינען געקומען די פריינט פון דער ארץ־ישראלדיקער ליגע פאַר פריינטלעכע באַציאונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו רופן אין דער נאָענטער צייט אַ קאָנפערענץ אָדער אַ קאָנגרעס פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן אונטער פאַרשיידענע נעמען אָבער וואָס האָבן זייער ציל און צוועק צו שאַפן נאָרמאַלע און געזונטע באַציאונגען און ענגן קאָנטאַקט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיטן סאָוועטישן יידנטום.

די באַראַטונג איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 18טן דעצעמבער. ביים פּרעזידיום־טיש זיינען געזעסן די מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ליגע אין ארץ־ישראל, די מיטגלידער טאַרנאָפּאָלער, ציזלינג, ברזילי, יצחקי און אַנדערע, וואָס זיינען די אַלע יאָרן טעטיק אין דער „ליגע ווי" און איצט — אין דער רעאָרגאַניזירטער ליגע. — אינעם זאַל זיינען געזעסן אַ 50 טוער, שרייבער און זשורנאַליסטן, צווישן זיי — בער מאַרק, דר. אַדאָלף בערמאַן פון פּוילן, נחמן מייזיל פון ניו־יאָרק, וואָס איז ערשט געקומען קיין באַזעל פון ארץ־ישראל; חילהע גראָסמאַן פון פּוילן, וואָס האָט זיך באַטייליקט מיט אַ האַלב יאָר צוריק אין דער דעלעגאַציע פון די פּוילישע יידן אין אַמעריקע; אויך די שרייבער א. סוצקעווער, ש. קאַטשערגינסקי, וואָס זיינען איצט אין פּאַריז; י. פּינקעלשטיין פון אַרגענ־טינע, ווי אויך דעלעגאַטן פון רומעניע, בולגאַריע, פון פאַרשיידענע לאַגערן, פון חיפה, ירושלים, תל־אביב, א. אַז. וו.

עס איז געווען אַ פילפאַרביקער צונויפקום.

דער טעטיקער מיטגליד פון דער ארץ־ישראלדיקער ליגע ל. טאַרנאָ־פּאָלער האָט געעפנט די באַראַטונג און זיך אָפּגעשטעלט אויף די פראַגן, וואָס שטייען אויף דעם סדר־היום פון דער באַראַטונג. ראשית וויל ער איבערגעבן דעם עולם פאַרזאַמלטע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט פון דער ליגע די אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ. צווייטנס, וויל ער פאָר־לייגן פאַר דער באַראַטונג צו באַטראַכטן דעם פּלאַן צונויפצורופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון אַלע קרובהשע און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן אין פאַרשיידענע לענדער מיט די ענלעכע צילן און צוועקן, אָבער אַרבעטן יעדער איינער פאַר זיך אָן קיין שום פאַרבינדונג און פאַר־

שטענדיקונג. דריטנס, אויסהערן באַריכטן פון די לענדער פון די געסט און דעלעגאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ אין באַזעל.

אין דעם גאַנץ־אויספירלעכן באַריכט, וואָס טאַרנאָפּאָלער האָט איבערגעגעבן פאַר דער באַראַטונג, איז צו זען, אַז די ארץ־ישראלדיקע ליגע האָט אַנטוויקלט אַ גאַנץ־ברייטע און פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט, וואָס איז צייטנווייז געקרוינט געוואָרן מיט גרויסע דערפאָלגן און דערגרייכונגען.

פריער פאַר אַלץ — אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ליגע זיינען באַטייליקט כמעט אַלע פאַרטייען און ריכטונגען אינעם ישוב — מפא״י, אחדות־העבודה, השומר הצעיר, העובד הציוני, די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין ארץ־ישראל. בעת דעם קריג האָט די ליגע געזאַמלט הילף דורך פאַרשיידענע אופנים, אַמבולאַנסן, מעדיציניש־ע אינסטרומענטן, מעדיצין א. אַז. וו., וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן די סומע פון 50 טויזנט פונט, און האָט אין יענער צייט, ווען דער ידישער ישוב גופא האָט זיך שטאַרק גענויטיקט און געהאַט פיל זאָרגן און באַדערפטיקע, געמיינט זייער פיל. חוץ דעם האָט די ליגע געדינט ווי אַ פאַרמיטלונג צווישן די אַלע לענדער מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד ביים אויסטיילן הילף דער רויטער אַרמיי. די ליגע האָט אויך פיל אויפגעטאָן אין דער ריכטונג פון איינשטעלן קולטור־פאַרבינדונגען סיי דורך לעבעדיקע מענטשן, וואָס זיינען אין יענער צייט אָפט געקומען קיין ארץ־ישראל, ווי אויך מיט די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, מיטן „וואָקס״, מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין קויבישעוו און דערנאָך אין מאָסקווע.

באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, וואָס די ליגע האָט אָנגעפירט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 28 אויסשטעלונגען, געווידמעט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון קרוב צו 70 טויזנט מענטשן. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בוך, וואָס האָט איבערגעגעבן וועגן די ספּעציעלע באַגעגענישן מיט סאָוועטישע פאַרשטייער, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געוועזן אינעם לאַנד, וועגן די אַרויסטרעטונגען ביי די געלעגנהייטן, — דאָס בוך איז דערשינען אין רוסיש. — באַזונדער שטעלט זיך אָפּ דער באַריכט־אָפּגעבער וועגן דעם באַזוך פון די דריי דעלעגאַציעס אין טעהעראַן ביים איבערגעבן די הילף דער רויטער אַרמיי און די יידן. — די ליגע איז געווען די אכסניא פאַר די געסט, דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. און דערביי באַטאָנט דער באַריכט־אָפּגעבער, אַז די אַלע דעלעגאַטן און געסט האָבן אַרויסגעטראָגן וועגן דעם יידישן ארץ־ישראל די בעסטע איינדרוקן און זיי האָבן עס באַשטעטיקט. — די ליגע האָט אין פאַרשיידענע צייטן פאַרבונדן אַ קאָנטאַקט

מיט אַנדערע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס פאַר געמיינזאַמע טעטיקייטן און געשיקט און באַקומען פון זיי מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציעס. צווישן אַנדערע האָט מען פון צייט צו צייט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער אין אַמעריקע, אויך מיט מעקסיקע, דרום־אַפריקע א. אַ.

נאָכן ענדיקן דעם קריג איז געשטאַנען פאַר די טוער פון דער ליגע די פראַגע, צי זאָל מען ליקווידירן די „ליגע ווי", וואָס אירע פונקציעס זיינען געווען בעיקר פאַרבונדן מיט דער קריגס־צייט, אָדער פאָרזעצן די אַרבעטן און דערביי רעאָרגאַניזירן די טעטיקייט לויט די נייע געבאָטן און אויפגאַבן. — אויפן צוזאַמענפאָר פון דער ליגע, וואָס איז פאָרגעקומען יאַנואַר 1946, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון די אַלע פריער־אַנגערופענע פאַרטייען, איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו ליקווידירן, נאָר רעאָרגאַניזירן די ליגע, און פון דאַן שטאַמט דער נייער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע: „ליגע פאַר פריינטלעכע באַציאונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד".

דער צווייטער עטאַפּ אין דעם לעבן און אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליגע איז אַ פיל שווערערער. ער איז פאַרבונדן מיט אַ ריי אינעווייניקסטע שוועריקייטן, וואָס רופן זיך אָפּ אויף דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער ליגע. נישט אַלע פאַרשטייען און באַגרייפן ווי גראָד איצט, נאָכן ענדיקן דעם קריג, איז נויטיק אָנצוהאַלטן די ווייטערדיקע באַציאונגען און פאַרבינדונגען. עס פעלט דער כסדרדיקער אויסטויש פון אינפאָרמאַציעס און מאַטעריאַלן. אָבער דאָך, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס פעלן איצט די פאַרבינדונגען, איז דאָ דער ווילן ביי די טוער פון דער ליגע ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. פון צייט צו צייט קומען אָן אינפאָרמאַטיווע ידיעות פון אַפריקע, בראַזיל, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, פערו, בולגאַריע א. אַז. וו. נישט רעגולער אויך ידיעות, אינפאָרמאַציעס, מאַטעריאַל פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. די ליגע אין ארץ־ישראל האָט מיט אַ צייט צוריק באַשלאָסן צו פלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון דער רויטער אַרמיי, כדי צו באַצייכענען דערמיט די געפילן, וואָס זיינען דאָ ביי אַלעמען צו דער אַרמיי, וואָס האָט אַזוי העראָאיש געקעמפט און געשלאָגן די היטלעריסטישע בעסטיעס און וואָס האָט געהאָלפן אָפּצוראַטעווען פיל יידישע לעבנס אין פאַרשיידענע לענדער און געגנטן, וואוהין זי איז געקומען און אַרויסבאַפרייט יידן פון די נעגל פון דער היטלעריס־טישער חיה.

דאָס איז אין קורצן דער באַריכט.

די טוער פון דער ארץ־ישראלדיקער ליגע אַפּעלירן צו די חברים פון

אַנדערע לענדער צו פּאָפּולאַריזירן דעם רויטן־אַרמיי־וואַלד און מיטהעלפן צי שאַפן אים. עס זיינען נויטיק נאָך אַ פּאָר טויזנט פונט דערצו.

די איבעריקע ארץ־ישראל מיטגלידער פון דער ליגע, די חברים ברזילי, יצחקי, דערגאַנצן דעם באַריכט און באַטאָנען אויף דער גרויסער נויטיקייט אין דער איצטיקער שעה, ווען עס מערן און שטאַרקן זיך די אַנטי־סאָוועטישע אָנגריפן און פאַרלוימדונגען, — אין דער איצטיקער צייט איז נויטיק אין אַלע לענדער, ווי אויך אין ארץ־ישראל, פאַרצווזעצן די וויכטיקע טעטיקייט פון די ליגעס און געזעלשאַפטן פאַר פריינטשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס דאַרף גוט פאַרשטאַנען ווערן, אַז אין דער איצטיקער צייט גייט אין דער וועלט אַ שטאַרקער קאַמף און געראַנגל צווישן צוויי קעגנגעזעצטע כוחות — די קאַפּיטאַליסטישע, וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיטן פאַשיזם, און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס מיר דאַרפן לייגן אויף אים גרויסע האָפענונגען אין דער צוקונפט. — מיר דאַרפן אָננעמען מיטלען צו פאַרפעסטיקן אונדזער קאָנטאַקט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס ווערט, ליידער, אָפּט לויזער.

נאָך די באַריכטן און די ווערטער פון די מיטגלידער פון דער ארץ־ישראל־ליגע האָבן גערעדט פאַרשטייער פון פאַרשיידענע לענדער, פון פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, ווי אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דר. אַדאָלף בערמאַן גיט איבער, וואָס פאַר אַ באַדייטונג די ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער ליגע האָט געהאַט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין פּוילן. — אין דעם זעלבן כאַראַקטער האָט גערעדט בער מאַרק, דער רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „דאָס נייע לעבן״. אין מיין באַריכט האָב איך איבער־געגעבן וועגן דעם אויפקום פון דער יידישער סעקציע ביים „ראָשען וואָר רעליף״. אין אַמעריקע און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרינדונג פון דעם שרייבער־קאָמיטעט. איך האָב באַטאָנט, אַז אין דער צייט, וואָס אין ארץ־ישראל האָבן זיך באַטייליקט און עס באַטייליקן זיך פאַרשטייער פון מפא״י און פון די לינקע פּועלי־ציון, — איז אין אַמעריקע האָבן די זעלבע אָרגאַניזאַציעס, די רעכטע און לינקע פּועלי־ציון, געוויכט און אָפּט באַקעמפט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט די ענלעכע צילן ווי די „ליגע ווי״ אין ארץ־ישראל. איך האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער וויכטיקייט וואָס־פעסטער זיך פאַרבינדן מיט די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר מער־ענגערע און אָרגאַנישע פאַרבינדונגען און קעגנזייטיקער באַ־ווירקונג. ביי אַ באַשטימטער ענדערונג — האָב איך געזאָגט — וואָלט מען געקאָנט מאַכן די „אייניקייט״, וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק, פאַר דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די אַלע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגן אין זיך די אויפגאַבע פאַר אייניקייט צווישן אַלע יידישע ישובים אין דער

וועלט. בער מאַרק טיילט זיך מיט די זכרונות וועגן דעם ווי אין זיין צייט, ווען ער איז געווען אין קויבישעוו און אין מאָסקווע, האָט מען דאָרט אויפגענומען מיט גרויס אָנערקענונג איבעם אַנטיפאַשסטישן קאָמיטעט די טעטיקייט פון דער „ליגע ווי" אין ארץ־ישראל.

אין דער ווייטערדיקער דעבאַטע האָבן זיך באַטייליקט די חברים נידערמייער, רומעניע; דר. ניר־ראַפּאַלקעס, ארץ־ישראל; פּאָלינסקי, שווייץ; א. ביאַלאָפּאָלסקי, חיפה; י. קושניר, ל. גרינבלאַט, ארץ־ישראל און אַנדערע.

נאָך די אַלע ווערטער, אין וועלכע עס איז אויף גאַנץ פאַרשיידענע אופנים אונטערגעשטראָכן געוואָרן די גרויסע און וויכטיקע באַדייטונג פון שאַפן וואָס־ענגערע און פעסטערע פאַרבינדונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און ממילא — מיטן יידנטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פאָלגנדיקע רעזאָלוציעס און וואונטשן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן פּרעזידיום פון דער באַראַטונג:

1) די באַראַטונג פון פאָרשטייער פון דער ארץ־ישראלדיקער ליגע פאַר פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און חברים און טוער פון אַנטיפאַשיסטישע קאָמיטעטן פון אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, באַגריסט דעם פאָרשלאָג פון דער ארץ־ישראלדיקער ליגע וועגן צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען טעטיק אויף דעם געביט פון אָנקניפּן פריינטלעכע באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיטן סאָוועטישן יידנטום.

2) דער צונויפטרעף ווענדט זיך צום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע מיט אַ וואונטש, ער זאָל זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

3) דאָס אָרט פון דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ, דער טערמין און טאָג־אָרדענונג וועט באַשטימט ווערן נאָך אַ מיינונג־אויסטויש און פאַרשטענדיקונג צווישן דער ארץ־ישראלדיקער ליגע מיט די פאַראינטערעסירטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומען אין באַטראַכט צו באַטייליקן זיך אין דער וועלט־קאָנפערענץ.

4) עס מערקט זיך לעצטנס אַ שטאַרקע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אויך אונטערגעהאַלטן אין אייניקע ערטער דורך געוויסע רעאַקציאָנערע יידישע קרייזן אין דער וועלט. די געפּלאַנטע וועלט־קאָנפערענץ איז באַרופן צו וועקן און צו וואָרענען די יידיש־געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דער גאָרער וועלט קעגן אָט דער טרויעריקער דערשיינונג און צו באַווירקן איינצוהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיטן סאָוועטן־

פֿאַרבאַנד און אויסוואַרצלען די אַנטי־סאָוועטישע איינשטעלונג אין דער און פֿאַרמעסטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון לעבן?

5) די באַראַטונג ווענדט זיך מיט אַ רוף צו אַלע יידישע ליגעס אין דער וועלט מיטצוהעלפֿן צו פֿלאַנצן אין ארץ־ישראל דעם וואַלד אויפֿן נאָמען פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס זאָל סימבאָליזירן די אָנערקענונג פֿונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און פֿון וועלט־יידנטום צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און צו דער רויטער אַרמיי צוליב זייער העלדישן און העראָאישן קאַמף און זיג איבערן פֿאַשיזם.

דאָס איז אין קורצן דער באַריכט פֿון דער באַראַטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין באַזעל אין איינעם פֿון די צימערן פֿון דער מוסטער־מעסע.

עס איז בכלל געווען אינטערעסאַנט די באַגעגעניש פֿון די פֿאַרשיידענע טוער און דעלעגאַטן, ווי אויך די געסט, וואָס האָבן אין זייערע רעדעס אויך איבערגעגעבן פֿאַרשיידענע מאָמענטן און עפּיזאָדן פֿון דעם לעבן און געראַנגל פֿון די יידישע ישובים אין דער וועלט אין די לעצטע שווערע און גרויזאַמע יאָרן, און דערביי מיט פֿרייד קאָנסטאַטירט דעם עקשנותדיקן ווילן פֿון די יידישע מאַסן אויפֿצוריכטן אומעטום די חורבונות און ווידער־אויפֿבויען דאָס יידישע לעבן.

באַזעל, דעם 25טן דעצעמבער 1946.

39

דער שרייבער און די ליטעראַטור אין ארץ־ישראל

איך בין שוין עטלעכע וואָכן פֿון ארץ־ישראל, און פֿון דער ווייט, פֿון פּערספּעקטיוו ווילט זיך ענטפֿערן אויף דער גאַנץ־קאָמפּליצירטער פֿראַגע — דער שרייבער און די ליטעראַטור אין ארץ־ישראל.

פֿון דערווייטנס, פֿון אַ דיסטאַנץ פֿון צייט און שטח וועל איך, גלויב איך, בעסער און אָביעקטיווער קאָנען זיך פֿאַנאַנדערקלייבן אין אָט דעם פּראָבלעם.

וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילט דער העברייאישער שרייבער אין ארץ־ישראל און וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמט די העברייאישע ליטעראַטור אינעם לאַנד, וואָס איז דורך און דורך אַדורכגעדרונגען מיט טיף־נאַציאָנאַלע

געפילן און אידעאַלן און וואָס איז פֿאַרטאָן מיט גרויסע אויפֿלעב־טעטיקייטן און פֿאַרמעסטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון לעבן?

וואָס פֿאַר אַ פּאָזיטיווע פּראָצעסן קומען פֿאַר אינעם לעבן פֿון דעם ישוב, וואָס פֿאַר אַ דערשײַנונגען איז צום באַמערקן אין שטאָט און אין דאָרף, וואָס דאַרפֿן און קאָנען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין שעפֿערישן שטאָף פֿאַר קונסט־ווערק, און ווי גרויס זײַנען די קעגנזײַטיקע באַציאונגען פֿון דעם מענטש אין יחידישן און אין קאָלעקטיוון לעבן אין ארץ־ישראל מיט דעם קינסטלער און מיט דער ליטעראַטור אין העברעיאיש און אין אַנדערע שפּראַכן? ווי גרויס איז די ווירקונג פֿון דעם העברעיאישן קינסטלער און פֿון דער העברעיאישער ליטעראַטור אויף סתם יידן און אויפֿן אַרבעטער, אויף דעם מיטליאַריקן מענטשן און אויף דער וואַקסנדיקער יוגנט?

דאָס זײַנען פֿראַגן, וואָס איך האָב מיר געשטעלט די אַלע חדשים, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין לאַנד און געקומען אין באַריר מיט שרײַבער און לייענער, מיט אַרויסגעבער און פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע טוער. און עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אָט די פֿראַגן אינטערעסירן און דאַרפֿן אינ־טערעסירן אונדז נישט בלויז בנוגע צו ארץ־ישראל, נאָר אויך בנוגע די אַנדערע טיילן פֿון דער יידישער וועלט, וואו אָט די פֿראַגן־פּראָבלעמען פֿאַרנעמען און מוזן פֿאַרנעמען די שרײַבער און קולטור־טוער. קאָן מען מאַכן פֿאַרגלײַכן צווישן דער העברעיאישער ליטעראַטור און איר אָרט אינעם ארץ־ישראל־לעבן מיט די יידישע ליטעראַטורן אין פֿאַרשיידענע אַנדערע לענדער און ציען פֿון אָט די פֿאַרגלײַכן אויספֿירן און באַשלוסן לטובת אָדער נישט צום גונסטן פֿון די יידישע ליטעראַטורן אין אַנדערע לענדער?

אויף אָט די האַרבע און וויכטיקע פֿראַגן איז שווער צו ענטפֿערן קלאָר און דײַטלעך. גיכער קאָן מען אויף זיי ענטפֿערן מיט דער באַוואוסטער יידישלעכער תשובה, מיט אַ צוריק־פֿראַגע: איז דען מעגלעך צו געבן אַ באַשטימטן און גאַר־אָביעקטיוון ענטפֿער? אמת, אַ גאַסט אויף אַ ווײַל זעט אויף אַ מײַל. אָבער אויב מען וויל, האָט אָט די הנחה אַן אַנדערע אויס־טײַטשונג און מיין: אַ גאַסט אויף אַ ווײַל זעט אַלץ אויף אַ מײַל, זעט אַלץ פֿון דער ווײַטנס, און דעריבער איז נישט אַלץ אַזוי ריכטיק און פּינקטלעך, ווײַל דער גאַסט זעט דאָך אַלץ פֿון אַ ווײַטער דיסטאַנץ, פֿון אַ מײַל... וועלן די אַלע מײַנע אײַנדרוקן, באַטראַכטונגען און אויספֿירן בנוגע דער ראָלע און דעם אָרט פֿון דער העברעיאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל זײַן סוביעקטיווע, געבויט מער אויף אײַנדרוקן ווי אויף ערנסטער שטודירונג, מער אויף אויבנאויפֿיקע „אויפֿכאַפּונגען" איידער אויף גרינטלעכע פֿאָר־שונגען. און איך וועל צופֿרידן זײַן, אַז עמעץ פֿון די ארץ־ישראל שרײַבער,

קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער זאָל קומען און ענטפערן, זאָל קומען און אָפּפרעגן מיינע אפשר צו־איילקע באַהויפּטונגען.

איך נעם זיך דאָך דאָס רעכט צו שרייבן און אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, ווייל פאַר די איבער פיר חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, איז מיר, ביי די פאַרשיידנסטע באַגעגענישן, שמועסן און דיס־קוסיעס, אויסגעקומען צו הערן פון די ארץ־ישראלדיקע קינסטלער און אַרויסגעבער, לייענער און פאָרשער פאַרשיידענע סתירותדיקע געדאַנקען און באַהויפּטונגען וועגן אָט די פראַגן. קאָן איך דאָך אויפן סמך פון דעם אַלעמען אַרויסזאָגן אויך דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן אין אָט דעם אָפּשניט פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין ארץ־ישראל.

נאָך אָט דער התנצלות, נאָך אָט דער פאַרענטפערונג, קאָן איך, דוכט מיר, צוטרעטן צום עצם ענין, אָן מורא.

ובכן, וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט דער העברייאישער שרייבער אין דעם שאַפנדיקן און ברויזנדיקן ארץ־ישראל־לעבן?

אויבנאויפיק איז דאָ ביי אַלעמען דאָס געפיל, און וועגן דעם האָלט מען אין איין זאָגן און באַרימען זיך, אַז קיינמאָל, אין קיין שום תקופה האָט דער שרייבער נישט געשפּילט זיך אַזוי פעסט און שטאַרק און איז נישט געווען אַזאַ וויכטיקע פיגור און האָט נישט אויסגעשפּילט אַזעלכע באַדייטנ־דיקע פונקציעס און אויפטוען אינעם יידישן לעבן, ווי איצט. און באמת, איז דען געווען ווען עס איז אַזאַ מין „פּראָספּעריטי־צייט“, אַזאַ מין גליק־לעכער צושטאַנד פאַר דעם העברייאישן שרייבער? אין אַ ישוב פון אַ 650 טויזנט יידן — אַ צען טעגלעכע צייטונגען, מיט פאַרשיידענע וואָכנ־שריפטן און חודשלעכע צייטשריפטן, מיט צענדליקער פאַרלאַגן, וואָס האַלטן אין איין פאַרלאַנגען ווערק, שאַפונגען פון פאַרשיידענעם גראַד און מין? און ביז אַ 100 טויזנט קינדער און יוגנט, וואָס באַקומען אַ נאָרמאַלע, דורכאויס־יידישע דערציאונג און אויסבילדונג אין העברייאיש, פון די סאַמע יינגסטע יאָרן ביזן עלטער פון 20 און ווייטער. און פיל גרויסע קולטור־אינסטיטוציעס מיט פאָנדן, מיט פרייזן פאַר די בעסטע ווערק, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. און מיט אַ פּרעסע און מיט צייטשריפטן, וואָס האַלטן אין איין לויבן און רימען יעדן אויפטו, יעדעס ווערק און יעדן קינסטלערישן פאַרמעסט. און דערצו — אַ נאָכוואוקס פון יינגערע קרעפטן, וואָס קלאַמערן זיך אָדער רעוואָלטירן קעגן די עלטערע. און מיט כסדרדיקע מסיבות, קאָנפערענצן און פייערונגען, וואָס מאַכן פון וואָך — יום־טוב. איז וואָס נאָך קאָן זיך דער העברייאישער שרייבער ווינטשן? קאָנען דען מיר, וואָס וואוינען אין אַנדערע לענדער, ביי גאָר־גאָר אַנדערע,

ווייניק־גינסטיקערע באַדינגונגען, נישט מקנא זיין דעם העברייאישן קינסטלער און די העברייאישע ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל?

און דאָך איז נישט אַלץ אַזוי שיין און שיינענדיק, ווי עס ווייזט זיך אויס פון דער זייט. איך מוז זאָגן, אַז זייער אָפּט, ווען איך האָב מיך צו־געקוקט צו דעם ארץ־ישׂראלדיקן לעבן, נאָכגעפּאָלגט די אָפּענע גע־ראַנגלענישן אין דעם פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און אויך קולטורעלן לעבן, ווען איך האָב מיך געטראָפן מיט די פאַרשיידענע יידן, אַלט און יונג, זיך צוגעהערט צו די געדאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען זיי, צו די איינדרוקן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטיילט מיט מיר וועגן שרייבער און ביכער, — האָב איך איינגעזען, אַז דער העברייאישער שרייבער, אַז די העברייאישע ליטעראַטור געפינט זיך ווייט נישט אין צענטער, אין אַוואַנ־גאַרד פון דעם אַלעם, וואָס טוט זיך און וואָס ברויזט און יוירט אין לאַנד. אומעטום, כמעט אויף אַלע פּאָזיציעס פון דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד, טרעפן מיר בלויז און דער עיקר פּאָליטישע טוער, „פּראָ־פעסיאָנעלע" פּאַרטיי־לייט, וואָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און פירערשאַפט איז זייער „פאַך", איז זייער „פּראָפעסיע". דער קינסטלער, דער שרייבער איז נישטאָ צווישן זיי, אים טרעפט מען זעלטן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און ערנסטע פּאָסטנס. עס איז דאָך איצט אין ארץ־ישׂראל אַזאַ „הייסע" צייט, אַז דער צענטער, דער שווער־פּונקט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן קינסטלער מאָביליזירט זיך און זייער קונסט פאַר דעם פראָנט, און פאַרביטן זייער פעדער אויף דער שווערד, און זייער „ריינע" קונסט אויף דינאַמיט. אַזוי איז געווען מיט די שפּאַנישע שרייבער צוריק מיט אַ צען יאָר, ווען עס איז אָנגעגאַנגען דער העפטיקער קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע כוחות אין שפּאַניע, דאָס נעמ־לעכע איז געשען בעת דער ווילדער היטלעריזם האָט באַדראָט דעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד, און די קינסטלער, שרייבער פון דעם פיל־פעלקערישן סאָוועטנלאַנד האָבן זיך ווי איין מענטש מאָביליזירט, זיך גופא און זייער פעדער און פענזל פאַר דעם שווערן הערהאישן קאַמף מיטן שונא. די גאַנצע קונסט איז איבערגעשמידט געוואָרן אין געווער, וואָס האָט געהאָט די דאָפּלטע אויפגאַבע — פאַרהאַסן דעם שונא און מוטיקן און מונטערן די אייגענע כוחות פאַר ווידערשטאַנד, און ס'איז געווען זעלבסטפאַרשטענד־לעך דער לאָזונג: ווען ס'רעדן האַרמאַטן, שווייגט נישט די מוזע!

איז געשען דאָס זעלבע מיטן העברייאישן קינסטלער און שרייבער אין ארץ־ישׂראל, וואָס געפינט זיך איצט אין אַן ערנסטן געראַנגל מיט אַ פיינט, וואָס דראָט און באַדראָט דעם ווייטערדיקן קיום און די זעלבסט־

שטענדיקייט פונעם יידישן ישוב? מיר דוכט, אַז אויף דעם קאָן מען ענטפערן נעגאַטיוו. דער העברייאישער שרייבער איז ווי אַן דער זייט, ער זעצט פאָר זיין פריערדיקן „געמיטלעכן" לעבן. ער איז נישט אַריינגעצויגן, נישט אַריינגעפלאָכטן אין דעם העפטיקן געראַנגל, אין קאַמף און ווידער־שטאַנד. אין „דבר" האָבן מיר כמעט יעדע וואָך גאַנץ־געלונגענע פערזן פון נ. אַלטערמאַן אויף אַקטועלע טאָג־טעמעס, מיט טרעפלעכע אָנצוהערע־נישן און אַריינזאָגעכצן דער ענגלישער פּאָליטיק. דאָ און דאָרטן האָבן מיר אויך אַנדערע לידער, וואו עס קומט צום אויסדרוק האַס און צאָרן. אָבער אין אמתן איז עס אָפּטמאָל אַ נייע פאַראַפראַזירונג פון די אַלטע נביאישע רייד און רעטאָריק, ווי א. צ. גרינבערגס „נביאישע" לידער אין „הארץ". אָבער אינגאַנצן גענומען איז די העברייאישע ליטעראַטור ווי אַן דער זייט פון די אַלע אויפטרייסלענדיקע געשעענישן. דעם שרייבער געפינט מען זעלטן אויף די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויף טרויער־ און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, וואָס קומען פאָר כסדר, אַלע פאָר וואָכן אין פאַרבינדונג מיט די שרייענדיקע עוולות און אומצערעמאָניעלע הפקר־אַקטן, מיט וואָס די בריטישע מאַכט איז מזכה דעם יידישן ישוב. אויף די ספּאָנטאַן־אָרגאַני־זירטע פאַרזאַמלונגען, שטילע לוויות ווערן אַנאָנסירט, ווי אויסדריקער פון דעם ישובס ווילן, פּאָליטישע פיגורן, פּאָליטישע טוער, אָבער קיינמאָל נישט — פאַרשטייער פון דער העברייאישער ליטעראַטור, מענטשן פון פעז, קינסטלער פון דער בינע, פון דער קונסט. — אפשר מיט איין אויסנאָם — חנה ראָווינאַ, וואָס איז אַ מין סימבאָל, אַ מין געזאַלבטער „כוהן" פון דער יידישער קונסט כלפּי פּנים און כלפּי חוץ.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון ארץ־ישראל, אין לאַטראָן און אין רפיח, זיינען געזעסן אַרעסטירט טויזנטער „אסירי־עם", פאַרשטייער פונעם קעמפנדיקן ישוב. איז דאָרט געווען אַ העברייאישער שרייבער?

אין די קרוב צו 150 קבוצות, וואו עס קומט פאָר אַן אינטערעסאַנט יוירנדיק און שאַפעריש לעבן, אין די קבוצות, וואָס פאַרמאָגן טייערע עלעמענטן פון עלטערע און יינגערע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון וויסן און געוויסן, מיט אייגענע עקספּערימענטן און פאַרמעסטונגען פון אַ קאָלעקטיוון לעבן, — אין אָט די קבוצות טרעפט מען זעלטן דעם העברייאישן שרייבער, וואו ער וואָלט געקאָנט נישט נאָר געבן, נאָר אויך נעמען. איך האָב אין די פאָר צענדליק קבוצות, וואָס כ'האָב באַ־זוכט און וואו כ'האָב אָנגעשלאָגן דורך מיינע אויפטריטן אַ האַרציקן קאָנטאַקט, זיך נאָכגעפרעגט, צי עס באַזוכן זיי העברייאישע שרייבער, און באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער, וואָס איז געווען געמישט מיט פאַראיבל, מיט פאַרדרוס אויפן אַדרעס פונעם ארץ־ישראלדיקן שרייבער, וואָס לעבט

זיך אין שטאָט און האָט קיין צייט און קיין אינטערעס נישט פאַר אַזעלכע רייזעס־באַזוכן, סיידן די אַרטיקע, לאָקאַלע קבוצישע שרייבער, וואָס זיינען טאָג־איין טאָג־אויס פאַרבונדן מיטן קבוצה־לעבן און פּראָווון אויך שאַפן. אָבער דאָס זיינען ווי „פּראָווינצלער", ווי „דאָרפישע יידן"...

און אויף וויפיל דער העברייאישער שרייבער און זיין ראָלע און זיין „וואָג" אינעם לעבן פון דעם קעמפנדיקן יידישן ישוב איז קליין, האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט, ווען מיר זיינען געפאָרן אויף דער שיף, וואָס האָט געפירט דעלעגאַטן און געסט פון ארץ־ישראל צום ציוניסטישן קאָנגרעס קיין באַזעל. עס איז מערקווירדיק: צווישן די דריי הונדערט פאַרשיידענערליי טוער, בויער, שטאָט־מענטשן און דאָרפס־לייט, פּאַרטיי־טוער און סתם אַזוי געסט, פאָרער און מיטפאָרער, מענער און פרויען, זשורנאַליסטן און סטענאָגראַפיסטן, — צווישן דעם פאַרשיידנאַרטיקן און פילפאַרביקן עולם פון יונג און אַלט, פון וועטעראַנען און פּיאָנערן האָט אויסגעפעלט איין „שטאַנד", איין פאַך — דער שרייבער, דער קינסטלער. אַלע אינסטיטוציעס, אַלע געביטן, אַלע אַנשטאַלטן, אַלע חברות פון לינקס און רעכטס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב און אַמביציע צו שיקן דעלעגאַטן, בייצוזיין אויף דעם קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אויפגעקליבן נאָך ניין אַזעלכע שווערע יאָרן, נאָר די העברייאישע ליטעראַטור, אירע פאָרשטייער, אירע וואָרט־פירער, האָבן דאָ אויסגעפעלט. אין לויף פון די אַכט־ניין טעג, וואָס מען האָט זיך געפונען אויף דער שיף, זיינען פאָרגעקומען צונויפטרעפן, שמועסן און דיסקוסיעס, באַראַטונגען און פאַר־קאָנפערענצן, וואָס זיינען געווען אַ מין „אַריינפיר", אַ „פּרעליוד" צו דעם קאָנגרעס. די פאַרשיידנסטע פראַגן און פּראָבלעמען זיינען אַדורכגעלופטערט געוואָרן. אָבער צווישן די אַלע פאַקטאָרן פון דעם בויענדיקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק דורך די דעלעגאַטן און פאָרשטייער אויף דער שיף, דעם „שווימענדיקן פּאַרלאַמענט", האָט אויסגעפעלט איין אָפּשניט אין דעם יידישן ישוב — די העברייאישע קונסט, דער העברייאישער שרייבער.

אמת, ס׳איז מיטגעפאָרן מיטן „השומר הצעיר" דער דיכטער א. שליאָנסקי, אָבער ער איז די גאַנצע צייט און אויך אויפן קאָנגרעס געווען און פאַרבליבן בלויז אַ „צוגאָב". מען האָט אים ווי אַ דיכטער און שרייבער נישט אָנגעזען. און ווען אין באַזעל איז געווען אַ געלעגנהייט, אַז א. שליאָנסקי, ווי דער רעדאַקטאָר פון „עתים" און אָנפירער פון דער „תרבות מתקדמת", זאָל פּראָווון אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש מיט פאַרשיידענע יידישע שרייבער און דיכטער און האָבן אַ שמועס, — האָט אים דערויף געפעלט ווילן, קוראַזש און פאַרשטענדעניש. ס׳זיינען מיטגעפאָרן נאָך אַ צוויי־

דריי שרייבער, אָבער זיי זיינען געווען בלויז באַאַמטע פון אַלגעמיינע ציוניסטישע אינסטיטוציעס...

פון די אַלע פינף טעאַטערן, וואָס זיינען דאָ אינעם לאַנד און וואָס שאַפן וויכטיקע קולטור־ און קונסט־ווערטן, וואָס העלפן־מיט אַזוי אָדער אַנדערש די קינסטלערישע אויסקריסטאַליזירונג פונעם ישוב, — פון אָט די קונסט־טעמפּלען איז קיינער נישט געפאָרן צום קאָנגרעס צו ברענגען צום אויסדרוק דאָס, וואָס ווערט געטאָן און דערגרייכט אין דעם געביט. אויב נישט רעכענען די אָפּערע־זינגערין פון דער העברייאישער אָפּערע.

עס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די אָפּוועזנקייט סיי פונעם שרייבער און סיי פונעם קינסטלער. און איך האָב אין אַ שמועס מיט אַ פירנדיקער פּערזאָן, דעם רעדאַקטאָר פון אַ פּאַרטייאישער וואָכנשריפט, וואָס האָט אַ דעה אינעם ישוב, דאָס אויפמערקזאַם געמאַכט און געגעבן מיין אינטער־פּרעטאַציע צו דעם. — „יאָ, — האָט ער מודה געווען האַלב־פאַרשעמט און האַלב־פאַרענטפערנדיק — יאָ, עס איז אַ פאַרזען! עס איז אונדז נישט איינגעפאַלן אין דעם געטומל, אין דער איילעניש פון קלייבן זיך פאָרן, זען צו באַווירקן, אַז אייניקע באַוואוסטע שרייבער־דיכטער זאָלן מיטפאָרן צום קאָנגרעס.“ „און איבעריקנס — האָט ער צוגעגעבן — איז עס אויך די שולד פון די שרייבער, וואָס האָבן נישט אַרויסבאַוויזן קיין אינטערעס צו פאָרן. מיר, פּאָליטיקער, זיינען געווען צו־פאַרנומען מיט די וואַלן און מיט די אַלע זאַכן ערב דעם קאָנגרעס . . .“

האָב איך שוין נישט אָפּגעלאָזט און געזאָגט: „ווייזט עס נישט, אַז דער שרייבער פאַרנעמט אין אייער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ גאָר נישט־וויכטיקע ראָלע?“ — „יאָ — האָט ער צוגעגעבן — ווייזט אויס, אַז ערגעץ־וואו זיינט איר גערעכט!“

און דער המשך פון אָט דעם דיאַלאָג אין קופּע פון דער באַן, וואָס האָט אונדז געפירט פון מאַרסעל קיין באַזעל, צווישן מיר און דעם פּאַראַנט־וואָרטלעכן רעדאַקטאָר פון דער אָנגעזעענער פירנדיקער צייטשריפט, איז שוין געווען אַ גאַנץ־טשיקאַווער און באַשטעטיקט פיל זאַכן, וואָס איך האָב אַפּריער אין לאַנד אַליין געאַנט און געפילט.

יאָ, דער יידישער קינסטלער אין ארץ־ישראל פאַרנעמט נישט אין דעם רוישיקן לעבן, וואָס איז פול מיט וויכטיקע פּראָצעסן, קיין אַקטיווע און פירנדיקע ראָלע. עס זיינען דאָ דערביי זייער פיל סיבות: ראשית, דער עלטערער יידישער שרייבער — און גראָד דער אָנגעזעענסטער — ער שטעקט נאָך אַלץ אין דער אַלטער יידישער וועלט מיט איר פאַר־עלטערטן יידישן לעבנס־שטייגער. און מיר רעכענען ביידע אויס אין אונדזער שמועס, — אַזאַ מין דיאַלאָג, וואָס דערגאַנצט איינער דעם צווייטנס

רייד, — מיר רעכענען אויס איניקע אָנגעזעענע יידישע שרייבער, דיכטער און פּראָזאַאיקער, וואָס זיינען שוין אין לאַנד אַ שיין ביסל יאָרן — 20, 25 און 30 יאָר, — אָבער זייער מהות, זייער וועזן, זייערע קוואַלן און קוועלן שטעקן נאָך אַלץ אין דער אַלטער וועלט, אין דעם בעסאַראַבישן, גאַליצישן, וואָלינישן און ליטווישן שטעטל, אין יענער נאַטור, אין יענער אומגעבונג. דאָרטן איז נאָך אַלץ זייער כוח און זייער מיליע. און פּרוּווּן זיי מאָלן און שילדערן דאָס נייע ארץ־ישראלדיקע לעבן, דעם נייעם ארץ־ישראלדיקן מענטש, — איז עס שוואַך, נישט איבערצייגנדיק.

אַט האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע און אָריגינעלסטע קינסטלער, ש. י. עגנון, פאַרעפנטלעכט זיין גלענצנדיקן ראָמאַן־עפּאָס „תמול שלשום" (נעכטן און אייערנעכטן), און עס איז שטאַרק דערמיט, וואָס עס ברענגט אַרויס שטיקער לעבנס, שטיקער תקופות פון אַ 40 יאָר צוריק אין גאַליציע און אין ארץ־ישראל. דאָס איז זיין סטיכיע. און דער זעלבער שרייבער איז פיל שוואַכער, ווען ער קומט צום היינטצייטיקן לעבן אין ארץ־ישראל. און אַן אַנדערער וויכטיקער פּראָזאַאיקער, אשר באַראַש, איז אַלעמאָל אינ־טערעסאַנט און קרעפטיק, ווען ער האָט צו טאָן מיטן לעבן, מיט די געשטאַלטן פון זיין אַמאָליקער היים. און אַזוי אויך דער אָריגינעלער שרייבער י. הזז, און אויך דער און אַנדערער דיכטער. — און אַט די אַלע גרויסע, באַדייטנדיקע שרייבער רעדן צום האַרצן, ווירקן און באַגייסטערן, געפעלן און אימפּאָנירן דעם עלטערן מענטש אין ארץ־ישראל, וואָס איז, ווי דער קינסטלער פון זיין דור, געקניפּט און געבונדן מיט זיין אַלטער היים, מיט דער אַמאָליקער סביבה, מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון דער ליבער און לאַנג־פאַרשוואונדענער היים. גאָר אַנדערש איז מיטן יונגן לייענער, מיט דעם, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין לאַנד, דעם אַזוי־גערופענעם „סאַבראַ", — פאַר אים איז עס שוין אַ לאַנג־פאַרגאַנגען לעבן, וואָס אינטערעסירט אים ווייניק און וואָס איז אים לחלוטין פרעמד. עס דערמאָנט ממש ווי דער אַמעריקע־געבוירענער יידישער בחור און מיידל האָבן קיין אינטערעס נישט צו דעם לעבנס־שטייגער, וואָס עס פירן אַרויס מענדעלע מו"ס, שלום עליכם און פּרץ, און אַפילו שלום אַש (אין זיינע פריערדיקע ווערק) אָדער דוד בערגעלסאָן. — חזרט זיך אין ארץ־ישראל איבער אויף אַ ספּעציפישן אופן די טראַגעדיע פון דעם עלטערן אָדער יינגערן שרייבער, וואָס איז נאָך פאַרוואָרצלט מיטן לעבן פון די אַלע אַנדערע ישובים אויסער ארץ־ישראל, מיט זייער לעבנס־סביבה, מיטן סאָציאַלן און גייסטיקן מהות פון דעם „גלות", און האַלט אין איין מאָלן און אַרויסברענגען יענע וועלט, — אָבער פאַר דער יידישער ארץ־ישראל־יוגנט איז עס „סתרי־תורה", אַ לעבן, וואָס קער זיך ווייניק אָן מיט איר.

איז אַזוי־אַרום אין ארץ־ישראל פאַראַן די באַקאַנטע טראַגעדיע, וואָס איז דאָ אין די אַלע יידישע ישובים, וואו ס׳איז דאָ און ס׳וואַקסט אַ תהום צווישן דעם פריערדיקן און איצטיקן לעבן. זיינען מיר אויך אין ארץ־ישראל אָנגעוויזן אויף ווידערשפּרוכן, אויף אומנאַרמאַלקייטן, וואָס בלויז קורצזיכטיקע „יאַ־שרייער" באַמערקן זיי נישט...

עס איז זיכער אין אַ גאַר גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער ספּעציעלער ארץ־ישראל־דערציאונג און פון דעם אופן, ווי גאַר דער פירנדיקער יידישער ישוב האָט זינט יאָרן און יאָרן אויסגעמיטן, פאַרבאַהאַלטן פאַר דער וואַקסנדיקער יוגנט, פאַרמיאוסט פאַר איר אַלדאָס יידישע, וואָס איז אויסער און מחוץ ארץ־ישראל. אָט די נעגאַציע פונעם גלות, אָט דאָס מבטל זיין כעפרא דארעא, ווי שטויב, דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אַלדי דורות און זייערע שאַפונגען, האָט געבראַכט אירע פרוכט. די יידישע ארץ־ישראל־יוגנט האָט זיך דעריבער אָפּגעקערט פון די ארץ־ישראלדיקע שרייבער, וואָס ברענגען אַרויס יענע „נישטיקע" און „אומווירדיקע" וועלט, יענע צום טויט און אומקום פאַראורטיילטע ישובים און זייערע מענטשן, מיט אַלדאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן (די יידישע שפּראַך און קולטור אַריינגערעכנט). מען דאַרף עס באַטאָנען און ווידעראַמאָל באַטאָנען, אַז עד־היום ווערט אין ערגעץ נישט געלערנט, נישט אין די פאָלקס־שולן, נישט אין די מיטלשולן, נישט אין די לערער־סעמינאַרן, נישט אין דער העברייאישער אוניווערסיטעט, אַלדאָס וואָס האָט וואָסערע ס׳איז שייכות מיט די קאָלאָסאַלע שאַפונגען אין משך פון הונדערטער יאָרן אין דער יידישער שפּראַך.

פון מיינע באַאָבאַכטונגען, באַגעגענישן און שמועסן מיט פאַרשיידענע טיפּן יונגעלייט האָב איך איינגעזען, אַז די יידישע ליטעראַטור, וואָס ווערט זיי דערלאַנגט אין איבערזעצונגען (אין טיי־לעפעלעך) און דאָס נעמלעכע — די העברייאישע ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיטן אַמאָליקן יידישן לעבן, מיט די אַלע שטעט און שטעטלעך און זייער לעבנס־שטייגער, איז פאַר זיי אַ גאַר פרעמדער ענין, וואָס האָט צו זיי אַ קנאַפּע שייכות און זיי ווייזן נישט אַרויס פאַר דעם קיין שום אינטערעס. און ווי די יוגנט, די שילער, אַזוי אויך די יונגע לערער־דערציער, — אויך פאַר זיי איז דאָס גאַנצע יידישע שאַפן אַ פרעמדער ענין, אַן איבעריקע זאַך, וואָס עס איז אַ שאָד די צייט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם. איז דער גורל פון פיל העברייאישע שרייבער אין ארץ־ישראל אין אָט דעם זינען אָפּט ענלעך צום גורל פון דעם יידישן שרייבער אין אַמעריקע, — ער שרייבט בעיקר פאַר אַ מיטליאָריקן לייענער; דאָס איז זיין אוידיטאָריע, ער שענקט אים אויפמערקזאַמקייט און נייגיר, אָבער נישט דער יונגער לייענער.

אויף אַ מסיבה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד מיר אין תל־

אביב, ביים בייזיין פון אַ צוויי מנינים שרייבער־פריינט, האָט דער דיכטער א. שליאָנסקי באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז עס איז שוין צייט, מיר זאָלן זיין מער־שפּאָרעוודיקער און נישט פאַרשווענדן קיין שאַפערישע כוחות לאיבוד, אומזיסט. לויט זיין מיינונג, האָבן מיר אין לויף פון יאָרהונדערטער, שיער נישט פון דער רמב״ם־צייט ביז איצט, געפּטרט אונדזער שאַפערישע ענערגיע אויף נישט־וויכטיקע און נישט־פּראָדוקטיווע זאַכן. ערשט לעצטנס האָבן מיר געפונען דעם ריכטיקן וועג, מיר זיינען ענדלעך אַרויף מיט אונדזער שאַפן אין ארץ־ישראל אויף דעם דרך־המלך און וועלן אויסמיידן אויף ווייטער אומזיסטיקע פאַרשווענדערישע אַרבעטן און מיאונגען.

יאָ, מען וויל מאַכן אַזאַ מין קפיצת־הדרך, איבערהיפּערן גאַנצע יאָר־הונדערטער, אַריבערשפּרינגען תקופות מיט דורות, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך און געשעפּט פון די פאָלקס־קוואַלן מחוץ־לארץ. אָט די איינשטעלונג איז באַגרינדעט געוואָרן מיט דער פאָרמולע, אַז נישט דער כמות איז דער עיקר, נאָר דער איכות, די קוואַליטעט, וואָס ווערט געשאַפן און געשטאַלטיקט בלויז אונטער די ארץ־ישראלדיקע הימלען און אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד.

איז עס אַ גרויסע פראַגע, צי מיר קאָנען און מעגן אויסמעקן און איגנאָרירן די אַלע מערקווירדיקע און וואונדערלעכע אוצרות, די אַלע ווערק און ווערטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט מיט לייב און לעבן, מיט אַלע זיינע שאַפּערישע כוחות, געשאַפן. נאָך מיין ענטפער, אין וועלכן איך האָב באַוויזן ווי דאָס יידישע פאָלק, אין אַלע זיינע פאַרשיידענע איבער־וואַנדלונגען, האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך, וואָס עס האָט אויסגעוויטיקט און אויסגעפיבערט אין דער יידישער שפּראַך און אַלדאָס, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן דורך די אַלע דורות אין פאַרשיידענע לענדער, מיט דעם חסידות, מיט דער השכלה, מיט דעם גלענצנדיקן רענעסאַנס אין דער יידישער שפּראַך, — האָט א. שליאָנסקי זיך צוריקגעצויגן פון זיין פריער־דיקער „איינשטעלונג״ און געלאָזט זיך גיין אויף פשרות און צוריקטריט...

אָבער אין תוך בלייבט גילטן אין ארץ־ישראל אָט די טעאָריע, וואָס איז די אָנגענומענע אויך אין דער פּראַקטיק. מען וויל אָנהויבן פון אַ נייעם „בראשית״, ווי פריער וואָלט געווען תוהו ובוהו, און פינצטערניש און כאַאָס האָט געהערשט אויף דעם אויבערפלאַך. און אויב די לערער, די דערציער דערזאָגן עס נישט ביז צום סוף, טוט עס שוין די יידישע יוגנט אַליין. זי מאַכט די נויטיקע אויספירן, אָפטמאָל גאַנץ שאַרף און ברוטאַל, ווי אַ יוגנט, וואָס לאָזט זיך אויף נייע וועגן און וויל זיך אָפּטרייסלען פונעם עבר, פון דער לאַסט פון עבר, קאָן עס טאָן. אין דעם זאַמלבוך „במאבק״

(אין גערא̇נגל), וווּאס מיר הא̇בן שוין גערעדט וועגן אים אין א̇ פריערדיקן קא̇פּיטל, הא̇ט די יוגנט גערעדט נישט נא̇ר קעגן דעם א̇מא̇ליקן לעבן אין „גלות“, וווּאס מ׳הא̇ט אים די גא̇נצע צייט פּא̇ראוֹמווירדיקט, נא̇ר אויך קעגן דעם עלטערן דור אין ארץ־ישראל גופא, פון וועמען מען דא̇רף זיך אינגא̇נצן א̇פּשא̇קלען, זיך בא̇פרייען פון זיין עול, פון זיינע טרא̇דיציעס, פון גא̇ר זיינע שוואַכקייטן. דער עלטערער דור שרייבער און געזעלשא̇פט־לעכע טוער איז געווען שטא̇רק אויפגעבראַכט קעגן א̇ט דער חוצפה, קעגן א̇ט דער הפקרות, קעגן א̇ט דער „פּריצת עול“, און נישט בא̇גריפן, א̇ז דא̇ס איז דא̇ך די קא̇נסעקווענץ פון דער דערציאונג און אויסבילדונג, וווּאס די עלטערע שרייבער און לערער הא̇בן געגעבן דער יוגנט... עס איז בא̇טירלעך, וווּאס די יוגנט שפּייט איצט אין די אייגענע ברונעמס, פון וועלכע מען דא̇רף שעפּן און טרינקען.

און נא̇ך א̇ זא̇ך, וווּאס איך הא̇ב כסדר בא̇מערקט ביי די יידישע שרייבער און קינסטלער אין לא̇נד: די א̇פּגעריסנקייט, די פא̇רפרעמדטקייט צו דעם א̇לעמען, וווּאס יידישע שרייבער און קינסטלער שא̇פן אין א̇נדערע לענדער, ווי דא̇ס א̇לץ, וווּאס דא̇ס יידישע פא̇לק, די יידישע פא̇לקס־מא̇סן, די יידישע קינסטלער שא̇פן אין גא̇ר דער וועלט, הא̇ט נישט קיין דירעקטע און נא̇ענטע און טיף־אייגענע שייכות צו זיי. מען לייענט נישט קיין ביכער, קיין ווערק, וווּאס דערשיינען אין א̇נדערע לענדער אין יידיש, מען אינטערעסירט זיך גא̇ר־ווייניק מיט די פּרא̇בלעמען, מיט די דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטערא̇טור אין דער וועלט, מען ווייסט א̇פילו נישט די נעמען פון פיל־בא̇דייטנדיקע יידישע קינסטלער. עס איז לייכטער, ווייזט אויס, צו איגנא̇־רירן, מבטל צו זיין, מא̇כן צו נישט, איידער נא̇כפא̇לגן, איידער מיטגעריסן ווערן פון דעם א̇לעם, וווּאס יידישע קינסטלער אין דער וועלט טרא̇גן אויס און שא̇פן. — וועגן אייניקע בא̇דייטנדיקע יידישע קינסטלער פון א̇מעריקע און פון רא̇טנפא̇רבא̇נד, וווּאס הא̇בן די לעצטע צען־פופצן יא̇ר געמא̇כט בא̇דייטנדיקע פא̇רשריטן און געשריבן ווערק, וווּאס זיינען נייע שטא̇פלען, נייע פא̇רמעסטן אין זייער שא̇פן, אין זייער גא̇נג אין דער יידישער שא̇פערישער וועלט, — וועגן א̇ט די קינסטלער הא̇ט מען א̇לטע בא̇גריפן און א̇לטע פא̇רשטעלונגען. מען קא̇ן זיי פון זייערע א̇מא̇ליקע ערשטע ביכער, און מען ווייסט ווייניק וועגן זייערע ווערק פון די לעצטע יא̇רן. עס איז פא̇רדרא̇סיק געווען צו הערן די סא̇מע אויסטערלישסטע, בא̇רישסטע און נישט־געשטויגענע מיינונגען און מעשיות וועגן שלום א̇ש, געבויט אויף עפּעס א̇ פּא̇ר ציטא̇טן, וווּאס זיינען געדרוקט געווען אין א̇ן ארץ־ישראל־דיקער צייטונג פון חיים ליבערמא̇נס ווילדע א̇טא̇קעס און פּא̇סקווילן. און עס איז גענוג געווען פא̇ר די גא̇נץ־ערנסטע קינסטלער און שרייבער אין

ארץ־ישׂראל מחרים צו זיין שלום אַשן, אים אַוועקשטעלן מחוץ למחנה, און זיין נאָמען איז געוואָרן „לא יזכר ולא יפקד״. יאָ, מען האָט אַ קנאַפּע פּאָר־שטעלונג וועגן די גרויסע פּאַרמעסטונגען פון די אַלע אַנדערע יידישע שרייבער, וועגן די געוואַגטע פּרוּוון פון די יינגערע שרייבער אין אַנדערע לענדער. דאָס איז אַ חסרון און אַן עוולה, און עס ברענגט פיל שאָדן דער העברייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישׂראל און דעם העברייאישן קינסטלער, וואָס האָט ביי זיך אין זיין גרעסטער מערהייט געפּועלט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין די לענדער אויסער ארץ־ישׂראל, איז גאָרנישט מיט נישט און האָט נישט קיין האַפט. ווייל — ווי זאָגט א. שליאָנסקי — דער עיקר איז איכות, און איכות איז נאָר אין ארץ־ישׂראל, און כמות — קוואַנטיטעט — איז אַ פאַלשע און געפּערלעכע וואָג און מאָס...

אמת, און מען דאַרף עס מיט פרייד קאָנסטאַטירן און באַטאָנען, — אמת, די העברייאישע פאַרלאַגן ווייזן לעצטנס אַרויס אַ פּאַראינטערעסירונג צום איבערזעצן ווערק פון יידישע שרייבער אויף העברייאיש. פאַר די לעצטע פאַר יאָר זיינען דערשינען אייניקע ביכער פון דעם אָדער יענעם שרייבער. אָבער אין תוך איז עס אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון איבער־זעצן ביכער פון אַנדערע ליטעראַטורן און שפּראַכן. און עס איז דאָ כסדר די באַטאָנונג ביים איבערזעצן פון יידיש, אַז מען גייט אָפּראַטעווען פון אומקום, פון חורבן דאָס פאַרבליבענע, די רעשטלעך פון דער שפּראַך און דער ליטעראַטור, וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגיין, — מען טוט עס גאַנץ באַוואוסטזיניק און מען שטרייכט עס כסדר אונטער, סיי אין די פּראָספּעקטן פון די פאַרלאַגן, סיי אין די אַריינפירן צו די איבערזעצונגען און דערנאָך — אין די רעצענזיעס וועגן די יידישע איבערזעצונגען. דאָס דריקט זיך אויך זייער שאַרף אויס אין דעם אויסוואַל פון די ווערק, וואָס מען זעצט איבער. מען כאַפּט נישט אויף די קינסטלער, וואָס מאָלן אַ צאַפּלדיקן, שאַפערישן יידישן לעבן, און די ווערק, וואָס זיינען פול מיט אָנזאָג פון אַ מאָרגנדיקן טאָג, פון נייע פאַרמעסטונגען און גלויבן אין אַ צוקונפט, אין אויפבוי און ווידעראויפבוי, נאָר מען קלויבט אויס די ווערק, וואָס זאָגן אָפּ אַ „רבנן קדיש״, וואָס ציען אונטער די לעצטע שורות, וואָס דאַרפן זיין ווי מצבות, ווי מאָנומענטן אויף אַ יידיש לעבן, וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ.

די העברייאישע שרייבער און קינסטלער נעמען זיך נישט די מי, בכתב און בעל־פה, אַריינצוברענגען אין דעם־אַ פאַלשן געדאַנקען־גאַנג זייער מיינונג. זיי באַמיען זיך נישט צו קאָרעגירן די אַלע באַגרענעצטע איינשטעלונגען, זיי אינטערעסירן זיך זייער ווייניק אָדער אינגאַנצן נישט מיט דעם שאַפן פון יידישע קינסטלער אין דער גאָרער וועלט.

און סוף כל סוף פאַרנעמען די איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אַ פיל־קנאַפּערן אָרט אין דער אַלגעמיינער איבערזעצונגס־ליטעראַטור, וואָס האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן אין העברייאיש. פיל וויניק־באַדייטנדיקערע ווערק פון אַנדערע שפּראַכן, פון דייטש, רוסיש, פראַנ־צויזיש און ענגליש דערשיינען, און מען לייענט זיי פיל געשמאַקער און מיט מער נייגיר און שפּאַנונג ווי די געציילטע, נישט געלונגען־אויסגע־קליבענע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז בכלל אַ פּאַר־פלייצונג פון פרעמדע ווערק אין דעם העברייאישן ביכער־מאַרק, אַ פּאַר־פלייצונג, וואָס ווערט שוין איצט אַלאַרמירט דורך דעם העברייאישן שריי־בער אין לאַנד. און ווי אין דער ליטעראַטור—אַזוי אויך אינעם טעאַטער. דעם גרויסן מאַנגל אין רעפּערטואַר פון די עטלעכע ערנסטע דראַמאַטישע טעאַטערן באַמיט מען זיך בעיקר צו באַקעמפן מיט פּיעסעס פון פאַר־שיידענע, ווייט־נישט ערשט־ראַנגיקע ווערק פון אַנדערע ליטעראַטורן, אָבער זעלטענער — מיט ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. און אויב שוין יאָ פּיעסעס פון יידישער דראַמאַטורגיע, איז עס פון דער אַלטער צייט, פון די אַמאָליקע צייטן.

אויב דאָס איז אין אַלגעמיין די באַציאונג פון דעם העברייאישן קינסטלער און שרייבער פונעם עלטערן דור, פון די פריערדיקע דורות, צום יידישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך, איז עס נאָך שאַרפער און ווייטיקדיקער ביי דעם יונגן העברייאישן שרייבער, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם נייעם ארץ־ישראלדיקן לעבן, פון די וואַקסנדיקע כוחות אינעם יוירנדיקן יידישן ישוב. ער איז שוין לויט זיין באַשטאַנד, לויט זיין גאַנצן אויסערלעכן און אינערלעכן כאַראַקטער און מהות אַ . . . „סאַברא״. עס איז ווי אין פסוק שטייט: „ויקם מלך חדש, אשר . . .״, וואָס וויל נישט וויסן, וואָס עס איז געווען פאַר אים. אָט דער נייער, יונגער שרייבער־דור ברענגט אייגנטלעך צום אויסדרוק די שטימונגען, דעם וועלט־באַנעם, דעם קרייז אינטערעסן און פּראָבלעמען פון דער יידישער וואַקסנדיקער יוגנט אין ארץ־ישראל. צווישן אָט דעם יונגן דור שרייבער, וואָס איז אויפ־געקומען אין לאַנד ביי די נייע לעבנס־באַדינגונגען, און דער יידישער ליטעראַטור אין גאַר דער וועלט, ליגט אַ טיפער תהום, אַ דיסטאַנץ פון שטח און פון צייט און פון אַנדערע באַגריפן. איך וועל נישט זיין ווייט פון אמת צו זאָגן און צו באַהויפּטן, אַז עס איז אויך דעריבער און ממילא דאָ אַ דיסטאַנץ צווישן דער שרייבער־גענעראַציע, וואָס קומט אויף אין ארץ־ישראל, און דעם עלטערן דור העברייאישע שרייבער. עס זיינען אָפט צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס קערן זיך ווייניק אָן, וויל יעדע פון די צוויי וועלטן לעבט און לעבט זיך אויס גאָר אַנדערשדיק און פאַרשיידן, סיי מיטן

שטאָף, וואָס זיי באַנוצן אין זייערע ווערק, און סיי מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס אידייען און איינשטעלונגען און מיט די מעטאָדן און מיטן געמיט־צושטאַנד, וואָס עס פאַרמאָגן די צוויי באַזונדערע וועלטן פון דעם איין קליינעם און קאָנצענטרירטן ארץ־ישראל. נישטאָ קיין בריקן נישט נאָר צווישן דער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור און די ליטעראַטורן אויף יידיש אין דער גרעסער יידישער שאַפערישער וועלט, נאָר עס פעלן אויך צוזאַמענבונדן און אַן אָרגאַנישער קאָנטאַקט צווישן דער עלטערער און יינגערער העב־רייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, צווישן די עלטערע און יינגערע קינסטלער אין לאַנד גופא. מיר איז אויסגעקומען צו הערן סיי פון די ערשטע לגבי די צווייטע און פון די צווייטע לגבי די ערשטע ביטול־ווערטער, וואָס שטרייכן אונטער די פאַרפרעמדקייט, וואָס האָט זיך איינ־געשטעלט צווישן זיי אין משך פון די לעצטע צען־פופצן יאָר. — עס הערשט אַ פיל־טיפערער תהום, ווי עס הערשט צווישן עלטערן און יינגערן שרייבער אין אַנדערע לענדער, אין אַנדערע ליטעראַטורן, ווייל עס שיידט זיי מער פאַנאַנדער די אַנדערשקייט, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם פריערדיקן און איצטיקן לעבן אין ארץ־ישראל, וואָס מאַכט אַדורך ראַשיקע פּראָצעסן.

דער העברייאישער קינסטלער, דער יינגערער ווי דער עלטערער, אין ארץ־ישראל האָט ביי זיך געפּועלט, אַז מיטן יידישן לעבן, מיטן אמתן טיף־נאַציאָנאַלן לעבן אין חוץ־לארץ איז אויס, אָדער עס גייט אויפן שנעלן וועג פון באַרג־אַראָפּ, — דאָ ליגט דער עיקר חסרון און דערפון אָט די איינשטעלונג, וואָס ברענגט צו די איזאָלירונגס־געפילן, צו די איזאָלאַציע־איינשטעלונגען. עס איז פיל לייכטער און רואיקער זיך אַרומצוגרענעצן פון אַלע זייטן און לעבן און אויסלעבן זיך מיט די געפילן און באַשטימונגען „אני ואפסי עוד״, — אויסער מיר, אויסער אונדז — איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. פאַרזעט מען גאַנץ־בכיוון די אַנדערע לענדער אויסערן ישוב, און פאַרטיק. עס פאַרן הונדערטער שליחים פון פאַרשיידענע פאַרטייען, ריכטונגען און גרופּירונגען פון ארץ־ישראל אין פאַרשיידענע ווינקלען און עקן וועלט מיט מיסיעס און שליחותן, וואָס זיינען אונדז נישט אַלעמאָל צום האַרצן. אָבער מען פאָרט, מען וויל ברענגען זיי אַ וואָרט פון מוט און טרייסטונג, מען קומט מיט לאָזונגען און מיט אָנווייזונגען, וואָס לויט זייערע מיינונגען און איינשטעלונגען, זיינען עס ריכטיקע. אָבער מיר האָבן נישט געהערט, אַז העברייאישע שרייבער און קינסטלער פון ארץ־ישראל זאָלן זיך רייזן אין די גרויסע יידישע קיבוצים, כדי אויף די ערטער זיך דער־גרונטעווען און זיך דערשלאָגן צו די קוואַלן פון דעם יידישן לעבן, זיך דערנענטערן צו די שאַפערישע כוחות אין יעדן לאַנד, און פּרוּוון אָנ־

שלאָגן מיט זיי אַן ענגערן שאַפערישן קאָנטאַקט, אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אַפילו ביים היינטיקן טאָג, ווען מיר האָבן אָנגעוואוירן איבער זעקס מיליאָן יידן, וואוינען און לעבן אין אַנדערע לענדער מחוץ ארץ־ישראל אַ 94 פראָצענט פון דעם יידישן פאָלק, און אין ארץ־ישראל — בלויז ביי 6 פראָצענט!

און פאַרוואָס עפּעס זיך לאָזן אַזש אין די מרחקים, ערגעץ אין ווייטע מדינות צו זוכן און צו נישטערן יידן און יידיש לעבן און יידיש שאַפן? עס פעלט אַפילו דער ווילן און דער דראַנג צו זוכן דאָס יידישע לעבן, די פאַרשיידענע פונקען פונעם גליענדיקן און פלאַקערנדיקן יידישן לעבן אין די זשורנאַלן און צייטשריפטן, וואָס דערשיינען אין די אַלע ווייטע מקומות, וואו עס לעבן יידן אין גרויסע און גרעסערע מאָסן. איך האָב נישט איין מאָל ביי באַגעגענישן מיט העברייאישע שרייבער און קינסטלער זיך ווידעראַמאָל און נאָך אַמאָל איבערצייגט, ווי ווייניק זיי ווייסן און ווי ווייניק עס גייט זיין אָן וואָס עס טוט זיך ביי די יידישע מאַסן אין די אַלע, אַלע יידישע קיבוצים. עס איז פאַר זיי געווען אָפטמאָל אַן איבערראַשונג, אַז דאָרטן און דאָרטן זיינען דאָ יידישע שרייבער, אַז דאָרטן און דאָרטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווערק, אַז דער אָדער יענער שרייבער לעבט און שרייבט. און איך האָב מורא, אַז ביי אַט דער איבערראַשונג איז מען געבליבן, און ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. אין די אַלערליי פאַר־שיידנסטע צייטשריפטן און זשורנאַלן אין ארץ־ישראל, וואָס זייער צאָל איז זייער גרויס (און כן ירבו!), טרעפט מען גאַנץ זעלטן אָדער כמעט קיינמאָל נישט וואָסער ס'איז איבערזיכט, וואָסער ס'איז אינפאָרמאַציע וועגן דעם שאַפערישן לעבן פון יידן אין אַנדערע לענדער, וועגן יידיש טעאַטער, וועגן יידישער קונסט, וועגן יידישער מוזיק, וועגן יידישן שול־וועזן. אין „משמר", די טעגלעכע צייטונג פון „השומר הצעיר", טרעפט מען דאָך פון צייט צו צייט אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער.

פאַר די איבער פיר חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין לאַנד, האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אַ שטאַרקן און אויפריכטיקן אינטערעס מצד די שרייבער און קינסטלער צו דערגיין דורך מיר, בעל־פה אָדער בכתב, וועגן דעם לעבן און וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער און אין אַמעריקע. זעלטן וועלכע ליטעראַרישע אויסגאַבע אָדער טעגלעכע צייטונג האָט אַרויס־באַוויזן אַזאַ מין אינטערעס. און מערקווירדיק, גראַד אין די קבוצות, ווי אין די אַרבעטנדיקע קרייזן אין די שטעט, האָב איך אַרויסגעזען אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג, וואָס איך האָב טאַקע געשטילט דורך מיינע פאַר־שיידענע רעפעראַטן, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן עולם אין תל־

אביב, אין חיפה, אין פאַרשיידענע קבוצות. אָבער אַ העברייאישער שרייבער האָט זעלטן־ווען באַוויליקט זיך אַראָפּצולאָזן און קומען צו הערן אַזאַ פאַרלעזונג. און דאָס איז כלל קיין צופאַל נישט. און עס איז נישט געווען געוועגדט קעגן מיר, קעגן מיין פערזאָן. ווייל, אדרבא, איך האָב זייער פיל פערזענלעכע גוטפריינטשאַפט אַרויסגעפילט אויף שריט און טריט מצד די אָנגעזעענע העברייאישע שרייבער. מען האָט עס אַרויסבאַוויזן דורך די פאַרשיידענע מסיבות, באַגעגענישן, וואָס האָבן געטראָגן בעיקר אַ מער־פערזענלעכן כאַראַקטער. די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע שאַפן זיינען נישט געווען קיין צענטער פון ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט און בייגיר.

אָבער דאָ, האַלט איך, דאַרפן מיר זיין אָביעקטיוו און זיך מודה זיין, אַז מיר, פון אונדזער זייט, זיינען אויך נישט אין אָרדענונג, אַז אויך מיר ליידן אויף דער זעלבער מחלה. מיר ווייזן אויך אַרויס ווייניק אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט צו די אויפטועך, צו די זוכענישן און דערגרייכונגען, צו די פּראָבלעמען און פּראָצעסן, וואָס זיינען דאָ אין דער העברייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל. מיר פאַרגעסן אָפט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער העברייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, אַז די ווערק און ווערטן, וואָס ווערן געשאַפן דאָרטן, האָבן אויך צו אונדז אַ נאָענטע שייכות, זיי דאַרפן אונדז מער און שטאַרקער אָנגיין. עס הערשט ביי אונדז, אין פאַרשיידענע קרייזן, אַ מין צוריקהאַלטונג, אַ מין אומצוטרוי. אָט דעם געפיל מוזן מיר באַקעמפן, מוזן מיר אויסראָטן אין אונדז. אין אונדזערע זשורנאַלן און צייטשריפטן דאַרף אַריינגעבראַכט ווערן אַ שטענדיקע רובריק איבער דער העברייאישער ליטעראַטור, אירע שאַפער און קינסטלער, איבער די אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן געמאַכט דורך די פאַרשיידענע צווייגן און געביטן. און ווען מיר וואָלטן דאָס געטאָן מיט פאַרשטענדעניש און מיט ווויסן און מיט זאַכקענטעניש און ליבשאַפט, וואָלטן מיר זיך איבערצייגט, אַז דאָס העברייאישע שאַפן אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען איז און דאַרף אונדז זיין אַ סך נעענטער ווי עס איז. און אַוודאי דאַרפן מיר אין אונדזער פאַרלאַגס־טעטיקייט אַריינגעמען וואָס־מער העברייאישע שאַפונגען, ווערק פון אָנגעזעענע העברייאישע קינסטלער, און דערמיט וואָלטן מיר אָן ספק פאַרברייטערט די ראָמען פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַרטיפט איר וועזן, פאַרפילפאַרביקט איר כאַראַקטער און אויסזען.

פון דעם ביסל, וואָס איך האָב זיך באַקענט אין ארץ־ישראל מיט די שאַפונגען און ווערק פון דער העברייאישער ליטעראַטור, האָב איך איינגעזען, אַז אייניקע העברייאישע קינסטלער, ווען זייערע ווערק וואָלטן ווי באַדאַרפט צו זיין איבערגעזעצט און איבערגעדיכטעט געוואָרן אויף יידיש,

וואָלטן זיי איינגעגלידערט געוואָרן אין דער יידישער קינסטלער־משפחה ממש ווי אייגענע, ווי לייבלעך־אייגענע. — ש. י. עגנון איז אַ מין העברייאישער מענדעלע מוכר ספרים. זיין אייגנאַרטיקער העברייאישער סטיל איז טיף־יידישלעך, מיט אַלע טיף־יידישע קנייטשן און ניואַנסן, חנדלעך און ספּעציפישקייטן, פונקט ווי מענדעלע איז יידישלעך אויך אין זיינע העברייאישע ווערק. ווען מען וואָלט מייסטעריש איבערגעדיכטעט דעם העברייאישן עגנון אין אַ גוטער יידישער איבערזעצונג, וואָלט ער געווען אפשר טיף־יידישער אין יידיש און מיט מער נוסח און יידישלעכער באַטעמטקייט. און אַזוי אויך אייניקע אַנדערע העברייאישע שרייבער, וואָס אין זייערע העברייאישע פּראָזאאישע און דיכטערישע ווערק האָבן זיי אין זיך יידישלעכע, יידישע אייגנאַרטיקן, וואָס וואָלטן אין דער גוטער יידישער איבערזעצונג נישט נאָר נישט פאַרלאָרן, נאָר וואָלטן פיל געוואונען, וואָלטן צוריק באַקומען זייער ערשטן אורכאַראַקטער, אורבילד, אורסטיל, וואָס איז דורך זיי פאַרהעברייאיזירט געוואָרן. — דאָס וואָס מיר האָבן טיף און שטאַרק אַמאָל אַרויסגעפילט אין די יידישלעכע ווערק פון בערדיטשעווסקי, ברענער, ביאַליק (אין זיינע העברייאישע פּראָזאאישע ווערק!), — דאָס לאָזט זיך פילן עד־היום אין די העברייאישע שאַפונגען. און, ווי געזאָגט, איז דאָס טיף־יידישלעכע, וואָס זיי פאַרמאָגן אין זיך, אין זייער אופן פון שרייבן, אין זייער מאַניר צו מאָלן, גראָד דאָס מאַכט זיי פרעמד פאַר דעם ניי־אויפגעקומענעם העברייאישן לייענער, וואָס ווייסט נישט פון דעם יידישן אַמאָל, וואָס קען נישט דעם ייד פון אַפריער.

און מען דאַרף באַטאָנען, אַז עס זיינען פאַראַן אויך גאָר־נייע מאָטיוון, גאָר־זייטיקע, גאָר־אויסטערלישע פאַר אונדז, פאַר אונדז יידן, וואָס וואוינען און לעבן אין אַנדערע לענדער, ביי גאָר אַנדערע לעבנס־סיטואַציעס, — פאַראַן זייער וויכטיקע שאַפונגען פון יונגע און ייִנגערע ארץ־ישראלדיקע שרייבער, וואָס דאַרפן אונדז באַזונדערס אינטערעסירן גראָד מיט זייער נייקייט, גראָד מיט דעם, וואָס זיי ברענגען אַרויס שטיקער לעבנס, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם זייער ווייניק. און עס איז אַ גרויסע עוולה, וואָס מיר ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן וועגן זיי.

איך מיין אַ גאַנצע ריי יונגע קינסטלער, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין די יידישע קיבוצים און פון די סאַמע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך די ארץ־ישראלדיקע אַטמאָספער און סביבה, האָבן געזען די שימערירנדיקע און העלע ארץ־ישראלדיקע הימלען, אויפגענומען אין זיך קאַמף און געראַנגל פון אייגענעם קרייז, און דאָס אַלץ אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט אין זייערע ווערק. מעגן אייניקע פון זיי זיין נאָך נישט גענוג רייף, און מעגן אייניקע פון זיי האָבן אין זיך

אָט די אוממיטלבאַרקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ווערק, וואָס האָבן אין זיך פיל אויטענטישקייט און אייגענע איבערלעבענישן. זיי פאַר־מאָגן אָבער גענוג רייץ, גענוג דירעקטקייט, וואָס קאָן פאַראינטערעסירן און פאַראינטריגירן אונדז, יידישע לייענער און שרייבער, פון אַנדערע לענדער, פון אַנדערע ישובים.

אויסער די ווערק, סיי פּראָזע און סיי לידער־זאַמלונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען און אַרויסגעוואַקסן פון דעם ספּעציפישן קאָלעקטיוון לעבן אין די יידישע קבוצות, וואו עס ווערן געמאָלט אינטערעסאַנטע געשטאַלטן מיט זייערע ווייען און פריידן, מיט זייערע דערגרייכענישן און פאַר־צווייפלונגען, — האָבן מיר אין דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך יונגע קעמפער אויף די פאַרשיידענע קריגס־פראָנטן פון דעם צווייטן וועלט־קריג. דאָס זיינען טיף־אַדורכגעפּיבערטע און אַדורכגעווייטיקטע ווערק פון יונגעלייט, וואו אויסטערלישע פּאַסירונגען, מערקווירדיקע איבערלעבענישן מישן זיך מיט שווערע יידישע טראַכטונגען, מיט אומהיימלעכע שטימונגען און מיט אייגנאַרטיקע אויספירן. דער וועלט־קריג מיט זיינע גרויזאַמקייטן און ווילדקייטן קומט אַרויס אין די ווערק אין אַ ניי ליכט, באַלויכטן מיט ליכט־וואַרפער פון אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. צום באַדויערן פעלן ביי אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ווערק פון אָט דעם שניט און שטייגער, ווייל אונדזער יידישע יוגנט פון אַמעריקע און קאַנאַדע, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם אויסטערלישן וועלט־קריג, באַזונדערס אויסטערלישן פאַר אונדז יידן, — זיינען ווייט פון יידיש, פון אויפנעמען די אַלע פּאַסירונגען פון דעם אמת־יידישן אַספּעקט, און זיי איז דערצו פרעמד די יידישע שפּראַך, זיי זאָלן דאָס קאָנען דערציילן אין יידיש מיט גאָר דער אָפּנהאַרציקייט און אויפריכטיקייט, וואָס איז מעגלעך צו טאָן אין דער אייגענער שפּראַך, פאַר יידן און אין יידישע ווערק. אַז עס האָבן געקאָנט זיין אַזעלכע ספּעציפישע און אינטערעסאַנטע ווערק, האָבן מיר געזען און באַמערקט אין די בריוו, אין די נאָטיצן, אין די שמועסן, וואָס זיינען דאָ און דאָרטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס עס האָבן געשריבן אַזוי פאַר זיך די יידיש־אַמערי־קאַנישע יונגעלייט. אין דער העברייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל זיינען פון דעם־אָ מין דערשינען אייניקע ווערק פון גאָר־אומבאַקאַנטע ביז־אַהער נעמען, אָבער וואָס ווערן שטאַרק געלייענט און ווערן שטאַרק פאַרערט. עס איז דער חוב פון די העברייאישע שרייבער אין ארץ־ישראל, זיי זאָלן באַקענען די יידישע וועלט אויסער ארץ־ישראל מיט אָט די אַלע שאַפונגען. און עס איז אויך דער חוב פון די, וואָס קאָנען העברייאיש, זיי

זאָלן ברענגען גרעסערע און אַרומנעמענדיקע אָפּהאַנדלונגען און כאַראַק־טעריסטיקעס פון אָט די־אָ שרייבער און זייערע ווערק פאַר די יידיש־לייענער אין דער וועלט.

צום לויב און צו דער אָנערקענונג פון דער העברייאישער ליטעראַטור, פון די העברייאישע פאַרלעגער, — די געזעלשאַפטלעכע און פריוואַטע, — דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי וויזן אַרויס טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די פאַרשיידענע כראָניק־שאַפונגען, פאַר די אַלערליי טאָגביכער און פאַרצייכע־נישן, וואָס עס האָבן געמאַכט אין די פאַרשיידענע לאַגערן, אין די געטאָס די אָפּגעראַטעוועטע יידן. עס זיינען אין ארץ־ישראל פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן פיל ביכער,—אַ גאַנצע ביבליאָטעק,—פון אָט דער גרויסער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, געשריבן דורך די, וואָס האָבן אַליין, אויף אייגענע לייבער און געמיטער אַדורכגעמאַכט דעם גרויסן חורבן, די אכזריותדיקע איבער־לעבענישן, די אַלע בעסטיאַלישקייטן פון די דייטשע מערדער. מיר, אין אַמעריקע, האָבן זיך באַגנוגנט מיט פאַרעפנטלעכן אייניקע ווערק אין די טאָג־צייטונגען, אין פאַרזעצונגען און איז שטיקלעך, אָבער דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, די פאַרשיידענע פאַרלאַגן האָבן אין דער הינזיכט פיל מער באַגריפן דעם באַטייט פון אָט דער דאָקומענטאַלער ליטעראַטור, מער מיטגעהאָלפן איר אויפקום און אַריינגעלייגט אין דעם פיל מי און געלט. נישט נאָר, וואָס עס זיינען שוין דערשינען פיל ווערק פון די עטלעכע גרויזאַמע יאָרן, נאָר עס ווערן געשריבן, עס ווערן באַאַרבעט, עס ווערן רעדאַקטירט ווערק, וואָס שילדערן דעם גרויסן יידישן אומגליק און חורבן אין אַלע זיינע פאַזעס, אין אַלע ערטער, וואָס עס ברענגען אַרויס שרייבער, — דאָס רוב פון זיי אומבאַקאַנטע דער עפנטלעכקייט. אויך וועגן אָט דעם מין ווערק, וועגן אָט דעם אָפּשניט אין דער העברייאישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, דאַרף מען באַזונדערס רעדן און זי דאַרף אונדז שטאַרק אינ־טערעסירן. און דער עיקר — אייניקע פון אָט די ווערק זיינען גראָד גע־שריבן אין יידיש און זיי זיינען איבערגעזעצט אין העברייאיש פון דעם יידישן אָריגינאַל. מיר דאַרפן לערנען אין דער הינזיכט פון דער העבריי־אישער ליטעראַטור און פון די העברייאישע אַרויסגעבער אין ארץ־ישראל. לאָמיר אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון זיי און נישט בלייבן אָן דער זייט פון אָט דער רייכער יידישער געשיכט־ און מאַרטיראָלאָגיע־ליטעראַטור.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס פאַרחידושט שטאַרק ,— דאָס וואָס די העברייאישע ליטעראַטור האָט פאַרברייטערט דעם קרייז אינ־טערעסן און פאַרנומען די ווייט־ברייטסטע געביטן פון וויסן, פון טעכניק, פון די פאַרשיידנאַרטיקע ווירטשאַפטלעכע און ספּעציעלע צווייגן. דער

העברייאישער ביכער־מאַרק באַפרידיקט אין גרויסע מאָסן די אַלע באַ־דערפעניששן פון דעם ארץ־ישראלדיקן מענטש, אָנגעהויבן פון דעם דאָרפס־מענטש, ביז דעם סאַמע געבילדעטסטן. אויף יעדן געביט פון מעדיצין, פון פיזיק, פון כעמיע, פון טעכניק, עלעקטראָטעכניק, אַגראָנאָמיע, סאָציאָ־לאָגיע, און אַזוי ווייטער און ווייטער דערשיינען ביכער, לערן־ביכער, האַנט־ביכער. גרויס איז די צאָל ביכער, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער געשיכטע פון ארץ־ישראל, פון די פאַרשיידענע טיילן אין לאַנד, פון אירע קלימאַטישע, געאָגראַפישע אוןווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען אין אַלע ציטן. עס איז אויך רייך די אָפּטיילונג פון אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען. אויך אויף דעם שפּראַך־געביט דערשיינען כסדר ווערק פון פאָרשער און שפּראַך־קענער. נישט נאָר וואָס עס ווערן פאַרעפנטלעכט גרויסע ווערטער־ביכער, טאַשן־ווערטער־ביכער, נאָר אין יעדער צייטונג און צייטשריפט דערשיינען אָפטע אַרטיקלען, נאָטיצן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן אויסדרוק און באַקעמפן די עם־הארצות, די אייליקע אַדאָפּטירונ־גען פון ווערטער. הקיצור, די העברייאישע ליטעראַטור גייט אַלץ אויפן וועג פון אַריינגעמען אין זיך אַלע געביטן און אַלע צווייגן פון מענטשלעכן וויסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם, וואָס עס עקזיסטירט אין ירושלים דער העברייאישער אוניווערסיטעט, די פאַר־שיידענע טעכנישע, אַגראָנאָמישע, פאַך־שולן, מיטלשולן, סעמינאַרן, האַנט־ווערקער־ און ווירטשאַפטלעכע שולן, וואָס פאַרלאַנגען לערן־ביכער פאַר די צענער טויזנטער שילער.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין ארץ־ישראל וואוינען ביז היינט אַ 600־650 טויזנט יידן, — נישט מער, איז די פּראָפּאָרץ פון דער צאָל ביכער וואָס דערשיינען, גאָר נישט צום פאַרגלייכן גרויס. מיר האָבן שוין אין אונדזערע פריערדיקע קאַפּיטלען אָנגעוויזן אויף דער צאָל ביכער, אויף דער צאָל עקזעמפּלאַרן, וואָס עס דערשיינט פון יעדן בוך. י. גראַ־זאָווסקיס נייע אויפלאַגע פון העברייאישן ווערטערבוך, וואָס קאָסט איבער 4 פונט (און עס איז אַ גרויסע סומע אין פאַרגלייך מיט די דורכשניטלעכע פאַרדינסטן!), איז אין משך פון אַ פּאָר חדשים פאַרקויפט געוואָרן אין איבער 2,000 עקז., און מען איז גלייך צוגעטראָטן אין „דביר"־פאַרלאַג עס איבערצודרוקן. און עס איז דאָך שוין די ווּיפלטע אויסגאַבע פונעם ווערטער־בוך. ח. נ. ביאַליקס ביכער קאָן מען קיינמאָל נישט קריגן, יעדע נייע אויפלאַגע ווערט גלייך צעכאַפּט. מען קאָן נישט אָנזעטיקן דעם דורשט. און מען דאַרף דאָ, אויף דעם אָרט, באַטאָנען דעם שיינעם מנהג ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדער פאַמיליע־פייערונג, ביי בר־מצווהס, חתונות, געבוירנטעג צו שענקען ביכער, די שענסטע און פיינסטע ביכער.

איך דערמאָן זיך, אַז אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען ביים ניו־יאָרקער ביכער־חודש האָט איינער פון די ראַבינערס איבערגעגעבן, אַז זיין זון האָט צו דער בר־מצווה געקראָגן 37 שניפּסלעך (קראַוואַטן) און בלויז 3 ביכער. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף עטלעכע בר־מצוותס און סתם שמחות אין ארץ־ישראל, און איך האָב געזען די פּעק ביכער, וואָס די בעל־שמחהס האָבן געקראָגן און קיין איין שניפּסל איז דערביי נישט געווען.

אַז עס זיינען דאָ אָפּנעמער, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער אינטערעס פאַר אַלץ־וויכטיקע אויסגאַבעס און גרעסערע זאַמלונגען — איז דאָ די מעגלעכ־קייט צו פאַרמעסטן זיך אויף וואָגיקערע ווערק, אויף ענציקלאָפּעדיעס, אויף ווערטער־ביכער, אויף זאַמלונגען פון שרייבער, אויף איבערזעצונגען פון באַדייטנדיקע ווערק פון אַנדערע שפּראַכן, סיי פון קלאַסישע און סיי פון מאָדערנע שאַפער. — אויף אָט דעם געביט זיינען מיר דאָך אין אונדזערע אַלע יידישע פאַרלאַגן אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען. אונדזער ליטעראַטור, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי אין ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָך לעצטנס רעדוצירט געוואָרן בלויז צו אַ ליטעראַטור פון בעלעטריסטיק, פון פּאָעזיע, פּראָזע, אַביסל ליטעראַטור־קריטיק און עטוואָס פּובליציסטיק. — און לאָמיר דאָ נישט באַשולדיקן בלויז דעם לייענער, לאָמיר נישט אַרויפ־וואַרפן אויף אים דעם מאַנגל אין אַ רייכערן פּראָגראַם, דעם מאַנגל אין ברייטערע פּלענער. מיר האָבן אָפּגעוואוינט דעם יידישן לייענער פון אַנדערע געביטן, מיר האָבן די ראַמען אַלץ פאַרשמעלערט, און דער לייענער זוכט אַלץ, אויסער יידישע בעלעטריסטיק, אין אַנדערע שפּראַכן. — אין ארץ־ישראל איז עס אין אַ גרויסער מאָס גאָר עפּעס אַנדערש. — מיר דאַרפן פון אָט דעם אַלעמען מאַכן די נויטיקע אויספירן.

פּאַריז, דעם 3טן יאַנואַר 1947.

40

שווייץ, פראַנקרייך און בעלגיע

די לעצטע עטלעכע וואָכן האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַר־ברענגען אַ קורצע צייט אין אָט די דריי שכנותדיקע לענדער — שווייץ, פראַנקרייך און בעלגיע, און געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי אויבנאויפיק זיך צו באַקענען מיטן לעבן, מיט די לעבנס־באַדינגונגען און זייטן פון אָט די דריי גאָר־פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנפאַרביקע לענדער פון דער איצ־טיקער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע. און זאָל מיר דערלויבט זיין זיך צו

טיילן מיט די לייענער, וואָס האָבן נאָכגעפּאָלגט נאָך מיין זעקס־חדשים־דיקער רייזע, אויך מיט לויפיקע איינדרוקן און באַטראַכטונגען פון די־אָ דריי לענדער.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָ גייט כלל נישט אין עפּעס אַ גרינט־לעכער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון ערנסטער און אַלזייטיקער אויספאָרשונג און שטודירונג. נישט דאָס איז געווען דער ציל פון מיינע באַזוכן אין אָט־די לענדער און דעריבער קאָן דער רעזולטאַט פון די אויס־פירן וועגן דעם צושטאַנד פונעם לעבן און וואוילשטאַנד פון די פעלקער נישט זיין קיין גרינטלעכער. דאָס וועלן זיין מער־אַלגעמיינע איינדרוקן פון דעם כאַראַקטער — געזען, באַאָבאַכטעט און פאַרצייכנט. דאָס גאָר!

עס איז אַלעמען גוט באַקאַנט, ווי יעדעס איינס פון אָט די דריי לענדער האָט אַדורכגעמאַכט דעם לעצטן גרויזאַמען און גרויליקן קריג, וואָס עס איז געווען די באַטייליקונג פון יעדן פון זיי אין דעם וועלט־געראַנגל, און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אָט דער מאָמענט פון יאָ־ אָדער נישט־באַטייליקן זיך אין קריג האָט געהאַט דעם דעצידירנדיקן איינפלוס און ווירקונג אויף יעדן לאַנד באַזונדער. אָבער נישט דאָס אַליין. אָט האָבןביידע לענדער — פראַנקרייך און בעלגיע — יאָ געהאַט צו טאָן מיטן וועלט־קריג, געווען צעפּאַסעוועט דורך די ווילדע דייטשע אָקופּאַנטן, און דאָך זעט איצט אויס גאָר אַנדערשדיק יעדעס פון אָט די צוויי לענדער — פראַנקרייך און בעלגיע.

קודם־כל — דער ערשטער און בעסטער און ריכטיקסטער באַראָ־מעטער פון דעם וואוילשטאַנד, עקאָנאָמישער אויפריכטונג פון אַ לאַנד אין דער איצטיקער צייט — איז די וואַליוטע. עס מעגן זיין פאַרשיידענע זייטיקע באַווירקונגען און קאָמבינאַציעס, וואָס הייבן אָדער דערנידעריקן די וואַליוטע פון אַ לאַנד, אָבער דאָס איז אַ גוטער מעסטער. די פינאַנציעלע וועלט האָט שוין אירע מבינים, אירע עקספּערטן, וואָס קאָנען אויפן געלט־מאַרק אָפּשאַצן די קרעדיט־פייאיקייט, די זיכערקייט און די שטאַנד־האַפטיקייט פון אַ לאַנד, פון זיין וואַליוטע. קאָן מען דעריבער אַזוי אויבנ־אויף שאַפן זיך אַ שטיקל באַגריף פון די דריי לענדער לויט דעם, ווי עס פאַסט זיי אויף די „געהיימע" מאַכט פון דער וועלט־בירזשע.

איז ווי האַלט עס אומגעפער מיט דער וואַליוטע פון אָט די דריי לענ־דער, וואָס האָבן זיך זייער פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און פינאַנציעלע מעטאָדן, באַדינגונגען און געזעצן, אויסער זייערע נאַטירלעכע רייכטימער און קאַפּיטאַלן, עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־מעגלעכקייטן? ווי האַלט עס אויף דער „שוואַרצער בירזשע"?

מיר וועלן נעמען דעם צושטאַנד פון דעם דאָלער אין אָט די דריי לענדער אין דער צייט פון מיטן דעצעמבער און העלפט יאַנואַר. פאַר איין

דאָלער קריגט איר אומגעפּער אַ פיר שווייצאַרישע פראַנק, אַ פּערציק־פּופציק בעלגישע און אַ דריי הונדערט פראַנצויזישע. הייסט עס, אַז דער שווייצאַרישער פראַנק איז אויף אַ צען מאָל בעסער און פעסטער פון דעם בעלגישן און אויף אַ הונדערט מאָל בעסער און העכער פון דעם פראַנצויזישן. — איינס, צען, הונדערט, — דאָס זיינען די שטאַפּלען, די מדרגות פון די וואַליוטעס פון אָט די דריי לענדער. אָט אַזוי האָט מען אָפּגעשאַצט ערגעץ־וואו אין דעם וואָג־ און מאָס־אינסטיטוט די קרעדיט־פייאיקייט, די מאַטעריעלע מיטלען און מעגלעכקייטן פון די דריי נאָענטע און דאָך גאַנץ־ווייטע לענדער.

און אָט דאָס באַשטעטיקט זיך גאַנץ קלאָר, ווען איר פאַרברענגט אַביסל צייט אין די לענדער.

שווייץ לעבט זיך רואיק און אומבאַשעדיקט די אַלע יאָרן פון דעם וועלט־קריג. ווען אַנדערע לענדער זיינען צעשטערט געוואָרן, ווען אַנדערע לענדער האָבן אַלדאָס וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אַריינגעלייגט אין דעם „פוילן" געשעפט פון דער וועלט־שחיטה, האָט די שווייץ געלעבט ממש „ווי גאָט אין אָדעס", האָט נישט געוואוסט פון קיין צרות, פון קיין חורבונות, נאָר אדרבא, זי האָט זיך געוואָרעמט און גאַנץ פעסט ביי די וועלט־פייערן און פלאַקערן. די אַלע אייראָפּייאישע לענדער זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָבן אַריינגעוואָרפן אין דעם וועלט־קאַמף אַלץ, און שווייץ האָט געהאַלטן אין איין פאַרדינען פון דעם קריג.

און דאָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן. אין וואָס פאַר אַ שטאָט פון אייראָפּע איר זאָלט נישט אַריינפאָרן אָדער דורכפאָרן, טרעפט איר רואינען, טרעפט איר וואונדן, טרעפט איר צעשטערטע מויערן, צעלעכערטע הייזער, און בעיקר — די וואָקזאַלן, האַפנס, די געביידעס אין צענטער פון שטאָט. אין דער שווייץ איז אַלץ גאַנץ, נישט־באַרירט, נישט צעשעדיקט. און ווי די הייזער אַזוי די משפּחות: אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, איז ממש „אין בית, אשר אין שם מת", עס איז נישטאָ קיין איין הויז, קיין איין פאַמיליע, וואָס האָט נישט שווער געליטן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שווערע קרבנות. אָבער אין דער שווייץ לעבט מען זיך געמיטלעך, אויף אַ שטילן און באַשיידענעם און פאַטריאַכאַלישן לעבנס־שטייגער. מער נישט — אין די עטלעכע יאָר פון דעם וועלט־קריג איז מען געוואָרן יוסטער, פעסטער און באַלעבאַטיש־איינגעפונדעוועטער. אַזוי דער יחיד, אַזוי דער כלל. וועגן דעם וועלט־קריג האָט מען געהערט, וועגן גרויזאַמקייטן האָט מען פאַרנומען, אָבער מען האָט שוין אָנגענומען די געהעריקע מיטלען און באַוואָרענישן, אַז עס זאָל ביי די גרענעצן, ביי די בערג, וואָס רינגלען אַרום דאָס לאַנד, זיך אָפּשטעלן און נישט גיין ווייטער.

עס איז דאָ אומעטום, אין יעדן הויז, אין יעדן געשעפט, אין יעדער שטאָט, אין לאַנד בכלל, אַט דער כסדרדיקער המשך פון אַ שטיל און גע־מיטלעך לעבן, וואָס איז נישט איבערגעהאַקט און נישט איבערגעריסן געוואָרן. ווייס איך וואָס די שכנים אַרום האָבן זיך געדרייט די קעפּ — דאָס גייט אונדז נישט אָן! און חס־ושלום, מיר זאָלן זיך אַריינמישן! "מאַיאַ כאַטאַ איז קראַיאַ", — מיין שטוב איז אָן דער זייט! דאָס איז דער לאָזונג, וואָס זיי האָבן געהאַט די אַלע גרויזאַמע יאָרן.

און די "נייטראַליטעט" האָט די שווייץ שטאַרק אָפּגעהיט, אָבער דאָך אַזוי פּיל אויף וויפל עס האָט נישט געשטערט דער אייגענער קעשענע און דעם וואוילשטאַנד פונעם לאַנד. ווייסט מען טאַקע צו דערציילן גענוג פאַקטן און זיכערע מעשיות, ווי די שווייץ, סיי יחידים, סיי געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, סיי בענק האָבן זייער שטאַרק פּראָפיטירט פון אַט דער אויסערלעכער, משטיינס־געזאָגט "נייטראַליטעט", און אויך פון דעם "צד שכנגד", פון דער סטרא־אחרא, פון די דייטשע בעסטיעס. — און מען האָט אויך גראָב פאַרדינט פון דעם "הכנסת־אורחים", פון די, וואָס האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט אין יענע מוראדיקע צייטן איבער דער שווייצאַרישער גרעניץ. אויך פון די־אַ אומגליקלעכע און פאַרשטויסענע, פון דייטשער פאַסטקע געראַטעוועטע, האָט מען געצויגן די אָדערן, גענומען פון זיי, אָבער ווייניקער געגעבן זיי.

יאָ, די אויסגערעכנטקייט, די שפּאָרזאַמקייט, דער "שלך שלי" און דער "שלי שלי" איז אַריין אין דער נשמה פון דער שווייץ. מען איז געוואַלדיק גוטמוטיק און העפלעך, אָבער וויל עס ברענגט אַריין, ווייל מען צאָלט דערפאַר. אָבער מען איז ווייט נישט גרויסמוטיק, ווען עס דאַרף עפּעס קאָסטן, ווען עס דאַרף גיין אויף דעם אייגענעם חשבון.

אין דער שווייץ איז אַלץ דאָ, פון פּראָדוקטן ביז די אַלערליי סחורות. אָבער עס איז עד־היום איינגעפירט זייער אַ שטרענגע קאַרטן־סיסטעם (רעשיאָנינג־פּונקטן) אויף אַלע עסן־ און געברויך־זאַכן. און פרעגט איר אַ שווייצער, צו וואָס איז דאָס נויטיק? ענטפערט ער אייך גאַנץ קאַלט־בלוטיק, אַז דאָס איז אַ מאָס־מיטל בעיקר קעגן די פרעמדע, אַרומיקע לענדער, וואָס נויטיקן זיך אין אַלדי פּראָדוקטן, און וועט מען לאָזן פריי, וועט אונדז דערנאָך נישט קלעקן, אָדער עס וועט ווערן טייער. און דער שווייצער וויל זיך לעבן רואיק, ער וויל נישט דער קאָפּ זאָל אים דאַרן פאַר אַנדערע!

איך האָב באַזוכט פאַרשיידענע געשעפטן אין עטלעכע שווייצאַרישע שטעט, און בין נתפעל געוואָרן פון דער שפע, פון דער צאָל סחורות, פון די פיינסטע אויסאַרבעטונגען, מיט דער פיינסטער איינפּאַקונג. דאָ איז קיין

ערזאַץ־סחורות נישטאָ. דאָ האָט דאָס שטילע לעבן די גאַנצע צייט זיך געפּלאָסן ווי אין די נאָרמאַלע יאָרן, אָן איבעררייסן.

עס איז דאָ אַ מאַנגל בלויז אין איניקע זאַכן, וואָס דאַרפן אימפּאָרטירט ווערן פון אַנדערע לענדער. איז טאַקע דער שווייצער ברוגז, וואָס דאָרטן איז צעשטערט געוואָרן דער סדר־העולם און מען שטעלט אים נישט צו צו דער צייט קיין קוילן אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס ער דאַרף האָבן. און אפשר דינגט זיך די שווייצאַרישע רעגירונג און וויל נישט צאָלן קיין בעסערע פּרייזן פאַר אַנדערע פּראָדוקטן.

ווען איר גייט איבער די גאַסן פון באַזעל, ציריך, לוצערן, ווערט איר נתפּעל פון די רייכע און גרויסאַרטיקע „וויטרינעס" (שוי־פענצטער) — כל טוב איז דאָרטן אויסגעשטעלט. און אָפּטמאָל זיינען גאָר די קונים נישט די שווייצער גופא, נאָר די געסט מיט דער רייכערער וואַליוטע, וואָס קומען אין דער שווייץ. אוודאי נישט אין די צאָלן ווי אַמאָל, ווען אייראָפּע איז געווען אייראָפּע און נישט קיין יורד, — אָבער עס זיינען דאָ דערביי שווערן, וואָס זיינען אויך אָנגעשטאָפּט און קאָנען קויפן און צאָלן גוטע פּרייזן און מיט אַ לייטישער וואַליוטע, וואָס איז „עובר לסוחר". — איך האָב אַן איינדרוק, אַז דער שווייצער גופא איז נישט קיין גרויסער אויס־ברענגער. האָט ער אַמאָל איינגעהאַנדלט אַ זאַך, קלעקט עס אים אויף יאָר־צענדליקער. — און שווייץ איז דאָך אַ לאַנד פון זייגערס, פון די כלערליי זייגערס און זייגערלעך, אָבער דאָס אויך איז בעיקר פאַר אַנדערע. דער שווייצער האָט זיך זיין זייגער בירושה אָדער פון לענגערע יאָרן. — און אַזוי אויך קליידער. ער איז אַ בעל־תכלית, דער שווייצער. האָט ער זיך געמאַכט אָדער געקויפט אַ מלבוש, וועט ער עס טראָגן, אַבי־געזונט! מאָדעס־שמאָדעס — דערפון האַלט ער נישט! האָט זיך יעדער איינער זיין הויז, זיין ווירטשאַפט, זיין באַלעבאַטישקייט, וואָס ער היט אָפּ און רייניקט עס און קעכלט עס. און אַלץ פּאַמעלעך, בנעימותדיק, מיט אַ טאַלק און מיט אַן אויסקוק אויף יאָרן און דורות. — ער האָט פיינט קפיצת־הדרך, ער האַלט נישט פון הו־האַ, און האָט נישט ליב קיין נייקייטן. אדרבא, וואָס עלטער, איז אַלץ בעסער. די איינגעזעסנקייט, די באַיאַרטקייט, דער רינג פון דורות — דאָס איז אַ גרויסער ענין. מען צעוואַרפט נישט קיין אַלט הויז כדי אויפצושטעלן אויף דעם אָרט אַ נייעם, אַ מאָדערנעם בנין. דאָס ליגט נישט אינעם כאַראַקטער פון דעם שווייצער. — שטאַלצירט טאַקע דער שווייצער מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מיט די אַלטערטימלעכקייטן, האָט טאַקע דער שווייצער א. בעקלין, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין באַזעל, אַלץ געמאָלט און גאָר זיין נשמה אַריינגעלייגט אין די אַלטע שלעסער, אין די אַלטע פּאַלאַצן, וואָס היטן אויף אַלטע מעשיות און שטימונגען...

און ווי אַנדערש איז פראַנקרייך. זי איז פיל גרעסער און בעיקר — פאַרשיידנפאַרביקער און לוסטיקער און פריידיקער פון איר שכנטע שווייץ. הגם מען הערט אָפט אַזויפיל פראַנצויזיש אין דער שווייץ. דער מענטש איז גאָר אַן אַנדערער, אַ צאַפּלדיקער, — אַזוי דאָס לעבן און די לעבנס־באַדינגונגען. — מען האָט אַלעמאָל גרויסע אַספּיראַציעס פון אַ וועלט־פאָלק און מען קאָן זייער אָפט געשלאָגן ווערן און ליגן ניין איילן אין דער ערד. פאַרלירט מען דאָך נישט דעם מ.ט. דעם הומאָר און די לעבנס־לוסט. דער פראַנצויז איז ברייטהאַרציק אין זיין געווינען און פאַרשפּילן. זיין געשיכטע האָט אים שוין פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער צוגעשטעלט פיל אַזעלכע געלעגנהייטן. און נישט געזאָרגט!

נאָך דער זאַטקייט און פול־שפּעדיקייט און איבערגעפּאַקטקייט פון די געשעפטן אין דער שווייץ, ווערט איר פאַרגאַפּט און דערדריקט פון דער אָרעמקייט, פאַרחושכדיקייט, באַגרענעצטקייט פון פראַנקרייך. אָבער אַן זאָרג! דער פראַנצויז וועט זיך נישט צערייסן די קאָפּאָטע. לעבן איז לעבן. איז נישטאָ קיין פיש, איז הערינג אַ פיש; איז נישט קיין ווייסע מעל, איז שוואַרצע ערזאַץ־מעל אויך אַ סחורה. אָבער מען דאַרף ווייטער לעבן, און נישט קלאָגן און וויינען. און ווי עס איז נישט זייער שווער דאָס לעבן ביי דעם מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן, הייץ־מאַטעריאַלן און אַזוי ווייטער — וועט איר עס נישט דערקענען אין דעם פראַנצויז. ער וועט זיך אָפּהיטן זיין צייט פון עסן (משטיינס געזאָגט, וואָס מען עסט!)· און וועט אויך נישט איינרייסן זיך דאָס געזונט. ער וועט אָפּהיטן די פאַרשריפט פון האַלטן פאַרמאַכט דאָס געשעפט אויסער זונטיק, אויך מאָנטיק, און אַזוי אויך די מיטאָג־שעהען, אָדער די ערב־זונטיקס.

נאָך דער וואַרעמקייט און דער געמיטלעכקייט און ליכטיקייט, וואָס איר טרעפט אין די שווייצאַרישע הייזער, גאַסן און געשעפטן, ווערט אייך אומ־היימלעך, ווען איר קומט קיין פּאַריז. די גאַסן שלעכט־באַלויכטן, די וויטרינעס — חושך און פאַרשטויבט, אין דאָס אַנטאָן פון די בירגער — שלים־שלימזלדיק! אָבער דאָך — טעאַטערס שפּילן, מוזייען זיינען אָפן, און דאָס לעבן, ווי שווער עס זאָל נישט זיין, גייט זיך זיין זיגזאַגישן וועג. די פּאָליטישע סיסטעם איז נישט איינגעשטעלט. מען קעמפט נאָך און מען ראַנגלט זיך פאַר העגעמאָניע, פאַר פּירערשאַפט. עס גייט אָט אויף לינקס און אָט אויף רעכטס, מען זוכט און מען נישטערט וועגן ווי איינצושטעלן די אָרדענונג און אַריינברענגען די צעשעדיקטע פראַנקרייך אין אַ שטיקל נאָרמע. קומט עס אָן נישט גרינג, ווייל עס זיינען דאָ אינעווייניק און פון דרויסן די פאַרשיידנסטע סתירותדיקע כוחות, וואָס באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון דעם לעבן. יאָ, ווייל מען זען און דערקענען ווי שווער עס איז דאָס

צוריקקומען צו אַ נאָרמאַל לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז דערווייל פול מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע און מאַטעריעלע ווידערשפּרוכן, דאַרף מען לעבן אין פראַנקרייך, ווערט עס קלאָר. — און ווי עס בידעוועט דער בירגער, וואָס לעבט פון זיין פּראַצע!

צוליב מאַנגל אין קוילן (פראַנקרייך נויטיקט זיך שטאַרק אין פיל זאַכן!), האָט מען די לעצטע פּאָר חדשים אָפּגעשטעלט די עלעקטריע אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט צוויי טעג אַ וואָך. אין אייניקע צירקלען — מאָנטיק און דינסטיק, אין אַנדערע — דינסטיק און מיטוואָך, אין די איבעריקע — מיטוואָך און דאָנערשטיק. קומט אויס, אַז פיל פאַבריקן און וואַרשטאַטן אַרבעטן אינגאַנצן אַ דריי טעג אַ וואָך. דאָס רופט זיך אָפּ אויף די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער און אויך אויף דער פּראָדוקציע. עס מאַכט אַ שווערן איינדרוק, ווען איר קומט אַריין אין פּאַריז אין אָפּיסעס, רעדאַקציעס, האָטעלן, געשעפטן אין אָט די טעג און עס ברענען קאָניצלעך, אַזעלכע מיני לאַמטערנלעך, און ביי זיי אַרבעט מען. פיל הייזער און קאַנטאָרן ווערן שלעכט אָדער גאָרנישט באַהייצט, שטייען אומעטום די באַקאַנטע קליינע אויוועלעך, וואָס מען באַהייצט מיט האָלץ. רוּיכערט אין צימער און עס איז אומהיימלעך, — טונקל און קאַלט. אין פיל גרויסע רעסטאָראַנען איז אויך שטאַרק קאַלט, עסט מען אין די מאַנטלען און מען כאַפּט דעם אמתן ציטער. — אַזוי ווי צוויי טעג אין וואָך ווערט נישט געגעבן קיין עלעקטרישער שטראָם, קאָן מען אויך נישט אַרבעטן אין די דרוקערייען אין לויף פון די טעג. מוז מען אַרבעטן נאַכט־שיכטן! הכלל, דאָס לעבן איז אַלץ נישט אַריין אין דער נאָרמע. און דאָך איז איצט בעסער די לאַגע, דער געמיט־צושטאַנד ווי ער איז געווען סוף יוני און אָנהויב יולי, מיט אַ זעקס חדשים צוריק. עס איז דאָך פאַראַן פיל מער עסנוואַרג, עס איז דאָך פאַראַן אַ גרעסערער אויסוואַל פון סחורות, פון אָנטועכץ, פון מאַטעריאַלן און שטאָף. עס הויבט אָן זיך איינשטעלן אַ סחורות־אויסטויש, און עס קומט אַריין אַ שטיקל אָרדענונג אין דעם גלייכגעוויכט פון עקספּאָרט־אימפּאָרט.

לעאָן בלום האָט זיך קונה־שם געווען לעצטנס מיט אַ „טריוק" — ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אַראָפּלאָזן די פרייזן אויף 5%. דערביי אָבער זיינען אייניקע זאַכן, ווי די פּאָסט, די באַן און די מעטראָ (סאָבוויי), געוואָרן טייערער אויף הונדערט פּראָצענט. אָבער דער בירגער איז דערווייל צופרידן. ער קריגט אַ זאַך, וואָס האָט געזאָלט פריער קאָסטן אַ 4,000 פראַנק — פאַר 3,800, אָדער אַ זאַך פון 20 טויזנט פראַנק — פאַר 19 טויזנט. — איז עס וואוילגעפעלן דעם דורכשניטלעכן בירגער, אָבער די קעגנער האָבן גאַנץ פעסט קריטיקירט אָט די מאָסמיטלען פון דער

נייער רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט געפינען חן ביים בירגער און אים דער־לאַנגט אַ שטעקן מיט צוויי עקן. אָבער דאָך איז עפּעס פאַראַן אַ סימ־באָלישער ווערט אין דער אַראָפּנידערונג פון די פּרייזן. עס האָט אַפילו געווירקט אויף דער וואַליוטע — דער פראַנצויזישער פראַנק, נעבעך, דער יורד, האָט זיך אַ ביסל אַ הויב געטאָן.

אָבער דאָס לעבן, מעג עס זיין ווי שווער, גייט אָן אין פראַנקרייך. טעאַטערן שפּילן, מוזייען ווערן צוריק געעפנט, די בילדער, וואָס זיינען געווען אויסבאַהאַלטן פון דעם דייטשישן אָקופּאַנט, ווערן צוריקגעבראַכט אין די גרויסע מוזייען, און דאָס לעבן האַלט אין איינשטעלן זיך. זאָלן נאָר וואָס־ווייניקער נולן זיין אין דעם אומגאַנג — עס פעלט אָן ממש אַ שרעק. אַ פּאָר מענטשן עסן אַ מיטאָג, און מען צאָלט אָפּ אַ 1,200־1,500 פראַנק. אַ פּאָר שיך — אָן אַכט טויזנט און מער פראַנק. אַ העמד — אַ 1,000 פראַנק. אמת, ווען איר פירט איבער די גרויסע ציפערן אויף דאָלאַרן אָדער פונטן, — איז עס נישט טייער. אָבער דער פראַנצויזישער מענטש פאַרדינט דאָך פראַנקען און נישט קיין אויסלענדישע וואַליוטע.

און עס איז מערקווירדיק, ווי די שכנישע בעלגיע האָט באַוויזן זיך שנעלער אויסהיילן און אויפריכטן די חורבות. מסתמא זיינען דאָ דערצו פיל זייטיקע און אויך עיקרדיקע סיבות, וואָס האָבן באַווירקט, אַז בעלגיע זאָל זיך גיכער שטעלן אויף די פיס ווי פראַנקרייך. מען ווייזט אָן אויף דער גרויסער הילף, וואָס ענגלאַנד און אַמעריקע גיבן צו בעלגיע. מען באַטאָנט אויך די אַרבעטס־פייאיקייט פון די בעלגיער. מען דערמאָנט די אייניקע מלוכה־מענער, וואָס האָבן באַוויזן צו רעגולירן שנעלער דאָס לעבן און אַריינברענגען מער סיסטעם און פאַרשטענדעניש אין דער נאָך־מלחמה־צייט. ווי עס זאָל נישט זיין — זיכער זיינען אַלע די סיבות ריכטיק און האָבן אויסגעווירקט, אַז דאָס לעבן זאָל שנעלער אַריין אין די ברעגן ווי אין פראַנקרייך. און מען זעט עס אויף שריט און טריט.

בעלגיע האָט שנעלער פאַרריכט די חורבונות און רואינען, וואָס די דייטשע מלאכי־חבלה האָבן אָנגעמאַכט. מען האָט מיר באַוויזן סיי אין בריסעל און סיי אין אַנטווערפּען אויף בנינים און גאַסן, וואָס זיינען דורך די דייטשע באָמבעס, שוין נאָך דעם ווי דאָס ענגלישע און אַמעריקאַנער מיליטער איז אַריין, צעשטערט געוואָרן, — און זיי זיינען שוין גאַנץ, פאַרלאַטעט אָדער צוריק אויפגעבויט. — אַזוי אויך די אינדוסטריע אין לאַנד — די שווערע און די לייכטע, — זי אַרבעט אויף אַלע כלים. די האַרעפּאַשניקעס, די בעלגיער זיינען געקומען שנעלער צו די פריערדיקע פאַר־מלחמהדיקע כוחות און מעגלעכקייטן און באַדינגונגען ווי אין פראַנק־רייך. — און מען דערקענט עס אויף די גאַסן, אין די געשעפטן, אינעם

אַנטאַן, אין די אַלע פֿאַרשיידענערליי עפֿנטלעכע אינסטיטוציעס און פּירעכצן. אין בריסעל, אויף דער הויפּט־גאַס, גייט איר און איר מיינט, אַז איר זיינט אויף די רווישיקסטע גאַסן פֿון ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ. — עס איז לעבעדיק און עס איז טומלדיק און עס שיינט און עס לויכט פֿון יעדן פֿענצטער און ווינקל.

בלויז איין בנין איז פֿאַרהאַקט—דאָס איז דער שטאָטישער קעניגלעכער פּאַלאַץ אין אַנטווערפּען. דער קעניג, וואָס האָט אַזוי מיאוס געדרשנט, איז איצט אין גלות, און עס העלפֿן נישט די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע אינטערווענצן, מען זאָל צוריקברענגען דעם קעניג און אים אַוועקזעצן אויף זיין כסא־מלכותו. די בעלגישע מאַסן און זייערע פּירער קעמפֿן קעגן דעם. שטייט טאַקע דער פּאַלאַץ פֿאַרהאַקט, די פֿענצטער מיט לאָדן פֿאַר־שטעלט, — און דאָס לעבן אַרום גייט אָן מיט זיין גאַנג.

דעם 8טן יאַנואַר 1947.

41

אַ טאָג אין אַנטווערפּען

עס איז געווען אַן עסנדיקער, נאַסער און קאַלטער ווינטער־טאָג, ווען איך בין אַראָפּגעקומען מיט אַ חבר פֿון בריסעל קיין אַנטווערפּען. די לופֿט איז געווען פֿייכט און געדיכט, כאָטש שנייד זי מיט אַ מעסער. און אַ שווערער נעפּל איז געהאַנגען אויף אַלץ, — אַ נעפּל, וואָס איז באַקאַנט בלויז אין די האַפֿן־שטעט. די קעלט האָט אַדורכגעדרונגען יעדן איבר, און עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ וואַרעמער שטוב, נאָך אַ געמיטלעך ווינקל. אָבער מיר זיינען אַראָפּגעקומען קיין אַנטווערפּען מיט עפּעס אַ תכלית־זאַך, — איך דאַרף האַלטן פֿאַר די אַנטווערפּענער פֿריינט אַ רעפֿעראַט איבער „אַמעריקע, אייראָפּע און ארץ־ישראל".

לאָזט מיך איבער דער בריסעלער פֿריינט אין האָטעל, און ער גייט זוכן די אַנטווערפּענער חברים, וואָס ביי זיי אין זאָל קומט פֿאַר מיין אויפֿטריט. אין אַ שעה אַרום קומט ער צוריק, עפּעס נישט־שטאַרק אויפֿ־געלייגט. די מעשה איז, וואָס עס איז געווען צו־ווייניק צייט צו אָרגאַנזירן מיין אויפֿטריט ווי און וואו עס דאַרף צו זיין, און דערצו — זיינען די וואָך שוין פֿאָרגעקומען אַ צוויי־דריי עפֿנטלעכע אַרויסטריטן פֿון פֿאַרשיידענע גרופּירונגען, — האָבן די איינאָרדענער מורא, אַז עס וועט נישט קומען קיין גרויסער עולם, ווי מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן, ווען מען גרייט צו מיין אַרויסטריט ברייט — מיט אַפּישן און ברייוו א. אַז. וו. — טרייסט איך

מיין ליבן פריינט, וואָס נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן, הלמאַי מיר זיינען בכלל געקומען קיין אַנטווערפּען, ווען אין בריסעל וואָלט מען דעם זעלבן אָוונט געקאָנט האָבן אַ 600־800 און מער צוהערער. — און דאָ גייט אַוועק אַ קלאָגן זיך אויף אַנטווערפּען, אויפן יידישן אַנטווערפּען מצד דעם בריסעלער חבר.

יאָ, עס איז שוין אַזוי דער שטייגער, ווען עס געפינען זיך צוויי נאָענטע שטעט, אַז עס הויבט זיך אָן אַ קאָנקורענץ, אַ מין קנאת־שטעט. באַטאָנט מיר דער חבר, אַז אַנטווערפּען איז אַלעמאָל, אַפילו פאַרן קריג, ווען זי האָט געהאַט אַ 45־50 טויזנט יידן, — אויך דאַן איז מען געלעגן מער אין מאַטעריעלע זאַכן, מען איז געווען פאַרקאָכט אין די דימענטן, מען האָט אַלץ געשטרעבט זיך אַרויפצואַרבעטן. און אַוודאי איז איצט אַנטווערפּען אָפּגעשטאַנען, אַוועק אויף צוריק, ווען עס זיינען געבליבן בלויז אַ 7־8 טויזנט יידן. און דערצו נאָך — פיל פרומע, חסידים, מיט רבישע הויפן און ישיבה־בחורים א. אַז. וו.

געזעגנט זיך מיט מיר אָט דער בריסעלער חבר, ווען ער ברענגט מיך אין דעם זאַל, וואו די פאַרלעזונג דאַרף פאָרקומען, און גיט מיך איבער אין די הענט פון די אַנטווערפּענער טוער.

באַגעגענען מיך אויך די אַנטווערפּענער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און נעז, — אַזוי און אַזוי, אַוודאי וואָלטן באַדאַרפט זיין פיל הונדערטער צו־הערער, אָבער דאָך, ביי דער איצטיקער צייט — איז דאָס אויך גוט. — איך פּרואוו דערמוטיקן די אַנטווערפּענער חברים, וואָס זיינען ביי זיך אַזוי געפאַלן, ממש ווי יורדים. און זיי דערציילן מיר אַזוי אויף איין פוס, אַז געווען צייטן, ווען אין אַנטווערפּען איז געווען אַ גרויסער יידישער עולם, מיט ביבליאָטעקן, מיט יידישע שרייבער, מיט אַ יידישער בוכהאַנדלונג, מיט צענער טויזנטער יידן. און איצט — קוים אַ זכר פון דעם אַלעמען, — אָבער דאָך, ווען אַזאַ מין לעקציע וואָלט געהאַלטן געוואָרן אַ שבת אָדער זונטיק, וואָלט דער זאַל געווען איבערגעפּאַקט, און ער וואָלט נישט אַריינ־גענומען די צאָל געקומענע.

אָבער דאָך קומען אָן מענטשן; קומען, אמת, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אָבער זיי קומען. און עס האָט זיך אויפגעקליבן אַ פיינער עולם. כ׳האָב געהאַלטן דעם רעפעראַט, און עס זיינען געווען פראַגן, און כ׳האָב גע־ענטפערט אויף זיי. — און אַז דער רעפעראַט איז שוין פאַרביי, זאַמלען זיך חברים אַרום דעם גאַסט, שטעלן אים נאָך פראַגן, פרעגן אים אויף נאָענטע, אויף פריינט, און מען איז צופרידן, וואָס עס איז דאָך פאָרגעקומען די באַגעגעניש מיט דעם גאַסט, וואָס איז פאַרבעטן קיין בריסעל, אָבער ער האָט זיך דאָך אויך אַראָפּגעלאָזט קיין אַנטווערפּען, נישט פאַרשעמט די

שטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען די מעטראָפּאָליע פון דער יידישער בעלגיע, און איצט איז זי אַראָפּ, שטאַרק אַראָפּ.

גייט מען דערנאָך, נאָכן רעפּעראַט, אין אַ יידישן רעסטאָראַנדל, וואָס איז, ווי דאָס גאַנצע יידנטום אין בעלגיע, צוריק אויפגעשטאַנען תחית־המתים. זיצט מען אַזוי שבת־אחים, מען שמועסט און מען שמועסט זיך אָפּ אויף מאָרגן זיך צו טרעפן, כדי צו ווייזן דעם גאַסט די שטאָט. און עס איז פאַראַן וואָס צו זען, — פאַרזיכערן מיך די חברים, און באַשטימען פון זיך אַ פּאָר פריינט, צו קומען נאָך מיר אין האָטעל מאָרגן פרי און אַרומפירן איבער דער שטאָט און טאַקע ווייזן מיר די אַלע מערקווירדיקייטן פון דער היסטאָרישער שטאָט, די אַלע דענקווירדיקייטן, וואָס עס איז נישט צו זען אין קיין אַנדערער שטאָט, און אויך נישט אין בריסעל, וואָס מעג זיך זיין איצט רייכער, אָבער קאָן זיך כלל נישט פאַרגלייכן מיט אַנטווערפּען...

און אויף מאָרגן פרי זיינען די חברים געקומען און מיר לאָזן זיך איבער דער שטאָט. און עס גייט ביי די דריי חברים אַ מין געראַנגל, — איינער וויל פירן אַהער, אַ צווייטער — אַהין. און מיר לאָזן זיך גיין, גרייט אויפצונעמען וואָס מער איינדרוקן.

און אַזוי גייענדיק מאַכן מיר אַדורך אַ שטיק געשיכטע פון דער שטאָט אַנטווערפּען. פריער פון אַלץ — דער נאָמען גופא פון דער שטאָט. איך ווייס עס נישט? ניין? — דערציילט מען מיר, אַז דער נאָמען איז פון די ווערטער „האַנט וואַרפן!״ עס איז אַ מעשה מיט איינעם אַ ריז, אַ גיבור, וואָס איז געווען אַרום די ברעגן פון שטאָט, און ער האָט כסדר טעראָריזירט די געקומענע, געפאָדערט ביי זיי אויסלייז־געלט. און ווען מען האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער יענעם אָפּגעהאַקט די רעכטע האַנט און געוואָרפן אין וואַסער אַריין. און אַזוי יאָרן און יאָרן, און מען האָט זיך קעגן אים קיין עצה נישט געקאָנט געבן. ביז עס האָט זיך געפונען אַ העלד, און באַשלאָסן אָפּראַמען פון וועג דעם ריז, דעם גזלן. האָט ער, נאָך אַ שווערן געראַנגל, דעם ריז גובר געווען, אָפּגעהאַקט אים מידה כנגד מידה די האַנט און זי געוואָרפן אויף דער יבשה. און לכבוד דעם העלד, וואָס האָט געוואָרפן די האַנט, האָט מען אַ נאָמען געגעבן די שטאָט אויף דער געשיכטע. און אינמיטן שטאָט, אַרום דעם שטאָט־ראַט, שטייט טאַקע אַ הויכער, גרויסער מאָנומענט, וואָס ווייזט אָט די גבורהשע טאַט: עס ליגט אַ ריז, אַ טויטער, אָן אַ האַנט, און אויף אים, אויף אַ הויכן שטיין, שטייט דער זיגער מיט דער האַנט פון דעם ריז אין זיין האַנט... אָט דער סימבאָל פון דער האַנט איז אויך דאָ אויף די ווענט פון דעם אַלטן שטאָט־ראַט, וואָס איז אַליין פאַר זיך אַ פּרעכטיק קונסט־ווערק, מיט אַלערליי גרויסע און קליינע זאַלן, מיט כלערליי מערקווירדיקע אַלטערטימלעכקייטן, אויסגעאַרבעט פון האָלץ,

פון מאַרמאָר, פון אַלאַבאַסטער, און דערצו — אַרומגעשטעלט און באַצירט מיט פּרעכטיקע בילדער און געמעלערייען.

מיר באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש און גייען אַזוי פון זאַל צו זאַל איבער דעם אַלטן היסטאָרישן בנין פון דעם אַנטווערפּענער שטאָט־ראַט. ער איז געבויט אין אַלטן סטיל, גאָטיש, און יעדער זאַל צייכנט זיך אויס מיט עפּעס אַנדערשס. אינעם גרויסן זאַל פון דעם שטאָט־ראַט, דאָרטן וואו די „שטאָט־פאָטערס" זיצן, — זיינען אויסגערעכנט אויף די ווענט די נעמען פון די שטאָט־פּרעזידענטן, — אַזוי עטלעכע הונדערט יאָר, — זינט דעם 15טן יאָרהונדערט. דער לעצטער שטאָט־פּרעזידענט, הויסמאַן, איז איצט דער פּרעמיער־מיניסטער, — ער האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער איצטיקער בעלגיע, וואָס איז שנעל אויפגעריכט געוואָרן נאָכן וועלט־קריג. אגב, אינעם איצטיקן בעלגישן מיניסטעריום פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס פון מיניסטערס פיר קאָמוניסטן, וועלכע זיינען זייער פּאָפּולער ביי דער באַפעלקערונג, זיי לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף גאָר דער אַרבעט פון דער רעגירונג און העלפן־מיט איר פּאָפּולאַריטעט צווישן די אַרבעטס־מאַסן.

אין איינעם פון די זאַלן שטייען צוויי גרויסע וואַזעס, וואָס דער רוסי־שער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט מיט אַ 70 יאָר צוריק געשענקט דעם אַנטווערפּענער שטאָט־ראַט. און אין נאָך אַ צימער איז דאָ דער פאָר־טרעט פון דער קעניגין, וואָס איז אין אַן „אַקצידענט" אומגעקומען. און אויך דער פּאָרטרעט פון אַלבערטן, דעם קעניג, וואָס איז געווען אַ מער־ליבעראַלער מענטש און האָט געהאַט מער אינטערעס פאַר קונסט, ווי פאַר מלוכהשאַפט. דער קעניג אַלבערט, ווי אַ ליבהאָבער פון ספּאָרט און בערג־שפּאַצירן, איז טאַקע אומגעקומען בעת אַזאַ מין שפּרייזן אויף די בערג. — אויב וועגן די פריערדיקע קעניגן רעדט מען מיט אַ שטיקל פאַרערונג, איז שוין גאָר אַנדערש וועגן דעם איצטיקן לעאָפּאָלד, — ער איז פון לכתחילה אַן געווען אַ פאַשיסט און זיך אַרומגערינגלט מיט נאַצישע דייטשן־פריינט און געשטעלט די קאָרט אויף דעם נצחון פון היטלערן. ער האָט געלעבט אין עושר און אין כבוד די עטלעכע יאָר, ווען די היטלעריסטן האָבן געדריקט און געפּייניקט די באַפעלקערונג. נאָכן זיג פון די אַליאירטע האָט ער זיך געמאַכט טאַמעוואַטע און געוואָלט צוריק קומען צו זיין היימ־לאַנד, און ווי גאָרנישט איז נישט געשען, — ווידער זיך זעצן אויף זיין קעניג־שטול. אָבער, משמעות, ענגלאַנד, וואָס האָט אַזוי ליב קעניגן, האָט נישט געהאַט די פולע דעה, און לעאָפּאָלדן איז נישט געלונגען צוריק־צוקומען קיין בעלגיע. ער ריכט אָפּ גלות און ער האָפט, מסתמא, אַז מיט דעם כוח פון ענגלאַנד, וואָס האָט שוין צוריק אָדער פון דאָס ניי אָוועק־

געזעצט אויף קעניגלעכע שטולן אַמאָליקע און נייע קייסאָרים, וועט ער אויך צוריקקריגן זיין כסא־מלכותו.

און וואָס קאָן מען נאָך זען אין אַנטווערפּען? אין איינעם אַ זאַל איז אויף אַ טאָוול אויסגעקריצט אַ דאַנק פון די אַליאירטע מלוכות, דער עיקר פון ענגלאַנד און אַמעריקע, פאַר דער גוטפריינטשאַפט, וואָס בעלגיע האָט אַרויסבאַוויזן דעם מיליטער אין יאָר 1943־1944, ווען דאָס מיליטער האָט געפירט דאָן דעם שווערן געראַנגל מיט די דייטשע האָרדעס אויף דער בעלגישער טעריטאָריע, און ווען בעלגיע האָט שטאַרק געליטן פון די דייטשע באָמבעס.

אין דעם בנין פון דעם שטאָט־ראַט איז אויך דאָ אַ גרויסער קונסט־צימער, וואָס איז אויפגעשטעלט פון די ווענט, באַפּוצונגען, בילדער פון דעם באַרימטן בעלגישן נאַציאָנאַלן קינסטלער העיס. — עס איז אַ מערק־ווירדיקע אַרבעט, אָט די רעסטאַווראַציע פון אַ שטוב מיט אַלדי קלייניקייטן, און עס באַווייזט די ספּעציעלע פּיעטעט־באַציאונג פון דעם בעלגישן פאָלק צו זיין קינסטלער.

די אַנטווערפּענער חברים פירן מיך אין איינעם אַ געסל צו דעם פּאַלאַץ פון געניאַלן בעלגישן קינסטלער רובענס, וואָס האָט דאָ אין שטאָט געלעבט און געשאַפן. מיר קומען צו צום פּאַלאַץ, — אָבער ער איז אינע־ווייניק פאַרמאַכט, עס ווערט דאָרטן איצטער אין לויף פון די ווינטער־חדשים אַלץ איבערגעשטעלט און איבערגעאַרבעט, — איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן דאָס הויז אינעווייניק. אָבער מיר גייען אַרום איבער דעם גרויסן הויף, קומען אַריין אין דעם פּאַרק, זעען די אַלייען, וואו ער האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט זיינע געהויבענע געסט, קוקן אַרום אַלע טיילן פון הויף, קוקן אַריין אין די פענצטער, און זיינען פאַרגאַפט ווי עס האָט זיך אַמאָל פאַרגונען צו לעבן אַ גרויסער קינסטלער. — אגב, אין דעם אַריינגאַנג פון דעם שטאָט־ראַט איז דאָ אַ גרויסער מאַקעט, אַ מיניאַטור, אויפגעבויט פון דעם פּאַלאַץ מיט אַלע זיינע איינצלהייטן.

די חברים האַלטן אין איינטענהן מיט מיר, אַז זיי, די נישט־יידן, ווייסן ווי צו שאַצן און אָפּשאַצן זייערע קינסטלער. און מיר, יידן? האָבן מיר דען אַ פאַרשטענדעניש דערפאַר? און זיי פרעגן זיך ביי מיר, צי איך ווייס וועגן אַזעלכע מיני קינסטלער־הייזער, וואָס זיינען רעסטאַוורירט געוואָרן און אויפגעהיט געוואָרן פאַרן פאָלק, פאַר דורות שפּעטער, פון גרויסע יידישע קינסטלער, שרייבער. — איז אין דער יידישער אַמעריקע דאָ אַזאַ מין ענלעך הויז?

איך דערמאָן זיך, ווי מיר האָבן פאַרטאַכלעוועט פיל זאַכן, פיל הייזער, וואו עס האָבן געלעבט און געשאַפן אונדזערע גדולים. האָבן מיר ערגעץ

אַ זכר פון דעם שלום־עליכם שרייב־צימער? האָבן מיר אויפגעהיט דעם פּרעכטיקן אַרבעט־צימער פון אונדזער דר. חיים זשיטלאָווסקי אין קראָטאָן אויפן האָדסאָן? זיינען דאָך אַלע זיינע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, בריוו, ביבליאָטעק פאַרשטעקט אויף נישט צוצוקומען צו זיי אין דעם ייוואָ אין ניו־יאָרק. גיב איך אַ זאָג די חברים, אַז גראָד אין תל־אביב האָב איך געזען אַזאַ ענלעכע באַציאונג צום הויז פון חיים נחמן ביאַליק, וואָס איז איצט אַ בית־ביאַליק, אַ הויז, וואו עס רוט דער גייסט פון ביאַליקן און עס ווערן אויפגעהיט אַלדי זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן יידישן דיכטער.

אַנטוישט, וואָס מיר קאָנען נישט אַריינקומען אין די לפני־ולפנים פון דעם רובענס־הויז, נעמען מיך די חברים פירן אין אַנדערע טיילן שטאָט. אָט איז די היסטאָרישע קאַטעדראַלע, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר איינער פון די שענסטע געביידעס פון דעם מין אין דער וועלט. ביים אַריינגאַנג שטייט דער סקולפּטאָר, מיט אייניקע פון זיינע געהילפן, פון בראָנז אויס־געגאָסן. אַ דענקמאָל פאַר דעם, וואָס האָט מיט לאַנגע יאָרן צוריק געהאַט דעם שוואונג און די פאַנטאַזיע זיך צו פאַרמעסטן אויף אַ טורעם, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט העט־ווייט אין די וואָלקנס אַריין.

און אַזוי כסדר גייען מיר פון גאַס צו גאַס, און די חברים, באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון אַנטווערפּען, אָט די אַלטע שטאָט אין אייראָפּע, וואַרפן זיך מיט פאַקטן, מיט לעגענדעס, מיט קייסאָרים און מלחמות און זיגן און מפּלות זינט יאָרהונדערטער.

און אָט אַ שטיק געשיכטע ערשט מיט אַ פיר יאָר צוריק. אין איינער אַ גאַס זיינען געפאַלן די דייטשישע באָמבעס און אין איין טאָג געהרגעט קרוב צו טויזנט בעלגיער און חרוב געמאַכט אַ פאַר גאַסן. אָבער די בעלגיער האָבן פיינט חורבות און זיי האָבן עס גיך פאַרריכט און אויס־געניצט דעם פרייען פלאַץ פאַר נייע בנינים. עס איז ענג אין בעלגיע, קאָן מען זיך נישט פאַרגינען קיין רואינעס, קיין נישט־באַוואוינטע הייזער.

און אינצווישן טיילן זיך די חברים מיט די איבערלעבענישן פון די לעצטע יאָרן, און מיט מאַסמיטלען, וואָס ווערן איצט אָנגענומען אויפ־צושטעלן צוריק דאָס לעבן, אמת — נישט אין דער פאָרם פון אַמאָל, אָבער דאָך ווי עס לאָזט זיך.

און מען באַטאָנט, אַז נישט געקוקט וואָס מען איז ווייניק, זיינען דאָך אין שטאָט פאַראַן פון יעדער ריכטונג און גרופּירונג. פאַראַן ציוניסטן, פּועלי־ציון רעכטע און לינקע, און פאַראַן פרומע יידן, פאַראַן „גוטע יידן" און אויך פאַראַן גרעסערע צאָלן פון קאָמוניסטן און פּראָגרעסיווע טוער. פאַראַן אויך פאַרעקשנטע בונדיסטן, — אַלץ ווי אין דער גרויסער שטאָט.

און מען קלאָגט זיך, אַז ווען נישט די צעריסנקייט אויף פיל ריכטונגען, וואָלט מען געקאָנט האָבן אַ גוטע צוגאָב־שול, אַ גוטע ביבליאָטעק, נאָרמאַלע פאַרלעזונגען און אַזוי ווייטער. איז דאָך אָבער יעדע קליינע שטאָט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, אַ מין אָפּשפּיגלונג פון דער גרויסער, און וויפל ריכטונגען דאָרטן, אַזוי פיל דאָ.

און פון וואָרט צו וואָרט, און מען נעמט דערציילן וועגן די גרויזאַמע היטלעריסטישע יאָרן און יעדער איינער האָט איבערצוגעבן, אַז עס זיינען געווען אין בעלגיע אַ גרעסערע צאָל נישט־יידן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן אַרויסבאַוויזן גרויס העלדישקייט צו ראַטעווען יידן, יידישע קינדער, יידישע פרויען. און איינער אַ ייד דערציילט מיר מיט פאַרגאַפונג וועגן איינער אַ בעלגישער פרוי, וואָס האָט אַרויסבאַוויזן ממש מסירת־נפש און נישט געקוקט אויף די אַרעסטן און קלעפּ און פייניקונגען פון די נאַציס האָט זי אַלץ פאַרגעזעצט צו שטיצן און שיצן אַ סך יידן. ער אַליין מיט זיין פרוי און קינדער זיינען אַדאַנק איר געראַטעוועט געוואָרן.

אויך אין אַנטווערפּען הערט מען זיך אָן מיט אַזעלכע אויסטערלישע געשיכטעס, וואָס אַנטפּלעקן אונדזער גרויזאַמע צייט מיט די אַלע מערק־ווירדיקע דערשיינונגען. פון איין זייט ווייזן זיי ווי ווילד און משוגע, ווי ברוטאַל און אוממענטשלעך מען איז געווען איינער צום צווייטן, אַ מענטש צו אַ מענטש, אַ שכן צו זיין שכן. ברוטאַליטעט און הפקרות, געלט־גיריקייט און פאַרראַט, און דערביי — אויך טיפע מענטשלעכקייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז דערהויבנקייט, ביז מסירת־נפש פון הויכן גראַד. און אויך געשיכטעס, וואָס רירן מיט זייער אייגנאַרטיקער רעאַלקייט, מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן און תמימות. דערציילט מיר אַ יידישע פרוי, אַליין אַ דיכטערין, ווי איר יינגל, וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין אַ בעלגישן דאָרף, ביי האַרציקע פּאַלקס־מענטשן ווי אַ קריסטלעך קינד, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער־קינד, אַ יונג מיידעלע, זיינען געוואָרן רעליגיעז און האָבן גענומען באַזוכן די קירכע און מתפּלל זיין ווי פרומע קאַטוילישע קינדער. און חדשים און חדשים, שוין נאָך דעם, ווי די קינדער זיינען צוריקגעקומען צו זייערע עלטערן, האָבן זיי אין זיך איינגעהיט אָט די פרומע געפילן און זיינען געגאַנגען יעדן זונטיק אין דער קירכע. די עלטערן האָבן לכתחילה נישט געוואָלט זיך אַריינמישן אין אָט די געפילן, ביז די קינדער גופא האָבן גענומען זיך אָפּקילן. דאָס יינגל האָט עס אַדורכ־געמאַכט שנעלער, דאָס מיידעלע — לאַנגזאַמער. דאָס יינגל האָט אין איינעם אַ זונטיק כלומרשט פאַרשלאָפן די צייט, דערנאָך שוין גאַנץ־באַוואוסטזיניק זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין דער קירכע. ער האָט אָבער, פאַרשעמט און נישט דרייסט, געבעטן זיין מוטער נישט צו דערציילן וועגן דעם זיין

קוזינקע, דאָס מיידעלע, וואָס האָט נאָך גערן באַזוכט די קירכע. זאָל די מאַמע זאָגן דער קוזינקע, אַז ער איז קראַנק...

אגב, די קריסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען וואָסער ס'איז באַצאָלט פאַר די עטלעכע יאָר אויפהאַלטן די קינדער, און אויף יעדן יום־טוב שיקן זיי מתנות די קינדער, צו וועמען זיי האָבן פאַרהיט ליבשאַפט און טריי־שאַפט. און די עלטערן האָבן זיך געראַטעוועט אין אַ מאָנאַסטיר, וואו זיי האָבן געאַרבעט ווי שווייצער. און דער גלח איז פאַרבליבן אַן איבער־געגעבענער פריינט, קומט צו זיי אָפט צוגאַסט.

פאַרנאַכט פאַרלאָז איך אַנטווערפּען, איבערגעפולט מיט איינדרוקן. איך פאָר קיין בריסעל, וואו עס וואַרטן די דאָרטיקע חברים, וואו עס וואַרט אויף מיר אַן עולם פון איבער 700 יידן פון פאַרשיידענעם גראַד און עלטער. ער וואַרט צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון דער יידישער וועלט.

דעם 9טן יאַנואַר 1947.

42

ביי די בעלגישע יידן

אויף דעם צונויפטרעף מיט די חברים־אַקטיוויסטן פון דער זייער־פּאָפּולערער און זייער פאַרדינסטפולער אָרגאַניזאַציע „סאָלידאַריטעט" אין בריסעל, האָט איינער פון די חברים אין זיין וואָרט צווישן אַנדערן גע־זאָגט, אַז די יידישע בעלגיע איז פאַרוואָרלאָזט; די חשובע געסט, וואָס קומען און באַזוכן פּאַריז, מיידן אויס בעלגיע, — בעלגיע איז נישט מער ווי אַ טראַנזיט־לאַנד, — מען פאָרט עס פאַרביי, מען פאָרט עס אַדורך, אָבער זעלטן־ווער עס פאָרט אַראָפּ און פאַרברענגט אין דעם לאַנד, פאַר־אינטערעסירט זיך מיטן לעבן, מיט די פריידן און ליידן פון דעם דאָזיקן יידישן ישוב.

און עס איז טאַקע באמת אַ גרויסע עוולה מצד די פאַרשיידענע טוער, שרייבער און קינסטלער, וואָס ווייזן אַרויס אַזוי ווייניק אינטערעס און שענקען נישט קיין פאָר טעג צו קומען אַהער, כדי זיך צוצוקוקן און זיך נעענטער אויפן אָרט באַקענען מיט דעם איצטיקן מצב פון די יידן און מיט זייערע אָנשטרענגונגען אויף ווייטערדיקן לעבן.

איך האָב באַזוכט אַנטווערפּען און בריסעל אויפגעטראָטן אין דיביידע שטעט, — און אין בריסעל — צוויי מאָל: איין מאָל פאַר אַ גרויסן עולם פון איבער 700 צוהערער, און דעם צווייטן מאָל — אויף דעם צונויפטרעף מיט אַקטיוויסטן, אַ 60־70 — האַרט פאַר מיין אָפּפאָר. ליידער האָב איך

נישט געקאָנט קומען אויף אַ שבתדיקן אָדער זונטיקדיקן טאָג, — דאַן, האָבן די חברים מיך פאַרזיכערט, וואָלט די צאָל צוהערער געווען מער ווי טאָפּל. אַזוי איז מען אויסגעהונגערט אין בריסעל נאָך אַ יידיש וואָרט און נאָך אַ מענטש פון דער גרויסער יידישער וועלט, נאָך עטלעכע שווערע און גרויזאַמע היטלער־יאָרן.

איך האָב די פּאָר טעג פון מיין באַזוך און אויפטריטן אין בעלגיע זיך פיל אָנגעהערט און אָנגעזען און מען וואָלט געקאָנט זיצן און דערציילן, זיצן און שרייבן.

דער יידישער בראַך אין בעלגיע איז געווען פיל גרעסער ווי אין פראַנקרייך. דער פּראָצענט אומגעקומענע — פיל מער, און ממילא — אין יעדער פאַרבליבענער ייד אַ גרויסער נס. אַ נס, ווייל דורך נסי־נסים זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די מערדערס הענט.

פאַרן איצטיקן וועלט־קריג איז די צאָל יידן אין בעלגיע געווען איבער 90 טויזנט — פון דעם, בלויז אין אַנטווערפּען — אַ 40־50 טויזנט, אין בריסעל — אַ 25־30 טויזנט. די איבעריקע יידן האָבן געוואוינט אין ליעזש, שאַרלרואַ, גענט. איצט איז די צאָל יידן אַ 33־35 טויזנט, אָבער פון דעם זיינען אַ 8־10 טויזנט אָנגעלאָפענע, און די צאָל בעלגישע יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָכן קריג, איז נישט מער — ווי אַ 23 טויזנט. אַמאָל איז אַנט־ווערפּען געווען די מעטראָפּאָליע פון דער יידישער בעלגיע, איצט — איז עס בריסעל, וואָס פאַרמאָגט קרוב צו אַ 20 טויזנט יידן, און אַנטווערפּען — בלויז אַ 7־8 טויזנט. — די פּירנדיקע מענטשן צווישן דער יידישער באַ־פעלקערונג זיינען באַזונדערס שטאָלץ מיט דער צאָל אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער, וואָס זייער צאָל דערגייט ביז אַ דריי טויזנט. מען האָט זיי אַלע אויסבאַהאַלטן אַדאַנק די קאַטוילישע קירכעס, וואָס האָבן אַרויסבאַוויזן פיל מענטשלעכקייט און מסירת־נפש ביי אָט דער הייליקער אַרבעט.

עס וואָלט געווען אַ יושר, ווען מיר וואָלטן פאַרעפנטלעכט מאַטעריאַלן און פאַקטן וועגן אָט דער הייליקער אַקציע און אויסגערעכנט די אַנשטאַלטן און די מענטשן, וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע געפאַרן, וואָס האָבן זיי געדראָט מצד די דייטשע קאַניבאַלן, — דאָך אין לויף פון אַ פּאָר יאָר אַרויסבאַוויזן אַזוי פיל הומאַניטאַרע געפילן און זיך באַמיט אַרויסצו־ראַטעווען יידישע לעבנס, און לעבנס פון יידישע קינדער, פון די נאַצישע גאַז־אויוונס און נאַצישע קוילן און שווערדן. — עמעץ פון די יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס דאַרף עס טאָן און וואָס גיכער! פון דעם אַליין, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין בעלגיע, קאָן מען שאַפן אַ גאַנצן העלדן־בוך פון נישט־יידן, וואָס זיינען געגאַנגען ממש אויף קידוש־השם.

אויב ס׳זיינען געבליבן אין בעלגיע עטלעכע און צוואַנציק טויזנט יידן,

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס היטלער און זיין חברה, ימח שמם ונמח זכרם מלהזכירם, האָט קיינעם נישט געוואָלט איבערלאָזן, — אויב עס איז גע־בליבן דאָך אַ 25% יידן, האָט מען עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם יידישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין בעלגיע מאַי 1942, לויט דער איניציאַטיוו פון בעלגישן נאַציאָנאַלן אומ־אָפּהענגיקייט־פראָנט, וואָס איז פון זיין זייט געגרינדעט געוואָרן בעיקר דורך דער איניציאַטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין לאַנד. אָט דער אומאָפּהענגיקייט־פראָנט איז אַ מין פאָלקס־פראָנט, וואָס איז געווען אין פאַרשיידענע אַנדערע לענדער.

אָט די אַלע ידיעות האָט מיר איבערגעגעבן אַן אַנגעזעענער מיטגליד פון דעם אומאָפּהענגיקייט־פראָנט, אַ טעטיקער מיטגליד אין דער באַוועגונג און איינער פון די הויפּט־פירער פון דער פּראָגרעסיווער טעטיקייט איצט אין בעלגיע, הערץ יאָשפּע. — ער גופא איז אַדורך במשך פון די עטלעכע יאָר קאָלטס און וואַרעמס, אַדורכגעמאַכט ביטערע יאָרן, זיין לעבן איז נישט איין מאָל געווען אין גרויס געפאַר, — אָבער דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, ער זאָל בלייבן לעבן און קאָנען ווידער ווידמענען זיין ענערגיע און דער־פאַרונג לטובת די יידישע פאָלקס־מאַסן. — און זיינס אַ חבר, וואָס טראָגט דעם נאָמען מאָטל גאַרקי (זיין אמתער נאָמען איז קאַצאַף), וואָס איז געווען טעטיק צווישן די פּאַרטיזאַנען, האָט דערגאַנצט דאָס, וואָס יאָשפּע האָט שוין נישט געקאָנט דערציילן, ווייל ער איז שוין געווען אין דייטשע לאַגערן, גרייט צום טויט.

עס איז געווען אַ באַשלוס צו אָרגאַניזירן צווישן יידן און נישט־יידן אַ ברייטן פראָנט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די יידן פון די נאַצישע לאַפּעס. די באַזע האָט באַדאַרפט זיין אַ ברייטע — זי האָט באַדאַרפט אַריינ־נעמען אין זיך און פאַראייניקן אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, מיט דער מיטהילף פון דעם אומאָפּהענגיקייט־פראָנט און פון דער בעלגישער באַפעלקערונג.

און עס זיינען געשטאַנען דרינגענדיקע אויפגאַבעס. ערשטנס — ראַטעווען די יידישע קינדער און פאַרבאַהאַלטן זיי אין בעלגישע נישט־יידישע אַנשטאַלטן און אין בעלגישע פּריוואַטע הייזער. און די פּרוכט פון אָט דער אַרבעט האָב איך טאַקע געזען — סיי אין פּריוואַטע הייזער און סיי אין די צוגאָב־שולן ביי יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איך האָב באַוויזן צו באַזוכן בעת מיין קורצן וויזיט אין בעלגיע.

אויף וויפל די טעטיקייט פון דעם יידישן פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט איז געוואַקסן, איז צו זען פון דעם בודזשעט, וואָס איז אַלץ ראַש געשטיגן. פון

500 טויזנט פראַנק אַ חודש, ביז גאַנצע צוויי מיליאָן. און אין דורכשניט, פון די צוויי יאָר, ביי אַנדערטהאַלבן מיליאָן פראַנק אַ חודש.

פון וואַנעט האָט מען אָט די גרויסע סומעס גענומען? פריער פון אַלץ אין לאַנד גופא, ביי ידען און נאָך מער — ביי נישט־יידן. עס זיינען געווען גרויסע שטיצעס מצד די בעלגישע אינסטיטוציעס. און בעיקר — פון דער בעלגישער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג, וואָס האָט צוגעטראָגן גאַנץ־גרויסע סומעס. מען האָט אַרויסגעקראָגן אויך פון די ווינטער־הילף־אָרגאַניזאַציעס קליידער, וואַרעמע וועש א. אַז. וו. און נאָך אַ קוואַל: די בעלגישע בענק, וואָס האָבן דורך פאַרשיידענע פאַרשטעלטע נעמען אַרויסגעליגן גרויסע סומעס. דאַ דאַרף דערמאָנט ווערן דער נאָמען פונעם בעלגישן ייד נייקערק, וואָס איז געפאַרן געהיים אין דער שווייץ און געבראַכט גאַראַנטיע־בריוו פון אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס ביז 2 מיליאָן פראַנק אַ חודש. אָט דער טייערער ייד נייקערק איז לסוף אומגעקומען דורך די דייטשן. — אַרום און אַרום האָט מען דורך די בעלגישע בענק באַקומען אַ 20 מיליאָן פראַנק, וואָס איז זיי, אגב, נישט אומגעקערט געוואָרן. זיי האָבן געפּרואווט לכתחילה מאָנען, אָבער דערנאָך אַליין דערפילט, אַז עס איז נישט שייך, האָבן זיי די סומעס דערנאָך אָפּגעווישט. — און נאָך אַמאָל — די בעלגישע קאַטוילישע אינסטיטוציעס — אויך זיי האָבן ממשותדיק געהאָלפן, ווי אויך דער רויטער קרייץ.

אַן אַנדער טייל אַרבעט פון דעם קאָמיטעט איז געווען צוגרייטן פאַלשע פאַספּאָרטן — בעלגישע מיט נישט־יידישע נעמען. די אייגענע דרוקעריי האָט פּאַרטיק געמאַכט איבער 10 טויזנט פּעסער, און דערצו — געבוירן־שיינען פאַר די יידישע קינדער. מען האָט באַקומען פּאַפּירלעך פון די קלויסטערס — חתונה־שיינען. — די זעלבע אָפּטיילונג האָט אויך צוגעגרייט שפּייז־קאַרטעס, וואָס איז געווען אַ זאַך פון גרויס וויכטיקייט. אַזעלכע שפּייז־קאַרטעס זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אין די טויזנטער.

ווייטער איז געגאַנגען אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. אין דער אייגענער דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אין ליעזש, האָט מען אַרויסגעלאָזט צייטשריפטן און פלוג־בלעטער אויף פראַנצויזיש, פלעמיש און יידיש. אין בריסעל גופא זיינען געווען צוויי יידישע צייטשריפטן, איינע אויך אין שאַרלערואַ.

ספּעציעל דאַרף דערמאָנט ווערן די פאַרבינדונג פון דעם יידישן פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט מיט די פּאַרטיזאַנען־גרופּעס. מען האָט זיי געשטיצט און באַקומען פון זיי הילף. מען האָט געגעבן זיי אינפאָרמאַציעס, אינסטרוקציעס און באַקומען פון זיי שפּייז־קאַרטעס, וואָס די פּאַרטיזאַנען האָבן ביי אָנפאַלן אַרויסגעקראָגן. צווישן די 1,300 פּאַרטיזאַנען אין בעלגיע

זיינען געווען איבער 100 יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פאַר־שיידענע אָפּשניטן און זיינען אויך אומגעקומען אויף וויכטיקע פּאָסטנס און פּאָזיציעס. — עס איז לכתחילה אַפילו געווען אַ יידישער פּאַרטיזאַנען־באַטאַליאָן, אָנגעפירט דורך שאַרל ראַכמאַן, וואָס די נאַציס האָבן אים דער־מאָרדעט אין לאַגער. — עס זיינען אומגעקומען נאָך און נאָך העלדישע קעמפּער צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנען. אין דעם העלדן־בוך, וואָס דאַרף דערשיינען, דאַרפן זיי אָן ספק פאַרנעמען דעם אָרט, וואָס זיי האָבן פאַרדינט מיט זייערע מעשים און מסירת־נפש. — די יידישע פּאַרטיזאַנען זיינען געווען פאַרטראָטן אין אַלע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן ביז דעם סאַמע שפּיץ.

וואָס איז געווען די אַרבעט און די אויפגאַבן פון די פּאַרטיזאַנען? — פריער פון אַלץ, רייניקונג אויף דער בעלגישער און יידישער זייט, מאָרד פון פאַררעטער.

און ווען מען רעדט מיט אַ בעלגישן יידן וועגן פאַררעטער — קומט גלייך אַרויף אויפן זכרון און אויפן צונג דער סאַדיסט, דער יידישער אויס־וואורף זשאַק. איך האָב אָט דעם נאָמען שוין געהערט עטלעכע מאָל פון פאַרשיידענע אָפּגעראַטעוועטע יידן די לעצטע עטלעכע חדשים אין פאַר־שיידענע ערטער און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. איך האָב וועגן אים געהערט פון איינעם אַ יידישן פּאַסאַזשיר, וואָס איז מיט מיר געפאָרן אויף דער שיף „איל דע פראַנס“, פון ניו־יאָרק קיין שערבורג; געהערט וועגן אים אין פראַנקרייך, געהערט זיין טרייפענעם נאָמען אויך פון יידן אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אַ ברוטאַלער, חיהשער תליון פון העכסטן גראַד. ער איז געווען אַ כאַפּער, אויסגעשמעקט ווי אַ הונט יעדן באַ־האַלטענעם ייד. ער פלעגט אַרומפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, באַוואַכט מיט דייטשן, און אַזוי זיך געלאָזט אויף יאַגד. אַמאָל איז ער געווען אַ דינער אין אַ האָטעל, דערנאָך — אַן אַלפאָנס ביי אַ הייזל, און שפּעטער — אַ דייטשער אַגענט פון ערגסטן און געפערלעכסטן גראַד. און ער האָט געהאַט אַ טרייפענעם מזל — די יידישע פּאַרטיזאַנען האָבן עטלעכע און צוואַנציק מאָל געפּרוואווט אים אָפּרוימען פון וועג, און עס איז נישט געלונגען. איין מאָל האָט מען אַפילו געהרגעט צוויי דייטשישע אָפיצירן, וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט אים, אָבער ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער. — די יידן דערמאָנען זיך איצט מיט באַדויער, וואָס זיי איז נישט געלונגען אים צו כאַפּן. וואו זיין טרייפענער געביין איז אַהינגעקומען — ווייסט מען נישט. אפשר באַהאַלט ער זיך ערגעץ אויס אונטער אַ פרעמדן נאָמען, און אפשר האָבן די דייטשן אַליין אים ענדלעך דערמאָרדעט, ווייל ער האָט צופיל געוואוסט וועגן זייערע מעשים. ווער ווייסט...

הערץ יאשפע גופא האָט געהאַט דאָס ביטערע מזל געפייניקט צו ווערן

דורך דעם זשאַק, בעת ער האָט אים געכאַפּט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער אים אָפּגעשטאַט „וויזיטן" און דערביי האָט זשאַק אַרויסבאַוויזן פיל הנאה אין דעם שלאָגן, אין דעם פּייניקן. געררעדט האָט ער יידיש, רוסיש, גע־פּרואווט זיין אויך כלומרשט גוט, כדי עפּעס אַרויסצונאַרן פון דעם קרבן. דער עיקר האָט ער געוואָלט יאשפּען מאַכן רעדן. אָבער עס איז אים נישט געלונגען, האָט ער דערפאַר מערדערלעך געשלאָגן זיין קרבן. — אויף דעם „געוויסן" פון אָט דעם יידישן מערדער־פאַררעטער ליגן טויזנטער יידן, וואָס ער האָט איבערגעגעבן אין נאַצישע הענט אויף אומקום און מאָרד. — ער האָט געהאַט נאָך אַ צענדליק יידן־פאַררעטער אַרום זיך, וואָס האָבן אים אין די גרויזאַמע יאָרן אַרויסגעהאָלפן אין זיין אַרבעט.

מען דאַרף אויף דעם אָרט אויך דערמאָנען נאָך אַ טיפּ יידן, וואָס האָבן געטאָן פאַררעטערישע אַרבעט לטובת די דייטשן, — אַזעלכע טיפּן יידן זיינען געווען אין פראַנקרייך, און פון דעם זעלבן כאַראַקטער — אויך אין בעלגיע. דאָס זיינען די אַזוי־גערופענע „ברוינע יידעלעך", ווי מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן אין די שווערע צייטן. — עס איז געווען אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, אַ הילף־אָרגאַניזאַציע, באַקאַנט לויטן פאַרקירצטן נאָמען „א. זשע. בע.". מען דאַרף דערמאָנען די נעמען פון די אָנפירער: בענע־דיקטוס, פרעדי בלום און דער ראַבינער אולמאַן. זיי האָבן מיט זייערע מיאוסע מעשים אויך געליפערט יידן אין די נאַצישע מערדערישע הענט און פאַסטקעס. די יידישע פאַרטיזאַנען האָבן באַזונדערס באַקעמפט אָט די „ברוינע יידעלעך" און זייערע מקורבים. דער ערשטער אויפטו איז געווען אָפּצורוימען דעם ליפעראַנט פון די דייטשישע מערדער וויטעלסאָן, וואָס האָט געהאָלפן באַקליידן די דייטשן דורך דער פוטער־פאַבריק „אַסטראַ". — וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די דייטשן מיט דער מיטהילף פון די „ברוינע יידעלעך". האָבן די פאַרטיזאַנען באַפאַלן די פאַבריק, פאַר־ברענט די סחורות און אויפגעריסן די מאַשינעס. און נאָך און נאָך וויכטיקע אַרבעטן. ווען די פאַרטיזאַנער האָבן געהרגעט דייטשישע אַגענטן אָדער סאָלדאַטן, האָבן זיי ביי זיי צוגענומען פאַפּירן, דאָקומענטן, וואָס זיינען דערנאָך שטאַרק צונוץ געקומען.

איך האָב אין בריסעל, אויסער פאַרשיידענע אַנדערע באַגעגענישן, געהאַט אויך די מעגלעכקייט אַזוי אויף שנעל זיך באַקענען מיט דער אָר־גאַניזאַציע „סאָלידאַריטעט", וואָס איז אין אַ געוויסן זין די שוועסטער־אָרגאַניזאַציע פון דער „אוניאָן" אין פראַנקרייך, אין פּאַריז. זי טוט אָפּט קרובהשע אַרבעטן, האָט פאַרבינדונג מיט די פּאַריזער פּראָגרעסיווע קרייזן, העלפט אַרויס און ווערט אָפּט געשטיצט דורך יענע. זיי האָבן אַפילו אַראַנזשירט אין דער איצטיקער טעגלעכער צייטונג „נייע פּרעסע" אַ ספּע־

ציעלע זייט אַלע וואָך, געווידמעט דעם יידישן לעבן אין בעלגיע און די פּראָבלעמען פון קולטור און הילף אין בעלגיע. הקיצור, די יידישע בעלגיע גייט אויפן וועג פון ווידעראויפבוי.

הגם די „סאָלידאַריטעט" איז אַ בעלגישע אָרגאַניזאַציע, אָבער דער־ווייל איז דאָס פעלד פון איר טעטיקייט בעיקר אין בריסעל. מיט דער צייט, וועט זיכער די טעטיקייט פאַרשפּרייט ווערן איבער די אַנדערע שטעט פון בעלגיע און די פאַרבינדונג מיט פראַנקרייך און אַנדערע לענדער וועט אויך פאַרשטאַרקט ווערן. אָן אַזאַ קאָנטאַקט ווייסן די בריסעלער טוער וועט נישט מעגלעך זיין קיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און וואוקס. די „סאָלידאַריטעט" — אַ מין פּראָטערנאַלער אָרדן — איז אַלט אָן אַכט יאָר, אָבער אונטער פאַרשיידענע אַנדערע נעמען האָט אָט די פאָלקס־אָרגאַני־זאַציע עקזיסטירט שוין אַ מעשה פון אַ 20 יאָר, — געווען אַ נאָמען „פּראָקאָר", דערנאָך „קולטור־פאַראיין". נישט אַלע מאָל האָט מען געקאָנט אַרבעטן אָפן און פריי. פון די רייען פון „סאָלידאַריטעט" זיינען אַרויס וויכטיקע טוער און קעמפער. און איצט פאַרמעסט זיך די אָרגאַניזאַציע אויף גאָר גרויסע מעשים. ווילן איז דאָ, אויך מענטשן קומען צו, דאַרף מען האָבן געלט און שטיצע. מען שאַפט אַליין גאָר פיינע סומעס, און מען וואַרט אויף מיטהילף פון דער זייט, און בעיקר פון אַמעריקע.

וועגן דער יידישער אַמעריקע קומט אויס אויך דאָ, אין אָט די קרייזן, צו הערן נישט קיין גוטע מיינונגען און אַפילו פאַרוואורפן. האָט איינער אַ חבר געזאָגט מיט פאַרביטערונג: די אַמעריקאַנער געסט, ווען זיי זיינען דאָ, זאָגן זיי צו זאַכן אַפילו אַזעלכע, וואָס מען בעט ביי זיי נישט, אָבער ווען זיי פאָרן אַוועק, פאַרגעסן זיי אין זייערע אַלע הבטחות... און מען האָט עפּנטלעך אַפילו אָנגערופן נעמען פון חשובע יידישע טוער פון אַמעריקע...

די „סאָלידאַריטעט" האָט אויף איר קרעדיט פיל וויכטיקע אויפטוען. עס פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אַלעמען, וואָס זי טוט און וויל טאָן. נאָך דער באַפרייאונג פון די היטלעריסטישע באַנדעס, נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער דערדריקטקייט און דערשלאָגנקייט, נישט געקוקט אויף די מאַסן קרבנות אין אירע רייען, — זיינען צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציע הונדערטער אַקטיוויסטן און טויזנטער סימפּאַטיקער. אויסער דער מאַטעריעלער הילף, ווערט אויך געלייגט אַכט אויף קולטור־דערציערישער טעטיקייט. מען האָט גלייך אויפגעשטעלט אַ יידישע ביב־ליאָטעק, צונויפגעזאַמלט פון פאַרשיידענע לעכער אַ קנאַפּע 300 יידישע ביכער. איצט זיינען שוין דאָ אין דער ביבליאָטעק איבער 1,200 יידישע ביכער, גוט סיסטעמאַטיזירט דורך די איבערגעגעבענע ביבליאָטעקאַרן, און עס זיינען שוין דאָ אַ 250 לייענער, — צווישן זיי אַ פיינע צאָל יינגערע

און יונגע (אַ טייל געקומען נישט לאַנג פון פוילן!). עס עקזיסטירט אַ צוגאָב־שול, מיט פיר קלאַסן און פיר טרייע לערער און לערערינס, מיט אַ דירעקטאָר פון דער שול ח׳ ראָזענשטיין. איינע אַ לערערין, מאַרי פינגער, שאַפט אַליין לידער פאַר די קינדער פון דער שול. אַ טייל לערער אַרבעטן אָן געלט, ווי אויך די גרעסטע צאָל טוער אין דער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. — עס איז אויך אָן אויסנאַם אין דעם אַלגעמיינעם „אָרט״, אַז אין בריסעל איז די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע אין די הענט פון די פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן און זי טוט גאָר וויכטיקע אַרבעטן, נישט ענלעך אויף אַנדערע אָפּטיילונגען, וואָס געפינען זיך אונטער דער השפעה פון אַנדערע עלעמענטן.

די „סאָלידאַריטעט״ האָט מיט אַ יאָר צוריק אָפּגעקויפט פאַר איר טעטיקייט און אָפּטיילונגען אַ שיין הויז פון פיר שטאָק, גוטע, באַקוועמע צימערן, פיין איינגעאָרדנט און מיט אָן אייגענער קיך, וואו עס באַקומען ביליקע מיטאָגס אַ פאַר הונדערט יידן.

איך האָב באַזוכט די פיר קלאַסן פון דער צוגאָב־שול, זיך צוגעהערט צו די לימודים און מיין האַרץ האָט זיך געפרייט, ווען איך האָב געהערט יידישע קינדער, אָפּגעראַטעוועטע אין די קאַטוילישע קלויסטערס, רעדן און שרייבן יידיש.

דאָס הויז פון דער „סאָלידאַריטעט״ האָט אָפּגעקאָסט די מיטגלידער איבער אַ מיליאָן בעלגישע פראַנק, — דאָס מיינט עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאַרן, — עס איז געשאַפן געוואָרן פון אייגענע זאַמלונגען, חברים האָבן צוגעטראָגן ציגל צו ציגל. איצט וויל מען צובויען אין הויף אַ בנין, פאַר־גרעסערן דעם זאַל, עס זאָל אַריינגעמען אַ 400 מענטשן. ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר אין ניו־יאָרק קאָנען אין איקוף אַלץ נישט קומען צו אַן אייגענער דירה, צו אַן אייגן הויז, — האָט מיר געפלאַמט דאָס פנים. איך האָב שיער נישט געוואָלט דערציילן עס די בעלגישע יידן, — זיך געשעמט פאַר זיך, פאַר אונדזערע חברים־טוער אין ניו־יאָרק.

עס איז מיר געווען אַ שאָד איבערצולאָזן די יידישע בעלגיע אַזוי שנעל, אָבער איך האָב געמוזט איילן קיין פּאַריז, כדי אָנצוכאַפּן די שיף „וואַשינג־טאָן״, אויף וועלכער איך האָב געוואָרט וואָכן לאַנג.

מיר האָבן זיך צעזעגנט מיט די בעלגישע טוער ווי אַלטע פריינט, ווי אַלטע חברים. איינער דעם אַנדערן האָט צוגעזאָגט נישט צו פאַרגעסן אָן דעם צווייטן, און אָנהאַלטן קאָנטאַקט.

אגב, ווער עס וויל דירעקט זיך פאַרבינדן מיט די חברים, גיב איך דאָ דעם אַדרעס:

"Solidarite", 61 Rue de la Victoire, Bruxells, Belgique.

לאָמיר טאַקע וויַיזן די אָפּגעראַטעוועטע בעלגישע יידן, וואָס טוען פּרעכטיקע אַרבעט, אַז מיר געדענקען אָן זיי, אַז זיי זיַינען אונדז טיַיער און אייגן.

דעם 10טן יאַנואַר 1947.

43

דער פּאַריזער יידישער ישוב

פּאָר די דריַי וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּאַריז — סוף דעצעמבער און די ערשטע העלפט פון יאַנואַר — איז מיר באַשערט געווען צו זיַין אַן עדות פון די געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען און גלענצנדיקע אויפטוען פון דעם יידישן ישוב אין פּאַריז, וואָס וויַיזט, אַז אונדזערע שוועסטער און ברידער אין פראַנקריַיך פאַרמעסטן זיך אויף גאָר גרויסעס און וויכטיקס.

איך דאַרף גליַיך זאָגן און באַטאָנען, זאָ איך פּרעטענדיר כלל נישט צו געבן אַ פולשטשענדיק בילד און אַן אויספירלעכע באַשריַיבונג פון דעם אַלעמען, וואָס עס ווערט געטאָן אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אין די אַלערליַי ריכטונגען און גרופּירונגען. דאָס איז אַן אַרבעט פון אַ ספּעציעלער שטודירונג, וואָס דאַרף פאַרנעמען פיל ציַיט און אָרט. איך בין געווען אין פּאַריז דורכפאָרנדיק און די גאַנצע ציַיט כמעט געזעסן אויף דער פּור. וועלן עס גיכער זיַין אַלגעמיינע איינדרוקן וועגן אייניקע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וואו איך האָב בעיקר פאַרבראַכט און געווען מער פאַרבונדן. איך וועל אויך איבערגעבן וועגן דעם, וואָס מיר איז אַליין אויסגעקומען צו זען און צו הערן.

פריער פון אַלץ לאָמיר מיט פריַיד און שטאָלץ באַצייכענען די וויכטיקסטע געשעעניש: מיר האָבן איצט אין פּאַריז דריַי טעגלעכע יידישע ציַיטונגען (אין דער יידישער שפּראַך). אין איירּאָפּע איז ביז אַהער דערשינען בלויז איין טעגלעכע יידישע ציַיטונג — „די ציַיט" אין לאָנדאָן, וואָס דער גוט-באַוואוסטער מאָריס מייער האָט יאָרנלאַנג אַרויסגעגעבן, און איצט זעצט עס פּאָר מיט ליבע און טרייקייט זיַין זון. איצט האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען דריַי טעגלעכע ציַיטונגען אין דעם יידישן פּאַריז, וואָס באַדינען נישט בלויז פּאַריז און די אַלע אַנדערע קלענערע יידישע קיבוצים אין פראַנקריַיך, נאָר אויך בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק א. אַ. און אויך די יידן, וואָס וואוינען אין די פאַרשיידענע לאַגערן. די ערשטע, וואָס האָבן געהאַט די אַמביציע און געוואָגט, ביַי די שווערע טעכנישע באַדינגונגען, אַרויסצוגעבן טעגלעך זייער ציַיטונג, זיַינען געווען די טעטיקע און

ענערגישע־טוער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. זייער צייטונג „נייע פּרעסע“, וואָס איז אויך דערשינען אומלעגאַל אין די גרויזאַמע יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, האָט נישט לאַנג געפייערט דעם 13טן יאָר־גאַנג פון איר דערשיינען. אָט די צייטונג איז טאַקע די סאַמע פּאַר־שפּרייטסטע און לעבעדיקסטע און אינהאַלטסרייכסטע. זי איז דערשינען די לעצטע חדשים דריי מאָל אַ וואָך, און אין דעצעמבער אַריבער אויף אַ טעגלעכער צייטונג. זי גייט אַרויס אין איבער 11 טויזנט עקזעמפּלאַרן און האָט איבער אַכט טויזנט אַבאָנענטן — יערלעכע און האַלב־יערלעכע. די צוויי איבעריקע טעגלעכע צייטונגען, „די שטימע“ און „אונדזער וואָרט“ — ביידע צוזאַמען האָבן ווייט נישט אָט די צאָל לייענער און אַבאָנענטן. עס איז געווען פון זייער זייט מער אַ פּראָגע פון פּאַרטיי־פּרעסטיזש איידער פון אמתער נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן די צייטונגען טעגלעך. די בונדיסטישע „שטימע“ האָט די קלענסטע צאָל לייענער, ווי בכלל איז דער „בונד“ אין פּאַריז די שוואַכסטע אָרגאַניזאַציע, פּאַרמאָגט אַ קלענערן קרייז מיטגלידער און סימפּאַטיקער און האַלט זיך מער מיטן חסד פון דעם אַמעריקאַנער „רייכן פעטער“ — דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און זיינע מקורבים.

אויסער אָט די דריי טעגלעכע צייטונגען גייען אַרויס אין פּאַריז נאָך עטלעכע וועכנטלעכע צייטשריפטן פון די פּאַרשיידענע אַנדערע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס. די „אגודה“ האָט אַ פּאָר צייטשריפטן, אויך די לינקע פּועלי־ציון (אַ חודש־שריפט) און אַזוי ווייטער.

אַזוי אַרום איז פּאַר די לעצטע דריי יאָר אויסגעוואַקסן אַ יידישע פּעריאָדישע פּרעסע אין פּאַריז מיט שרייבער, מיט מיטאַרבעטער, מיט רעדאַקטאָרן, און עס שטייט איצט די פּראַגע וועגן גרינדן אַ יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פּאַראיין.

אויף וויפיל די „נייע פּרעסע“ איז פּאָפּולער און שטאַרק באַליבט אין די ברייטע קרייזן פון דעם יידישן קיבוץ אין פּאַריז, קאָן ווייזן דער יער־לעכער באַל פון דער צייטונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ערב ניי־יאָר אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון פּאַריז. איך בין געווען אויף אָט דעם באַל, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַזייגער ניין אָוונט ביז זעקס אינדערפרי. אויף אָט דעם צוזאַמענטרעף זיינען געווען אַרום פופצן טויזנט יידן פון פּאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, מיט אַ גרויסער צאָל יוגנט. דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט יידישע אויפשריפטן און לאָזונגען, עס איז אויפגעטראָטן דער כאָר, וואָס האָט געזונגען יידישע לידער, עס זיינען געווען ספּעציעלע קיאָסקן מיט יידישע ביכער (צווישן אַנדערע אויך די אויסגאַבעס פונעם איקוף!). צום יום־טוב איז דערשינען דער ערשטער

נומער פון דער חודש־אויסגאַבע „אויפסניי״ — זייער אַן אינטערעסאַנטער נומער. דער צווייטער נומער איז שוין אין דרוק. דער יום־טוב, אין וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט אַזאַ גרויסע צאָל יידן, האָט אַרויסגערופן פיל באַגייסטערונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַריז. עס זיינען געקומען אויך פון פרעמדע ריכטונגען, ווייל דער עצם פאַקט, וואָס עס זאַמלען זיך צונויף אַזוי פיל יידן, קיין עין־הרע, איז געווען אַן איבער־ראַשנדיקער און פיל־זאָגנדיקער!

במשך פון די דריי וואָכן פון מיין פאַרברענגען אין פּאַריז בין איך בייגעווען אויף נאָך אַ שמחה — דער גרויסער כאָר ביי דער „אוניאָן״ האָט געגעבן זיין ערשטן עפנטלעכן קאָנצערט נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנק־רייך. אָט דער מאַסן־כאָר האָט זיך, ווי יעדע יידישע אינסטיטוציע, זיין אייגנאַרטיקע געשיכטע, ביזן וועלט־קריג און איצט. אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, זיינען געווען אין כאָר אַ 120 מיטגלידער, און עס איז געווען אַ גוט־איינגעשטודירטער קאָלעקטיוו. היטלער, ימח שמו, האָט אויך פאַרשניטן פיל מיטגלידער פונעם כאָר, אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון דער פאָלקס־אינסטיטוציע. עס איז אָנגעקומען גאַנץ שווער פון די רעשטלעך, וואָס זיינען געבליבן, אויפזאַמלען און צעמענטירן אַ נייע אינסטיטוציע. גיי זינג, אַז עס גלוסט זיך וויינען! איז טאַקע פאַר אָט דער צייט געטאָן געוואָרן פיל אַרבעט, מען האָט מיט פיל שוועריקייטן געקליבן איינעם צו איינעם און ענדלעך אויפגעשטעלט אַ כאָר, וואָס איז נישט אַזוי גרויס אין צאָל ווי דער פריערדיקער, אָבער דאָך זיינען שוין געשטאַנען אויף דער בינע אַ פערציק זינגער און זינגערינס, און אַרויס־געבראַכט גוט־איינגעשטודירטן זינג־רעפּערטואַר פון פאַרשיידענעם כאַ־ראַקטער און מין, אונטער דער אָנפירונג פון עטלעכע דיריגענטן־מוזיקער. עס זיינען געווען אין רעפּערטואַר פאָלקס־לידער, רעוואָלוציאָנערע לידער, לידער פון פּאַרטיזאַנען און אונטערגרונט, ווי אויך קלאַסישער רעפּער־טואַר. אין זאַל איז געווען אַן עולם פון עטלעכע הונדערט מאַסן־מענטשן, וואָס האָבן מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען די געזאַנגען און לידער פון זייערע חברים, מיט וועלכע מען איז פאַרבונדן די אַלע יאָרן פון חורבן און ווידערשטאַנד, פון צוריק־אויפבוי און דראַנג צו אַ נייעם לעבן.

איך בין געזעסן אין אַ לאָזשע אויף דעם קאָנצערט פונעם כאָר, און די חברים, וואָס זיינען אַרום מיר געזעסן, האָבן מיר דערציילט וועגן אייניקע פון די זינגער און זייערע פּאַסירונגען די לעצטע יאָרן. דער האָט אָנגעוואוירן זיין גאַנצע פאַמיליע, דער צווייטער האָט פאַרלוירן זיינע קינדער, די זינגערין האָט אָנגעוואוירן איר מאַן און זון און אַזוי ווייטער. איך בין געזעסן און די גאַנצע צייט געהערט נישט נאָר דאָס געזאַנג, וואָס

האָט זיך געטראָגן פון דער בינע, נאָר אויך זיך צוגעהערט צו דעם אינער־לעכן געשריי, צו דער שטימע, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון מיר, אינע־וויניק. איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם וואָרט, וואָס דער רבונו של עולם האָט געזאָגט, ווען די מלאכים האָבן געזונגען ביים שפּאַלטן פונעם ים: „מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה"... — די פּרוכט פון מיינע הענט זינקט אין ים, און זאָיר זינגט גאָר שירה... אָבער דאָס איז אונדזער גרויסער כוח — דער דראַנג צו לעבן, צו שאַפן און צו בויען.

פון דעמזעלבן כאַראַקטער און מיט אַזאַ מין געשיכטע צייכנט זיך אויס דער פּאַריזער יידישער אַרבעטער־טעאַטער (פיאַט), וואָס האָט ווידער אויפגעלעבט און טוט פּרעכטיקע אַרבעט, וואָס קאָן קאָנקורירן מיט אונ־דזערע פאָלקס־אַנסאַמבלען אין ניו־יאָרק.

בעת מיין פאַרברענגען אין פּאַריז איז אַרויס דאָס „יזכור־בוך", אַרויסגעגעבן פון די פאַרבליבענע יידישע שרייבער. דאָס בוך האָט אָפּגעקאָסט איבער אַ מיליאָן פראַנק, און נאָך מער זיינען געווען די טעכנישע שוועריקייטן. מיר דאַרפן געדענקען, אַז די ווילדע היטלעריסטן האָבן פאַר־ניכטעט אַלע יידישע דרוקערייען, און מיט גרויס מי און עקשנות איז אָנגעקומען אויפצושטעלן אַ דרוקעריי פון דער „אוניאָן" אויף פּאַראַדיז 14, אינעם אייגענעם קולטור־הויז. עס איז נאָך איצט אַ מאַנגל אין טעכנישע דרוק־מיטלען, מען אַרבעט אויף איין זאַץ־מאַשין עטלעכע שיכטן, כדי צו קאָנען באַפרידיקן די אַלע נויטן אין יידישן זאַץ. דערצו איז צוויי מאָל אַ וואָך, ווי כ'האָב שוין דערציילט, נישטאָ אין פּאַריז קיין עלעקטרישער שטראָם, שטערט עס אויך די אַרבעט. מען קוקט אַרויס אויף נאָך אַ לינאָטיפּ און די אויגן פון די פּאַריזער טוער זיינען איצט געווענדט צו דער יידישער אַמעריקע, זי זאָל אַרויסהעלפן אין אָט דער הינזיכט.

עס גייט אָן דעריבער אַ קאַמף פאַר יעדער אויסגאַבע, וואָס מען דאַרף דרוקן. מען זוכט די „פּריאָריטי" און מען שטייט אין דער „ריי" אין דער דרוקעריי. האָט טאַקע געדויערט דאָס אַרויסלאָזן דאָס בוך פיל מער ווי מען האָט געטראַכט, אָבער אין יאַנואַר איז דאָס „יזכור־בוך" ענדלעך געווען פאַרטיק. עס איז געווען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַר דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אָט דאָס רעפּרעזענטאַטיווע בוך, וואָס האָט נישט נאָר אַרויס־באַוויזן טיפע באַגייסטערונג פאַר די הייליק־אומגעקומענע, נאָר עס איז אויך אין אים געקומען צום אויסדרוק דער ווילן ווייטער צו לעבן און ווייטער צו שאַפן.

און אַ וויכטיקע געשעעניש איז די פּעריאָדישע חודש־אויסגאַבע „אויפסניי". דער ערשטער נומער, וואָס איז רעדאַקטירט פון אַ גרופּע יידישע שרייבער, מאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק. עס ווייזט, אַז דער יידישער

שרייבער און טוער אין פּאַריז שטייט אויף אַ הויכן קולטור־קינסטלערישן ניוואָ און אַז ער פאַרבינדט דאָס יידישע קולטור־שאַפן מיט די גרויסע אידעאַלן און לאָזונגען פון דער פרייער און רעוואָלוציאָנערער מענטשהייט. דער ערשטער נומער פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּשאַצונג. עס וואָלט כדאי געווען, ווען די ביידע אויסגאַבעס, סיי דאָס „יזכור־בוך" און סיי דער זשור־נאַל „אויפסניי", זאָלן פאַרשפּרייט ווערן צווישן אונדזערע לייענער. לאָמיר אַזוי אַרום דערנעענטערט ווערן צו אונדזערע ברידער און שוועסטער פון אייראָפּע און צו זייערע קולטור־קינסטלערישע פאַרמעסטן.

אַלע פּאָר טעג פון מיין זיין אין פּאַריז האָט מיר דער חבר לייזער וויינאַפעל געבראַכט אַן אָפּגעדרוקטן בויגן פון דער יידישער כרעסטאָמאַטיע, וואָס דער צענטראַלער קולטור־ראַט גיט אַרויס. עס איז גרינג צו זאָגן „גיט אַרויס", ווען קיין פּאַסיקע שריפט איז נישטאָ, ווען גרעסערע אותיות פעלן אינגאַנצן אויס, ווען דאָס ביסל, וואָס מען האָט צונויפגעקליבן, איז פון באַזונדערע טיפּן און הויכן. האָט מען געמוזט אָנקומען צו די אַלטע מיטלאַלטערלעכע באַדינגונגען פון צייכענען און קריצן אותיות. די כרעס־טאָמאַטיע איז אָבער זייער נויטיק פאַר דער אַרבעט אין די שולן, אין די צוגאָב־שולן. און, ליידער, האָבן מיר פון אונדזער אַמעריקע נישט באַפרידיקט די נויטן פון לערן־ביכער פאַר די קינדער — מוז מען אַליין, מיט אייגענע כחות און מיטלען, דאָס טאָן און אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן.

און אַז מען רעדט שוין וועגן דעם צענטראַלן שולן־ראַט ביי דער „אוניאָן", דאַרף מען כאָטש אין אַ פּאָר ווערטער איבערגעבן וועגן זיינע אויפטוען. דער קולטור־ראַט פאַרדינט אויך אַ גאָר ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט פון אונדזערע אַלע קולטור־אינסטיטוציעס.

עס איז גענוג צו דערציילן, אַז פאַר דעם לעצטן יאָר האָט דער פּאַריזער קולטור־ראַט אָראַנזשירט 106 רעפעראַטן און אונטערנעמונגען (מיט אַ יאָר צוריק — בלויז 71), פון דעם 46 רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע טעמעס. פון אַט דער צאָל זיינען געווען 14 צענטראַלע אונטערנעמונגען און די איבעריקע אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אין די צענטראַלע אונטער־נעמונגען האָבן זיך באַטייליקט פון 1,000 ביז 2,000 מענטשן. אין אייניקע — אַפילו מער ווי 2,000. באַזונדערס דאַרף מען פאַרצייכענען די 12 שלום־עליכם אַקאַדעמיעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ מיט גרויס דערפאָלג.

די צענטראַלע ביבליאָטעק אויף פּאַראַדיז 14 פאַרמאָגט איצט 465 לייענער, צווישן זיי אַ 200 לייענער פון די ניי־אַריבערגעקומענע אין פּאַריז. עס זיינען שוין דאָ איצט אַ 5,000 ביכער. די טוער אין דער ביבליאָטעק דאַנקען דעם איקוף און דער „מאָרגן־פרייהייט" פאַר די ביכער, וואָס זיי

האָבן אַריינגעשיקט אין דער ביבליאָטעק. אָבער דערמיט איז נאָך ווייט נישט געלייזט די פראַגע פון באַרייכערן די ביבליאָטעק. מען דאַרף נאָך און נאָך ביכער, וואָס פעלן אויס.

עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס ציילט אַ 150 צוהערער. עס גייט אַריין אין דעם פּראָגראַם: יידיש, יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור, מאַרקסיזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פראַנצויזישע שפּראַך און ליטעראַטור א. אַז. וו.

אויסער דעם כאָר, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אַפריער, דאַרף מען דערציילן וועגן דער מוזיק־שול פאַר קינדער און דערוואַקסענע. די בעסטע פּראָפעסאָרן לערנען דאָרטן. עס איז אויך געגעבן געוואָרן אַ סעריע קאָנצערטן פאַר די יידישע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון די באַקאַנטע פראַנצויזישע מוזיקער.

אַ גאָר וויכטיקן און צענטראַלן אָרט אין דער פיל־פּאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער „אוניאָן" פאַרנעמט דאָס שול־וועזן, וואָס האַלט איצט אין סטאַביליזירן זיך און אין אויסגעשטאַלטיקן זיין פּרצוף־פּנים. עס איז נישט לייכט דאָס אַלץ, וואָס מען וויל, גלייך רעאַליזירן, ווען עס פעלן לערער, ווען עס פעלן מיטלען, ווען עס פעלן לערן־ביכער. אָבער דאָך פונקציאָנירן ביי היינט צו טאָג 9 צוגאָב־שולן מיט אַ 500 שילער און 22 לערער. 4 צוגאָב־שולן אַחוץ דעם זיינען דאָ אין דער פּראָווינץ — נאַנסי, סען קאַנטען, טולוז, ליאָן. און אויסער דעם — די אַכט קינדער־היימען, וואָס האָבן ביי זיך עטלעכע הונדערט קינדער אין פאַרשיידענע אַרומיקע שטעטלעך אַרום פּאַריז. איך האָב באַזוכט צוויי פון זיי — און עס ווילט זיך אויספירלעך דערציילן וועגן דער אַטמאָספערע, וואָס הערשט דאָרטן, וועגן די קינדערלעך, וואָס אַ גרויסער טייל איז פאַרבליבן אָן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער, און אָפט — אינגאַנצן אָן פאָטער און מוטער. — די צענטראַלע קינדער־קאָמיסיע, וואָס פירט אָן מיט די קינדער־היימען, גיט אויס יעדן חודש פאַר די קינדער־היימען, ווי אויך אויף די צוגאָב־שולן און יוגנט־אָרגאַניזאַציע (קאָדעטן) — איבער דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן פראַנק. טייל־ווייז ווערט עס געדעקט דורכן „דזשאָינט", אָבער די נויט איז גרויס. זאָלן זיך אָפּרופן אויך אַנדערע יידישע קולטור־ און הילף־אָרגאַניזאַציעס.

דער באַזוך אין די קינדער־היימען, דאָס פאַרברענגען מיט די יונגע פאַרשווינדלעך, די מיידעלעך און ייִנגעלעך, וואָס לעבן נאָך יאָרן פון סכנה, פון אויסמאָרד, פון פאַרניכטונג, צווישן היימישע און וואַרעמע ווענט, מאַכט אַ דערשיטערנדיקן און גלייכצייטיק — אַ דערפרייענדיקן איינדרוק. סאַר אַ טייערע אָפּגעראַטעוועטע וועלטעלעך, אומשולדיק און ערלעכע, און ווי זיי זיינען דורשטיק נאָך וואַרעמקייט, נאָך לאַשטשענדיקע בליקן! מיר

זאָל זיין פאַר זייערע קעפעלעך און אייגעלעך! געבענטשט זיינען די טוער, לערער, דערציער, וואָס פאַרבייטן זיי אָפט אַ היים.

ביי דער „אוניאָן" איז דאָ דער דאָקומענטאַציע־צענטער, וואָס זאַמלט און סיסטעמאַטיזירט אַלדי מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם לעבן און קאַמף פון די יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. נישט לאַנג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג פון „לעבן און קאַמף אין געטאָ", וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג אין פּאַריז און אין דער פּראָווינץ. דער דאָקומענטאַציע־צענטער גרייט איצט צו אַן אויסשטעלונג וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער קעגן דעם ברוטאַלן אָקופּאַנט. עס איז שוין אויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל וויכטיקע מאַטעריאַלן.

און דאָס איז דאָך בלויז אַ טייל, אַ ווינקל פון דעם יידישן פּאַריז.

הקיצור, דער יידישער ישוב אין פּאַריז אַרבעט און לעבט און שאַפט,— לאָמיר אים העלפן אין זיין הייליקער און עקשנותדיקער אַרבעט!

דעם 11טן יאַנואַר 1947.

44

דער „יזכור"־בוך

די פּאַריזער פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם קולטור־ראַט און דער „נייער פּרעסע", האָבן, נאָך לאַנגע באַמיאונגען, פאַרעפנטלעכט דאָס „יזכור־בוך", צום אָנדענק פון די 14 אומגעקומענע פּאַריזער יידישע שרייבער. עס איז אַ גרויס, אימפּאָזאַנט בוך, וואָס נעמט אַריין די ביאָגראַפיעס, כאַראַקטעריסטיקעס פון די אומגעקומענע שרייבער בעת דער ווילדער בעסטיאַלישער דייטשער הערשונג, וועלכע האָט פאַר־שניטן איבער אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פראַנקרייך און אויך אַ העלפט פון די יידישע שרייבער אין דעם פראַנצויזישן יידישן ישוב.

פאַר די דריי וואָכן, וואָס איך בין דאָ איצטער אין פּאַריז און האָב ווידעראַמאָל די מעגלעכקייט איבערצולעבן אויפן אָרט די גרויסע טראַ־געדיע, דעם מוראדיקן חורבן, וואָס די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן דאָ געמאַכט אין דעם יידישן פּאַריז, — פאַר די דריי וואָכן, וואָס מען טרעפט זיך כסדר מיט לעבעדיקע עדות פון אַלדעם גרויזאַמען, וואָס איז דאָ פאַר־געקומען, און מיט די חורבונות, וואָס די דייטשן האָבן דאָ געמאַכט אין יעדער יידישער פאַמיליע, אין יעדן יידישן הויז, — פאַר אָט דער צייט איז

מיר נעענטער און היימישער און אייגענער געוואָרן דער יונגער היגער ישוב, וואָס האָט אַרויסבאַוויזן אַזוי פיל ווילן און דראַנג פאַר אַ פּראָגרעסיוו יידיש לעבן מיט אייגענע כוחות און מיט דער כסדרדיקער הילף פון די פּראָגרעסיווע פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער־טוער, וואָס זיינען אויף וועגן און אומוועגן געקומען אַהער פון דעם האַלב־פאַשיסטישן פוילן די לעצטע צוויי צענדליק יאָר.

מיט אַ קנאַפּע צען יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון די גרויסע פאַרמעסטן, וואָס די ענערגישע פּראָגרעסיווע יידישע טוער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די שווערע און באַלערנדיקע „אוניווערסיטעטן" פון אומלעגאַלער און אונטערערדישער אַרבעט אין פוילן, האָבן דאָ אין פאַריז אַרויסבאַוויזן. דאָס זיינען געווען די גליקלעכע און ברויזנדיקע יאָרן פון פאָלקס־פראָנט און קולטור־פראָנט, — אין די יאָרן, ווען אין פאַריז איז דורך די פּראָגרעסיווע טוער, שרייבער און קינסטלער אויפגעהויבן געוואָרן די פאָן פון יידישער אייניקייט און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער לאָזונג פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. אין יענעם גליקלעכן זומער פון דער וועלט־אויסשטעלונג אין פאַריז, וואו עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרשיידענע וועלט־קאָנגרעסן, וואָס האָבן באַדאַרפט אונטערשטרייכן דעם ווילן פון דער פּראָגרעסיווער און הומאַניטאַרער מענטשהייט, פון די ליכטיקע כוחות, וואָס וואַקסן אויף דער וועלט אין קעגנזאַץ צו די פינצטערע מלאכי־חבלה, וואָס האָבן זיך געפּלאָדיעט אין פאַשיסטישן און נאַציסטישן דייטשלאַנד — אין יענער צייט איז דער יידישער פּראָגרעסיווער ישוב געווען דאָס ליבלינג־קינד, וואָס האָט געהאַט דרייסטקייט צו קומען צו די אַלטע און פאַרעלטערטע יידישע ישובים מיט גרויסע פאָדערונגען און מיט נאָך גרעסערע פּערספּעקטיוון. און טאַקע נישט איינער פון די רעאַקציאָנערע כוחות אין דער יידישער וועלט האָט געזאָגט: „מי שמך?" — „ווער ביסטו אַזוינס, יידישער פאַריז, וואָס דו גייסט אונדז רופן און גייסט אונדז לערנען?"...

זינט דאַן זיינען פאַריבער באַלד צען גאַר שווערע און גאַר גרויליקע יאָרן, וואָס האָבן איבערגעאַנדערשט דאָס גאַנצע אויסזען פון דער יידישער וועלט, אָפּגעווישט מיליאָניקע יידישע ישובים, פוילן מיט ליטע, לעטלאַנד, טיילן בעסאַראַביע, גאַליציע, וואָליק, ווייסרוסלאַנד. אין דער איצטיקער צייט וואַקסט אויס די ראָלע, דאָס אָרט, וואָס דאָס יידישע פראַנקרייך, דאָס יידישע פאַריז דאַרף און קאָן שפּילן און פאַרנעמען אין דער יידישער ווידער־אויפגעלעבטער אייראָפּע.

דער היגער פּראָגרעסיווער יידישער ישוב ווייזט, אַז ער האָט אין די עטלעכע גרויזאַמע יאָרן נישט פאַרלוירן זיין קאַמפס־פעיִקייט, זיין פּאַטאָס

פאַר שאַפן, זיין ווילן אויפצושטעלן נייע און נייע פּאָזיציעס פאַר לעבן און פאַר קולטור. און ער טוט עס מיט אַ גאַר־נייעם גאַנג און מעטאָד. פריער פון אַלץ איז דאָ באַוויזן געוואָרן צו שאַפן אַרום געוויסע קולטור־טעטיקייטן אַ פאַראייניקונג פון די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס געהערן צו די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. דאָס אַליין איז שוין אַן אויפטו פון גאָר גרויסן באַטייט, און אין דער צייט, וואָס אונדזער „ליבהאַרציקע״ יידישע אַמעריקע באַמיט זיך צו ברעכן אַט דעם פאַראייניקטן קולטור־פראָנט.

דאָס „יזכור־בוך״ איז נישט נאָר צום אָנדענק פון 14 אומגעקומענע שרייבער, נאָר אויך דאָס בוך פון די צוריקגעקומענע צום לעבן און צו דעם שאַפן. אין דעם אימפּאָזאַנטן זאַמלבוך זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן נישט בלויז אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקעס, זכרונות און נאָטיצן וועגן אומגעקומענע, נאָר עס זיינען אַרויסגעשטעלט אויך די שרייבער, וואָס האָבן איבערגענומען די פאָן, וועלכע איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט פון די אומגעבראַכטע און אומגעקומענע חברים.

אין בוך זיינען פאַרעפנטלעכט אָפּשאַצונגען און עס קומען אויך שאַפונגען פון די פאַרשניטענע אהרן בעקערמאַן, מ. דזשאַלאָווסקי, עוזר וואַרשאַווסקי, ברוך ווינאַגורא, וו. וועוויאָרקע, מוניע נאַדלער, ט. עלסקי, דוד פליסקין, יאָסל צוקער, י. ש. צענדראַף, חנה קאָוואַלסקאַ, כלאָוונע קאַגאַן, דוד קוטנער, יאַנקל שפּאַן. די אַלע 14 שרייבער געהערן כמעט צו איין דור שרייבער. דער עלטסטער פון זיי אַלעמען, וו. וועוויאָרקע, וואָלט איצט אַלט געווען 50 יאָר, און דער יינגסטער, יאָסל צוקער — קוים 33 יאָר. און זיי אַלע, אויסער פליסקין און קאַגאַן, וואָס שטאַמען פון ווייס־רוסלאַנד, קומען פון יידישן פּוילן, זיי זיינען קינדער פון דער יידישער מאַסע אין פּוילן, זיינען אויפגעוואַקסן און אויסגעכאַוועט אין דעם פּוילן, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג און איז אַוועק אויף דעם וועג פון האַלב־פאַשיזם, פון פעלקער־האַס, פון אַנטיסעמיטיזם און פון אַנטי־סאָוועטיזם, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון פאַשיזם און היטלעריזם אין אייראָפּע, אין וועלכן פּוילן גופא איז דערנאָך אומגעבראַכט און צעשטערט געוואָרן. אין דער זעלביקער צייט האָבן כמעט די אַלע שרייבער אויפגענומען אין זיך די גרויסע בשורה פון דער יידישער מאַסן־דערוואַכונג, פון די אַרבעטנדיקע גרופּירונגען, פון די פּראָגרעסיווע אידייען, וואָס עס האָט געטראָגן אין זיך די וואַקסנדיקע יידישע מאַסן־קולטור אין פּוילן.

אַט די ווידערשפּרעכנדיקע געפילן און שטימונגען, אַט די סתירות־דיקע מאָטיוון און פּראָבלעמען האָבן באַווירקט די אַלע יונגעלייט, וואָס זיינען געוואַקסן אין דעם אַלגעמיינעם און יידישן פּוילן — זיי זיינען געווען

פראָדוקטן פון אַט דעם פוילן, און דערנאָך — זינגער־באַזינגער, צווייפלער און בונטאַרן, קעמפער און באַקעמפער פון דעם סאָציאַלן לעבן, פון דער פּאָליטישער אָרדענונג, און טרוימער פון אַ נייער, שיינער, בעסערער וועלט.

יעדער איינער פון די שרייבער הויבט אָן אין פראַנקרייך אַ ניי לעבן, פּרואווט זיך צוצופּאַסן צו די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע באַדינגונגען פון דעם לאַנד, האָט דאָ אויסצושטיין אין פאַרשיידענע צייטן פיל שטרויכלונגען, וואָס לייגן זיך אָפּט שווער אויפן געמיט און רופן זיך אָפּ אויף דעם אידייאישן און גייסטיקן וואוקס און אַנטוויקלונג פון דעם שרייבער און קינסטלער. און יעדער איינער — לויט דעם באַגאַזש וויסן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, לויט זיין פיזישן אויסדויער, לויט דער פּסיכישער איינשטעלונג, לויט די פּערזענלעכע כוחות אָדער שוואַכקייטן, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך און וואָס ער ברענגט אַרויס פון זיך.

הינטער יעדן פון די 14 שרייבער, וואָס זיינען אומגעקומען בעת דער בעסטיאַלישער דייטשער אָקופּאַציע, זיינען געווען יאָרן אין פּוילן און יאָרן אין פראַנקרייך, אין פּאַריז. דאָס איז דער הינטערגרונט פון יעדן איינעם און אויף דעם פּאָן איז אויסגעוואַקסן דער כאַראַקטער, דער מהות פון דעם שרייבער. דאָס האָט געשפּייזט די שרייבער אין די אַלע יאָרן פון זייער איבערוואַנדלונג אין דער נייער אַטמאָספערע, אין דער נייער סביבה.

זייער גוט האָבן געטאָן די שרייבער, די פריינט פון די אומגעקומענע, וואָס האָבן אין זייערע אינטימע, טרעפלעכע און האַרציקע כאַראַקטע־ריסטיקעס און אָפּשאַצונגען גענומען דאָס אין אַכט, און גלייכצייטיק אַרויסגעבראַכט פאַר אונדז — לכתחילה — די פּוילישע סביבה, וואו יעדער איינער איז אויסגעכאָוועט געוואָרן, און דערנאָך — באַמיט זיך אַרויס־צוברענגען די אַטמאָספערע אין פּאַריז, וואו יעדער איינער איז דאָ אַדורך שבעה מדורי גיהנום, געפּרואווט זיך צופּאַסן, זיך איינוואָרצלען און זיך אַקלימאַטיזירן.

וואַקסט דעריבער אויס פאַר אונדז פון די אַלע באַזונדערע אָפּשאַצונגען, וואָס עס האָבן פאַרעפנטלעכט די פאַרשיידענע שרייבער, די חברים און פריינט פון די אומגעקומענע — ג. קעניג, מ. שולשטיין, ב. שלעווין, דר. ח. סלאָוועס, מ. ליטווין, חיל אַראָנסאָן, י. וואַגמאַן, י. שטאַמפּאַטער, י. מאַניטש, אברהם ווייץ, י. ספּעראָ, י. פּינער, ק. בענעק, א. בערן, מ. דלוזשנאָווסקי, לילי בערגער, ב. יאַקאָבי, ה. גאָלדפּינגער, דוד דיאַמאַנט, — וואַקסט אַרויס נישט נאָר יעדער איינער פון די אומגעקומענע חברים, נאָר עס וואַקסט גלייכצייטיק אויס די קולטור־שאַפערישע און די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע סביבה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געאַרבעט, געשאַפן און געווירקט די אַרבעטער־שרייבער אין די לעצטע 15־20 יאָר

אין וואַרשע און אין פּאַריז. מיר האָבן פאַר זיך אַ גענוי און לעבעדיק בילד פון אַן עפּאָכע אין דעם יידישן לעבן אין פּוילן און אין פראַנקרייך אין דער צייט פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, — די צייט, וואָס וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער און פאָרשער.

עס איז געווען די מורא, אַז די „הספד"־שרייבער זאָלן נישט פאַרלירן די ריכטיקע וואָג און מאָס, און זאָלן מיטגעריסן ווערן פון דער טראַגעדיע און זיך לאָזן אויפן וועג פון איבערטרייבונגען, לויטן אַלטן שטייגער פון „אחרי מות קדושים — אמור".

צום לויב פון כמעט אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם „יזכור־בוך", דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס איז נישט געשען. יעדער איינער פון די שרייבער האָט זיך באַמיט וואָס־ריכטיקער און ממילא אויפריכטיק כאַראַק־טעריזירן דעם שרייבער, דעם אומגעקומענעם מיט אַלע זיינע מעלות און שוואַכקייטן. אָט די אחריות גיט צו דעם נויטיקן ערנסט און באַדייט דער אָפּשאַצונג פונעם קינסטלער און זיינע שאַפונגען און באַצייכנט ריכטיק דאָס אָרט, וואָס דער שרייבער און זיינע ווערק האָבן פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל און אין דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור אין פראַנקרייך בפרט.

אָט דער באַזונדערער אחריות־געפיל באַגלייט דעם זאַמלבוך פון אָנהויב אָן, פון די ערשטע אַלגעמיינע אַרטיקלען, וואָס דאַרפן געבן גאָר די ליטעראַרישע סביבה, גאָר די קולטור־אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געשאַפן די שרייבער אין פּאַריז — די אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן דורך ג. קעניג (דער פּאַריזער יידישער שרייבער־פאַרבאַנד ביז דער מלחמה), משה שולשטיין (יידישע שרייבער אין פּאַריז בעתן קריג), און דר. ח. סלאָוועס (זייער ירושה). אין אָט די אַרטיקלען האָבן מיר די אַלגעמיינע שטריכן, די הויפּט־פּראָבלעמען, דעם ניוואָ, די עיקר־מאָטיוון פון דער שרייבער־משפחה, וואָס אינאיינעם האָבן זיי געבילדעט דעם היגן קולטור־שאַפערישן לעבן, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דעם נייעם יידישן ישוב די אַלע יאָרן זינט זיין אויפקום און זינט זיין צייטווייליקן פאַרשווינדן בעת דער גרויליקער דייטשער אָקופּאַציע. אין יעדער פון די באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען ווערט קאָנטיק און קלאָר, וואָס אַלע אינאיינעם האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם נאָך יונגן יידישן קיבוץ, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו גיין אויף אייגענע וועגן און איז שוין געווען ענג פאַרבונדן מיטן לאַנד, מיט די אָרטיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, מיט די אָרטיקע אינטערעסן און לעבנס־באַדינגונגען.

די פאַרשיידענע כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען פון די שרייבער זיינען אַזוי־אַרום אינטערעסאַנטע בלעטלעך קולטור און קולטור־געשיכטע

פון דעם יידישן שאַפערישן פוילן פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, און בעיקר פון דער פּראָגרעסיווער גרופּירונג, וואָס האָט זיך געטוליעט אַדער אויפ־געוואַקסן אַרום דער „יידישער ליטעראַרישער טריבונע", און פון דעם קולטור־שאַפערישן פּאַריז ערב דעם וועלט־קריג, וואָס האָט גענומען שטעלן אייגענע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור און זיך פאַרמאָסטן אויף גאַר ברייטע וועגן. יעדער איינער פון די שרייבער, — הגם געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, — איז געווען אַ מיטגליד אין אַ קאָלעקטיוו, וואָס האָט אָבער פאַרנומען זיין וועג און שטעג אין דער יידישער ליטעראַטור.

און אַוודאי און אַוודאי זיינען וויכטיק אין דעם בוך, וואָס קומט שטעלן אַ מאָנומענט פאַר טראַגיש־ און גרויזאַם־אומגעקומענע חברים־פריינט, — אַוודאי זיינען וויכטיק די אַלע פאַקטן, מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און גבית־עדות, וואָס ווערן דאָ און דאָרטן ביי יעדן איינעם פון די אומגעקומענע דערציילט און געשילדערט. אָט די אַלע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען ברענגען ווידער אַרויס פאַר אונדז די אכזריותן, די ברוטאַלקייטן, די בעסטיאַלישקייטן, וואָס די „ריינע" אַריער־נאַציע איז אין משך פון עטלעכע יאָר אומבאַשטראָפט באַגאַנגען קעגן יידישע קינסטלער, קעגן קולטור־שאַפער, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלביקן גורל פון דער מאַסע, פון וועלכער זיי זיינען געוואַקסן און מיט וועלכער זיי זיינען אויף לעבן און טויט געווען פאַרבונדן. ביי איניקע פון די אומגעקומענע זיינען געבראַכט שאַפונגען, לידער, אַדער שילדערונגען, געשריבן אין דער סאַמע שווערער צייט, ביי די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען. דאָס מאַכט נאָך מער טייער און אייגן דעם „יזכור־בוך". עס זיינען אויך געבראַכט אויסצוגן און פראַגמענטן פון די פריערדיקע שאַפונגען פון די אומגעקומענע שרייבער, וואָס זיינען אונדז מער־ווייניק באַקאַנט, אָבער איצט, ווען עס זיינען נישט בנמצא זייערע ווערק גופא, — איז עס זייער וויכטיק אָפּצופרישן דעם זכרון.

און נאָך אַ זאַך: עס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם איבערן גאַנצן בוך דער גלויבן אין אַ נייער, בעסערער וועלט. יעדער פון די אַרטיקלען מוטיקט און רופט צו קאַמף און צו ווידערשטאַנד, צו קאַמף פאַרן קיום פונעם יידישן פאָלק און צו ווידערשטאַנד קעגן די פינצטערע כוחות, וואָס ווילן ווידער פאַרפעסטן די וועלט. אָט דער לייט־מאָטיוו ווייזט, אַז די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער גייען אין די וועגן פון די טראַדיציעס, פון די אידעאַלן, וואָס זיינען טייער געווען די אומגעקומענע.

פּאַריז, דעם 12טן יאַנואַר 1947.

45

ווי האַלט עס מיט יידיש אין דער וועלט ?

די פראַגע „וואו האַלט עס מיט יידיש אין דער וועלט ?" איז פאַרבונדן מיט דער פראַגע „וואו האַלט עס מיט יידן אויף דער גאָרער וועלט ?", ווייל יידיש וואַקסט און לעבט דורך יידן און אַרום יידן, — און מיר וועלן עס שאַרפער באַטאָנען : „אַרום יידישע יידן !" איז וויבאַלד, אַז אין די לעצטע עטלעכע גרויזאַמע היטלערישע יאָרן זיינען אומגעקומען מיליאָנען יידן, און דער גרעסטער רוב פון זיי—אין די אַלטע יידישע ישובים און קיבוצים, וואו עס האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן „יידישע יידן", זיינען ממילא אויך פאַרשטאָפּט געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען די נאַטירלעכע קוואַלן, פון וואַנעט עס האָט כסדר געשלאָגן און געפלאָסן דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט. עס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די גרויסע רעזערוואוואַרן פון די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־שאַפנדיקע פּראָדוצירער און געברויכער, נישט נאָר פאַר די אייראָפּייאישע צענטערן גופא, נאָר עס זיינען אומגעקומען די רעזערוואוואַרן אויך פאַר די אַלע אַנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט די פּראָדוקטן, מיטן מענטשן־מאַטעריאַל און מיטן גייסטיקן שטאָף פון די גרויסע יידישע ישובים אין אייראָפּע.

דער מוראדיקער חורבן פון די אַלט־באַזעסענע און טיף־איינגע־וואָרצלטע יידישע קיבוצים פון פוילן, ליטע, רומעניע, וואָלין, גאַליציע, ווייסרוסלאַנד האָט, צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן, אומגעבראַכט די לעבעדיקע קולטור־גייסטיקע כוחות און אוצרות פונעם יידישן פאָלק אין דער יידישער שפּראַך. דעם רעזולטאַט פונעם גרויסן בראַך פילן מיר אויך אין אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען ווייט פונעם קריג, און וועלן עס מיט דער צייט אַלץ־שטאַרקער און ווייטיקדיקער פילן. ס'וועט זיך אָן קיין ספק שטאַרק אָפּרופן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פונעם יידישן לעבן און שאַפן, אויף די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטו־ציעס, וואָס וועלן שוין מער נישט קאָנען באַקומען קיין צופלוס פון כוחות, קיין צושטראָם פון גייסטיקע ווערק און ווערטן. דער חורבן פון די אַמאָל־בליענדיקע יידישע שאַפנדיקע קיבוצים איז אַזוי־אַרום פיל גרעסער, טיפער און ברייטער ווי מיר שטעלן זיך פאָר. די פאַרשיידענע פריידיקער פון „יציאת־אייראָפּע", די דורכאויסיקע נעגירער פונעם „גלות", די פאַר־לייקענער און פאַרמינערער פון די פּראָדוקטיוו־שאַפערישע מאָמענטן און עלעמענטן אין אַלע לענדער אויסער ארץ־ישראל און די געשוואוירענע

פעסימיסטן און „רעזיגנאַציאָניסטן" האַלטן טאַקע אין אָפּזאָגן דעם „רבנן־קדיש" נאָך ידיש, אָדער זיי צייכענען אָן דאַטעס און טערמינען פאַר דעם גאַר־נאָענטן אונטערגאַנג און פאַרשווינדן פון אַ יידיש לעבן, פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער קולטור, אין אַלע וועלט־טיילן.

מען דאַרף ווידער אָנווייזן, אַז איבער דער יידישער וועלט, ביי די פאַרשיידענע קרייזן, ווען מען וויל באַפעסטיקן די הנחה, אַז יידיש גייט צום האַסטיקן אונטערגאַנג, נעמט מען כסדר צו הילף די יידישע אַמעריקע און מען שטיצט די אומקום־טעאָריעס מיט דעם צושטאַנד פון יידיש אין אַמעריקע. מען באַווייזט מיט פאַקטן און ציפערן, אַז אַט־אַט און מען איז שוין פאַרטיק מיט דער יידישער שפּראַך, אַט־אַט און עס גייען אַוועק די לעצטע יידיש־לייענער און יידיש־געברויכער אין דער פינף־מיליאָניקער יידישער אַמעריקע. און ווען מען רעדט זיך אַדורך און מען דערציילט פאַר די יידיש־„באַגרעבער", אַז עס גייען אַרויס אין דער שטאָט ניו־יאָרק פיר גרויסע טעגלעכע יידישע צייטונגען מיט אַ טיראַזש פון איבער 300 טויזנט קאָפּיעס, וואָס ווערן געלייענט פון איבער אַ מיליאָן לייענער איבערן לאַנד, — עפנט מען שטוינענדיקע אויג און אויער און מען איז פאַרגאַפט. און אַז מען גיט צו דעם צו די פאַרשיידענע וואָכנשריפטן, חודש־זשורנאַלן, וואָס האָבן געטרייע באַוואוסטזיניקע לייענער אין די צענער טויזנטער, וויל מען שוין גאָר נישט גלויבן און מען האַלט עס פאַר נישט־געשטויגענע מעשיות. און נאָך מער שטוינט מען צו הערן, אַז די יידישע ראַדיאָ־שטונדן אין אַמעריקע האָבן יידיש־הערער אין די הונדערטער טויזנטער. און די אַלע פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, קאָנפערענצן, וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן אין דער יידישער שפּראַך, און די פאַרשיידענע טיפּן יידיש־וועלטלעכע שולן, רעליגיעזע שול־אינסטיטוציעס, וואו יידיש ווערט אַזוי אָדער אַנדערש געלערנט. און יידיש טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס מיט אונדזערע אַלע שווערע טענות צו אים, פאַרמאָגט ער דאָך וואָך־וועכנטלעך צענדליקער טויזנטער באַזוכער. און די לעקציעס און רעפעראַטן אין יידיש, און די צענדליקער כאָרן אין לאַנד, וואָס זינגען אין יידיש. הכלל, דאָס אַלץ ווייזט אויף אַ גענוג־שטאַרקן כוח אינעם קולטור־לעבן, אויף וויכטיקע פאַקטאָרן אין אונדזער יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז דורכאויס פאַרבונדן בלויז און דורכאויס מיטן יידישן לשון. און דאָס שאַפן פון די יידישע מאַסן, וואָס קומט בעיקר צום אויסדרוק דורך יידיש, דורך די יידישע שרייבער.

אָבער נישט וועגן דעם צושטאַנד פון יידיש און פון די יידישע־אינסטיטוציעס ביי אונדז אין אַמעריקע וויל איך דאָ איצט רעדן. מיר ווילט זיך דערציילן וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָרט יידיש פאַרנעמט אין די לענדער,

וואָס איך האָב באַזוכט, און אויך איבערגעבן וואָס כ׳האָב געהערט פון באַגלויבטע מענטשן וועגן דער ראָלע, וואָס יידיש שפּילט אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, איצט — אין אונדזערע איצטיקע טעג, נאָכן גרויסן יידישן חורבן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז יידיש איז נאָך אַלץ די אינטערנאַציאָנאַלע, די צווישן־נאַציאָנאַלע שפּראַך ביי יידן פון גאַר דער וועלט. יידיש איז נאָך היינט די סאַמע פאַרשפּרייטסטע, די סאַמע באַקאַנטסטע און די סאַמע־אייגנסטע שפּראַך ביי יידן פון פאַרשיידענע עקן וועלט. אַ ייד מיט אַ ייד קאָן זיך אַלעמאָל און אומעטום גיכער צונויפרעדן, זיך פאַרשטענדיקן, ווי אויף וואָס ס׳איז אַנדערער שפּראַך. דאָס האָב איך זיך כסדר איבערצייגט די גאַנצע צייט פון מיינע רייזעס, אויף שיפן און באַנען, אויף אויטאָבוסן און אין רעסטאָראַנען, אויף די קאָנגרעס־זיצונגען און וועלט־קאָנפערענצן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לויף פון די אַלע איבער 200 טעג און אָוונטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן און בייזיין אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט יידן, פאָלקס־מענטשן און אינטעלעקטואַלן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידנסטע געגנטן און לענדער, און וועלכע האָבן שטיקער לעבנס פאַרבראַכט אין פרעמדע קרייזן און געזעלשאַפטן, און דאָך, ווי אַט דער ייד „מארבע פינות העולם״ (פון די פיר עקן וועלט) איז נישט ווייט און אָפּגעריסן פון יידיש, האָט ער מער אָדער ווייניקער געקאָנט דורך יידיש זיך פאַרבינדן און אָפּט אַפילו געווען גערן צו רעדן און צו טיילן זיך מיט זיינע געדאַנקען און איבערלעבענישן דורכאויס אויף יידיש.

יעדער ייד איז אין זיין פּאַטענץ אַ יידיש־פאַרשטייער, אויב נישט קיין יידיש־רעדנער, און אָפּטמאָל חידושט זיך אַט דער אין פלוג פאַר־פרעמדטער ייד, פון וואַנעט אייגנטלעך עס האָט זיך ביי אים אויפגעהיט דאָס יידישע לשון. איך האָב געטראָפן יידן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן זיך נישט באַנוצט אָדער זייער זעלטן זיך באַנוצט מיט יידיש, אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען מען דאַרף, ליגט ביי אים אין געדעכעניש די יידישע שפּראַך, אַ גרויסער אַנזאַמל פון ווערטער, זאַצן און אויסדרוקן. און עס האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז דורך יידיש קאָן מען לייכטער אַנשלאָגן אַ ספּעציפישע נאָענטקייט און אינטימקייט, ממש ווי מיטגלידער פון איין משפחה קאָנען זיך שנעלער שאַפן אַן אינטימערע אַטמאָספער, וואָס פאַראייניקט און פאַראייגנט זיי.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן זייער פיל טשיקאַווע עפּיזאָדן און סצענעס ווי דורך יידיש האָט מען אָנגעשלאָגן אַ קאָנטאַקט, אַן אינטימיטעט מיט פאַרשיידענערליי יידן.

און ווי האַלט עס מיט יידיש אין ארץ־ישראל, — דאָס לאַנד, וואָס פירט און שטעלט־איין אַ נאַציאָנאַל לעבן לויט פּאָראויס־באַשטימטע און אָנגעצייכנטע פּלענער און אויפגאַבן? דאָס לאַנד, וואָס דאָס קולטור־לעבן, אָנגעהויבן פון די עלעמענטאַרע קינדער־שולן ביז די העכסטע לערן־אַנשטאַלטן, איז פעסט איינגעשטעלט און אָנגעפירט דורך פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע און פּאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַנען און אינסטיטוציעס? דאָס לאַנד, וואו קולטור־קינסטלערישע פּאַרמעסטן און אַנטפּלעקונגען זיינען שטרענג אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, — און, ווי באַקאַנט, בלויז און דורכאויס אין העברייאיש?

איז ווי האַלט עס מיט יידיש אין ארץ־ישראל?

וועגן דעם גייען אַרום פאַרשיידענע גרוסן און מעשיות. דאָ נייעט לאַנג האָט מען שוין אַזוי גוט ווי איבערגעגעבן דער וועלט, אַז מיט יידיש אין ארץ־ישראל איז גאָר אַ מחיה, עס הערשט אַן אמתע אידיליע, יידיש איז פולבאַרעכטיקט און אָנערקענט און פאַרנעמט שוין אומעטום אַ וויכטיקן אָרט, און דעריבער — אויס מיט טענות און תביעות קעגן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס פלעגט אַמאָל באַהאַנדלען יידיש נישט אַזוי פויגלדיק. דער „דבר“ אין תל־אביב, וואָס זיין געוויסן בנוגע צו יידיש איז נישט גאָר ריין, האָט גערן איבערגעדרוקט וואָרט אין וואָרט אָט דעם גרוס, און דערמיט געשטאָכן די אויגן פון די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פּאַראיבלען, הלמאי יידיש אין ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ אַ פרעמד און שעדלעך געוויקס, וואָס מען טאָר עס נישט לאָזן וואַקסן און מערן זיך.

עס איז אַ גאָר באַזונדערע אויפגאַבע זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך אויף דעם גאַנצן פּראָבלעם „יידיש אין ארץ־ישראל“ אַמאָל און איצט. עס הערשן אינעם לאַנד די ווידערשפּרעכנדיקסטע איינשטעלונגען און באַ־ציאונגען צו יידיש, צו דער יידישער ליטעראַטור און דער ראַלע, וואָס יידיש פאַרנעמט און דאַרף און קאָן פאַרנעמען אין דעם ישוב.

מיר וועלן איצט נישט אַריינגיין אין ווייטע און לאַנגע עקסקורסיעס אין דעם פּראָבלעם יידיש אין ארץ־ישראל. איך וויל נאָר איבערגעבן אייניקע פאַקטן, וואָס וועלן וויזן באַשיינפּערלעך דעם מצב פון יידיש אינעם לאַנד.

אין פלוג, פון דרויסן קוקנדיק, קאָן זיך אויסווייזן, אַז יידיש איז גלייכ־באַרעכטיקט אין לאַנד. עס זיינען דאָך נישטאָ קיין אָפענע פאַרבאָטן צו רעדן, צו שרייבן, צו פאַרעפנטלעכן צייטונגען און ווערק אויף יידיש. אָבער אין דער ווירקלעכקייט — צו וואָס פאַרבאַהאַלטן דעם אמת? — איז יידיש ווייט נישט קיין לעגאַלע שפּראַך אין ארץ־ישראל. מען טאָלערירט זי דאָ און דאָרטן אויף אַזויפיל אויף וויפל... און דער „אויף אַזויפיל אויף וויפל“

איז אַ גאַנץ־עלאַסטישער און רעלאַטיוועך באַגריף. מען לאָזט אַ גאַסט רעדן יידיש, — אויב עס איז דאָ אַן אָפּשיי פאַרן גאַסט; מען לאָזט אים רעדן, אויב ער האָט עפּעס אַ ספּעציעלן זכות. אָבער דאָס אויך — בלויז אין באַשטימטע ערטער, בלויז ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן, אָבער נישט אַלע זאַלן און טעאַטער־געביידעס פאַרדינגט מען גערן און וויליק פאַר אַ יידישער לעקציע. עס ווערט דערצו געפאָדערט, אַז דער פאָרזיצער פון דער פאַר־זאַמלונג אָדער פון דער לעקציע זאָל עפענען און פירן די פאַרזאַמלונג דורכאויס אויף העברייאיש. און נאָך עפּעס: וועגן די יידישע רעפעראַטן, וואָס מען לאָזט יאָ האַלטן, קאָן מען קיין יידישן אַפיש נישט דרוקן און נישט פאַנאַנדערקלעפּן אויף די אַנאָנסן־ווענט און „קיאָסקן". די ממונים אויף פאַנאַנדערקלעפּן די אַפישן וועלן עס אין קיין פאַל נישט דערלאָזן, הגם אַפישן טיילווייז אין ענגליש אָדער פראַנצויזיש ווערן יאָ געדרוקט און פאַנאַנדערגעקלעפּט.

פאַר די פיר חדשים, וואָס איך בין געווען אין לאַנד, האָב איך זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ספּעציעלע עפנטלעכע „דיסקרימינאַציעס" קעגן יידיש. איך האָב גערעדט אין תל־אביב אויף יידיש אין דעם גרויסן „מואַווי"־טעאַטער פאַר אַן עולם פון אַ 1,500 צוהערער. דער פאָרזיצער, מפּני דרכי שלום, און כּדי נישט אָנווערן דעם זכות אויף וויטערדיקע לעקציעס, האָט גערעדט און מיך פאָרגעשטעלט אין העברייאיש. דער עולם האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיין יידישן רעפעראַט. שפּעטער האָבן אייניקע געשטעלט פראַגן, ווער אין יידיש און ווער אין העברייאיש, און דערנאָך האָב איך געענטפערט אין יידיש. און דאָס זעלבע איז געווען מיט מיינע איבעריקע אויפטריטן אין תל־אביב, ווי אויך אין חיפה, ראשון לציון און אין אַ גאַנצער ריי קיבוצים פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. קיין שום אינצידענט, קיין שום פאַראיבל איז נישט געווען. און אדרבא, עס האָט געהערשט באמת אַ אידיליע פון דעם נביאישן טרוים „והיה באחרית הימים" — ס׳וועלן קומען צייטן, ווען אַ וואָלף מיט אַ שאָף וועלן וואוינען צוזאַמען... אין תל־אביב איז די ערשטע גרויסע לעקציע אין יידיש אַראַנ־זשירט געוואָרן דורך ל.פּ.ק. (לשכת פּרסום קדם — די פאַרשפּרייטער פון מזרח־אויסגאַבעס) און די איבעריקע לעקציעס (אין יאַשאַ חפץ־זאַל) — דורך דעם קלוב „תרבות לעם" (פאָלקס־קולטור), — ביידע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, קרובהשע צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין חיפה זיינען מיינע צוויי רעפעראַטן אין יידיש אַראַנזשירט געוואָרן דורך דער „מועצת פּועלי חיפה" (אַרבעטער־ראַט פון חיפה) ביי דער „הסתדרות הכּללית של העובדים העברים בארץ־ישראל" און אונטער דער אויפזיכט און אין דעם לעקציעס־פּלאַן פון דער „קולטור־קאָמיסיע" און אין דער

געבײדע „ביתנו“ (אונדזער הויז) פון דער „הסתדרות“. עס האָט געעפנט די זיצונגען אין העברייאיש דער אָנפירער פון דער קולטור־קאָמיסיע... אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אגב אורחא, אַז חיפה איז אין דער היניזיכט לינקער ווי תל־אביב, און נישט אומזיסט רופט מען חיפה „די רויטע חיפה“. אין תל־אביב וואָלט די קולטור־קאָמיסיע פון דער „הסתדרות“ זיכער נישט אָרגאַניזירט פאַר מיר קיין לעקציעס אין יידיש. אין ראשון־לציון (די באַרימטע אַלטע יידישע קאָלאָניע) איז מיין רעפעראַט אָראַנזשירט געוואָרן אין זאַל פון שטאָט־ראַט, מיט גרויסע אַפישן אין די גאַסן אין העברייאיש. אגב, דער פאָרזיצער, אַ וואוילער יידישער אַרבעטער פון פוילן, אַ געוועזענער טרייער לייענער פון די „ליטעראַרישע בלעטער“ און איצט אַ מיטגליד פון מפא״י, האָט מיר פאַר דער לעקציע געזאָגט, אַז ער וועט אין זיי דערעפענונג־וואָרט בעטן מחילה ביים עולם וואָס איך וועל רעדן יידיש. ווען איך האָב אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויב ער וועט עס טאָן, וועל איך נישט רעדן, — האָט ער עס נישט געזאָגט. אַז מיינע אויפטריטן וועלן זיין אין יידיש (ביידיש), האָט בלויז חיפה געמאָלדן אויף דער אַפיש, פאָרט די „רויטע חיפה“!...

אין די אַלע ערטער האָט דער עולם צוהערער גערן און מיט אינטערעס אויסגעהערט די יידישע לעקציעס. איך האָב עס דערקענט אין די געזיכטער, אַז עס איז זיי זייער אָנגעלייגט צו הערן אַ יידישע לעקציע. און נאָך מער האָט זיך עס געפילט בעת מיינע אויפטריטן אין יידיש אין די פאַרשיידענע קיבוצים, וואו די לעקציעס קומען פאָר אין דעם „חדר האוכל“ און זיי טראָגן ממילא אַ מער־אינטימערן און האַרציקן כאַראַקטער. איך האָב אַרויסגעפילט פיל ליבשאַפט און פיעטעט פאַר יידיש און פאַר די פּראָבלעמען, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיינע יידישע רעפעראַטן. איך האָב אָנגעטראָפן צווישן די קיבוצניקעס אמתע פאָלקס־מענטשן מיט אַ גאַנץ־שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו דער יידישער ליטעראַטור, צום יידישן שאַפן, צו דער פּראָגרעסיווער יידישער מאַסן־קולטור.

איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף זייער גוטע, ערנסטע און טיפע לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור, — אויך פון דער היינטיקער, — וואָס פאָלגן נאָך נאָך יעדעס נײַ בוך פון באַוואוסטע יידישע שרייבער. אָט די לייענער און פאַרערער פון דעם יידישן שאַפן האָבן מיט באַזונדער שאַרפן אינטערעס זיך נאָכגעפרעגט נאָך פאַרשיידענע יידישע שרייבער, זייערע ליבלינגען, און געווען גליקלעך ווען כ׳האָב דערציילט זיי גוטס און אָנגעלייגטס און דערפרייענדיקס וועגן אָט די קינסטלער, און געווען אויך טרויעריק און צעבראָכן, ווען געהערט וועגן אייניקע קינסטלער, וואָס זיינען אַוועק פון דעם קינסטלערישן פּראָגרעסיוון, סאָציאַל־אָנגעזעטיקטן און ציל־אָנגעווענדטן

שאַפן און געוואָרן גאָר די לעצטע יאָרן צוריקגעשטאַנען, רעאַקציאָנער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פיל ערטער, אין די קיבוצים, זיינען דאָ טייערע לייענער, פאַרליבטע אין דער יידישער ליטעראַטור, און זיי שלינגען ממש יעדעס גוט און וויכטיק און וואָגיק יידיש ווערק. אָט די לייענער האָבן טענות און מאַכן פאַרוואורפן, הלמאי מען איז אַזוי פרעמד און דערווייטערט פון זיי, און הלמאי מען זעט נישט אַז אַלע גוטע ביכער אין יידיש זאָלן אָנקומען צו זיי באַצייטנס...

איך מוז קאָנסטאַטירן, אַז אין די קבוצות, וואָס איך האָב באַזוכט און פאַרבראַכט לענגער, זיינען אָט די יידיש־לייענער און די יידישע ליטעראַ־טור־באַגייסטערער פון די ערנסטערע און קולטור־אַנטוויקלטערע חברים אין קיבוץ. מען האָט פאַר זיי אַכטונג, מען פאַרשטייט, אַז זיי שטייען העכער פונעם דורכשניט, האָבן אַן אינטערעס פאַר אַן ענין, וואָס איז „אויב נישט נאָך העכער"... אָט די קבוצות, מיט אַזעלכע מיני פירנדיקע חברים אין דער שפיץ, קוקן אויף יידיש מיט אַכטונג און פיעטעט. אַנדערע יידיש־פאַרערער האָבן זייער צוגעבונדנקייט צו יידישער ליטעראַטור דערקלערט ווי עפּעס אַ מין שוואַכקייט, עפּעס אַ מין זאַך, וואָס איז הינטער זייער באַ־וואוסטזיין. עס איז זיי ליב און טייער, עס איז פאַרבונדן מיט יוגנט־ און היים־יאָרן ערגעץ אין שטעטלעך אין וואָלין, פוילן, גאַליציע, ווייסרוסלאַנד, ליטע. אין אייניקע ערטער האָב איך אויך געטראָפן תלמידים פון די ווילנער, ביאַליסטאָקער, לאָדזשער, גראָדנער יידיש־וועלטלעכע שולן, גימ־נאַזיעס, פון ליטעראַרישע קרייזלעך, פון ביבליאָטעק־בויער אין די שטעט־לעך, און אַמאָליקע טרייע לייענער פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין זייערע היימען, אָדער אַפילו אין ארץ־ישראל, ביזן וועלט־קריג, וואָס האָט אָפּגעמעקט וואַרשע... פאַר אָט די אַלע איז יידיש אַ גאָר אייגענע, טיף־אין האַרצן איינגעבאַקענע זאַך אויף נישט אָפּצומעקן און אויסצומעקן קיינמאָל נישט. אָט די יידיש־באַגייסטערער זיינען פולערע, גאַנצערע און אַנטוויקלטערע און אינטערעסאַנטע יידן־מענטשן.

אָבער זיי זיינען דאָך נישט די מערהייט, נישט דער רוב מנין און בנין פון דער ארץ־ישראל־באַפעלקערונג.

יאָ, יידיש ווערט בכלל טאָלערירט, ווייל עס איז „נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער". אָבער — זאָל עס געזאָגט ווערן — ווער נאָר יידיש וואָגן עפּעס רעכטס צו טאָן אָדער צו פאַרמעסטן זיך אויף עפּעס אַן ערנסטע אויסגאַבע, וואָלט מען שוין גזַרבישט געווען אַזוי ליבהאַרציק און גוטמוטיק צו יידיש. דאָס איז אַ פאַקט!

זאָל נאָר געשאַפן ווערן עפּעס אַ וויכטיקע טריבונע פון און פאַר יידיש, וואָלט זי שטאַרק באַקעמפט געוואָרן.

און יידיש איז טאַקע שטיל און באַשיידן, עס איז אָפט „כעני בפתח" — ווי אַן אָרעמאַן ביי דער טיר.

און לאָמיר טאַקע זען וואָס פאַר אַ פּאָזיציעס יידיש פאַרנעמט אין לאַנד.

עס ליגט פאַר מיר די אָפיציעלע מעלדונג פון דער רעגירונג וועגן דער צאָל פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין לאַנד, פון האַרבסט 1946. דער אָפּי־ציעלער ביבליאָגראַפישער אָרגאַן פון „הקיבוץ המאוחד" ביי דער הסתדרות ברענגט די ציפערן, און דערביי ווערט ווי באַשטעטיקט זייער ריכטיקייט און אויטענטישקייט. זיינען דאָ געבראַכט ידיעות, וואָס ווייזן די גאַר־נעבעכדיקע ראָלע און אָרט פון דער יידישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

עס ווערן אַרויסגעגעבן אין לאַנד: אין העברייאיש — 9 טעגלעכע צייטונגען (איצט דערשיינען שוין 10 טעגלעכע צייטונגען!), 18 וואָכנ־בלעטער, 25 חודשלעכע, 6 פערטליאָריקע, פאַרשיידענע — 7; צוזאַמען 65 צייטונגען און צייטשריפטן. — מען דאַרף אַהער צורעכענען נאָך און נאָך צענדליקער אויסגאַבעס פּעריאָדישע, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אינע־ווייניק, ווי זיי הייסן דאָ, „בפנים", פאַר חברים, מיטגלידער, — זיי ווערן אויך זייער שטאַרק געלייענט. איך רעכן שוין נישט די פאַרשיידענע וואַנט־אויסגאַבעס פון אַלע, אַלע קיבוצים — זייער צאָל איז איבער 150, אַלע אין העברייאיש.

דערצו גייען אַרויס אין העברייאיש און אין נאָך אַ שפּראַך (דאָס מיינט אין דייטש אָדער אין ענגליש) נאָך 12 אויסגאַבעס.

אין ענגליש דערשיינט אין ארץ־ישראל: 1 טאָגבלאַט, 5 חודש־שריפטן, 2 פערטליאָריקע, 5 פאַרשיידענע — צוזאַמען 18 אויסגאַבעס פּעריאָדישע. — פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן — 3 טעגלעכע, 2 וואָכנ־בלעטער, 1 חודש־זשורנאַל, 2 פאַרשיידענע — הכלל, 10 פאַרשיידענע אויסגאַבעס.

ווי האַלט עס מיט אויסגאַבעס אין דער יידישער שפּראַך?

אָרום און אָרום — בלויז איין פּעריאָדישע אויסגאַבע אין יידיש. עס הייסט „ניי וועלט", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אַלע וואָך אין אַ קליינעם פאָרמאַט זינט אַ סך יאָרן דורך די לינקע פועלי־ציון. די טעגלעכע העברייאישע פּרעסע ווערט פאַרעפנטלעכט, לויט אָפיציעלע ציפערן, אין 70 טויזנט עקזעמפּלאַרן, די ענגלישע — אין 20 טויזנט, די דייטשע — אין 13 טויזנט קאָפּיעס. די וועכנטלעכע יידישע אויסגאַבע, די איין־און־איינציקע ביז אַהער — אין אַ צוויי טויזנט קאָפּיעס. דאָס גאָר! הייַנטיקן זומער האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ יידישע אויסגאַבע פון דעם קאָמו־ניסטישן „קול העם" מיטן נאָמען „פאָלקס־שטימע". עס זיינען אַרויס דריי נומערן אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס דרוקן אַליין פון די יידישע

אויסגאַבעס איז גאַרנישט אַזאַ לייכטע און פריילעכע אַרבעט, זי איז פאַר־בונדן מיט פיל שוועריקייטן און שפיכת־דמים, — אַמאָל מאַראַלישע און נישט זעלטן — ווי באַקאַנט — מיט ממשותדיקע, רעאַלע שפיכת־דמים...

מיר מאַכן אויך אויס מיט אונדזער יידיש אַ קליינטשינקע מינדערהייט אין די ביבליאָטעקן און ביכער־זאַמלונגען פון ארץ־ישראל.

די גרויסע נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים, וואָס פאַרמאָגט איבער 400,000 ביכער, האָט בלויז אַ 17,600 אין יידיש, דאָס מיינט אַ 4 פּראָצענט, דאָס גאַר! אין דעם גייען אַריין אויך אַלט־יידישע עברי־טייטש און די פרעסע אויף יידיש. די אָנפירער פון דער ביבליאָטעק ווייזן איצט אַרויס אַן אינטערעס פאַר דער דערגאַנצונג פון דער יידיש־אָפּטיילונג און לויט אַן אָפּמאַך, וועט דער איקוף דערגאַנצן די פעלנדיקע אויסגאַבעס אין יידיש פאַר דער גרויסער יידישער ביכער־זאַמלונג, זיכער די גרעסטע אין דער וועלט, אָבער נישט מיט ביכער אין יידיש!

און נאָך אַ פּאָר ציפערן, וואָס באַווייזן דאָס בידנע אָרט, וואָס יידיש פאַרנעמט אין לאַנד. דער ביבליאָגראַפישער זשורנאַל „יד לקורא" האָט פאַנאַנדערגעשיקט יאַנואַר 1946 אַן אַנקעטע־בויגן צו 48 קבוצות פונעם „הקיבוץ המאוחד" אין לאַנד וועגן דעם מצב פון די ביבליאָטעקן אין די קבוצות. פון אָט די אָנגעפרעגטע 48 האָבן 46 געענטפערט אויף די פראַגן. האָבן מיר אַזוי־אַרום אַ געטרײַ בילד וועגן דעם יידישן בוך אין טייל קבוצות אין לאַנד: העברייאישע ביכער געפינען זיך אין די 46 ביבליאָטעקן 105,343, יידישע ביכער געפינען זיך בלויז אין 20 ביבליאָטעקן, און אינ־גאַנצן אין צאָל פון 6,238, אַרום 5 פּראָצענט. 26 ביבליאָטעקן האָבן אינ־גאַנצן נישט קיין יידיש בוך. אין דער זעלבער צייט זיינען דייטשע ביכער דאָ אין 25 ביבליאָטעקן, אַ 29 טויזנט ביכער. אמת, דאָס האָבן די דייטשע „עולים" (אימיגראַנטן) אַריינגעבראַכט אין די אַלגעמיינע קיבוץ־ביבליאָ־טעקן אַזאַ גרויסע צאָל פון זייערע פּריוואַטע ביכער־זאַמלונגען. אָבער דער פאַקט איז אַ פאַקט — דייטשע ביכער אַ 5 מאָל מער!

ערגער זעט אויס דער מצב פון יידיש, ווען מיר קומען צו דער בוך־פּראָדוקציע אין העברייאיש אין ארץ־ישראל. אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז די צאָל דערשינענע ביכער אין העברייאיש געווען איבער 700, צווישן זיי — פיל וואָגיקע און וויכטיקע ווערק, און דערצו — נאָך אַ 200 פאַרשיידענע פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע בראָשורן און ביכלעך. — צווישן אָט די אַלע אויסגאַבעס אין העברייאיש, איז אין דער יידישער שפּראַך פאַראַן אַ פּאָר נישט־וויכטיקע ביכלעך. אַפילו צווישן דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, וואָס איז געצילט פאַר אויסלאַנד, פאַרנעמט יידיש אַ נישטיקן אָרט. מען גיט אַרויס מער ליטעראַטור אויף ענגליש.

אויף נאָך איין גרויסער עוולה בנוגע צו יידיש אין לאַנד ווילט זיך אָנווייזן, און שוין באמת צייט, אַז מ׳זאָל די דאָזיקע עוולה און דיסקרימי־נירונג באַזייטיקן. אין ארץ־ישראל ווערן געוויזן אין אַ גרויסער צאָל קלאַנג־פילמען אין די פאַרשיידנסטע שפּראַכן: ענגליש, רוסיש, פראַנ־ציזיש, שפּאַניש, טשעכיש, פּויליש, — און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַרטיסטן רעדן אין זייער שפּראַך. איין אויסנאַם איז מיט יידיש. קיין יידי־שער פילם קאָן נישט געוויזן ווערן אין זיין שפּראַך, אין יידישן לשון. מען אַרבעט־צו ספּעציעלע טעקסטן אין העברייאיש, און ס׳באַקומט זיך כסדר אַ חוזק, אַ חוכא־וטלולא. עס האַרמאָנירט כלל נישט דאָס עפּענען דאָס מויל מיטן וואָרט, וואָס קומט פון אַ צוגעשטעלטער, צוגעלאַטעטער צוטשעפּעניש. עס איז אַ סקאַנדאַל, און די יידישע קינסטלער, שרייבער און טוער וואָלטן באַדאַרפט מאַכן אַ סוף צו אַזאַ ווילדער הפקר־באַציאונג צו יידיש!

אמת איז, אַז אייניקע געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע פאַרלאַגן אין ארץ־ישראל זעצן איבער ביכער פון יידישע שרייבער. די לעצטע פּאָר יאָר זיינען אַרויס ווערק פון יידישע שרייבער. אָבער מיטן אַריינ־ברענגען אייניקע געציילטע ביכער קאָן מען נישט און מען טאָר נישט יוצא זיין און פאַרשפּאָרן צו פאַרשפּרייטן און צו לייענען די יידישע ליטעראַטור, — די עלטערע און די מאָדערנע, וואָס איז דערשינען און דערשיינט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, אין אַמעריקע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון פראַנקרייך, אַרגענטינע א. אַ. וו. — אין יידיש.

און נאָך אַמאָל דאַרף מען דאָ באַטאָנען, אַז עד־היום איז נאָך יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע ליטעראַטור־געשיכטע, יידישער פאָלקלאָר נישט איינגעפירט נישט אין קיין מיטלשולן, נישט אין די לערער־סעמינאַרן און נישט אין העברייאישן אוניווערסיטעט. אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מען געפּרואווט אַרויסברענגען אַזאַ פאָרשלאָג, מען זאָל שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש, פּונקט ווי עס זיינען דאָ קאַטעדרעס פאַר אַנדערע שפּראַכן, אָבער דערווייל איז עס געבליבן אַ גוטער וואונטש און אַן עניין פאַר אַ קאָמיסיע. און ווער ווייסט, ווען עס קאָן רעאַליזירט ווערן, וויבאַלד אַז ס׳איז נישטאָ קיין אמתער אויפריכטיקער ווילן דערפאַר.

אָבער אויב יידיש איז נאָך אַלץ פאַר פיל אין לאַנד אַן איבעריקע און זייטיקע זאַך, וואָס מען טאָר עס נישט לאָזן זיך איינוואָרצלען, זעט מען אויף שריט און טריט די שטאַרקע איינפלוסן, וואָס רייסן זיך אַריין, רייסן זיך אַדורך אין לאַנד, נישט געקוקט אויף די אַלע באַמיאונגען, אַז די סטיכיע זאָל נישט פאַרשוועכקן די אָנגעוואָרפענע וואַלן. עס איז גענוג בייצוזיין אויף אַ פאָרשטעלונג אינעם העברייאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל און זען, ווי די מאַסע כאַפּט אויף אַ יידיש וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס

רײסט זיך אַמאָל אַרױס בײַ שפּילן אין העברעיִש אַ פּיעסע פֿונעם ייִדישן לעבן, אָדער אַ פּיעסע, װאָס איז איבערגעזעצט פֿון ייִדיש. מען דאַרף אױס־פֿירלעכער דערצײלן, װי העברעיִשע שױשפּילער פֿילן זיך גאָר הײמיש־לעך און אײגן אין אַן אױפֿפֿירונג, װאָס איז פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבנס־שטײגער און װערט געגעבן אין דער ייִדישלעכער אַטמאָספֿער. דאָ איז נאָך אַלץ דאָ מער הײמישקײט און אײגנס און מען איז אינעם שפּילן מער נאַטירלעך.

עס זײַנען דאָ אָן ספֿק ממשותדיקע אײַנפֿלוסן פֿון ייִדיש, פֿון ייִדישלעכ־קײט אױפֿן לעבן, אױף דער העברעיִשער קולטור און שפּראַך. מען קאָן אָנזאַמלען אַ גרױסע צאָל ייִדישלעכע קנײטשן, ניואַנסן, װאָס העברעיִש האָט איבערגענומען פֿון ייִדיש. העברעיִשע װערטער און אױסדרוקן זײַנען שטאַרק פֿאַרייִדישט אין מױל פֿון עלטערע און אױך דורך יונגע קינדערלעך, װאָס װערן דערצױגן דורכאױס אין העברעיִש. עס זײַנען דאָ פֿיל קוריאָזן און װערטלעך אױף דעם־אָ געביט. די אױסדרוקן אבא׳לע, אמא׳לע, ראש׳לע, אָדער: דודל, נחומקע, שמואליק, אָדער גאָר קטנטנטשיק, חברה־מאַן, בעטאָן־אײַזן (װאָס װערט שטאַרק געברױכט דורך די קינדער!), „עשה לי קונץ" א. אַז. װ. אָט אַזעלכע אױסדרוקן באַגעגנט מען אין די שמועסן אומעטום.

הכלל, װײַל מען פֿאַרהאַקן פֿאַר ייִדיש די טיר, קריכט עס אַרײַן דורכן פֿענצטער. מען הערט פֿיל רעדן ייִדיש. אין גאַס, אין הײַזער, אין אױטאָבוס. און דאָס אָנגענעמסטע, װאָס ייִדיש רעדן פֿאָלקס־מענטשן, אַרבעטער, אױך אינטעליגענץ. און װי אַנדערש ס׳זעט אױס דער ייִדיש־רעדער פֿונעם דײַטש־רעדער אין לאַנד. עס זײַנען צװײ באַזונדערע װעלטן! צװײ װעלטן, װאָס שײדן זיך שטאַרק, שטאַרק אָפּ אײנע פֿון אַנדערער — „אָסט־יודן" און „װעסט־יודן" — אין זײער האַלטונג, אין זײערע באַשעפֿטיקונגען, אין זײער אַנטװיקלונג, און אין זײער צוגעפּאַסטקײט מיטן מאָסן־מענטש און אױך אין זײער באַטײליקונג אינעם קולטור־שאַפֿערישן לעבן.

איך בין זיכער, אַז מיטן צופֿלוס פֿון נײַע ייִדישע אימיגראַנטן, מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער ייִדישער אײַנװאַנדערונג, װעט ייִדיש פֿאַר־נעמען אַן אַלץ־מער אָנגעזעענעם אָרט אינעם ארץ־ישׂראלדיקן לעבן. מיר דוכט זיך אױך, אַז אין אײניקע קרײַזן (דערװײַל נאָך שמאָלע, באַשרענקטע) הױבט זיך אָן אַן ענדערונג צום בעסערן בנוגע צו ייִדיש. איך האָב דאָס געפֿילט, געזאָגט דאָ און דאָרטן. עס זײַנען אױך דאָ אײניקע פּאָזיטיװע שריט אין דער ריכטונג צו פֿאַרשטאַרקן דעם אינטערעס, צו פֿאַרבעסערן די קעגנזײַטיקע באַציאונגען צװישן ייִדיש און העברעיִש אין לאַנד.

אָבער לאָמיר נישט פֿאַרלױפֿן דעם װעג און נישט רעדן װעגן גוטע

כוונות ביז וואַנעט קאָנקרעטע מעשים וועלן נישט ווייזן, אַז עס איז טאַקע פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן. לאָמיר האָפן, אַז אין די נאָענטע חדשים וועלן מיר קאָנען אָנווייזן אויף קאָנקרעטע שריט און טיפער פאַר־שטענדעניש מיטן יידישן לעבן אין גאַר דער וועלט.

אַ גאַנץ־קלאָרן, בוילעטן און ביז גאָר פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע „וואו האַלטן מיר מיט יידיש ?" איז געגעבן געוואָרן דאָ נישט לאַנג פון אַזאַ אָרט און פון אַזאַ קאָלעקטיוון אויטאָריטעט, וואָס אַמווייניקסטן האָבן מיר געהאָפט צו קריגן פון דאָרט אַזאַ תשובה. פאַר די אַלע, וואָס זיינען בייגעווען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, איז עס זיכער געווען אַן אומגעריכטער סיורפּריז, און עס איז דעריבער אַזוי־אַרום אויס־געוואַקסן אַ קולטור־געשעעניש פון ערשטן גראַד און כאַראַקטער, וואָס רעדט פאַר יידיש.

יידיש, דאָס יידישע לשון, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַ נישט־גאָר אַנגעלייגטער גאַסט אויף די קאָנגרעסן (מען האָט עס שטענדיק פאַרביטן מיטן באַרימטן „קאָנגרעס־דייטש"), — יידיש האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון אויף דער טריבונע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער פאָרשטייער־דעלעגאַטן פון אַ זעכציק לענדער פון אַ גרויסער און שטאַר־קער נאַציאָנאַלער יידישער אָרגאַניזאַציע. יידיש איז געווען די סאַמע פּאָפּולערסטע און אַממערסטן באַנוצטע שפּראַך, דורך יידיש זיינען געקומען אויפן קאָנגרעס צום אויסדרוק די אַלע געראַנגלענישן פון די ציוניסטישע כוחות, אין יידיש האָבן זיך אָפּגעשפּילט די הויך־מאָמענטן אויף דער העכסטער ציוניסטישער טריבונע, אויף יידיש האָבן גערעדט כמעט די וויכטיקסטע פירער פון דעם ציוניזם, פון די פאַרשיידענע ריכטונגען און גרופּירונגען. יידיש איז געווען אויפן קאָנגרעס די שפּראַך, וואָס האָט צעמענטירט און קאָנסאָלידירט די הונדערטער דעלעגאַטן, און אויך די וואָס זיינען געקומען פון ארץ־ישראל.

ח. נ. ביאַליק האָט אַמאָל אין ארץ־ישראל, ווען מען האָט אים פיר־געוואָרפן, הלמאי ער רעדט יידיש, — געזאָגט, אַז אויף העברייאיש דאַרף מען רעדן און אויף יידיש רעדט זיך. עס רעדט זיך פון האַרצן אַרויס. מען האָט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס בשעת־הדחק, באין־ברירה, גערעדט ענג־ליש און צוליב פּאַראַד און אָפיציעלקייט — אויף העברייאיש, אָבער די נאַטירלעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע און פון האַרץ־צום־האַרץ שפּראַך איז געווען יידיש. איך בין בייגעווען אויף אַלע זיצונגען פונעם קאָנגרעס און אויך באַזוכט פאַרשיידענע צונויפטרעפן און קאָנפערענצן אַרום דעם קאָנגרעס, און איך בין געווען אַן עדות, ווי יידיש האָט פאַרכאַפּט די „פּאָזיציעס", ווי יידיש איז געווען דער גלענצנדיקער אינסטרומענט ביי די

אַנגעזעענסטע פירער, פּאָליטיקער, קעמפער פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, פון רעכטס ביז לינקס. עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויס־צודערציילן ווי בהדרגה און אַזוי טאָג נאָך טאָג, זיצונג נאָך זיצונג, האָט יידיש געקראָגן אַלץ מער אָנזען און חשיבות, און ווי די פּרינציפּיעלע קעגנער פון יידיש האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש און מיט וואָס פאַר אַ ליב־שאַפט און מייסטערשאַפט זיי האָבן אויסגעשפּילט זייער ווייַ און פרייד, צער און צאָרן, און ווי זיי האָבן אַרויסגעשלאָגן פון דער יידישער שפּראַך אַל־דאָס וויכטיקע און עיקרדיקע, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַרויסברענגען פאַר דעם קאָנגרעס־עולם. עס איז געווען אַ גרויסער טריאומף פאַר דער יידישער שפּראַך. אומווילנדיק איז באַוויזן געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט און אויך פאַר די, וואָס האָבן פאַרבאַהאַלטונגען לגבי יידיש, אַז יידיש איז אַ פיל גרעסערער פאַקט און פאַקטאָר אינעם יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן און נאַציאָנאַלן לעבן ווי מען שטעלט זיך פאָר. אויב עמעץ האָט אין דעם געצווייפלט, אָדער האָט עס באַקעמפט אָפן אָדער באַהאַלטן, איז גע־קומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס און באַוויזן גאַנץ־באַשיינפּערלעך, אַז יידיש איז די שפּראַך פון דעם רוב יידן, אַז יידיש איז די שפּראַך פון „קיבוץ־גליות״, אַז אויף דער שפּראַך קאָנען יידן פון עקן וועלט זיך פאַרשטענדיקן, ווירקן און באַאיינפלוסן, און ווי שטייט דאָרטן געשריבן: „אבן מאסו הבונים, היתה לראש פינה״, — דער שטיין, וואָס מען האָט פאַר־מיאוסט, איז גאָר געוואָרן דאָס שיינדל אינעם בנין... פאַרשיידענע פריינט און קאָלעגן פונעם העברייאיסטישן צד האָבן מיך כסדר אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „נו, זיינט איר צופרידן מיט דעם, וואָס יידיש פאַרנעמט דעם אויבנאָן צווישן די שפּראַכן אויפן קאָנגרעס?״ האָב איך נישט פאַר־באַהאַלטן מיין פרייד און באַפרידיקונג. יאָ, מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט אונדזער יידיש. יידיש האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון.

און וואָס יידיש באַטייט אין די אַלע לענדער אין אייראָפּע און אין די אַלע „פּליטים״־לאַגערן אין אייראָפּע, וואו עס לעבן און וואו עס מאַטערן זיך יידישע מאַסן, וואָס דאָס יידישע וואָרט באַטייט פאַר די אַלע לעבן־געבליבענע און צום לעבן־שטרעבנדיקע יידן, — האָבן מיר זיך איבער־צייגט אויף עטלעכע זיצונגען פון דער ציגרייט־קאָנפערענץ פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון די יידישע זשורנאַליסטן אין גאָר דער וועלט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל אין די טעג און אין דער מוסטער־מעסע־געביידע פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס. אין די פאַרשיידענע טיף־רירנדיקע און אויפטרייסלענדיקע רעפעראַטן און באַריכטן פון די אַלע, וואָס זיינען געקומען פון די פאַרשיידענע לענדער איבער דער וועלט, פון פּאַריז און לאָנדאָן, פון פּוילן און פון בעלגיע, פון ראַטנפאַרבאַנד און פון אַמעריקע,

פון קאַנאַדע און פון אַרגענטינע, פון שוועדן און פון איטאַליע, פון דרום־אַפריקע און פון אויסטראַליע, פון עסטרייך און פון טשעכיע, און פון כינע און יאַפּאַן, און באַזונדער — פון די פאַרשיידענע פאָרשטייער פון די לאַגערן אין די אַמעריקאַנער און בריטישע זאָנעס, — אין די אַלע באַריכטן און רעפעראַטן איז אויף פאַרשיידענע אופנים באַטאָנט געוואָרן דער געוואַלדיקער דראַנג פון די יידן אויפצושטעלן ביי די סאַמע שווערסטע פּאָליטישע און טעכנישע באַדינגונגען יידישע אָרגאַנען, יידישע צייטשריפטן, יידישע בלעטלעך. ס'זיינען געווען אויסערסט־וויכטיקע און שפּאַנענדיקע באַריכטן און רעפעראַטן וואָס האָבן אונדז איבערגעגעבן ממש־שטוינענדיקע געשיכטעס, ווי אַרום מען האָט מיט מסירת־נפש און מיט קרבנות געפּרואווט שטילן די בענקעניש און לעכצעניש נאָך אַ יידיש וואָרט, און ווי מען האָט אין די לאַגערן, וואו עס געפינען זיך טויזנטער און צענער טויזנטער יידן, אָרגאַניזירט מיט די סאַמע אָפּגעשטאַנענע מיטלען און וועגן דרוק־אַפּאַראַטלעך און מיט דער צייט — יידישע דרוקערייען, וואו עס ווערן פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע צייטשריפטן אין יידיש. און דערביי איז אויך דערציילט געוואָרן וועגן ברייט־פאַרצווייגטע און אינטענסיווע קולטור־שאַפערישע טעטיקייטן אויף דער יידישער שפּראַך. די טוער ירושלמי (איטאַליע), טרעפּמאַן (בריטישע זאָנע) און די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געקומען דירעקט פון די לאַגערן, האָבן דערציילט אויסטערלישע און שפּאַנענדיקע געשיכטעס, וויפל שטערונגען און שוועריקייטן מען איז אַדורכגעגאַנגען, ביז רעפּרעסיעס און אַרעסטן, ביז עס האָט זיך לסוף איינגעגעבן איינצושטעלן דאָס נאָרמאַלע דערשיינען פון אַ יידישער פּעריאָדישער פּרעסע. און אַרום דער צייטשריפט — אַ יידיש טעאַטער, יידישע קורסן, יידישע שולן און אַנדערע אויפקלער־אינסטיטוציעס, וואָס פירן זייער טעטיקייט אין יידיש.

עס איז צו האָפן, אַז דער סעקרעטאַריאַט פון דער זשורנאַליסטן־קאָנפערענץ אין תל־אביב וועט וואָס־גיכער פאַרעפנטלעכן די גענויע באַריכטן און וועט ברענגען די אַלע זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם אָרט וואָס די יידישע פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך שפּילט אין די אַלע לענדער פון דער יידישער פאַרשפּרייטונג.

און וואָס פאַר אַן אָרט די יידישע שפּראַך, די אַלעמאָל באַליידיקטע און דערנידעריקטע, און אָפטמאָל דורך אונדז גופא, פאַרנעמט איצט אין די אַלע לענדער, וואָס זיינען איצט אויפגעשטאַנען ממש ווי צו תחית־המתים, — וועגן דעם איז מער־ווייניקער באַקאַנט. אין פּוילן, אין די פאַרשיידענע שטעט, אַנטוויקלט זיך אַ שטאַרקע קולטור־באַוועגונג, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דער יידישער פּרעסע אין יידיש, דורך די יידישע לערן־

אינסטיטוציעס, דורך די רעפּעראַטן, דורכן יידישן טעאַטער. מיר זעען עס פון די אַלע צייטשריפטן, וואָס קומען איצט אָן פון דאָרטן, וואו מען האָט געוואָלט זען בלויז אומקום און חורבן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אָפּצונעמען לעבעדיקע גרוסן פון חברים־קאָלעגן ערשט געקומען פון פּוילן, פון די קולטור־פּאָזיציעס. און איך האָב עס מיט מיינע אייגענע אויגן געזען אין פּאַריז, וואו עס איז פאַר אַ צוויי יאָר אויפגעוואַקסן אַ טעגלעכע יידישע פּרעסע, מיט אַ יידיש טעאַטער, מיט אַ יידישן כאָר, און מיט צייטשריפטן, זאַמלביכער, יידישע דרוקערייען, צוגאָב־שולן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן. און איך האָב עס אַליין געזען אין בעלגיע, וואו צוויי־דריי צענדליק טויזנט יידן פאַרלייגן אויפסניי יידישע פאָלקס־הייזער, מיט יידישע ביבליאָטעקן, און מיט פעסטע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס פאַרמעסטן זיך אויף גאָר פיינע זאַכן. איך האָב אויך געהאַט אַזעלכע גרוסן פון אַנדערע לענדער.

און אויך וויכטיקע גרוסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס אַנטוויקלט זיך מיט אַ נייעם ברען דאָס יידישע פאַרלאַגס־וועזן, מיטן יידישן טעאַטער, מיט ציל־אָנגעווענדטע טעטיקייטן צווישן די דאָרטיקע שרייבער. — און אויך פון די אַלע לענדער, ווי בעסאַראַביע, רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, וואו עס ווערט צעאַקערט דער באָדן און עס גייט אַ גרויסער קולטור־פאַרזיי נאָכן מוראדיקן חורבן.

דאָס אַלץ מוזן מיר זאָרגפעליק אויפנעמען און אויפזאַמלען און זען, אַז מיר זיינען באמת מיט אונדזער יידיש פיל רייכער ווי עס שטעלט זיך אונדז פאָר אין פלוג.

דער סך־הכל — די יידישע שפּראַך פאַרנעמט אין גאָר דעם יידישן לעבן, אין די אַלע וועלט־טיילן, וואו עס געפינען זיך גרעסערע און קלענערע צאָלן פונעם יידישן פאָלק, אַ פיל גרעסערן און אָנגעזעענערן אָרט, ווי מיר גופא מיינען און וויסן.

דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז אַלעמען און אויף אונדזערע צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס אַ גרויס אחריות. עס איז אונדזער הייליקער חוב אַרויסצווייזן מער פאַראינטערעסירונג, מער אויפמערקזאַמקייט צו אַלע פאַר־מעסטן און טאָקע אויסאַרבעטן פּלענער ווי אַרום צו העלפן ברייטער און סיסטעמאַטישער די אַלע יידישע קיבוצים, וואָס קאָנען אַליין מיט די אייגענע קולטור־קינסטלערישע כוחות נישט לעבן נאָרמאַל און אוודאי נישט וואַקסן.

אויף דער שיף „וואַשינגטאָן“,
דעם 19טן יאַנואַר 1947.

46

צווישן חורבן און אויפבוי

איך בין, נאָך דער לאַנגער, אַכט־חדשימדיקער רייזע איבער לענדער און קאָנטינענטן, צוריק אין ניו־יאָרק, צוריק ביי מיין קולטור־שאַפערישן וואַרשטאַט, צווישן חברים און קאָלעגן, וואָס עס פאַרבינדט מיך מיט זיי יאָרן פון אַרבעט, יאָרן פון פריינטשאַפט.

אַלע קומען צו מיר מיט די זעלבע פראַגן:

וואָס זיינען די אויספירן פון דעם אַלעמען, וואָס געזען און געהערט די גאַנצע צייט פון מיין אַרומפאָרן און באַזוכן פאַרשיידענע יידישע ישובים אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל? מיט וואָס בין איך צוריקגעקומען פון דער רייזע?

און טאַקע: „מיט וואָס בין איך צוריקגעקומען פון דער לאַנגער רייזע?" — אָט די פראַגע שטעל איך זיך גופא, ווען מיר קומט אויס צו ענטפערן מינדלעך און שריפטלעך די אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיטן יידישן לעבן אין דער וועלט, מיט זייערע גערעגלעענישן און קאַמפן פאַר זייער קיום און פאַר דער אויפריכטונג פון זייער פּאָליטישן, געזעלשאַפט־לעכן, ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

וועל איך ענטפערן בקיצור:

ראשית כל — בין איך צופרידן, וואָס איך בין ווידער דאָ, צווישן די אַלע, וואָס זיינען איינגעשפאַנט אין די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אָר־גאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און מיט דעם באַגער און מיטן דראַנג ווייטער צו אַרבעטן און צו טאָן, נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, פאַר די אידייען און פאַר די אידעאַלן פון אַ בעסערן היינט און ליכטיקערן מאָרגן.

מיט אַ צען חדשים צוריק איז מיר אויסגעקומען אין ניו־יאָרק צו זיין אויף אַ צונויפטרעף פון יידישע שרייבער מיט דעם באַוואוסטן סאָ־וועטיש־יידישן שרייבער איליאַ ערנבורג. איז דאָס ערשטע וואָרט פון איליאַ ערנבורג געווען, אַז ער איז צופרידן צו טרעפן זיך, נאָך אַ צייט־לאַנג האָבן צו טאָן מיט יידן און נישט־יידן ביי די שווערסטע באַדינגונגען, צווישן שאָטנס פון אומגעקומענע, אין פּלעצער פון מאָרד און אויסראָט — איז ער צופרידן צו טרעפן יידן לעבעדיקע, גאַנצע, געזונטע און פעסטע. איך האָב נישט געזען דאָס אַלץ, וואָס איליאַ ערנבורג האָט געזען די אַלע יאָרן פון דעם דייטשישן בעסטיאַלישן אָנגריף און ווילדערניש, אָבער במשך פון די איבער 200 טעג, אָוונטן און נעכט פון מיין אַרומפאָרן האָב איך זיך אויך אָנגעטראָפן אויף זייער פיל צעפייניקטע יידן, אַלט און יונג,

מאַן און פרוי, און יעדער איינער פון זיי — מיט גיהנום־איבערלעבענישן.

לאָמיר דאָס גוט פאַרגעדענקען: יעדער איבערגעבליבענער ייִד אין אייראָפּע איז נישט בלויז אַ נס, אַ „נס פון זיין ליבן נאָמען", נאָר אויך אַ שטיק לאַנגע געשיכטע מיט אומגליקן און גרויזאַמקייטן, מיט כלערליי אויסטערלישע איבערלעבענישן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט און אַריינ־געשניטן אין זיין נשמה, נישט אָפּצומעקן עס אויף אייביק. מען טרעפט כסדר ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן יידן מיט טאַטואירטע זיבן־אַכט־ציפערדיקע נומערן, וואָס די דייטשישע „חשבון־ליבנדיקע" נאַצישע אויס־וואורפן האָבן אויסגעברענט אויף זייערע אָרעמס. אָבער אויסער אָט די סימנים אויף הענט, זיינען אויך פאַרגיפטעט געוואָרן די הערצער און גע־מיטער פון די איבערגעבליבענע יידן. די ציפערן אויף די יידישע אָרעמס דערזעט מען גלייך, אָבער אויך די אינעווייניקסטע סימנים ווייזן זיך אַרויס פאַר אייך ווען איר צערעדט זיך מיט די לעבן־געבליבענע.

מען קאָן פיל דערציילן וועגן באַגעגענישן און שמועסן, וואָס עס איז אויסגעקומען צו מאַכן מיט ברידער און שוועסטער, וואָס אויסערלעך זיינען זיי שוין ווי אַריין אין דעם נאָרמאַלן לעבן, אַרבעטן און באַטייליקן זיך אין פאַרשיידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, אָבער ווי נאָר איר בלייבט מיט זיי פּנים צו פּנים, אויג אויף אויג, טרעט גלייך אַרויס דאָס אויסטערלישע און מערקווירדיקע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די, וואָס זיינען אַדורך די שבעה מדורי־גיהנום, די אַלערליי לאַגערן און פּונקטן, און אויף אייגענע לייבער אַלץ אַליין עס דורכגעליטן.

אין פּאַריז, בריסעל, אַנטווערפּען, אין באַזעל, אין די צענדליקער שטעט און קיבוצים אין ארץ־ישראל האָב איך זיך געטראָפן מיט יידן און יידישע משפּחות, מיט איבערגעבליבענע מיטגלידער פון גרויסע און פאַר־צווייגטע פאַמיליעס, און זיך איבערצייגט, אַז יעדער איינער איז אַ וועלט פאַר זיך, יעדער איינער מיט זיין אייגענער מאַרטירלאָגיע. מיר זיינען געוואוינט לעצטנס צו אָפּערירן כסדר מיט גרויסע ציפערן — צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען פאַרפּייניקטע און קוים מיטן לעבן געבליבענע. אָבער אָט טרעפט איר זיך מיט יחידים, און עס שיילן זיך אויס פון די גרויסע ציפערן איינצלנע מענטשלעכע לעבנס, און דורך די איינצלנע הויבט איר ערשט אָן באַגרייפן גאָר די גרויזאַמקייט און גאָר דעם טראַגיזם פון דעם געשעענעם. נישט קיין אַבסטראַקטע ציפערן, נאָר רעאַלע, ממשותדיקע מענטשן. די גרויס פון דעם אומגליק, דער פאַרנעם פון דער טראַגעדיע וואַקסט אויס, דערגרייכט צו נישט־געדאַכטע הויכן און מאָסן.

אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט איר דערשטוינט און פאַרגאַפט

און אַט די שטימונג און גאַפונג וואַקסט אַן אויפהער, ווען איר קוקט זיך צו און זעט, אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס מען האָט דורכגעמאַכט, איז דאָ דער ווילן, דער דראַנג, די עקשנות ווייטער צו לעבן, און, אויף צעפּיקעניש די שונאים, ווייטער אויפצובויען די חרובע אינסטיטוציעס און פונדאַסניי זיך פאַרמעסטן אויף אַ פולבלוטיק און אַלזייטיק יידיש לעבן. עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די יידישע צייטשריפט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין פוילן דורך די פאַראייניקטע יידישע כוחות און דורכן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פוילן, טראָגט דעם נאָמען „דאָס נייע לעבן״, און וואָס דער זשורנאַל, וואָס ס׳האָבן געגומען אַרויסגעבן די פאַריזער פּראָגרעסיווע שרייבער און טוער, רופט זיך אָן „אויפסניי״. ביידע די לענדער — פוילן און פראַנקרייך און זייערע יידישע ישובים — האָבן כמעט אין איין צייט אַרויסגעגעבן — אין פאַריז דאָס „יזכור־בוך״ און אין לאָדזש — „יידישע שריפטן״, — ביידע גרויסע זאַמלביכער, וואו מען האָט אַרויסגעבראַכט טיפע פאַרערונג, פאַרכטיקע הספד־ווערטער די פאַרשניטענע, די פאַרפייניקטע, אָבער די ביידע קאָלעקטיווע ווערק, געשריבן דורך די וואָס ציען ווייטער דעם פאָדעם צום לעבן, צום בויען, אָט די ביידע זאַמלביכער זייַנען פול מיט גלויבן און האָפענונג און רופן צום בויען און צום שאַפן און צו נייע פאַרמעסטן. נישט קיין טויטע דענקמעלער, נישט קיין שטיינערנע מצבות אויף בית־עלמינס, אויף חורבות, נאָר רופן און מאָנונגען פאַר אַ המשך, פאַר ווידער־אויפלעבונג און ווידער־אויפבויאונג.

דער „זכור אשר עשה לך היטלער״ — גייט אינאיינעם מיט דעם צווייטן געבאָט: „ובחרת בחיים!״ — לאָמיר ווייטער לעבן, ווייל „עם ישראל חי״ — דאָס יידישע פאָלק דאַרף און מוז און וועט ווייטער לעבן, און דערביי נישט אויפגעבן קיין שום פּאָזיציעס, נישט פאַרלאָזן קיין שום יידישן ישוב, וואו יידן האָבן געלעבט און געשאַפן אין לויף פון יאָרהונדערטער.

ווילט זיך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איבערחזרן דאָס, וואָס מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרייבן די לעצטע חדשים פון די אַלע ערטער, וואָס איך האָב באַזוכט, — אַז גלייכצייטיק מיט די שווערע, ביטערע, דערשיטערנדיקע איינדרוקן, וואָס עס איז אויסגעקומען אויפצונעמען ביי די אַלע באַגעגענישן, אויף וועגן און שטעגן פון מיין רייזע, האָב איך זיך אויך אָנגעטראָפן אויף פריידיקע דערשיינונגען, אויף דערמונטערנדיקע געשעענישן, וואו עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן דער דראַנג פון דער געזונטער יידישע פאָלקס־מאַסע אויפצוריכטן בנינים, אויפצושטעלן אינסטיטוציעס, צו אָרגאַניזירן פונדאַסניי אַלע כוחות פאַר אַ ווייטערדיק שיין און געזונט קולטור־לעבן.

נישט איין מאָל פאַר די דרייסיק וואָכן האָט געשטיקט אין האַלדז ביים צוזען און אויסהערן גרויליקע געשיכטעס, מוראדיקע פּאַסירונגען, וואָס מענטש־חיה האָט געטאָן צו אומבאַהאָלפענע שוועסטער און ברידער, אַלט און קינד. אָבער נישט איין מאָל האָט דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון פרייד, פון טיפער געריִרטקייט בייצוזיין אויף יום־טובים, אויף צונויפטרעפן, אויף כאַר־אויפטריטן, אויף קינדער־פייערונגען, ביי פאַרזאַמלונגען, ביים לאָזן אין גאַנג צום ערשטן מאָל יידישע זאַץ־ און דרוק־מאַשינען, ביים דערשיינען ערשטע נומערן פון יידישע אויסגאַבעס, און ביים אויסהערן באַריכטן פון מענטשן פון לאַגערן, וואָ' חברים, יידן, פאָלקס־מענטשן ווייזן אַרויס מסירת־נפש און גוואַלדיקן פאַנאַטיזם ביים אַרויסגעבן אַ יידישן אָרגאַן, ביים אַוועקשטעלן יידישע שולן, יידישע קורסן, ביים גרייטן פאַרשטעלונגען פון פּיעסן לויטן זכרון, ווייל קיין געדרוקטע עקזעמפּלאַרן זיינען נישטאָ. אויס־דערציילן אָט די גרויסע עפּאָפּייע פון צוריק צום לעבן גייענדיקע, פון די אַלע, וואָס זיינען פול מיט ווילן, ברענגען אַלץ צום אויסדרוק פאַר זיך און פאַר אַנדערע — דאָס וואָלט פאַרנומען פיל אָרט.

ביים שרייבן די שורות שטייען־אויף אין מיין זכרון מענטשן, וואָס טוען אָט די הייליקע אַרבעט, עס לעבן־אויף סצענעס און עפּיזאָדן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט ביים הערן זיי. עס איז אויסגעקומען צו טרעפן די מענטשן אויף די שיפן, אין ארץ־ישראל אין די פאַרשיידענע קיבוצים און קבוצות, און אין תל־אביב, חיפה, ירושלים, אויף פאַרזאַמלונגען און אין אויטאָבוסן, וואָס האָבן מיך געפירט פון איין עק לאַנד צום צווייטן. און אין באַזעל גופא, בעת דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו מען האָט זיך געטראָפן מיט הונדערטער און הונדערטער, וואָס האָבן אויסדערציילט אויף צונויפּ־טרעפן, ביי טיש'לעך אין רעסטאָראַן, אויף די זיצונגען פון דער זשור־נאַליסטן־קאָנפערענץ, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט יידישע פען־מענטשן פון אַלע עקן וועלט, מיט פּיעטעט פאַרן יידישן וואָרט, מיט דער פאַר־אַנטוואָרטונג און גלויבן אין דער מיסיע פון דער יידישער פּרעסע, פונעם יידישן גערעדטן און געדרוקטן וואָרט. און דאָס נעמלעכע האָט אויך געטראָפן אין פאַריז, בעלגיע א. אַז. וו.

אַזוי פיל הויך־פונקטן און הויפּט־פונקטן ביי די אַלע באַגעגענישן און צונויפטרעפן, וואָס זיינען פאַרבונדן נישט נאָר מיטן געבאָט „נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן", נאָר אויך מיט דעם פאַנאַטיזם, מיט דער הייליקער שליחות פון גלויבן און מוט און האָפענונג אויף ניי יידיש לעבן און אויף די חורבות פון נאַציזם, פאַשיזם, אָבער דאָך אָפט ביים אויפלעבן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס עס פרייִדיקן אָפן און באַהאַלטן די רעשטלעך פון פאַשיסטישע כוחות אין פאַרשיידענע פאָרמאַציעס און געשטאַלטן.

ווען איך האָב פאַרבראַכט אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל די אַלע עטלעכע חדשים, האָב איך עס נאָך נישט באַגריפן אַזוי שטאַרק און פעסט, אָבער איצט, ווען איך בין שוין אויף אַ דיסטאַנץ פון צייט און שטח, באַגרייף איך עס שטאַרקער און פעסטער, און איך זאָג מיט גאָר דער זיכערקייט, אַז עס גייט דער נייער ייִד, עס קומט אַ נײַ יידיש לעבן, אַז עס בויט זיך אַ נײַע וועלט, און דער יידישער מענטש, די יידישע מאַסע איז ענג פאַרבונדן מיט דער נייער וועלט, נישט צום אָפּשיידן.

און דאָ קומען מיר צו זייער אַ וויכטיקן פונקט, צו אַן עיקר־מאָמענט, וואָס מיר דאַרפן ווידער אַמאָל באַטאָנען: ביים יידישן פאָלק, ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן, ביי זיינע פּראָגרעסיווע טוער און סימפּאַטיקער איז נישטאָ דער ווילן פון איזאָלאַציע, פון אָרויסטיילן זיך פון דער גרויסער פּראָגרע־סיווער וועלט, נישטאָ דער ווילן פון פאַרקריכן אין אַ מאַטעריעלער און גייסטיקער געטאָ. די אָריענטאַציע איז און דאַרף זיין אויף די ליכטיקע און פּראָגרעסיווע כוחות פון דער וועלט, אויף די פּראָגרעסיווע פאָלקס־ און אַרבעטער־מאַסן, וואָס ווילן און וועלן פירן די וועלט, די לענדער צו גע־רעכטיקייט, צו יושר, צום פּאָליטישן און סאָציאַלן יושר.

דער לאָזונג „יציאת־פּוילן", וואָס איז געשטיגן מיט דער צייט צום לאָזונג „יציאת־אייראָפּע" און לסוף דערגאַנגען ביז צום לאָזונג „יציאת־וועלט" — זיך אָרויסטיילן און אָרויסשיילן פון גאָר דער וועלט, לחלוטין פאַרלייקענען אַלדאָס, וואָס די מענטשלעכע קולטור און ציוויליזאַציע האָבן געשאַפן (און מיט דער גרויסער הילף און גוואַלדיקער ביישטייערונג פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות, זינט דעם תנ"ך!), — אָט דער לאָזונג מוז און דאַרף דורך אונדז שטאַרק באַקעמפט ווערן. און דאָס לעבן גופא באַ־קעמפט עס אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

אויפן סמך פון פערזענלעכע איינדרוקן און שמועסן מיט פיל מענטשן אין ארץ־ישראל, מיט פאָלקס־מאַסן און אַרבעטער, מיט פּראָגרעסיווע טוער און קיבוצניקעס האָב איך אָרויסגעטראָגן דעם קלאָרן ווידערווילן פון אָט דער שעדלעכער איזאָלירונג, פון וועלן צעררייסן מיט גאָר דער וועלט און פאַרקריכן אין אַ געטאָ, פון פאַרלייקענען אַלדאָס וואָס די קולטורעלע מענטשהייט האָט געשאַפן, פון וועלן אָנהייבן אַלץ פון סאַמע „בראשית" און אומקערן זיך צום פּרימיטיוון צושטאַנד, סיי אינעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן און סיי אינעם יידישן קולטור־שאַפן.

קורץ־זכרונדיקע און קליינקעפּלדיקע שאָוויניסטן און רעאַקציאָנערן פּרובירן אין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער פּריידיקן אָט די שעדלעכע, טיף־רעאַקציאָנערע געדאַנקען, געפילן און איינשטעלונגען. אָבער דער געזונטער חוש פון דעם יידישן מענטש, פון די יידישע פאָלקס־

מאַסן אומעטום איז אויף דער זייט פון די קעמפּער און טרוימער פון אַ בעסערער, שענערער וועלט, וואָס מיר, ייִדן, דאַרפן העלפן קעמפן פאַר איר, ווייל מיר, ייִדן, האָבן באַזונדערס געליטן פון דער אַלטער, פאַשיסטישער און רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

מיר זיינען אין תוך אַ וועלט־פאָלק, נישט נאָר ווייל מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע עקן וועלט און האָבן ייִדישע קיבוצים און ישובים אין „ארבע פינות העולם“. מיר זיינען אויך אַ וועלט־פאָלק דערמיט, וואָס מיר זיינען אַ טייל פון דער וועלט, גלייכע מיטגלידער אין דער וועלט־משפּחה און טאָרן נישט און ווילן נישט אויפגעבן אונדזער גלייכ־באַרעכטיקטע מיטגלידערשאַפט אין דער וועלט. מיר האָבן אַממערסטן גע־ליטן, ווען די וועלט איז געווען רעגירט און אָנגעפירט דורך פינצטערע כוחות, און מיר ווילן הנאה האָבן, מיר ווילן בויען אונדזער ווייטערדיק לעבן אין אַ וועלט, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן פון די רעאַקציאָנערע, פינצטערע כוחות.

ייִד־גאולה גייט האַנט אין האַנט מיט וועלט־דערלייזונג, — דאָס איז און דאַרף זיין די ריכטליניע אין אונדזער ווייטערדיקן לעבן.

איר געדענקט די מעשה אין חומש, וואו עס ווערט דערציילט, אַז נאָכן גרויסן מבול איז פון נחס תיבה אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ ראָב (עורב), איז זי געפלויגן און געפלויגן און צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. אויסער פאַר־פלייצונג, אויסער אומקום האָט זי גאָרנישט געטראָפן. דערנאָך איז אַרויס־געשיקט געוואָרן איין טויב, שפּעטער אַ צווייטע — און די צווייטע טויב איז צוריקגעקומען מיט אַן „עלה זית“ (אַן איילבערט־בלאַט), אַן אָנזאָג, אַז עס איז שוין דאָ באָדן, אַז עס איז דאָ ווידער־בליאונג, אַז עס איז דאָ וואוקס.

איך בין צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז נאָכן גרויסן און מוראדיקן מבול — הויבט אָן די ייִדישע וועלט צו קומען צו זיך, מען הויבט אָן פילן באָדן אונטער די פיס, מען הויבט אָן זיך איינוואָרצלען, עס וואַקסט און באָדן אונטער די פיס, מען הויבט אָן זיך איינוואָרצלען, עס וואַקסן און עס הויבן אָן צו בליען ייִדישע ישובים, וואָס היטלער, ימח שמו, האָט חרוב געמאַכט.

און עס ווילט זיך אויך, עס זאָל געשען דאָס ווייטערדיקע, וואָס ווערט אַזוי שיין איבערגעגעבן אין חומש. עס אָט זיך באַוויזן אַ רעגנבויגן אויפן הימל, און דאָס זאָל זיין אַ וואָרענונג און אַ געדענק, אַז מער זאָל קיין ווייסטער מבול נישט קומען אויף דער וועלט.

און נאָך זייער אַ וויכטיקער אויספיר, וואָס מיר איז שוין אויסגעקומען נישט איין מאָל צו אָנדייטן: מיר, דער 5־מיליאָניקער ייִדישער ישוב אין אַמעריקע, מיט זיינע אומצאָליקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, מיט

זיינע הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן פון די אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, — מיר, דער אַמעריקאַנער גרויסער יידישער ישוב, דאַרף זיך גוט אַרײַנטראַכטן אין דעם אַלעמען וואָס ס׳איז פאָרגעקומען זין ס׳קומט פאָר אָפן און באַהאַלטן אין דער ווידער־אויפגעלעבטער יידישער אייראָפּע און אין ארץ־ישראל; זיך גוט אַרײַנטראַכטן און מאַכן די נויטיקע אויספירן. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז ס׳האָט זיך פיל דאָרטן געענדערט דאָס לעבן, די באַדינגונגען, די איינשטעלונגען, און דעריבער דאַרפן אויך מיר אין אונדזער ווייטערדיקן לעבן און אין אונדזערע ווייטערדיקע טעטיקייטן אָנצייכענען אַנדערע, נייע ריכטליניעס, — און קודם־כל — מיר מוזן זיך אָריענטירן אויף וואָס־מער געאייניקטע, פאַראייניקטע כוחות סיי פאַר דעם מאַטעריעלן און נאָך מער פאַר דעם קולטור־ווידעראויפבוי פון אונדזער יידיש לעבן איבער גאָר דער וועלט.

דאָס איז דער געבאָט פון דער איצטיקער שעה. עס מוז קומען די גרויסע איבערשאַצונג פון ווערטן און אַ נייער גאַנג פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן; דער גאַנג פון וואָס־טיפערער און ברייטערער פאַראייניקונג און מיטן אָנשפּאַר אויף די פּראָגרעסיווע כוחות אין יעדן לאַנד און אין דער וועלט.

און דאָס דאַרף זיין אונדזער אַלעמענס ווילן און דאָס דאַרפן מיר טאָן און דאָס איז אונדזער אויפגאַבע — צוזאַמען מיט די שענסטע און בעסטע כוחות אין דער וועלט מיטהעלפן, עס זאָל מער קיין נאַצישע, פאַשיסטישע פאַרפלייצונג נישט קומען אויף דער וועלט!

יאָ, איך האָב געזען אַ שטיק יידישע וועלט, איך האָב זי געזען — צווישן חורבן און ווידעראויפבוי.

ניו־יאָרק, דעם 25טן יאַנואַר 1947.

איקוף־פאַרלאַג

לידער און פּאָעמעס

חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס) — — — — — — — — $1.75

דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער) — — — — — — — — 1.50

ז. וויינפּער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן — — — — — — — 1.50

ז. וויינפּער — ביים גרענד־קעניאָן (לידער) — — — — — — — 1.75

דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) — — — — — — — 1.00

א. סוצקעווער — די פעסטונג (לידער און פּאָעמעס) — — — — — 1.00

א. סוצקעווער — לידער פון געטאָ — — — — — — — — — 50.

איציק פעפער — די שאָטנס פון "וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע) — — 1.00

פאָלקס־געזאַנגען לויטן נוסח פון ח. קאַטיליאַנסקי (מיט נאָטן) — 5.00

דערציילונגען און ראָמאַנען

שלום אַש — געקליבענע ווערק, באַנד 1:

דאָס שטעטל, ר׳ שלמה נגיד, דער פאַרבאָרגענער בחור — — 2.50

שלום אַש — דער ברענענדיקער דאָרן — — — — — — — — 2.50

שלום אַש — דער תהלים־ייד (ראָמאַן) — — — — — — — — 3.00

יהושע אַלקאָן — די מלחמה אין מידלוויל (ראָמאַן) — — — — — 2.50

ש. אַפּטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן) — — — — — — 3.00

ש. אַפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען — — — — — 25.

דוד בערגעלסאָן — פּרינץ ראובני (דראַמע) — — — — — — — 1.25

ראובן בריינין — פון מיין לעבנס־בוך — — — — — — — — 3.00

מ. גאָלדשטיין — ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור און

אַנדערע דערציילונגען — — — — — — — — — — — — 1.00

אהרן גאָרעליק — שטורעמדיקע יאָרן (זכרונות) — — — — — — 3.00

ז. וויינפּער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן) — — — — — 2.00

שלום לעווין — אונטערערדישע קעמפער (זכרונות) — — — — — 2.50

חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן — פאָרהאַנג — — — — — — — — 2.50

יעקב מילך — אויטאָביאָגראַפישע סקיצן — — — — — — — — 2.50

ל. קאָברין — ריווערסייד־דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן) — — — 25.

לעאָ קאַץ — נקמה (ראָמאַן), יידיש י. ס. — — — — — — — 2.50

א. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע (ראָמאַן) — — — 1.50

א. ראַבאָי — מיין לעבן, באַנד 1 — — — — — — — — — — 2.00

א. ראַבאָי — מיין לעבן, באַנד 2 — — — — — — — — — — 2.00

מענדעלע מוכר ספרים — געקליבענע ווערק,

באַנד 1: דאָס קליינע מענטשעלע, די טאַקסע — — — — — — 2.50

באַנד 2: די קליאַטשע, מסעות בנימין השלישי — — — — — 2.50

באַנד 3: פישקע דער קרומער, דער פּריזיוו — — — — — — 2.50

באַנד 4: דאָס ווינטשפינגערל — — — — — — — — — — 2.50

קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — — — — — — — — — — 3.00
דע־לוקס אויסגאַבע — — — — — — — — — — — — 5.00
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (1טער באַנד) — 2.50
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (2טער בנאַד) — 3.00
דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט — — — — — — — — 2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן — — — 2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור־ווילן — — — — .20
אברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר — — — — — — — — 3.00
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) — — — — 2.50
נחמן מייזיל — פאַרגייער און מיטצייטלער — — — — — — — — 3.00
פרידריך ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט פון ש. ווינער) 1.00
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — צונויפגעזאַמלט נחמן מייזיל — 3.00
קעגן די אָנפאַלער אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — — — .35

עס דרוקט זיך און דערשיינט אין גיכן:

שלום אַש — געקליבענע ווערק, באַנד 2
לעאָן קאָברין — געקליבענע שריפטן: דער פאַרלוירענער ניגון (ראָמאַן)
100 יידישע קינסטלער פון אַמעריקע (גרויסער אַלבום)
דער נסתר — די משפחה מאַשבער, באַנד 2
מ. י. בערדיטשעווסקי — יידישע כתבים
אַלעקסאַנדער גראַנאַך — אַט גייט אַ מענטש (אויטאָביאָגראַפיע)
(איבערגעזעצט פון יעקב מעסטל)
דר. א. מוקדוני — י. ל. פּרץ און טעאַטער
אבא גאָרדין — עסייען
יוסף ראָלניק — געקליבענע לידער
י. פּאַפּערניקאָוו — געקליבענע לידער

אויספאַרקויפט:

שלום אַש — דער מאַן פון נצרת
דער נסתר — די משפחה מאַשבער, באַנד 1
ב. עפּעלבוים — פאַרלאָשן ליכט
א. ראַבאַי — דער יידישער קאָובאָי
קלמן מרמר — אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע
אברהם ביק — חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור
נחמן מייזיל — דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור
מלכה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער)
איציק פעפער — רויטאַרמייאיש (לידער)
מ. אָלגין — פאָלק און קולטור
יעקב מעסטל — אונדזער טעאַטער

אַדרעס:
YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.